STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00922

# POYLE TSIEN SHRIFTEN

Ber Borochov

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Eleazer Bromberg*
*in honor of*
*Aaron Bromberg, Pioneer Yiddish Teacher, 1910-1950*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. באָראַכאָוו

# געקליבענע שריפטן

## II.

אונטער דער רעדאַקציע פון ב. לאָקער

ארויסגעגעבן פונ'ם באָראָכאָוו־
ברענטש 14, אידיש־נאַציאָנאַלער
ארבעטער־פאַרבאַנד, ניו יאָרק.

# B. BOROCHOW:
# SELECTED WRITINGS

Published by the Borochow Branch 14,
Jewish National Workers Alliance,
189 Second Ave., New York City.

Copyright, 1928
by Liuba Borochow
Tel Aviv, Palestine

Astoria Press, 61 E. 4th St., New York



ב. באָראָכאָוו

געבוירן אין זאָלאָטאָנאָש, 21 יוני 1881,
געשטאָרבן אין קיעוו, 17 דעצעמבער 1917.

# אינהאַלט


זייט

ביבליאָגראַפיע — IV

הקדמה — V

## צו זיין אָנדענק

מ. א. באָראָכאָוו: זכרונות פון ב. באָראָכאָוו׳ס

קינדער־ און פריע יוגנט־יאָרן — XI

ליובע באָראָכאָוו: דיין אָפּשיד — XXX

י. בן צבי: פון די גרינדונגס־טעג — XXXIII

ש. קאַפּלאַנסקי: באָראָכאָוו אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג — XLIX

## ערשטע אָפּטיילונג: גרינדונגס־צייט

פאָרבאַמערקונג: ב. ל. — 2

די ראָל פון׳ם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם — 3

פּראָיעקט־פּראָגראַם פון י. ס. ד. א. פּ. פּועלי־ציון — 36

אַ נייע פּשרות־פּראָגראַם — 50

## צווייטע אָפּטיילונג: צווישן קאָנטר־רעוואָלוציע און וועלט־מלחמה

פאָרבאַמערקונג: ב. ל. — 68

צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיען — 69

די רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע און דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס — 92

די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע — 153

די שוועריקייטן פון׳ם פּועלי־ציוניזם — 171

וואָס קען מען טאָן קעגן דער אָרויסשטויסונג? — 179

## דריטע אָפּטיילונג: וועלט־מלחמה און רעוואָלוציע

פאָרבאַמערקונג: ב. ל. — 188

די עקנאָמישע אַנטוויקלונג פון׳ם אידישן פאָלק — 189

נאַציאָנאַלע אָנמאַכט און נאַציאָנאַלע זעלבסטהילף — 204

אין קאַמף פאַר אידישע רעכט — 209

מיט׳ן פּנים צו דער ווירקלאַכקייט — 258

ארץ־ישראל אַלס לאַנד פאַר אידישע מאַסן — 263

דער טעראָריסט און דער וועכטער — 267

ארץ־ישראל אין אונזער פּראָגראַם און טאַקטיק — 271

צוויי שטרעמונגען אין פּועלי־ציוניזם — 275

דער סאָציאַליזם פון די היגע פּועלי־ציון — 281

ציוניסטן און פּועלי־ציוניסטן — 284

„איבערגעשאַצטע אַלטע ווערטן" — 293

פון באָסטאָן ביז פילאַדעלפיע — 298

בילדער: ב. באָראָכאָוו, ליובע און בער באָראָכאָוו, באָראָכאָוו אין עלטער פון דריי יאָר, באָראָכאָוו אין יאָר 1900.

פאַקסימילע פון ב. באָראָכאָוו׳ס כתב־יד.

# ביבליאָגראַפיע

די „ראָל פונ'ם אַרבעטער־קלאַס...“ איז געווען געדרוקט אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק“ נומ. 3 (פעברואַר 1907) און אין „פאָרווערטס“ נומ. 1 (מאַי 1907)‎; דער „פּראָיעקט־פּראָגראַם“ — אין „פאָרווערטס“ נומ. 2 (יולי 1907)‎; „אַ נייע פּשרות־פּראָגראַם“ — אין „פאָרווערטס“ נומ. 2 און 3 (יולי 1907).

„צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיע“ — אויס'ן זאַמלבוך „יוגנט־שטימע“, אַרויסגעגעבן פונ'ם פּאַרטיי־פאַרלאַג „דער האַמער“, ווילנע, 1908.

„די רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע און דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס“ איז דערשינען אַלס אַ בראָשור אינ'ם עסטרייכישן פּאַרטיי־פאַרלאַג „בילדונג“, סטאַניסלוי, 1911 (געדרוקט אין קראָקע). — אויפ'ן אויסערן שער־בלאַט איז דער נאָמען פון דער בראָשור: „די אידישע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק (די רעגולירונג א. אז. וו.)“.

„די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע“ איז געווען געדרוקט אין פּעטערס־בורגער „ראַזסוועט“ (אין רוסיש), אין 1911; 1918 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס בראָשור דורכ'ן פאַרלאַג „וואָסטאָק“, פּעטערסבורג.

„די שווערקייטן פונ'ם פּועלי־ציוניזם“ — „אידישער אַרבעטער“, לעמבערג, 1913, נומער 49-50 (יובל־נומער).

„וואָס קען מען טאָן קעגן דער אַרוישסטויסונג?“ — אַ ניט פאַרענדיקטער כתב־יד, געשריבן קנאַפּ פאַר דער וועלט־מלחמה.

„די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונ'ם אידישן פאָלק“ — „אידישער קעמפער“, ניו יאָרק, 1916; 1918 אַרויסגעגעבן אלס אַ בראָשור אין אָדעס און וואַרשע.

„אין קאַמף פאַר אידישע רעכט“ איז דערשינען אַלס בראָשור, אַרויס־געגעבן פונ'ם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד פון אַמעריקע, ניו יאָרק, 1916. די בראָשור אַנטהאַלט אויך בייטראָגן פון א. טשעריקאָווער (די געשיכטע פון אידישער עמאַנציפּאַציע אין מערב־אייראָפּע; די אידישע רעכטלאָזיקייט אין רוסלאַנד) און פון ד. בן־גוריון (די אידישע רעכטלאָזיקייט אין רומעניע; די רעכטלאַכע לאַגע פון די אידן אין טערקיי). מיר האָבן אויסגעלאָזן די דאָזיקע קאַפּיטלאַך און עטלאַכע שורות אין דער הקדמה, וואָס באַציען זיך אויף זיי.

„ארץ־ישראל אין אונזער פּראָגראַם און טאַקטיק“ איז אַן אויסצוג אויסן רעפעראַט, וואָס באָראָכאָוו האָט געהאַלטן אויפ'ן דריטן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע פּועלי־ציון אין קיעוו, סעפּטעמבער 1917, פאַרצייכנט און אָפּגעדרוקט דורכ'ן דעלעגאַט און סעקרעטאַריאַט־מיטגליד פון דער קאָנפערענץ, חבר ש. הער, אינ'ם „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט“ נומער 123, פונ'ם 13טן אָקטאָבער, 1917.

„מיט'ן פּנים צו דער ווירקלאַכקייט“ — „אידישער קעמפער“, 4טן מאַי, 1917.
(וועגן די איבעריקע אַרטיקלען פון דער דריטער אָפּטיילונג, זע ביים סוף פון יעדן אַרטיקל.)

# הקדמה

זיבעצן יאָר, זינט דעם טאָג פון ב. באָראָכאָוו׳ס אַזוי יונגן און פּריצייטיקן טויט, רעדט מען וועגן אַ פולער אויסגאַבע פון זיינע ווערק. אָבער ביז היינט איז דאָס געבליבן אַ חלום. ס׳זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן איינצלנע אַרבעטן: אין רוסלאַנד, „אונזער פּלאַטפאָרם“ און „דער ווירטואַליזם“ (דער לעצטער אין רוסיש); אין בערלין האָט אַ פּאַראייניקטער באָראָכאָוו־קאָמיטעט אין 1923 אַרױסגעגעבן די אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן“. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַן ערשטן בוך פון באָראָכאָוו׳ס פּועלי־ציון־שריפטן, אין וועלכן ס׳איז אַריינגעגאַנגען דער וויכטיקסטער טייל פון זיין טעאָרעטישער אַרבעט אינ׳ם גרינדונגס־פּעריאָד פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג.*) אָבער מער ווי די דאָזיקע התחלה איז, צום באַדויערן, ניט אַרויסגעקומען.

און אַזוי איז ביז איצט, איבער צען יאָר נאָך באָראָכאָוו׳ס טויט, זיין גייסטיקע ירושה געבליבן ניט צונויפגעזאַמלט, נע ונד איבער איינצלנע אויסגאַבן, זאַמלביכער, בראָשורן, זשורנאַלן, צייטונגען, וואָס זיינען צום גרויסן טייל אַ יקר המציאות. ס׳זיינען פאַראַן אפילו אַרבעטן, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל די ליכטיקע וועלט ניט געזען.

צום טייל איז דער דאָזיקער טרויעריקער פאַקט צוריקצופירן אויף די אָביעקטיווע אומשטענדן, אין וועלכע די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך געפונען אין אַלע די יאָרן. די נאָך־מלחמה־צייט, די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, די אויפטרייסלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינ׳ם אידישן לעבן, די שפּאַלטונג פון דער באַוועגונג פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, וואָס דווקא די איצטיקע צייט האָט אויף איר אַרויפגעלייגט סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין די איבעריקע לענדער, — דאָס אַלץ האָט איר ניט געלאָזט קיין גענוג מעגלאַכקייטן און רו, אַז זי זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט׳ן צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן אין אַ פּאַסיקער פאָרם באָראָכאָוו׳ס שריפטן און אַזוי אָוועקשטעלן אים יענעם שטאָלצן לעבעדיקן דענקמאָל, וואָס ער האָט זיך אַליין געשאַפן אין די ווייניקע, אָבער אַרבעטס־ און קאַמף־רייכע יאָרן פון זיין רייפן לעבן. דערפון איז אָבער אַרויסגעקומען אַ מאָדנער מצב. באָראָכאָוו לעבט אין דער באַוועגונג, זיין נאָמען איז פאַר טויזנטער אַ פאָן, אַ סימבאָל פאַר זייער לעבנס־

---

*) ד. ב. באָראָכאָוו „פּועלי־ציון־שריפטן“, ערשטער בוך, 1920, פּועלי־ציון פאַרלאַג, ניו יאָרק. אין דעם בוך זיינען אַריין די פאָלגנדע אַרבעטן: „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע“, „וואָס ווילן די פּועלי־ציון“, „אונזער פּלאַטפאָרם“. אונזער באַנד איז דער המשך פון דעם דאָזיקן ערשטן בוך.

קוק און לעבנס־אויפגאבע; ער האט געהאט די זעלטענע זכיה, אז זיין נאמען זאל ארייגעוועבט ווערן אין דער באצייכענונג פון א גאנצער באוועגונג, שיעור נים פון א וועלט־אנשויאונג — באראכאוויזם. אויב עמיצער וויל זיך אבער באקענען גרינדלאך מיט זיין לעבנס־ווערק, לערנען דעם „באראכאוויזם“ פונ'ם ערשטן קוואל, פון באראכאוו'ן אליין, און דערקענען אים אין אלע פאזן און מדרגות פון זיין אנטוויקלונג, איז דאס כמעט אן אוממעגלאכע זאך. דער דערמאנטער ערשטער בוך פועלי־ציון־שריפטן קען אים באקענען בלויז מיט'ן ערשטן פעריאד פון באראכאוו'ס טעארעטיש־אידעאישער ארבעט, אין די יארן 1905—1907. אוים די איבעריקע צען יאר זיינען צו קריגן — און אויך נים לייכט — בלויז איינצלנע, ארויגעריסענע זאכן, וואס קענען נים פארפולן דאס גאנצע בילד. אזוי האט זיך געשאפן, אויב מ'קען אזוי זאגן, א צווייענדיקער באראכאוו, א נגלה — דער באראכאוו פון „אונזער פלאטפארם“, און א נסתר — דער באראכאוו פון די גאנצע עלף יאר, זינט זיין אוועקפאר פון רוסלאנד ביז זיין צוריקקום אהין נאכ'ן פאל פונ'ם צאריזם.

דער דאזיקער מצב האט געעפנט טיר און טויער פאר אלערליי מיספארשטייענישן און איבערטרייבונגען. פון צוויי זייטן האט מען מטשטש געווען באראכאוו'ס אמת'ן בילד. פון איין זייט האבן „הונדערט־פראצענטיקע“ מאנאפאליסטן אויף בארטכאוויזם קאנאניזירט — און וואולגאריזירט! — יעדעס ווארט, וואס שטייט אין די שריפטן פונ'ם ערשטן פעריאד. „אונזער פלאטפארם“ — דאס איז דאס לעצטע ווארט; רעוויזירסטו אן אות פון דער דאזיקער תורה שבכתב, ביסטו אן אפיקורס, א בוגד אין הייליקן גייסט פון באראכאוויזם.*) פון דער אנדערער זייט האבן געשוואוירענע קריטיקער זיך צוגעוואוינט צו פארקלענערן, יא, מבטל צו זיין באראכאוו'ס באדייטונג. אויך זיי אידענטיפיצירן זיין לעבנס־ווערק מיט דער „פלאטפארם“ און ווייזן אן אויף דער פארעלטערטקייט פון געוויסע טיילן פון דעם דאזיקן ווערק, אויף דיספראפארציעס אין זיין אויפבוי, אויף איבערחזורונגען און פאלעמישע עקסקורסן, וואס זיינען צו פארשטיין בלויז אוים דער צייט און סביבה, אין וועלכער די ארבעט איז געשריבן געווארן און וואס קענען נים פארדעקן דעם בלייבנדיקן וויסנשאפטלאכן און אידעאישן ווערט פונ'ם גרעסטן טייל פון זיינע גרונדגעדאנקען.

הצד השוה שבהם: זיי איגנארירן — יעדער צד צוליב אנדערע מאטיוון — בארטכאוו'ס גאנצע ווייטערדיקע אנטוויקלונג, זיי מעקן אוים

*) איין־איינציקן יוצא מן הכלל האט מען יא דערלאזט — נייז, דערהויבן צו א הייליקן געבאט: די אפשאצונג פון דער פרינציפיעלער דערלאזבארקיים און פונ'ם פראקטישן ווערט פון דער באטייליקונג פון פועלי־ציון אין ציוניסטישן קאנגרעס. דא איז דוקא פארהייליקט געווארן דער שפעטערער בארטכאוו, דער אנטי־קאנגרעסיסט. פאררופן זיך אויף דער צום טייל גלענצנדער ארגומענטאציע פון „אונזער פלאטפארם“ פאר באטייליקן זיך אין קאנגרעס, ווערט פון דעם דאזיקן קרייז באטראכט פאר א נים־קלענערער בגידה.

דעם גאַנצן לעצטן יאָרצענדליק אויס זיין לעבן און לעבנס-אַרבעט און דערמיט באַגייען זיי דעם גרעסטן חטא קעגן דעם דאָזיקן אומרואיקן גייסט, וואָס האָט ניט געוואוסט פון שטילשטאַנד און אינטעלעקטועלער געזעטיקטקייט, נאָר וועמעס בולט'סטער כאַראַקטער-שטריך ס'איז געווען: זוכן, פאָרשן און — אויב נויטיק — רעווידירן. מאַכן אַ סוף — ריכטיקער אַן אָנהויב פון אַ סוף צו דעם געשילדערטן מצב, איז די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן באַנד.

* *

עטלאַכע ווערטער וועגן דער אויסוואַל פון'ם מאַטעריאַל.

דער ערשטער טייל, „צו זיין אָנדענק", איז מער ווי אַ בלויזע דעקאָראַציע לכבוד באָראָכאָוו'ס צענטן יאָרצייט. זיין אויפגאַבע איז בעיקר, לייכטער צו מאַכן פאַר יענע לייענער, וואָס האָבן ניט דורכגעמאַכט אַליין, אָדער כאָטש מיטגעלעבט מיט דירעקטן אינטערעס דעם אַזוי רייכן אין געשעענישן — סיי אין'ם אַלגעמיינעם, סיי אין'ם אידישן לעבן — צייט-אָפּשניט צווישן די צוויי רוסישע רעוואָלוציעס — 1905 און 1917 — צו פאַרשטיין די באַדינגונגען און אַטמאָספערע, אויס וועלכער ס'איז אַרויסגעוואַקסן און אין וועלכער ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט באָראָכאָוו'ס טעאָרעטישע און פּאָליטישע טעטיגקייט, און אויף דעם אופן לייכטער אַריינצוטראַכטן זיך אין די פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין באָראָכאָוו'ס שריפטן. מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער טייל איז אַ גוטער אַריינפיר אין'ם אייגנטלאַכן בוך, אין וועלכן באָראָכאָוו אַליין האָט דאָס וואָרט.

דאָ איז די אויסוואַל ניט געווען קיין לייכטע. וואָרום דער מאַטעריאַל איז אַזוי גרויס, אַז אויסשעפּן אים אין איין באַנד, איז לגמרי אויסגעשלאָסן. פון פאַרויס האָבן מיר געמוזט אַרויסנעמען פון דער איצטיקער אויסגאַבע די פילאָלאָגישע, ליטעראַריש-קריטישע, קולטור-היסטאָרישע, אַלגעמיין-פילאָזאָפישע, עטישע א. א. געביטן, אויף וועלכע באָראָכאָוו האָט אויסגעשפּרייט זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט. יאָ, אַפילו די אַרבעטן פון אַן אַלגעמיין-געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער — רוסישע רעוואָלוציע, וועלט-פּאָליטישע און מלחמה-פראַגן וכדומה — האָבן דערווייל געמוזט בלייבן אין אַ זייט. אונזער אויסוואַל האָט זיך געמוזט באַגרעניצן אויף יענע אַרבעטן, וועלכע האָבן אַ דירעקטן שייכות צום מהות און צו די אויפגאַבן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און אין אַ ברייטערן ראַמען פון דער אידישער פאָלקס-פּאָליטיק בכלל; מיט אַנדערע ווערטער: מיר האָבן זיך באַגרעניצט אויף אַן אויסוואַל פון באָראָכאָוו'ס פּועלי-ציוניסטישע שריפטן.

און אויך דאָ האָבן מיר זיך געמוזט שטאַרק מצמצם זיין און ניט אַריינגעמען פון איין זייט אַלע אַרבעטן פון'ם פאַר-פּועלי-ציוניסטישן פּעריאָד, פון דער אַנדערער זייט די צום טייל הײַנט נאָך ווערטפולע בריף און אַרטיקלען (אין „ראַזסוועט", „וואָרהייט" א. א.) אויס די פאַר-מלחמה-

יאָרן און דעם גרעסטן טייל אַרטיקלען איבער די פאַרשידענע פראַגן פון אַלגעמיינער און פּראָלעטאַרישער אידישער פּאָליטיק אויס דער מלחמה־צייט. אפילו די אַרטיקלען איבער דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון׳ם פּועלי־ציוניזם האָבן מיר געמוזט לאָזן פאַר אַ צווייטן באַנד. לסוף האָבן מיר — צוליב פינאַנציעלע און פאַרלאַגס־רעכנטלאַכע טעמים — ניט איבערגעדרוקט „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן״.

מיר רעכענען אָבער, אַז דער איצטיקער באַנד, צוזאַמען מיט דעם ערשטן באַנד פּועלי־ציון־שריפטן, און מיט דעם נאָר וואָס דערמאָנטן בוך, קען שוין געבן דעם אויפמערקזאַמען לייענער אַ גענוג קלאָר בילד וועגן באָראָכאָוו׳ן אַלס נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישן טעאָרעטיקער, פּאָליטיקער און קעמפּער.

* *

דער שרייבער פון די שורות — און מיט אים זיכער די גאַנצע פּועלי ציון־וועלט־באַוועגונג — פילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צום באָראָכאָוו־ברענטש 14 (ניו יאָרק), פון׳ם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס האָט גענומען אויף זיך, אונטערצוטראָגן די דאָזיקע מתנה די פאַרערער פון באָראָכאָוו׳ס נאָמען צו זיין צענטן יאָרצייט. קיין שענערן אופן, ווי צו פייערן דעם אָנדענק פון׳ם פירער, וועמעס נאָמען זייער אָרגאַניזאַציע טראָגט, האָבן די חברים ניט געקענט אויסקלייבן, ווי לאָזן אים ריידן דירעקט, אויף זיין אופן, צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט און צו דער זוכנדיקער אינטעליגענץ און יוגנט. לאָמיר האָפן, אַז די פאַרשפּרייטונג פון׳ם ספר וועט זיין אַזעלכע, וואָס וועט מעגלאַך מאַכן, באַלד אַרויסצוגעבן ווייטערע בענדער.

איך דאַנק אויך האַרציק אַלע מיטאַרבעטער, בפרט דעם ליבן פאָטער און דער פרוי פון אונזער באָראָכאָוו, דעם חבר משה אהרן באָראָכאָוו און דער חברה ליובע באָראָכאָוו. זייערע ליבעפולע שורות וועלן זיכער נאָך שענער און טייערער מאַכן דעם ספר אין די אויגן פון זיינע טויזנטער תלמידים. חבר י. בן־צבי (ירושלים) האָט צוגעשטעלט אַ גרויסן טייל פון׳ם מאַטעריאַל; חבר ר. פּלאַטראַט — דער איניציאַטאָר פון דער גאַנצער אויסגאַבע — האָט אוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי, כדי צו דערמעגלאַכן דאָס דערשיינען פון׳ם בוך; חבר ברוך צוקערמאַן האָט אויף זיך גענומען אַ טייל איבערזעצונגס־ און קאָרעקטור־אַרבעט, די חברים ישראל מערע־מינסקי און יצחק זאַר האָבן מיטגעהאָלפן אין דער איבערזעצונגס־אַרבעט, חבר י. שניידער — אין דער טעכנישער צוגרייטונג פון׳ם מאַטעריאַל.

זיי אַלעמען מיין חבר׳שן דאַנק.

**ב. לאָקער.**

ניו יאָרק, יאַנואַר 1928.

צו זיין אָנדענק



פאַקסימילע פון ב. באָראָכאָוו'ס כתב־יד
(אויס דער אַרבעט: „וואָס קען מען טאָן קעגן דער אַרויסשטויסונג".)

# זכרונות

## פון ב. באָראָכאָוו'ס קינדער־ און פריע יוגנט־יאָרן

געשריבן פון זיין פאָטער

## מ. א. באָראָכאָוו

ווערטער חבר ב. לאָקער:

איך בין געבעטן געוואָרן צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון מיין זון בארי, צוליב דעם בוך, וואָס ווערט ארויסגעגעבן צו זיין צענטן יאָרצייט, אונטער אייער רעדאַקציע. ווי ניט אין ערך אַ לייכטערע אויפגאַבע וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיין פאַרקערט, אַז עס וואָלט אויסקומען בארי'ן צו שרייבן זיין פאָטער'ס לעבנס־באַשרייבונג! אָבער דער שיקזאַל פרעגט דאָך ניט ביי אונז, וואָס איז גלייכער און וואָס איז לייכטער. אַלזאָ, נעם איך אויף זיך די אויפגאַבע, וואָס עס איז בשום אופן ניט צו ערוואַרטן, אַז זי זאָל געלייזט ווערן אויף אַ געהעריקן אופן. די שוועריקייט פאַר מיר צו ספּראַווען זיך מיט דער אויפגאַבע, הענגט אָפּ פון פיל אורזאַכן, און איינע פון די באַדייטנדסטע איז די, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געדענקט, אַז מיר וועט אַמאָל אויסקומען אַזעלכעס צו שרייבן, און, ממילא, האָב איך קיינע פאַרצייכענונגען אין דער דאָזיקער ריכטונג ניט געמאַכט און אין פאַרלויף פון יאָרן און אונטער דעם דרוק פון שווערע קלעפּ פון שיקזאַל זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין זכרון גענצלאָך אָדער טיילווייז פיל מאָמענטן פון בארי'ס לעבן, וואָס וואָלטן געקענט האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער דערמאָנטער אויפגאַבע. דאָך, ווי געזאָגט, אַנטזאָג איך זיך ניט פון דער פאַרלאַנגטער אַרבעט, אין דער האָפנונג, אַז ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג פון מיין זכרון און טיילווייז מיט דער הילף פון דעם זכרון פון מיין פרוי, וועט מיר געלינגען אַרויסצוברענגען אַזעלכע עראינערונגען, וואָס נאָר מיר, אַלס זיינע עלטערן, האָבן זיי געקענט באַזיצן. און ווען שפּעטער וועט אימיצער פון זיינע חברים און פריינט, צווישן וועלכע ער האָט אין זיין אויסוואוקס מער פאַרקערט, ווי ביי זיינע עלטערן, אויב אימיצער פון זיי, זאָג איך, וועט אויף זיך נעמען אָנצושרייבן אַ פולשטענדיקע ביאָגראַפיע, וועלן אים פיליכט מיינע עראינערונגען העלפן אין זיין אַרבעט, און דאַן וועט שוין האָבן כדאי געווען מיין אָנשטרענגונג.

אַזוי ווי אָבער איך בין ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, און די אַרבעט פון שרייבן מוז ביי מיר געטאָן ווערן, ווי דער העברעער וואָלט זיך אויסגעדריקט: בשעה שלא יום ולא לילה, איז די צייט צו קורץ פאַר

מיר אָנצושרייבן, אפילו אין די גרעניצן פון מיין קאָמפּעטענץ, א פולע ביאָגראַפיע פון באָרי'ן; אויסער דעם איז אפשר ניט דער פּלאַץ אין דעם געפּלאַנטן זאַמל־בוך פאַר א פולער ביאָגראַפיע. אלזא, האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן איצט אַזוי פיל קאַפּיטלאַך, וויפיל עס וועט זיך לאָזן.

און איר, ווערטער חבר לאָקער, וועט זיך קענען באַנוצן מיט אַלע קאַפּיטלאַך, אָדער מיט אַזוי פיל, וויפיל איר וועט געפינען פאַר צוועקמעסיק, לויט די אומשטענדן.

אום אָבער צו זיין מער־ווייניקער באַוואָרנט, אַז מיין שרייבן זאָל זיין באַזאָרגט מיט דער מעגלאַכסטער אָביעקטיוויטעט, וואָס אַזאַ ארבעט פאַרדערט, וועל איך זיך באַנוצן מיט דער זעלבער מעטאָדע, ווי מאַנכע שרייבער טוען, אמת, מערסטנס אין הומאָריסטישע ארבעטן (דער וועג־ווייזער אין דעם איז, דאַכט זיך, געוועזן מענדעלע מוכר ספרים), צו שרייבן ווי א דריטע פּערזאָן. פיליכט וועט דאָס ביז א געוויסן גראַד אויך פאַרלייכטערן די עמאָציאָנעלע שוועריקייטן.

ערגעבנסט,

משה אהרן באַראַכאָוו.

דעצעמבער, 1927.

## 1. בער באַראָכאָוו'ס געבורט

אין צייטן פון א שווערער פינסטערניש איז אויסגעקומען בער באַראָכאָוו'ן אָנצוקומען אויף דער ליכטיקער וועלט.

די באָמבע, וואָס האָט צעריסן אלעקסאַנדער דעם צווייטן אין שטיקער, איז אויך געוועזן א סיגנאַל פאַר די פינסטערע כחות פון דעם רוסישן פאָלק צו צערייסן אין שטיקער דאָס לעבן פון זייערע אידישע שכנים. עס האָט זיך אָנגעהויבן א כוואַליע פון פּאָגראָמען, אמת, נאָך ניט אין אַזאַ מאָס און ניט מיט יענער גרויזאַמקייט און ברוטאַליטעט, צו וועלכער די וויסנשאַפט פון פּאָגראָמעוועז האָט זיך אַנטוויקלט מיט א פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, דאָך אָבער שווער גענוג, אום אָנצוּוואַרפן א שרעק אויף די אידן פון דער גוואַלדיק גרויסער צו יענער צייט רוסישער אימפּעריע.

די סטאַטיסטיק פון יענער צייט האָט געהאַט צו פאַרצייכענען נאָר א דריי־פיר גרויסע פּאָגראָמען און א פּאָר צענדליק קלענערע פּאָגראָמעלאַך; דאָך האָט דער שרעק פאַר דער ווידערהאָלונג פון די פּאָגראָמען באַהערשט אַלע אידישע געמיטער, און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַכטהאָבער האָבן אַרויסגעלאָזן וואָרנונגען, אַז נייע פּאָגראָמען וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן, האָט דער אידישער פאָלקס־אינסטינקט געפילט, אַז די וואָרנונגען זיינען נאָר לפנים, אבער אַז אין תוך גענומען קענען זיי ניט ערוואַרטן קיין באַשיצונג פון דער רעגירונג אין פאַל פון ווידערהאָלונג פון פּאָגראָמען. האָט מען כסדר געלעבט אין טויט־שרעק. אויף ביינאַכט, אָדער אוועקגייענדיק פון הויז, פלעגט מען ערגעץ פאַרשטעקן די מער

ווערטפולע זאַכן אין אַזעלכע פּלעצער, וואו מען האָט געדענקט, אַז דער פּאַגראָמשטשיק וועט זיי ניט קענען געפינען.

אומבאַגרייפלאַך זונדערבאַר איז דעם מענטשנ׳ס נשמה! זיין ביסל אַרעמקייט פלעגט ער זוכן צו באַהאַלטן, בעת דאָס לעבן, דאָס טייערסטע פון אַלץ, האָט געמוזט בלייבן אומבאַשיצט!

אָט אין יענער אומרואיקער צייט האָבן די עלטערן פון בער באָראָכאָוו געוואוינט אין זאָלאָטאָנאָש, פּאָלטאַווער גובערניע, און צוזאַמען מיט אַלע אידן דאָרט און אומעטום אין רוסלאַנד, געלעבט אין שרעק. יעדן אָוונט ניט גלויבנדיק, אַז מען וועט דערלעבן דעם מאָרגן, און אין דערוואַרטונגען פון די מעגלאַכסטע אומגליקן האָבן זיי דערוואַרט דאָס אָנקומען פון זייער ערשט קינד.

עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט, אַז אין אַ געוויסן זונטיק ביינאַכט, דעם 21טן יוני (ז׳ תמוז), אין יאָר 1881, האָט זיך דער צוקונפטיקער „גאון פון פּאָלטאַווע" באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט אַלס אַן אומ־צייטיק, ניט אַנטוויקלט נייגעבוירן קינד, אַזוי אַז דאָס אידישן אים האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן; מען האָט אים פאַר לאַנגע וואָכן געמוזט האַלטן אין פעדערן און וואַטע, ביז מען האָט אים ערשט אַרום שבת נחמו געקענט אַריינברענגען בבריתו של אברהם אבינו.

## 2. בער באָראָכאָוו׳ס ערשטע רייזע

אויסער די דירעקטע אומגליקן, וואָס אונזער פאָלק האָט געליטן פון די פּאָגראָמען, האָבן די לעצטע פאַראורזאַכט אומצייליקע רואינירנדע נאָכפאָלגן. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער אידישער באַ־פעלקערונג אין די קלענערע שטעט און דערפער. אַן אָפּהענטיקייט, אַן אַפּאַטיע צו יעדער באַשעפטיקונג. ווער עס האָט ניט געהאַט קיין באַ־שעפטיקונג — האָט ניט געוואוסט צו וואָס צו נעמען זיך; הגם אין געוויינלאַכע צייטן, וואָלט ער זיך געקענט ווי עס איז איינאָרדענען. פילע, וואָס זיינען יאָ געווען באַשעפטיקט, פלעגן ליקווידירן זייערע געשעפטן, אום צו זיין וואָס וויטער פון מעגלאַכן אומגליק. ווער עס האָט געקענט, איז געגאַנגען נאָך אויסלאַנד. אויב ניט — איז אַמוויניקסטן אין אַ גרויסער שטאָט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז וואו עס איז דאָ אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג איז מען זיכערער פון פּאָגראָמען. עס זיינען זאָגאַר געווען פאַלן, וואָס איינוואוינער פון איין שטעטל האָבן עמיגרירט אין אַן אַנדער שטעטל, דענקענדיק מיט דעם אויסמיידן אַ מעגלאַכקייט פון איבערלעבן אַ פּאָגראָם.

די פאַמיליע פון בער באָראָכאָוו איז אין פרילינג פון 1881 געקומען אין זאָלאָטאָנאָש, צו באַזעצן זיך דאָרט. בער באָראָכאָוו׳ס פאָטער, משה אהרן באָראָכאָוו, האָט געפלאַנט דאָרט אויפצועפענען אַ אידישע שולע. די אומזיכערע לאַגע האָט אָבער געווירקט אויף די עלטערן פון ב. באָראָכאָוו צו מאַכן אַן ענדערונג אין זייערע פלענער און אומצוקערן

זיך צוריק אין פּאָלטאַווע.

קיין גרויסאַרטיקע און צופיל מעבל האָבן זיי, אמת, ניט געהאַט, דאָך האָבן זייערע אומשטענדן זיי ניט ערלויבט צו ליידן דעם אומפאַר־מיידלאַכן פאַרלוסט, אויב מען זאָל די מטלטלין פאַרקויפן; אַלזאָ איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן די זאַכן אין פּאָלטאַווע, און טאַקע ווידער, כדי צו שפּאָרן הוצאות — האָט מען געדונגען אַ פור, וואָס זאָל אַלעמען און אַלץ פאַרנעמען און אָפּפירן אויף ראש השנה קיין וועליקי בודושצי, אַ דאָרף ניט ווייט פון פּאָלטאַווע, צו די עלטערן פון ב. באַראַכאָוו׳ס מוטער, כדי פון דאָרט נאָך יום טוב אַריבערצופאָרן אין פּאָלטאַווע.

אַזוי האָט דאָס צוויי־דריי מאָנאַטנדיקע קינד דורכגעמאַכט מיט דער באַטייליקונג פון זיינע עלטערן אַ צוויי־טאָגיקע רייזע אין אַ בויד, אָנ־געלאָדן מיט אַ בעט, אַ טיש, עטלאַכע בענקלאַך און נאָך אַנדערע מטלטלים. דער רעזולטאַט פון אַזאַ אימפּראָוויזירטער נסיעה איז געווען, אַז דאָס קינד האָט זיך גוט פאַרקילט (עס איז געווען אין אלול־צייט). די איינציקע פּאָזיטיווע ווירקונג פון יענער נסיעה איז פּיליכט געווען דאָס, וואָס אין זיינע שפּעטערע יאָרן האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ גרויסע נייגונג צו נסיעות...

זיין פאַרקילונג האָט זיך גראַד פון אָנפאַנג אין קיינע געוויינלאַכע סימפּטאָמען ניט אַרויסגעוויזן. דאָס קינד פלעגט ביינאַכט זייער וויינען. וויבער, וואָס „וויסן", האָבן פּאַראויסגעזאָגט, אַז אַזוי וועט ער וויינען, ביז ער וועט אַלט ווערן דריי חדשים. ווען די דריי חדשים זיינען דורכ־געגאַנגען און דאָס קינד האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען יעדע נאַכט, האָבן די זעלבע וויבער, וואָס „וויסן", געזאָגט נביאות, אַז אַזוי וועט ער וויינען, ביז ער וועט אַלט ווערן זעקס מאָנאַטן. עס זיינען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן „געטרייסט", אַז אין מאַנכע פאַלן וויינט אַ קינד ביז אַ יאָר.

אין גיכן איז אָבער דער מוטער פון דעם קינד קלאָר געוואָרן די אמת׳ע סבה פון זיין וויינען: ביי אים האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשוויר אויפ׳ן העלדזל. קיין צווייפל, אַז דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין ערשטער נסיעה.

צו דעם קרעדיט פון די וויבער, וואָס „וויסן", זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אויף וויפיל ב. באַראַכאָוו׳ס פאָטער געדענקט, איז זיין איינדרוק, אַז פּונקט צו זעקס חדשים האָט דאָס קינד אויפגעהערט וויינען און האָט זיך פולשטענדיק באַרואיקט.

## 3. באַרי לייענט רוסיש צו דריי יאָר

ווען באַרי ווערט אַלט צוויי יאָר מיט דריי חדשים באַקומט ער אַ שוועסטערל. ער ווערט מיט איר זייער פאַראינטערעסירט און ער העלפט אויס זיין מוטער אין אויפפּאַסן אויף איר. צו יענער צייט האָט אין יעדער הויז געמוזט זיין אַ „דינסט"; באַרי׳ס מוטער אָבער קען זיך



באָראָכאָוו אַלס קינד פון דריי יאָר (1884)

ניט ערלויבן צו שאפן זיך מיט אנדערע, און אויסער אין די קריטישע צוויי־דריי וואכן, ווען עס איז אוממעגלאך צו באגיין זיך אן זייטיקער הילף, טוט בארי׳ס מוטער אין הויז אלץ אליין. דער קליינער בארי וואונדערט זיך, פארוואס זיין מוטער האט ניט קיין ניאניע פאר זיין שוועסטערל. ער זעט, אז אין יעדער וואוינונג אין הויף איז דא א ניאניע צום קינד. די מוטער דערקלערט אים, אז עס איז אן אומרעכט ארויפצוליייגן אייגענע ארבעט אויף פרעמדע; אזוי לערנט זיך אוים דאס קינד פון זיינע יונגע יארן צו וויסן, אז יענע, וואס לייגן ארויף זייער ארבעט אויף אנדערע, ניט קיין אייגענע מענטשן, פירן זיך ניט מענטשלאך, און ער דערפילט נאך שטארקער די נויטיקייט צו העלפן זיין מוטער אפצוהיטן זיין קליין שוועסטערל.

צו דערזעלבער צייט פאראינטערעסירט ער זיך מיט דער ארבעט פון זיין פאטער, וואס לערנט מיט זיינע תלמידים. דאס ערשטע אינטערעסירט אים דאס זינגען. די קינדער זינגען דעם טראפ פון דער סדרה און דער הפטרה, און בארי ציט זיי נאך אויף זיין דין קול׳כל. ער הויבט אן בעטן א ביכל פון זיין פאטער, און ווען ער קריגט עס, לויפט ער צו זיין מוטער, פרעגט ביי איר די באדייטונג פון יעדן בוכשטאב, און אין געציילטע עטלאכע טעג, אין עלטער פון דריי־פיר יאר, לייענט ער שוין געלויפיק אין זיין ביכעלע.

כאטש די ערשטע צוויי־דריי יאר האט מען מיט אים אין הויז גערעדט אידיש, דאך האט זיך די לאגע פלוצלונג געענדערט. צו יענער צייט האט מען אנגעהויבן אין גימנאזיע ארויסווייזן אומטאלעראנץ צו יענע אידישע תלמידים, וואס האבן נעהאט א אידישן אקצענט, אלס רעזולטאט פון זייער אידיש ריידן, און מען פלעגט זיי ווארפן אויף די איינטריט־עקזאמענס, ניט געקוקט, וואס זיי פלעגן גוט וויסן די שפראך גופא. די ווירקונג פון דעם דרוק האט זיך גלייך דערפילט אויך אויף דעם קליינעם בארי, ווייל מען האט מיט אים גלייך אנגעהויבן ריידן רוסיש אין הויז. בארי האט זיך אבער באלד אריענטירט, און באזונדערס — ווען ער האט נעקראגן זיין ביכעלע, האט „געזוברעט" יעדע דערציילונג, און שוין לערנט ער זיין שוועסטערל, וועלכע איז אויך דערווייל אונטערגעוואקסן און רעדט שוין רוסיש מיט איר ברודער׳ל, אזוי נאטירלאך, אז ווען זייער מוטער שפאצירט מיט זיי אין שטאט־גארטן, נעמען זיי די שפאצירנדע קריסטן אן, לויט זייער שפראך, פאר קריסטלאכע קינדער.

## 4. בארי הייבט אן אלף־בית

אומגעפער צו יענער צייט האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן נייע מעטאדן אין אידישן לערנען. פון דער נאטירלאכער מעטאדע פון עברית־בעברית האט מען נאך דאן קיין אנונג ניט געהאט. אמת, עס האבן זיך שוין דאן, אדער עטוואס שפעטער, גענומען דערטראגן אין גלות ידיעות

פון „שפה־ברורה"־געזעלשאַפטן אין ארץ־ישראל, און אפילו וואו ניט וואו אין די גלות־לענדער, אָבער דאָס אַלץ איז געווען באַצוועקט פאַר דער־וואַקסענע, ניט פאַר קינדער. אַ ביכל אונטער'ן נאָמען „מסילה חדשה", וואָס האָט געגעבן העברעאישע ווערטער און זאַצן איבערזעצט אין רוסיש, האָט זיך פאַרשלעפּט אין פּאָלטאַווע, און די פּאַרטגעשריטענע לערער האָבן זיך אויף דעם אַרויפגעוואָרפן, ווי אויף אַ ווילטיקן געווינס פאַר דער ערציאונג. פון אַזעלכע און ענלאַכע ביכלאַך, וואָס זיינען פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען, האָט באַרי אָנגעהויבן זיין אידישע בילדונג, וועלכע, אַרויסגעהאָלפן פון זיינע רוסישע קענטנישן, האָט דערמעגלאַכט, אַז איידער ער איז נאָך פיר יאָר אַלט געווען האָט ער שוין געזאָגט גאַנץ פיין עברי און אפילו ערוואָרבן אַ סאָלידן, פאַר זיין עלטער, ווערטער־שאַץ אין העברעאיש. אַזוי אַרום האָט אים כאָטש אין דעם אָפּגעגאָלטן, אַז דעם אלף בית מיט דעם קמץ אלף אָ האָט ער געגצלאַך אויסגעמיטן.

## 5. באַרי'ס צווייטע רייזע

בּ. באַראָכאָוו'ס פאָטער האָט געדאַרפט פאָרן אין וואַרשע אין די אינטערעסן פון דרוקן דעם „ספר השמות" פון יחזקאל בן יוסף מאַנדעל־שטאַם (דער פאָטער פון דעם באַרימטן אויגן־ספּעציאַליסט און ציוניסטישן פירער, דר. מאַקס מאַנדעלשטאַם פון קיעוו). אַזוי ווי אין געוויינלאַכע צייטן, אין מיטן זמן, איז פאַר אים געווען שווער אַוועקצופאָרן, האָט ער אונטערגענומען די רייזע אין דער בין־הזמנים־צייט פון פסח. כדי די פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון אים אַליין, פון זיין פרוי חיה רייכיל, און צוויי קינדער — באַרי און נאַדי, זאָלן ניט דאַרפן פסח בלייבן אַליין, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער וועט זיי אַלעמען נעמען מיט זיך און ער וועט זיי אָפּשטעלן אין קרעמענטשוק, ביי זיין משפחה. עס איז אויך אָפּגערעדט געוואָרן, אַז דערנאָך זאָל די פרוי מיט די קינדער אַריבערפאָרן קיין פּראַכאָראָווקע (צווישן קרעמענטשוק און קיעוו), וואו זיי האָבן אויך געהאַט משפחה. דאָס איז טאַקע ניט ווייט פון זאָלאָטאָנאָש, באַרי'ס געבורט־שטאָט.

אין פּראַכאָראָווקע האָבן זיי געדאַרפט פאַרברענגען, ביז דער פאָטער וועט זיך אומקערן פון וואַרשע. די רייזע איז געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל דער דניעפּר איז געווען דעמאָלט זייער ברייט צעגאָסן. באַזונדערס האָט זיך דער קליינער באַרי (ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן־אַכט) געפילט גוט, ווען עס איז אויסגעקומען צו פאָרן אויף אַ געוויינלאַכער פישער־שיפל פון קאַניעוו (די נעענטסטע סטאַנציע) ביז פּראַכאָראָווקע. דאָ האָט ער געזען דאָס וואַסער אַזוי נאָענט צו זיך, אַז מען קען עס ממש מיט די הענט אָנטאַפּן. הייַנט האָט ער דאָ געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די אַלע פאָרמען פון וואַסער־ברעגן, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע טעאָרעטישע ידיעה פון די געאָגראַפישע ביכער, אין וועלכע ער איז געווען שטאַרק באַהאַוונט. דאָ דערזעט ער פאַר זיך

אַז אינזל, דאָ אַן אויסגוס, און נאָך, און נאָך.

זייענדיק שוין אויפ'ן פּלאַץ ביי דער מומע און פעטער, האָט ער כסדר גערעדט מיט זיי וועגן זיינע איינדרוקן. די איינדרוקן האָבן אים אַזוי באַהערשט, אַז אַפילו ביים עסן פלעגט ער מער ריידן וועגן זיי, ווי באַשעפטיקן זיך מיט עסן. פון זיין דערציילן זיינען אָפּט אַרויסגעקומען גאַנץ קאָמישע געשעענישן. אַזוי, זיצנדיק איינמאָל ביים טיש, האָט ער דער מוטער דערמאָנט אַ געוויסן פּלאַץ, וואו ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַ ברעג-פּאָרמע, און פרעגט ביי דער מוטער, אויב דאָס איז אַ פּאָלו-אָסטראָוו (האַלב-אינזל) אָדער אַ מים (אַ האַלב-אינזל אין אַ קלענער פאָרמע). די מומע, וואָס איז געווען אַ פּראָסטע אידענע, רופט זיך אָן: פע, חיה רייכיל, פאַרוואָס לאָזטו אים ריידן ביים טיש וועגן מיאוס'קייטן? דער קליינער באַרי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיין מומע האָט צונויפ־געמישט „מים" מיט „מיש" (מויז). ער האָט זיך צולאַכט און האָט איר, ווי זיין שטייגער, תיכף אויפגעקלערט איר טעות.

אין פּראָכאָראָווקע איז געווען אַ גרויסער לאַגער פון געהילץ, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ זאַלאָטנאַשער סוחר, ביי וועמען באַראַכאָוו'ס פעטער, חיים מרדכי לאַנדאַ, איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. דאָרט איז געווען נאָך אַן אָנגעשטעלטער, מיכל וועלוול, אַ למדן און אינטעליגענט, צייטנווייז אויך אַ שרייבער אין העברעאיש. ער האָט זייער ליב באַקומען דעם קליינעם באַרי'ן און פלעגט אים גערן מיטנעמען, ווען ער האָט דערפולט זיינע פאַרשידענע פליכטן, אַרום די גרויסע הויכע הויפנס מיט פאַרשידענע געהילצן, וועלכע מען האָט געדאַרפט זוכן צו פאַרפעסטיקן און פאַרהיטן פון אַ מעגלאַכער קאַטאַסטראָפע איבער דער דראָענדער פאַרגרעסערונג פון דער פאַרפלייצונג.

אין נידעריקערע פלעצער זיינען שוין אַ סך שייטערן געהילץ גע־שטאַנען גאַנץ טיף אין וואַסער. צו אַזעלכע פלעצער פלעגט מען מוזן צו־פאָרן מיט אַ שיפל, און מיכל וועלוול האָט ניט געקענט אַנטזאָגן דעם קלוגינקן אינטערעסאַנטן באַרי'ן זיין פאַרלאַנג, צו נעמען אים מיט זיך אויפ'ן שיפל. נאָך עטלאַכע אַזעלכע קורצע נסיעות האָט זיך באַרי געפילט גאַנץ היימיש אין שיפל, פלעגט דאָרטן פריי אַרומשפּאַצירן, בעת מיכל וועלוול פלעגט זיצן ביים רודער און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויס־הערן באַרי'ס שילדערונגען פון זיין נסיעה אויפ'ן פּאַראַכאָד.

אין איינער פון אַזעלכע נסיעות האָט באַרי באַמערקט אַן „אינזל" גאַנץ ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו זיי זיינען אַרומגעפאָרן, און האָט געבעטן מיכל וועלוולען צופאָרן אַהין, כדי צו האָבן די מעגלאַכקייט צו באַטראַכטן דעם אינזל פון דער נאָענט. מיכל וועלוול, וואָס האָט געוויינלאַך גערן דערפולט זיינע פאַרלאַנגען, האָט דאָס מאָל זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אַהין. באַרי איז זיך גאַנץ רואיק צוגעגאַנגען צום אַנדער ברעג פון שיפל און האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן באָרט. מיכל וועלוול איז טויט געוואָרן פון שרעק און, ניט קענענדיק אָוועקלאָזן דעם רודער, האָט ער זיך אָנגעהויבן

בעטן ביי באַרי'ן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין פון באַרט. אויף דעם האָט אים באַרי געענטפערט: פאָרט צום אינזל, וועל איך אַרונטערגיין פון באַרט. אמת, באַרי האָט דערנאָך פאַרלוירן די געלעגנהייט אַנטיילצונעמען אין ווייטערע נסיעות מיט מיכל וועלוועלען, אָבער זיין שטרעבונג צו זיין צוועק האָט ער גלענצנד דורכגעפירט.

ווען די מוטער, מוסרנ'דיק אים, האָט אים געזאָגט: זע, וואָס דו האָסט זיך אָנגעמאַכט: מיכל וועלוול וויל דיך שוין מער מיט זיך ניט נעמען, האָט ער געענטפערט: ס'איז שוין ניט אינטערעסאַנט, דאָס וואַסער פאַלט שוין אָפּ, און ער וועט שוין מער ניט דאַרפן פאָרן, און דער פּאַפּאַ וועט באַלד קומען פון וואַרשע און מיר וועלן סיי ווי דאַרפן פאָרן אַהיים.

## 6. באַרי „פאָרט" קיין ארץ-ישראל. ער פאַרלירט זיינע קאָלאָשן.

באַרי ווערט שנעל פאַרטיק מיט'ן אַלפאַבעט און הייבט אָן לייענען ביכער. געלייענט האָט ער אַלץ. אַלע ביכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז, ביי פריינט, אפילו אין דער שטאָט-ביבליאָטעק. ער איז אויך גיך געוואָרן דער מיטלפּונקט פון זיינע חברים, אידישע ווי ניט-אידישע. ניט נאָר קינדער פון זיין עלטער, נאָר אויך עלטערע קינדער פלעגן זיך אַרומ־קלייבן אַרום דעם קליינעם באַרי'ן. וועלכער פלעגט פריער דורכלייענען עפּעס פון בוך און דערנאָך פלעגט ער זיי דערקלערן אַלץ, וואָס ער האָט געדענקט, אַז זיינע צוהערער האָבן „גיט געגוי פאַרשטאַנען.

ווי געזאָגט, ער פלעגט ניט איבערקלייבן; איז געקומען צום האַנט אַ בוך, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט עס אים ניט אָפּגעהאַלטן פון לייענען עס איינמאָל און צוויי מאָל און אָפּט מערערע מאָל, און ווען ער האָט ענדלאַך אָנגעהויבן באַגרייפן מער ווייניקער דאָס געלייענטע, פלעגט ער ערשט דאַן קומען צו דער מוטער און צום פאָטער און בעטן דערקלערן די ווערטער, וואָס זיינען אים געבליבן אומפאַרשטענדלאַך.

מער פון אַלץ האָט ער זיך אין זיינע ערשטע קינדערשע יאָרן אינ־טערעסירט אין ביכער מיט רייזע-באַשרייבונגען. די באַשרייבונגען פון זשול ווערן און מיין ריד פון אייז זייט, און דער אינטערעס, וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט דורך דער היימישער חבת-ציונ'דיקער אַטמאָספערע פון דער אַנדערער זייט, האָט אויך אים אַזוי געווירקט, אַז אין אַ געוויסן טאָג (ער האָט דעמאָלט געקענט זיין אַלט אַ יאָר 9—10) איז ער אַוועק מיט איינעם אַ שטענדיקן צוהערער פון זיינע דערציילונגען, צו זוכן דעם וועג נאָך ארץ ישראל. דער רעזולטאַט פון יענער „נסיעה" איז געווען, אַז די צוויי רייזנדע, וואָס האָבן גראַד אויסגעקליבן אַ קאַלטן האַרבסטיקן טאָג און וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו מאַכן די רייזע מיט זייערע אייגענע פיס, זיינען געפונען געוואָרן הינטער'ן שטאָט, און שפּעט ביי־נאַכט זיינען זיי געבראַכט געוואָרן דורך פרעמדע, יעדער צו זיינע עלטערן,

וואָס האָבן שוין געהאַלטן אין אַרומזוכן זיי מיט גרויס שרעק.

אויף דער „נסיעה" האָט ער פאַרלאָרן זיינע קאַלאָשן, וואָס זיינען געבליבן שטעקן אין איינעם פון די טיפע זומפּן, וואָס די „רייזנדע" האָבן באַגעגנט אויף זייער וועג. ער האָט דערפאַר באַקומען מער ווי די פאַר־דינטע באַלוינונג...

## 7. בארי „פאַרלירט" זיינע אונטערוועש

דורך זיין ליבשאַפט צו לערנען יעדן, וועך עס האָט נאָר געפילט די נויטיקייט פון וויסן, פלעגט אים אָפט אויסקומען צונויפקומען זיך מיט קינדער פון אָרעמסטע עלטערן, ווייל גראַד אַזוינע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלאַכקייט צו קריגן קיין אונטעררירכט. איינמאָל באַקאַנט זיך מיט אַזעלכע עלעמענטן, פלעגט ער שוין ווערן מיט זיי גאַנץ נאָענט באַפריינדעט, אַרומפירן זיך מיט זיי, וואו נאָר און ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט דערצו, און צו יעדער צייט טאַקע ווידער באַלערנען זיי, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזן.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג איז ער אַוועק מיט אייניקע אַזעלכע פון זיינע פאַרערער צו דעם טייך וואַרקסלע באָדן זיך. ער האָט דאַן געמוזט זיין אין איינעם פון די ערשטע קלאַסן גימנאַזיע. ער האָט זייער לאַנג פאַרבראַכט ביים טייך, די מוטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַאומרואיקן: זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך שוין געמוזט, אין בעסטן פאַל, גוט אויסהונגערן, און דאָרט ביים טייך איז ניטאָ אַזאַ פּלאַץ, וואו מען קען עפּעס קויפן צום עסן. ענדלאַך איז ער דאָך געקומען אַהיים און די מוטער האָט גלייך באַמערקט, אַז פון אונטער זיינע אויבערשטע קליידער זעט זיך אַרויס דאָס נאַקעטע לייב.

— וואו איז דיין העמד, און וואו האָסטו אַהינגעטאָן דיינע גאַטקעס?

— האָט די מוטער אָנגעהויבן אין אויפרעגונג אים אויספרעגן.

— פאַרלוירן, — איז געווען זיין ענטפער.

— וואָס הייסט, דו האָסט פאַרלוירן? ווי פאַרלירט מען דאָס אונטערוועש? אפשר האָט מען דאָס ביי דיר צוגע'גנב'עט?

— ניין, ניט צוגע'גנב'עט.

— וואָס דען, באַרינקע? זאָג דעם אמת, איך וועל דיר גאָר ניט טאָן.

— איך האָב מיין אונטערוועש אַוועקגעגעבן צו . . . — און רופט אָן אַ געוויסן נאָמען פון איינעם פון זיינע חברים, וועלכן זיין מוטער האָט אויך געקענט, און האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ נויטבאַדערפטיקער.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר געזאָגט ניט קיין אמת? דאָס האָט דיר דיין חבר געהייסן זאָגן אַ ליגן, צי דו האָסט אַליין אָפּגעקלערט, מיך אַזוי אָפּצונאַרן?

— איך האָב גאָר ניט געקלערט, אַז דו וועסט מיר פרעגן וועגן דעם, פאַרגעסן קלערן וועגן דעם. נו, האָסט מיך געפרעגט, האָב איך דיר געזאָגט...

— אָך, דו מוזט דאָך שוין זיין הונגעריק, וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט?

— ער האָט לאַנג ניט געוואָלט נעמען, האָב איך אים געמוזט איינ־ריידן. איך האָב אים דערקלערט, אַז ער האָט דאָך ניט אינדערהיים קיין אַנדער העמד אויסער דער צעריסענער, וואָס איז געווען אויף אים. אוי, איז זיין העמד געווען צעריסן! און קיין גאַטקעס האָט ער גאָר ניט געהאַט. ער האָט מיר געזאָגט: דיין מאַמע וועט דאָך דיך שלאָגן. האָב איך אים געזאָגט: ניין, מיין מאַמע וועט מיך ניט שלאָגן; זי וועט מיר געבן אַנדערע וועש.

## 8. באָרי הויבט אָן פאַרדינען געלט פון לעקציעס און מאַכט זיין לענגסטע נסיעה נאָך ארץ ישראל

ווען מען דאַרף אין גימנאַזיע זיך נוקם זיין אָן אַ לערער, איז באָרי פון די ערשטע אַנטייל צו נעמען אין דער דורכפירונג פון דעם אַקט; ער געפינט אָבער אויך אַלע מאָל אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון שטראָף.

עפּעס האָט ער זיך פאַרזינדיקט, און דער לערער (דאַכט זיך דער דייטש) זעצט אים אַריין אין קאַרצער. ער געפינט אַ מעגלאַכקייט אַרויס־צוקריכן דורך אַ פענסטער, מישט זיך אויס מיט אַנדערע גימנאַזיסטן, וואָס זיינען אויף אַ קורצער צייט פאַרהאַלטן געוואָרן, און צוזאַמען מיט זיי גייט ער זיך אַרויס פון גימנאַזיע.

צו יענער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן אַביסל מער אומאָפּהענגיק. ער געפינט זיך נאָך אין איינעם פון די נידעריקע קלאַסן; לויט די רעגעלן פון גימנאַזיע קען ער נאָך ניט קריגן קיין רעקאָמענדאַציע פון דעם דירעקטאָר אָדער פון די לערער אַלס רעפּעטיטאָר: אָבער זיין פאָטער, וואָס גיט העברעאישע לעקציעס, באַקומט ביי זיינע באַקאַנטע איניקע תּלמידים פאַר אים. באָרי איז דאָן אין דעם פּעריאָד פון אַריבערגיין פון קינדהייט צו יונגער רייפקייט. זייענדיק אַלע מאָל צוגעלאָזן און פריינטלאַך מיט וועמען נאָר ער קומט אין באַרירונג, נעמט גאַנץ אָפט דאָס קינדערשע אין אים די אויבערהאַנט, און ער פאַרברענגט מיט זיינע תּלמידים אין פאַרשידענע שפּילערייען, לערנענדיק זיי ניט נאָר זייערע געגנשטאַנדן, נאָר אויך קינדערשע קונצן און שטיפערייען. די עלטערן פון אַזעלכע תּלמידים באַקלאָגן זיך אויף אים פאַר זיין פאָטער, וועלכער רעדט אים אויס, דער־קלערנדיק אים אַז ער האַנדלט ניט ריכטיק. באָרי פאַרטיידיקט זיך, אַז קינדער דאַרפן לערנען פון פאַרגעניגן. דורך שפּיל (ער איז שוין ביי יענער צייט גוט אינפאָרמירט וועגן די לערעס און מעטאָדן פון רוסאָ, פּעסטאַ־לאָצי א. ד. גל.), דאָך, אַזוי ווי זיין פאָטער באַשטייט, אַז ער האַנדלט ניט ריכטיק, ווערט באָרי'ן איבערדריסיק דאָס גאַנצע לערנען מיט די קינדער לויט דעם מוסטער, ווי מען וויל אים אָנצייגן.

זיין פאָטער, טיילווייז לויט פּרינציפּ און טיילווייז מיט דעם פאַר־לאַנג צו ווירקן אויף זיין זון, אַז ער זאָל זיך פילן זעלבסטשטענדיק און ממילא פירן זיך „לייטישער“, לאָזט אים זיין דער באַלעבאָס איבער זיינע פאַרדינסטן, אַזוי אַז ביי באַרי'ן הויבט זיך אָן באַווייזן אַן אייגענער רובל.

איצט, ווען באַרי איז אַרוים בשתיקה פון גימנאַזיע־קאַרצער, ווייסנדיק אַז סיי פון די באַאַמטע פון גימנאַזיע און סיי פון זיין פאָטער וועט ער קיין „דערמוטיקונג“ פאַר זיין אַנטלויפן ניט באַקומען, זייענדיק אויך ניט צופרידן מיט זיין ראָלע אַלס ניט קיין אָנערקענטער לערער, דערוועקט זיך ביי אים זיין ניט באַפרידיקטער און דאָך ניט אויסגעלאָשענער באַגער — און ער באַשליסט צו מאַכן אַ צווייטן פּרוּוו פאַר אַ רייזע נאָך ארץ־ישראל.

דאָס מאָל האָט ער טאַקע געהאַט געלט, און ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

די עלטערן זיינע האָבן איבערגעלעבט אַ צאָל אומרואיקע טעג, פאַרשנ־דיק און זוכנדיק אַ שפּור צו זייער פאַרשוואונדענעם זון — פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט — טוענדיק אַלץ מעגלאַכס צו פאַרדעקן דאָס געשעענע, כדי די באַאַמטע פון גימנאַזיע זאָלן זיך ניט דערוויסן וועגן זיין פאַרשווינדן, — ביז באַרי'ס פאָטער האָט דערהאַלטן פון ניקאָלאַיעוו אַ בריוו, אין וועלכן די גאַנצע פּאַבלעמע איז אויפגעלייזט געוואָרן.

אין ניקאָלאַיעוו, וואוהין באַרי איז געקומען מיט'ן באַן און וואו זיינע געלט־מיטלען זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן, האָט ער זיך געווענדעט צום ראַבינער, אים דערקלערט דעם צוועק פון זיין רייזע און זיין וואונש, צו פאָרן נאָך ארץ ישראל.

דער ראַבינער, ה' באַגראַוו, גראָד אַ יוגנט־פריינט פון באַרי'ס פאָטער, האָט אים פריינטלאַך אויפגענומען, האָט אים דערקלערט די אוממעגלאַכ־קייט דורכצופירן איצט זיין פּאַרלאַנג. צו דערזעלבער צייט האָט ער אים אויך דערקלערט, אַז ער איז זיין פאָטער'ס אַ פריינט, און צוגעזאָגט אים, אַז ער וועט שרייבן צו זיין פאָטער וועגן אים און אַז קיין בייז וועט אים ניט געשען. דאָס אַלץ האָט ה' באַגראַוו געשריבן צו באַרי'ס פאָטער, האָט אים דערקלערט, ווען זיי קענען דערוואַרטן באַרי'ס צוריקקער, און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין באַן און אוועקגעשיקט אַהיים. צום גליק פון אַלעמען זיינען דאָס מאָל קיין רעפּרעסיווע מיטלען געגן באַרי'ן ניט אָנגענומען געוואָרן: די עלטערן האָבן געטראַכט, אַז דאָס איז ביי זייער זון אַן איבערלאַכער דראַנג נאָך דעם צויבערהאַפטן לאַנד, וועלכן מען קען מיט קיין רעפּרעסיעס ניט אויסוואָרצלען. זיי האָבן אויך זיך באַמיט צו פאַרגלעטן דעם פאַל אין גימנאַזיע — אַביסל דורך פאַרדעקן דעם אמת און טיילווייז דורך פּראָטעקציע, און דער גאַנצער ענין איז אריבער בשלום.

## 9. באַרי'ס צופיל לייענען ברענגט טרויעריקע רעזולטאַטן

ווען באַרי איז אריין אין גימנאַזיע, האָט ער זיך גענומען פלייסיק צו שטודירן אַלע אויפגאַבן פון די לערער; אָבער צו דער זעלבער צייט

לייענט ער זייער פיל. ווען ער עסט, קוקט ער מיט אַ האַלב אויג צום עסן און די אַנדערע האַלבע אָדער אַנדערהאַלבן אויגן זיינען אַריינגעטאָן אין בוך. אין אַ קורצער צייט דערפילט ער, אַז עפּעס קומט פאַר מיט זיינע אויגן אומגעוויינלעכס. ער ווערט עקזאַמינירט פון אַ ספּעציאַליסט, וועלכער געפינט אויס, אַז ער האָט געגנצלאַך פאַרלוירן די קראַפט פון זיין רעכטן אויג. ער דערקלערט אים, אַז צו דעם אויג קען מען שוין ניט העלפן, אָבער ער מוז לייענען וואָס ווייניקער, כדי צו פאַרהיטן דאָס צווייטע אויג פון אַן ענלעכער קאַטאַסטראָפע.

## 10. די צוגרייטונג צו אַן אינקוויזיציע

דערווייל פאַראינטערסירט זיך באָרי מיט די סאָציאַלע פראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער אונטער־ערדישער ליטעראַטור. אמת, זיין פאָטער איז אַן אָפיציעלע פערזאָן. אַלס לערער שטייט ער אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון די באַאַמטע (דיעקטאָר און אינספּעקטאָר) פון פאָלקס־בילדונג. אַלס אַזעלכער מוז ער זיין זייער צופאַרלעסלאַך; ער מוז זיין אַ פיינט פון אַלע, וואָס טרעטן אַרויס געגן דער עקזיסטירנדער אָרדנונג; עס טאָר זיך אין זיין הויז ניט געפינען קיין אומלעגאַלע ליטעראַטור. אָבער גראַד דערפאַר איז ער פאַררעכנט אַלס לאָיאַלער געזעץ־היטער, און עס איז אים לייכטער ווי אַנדערע צו נעמען אַן אָנטייל אין פאַרשידענע אונטער־ערדישע ענינים. ווען עס ווערט אַ חשד, אַז מען האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם קאָנספּיראַטיוון דרוק, פירט מען אַלץ פאַרזיכטיק אַריבער ביינאַכט צום לערער באַראַכאָוו, וועמען קיינעם וועט גאָר ניט איינפאַלן צו פאַרדעכטיקן אין קאָנספּיראַציע. און די פּאָליציי, איבערפאַלנדיק דעם פּלאַץ, וואו מיט אַ טאָג פריער האָט זיך געפונען דער דרוק, גייט אַוועק מיט אַ נאָז.

אַ געוויסן קאָנספּיראַטאָר קריטשעווסקי ווערט ענג אין דעם קוואַר־טאַל, וואו מען האָט אויף אים געוואָרפן אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז ניט כשר; ער ווערט אַריינגענומען פון די באַראַכאָווס אַלס עקסטערן־קוואַרטיראַנט, באַזאָרגט זיך מיט אַ מענטשלאַכן שאַרבן און שטעלט אים אַוועק אויפ'ן פענסטער, כדי אָפּצואָווענדן יעדן פאַרדאַכט פון זיך.

די פּאָליציי מאַכט אַ באַזוך ביי אַ געוויסער סאָציאַליסטקע, פריילין פערלין, און מען געפינט ביי איר קאָמפּראָמיטירנדע בריוו פון איר חתן פיאַלקאָוו, אַ קאָנספּיראַטאָר־טעראָריסט. עס גיט זיך איין חברה צו לאָזן אים וויסן באַצייטנס, איידער ער קומט צו זיין כלה, וואו פּאָליציי דערוואַרט אים שוין. קומט ער באַלד אין דעם זיכערן הויז פון דעם לערער באַראַכאָוו, וואו חיה רייכיל באַראַכאָוו טוט אים איבער, הייסט אים אויסקוקן ווי אַ קראַנקן, וועלכן מען מוז פירן אונטערן אָרעם, און אַזוי אַרום ברענגט זי אים אין אַ זיכערן פּלאַץ און פון דאָרט פירט מען אים שוין אַוועק מיט אַ פור צו אַ וואָקזאַל פון אַן אַנדער סטאַנציע, ווייל אויפ'ן פּאָל־טאַווער וואָקזאַל וואַרט שוין אויף אים די פּאָליציי.

אַט די און ענלאַכע זאַכן זעט צו דער קליינער באַרי, פרעגט זיך נאָך וועגן אַלץ, באַקענט זיך מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. פון דער ליטעראַטור און פון געשפּרעכן דערוויסט ער זיך, אַז ווען מען אַרעסטירט אימיצן פון די סאָציאַליסטן, סטאַרעט מען זיך פון אים אַרויס־באַקומען נעמען פון זיינע חברים; אַז פּאָליציי שטעלט זיך אפילו ניט אָפּ פון מאַטערן מיט כל'ערליי ענויים, כדי דורך דעם צו צווינגען די אַרעסטירטע אַרויסצוגעבן זייערע חברים. באַרי'ס פאַנטאַזיע שטעלט אים פאָר, אַז אים קען אויסקומען צו זיין אין אַ לאַגע, וואו ער וועט שטיין קעגן אַזאַ נסיון.

איין מאָל דערזעט די מוטער ביי באַרי'ן אויפ'ן האַנט אַ גרויסע, טיפע אייטערנדיקע וואונד. — פון וואַנען איז דאָס צו דיר געקומען. באַרינקע? — זוכט די אַנגסטנדיקע מוטער צו דערגיין, און געפינט אויס, אַז דאָס האָט ער זיך געגרייט, צו קענען אויסהאַלטן שמערצן פון אינ־קוויזיציעס, און כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט זיינע חברים ניט פאַר־ראַטן, האָט ער זיך געברענט די האַנט אויף אַ ליכט, ביז ער האָט זיך אינערלאַך איבערצייגט, אַז ער וועט קענען אויסהאַלטן די ג ר ע ס ט ע י ס ו ר י ם און דאָך פאַרבלייבן אַ טרייער, איבערגעגעבענער חבר.

## 11. באַרי אַנטזאָגט זיך אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט

כמעט אַלע לערער פון דער גימנאַזיע האָבן באַרי'ן זייער ליב געהאַט פאַר זיין שאַרפן מח און קלוגע איינפאַלן, וואָס ער פלעגט אַרויסווייזן, אפילו ווען ער האָט אויף זיך געהאַט אַ שולד פון איבערטרעטן די דיסציפּלין.

דער לערער פון דייטש, אַ גרויסער געלערנטער, האָט געזאָגט צו זיין מוטער: דיין זון האָט זייער אַ טייערע קאָפּ, ער איז אויך זייער אַ וואוילער; אָבער ער דערלויבט זיך שוין צופיל. ער העלפט אַרויס אַנדערע, ווען מען טאָר דאָס ניט טאָן, און לאָזט זיך ניט דיסציפּלינירן. איך האָב אים זייער ליב פאַר זיינע גרויסע מעלות, אָבער איר מוזט אויפ־פּאַסן אויף אים, ער זאָל פאָלגן נאַטשאַלסטוואָ. אויב ניט, וועלן אים זיינע אַלע מעלות ניט העלפן און ער וועט ניט קענען פאַרטזעצן זיין בילדונג.

דער פראַנצויזישער לערער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט זיך געשאַצט איבערגליקלאַך, ווען ער האָט אַזאַ זון ווי באַראַכאָוו.

אפילו דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, מאַרקאָוו, אַ באַוואוסטער אַנטי־סעמיט, אַז ער האָט געדאַרפט רעקאָמענדירן איינעם פון זיינע בעסטע פריינט, אַ ק ר י ס ט, אַ גוטן רעפּעטיטאָר פאַר זיינע קינדער, האָט צו אים געשיקט דעם אַ י ד י ש ן גימנאַזיסט באַראַכאָוו, וואָס איז געווען קעגן געזעץ. דאָך האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אַרויסגעוויזן אין אַ סך האַנדלונגען בנוגע באַרי'ן.

דער קורס פון לאַטיין ענדיקט זיך אין זעקסטן קלאַס. די שריפטלאַכע אַרבעטן פון די עקזאַמענס ווערן פריער דורכגעקוקט פון די לערער און דעם דירעקטאָר: זיי שטעלן אַוועק זייערע צייכנס. די אַרבעטן ווערן

דערנאָך אָפּגעשיקט אין קרייז. פּאָלטאַווער גימנאַזיע האָט באַלאַנגט צום קיעווער קרייז. די פּראָפעסאָרן פון קרייז מיט דעם דיען פון אוניווערזיטעט, וואו די סטודענטן וועלן דאַרפן לערנען, גיבן זייער אָפּשאַצונג און שיקן דערנאָך צוריק אין גימנאַזיע זייער מיינונג, אויב די צייכנס, וואָס די לערער פון גימנאַזיע האָבן אַוועקגעשטעלט, זיינען פּאַרדינטע אָדער ניט. די באַמערקונגען קומען געוויינלאַך אָן אין גימנאַזיע, ווען די תלמידים זיינען שוין אין זיבעטן קלאַס. איז ווען באָרי איז געווען אין זיבעטן קלאַס, איז געווען דער קלאַסן־אַפּוטראָפּוס דער לערער פון מאַטעמאַטיקע, טשערנישעוויטש, זייער אַ ליבעראַלער מענטש, וועלכער האָט באָרי'ן זייער ליב געהאַט. קומט דער טשערנישעוויטש איינמאָל אַריין מיט אַן אומעטיקן פּנים און באַקלאָגט זיך אויף אומגערעכטיקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען דאָרט, וואו עס איז אַמווייניקסטן צו דערוואַרטן אַזעלכעס — צווישן די לערער פון׳ם יונגן דור. דערנאָך האָט ער דורכגעלייענט אַ פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעקומען פון קרייז, וואו עס ווערט דערקלערט, אַז אין די לאַטיינישע עקזאַמענס זיינען צו דריי סטודענטן געגעבן געוואָרן ניט קיין פּאַרדינטע צייכנס: צוויי האָבן געקראָגן העכערע צייכנס, ווי זיי האָבן פּאַרדינט (די צוויי זיינען געווען קריסטן) און איינער האָט באַקומען אַ קלענערן צייכן, ווי אים קומט. „און די עולה איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונזער הויך־געלערנטן באָראָכאָוו. איז עס ניט אַ גרויסע שאַנדע פאַר אונזער ציוויליזאַציע!“ — האָט טשערנישעוויטש מיט אַנטריסטונג פאַרענדיקט.

באָרי האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלייכער, האָט באַדאַנקט דעם לערער און באַמערקט: „אַזעלכעס איז אפשר נויטיק, כדי מען זאָל בעסער קענען אָפּשאַצן די ווירדיקע איינשאַפטן פון אונזער געשאַצטן קלאַסן־לערער.“

דער דערמאָנטער פאַקט איז באַוואוסט געוואָרן צו באָרי'ס פאָטער פון זיינעם אַ קריסטלאַכן תלמיד, מיט וועלכן ער האָט געלערנט העברע־איש. באָרי גופא פלעגט אַזעלכע פאַלן קיינמאָל אין הויז ניט דערציילן.

ווען באָרי האָט געהאַלטן ביים ענדיקן גימנאַזיע, אין יאָר 1900, האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל קריגן דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס ווערט יעדעס יאָר געגעבן צום בעסטן תלמיד. דער צווייטער נאָך באָרי'ן איז געווען אַ קריסט, רינדענקאָ, באָרי'ס אַ גוטער פריינט, אַ גאַנץ פייאיקער און אָרנטלאַכער יונגערמאַן; אָבער זיין פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער אידן־פיינט. דער אַנטיסעמיטישער און פאַרביסענער דירעק־טאָר מאַרקאָוו האָט געזוכט אַ מיטל, אַוועקצונעמען פון באָרי'ן דעם מעדאַל. דער דירעקטאָר איז אויך געווען דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור. ווען מען האָט פאַרגעבן די סטודענטן צו שרייבן אַ געוויסע אָפּהאַנדלונג אַלס לעצטער עקזאַמען, האָט באָרי דער־לאַנגט זיין פּאַפּיר דער ערשטער. דער דירעקטאָר האָט אַ זאָג געטאָן: אַזוי גיך? איך וואָלט אייך ראַטן, יונגערמאַן, איבערצוקוקן אייער שריפט. — איך האָב שוין איבערגעקוקט, איז געווען באָרי'ס ענטפער. — פונדעסטוועגן וואָלט איך אייך ראַטן, עס איבערקוקן. באָרי, באַמערקנ־

דיק, אז מיט דעם אויסדרוק זוכט מאַרקאָוו צו צייגן, אַז ער גלויבט אים ניט, האָט געענטפערט טראַציק: „איך דאַרף ניט איבערקוקן צ ו ו י י מאָל.

דער דירעקטאָר האָט צוגענומען באַרי׳ס פּאַפּיר און האָט עס באַצייכנט מיט אַ דריי. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ געגנשטאַנד, וואָס מאַרקאָוו אַליין האָט אים אַלע מאָל געגעבן דעם צייכן פינף, האָט באַרי ניט גע־קענט פּלוצלונג ווערן אַזוי אומוויסנדיק, צו באַקומען אַ דריי. דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט אים געקענט געבן, לויט אַלע געזעצן פון לערערשן עטיקעט, וואָלט געדאַרפט זיין ניט ווייניקער ווי פיר. אָבער דאָס וואָלט מאַרקאָוו׳ן ניט געפירט צו זיין צוועק: זיין פיר וואָלט בטל געוואָרן צווישן דער גרויסער צאָל פינפן. אָבער אַ דריי האָט ניט געקענט בטל ווערן. מאַרקאָוו האָט אַליין צוגעגעבן, אַז דעם דריי האָט ער אים געגעבן פאַר זיין חוצפּה.

ווען באַרי׳ס פאָטער האָט פאַרלאַנגט פון באַרי׳ן, אַז ער זאָל זיך מעלדן אין אוניווערסיטעט, (דאָס איז דאָך דעמאָלט געווען דער ענד־צוועק פון שטודירן), האָט אים באַרי דערקלערט, אַז אַזעלכע „ליבע־ראַלע״ פּערזאָנען, ווי מאַרקאָוו, געפינען זיך אויך אין די אוניווערזיטעטן, אַזוי אַז קיין גוטס פון דער אוניווערזיטעט־בילדונג קען מען סיי ווי ניט דערוואַרטן. אַזוי ווי אין יענע צייטן האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען אומ־רוען אין די אוניווערזיטעטן, האָבן באַרי׳ס אַרגומענטן געהאַט די גע־ווינשטע ווירקונג אויך אויף זיין פאָטער, וועלכער איז שוין מער ניט באַשטאַנען אויף זיין פאָדערונג.

## 12. באַרי שטייט צום פּריזיוו, פאַרלירט נאָכאַמאָל זיינע קאַלאָשן און טיילווייז אויך זיין פרייהייט.

אין יאָר 1902 שטייט באַרי צום פּריזיוו. לויט דעם באַשטאַנד פון זיין משפּחה האָט ער די צווייטע פאַרלייכטערונג, און ווערט באַפרייט פון דעם רעגולערן דינסט. דאָן עקזאַמענירט מען זיין פיזישן צושטאַנד, אויב ער פּאַסט זיך פאַר׳ן רעזערוו. דער דאָקטאָר טוט אַ קוק אין זיין רעכטער אויג און רופט אויס: „אַ געגנצלאָך בלינדער מענטש!" ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ער וואָלט באַפרייט געוואָרן; ביי באַרי׳ן איז אָבער דער אמת, די וויקר־לאַכקייט, העכער פון אַלץ, און ער רופט זיך אָן צום דאָקטאָר: „אַ מענטש האָט צוויי אויגן." די באַמערקונג האָט אים געקאָסט זיין פרייהייט פאַר עטלאַכע וואָכן, ווייל ער האָט געמוזט גיין אויף דער לערע מיט די אַזוי־גערופענע ראַטניקעס, ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צו איבערצייגן די העכערע באַאַמטע, אַז דער דאָקטאָר האָט אים אומערלאָך באַוואַנדלט און ער איז באַפרייט געוואָרן.

גייענדיק פון פּריאָם, האָבן זיך די גוים פאַרטשעפּעט מיט די אידן, אָנגעהויבן זיי באַליידיקן. באַרי האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון אידן מיט אייניקע פאַרערער זיינע פון די קריסטן, און מען האָט אָנ־געפאַנגען אַ ריכטיקן געשלעג. געהאַלטן האָט עס, אַז די גרויסע קאָפּטע

פון זייערע קעגנער זאָל זיך אָפּטראָגן. די פּאָליציי האָט עס אָבער באַמערקט און אַ לאָז געטאָן זיך צום שלאַכט־פּלאַץ. באָרי האָט אויסגערופן צו זיינע לייט: „עי, חברים, פון וועמען, פון וועמען, אָבער פון דער פּאָליציי קענען מיר נעוויס קיין גערעכטיקייט ניט דערוואַרטן. טראָגט זיך אָפּ באַצייטנס." ער האָט אַלע חברים אַוועקגעלאָזט אין פּאַראַויס און דערנאָך האָט ער זיך שוין אויך געלאָזט לויפן. איינער פון די נאָכיאָגער, אַ שנעלער לויפער, האָט אים אָנגעיאָגט, אָנגעטראָטן אויפ'ן קאַלאָש; באָרי האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן דעם געפּלאַצטן קאַלאָש פון'ם פוס און איז ווייטער געלאָפן. דער נאָכיאָגער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפהייבן דעם קאַלאָש, אַ וואָרף געטאָן אויף באָרי'ן, אָבער דער קאַלאָש איז פאַרבייגעפלויגן. באָרי האָט זיך אומגעקוקט און באַמערקט, אַז איצט איז זיין נאָכפאָלגער עטוואָס ווייטלאַך פון אים; ער האָט בליץ־שנעל אַראָפּגעכאַפּט דעם צווייטן קאַלאָש און גלייך געטראָפן מיט אים זיין פאַרפאָלגער אין פּנים, אַזוי, אַז יענער האָט זיך פאַרדרייט און באָרי'ן איז שוין אויף אַזאַ אופן געלונגען צו אַנטלויפן אין גאַנצן. אַזוי אַרום האָט באָרי פאַרלוירן נאָך אַ פּאָר קאַלאָשן, אָבער דאָס מאָל האָט ער שוין קיין באַלוינונג ניט באַקומען...

## 13. באָרי, נאָך פאַר זיין חתונה, מאַכט זיין פאָטער פאַר אַ זיידן.

בער באָראָכאָוו האָט זייער פרי אָנגעהויבן צו שרייבן. געשריבן האָט ער וועגן פאַרשידענע ענינים און אין פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער מער פון אַלץ אין רוסיש. דאָס איז דאָך געווען די איינציקע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געקענט דערוואַרטן. אַז מען וועט אים דרוקן, ווייל אַלס געלערנטער איז ער באַוואוסט געוואָרן דורך רוסישע געלערנטע.*)

ער שיקט אַ פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונג דעם זשורנאַל „רוסקאַיאַ מיסל". מען דריקט אים אויס זייער אַ שמייכלהאַפטע מיינונג וועגן זיין אַרבעט, אָבער מען ווייזט אָן געוויסע טעמים, פאַרוואָס גראַד איצט קען מען זיין ווערק ניט דרוקן; טעמים, אין קיין פאַל פון אים, באָרי'ן, ניט אָפּהענגיקע; אָבער זיין לאַגע ווערט ניט לייכטער. ער קריגט דערמונטערונגען און אפילו צוזאָגן, אָבער ווייטער פון דעם גייט עס ניט.

איינמאָל קומט אַריין באָרי'ס פאָטער צום באַוואוסטן העברעאישן געלערנטן און פּרוכטבאַרן שרייבער, אַלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש, וועלכער איז איצט אין ארץ ישראל, אָבער צו יענער צייט (אַרום יאָר 1900) האָט ער געוואוינט אין פּאָלטאַווע. רופט זיך אָן ראַבינאָוויטש צו מ. א.

---

*) אין אַנדערע עראינערונגען וועגן באָרי'ן, וועלכע דער שרייבער פון די שורות האָט געשיקט צו ה' רעוואוצקי'ן פאַר אַ זאַמל־בוך, וואָס די לינקע פּועלי־ציון גיבן אַרויס, ווערט באַשריבן ווי אַזוי אַ געוויסער רוסישער פּראָפעסאָר לעסעוויץ האָט באָרי'ן געהאָלפן דורכצושלאָגן זיך אַ וועג צו באַרימטקייט אַלס געלערנטער.

בארבאו: „מזל־טוב אייך פאר אייער אייניקל פון בארי׳ן.“ בארי איז צו יענער צייט נאך ניט געווען פארהייראט, ער איז נאך אפילו ניט געווען פאר׳קנס׳ט. מאמענטאן האט זיך דער לערער בארבאו פאר־לארן. ער האט אבער גלייך פארשטאנען, אז אזא מזל טוב וואלט אים ה׳ ראבינאוויטש ניט אפגעגעבן, און טאקע גלייך גייט צו אים ראבי־נאוויטש צו מיט א בוך (אן אלמאנאך אין רוסיש, ארויסגעגעבן פון דעם קרעמענטשוגער ראבינער פריידענבערג), ווייזט אים אן ארטיקל פון בארי׳ן און זאגט: „איר זינדיקט דאך אויך אונטער אין אזעלכע זאכן.“

## 14. נאכ׳ן קעשענעווער פאגראם

אויב אין 1881 האבן בארי׳ס עלטערן צוזאמען מיט אים עמיגרירט פון זאלאטאנאש קיין פאלטאווע, האט אבער דער קעשענעווער פאגראם באוואויגן זיינע עלטערן צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן פאר גאר א ווייטער נסיעה. זיי האבן באשלאסן צו עמיגרירן נאך אמעריקע. עס האבן זיך אנגעהויבן פארהאנדלונגען און איבערדענקונגען, אויב אלע זאלן גלייך פארן, אדער נאר געוויסע מיטגלידער פון דער משפחה זאלן דערווייל פארן. בארי האט אבער דערקלערט, אז ער קען בשום אופן ניט פארן. אונטער דער צייט איז ער א חתן געווארן פאר דער איצטיקער מוטער פון זיינע צוויי קינדער, ליובא בארבאו, דעמאלט ליובא מעלצער. אמת, ניט ער, ניט זיינע עלטערן אדער זיין כלה׳ס עלטערן זיינען געווען אין א לאגע, אז מען זאל קענען עמיגרירן אלע צוזאמען, און נאך מיט א פארגרעסערטער משפחה. דאך, ביי א געוויסער אנשטרענגונג פון יעדנס זייט וואלט מען עס געקענט ווי עס איז דערמעגלאכן. עס האט זיך אבער גלייך ארויסגעוויזן, אז אויסער דעם דערמאנטן מאטיוו, וואס בארי האט לפנים אנגעגעבן צו זיינע עלטערן, איז געווען זייער א טיפע סבה, וועלכע קיינער און קיין זאך האט ניט געקענט באזייטיקן.

נאך דעם קעשענעווער פאגראם פון פסח 1903 האט זיך פארשפרייט א פאגראם־שרעק צווישן אלע אידן אין רוסלאנד, און דא און דארט האבן זיך אנגעהויבן גרינדן זעלבסט־שוץ־געזעלשאפטן. פון זייטיקע קוואלן האבן זיך בארי׳ס עלטערן דערוואוסט, אז ער טיילט אוים געווער צו מיטגלידער פון דעם זעלבסט־שוץ. זיי האבן אבער ביי אים קיין זאך ניט געפרעגט וועגן דעם, ווייל דאס איז געווען גאנץ קאנספיראטיוו און עס איז צו זיי איבערגעגעבן געווארן בסודי סודות. אבער ד ע ר פעריאד באלאנגט שוין צו דער צייט, ווען בארי איז שוין געבליבן אין רוסלאנד און זיינע עלטערן זיינען אוועקגעפארן קיין אמעריקע. וועגן דער טעטיקייט און דעם פלאץ, וואס בארי האט פארנומען אין דער זעלבסטשוץ־באוועגונג, וועלן שוין געוויס זיינע חברים קענען געבן מער אינפארמאציע און א בעסערע אפשאצונג. אלזא קענען מיט דעם אייגנטלאך פארענדיקט ווערן די זכרונות, וואס זיין פאטער האט אונטערנומען צו שרייבן וועגן אים.

דאָך בעט זיך אַ נאָכוואָרט, נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן.

## 15. נאָכוואָרט

גענוג אין דריטער פּערזאָן! נישקשה, כ׳מעג פֿילן שטאַרקער די בּיטערקייט פֿון דעם פֿאַרלוסט. כ׳האָב אַלס דער פֿאָטער פֿון אַזאַ אוצר געמעגט האָבן מער פֿאַרשטאַנד, ווי אָפּצוהיטן אים און ניט דערלאָזן צו דער מעגלאַכקייט פֿון אַזאַ טראַגישן, קאַטאַסטראָפֿאַלן סוף. אמת, מיט דעם מאַנעוור פֿון איבערגעבן אַלץ אין דריטער פּערזאָן האָט אויך ניט אַלע מאָל זיך מיר איינגעגעבן אָפּצואַווענדן, צי פֿאַרקלענערן די טיפֿקייט פֿון מיין בראָך; מערערע מאָל איז מיר אויסגעקומען איבעררייסן מיין אַרבעט, ביז די זודיקע טרערן זיינען אָפּגעקילט געוואָרן אויף אַזוי פֿיל, אַז איך זאָל קענען ווייטער פֿאָרזעצן. דאָך, באַרואיקנדיק זיך אַביסל, האָב איך טיילמאָל זיך אַזוי פֿאַרגעסן, אַז מיר האָט זיך אַפֿילו איינגעגעבן אַרויסצוברענגען אַ שפּאַס, אַ קאָמיזם. אין וואָס קען באַשטיין דעם לעזער׳ס שולד, אַז ער זאָל דאַרפֿן באַלעסטיקט ווערן, באַשטראָפֿט זיין מיט טויטן ערנסט? ווי באַלד אָבער דער וויכטיקסטער טייל פֿון מיין אַרבעט איז שוין פֿאַרענדיקט, מעג איך ווידער פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דער ביטער־ניש, וואָס כ׳האָב געפֿילט אין אָנפֿאַנג פֿון אָט דער שילדערונג.

אַלזאָ, צוריק צו נאַטירלאַכער אַרבעט. ווידער אין ערשטן פּערזאָן. איך האָב אין זינען געהאַט, צווישן אַנדערעס, אויך צו וואַרפֿן אַ ליכט אויף דער שיינבאַרער מעטאַמאָרפֿאָזע, אויף דעם באַשיינפּערלאַכן אומ־נאַטירלאַכן שפּרונג, וואָס מאַנכע פֿון די, וואָס שילדערן בער באָראָכאָוו׳ן, שרייבן אים צו; איך גלויב, אַז ביז אַ געוויסער מאָס האָט זיך דאָס מיר איינגעגעבן. זיי וועלן אַפֿילו אויסגעפֿינען, אַז זיין פּועלי־ציוניזם און זיין שפּעטער אַנטפּלעקטע טעאָריע פֿון „סטיכישע נויטווענדיקייט“ האָט געהאַט איר אורשפּרינגלאַכע יניקה אין יענער אַטמאָספֿערע, וואו ער האָט געהאַט צו פֿאַרקערן אין זיינע קינדער־יאָרן און וואו, טאַקע דורך דער „אומבאַוואוסטזיניקער“ סטיכישער נויטווענדיקייט, עס האָבן זיך איינ־געלעבט די אידעען פֿון אַלוועלטלאַכן סאָציאַליזם זייט ביי זייט מיט די אידעען פֿון אולטראַ־ציוניזם.

איך וויל דאָ נאָך אָנצייגן אויף צוויי שפּעטערדיקע מאָמענטן פֿון ב. באָראָכאָוו׳ס קורצן לעבן.

אין גיכן נאָך אונזער קומען קיין אַמעריקע, האָבן זיך אָנגעפֿאַנגען פֿאַרהאַנדלונגען וועגן בערי׳ס אַריבערקומען אַהער. באַזונדערס מעגלאַך האָט עס אויסגעזען נאָך זיין חתונה, און עס זיינען שוין געווען פֿאַרטיק אַלע פּלענער. פּלוצלונג באַקומען מיר אַ ידיעה, אַז דעם פּלאַן פֿון פֿאָרן אין אַמעריקע מוזן זיי דערווייל אויפֿגעבן, ווייל די געשעענישן אין רוס־לאַנד (די איבערקערעניש אין 1905־1906) רופֿן אים אַהין. דערביי האָט

ער געבעטן אונזער ברכה פון עלטערן, אַז ער זאָל באַגליקן אין זיין וועג און אין זיינע האַנדלונגען. ער האָט אונז אויך געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך ניט באַאומרואיקן, אויב ער וועט ניט שרייבן, ווייל ער וועט זיין זייער באַשעפטיקט; „אויב מיט אים וועט עפּעס פּאַסירן, וועלן מיר געוויס הערן פון דעם.“ ליידער, איז דאָס, אביסל שפּעטער, מקוים געוואָרן...

---

ווען ער איז שוין געווען אין אַמעריקע, און איך האָב אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט אים אויסגעדריקט מיין פאַרדרוס און צער, פאַרוואָס איך בין צו אים זייער שטרענג געווען און פלעג אים שטאַרק באַשטראָפן פאַר יעדן „פאַרברעכן“ (די אַנדערע קינדער האָב איך זייער זעלטן באַשטראָפט, מאַנכע קיין מאָל מיט קיין האַנט ניט באַרירט), האָט ער, כדי צו באַרואיקן מיך, ווי זיין שטייגער איז אַלע מאָל געווען, געזאָגט: „איך וואָלט געוויס ניט געווען דאָס, וואָס איך בין, ווען ניט דיין שטרענגקייט“, דערביי דער־מאָנענדיק מיר שלמה המלך'ס „חוסך שבטו — שונא בנו“, און דעם רוסישן: „פאַר איין געשלאָגענעם גיט מען צוויי ניט־געשלאָגענע, און מען נעמט נאָך ניט.“

ליובע באָראָכאָוו:

# דיין אָפּשיד

(אויס׳ן „בוך פון אונזער לעבן“)

„אין אזא צייט איז ניט שווער צו שטאַרבן!“ — האָסטו אויסגערופן אין שטאַרקער באַגייסטערונג, לייענענדיק די ידיעות וועגן די געשעענישן אין רוסלאַנד, אין מערץ 1917. כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַר דיין מוטיקער באַציאונג צום טויט, הגם פון קיין פּחד האָסטו קיינמאָל ניט געוואוסט...

ס׳האָט דיך געצויגן קיין רוסלאַנד. אָבער נאָך עטלאַכע חדשים האָט געדאַרפט געבוירן ווערן אונזער צווייט קינד. האָסטו גובר געווען דיין באַגער און באַשלאָסן אָפּצולייגן די נסיעה קיין רוסלאַנד און זיך איבער־צוגעבן דיין וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט.

האָבן אָבער דיינע חברים אָנגעהויבן דיך רופן. יעדן טאָג פלעגן קומען טעלעגראַמעס. איינמאָל, דריי ביינאַכט, ווען דו ביזט געקומען פון אַ פאַרזאַמלונג און איך האָב דיר געוויזן די לעצטע צוויי טעלעגראַמעס, וואָס רופן דיך אַהין, האָסטו אויסגערופן: „איך קען דאָס ניט מער איבערטראָגן: איך מוז פאָרן.“ און וואָכן לאַנג האָב איך געוויינט, אָן אויפהער: וואָס זאָל איך טאָן? פאָרן מיט דיר? בלייבן?

דו האָסט מיר פאַרגעלייגט, צו בלייבן. אָבער וואָס וועט דאָ זיין מיט מיר, מיט די קינדער? ווי זאָל איך דאָ בלייבן מיט די צוויי קינדער־לאַך אָן דיר? ס׳וועט דאָך קיין שמייכל ניט קומען איבער מיינע ליפּן די גאַנצע צייט, וואָס דו וועסט זיין דאָרט אין רוסלאַנד און איך מיט די קינדער דאָ אין אַמעריקע. וויי, וואָס פאַר אַ טעות איך האָב געהאַט! נאַאיוו בין איך געווען. כ׳האָב ניט געוואוסט, וואָס ס׳וואַרט אויף מיר! זע, אפילו ווען ס׳שטאַרבט אַוועק דער טייערסטער מענטש אין לעבן, לערנט זיין פרוי נאָך יאָרן ווידער שמייכלען — הגם אפילו אַנדערש, ווי אַמאָל — אָבער דאָך שמייכלען און זיך פרייען מיט דער זון, מיט דער בלום, מיט׳ן זאַנפטן ווינטל, וואָס בלאָזט.

— „און טאָמער וועט זיך דיר טרעפן אַן אומגליק?“ — האָב איך פאַר דיר געוויינט.

— „אַן אומגליק קען זיך טרעפן אומעטום, אויך גייענדיק אין גאַס.“

און דו זאָגסט מיר אַנטשלאָסן:

— „אַ סאָלדאַט בין איך. מ׳רופט מיך און איך מוז גיין!“

זיינען מיר אַלע געפאָרן, דו, איך און אונזער ליכטיק מיידעלע, וואָס איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פינף יאָר און וואָס האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר רוסלאַנד, וואו „מ׳שיסט“ און „מ׳הונגערט“.



ליובע און בער באָראָכאָוו

איך האָב געקוקט אויפ'ן קינד און דאָס הארץ האָט מיר פארקלעמט. וועט זי מיר ניט ערגעץ וואו פארלוירן גיין? אויפ'ן וועג? אין רוסלאַנד? דאָס הארץ האָט אין מיר געציטערט.

— קינד מיינס, זאָל פּאַפּאַ אַליין פאָרן אין רוסלאַנד און מיר זאָלן דאָ בלייבן? צי זאָלן מיר אַלע פאָרן אין רוסלאַנד?

— איך וויל, אַז מיר זאָלן אַלע בלייבן דאָ. וועט ער פאָרן אַליין, וועט ער בענקען נאָך אונז. וועלן מיר אַלע פאָרן — וועלן מיר דערטרונקען ווערן.

— קינד מיינס, ווען פּאַפּאַ וואָלט דעמאָלט ניט געפאָרן אין רוסלאַנד, וואָלט ער זיכער ניט אַזוי שנעל פארלאָזט דאָס לעבן און אונז. — —

— דאָס שיף וועט אונז ברענגען אין צפון-אייראָפּע און פון דאָרט וועלן מיר זוכן אַ וועג צו קומען אין רוסלאַנד.

אָבער איך דאַרף דאָך געלעגן ווערן, אין עטלאַכע וואָכן בלויז. אַך, ווי שלעכט מיר איז. אַזוי פיל יאָרן האָבן מיר אָפּגעלעבט אָן זיכערקייט מיט'ן מאָרגנדיקן טאָג. איצט צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך עפּעס ווי ס'איז איינגעאָרדענט. און פּלוצים אַלץ איבערלאָזן, וואָגלען וויַיט, וויַיט, צו מלחמה, רעוואָלוציע, פּיין און שרעק.

צו וואָס האָב איך נאָר וואָס איבערגעקומען די שווערע קראַנקהייט, די געפערלאַכע אָפּעראַציע? וואָס וואַרט אויף אונז? וואָס וועט ווערן פון די קינדער? וואָס וועט זיין מיט אונז?

דו אָבער האָסט אינגאַנצן געלעבט מיט'ן געדאַנק וועגן רוסלאַנד. ס'האָט דיך געצויגן אַהין, דו האָסט קיין רו ניט געפונען. עלף יאָר ביזטו דאָרט ניט געוועזן.

* * *

מיר זיינען אַריבערגעפאָרן דעם אָקעאַן. איך בין געבליבן אין שוועדן. דו ביזט געפאָרן וויַיטער. איך וואַרט אויף דיינע בריף. איך וואַרט אויף אַ קינד.

האַסטיק אַנטוויקלען זיך די געשעעענישן.

* * *

דעם ערשטן אויגוסט ווערט געבוירן אונזער זונעלע. דו האָסט נאָך ניט באַקומען די דערלויבעניש, אַריינצופאָרן אין רוסלאַנד. באַקומענדיק די טעלעגראַמע, אַז דאָס קינד איז געבוירן, קומסטו צוריק קיין סטאָקהאָלם. פריילאַך, לוסטיק, אויפגעראַמט. „איך דאַנק דיר, טייערע, וואָס דו האָסט געבוירן אַזאַ פּראַכטיק באַשעפעניש."

— איך וואָלט עס קיינמאָל ניט וועלן איבערלאָזן! אַזוי וואָלט איך עס שטענדיק וועלן טראָגן אויף די הענט, — האָסטו געזאָגט דעם דריטן טאָג נאָך דיין צוריקקומען, דריקנדיק צום הארצן דיין קליינינקן זונעלע.

און דו האָסט זיך געגרייט צו פאָרן אין רוסלאַנד.

— ווי וועסטו בענקען נאָך אונז. — האָב איך געזאָגט מיט פרייד

און שמאַרץ. און טיף אין האַרצן האָט עפּעס אָנגעהויבן וועבן זיך אַ שטיקל האָפענונג, אפשר וועט דיין שטאַרקע ליבשאַפט דיך אָפּהאַלטן, אוועק־צופאָרן אין רוסלאַנד אָן אונז.

— וואָס קען מען טאָן? איצט איז אַ צייט, ווען מ׳מוז פאַרבייגן דאָס פריוואַטע לעבן. אָט האָב איך אַזוי פיל יאָרן אָפּגעאַרבעט אויף מיינע פאָרשונגען, און איצט מוז איך זיי איבערגעבן דער צענזור, אין פרעמדע הענט.

און דו ביזט פון אונז אוועקגעפאָרן. נאָך ביי דיין לעבן זיינען פאַר־לוירן געוואָרן דיינע פאָרשונגען. און פונ׳ם לעבן ביזטו אוועק איינזאַם, ווייט פון אונז דרייען, ווייט פון מיר, פון דיין קליינער טעכטערל, ווייט פון דיין זונעלע, דעם פיר־חדשים׳דיקן.

י. בן־צבי:

# פון די גרינדונגס־טעג

(יוגנט־זכרונות)

## 1

בער באָראָכאָוו'ן האָב איך געקענט זינט זיינע יונגט־יאָרן, ווען ער איז אַלט געווען צוועלף אָדער דרייצן יאָר. אין דער היים און צווישן חברים פלעגט מען אים רופן פאַרצויגן אויף רוסיש — „באָריא", און ערשט אין אַ שפּעטערער תקופה פון זיין לעבן, ווען ער איז, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע אַנשויאונגען און זיין געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט, אַריבערגעגאַנגען פון רוסיש אויף אידיש, האָט זיך אויך זיין נאָמען געביטן אויף „בערל". אָבער די שפּראַך, וואָס אין איר האָט ער גערעדט און געטראַכט, די שפּראַך פון גאַס און שול, וואָס אין איר איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן דער רוב פון דער אידישער יוגנט אין אוקראַינע אין די נייַנציקער יאָרן פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, — איז געווען די רוסישע.

באָראָכאָוו'ס עלטערן זיינען פונ'ם פריערדיקן דור פון השכלה. דער פאָטער איז געווען אַ העברעאישער לערער אין פּאָלטאַווע — איצט איז ער אַ העברעאישער לערער אין אַמעריקע — און האָט פאַרדינט זיין ברויט דורך שווערער אַרבעט טאָג און נאַכט, סיי אין שולן, סיי אין פּריוואַטע לעקציעס. אונטער'ן צאַרישן פּאָליטישן רעזשים, וואָס האָט נע'רודפ'ט מיט באַזונדערע גזרות די שטרעבונג פון די אידן נאָך בילדונג, פלעגט מען עס באַטראַכטן פאַר אַ גרויס גליק, אויב איינעם האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוברענגען זיין זון אין אַ רעגירונגס־גימנאַזיע. און קוים איז אַזאַ בחור אַריין אין גימנאַזיע, פלעגט זיך דער פאָטער געוויינלאַך שוין ניט שטאַרק אינטערעסירן מיט זיין אידישער דערציאונג.

אַזוי האָבן מיר געהאַט אין פּאָלטאַווע מענטשן, איבערגעגעבענע דעם געדאַנק פון חבת ציון, וואָס האָבן אַלע יאָרן געקעמפט קעגן דער אַסימילאַציע. קוים האָט זיי אָבער צוגעשפּילט דאָס גליק, אַריינצוברענגען זייערע קינדער אין די רעגירונגס־שולעס (רוסישע, נאַטירלאַך), האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט זייער אידישע דערציאונג. אַן ענלאַכע זאַך האָט געטראָפן מיט'ן יונגן באָריא.

די אוקראַינישע גובערניע־שטאָט פּאָלטאַווע האָט זיך ניט אויסגע־

צייכנט מיט קיין מאסן־באפעלקערונג און רעש'דיקייט. אחוץ עטלאכע מילן, האט זי ניט פארמאגט קיין פאבריקן, נאר בלויז קליינע מלאכה; אויך מיט קיין גרויסן מסחר האט זי זיך ניט געקענט בארימען, אחוץ עטלאכע „יארידן“ זומער־צייט, ווי למשל דער באקאנטער יאריד אויפ'ן נאמען פון אליהו הנביא. די דאזיקע רואיקע און שטילע שטאט האט געלעבט בעיקר פונ'ם מסחר מיט די ארומיקע שטעטלאך און דערפער. פון דעם האבן געצויגן זייער פרנסה דער רוב אידן, אנדערע האבן זיך באשעפטיקט מיט מלאכה און פשוט'ער ארבעט. מחמת דעם פעלן פון א לעבעדיקער עקאנאמישער באוועגונג און פון א קענטיקן פראלעטאריאט, האט זיך דא ניט אנטוויקלט קיין זעלבשטענדיקע ארבעטער־באוועגונג, ניט ביי אידן, ניט ביי דער איבעריקער באפעלקערונג. אבער אויב ס'איז ניט געווען קיין ממשות'דיקער יסוד פאר דער אנטוויקלונג פון דער פראלעטארישער באוועגונג, האט שוין געזארגט דערפאר די צארישע רעגירונג, וואס האט אויסגעקליבן די דאזיקע שטילע שטאט פאר א פארשיקונגס־ארט, פאר א מין געטא פאר רעוואלוציאנערן. אזוי האט געוואלט דער גורל, אז דא, אין פאלטאווע, זאלן זיך קאנצענטרירן דורך דער גזרה פון דער מאכט א סך פון די בעסטע כחות פון דער רוסישער אינטעליגענץ, מענטשן ווי דר. וואלקענשטיין (פון דער אלטער רעוואלוציאנערער פארטיי „נאראדנאיא וואליא“) מיט זיין פרוי, קאראלענקא מיט זיין הויז־געזינד, ביי וועמען ס'איז געווען א מין פארזאמלונגס־פלאץ פאר אלע אנהענגער פונ'ם פרייהייטס־געדאנק; אהער פלעגט מען פארשיקן אויך פאליטישע „פארברעכער“ פון דער נייער תקופה, די גרינדער פון דער איסקרא און פון דער סאציאל־רעוואלוציאנערער פארטיי, טאלסטאי'ס אנהענגער א. א. וו. צווישן אנדערע געדענק איך, למשל, מארטאוו, ברוך סטאלפנער א. א. וו.

א דאנק איר באזונדערן מזל האט בכן פאלטאווע זוכה געווען צו ערשט־ראנגיקע אינטעלעקטועלע כחות, וואס האבן רעפרעזענטירט פארשידענע שטראמען אין דער רוסישער רעוואלוציע. זייער איינפלוס איז געווען שטארק אויף די מוחות פונ'ם יונגן דור, באזונדערס אויף דער אידישער יוגנט, וואס האט זיך דערצויגן אין צוויי רעגירונגס־גימנאזיעס און איין רעאל־שול. איך געדענק נאך פון מיינע קינדער־יארן די אפטע לעקציעס אויף פילאזאפישע, געזעלשאפטלאכע, עקאנאמישע, קולטורעלע און פאליטישע טעמעס, וואס פלעגן אפגעהאלטן ווערן צום טייל לעגאל, על פי רוב אבער ניט־לעגאל, אין פריוואטע הייזער, שולן און בתי־מדרשים.

פאלטאווע איז אבער ניט נאר געווען א רעוואלוציאנערע סביבה, פול מיט אלגעמיינע סאציאלע און מענשליכע אידעען, נאר אויך א צענטער פון דער יונגער אידישער נאציאנאלער באוועגונג. די חבת־ציון האט זיך געשאפן א נעסט אין פאלטאווע נאך אין די אכציקער יארן, און באראכאוו'ס פאטער, משה אהרן באראכאוו, איז געווען איינער פון יענעם אינטימען קרייז, וואס האט דורכגעטראכט און אויסגעטראגן דעם ציוניזם אין פאלטאווע. האנט אין האנט מיט דער פראקטישער באוועגונג פאר ארץ־

ישראל (ס׳לעבן נאָך צווישן אונז אין ארץ ישראל עטלעכע פון די ערשטע בילו׳ים, צווישן זיי אויך פּאַלטאַווער), האָט דאָ אויפגעשפּראָצט אויך אַ קולטורעלע באַוועגונג און אַ גייסטיקע פּאַראינטערעסירונג מיט דער אידישער געשיכטע, מיט דער נייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, די קולטור־ווערטן פונ׳ם אידנטום, העברעאישער דערציאונג, מאָדערניזירטע שולן, אידישע ביבליאָטעקן א. א. וו.

צווישן די דאָזיקע צוויי שטראָמען איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן באָריא, וואָס איז געווען באַשענקט מיט אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די שטראַלן פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג און די שטראַלן פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. צווישן „איסקרא“ *) פון איין זייט און „בני משה“ און חובבי ציון פון דער צווייטער זייט, האָט ער געמוזט זיך אויסהאַקן זיין וועג. אין אַ גלייכער לאַגע האָבן זיך געפונען אַ סך פון דער יוגנט אין זיין צייט, און אויך אין פריערדיקן דור. אַ טייל זיינען אַוועק רעכטס, אַ טייל לינקס. אָבער סיי די, סיי די האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אַ פּ א ר ט י ק ע ר ז א ך און האָבן צוגעמאַכט די אויגן, כדי ניט צו זען, וואָס ס׳טוט זיך אין צווייטן לאַגער. די חסידים פון דער אַסימילאַציע ה א ב ן ז י ך נ י ט ו ו י ס נ ד י ק ג ע מ א כ ט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע. זיי האָבן געטאָן ווי דער שטרויס־פויגל, וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ און טראַכט, אַז קיינער זעט אים ניט. די אַנהענגער פונ׳ם אידישן נאַציאָנאַליזם ווידער האָבן מיט געוואַלט אַרויסגעריסן פון זייער קרייז דעם פּראָבלעם פון קלאַסן־קאַמף, וואָס עקזיסטירט אין דער אידישער און ניט־אידישער וועלט, און האָבן אים אָפּגעלייגט אויף לעתיד לבוא, צי ווייל זיי האָבן אומבאַוואוסטערהייט געהאַט אַן אומקלאָרע ראיה, צי ווייל זיי האָבן בכונה אַליין פאַרשמעלערט זייער האָריזאָנט. ניט די ערשטע און ניט די צווייטע האָבן ניט געגעבן דער זוכנדיקער יוגנט קיין פולן ענטפער אויף אַלע אירע באַדערפענישן און ספקות. אַ סך האָבן געפילט די סתירה פון די געגעבענע תשובות און די איינזייטיקייט פון די צוויי שטראָמען, ביז ס׳האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג אַ נייער שטראָם, און זיך דערוואָרבן עקזיסטענץ־רעכט אין דער אידישער ווירקלאַכקייט. דער דאָזיקער נייער שטראָם, וואָס נעמט אַרום ביידע פראַגן, די נאַציאָנאַלע און די סאָציאַלע, איז — דער פּועלי־ציוניזם, אָדער דער סאָציאַליסטישער ציוניזם. פּאַלטאַווע איז געווען איינער פון די פּונקטן, וואָס פון זיי האָט זיך אַרויסגעריסן דער דאָזיקער קוואַל, און באָראָכאָוו — איינער פון די גרויסע מייסטער, וואָס האָט געגעבן דעם יונגן שטראָם זיין ריכטונג.

נאָך בעת ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע, האָט ער זיך מחוץ פון די ווענט פון דער גימנאַזיע צוגעגרייט פאַר זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט. שוין פון קינדרווייז אָן האָט ער זיך צונויפגעלייגט זיין גייסטיקן פאַרמעגן:

*) אַזוי איז דעמאָלט אָנגערופן געוואָרן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, נאָך איר אומלעגאַלן אויסלענדישן אָרגאַן „איסקרא“ (דער פונק).

אין מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, שפּראַכן, געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיע, עטיק, לאָגיק, פילאָזאָפיע א. א. וו. די דאָזיקע תקופה האָט זיך געצויגן ביז צו זיין ניינצענטן לעבנס־יאָר. אין יענער צייט איז בערל נאָך געשטאַנען מחוץ פון וועלכער ס'איז פּאַרטיי. אָבער ער האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זיין באַזונדערן געזעלשאַפטלאַכן חוש. מ'האָט אין אים שוין דעמאָלט געקאָנט דערקענען דעם שפּעטערן גייסטיקן פירער פון זיין דור. ווען בערל איז אַלט געווען זיבעצן אָדער אַכצן יאָר האָט ער צונויפגעקליבן אַרום זיך אַ גרופּע יונגע לייט, פון זיין עלטער און איינגערע פון אים, און האָט געלערנט מיט זיי פילאָזאָפיע און היסטאָריע. באָראָכאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט דורך טיפקייט און דרייסטקייט, דורך זיינע געדאַנקען גופא און דורכ'ן אופן, ווי ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט. איך געדענק נאָך גוט יענע צייט, ווען מ'פלעג זאָגן אין שטאָט: „מ'קען ניט קריגן אין שטאָט די ווערק פון קאַנט און שאָפּענהויער, אַ סימן — אַז באָראָכאָוו מיט זיין חברה באַשעפטיקן זיך גראָד מיט דער דייטשער פילאָזאָפיע." אַן אַנדערטמאָל איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף ספרים וועגן עטיק — אַ סימן אַז באָראָכאָוו מיט זיינע חברים האַלטן גראָד ביי עטיק. זיינע לעקציעס וועגן איבסען — ווי וועגן די דריי גרויסע מאָראַ־ליסטן ניטשע, שטירנער און גיאָ, — האָבן זיך קונה שם געווען נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן. איך געדענק, אַז ס'איז אַמאָל געקומען קיין פּאָלטאַווע דער אַלטער פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע לעסעוויטש. באָראָכאָוו, דעמאָלט אַכצען יאָר אַלט, האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן אַרויסצוגיין אין אַ פּאָלעמיק מיט'ן באַרימטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך טאַקע אויף אים דערקענט און אים געליובט אין די אויגן.

דאָס אַלץ איז געווען אין דער „פּאַר־היסטאָרישער" תקופה, ד. ה. פאַר באָראָכאָוו'ס געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט. דאָס איז אָבער געווען זיין פילאָזאָפיש־טעאָרעטישע צוגרייטונג צו זיין שפּעטערער טעטיקייטס־תקופה. ווען ער איז געווען אין אַכטן קלאַס גימנאַזיע (אַרום 1900 בערך), איז שטאַרקער געוואָרן זייז פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און ער האָט זיך אין איר אָנגעשלאָסן אין פּאָלטאַווע, שפּעטער אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אַזוי ווי בעיקר איז זיין טעטיקייט פאָרגעקומען אין יעקאַטערינאָסלאַוו, זיינען מיר ניט באַקאַנט די פּרטים פון יענער תקופה.*) איך ווייס בלויז, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע

*) אין זיינע זכרונות (וואָס וועלן פּובליקירט ווערן אין אַ שפּעטערן באַנד), דערציילט באָראָכאָוו, אַז אין יאָר 1900 האָט ער צוזאַמען מיט שמעון דאָבין געגרינדעט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַריין. דער ערשטער עפנטלאַכער אַרויסטריט פונ'ם פאַריין איז געווען די אָרגאַניזאַציע פונ'ם זעלבסט־שוץ (אַגב דעם ערשטן זעלבסט־שוץ בכלל) בעת דעם קליינעם פּאָגראָם אין שטאָט, פּסח 1901; דער צווייטער אַרויסטריט איז געווען אַ סטרייק פון מענער־שניידער, סוכות 1901. 1903-1905 האָט זיך באָראָכאָוו דערווייטערט פון די פּועלי־ציון צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך, הגם ניט אָפיציעל, געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון „ניט־פּראָלע־לעטאַריזירונג". (זע ווייטער, זייט 190, אָנמערקונג. — ב. ל.).

לעקציעס אין ענגע קרייזלאַך, סיי צווישן דער אינטעליגענץ, סיי צווישן די אַרבעטער. זיין אַרבעט אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַלט אויס אין ווינטער 1900־1901. אָבער באַריאַ האָט, זעט אויס, ניט גע־פונען קיין פולע באַפרידיקונג אין דער דאָזיקער אַרבעט: צי דערפאַר, ווייל ער האָט געדאַרשט אונטערצוטונקען און פאַרטיפן זיך אין די קאָמ־פּליצירטקייטן פון דער סאָציאַליסטישער תורה און צו שעפן פון׳ם ערשטן, לעבעדיקן קוואַל — און ער האָט ניט באַפרידיקט זיין דורשט פון אַ צווייטער אָדער דריטער כלי און מיט׳ן דרייען זיך אַרום די גדולי הדור; אָדער גאָר, ווייל ער האָט ניט געפונען אין דער פּאַרטיי און אין איר ליטעראַטור קיין באַפרידיקנדיקע תשובה אויף דער נאַציאָנאַלער אידישער פראַגע, וואָס האָט אים ניט צורו געלאָזט. ער האָט געהאַט גענוג מוט, ניט צו באַהאַלטן די ספקות און איבערטראַכטענישן, וואָס האָבן אים גע־פייניקט, און דורכדעם האָט ער אַרויסגערופן געגן זיך דעם חשד מצד די דאָגמע־היטערס.

דער קעשענעווער פּאָגראָם איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער אויף דער אידישער יוגנט ביים אָנהויב פון׳ם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מיט אַ פּאַס פון בלוט האָבן די געשעענישן אונטערגעשטראָכן די סתירה צווישן דער פאַלשער טעאָריע פון העכסטן קאָסמאָפּאָליטיזם און דעם פּראָבלעם פון דער ווירקלאַכקייט. די דאָזיקע געשעענישן האָבן אויך געגעבן אַ שטאַרקן שטויס דער פאַראינטערעסירונג פון בערל׳ען מיט׳ן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און דעם איבעררייסן די פאַרבינדונגען מיט׳ן גאָלדענעם וועג, וועלכער פירט צום תהום פון אַסימילאַציע.

איך געדענק ווייטער, אַז בערל׳ס פאַראינטערעסירונג איז געוואַקסן אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן וכוח, וואָס האָט זיך דערוועקט אַרום ביקערמאַנ׳ס אַנטי־ציוניסטישן אַרטיקל „אַ סיאָניזמו אי פּאַ פּאָוואָדו סיאָניזמאַ“, וועל־כער איז ערשינען אין זשורנאַל „רוסקאַיאַ באָגאַטסטוואָ“ אין 1902. באַראָכאָוו האָט געשריבן אַן אויספירלאַכן ענטפער־אַרטיקל, און איידער ער האָט אים איבערגעגעבן צום דרוק האָט ער אים פאָרגעלייענט עטלאַכע מאָל פאַר אַ געקליבענעם פּובליקום פון די בעסטע כחות פון די פאַרשידענע פּאַרטייען. די דאָזיקע לעקציעס האָבן אַרויסגערופן שאַרפע וכוחים און אַ טעאָרעטישע פאַרטיפונג איז דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די השפּעה פון די דאָזיקע לעקציעס, אין וועלכע באַראָכאָוו האָט געגעבן אַן אַנאַליז פון די באַגריפן: נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע, קלאַס און נאַציע א. א. וו. אויף דער פּאָלטאַווער יוגנט איז געווען אַ שטאַרקע. באַראָכאָוו׳ס תשובה ביקערמאַנ׳ען האָט ניט זוכה געווען צו דערשיינען. (דער טעם איז געווען, וואָס די אַלגעמיינע רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן זיינען געלעגן אין די הענט פון אַסימילאַטאָרישע אידן אָדער פון אַזעלכע רוסן, וואָס האָבן זיך אין די דאָזיקע פראַגן גערעכנט מיט דער מיינונג פון זייערע איד יש־אַסימילאַטאָרישע פריינט און לעזער, און האָבן דעריבער ניט געגעבן קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע שטאַרקע

נאציאנאלע גרענקען, וואס האבן געפונען זייער אויסדרוק ביי באראכאוו׳ן.)
אבער דער עצם אויפקלערונג און דער ברייטער וכוח, אין וועלכע ס׳האבן זיך באטייליקט סיי אידן סיי „גויים“, חברים פון „איסקרא“ און פון דער סאציאל־רעוואלוציאנערער פארטיי, ציוניסטן און עקסטרעמע אסימילאטארן — דער עצם אויפקלערונג פון דער דאזיקער פראגע האט געגעבן באראכאוו׳ן א רייכן מאטעריאל פאר זיינע שפעטערע ארבעטן אויפ׳ן געביט פון באהאנדלען די אלע באגריפן, למשל אין „אונזער פלאטפארם“, „קלאסן־אינטערעסן און נאציאנאלע פראגן“, און א מאסע אנדערע ארבעטן.

בעת דעם דאזיקן וכוח האט באראכאוו, אויף וויפיל איך געדענק, זיך צוריקגעצויגן פון יעדער פרקטישער ארבעט און זיך אומגעקערט צו זיין טעארעטישער ארבעט, צו לייענען און שרייבן, רעפעראטן און חברים־שמועסן. צו יענער תקופה געהערן זיינע ערשטע ארבעטן. וואס זיינען דערשינען אין דרוק, ווי „וועגן דעם כאראקטער פונ׳ם אידישן שכל“, און די שריפט „צו דער פראגע וועגן ציון און טעריטאריע“ (1905, נאכ׳ן זעקסטן ציוניסטישן קאנגרעס.)

א נייע ענדערונג איז פארגעקומען ביי בערל׳ען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אוגאנדע־קריזיס. ער האט אנגענומען א שטעלונג קעגן דעם טעריטאריאליזם און האט באשלאסן צו ווידמען זיינע כחות צו פראקטישער ארבעט. דאס איז געווען סוף 1904. יונג און פול מיט פרישן כח, האט זיך באראכאוו ארייגעווארפן אין דער אגיטאציע פאר׳ן ציוניזם. ער האט זיך ארויסגעוויזן אלס א גלענצנדער רעפערענט און ערשט־קלאסיקער דעבאטאנט. ער איז דורכגעפארן די מייסטע שטעט פון ליטע און פוילן, איז דערנאך ארומגעפארן איבער שטעט פון אוקראינע, וואלין און פאדאל, און אין משך פון עטלאכע חדשים האט ער זיך דערווארבן א גרויסן נאמען איבער דער גאנצער ברייט פונ׳ם תחום. אינטערעסאנט איז, אז אויף דער דאזיקער נסיעה האט באראכאוו געהאלטן זיינע לעקציעס אויף רוסיש (אפילו אין ווילנער שול), ווייל ער האט נאך ניט באהערשט אין א גענוגנדער מאס אידיש.

באראכאוו׳ס נסיעות האבן אים געבראכט אין פארבינדונג מיט די אידישע מאסן, מיט וועלכע ער האט זיך ניט געקענט באקענען אין פאלטאווע. דא האט ער זיך אויך צום ערשטן מאל באקענט מיט דער אידישער ארבעטער־פארטיי „בונד“, וועלכער איז אפילו געווען עלטער אין יארן. האט אבער אנגענומען א נעגאטיווע שטעלונג צום עיקר־פראבלעם פונ׳ם אידישן ארבעטער אלס איד און צו זיין שטרעבן נאך נאציאנאלער באפרייאונג און נאך דער פארזיכערונג פון זיין צוקונפט אויף א פעסטן באדן, נאך עקאנאמישער זעלבסטשטענדיקייט.

אין די געגנטן, אין וועלכע ס׳זיינען געווען קאנצענטרירט די אידישע מאסן, בפרט די ארבעטנדיקע. האט באראכאוו געפונען דעם זיכערן באדן פאר דער סימפאטישער באוועגונג. וועלכע ער האט פון שטענדיק אזוי געטראגן אין הארצן. זיינע באגעגענישן און זיין דערפארונג מיט די ארבעטנ־

דיקע און דענקענדיקע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן, ליטע און דעם דרום־מערב'דיקן ראַיאָן, האָט באַרייכערט זיין גייסטיקן פאַרמעגן דורך דער פּראַקטישער באַקאַנטשאַפט מיט'ן מצב פון'ם אידישן פאָלק. באַוואָפנט מיט די דאָזיקע כלי־זין און מיט דעם דאָזיקן וויסן, איז באָראָכאָוו אַריינגעטראָטן אין דער גרינדונגס־תקופה פון דער פּאַרטיי, אין דער צווייטער העלפט פון תרס"ה (1905).

## 2

די דאָזיקע תקופה, ביי וועלכער מיר האַלטן איצט, איז די תקופה פון'ם אָנהויב פון דער קאָנסאָלידירונג פון'ם פּועלי־ציוניסטישן אָדער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק. פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון זיך אַליין גלייכצייטיק אין אַלע עקן פון רוסלאַנד און מחוץ רוסלאַנד: אין ווילנע, וואַרשע, אָדעס, מינסק, קרים, יעקאַטערינאָסלאַוו, ראָסטאָוו, אין צענטראַל רוסלאַנד, א. א.

אַלע די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דיפערענצירט לויט זייערע אָנשויאונגען און מאָטיוון, און נאָר דער איינציקער צענטראַלער געדאַנק — דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, די פאַראייניקונג פון די צוויי שטרעבונגען, ציוניזם און סאָציאַליזם, צו אַן איינהייט — האָט זיי פאַראייניקט צו אַ באַזונדערער באַוועגונג, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די גאַנץ־אַסימילאַטאָרישע, אָדער דריטל־ און פערטל־אַסימילאַטאָרישע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג פון איין זייט, און די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכער ס'האָט געפעלט יעדע פאַרשטענדעניש פאַר קלאַסן־אינטערעסן און יעדע סאָציאַלע באַזירונג — פון דער צווייטער זייט. דער רוב פאַראיינען זיינען שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „פּועלי־ציון".

די דאָזיקע פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט לויט דריי מאָמענטן: ע ר ש ט נ ס, לויט איר שטעלונג צום פּאָליטישן קאַמף „אויפ'ן אָרט". לויט'ן דעמאָלטיקן פּאַרטיי־זשאַרגאָן האָבן זיך די חברים בכן צוטיילט אין פּ."ק.'יסטן (ראשי תיבות פון פּאָליטישער קאַמף) און אַנטי־פּ."ק.'יסטן. צ ו ו י י ט נ ס, לויט דער שטעלונג צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך — העברעאיסטן און אידישיסטן. ד ר י ט נ ס, לויט דער שטעלונג צו ארץ ישראל און אוגאַנדע (נאָך אַ קורצער צייט האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אוגאַנדע די „טעריטאָריע").

צוליב פולקייט דאַרף איך דאָ נאָך דערמאָנען צוויי עיקרים, בנוגע וועלכע די באַוועגונג האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט: אין דער שטעלונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס און צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג. אָבער די חילוקי דעות בנוגע דעם קאָנגרעס איז געקומען צום אָפענעם אויסדרוק ערשט אין אַ שפּעטערער תקופה, און דער אונטערשייד אין דער וועלט־אָנשויאונג (סאָציאַליסטיש, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, מאַרקסיסטיש, רעוויזיאָניסטיש) האָט אָפילו געשפּילט אַ וויכטיקע, אָבער דאָך ניט קיין אָנטשיידנדיקע ראָלע. באַזונדערס איז אָפּגעווישט געוואָרן די באַדייטונג

פון די אידעאָלאָגישע חילוקים, זינט דער „סיימיזם“ איז געקומען אויף דער וועלט.

די ערשטע פאָרמאַציע, וואָס האָט זיך באַלד קאָנסאָלידירט, איז געווען די מינסקער ריכטונג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר נעגאַטיוועך שטעלונג צום פּאָליטישן קאַמף. זיי האָבן זיך באַגרעניצט בלויז אויף עקאָנאָמישער טעטיקייט און האָבן זיך געוואָלט האַלטן ווייט פון פּאָליטיק. אין דעם פּרט האָבן די מינסקער ניט געוואונען כמעט קיין שום אָנהענגער אין די פאַרשידענע טיילן פונ׳ם תחום און זיינען געבליבן פאַראייַנזאַמט. אַלע איבעריקע פאַראייַנען זיינען געווען נעשטימט פאַר׳ן פּאָליטישן קאַמף.

די צווייטע מחיצה איז, ווי געזאָגט, געווען די שפּראַכלאַכע. אַ סך פאַראייַנען, בעיקר אין ליטע, זיינען געווען העברעאיסטישע, ד. ה. זיי האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז העברעאיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך. אַנדערע — ווי למשל די מינסקער ריכטונג, און דוכט זיך אויך די פּוילישע חברים, זיינען מער געווען גענייגט צו אידיש. אין אוקראַינע, ווי למשל אין פּאָלטאַווע און, אויב כ׳האָב ניט קיין טעות, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איז געווען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו העברעאיש, הגם דאָרט איז קיינמאָל ניט געווען קיין נעגאַטיווע שטעלונג צו אידיש. אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז אין דרום־רוסלאַנד (פּאָלטאַווע, קרים) זיינען דאָס אַלץ געווען אַבסטראַקטע פראַגן, ווייטע פון דער קאָנקרעטער ווירקלאַכקייט; ווארום די הערשנדיקע שפּראַך צווישן די אדישע מאַסן איז געווען ניט העברעאיש און ניט אידיש, נאָר — רוסיש.

דער דריטער מאָמענט, וואָס האָט צוטיילט די באַוועגונג, איז געווען די פראַגע: „ציון אָדער טעריטאָריע“. זי האָט צוריסן די באַוועגונג אין צוויי טיילן, וואָס זיינען כמעט ניט געווען פאַרבונדן צווישן זיך. דער ערשטער האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיך דער טעריטאָריאַליסטישער טייל, וועלכער האָט אין זיין צייט אַרויסגעגעבן די באַקאַנטע „דעקלאַראַציאָן“, וואָס די פּאַלעסטינישע פּועלי־ציון פלעגן זי רופן אויף ליצנ׳ישן לשון „דאָס ס.כ.׳ישע בענטשערל“, צוליב דעם מיניאַטור־פאָרמאַט, אין וועלכן זי איז געווען געדרוקט. דאָס באַווייזן זיך פון די טעריטאָריאַליסטישע ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם, האָט איבערראַשט די פּאַלעסטינישע פּועלי־ציון, ווייל די לעצטע האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן. אַ דאַנק דעם דאָזיקן ביישפּיל האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אָרגאַניזירונג ביי די פּאַלעסטינישע פּועלי־ציון: אין דער פּאָלטאַווער גובערניע, אין פּוילן, ליטע, קרים, אין דרום־מערב׳דיקן ראַיאָן. שווער איז אויך געווען די אויפגאַבע פון די ארץ־ישראל׳דיקע פּועלי־ציון; ווארום אומעטום האָבן זיי געהאַט אַ טאָפּעלע און דרייפאַכע מלחמה: אין ליטע מיט׳ן „בונד“ און מיט די „מינטשוקעס“ (מינסקער פּועלי־ציון, וואָס זיינען געווען קעגן פּאָליטישן קאַמף), אין פּוילן מיט׳ן „בונד“ און מיט די פּ. ס., אין דרום־רוסלאַנד מיט די „איסקראַ“ און מיט די ס. ר.,

און אויפ'ן גאַנצן פראָנט איז נאָך צוגעקומען אַ נייער שונא — אַ צ י ו נ י ס ט י ש ע  אַ נ ט י ־ פּ אַ ל ע ס ט י נ י ש ע  פּ אַ ר ט ײ , די פּאַרטיי ס. ס. און אַזוי האָט זיך אין דער דאָזיקער מלחמה און אונטער דעם דאָזיקן דרוק אַנטוויקלט אַ טיפער אינערלאַכער פּראָצעס, די קאָנ־סאָלידאַציע פון די אינערלאַכע כחות צו איין ארץ־ישראל'דיקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען דער זיבעטער ציוניסטישער קאָנגרעס, דער ערשטער נאָך הערצל'ס טויט און נאָך אוגאַנדע. בעת דעם דאָזיקן קאָנגרעס, אויף וועלכן ס'האָבן זיך באַגעגנט פּועלי־ציון פון אַלע ריכטונגען און פון אַלע לענדער, איז אויף דער באַראַטונג אין ציוריך געלייגט געוואָרן דער יסוד צו אַן אייניקער פּאַרטיי. אין דער דאָזיקער באַראַטונג האָט זיך באַטייליקט אויך באָראָכאָוו. און דעמאָלט, גלויב איך, איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער אינערלאַכער באַשלוס, צו פאַרבינדן זיין גורל מיט'ן גורל פון דער נייער באַוועגונג, פון דער ארץ־ישראל'דיקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

אין יענעם מאָמענט האָט אָבער די יונגע באַוועגונג באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אינווייניק, אַ קלאַפּ, וואָס האָט געדראָעט זי חרוב צו מאַכן און פּאַרטיליקן. דאָס איז געווען אַ נייע שפּאַלטונג אינערהאַלב דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. ס'האָט זיך געשאַפן די פּאַרטיי סיימיסטן אָדער י. ס. (יידישע סאָציאַליסטן). די דאָזיקע פּאַרטיי איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ זיווג פון צוויי פאַקטאָרן: פון איין זייט די אינטעליגענץ פון דעם קרייז, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „אויפלעבונג" („וואָזראָזשדעניע"), על פּי רוב סטודענטן, וועלכע האָבן באַקומען זייער בילדונג אין אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, און פון דער צווייטער זייט אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטער־מאַסע, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּועלי־ציון. די סכנה פון דעם דאָזיקן קלאַפּ איז געווען גרעסער ווי די סכנה פון די ס. ס.; די לעצטע זיינען לכל הפּחות געווען באַקאַנט מיט זייער קלאָרער, נעגאַטיווער שטעלונג צו ארץ ישראל, און די מאַסע האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף קעגנער און געוואוסט זיך צו רעכענען מיט זיי ווי מיט אַזעלכע. די סיימיסטן אָבער האָבן קיינמאָל ניט מודה געווען וועגן זייער נעגאַטיווער שטעלונג צו ארץ ישראל, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן הויך פּראָקלאַמירט, אַז אין זייערע שורות איז דאָ פּלאַץ פאַר עקסטרעמע פּאַלעסטיניסטן, פּונקט ווי פאַר עקסטרעמע טעריטאָריאַליסטן. ביי זיי איז נאָך ניט געקומען די צייט צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע: ארץ־ישראל אָדער טעריטאָריע, און זי שטייט ניט אויפ'ן סדר היום, כל זמן מיר האָבן נאָך ניט דערגרייכט די  נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ פּ ע ר ס אָ נ אַ ל ע  אַ ו י ט אָ נ אָ מ י ע . די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז, סיי צייטלאַך, סיי לאָגיש אַ פאָרבאַדינג פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, אָן אַ חילוק, צי זי וועט פאַרווירקלאַכט ווערן אין ארץ ישראל אָדער אין אַן אַנדער לאַנד. דער קאַמף מיט די י. ס. איז געווען אַ סך

שווערער ווי דער קאמף מיט די ס. ס. אין זיין צייט. די ס. ס. האבן קאקעטירט מיט זייער אַרטאָדאָקסאַל - מאַרקסיסטישער שטעלונג צו דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פראַגע און האָבן זיך וואָס ווייניקער באַנוצט מיט נאַציאָנאַלער אַרגומענטאַציע, בשעת די י. ס. האָבן, פאַרקערט, אונטער־געשטראָכן זייער נאַציאָנאַלע זייט, זיך אַ סך פאַרנומען מיט'ן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם אין גלות און פּראָקלאַמירט אַן אומ'ברחמנות'דיקן קאַמף קעגן דער גאַנצער אַסימילאַציע פון „איסקראָ" און פּ. פּ. ס. און קעגן דער האַלבער אַסימילאַציע פונ'ם „בונד". דאָס אַלץ האָט זיי פאַרשאַפט אַ גוטן נאָמען צווישן די מאַסן פון די פּועלי־ציון, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיי געוואונען אַ העלפט פון דער פּאַרטיי־אָנהענגערשאַפט; די פּועלי־ציון זיינען געשטאַנען פאַר דער סכנה ניט נאָר פון אַ שפּאַלטונג, נאָר פון אַ פולער צעפאַלונג.

צו די אַלע אויבן־דערמאָנטע שונאים איז בכן צוגעקומען נאָך אַ קעגנער, וואָס איז געווען געפערלאַכער פון זיי אַלע. און אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון אינערלאַכער מלחמה קעגן דער ליקווידאַציע פונ'ם פּאַלעס־טיניזם, פּונקט ווי אונטער'ן דרוק פון דער אויסערלאַכער מלחמה קעגן דער אַסימילאַציע איז געבוירן געוואָרן די פּאַרטיי פּועלי־ציון.

באַראָכאָוו איז צוריקגעקומען פונ'ם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואוהין ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי ליובע, פּונקט צו דער ריכטיקער צייט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע און די כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס איז געקומען נאָך איר. פאַרנדיק אין אויסלאַנד איז באַראָכאָוו נאָך געשטאַנען אין די שורות פונ'ם אַל־געמיינעם ציוניזם; *) קומענדיק צוריק האָט ער זיך גלייך געשטעלט אין די שורות פונ'ם פּראָלעטאַרישן ציוניזם און געשטעלט זיך פאַר אַ ציל, צו שטאַרקן די דאָזיקע שורות, וואָס זיינען צעבראָכן געוואָרן דורכ'ן לעצטן פאַרראַט פון די סיימיסטן.

אָפיציעל איז באַראָכאָוו צוגעטראָטן צו דער פּאַרטיי אויף דער ראַיאָן־באַראַטונג אין פּאָלטאַווע (נאָוועמבער, 1905), וואו ער האָט זיך באַטייליקט אינ'ם אויסאַרבעטן דאָס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי. די פּאָלטאַווער באַראַטונג איז געווען אַ ווענד־פּונקט אינ'ם גורל פון דער פּאַרטיי; זי האָט געגעבן אַ נייעם שטוים דער מלחמה מיט דער סיימיסטישער ליקווידאַציע און געשאַפן אַ נייע סטראַטעגישע פעסטונג פאַר'ן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם. זי האָט ניט בלויז באַשאַפן אַ נייעם פּועלי־ציוניסטישן ראַיאָן, נאָר געגעבן נייע לאָזונגען און געשאַפן אַ נייע קאַמף־טריבונע, דעם רוסישן זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ", וועלכער איז פון אָנהויב געווען בלויז דער אָרגאַן פונ'ם פּאָל־טאַווער ראַיאָן, און ערשט שפּעטער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צענטראַלן אָרגאַן פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג, וואָס איך בין געווען איינער פון אירע צונויפרופער און אָנפירער,

*) זע די באַמערקונגען זייט XXXVI און 190. — ב. ל.

האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיין יוגנט־פריינט בער באָראָכאָוו אַלס פּאַרטיי־חבר.

באַלד נאָך דער באַראַטונג האָט זיך באָראָכאָוו מיט זיין גאַנצן פרישן יוגנט־כח אריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן די ס. ס. און סיימיסטן; זיין עיקר ציל איז נאַטירלאַך געווען ניט דער צוגויפשטוים גופא און דער ווערטער־נצחון, נאָר אַ סך אַ וויכטיקערע זאַך, די צוגרייטונג פונ׳ם אַל־רוסלענדישן צוזאַמענפאָר און די קאָנסטיטואירונג פון דער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי.

דאָס איז געווען אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע. בעת דער פּאָל־טאַוועער באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער פּאָליטישער סטרייק (די ערשטע האָבן פאַרסטרייקט די באַן־אַרבעטער). באַלד איז אָבער אויס־געבראָכן אַ שורה בלוטיקע פּאָגראָמען אויף די אידן. מיר איז אויסגעקומען צו זען מיט מיינע אויגן די רעזולטאַטן פונ׳ם שרעקלאַכן פּאָגראָם אין יעקאַטערינאָסלאַוו. איך בין אָנגעקומען אַהין צוליב פּאַרטיי־ענינים אויף מאָרגן נאָכ׳ן פּאָגראָם און האָב זיך באַטייליקט אין דער לויה פון זיבעציק פּאָגראָם־קדושים.

פון פּאָלטאַווע זיינען מיר, באָראָכאָוו און איך, געפאָרן אַלס דעלע־גאַטן פון דער באַראַטונג צו דער קאָנפערענץ פונ׳ם דרום־מערב־ראַיאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בערדיטשעוו אין דעצעמבער, 1905. אהער זיינען נעקומען פאַרטרעטער פון פּועלי־ציון פון די ראַיאָנען פון קיעוו, פּאָדאָל, וואָלין און בעסאַראַביע. אונטער אויסערגעוויינלאַכע באַ־דינגונגען איז די באַראַטונג זיך צונויפגעקומען: בעת אין דרויסן זיינען ארומגעפלויגן, ווי ווילדע חיות, די קאָזאַקן און זיך נאָכגעיאָגט נאָך יעדן, וואָס האָט זיך דערוועגט שפּעט אין אָוונט ארויסצוגיין אין גאַס און איז שוין דערמיט אַליין געוואָרן חשוד, אַז ער האָט אַ שייכות צו די „דעמאָ־קראַטן", האָבן מיר זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ קליין צימערל און ביים שיין פון אַ צאַנקענדיקן ליכטל האָבן מיר טעג און נעכט פאַרבראַכט אין טעאָרעטישן קאַמף.

באָראָכאָוו איז פּונקט געווען שווער קראַנק און האָט געמוזט ליגן אין בעט. די טעג זיינען געווען קאַלטע און נאַסע, און די נסיעה איז פאַר אים געווען געפערלאַך. אָבער ווער ווער וועט דאָס זיך רעכענען מיט פּערזענלאַכע סכנות, בעת ס׳רופט דער אינטערעס פון דער פּאַרטיי? אין מיטן דער קראַנקהייט, ביי אַ הויכער טעמפּעראַטור, פאַרלאָזט ער זיין משפחה און פאָרט מיט מיר צו דער קאָנפערענץ. ער איז הייזעריק און קען קוים אויס־ריידן אַ וואָרט. צווישן איין זיצונג און דער צווייטער בין איך אים באַהילפיק ביים אָנווענדן פאַרשידענע רפואות צום האַלז און דערנאָך קערט ער זיך אום צום קאַמף־פּלאַץ.

ניט קוקנדיק אויף דער קראַנקהייט, ווערט באָראָכאָוו דער הויפּט־וואָרט־פירער פונ׳ם פּאָלעסטינישן צד און די צענטראַלע פּערזענלאַכקייט פון דער גאַנצער קאָנפערענץ. פונ׳ם צד שכנגד זיינען געקומען אַלע גדולים

צו דער גרויסער שלאכט: איך געדענק נחום שטיף (וועלכער איז, דאכט זיך, דעמאָלט באַקאַנט געווען אונטער'ן נאָמען מארק), וולאַדימיר פאַבריקאַנט (אַ סטודענט טעכנאָלאָג פון פּאָלטאַווע, איינער פון די הויפּט־פירער פון „וואָזראָזשדעניע"), ישראל־זרובבל א. א. דער קאַמף האָט זיך געצויגן לאַנג, איבער צען טעג. פאַרמעל איז די פּאַרטיי אפילו נאָך געבליבן גאַנץ, אָבער אינ'ם ראַיאָן זיינען שוין געווען צוויי צדדים, און גאָר אין גיכן איז פאָרגעקומען די פאַקטישע שפּאַלטונג. און איך בין פעסט איבערצייגט, אויפ'ן יסוד פון מיין באַטייליקונג און פון מיינע ידיעות וועגן דעם דעמאָלטיקן מצב, אַז ווען ניט באָראָכאָוו'ס קומען צו דער קאָנפערענץ און ווען ניט די פריער־אָפּגעהאַלטענע פּאָלטאַווער באַראַטונג, וואָלט דער דאָזיקער גאַנצער גרויסער ראַיאָן אַוועק מיט די סיימיסטן, און דער רעשט פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי וואָלט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען.

ד בעררדיטשעווער שפּאַלטונג איז געווען נאָר אַ רינגעלע אין דער קאָנסאָלידירונג פון דער פּאַרטיי. באָראָכאָוו איז אַרומגעפאָרן אין ליטע און אין פאַרשידענע שטעט פונ'ם דרום־מערב־ראַיאָן, האָט צוגעגרייט דעם באָדן טעאָרעטיש, און האָט פאַרבונדן די אַלע פּונקטן מיט אונזער צייטווייליקן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פּאָלטאַווע. מיר זיינען אויך געווען פאַרבונדן מיט פּוילן, קרים, צענטראַל־רוסלאַנד. אַזוי זיינען צוביסלאָך צוגעגרייט געוואָרן די פאַרבינדונגען און דער מאַטעריאַל פאַר'ן ערשטן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער פּאָלטאַווער צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט פּורים תרס"ו (1906) און האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַלרוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון.

דער פּאָלטאַווער צוזאַמענפאָר האָט זיך באַשעפטיקט מיט צוויי ענינים: מיט'ן קלאָר מאַכן די יסודות פונ'ם פּועלי־ציוניזם און מיט'ן פעסטשטעלן די אָרגאַניזאַטאָרישע פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי. צען טעג האָט זיך געצויגן די קאָנפערענץ און האָט זיך געענדיקט אין איילעניש — אונטער'ן דרוק פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אָבלאַוועס אין דער גאַנצער שטאָט, נאָכשפּיאָנירונגען מצד שפּיאָנען און אפשר אויך פּראָוואָקאַטאָרס — מיט דער וואַל פונ'ם צענטראַל־קאָמיטעט, אויף וועלכן ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע, ניט נאָר דורכצופירן די באַשלוסן פונ'ם צוזאַמענפאָר, נאָר אויך צו באַאַרבעטן די אידעאישע און טעאָרעטישע יסודות פונ'ם פּועלי־ציוניזם. צווישן די מיטגלידער פונ'ם צ. ק. איז געווען אויך באָראָכאָוו.

דער צוזאַמענפאָר איז אויסגעשפּירט געוואָרן דורך פּאָליציי, און עטלאַכע פון די אָנפירער זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַ געוויסער צייט, צווישן זיי אויך באָראָכאָוו. די אַנדערע מיטגלידער פונ'ם צ. ק. האָבן אָבער באַוויזן אַרויסצובאַקומען זיך פון פּאָלטאַווע און האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קאָנסטאַנטינאָגראַד, כדי צו באַאַרבעטן דאָס טעאָרעטישע פּראָגראַם פון דער נייער פּאַרטיי. אָבער נאָך אַ טאָג אָדער צוויי האָבן מיר דערזען, אַז

אין דעם קליינעם שטעטל זיינען די באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט זייער שווערע מחמת דער סכנה פון אויסשפּיאָנירונג מצד דער פּאָליציי. מיר האָבן דעריבער אַריבערגעטראָגן אונזער אַרבעטס־פּלאַץ אין אַ ווייטערן פּונקט, וואָס איז געווען ווייטער פונ'ם תחום המושב און פון די זוכנדיקע אויגן פון דער צאַרישער פּאָליציי. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן קיין סמעלי־טאָפּאָל, די הויפּט־שטאָט פון קרים, וואו ס'האָט געוואוינט פעליקס מענטשיקאָווסקי (אַ מיטגליד פונ'ם צ. ק., היינט אַרבעט ער אין ארץ־ישראל ביי דער ציוניסטישער אַגראַרישער פאַרזוך־סטאַנציע און איז ווייט פון פּאָליטיק). דאָ האָבן מיר פאַרבראַכט קרוב צו דריי וואָכן מיט דער באַאַרבעטונג און פאָרמולירונג פון „אונזער פּלאַטפאָרם“.

אויסערלאַך האָבן מיר איינגעאָרדנט אונזער אַרבעט אַזוי, אַז מען זאָל זי אין שטאָט ניט באַמערקן. מיר זיינען די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ באַזונדער צימער; עסן פלעגן מיר גיין יעדערער באַזונדער, כדי מ'זאָל אויף אונז ניט ווערן אויפמערקזאַם. דעמאָלט זיינען גראָד פאָרגעקומען לעקציעס פון סיימיסטן, אָבער בלויז אויף איינער פון זיי איז באָראָכאָוו אַרויסגעטראָטן אין דער דיסקוסיע און איז באַלד פאַרשוואונדן, כדי מען זאָל ניט געוואָר ווערן, אַז מיר געפינען זיך אין שטאָט.

דער אינערלאַכער סדר פון אונזער אַרבעט איז על פּי רוב געווען אַזעלכער: באָראָכאָוו האָט פאָרגעלייענט, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן וכוחים, ביז מען געקומען צו אַ געוויסער מסקנה. אַלץ איז פאַרצייכנט און פאָרמולירט געוואָרן און אַזוי זיינען מיר געגאַנגען פון איין פראַגע צו דער צווייטער. פראַגן זיינען געשטאַנען פאַר אונז אַ סך: נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם; נאַציע און קלאַס; פילאָזאָפישער אַנאַליז פון די יסודות פון נאַציאָנאַליזם, — זיין סטאַטיק און דינאַמיק; די פראַגע פון אַסימילאַציע און קאָנקורענץ (דאָס איז געווען איינער פון די גרונט־שטיינער, אויף וועלכן די סיימיסטן האָבן אויפגעבויט זייער טעאָרעטישן בנין); דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנאַליז פון די פּראָלעטאַרישע פאַר־טייען אין אידישן פאָלק; די יסודות פון דער פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון אַ פאָלק וואָס געפינט זיך אין דער מינאָריטעט, און די יסודות פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, און, ניט צום סוף, די קומענדיקע רעאַליזירונג פונ'ם ציוניזם דורך דער אָנשטרענגונג פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס, ניט נאָר אַלס ציל נאָר אַלס בהדרגה'דיקער רעזולטאַט פון זיין נאַציאָנאַלער און קלאַסן־פאַרפעסטיקונג. די דאָזיקע פאַרפעסטיקונג קומט אויף צוויי וועגן: דורך דער שטאַרקונג פון זיין פּאָזיציע דאָ וואו ער לעבט און ווירקט איצט, און דורך דער שאַפונג פון זיין פּאָזיציע דאָרט, אין דעם לאַנד פון זיין צוקונפט.

דער דאָזיקער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויס באָראָכאָוו'ס רעפעראַטן און אויס די וכוחים, האָט געדינט אַלס רויער מאַטעריאַל פאַר באָראָכאָוו'ן, וועלכער האָט אויפגעבויט פון אים איין סימעטרישן בנין און אים אָנגערופן מיט'ן באַשיידענעם נאָמען „אונזער

פלאטפארם".

דער דאזיקער גאנצער טעארעטישער בנין, וועלכער האט זיך געשטיצט בלויז אויף דער גלות־ווירקלאכקייט — ווייל דעמאלט האבן מיר דאך נאך ניט געהאט קיין שום ארבעטער־פאזיציע אין ארץ ישראל — איז ניט געווען און האט ניט געקענט זיין קיין פולער, ווייל אין אים האט געפעלט זייער א וויכטיקער עיקר: די באזירונג אויף דער קאנקרעטער ארבעט און דעם קאנקרעטן לעבן פון ארץ ישראל. צוליב דעם היסטארישן אמת דארף געזאגט ווערן, אז דעמאלט האבן זיך שוין יא געהאט אנ־געהויבן די ערשטע פארבינדונגען צווישן אונז אין חוץ לארץ און די ערשטע חלוצים אין ארץ ישראל. דער שרייבער פון די דאזיקע זכרונות איז געווען דער ערשטער, וואס האט געהאט באזוכט אויף א קורצער צייט ארץ ישראל אין זומער 1904· דעמאלט האב איך זיך פארבונדן מיט די ערשטע עולים פון די ליטווישע חלוצים. עטלאכע חלוצים פון האמעל, מיטגלידער פון דעם זלעבסט־שוץ, וואס זיינען נאכ'ן פאגראם אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, האב איך באגעגנט אין דער פערמע סעדזשערא, דעם פארשטארבענעם חבר יחזקאל חאנקין אין ראשון־לציון אדער פתח־תקוה, די ברידער ישראל און אליעזר שוחט ביי דער ארבעט אדער שמירה איז די וויין־גערטנער פון ראשון־לציון. דאס איז געווען סוף תרס"ד. אבער בעת דער גרינדונג פון דער פארטיי, ווינטער תרפ"ו, זיינען שוין געקומען אין לאנד צענדליקער פון די נייע חלוצים פון פוילן, ליטע, און דרום־רוסלאנד, בפרט פון ראסטאוו. די דאזיקע גאנצע עליה איז געווען פון איין זייט א פראקטישער ענטפער אויף דער טעריטאריאליסטישער ליקווי־דאציע — און דא האט געשפילט א ניט קליינע ראל דער רוף פון אוסישקין און וויטקינ'ס בריוו, — פון דער צווייטער זייט זיינען צענדליקער חברים פון דעם זעלבסט־שוץ באלד נאך די שרעקלאכע פאגראמען אין דרום־רוסלאנד געפארן קיין ארץ ישראל.

בעת דעם צוזאמענפאר, און נאך פריער, זיינען מיר געשטאנען אין פארבינדונגען מיט די ערשטע חלוצים אין ארץ ישראל, און זייערע בריוו זיינען פארעפנטלאכט געווארן אין אונזערע אידישע און רוסישע צייטונגען. איך געדענק, אז מיר זיינען פריער געשטאנען אין פארבינדונג מיט ראס־טאווער חלוצים וואס זיינען אוועקגעפארן באלד נאך די פאגראמען, שפעטער, אין דעם ווילנער פעריאד, מיט חבר ד. בן־גוריון. אבער אונזערע פאזיציעס אין לאנד זיינען געווען ארעמע, און נאך ארעמער אונזערע ידיעות וועגן דעם, וואס עס קומט פאר אין לאנד. און דאס האט גורם געווען צו א סך פעלערן אין דער טעארעטישער באגרינדונג פון „אונזער פלאטפארם". פון דאנען נעמט זיך, למשל, באראכאוו'ס אפאזיציע קעגן אפענהיימער'ס געדאנק פון קאאפעראטיווער קאלאניזאציע, ביי וועלכער ער האט זיך א צייט לאנג געהאלטן. איך וויל דא ניט קריטיקירן און אפילו ניט איבער־געבן דעם תמצית פון באראכאוו'ס שיטה. פונדעסטוועגן דארף דא באַ־מערקט ווערן, אז איינער פון די גרונט־עיקרים וואס איז פון אנהויב געווען

דער באַזונדערער קנין פון די פּועלי־ציון און איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער ארבעטערשאַפט אין לאַנד און אַלע אירע פאַר־בינדעטע אין חוץ לאָרץ, דער געדאַנק, אַז די גאולה פונ׳ם אידישן פאָלק און דער אויפבוי פון ארץ ישראל איז מעגלאַך נאָר דורכ׳ן ארבעטער־קלאַס, — דער דאָזיקער געדאַנק איז צום ערשטן מאָל ארויסגעזאָגט געוואָרן אין „אונזער פּלאַטפאָרם“.

די פּלאַטפאָרם איז געדרוקט געוואָרן שטיקערווייז. דער אָנהויב אין די דריי נומערן פון „יעווריעסקאיא ראַביאַטשאיא כראָניקא“, דער המשך אין דעם צווייטן נומער „מאָלאָט“, וואָס איז דערשינען אין סימפעראָפּאָל. די דאָזיקע צוויי זשורנאַלן זיינען דערשינען אין רוסיש, און אַזוי איז די „פּלאַטפאָרם“ פאַרשפּרייט געוואָרן בלויז אין רוסישן אָריגינאַל. מיט׳ן ארייננדרינגען פון דער באַוועגונג פון דרום־רוסלאַנד קיין פּוילן און ליטע האָט זיך אָבער דערפילט דאָס באַדערפניש ארויסצוגעבן די „פּלאַטפאָרם“ אין אידיש. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ רעדאַקציע אין לאָדזש, אויף ארויסצוגעבן די „פּלאַטפאָרם“ אין דער איבערזעצונג פון זלמן רובאַשאָוו (זומער 1906). דער פּלאַן איז אָבער ניט אויסגעפירט געוואָרן, אַזוי אַז בלויז דער סוף פון דער „פּלאַטפאָרם“ איז דעמאָלט דערשינען אין אידיש אין ווילנער „פאָרווערטס“ („די ראָל פון דעם ארבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם“). די גאַנצע „פּלאַטפאָרם“ איז איבערזעצט געוואָרן אין אידיש ערשט נאָך דער מלחמה. אונטער די קאַפּיטלאַך פון דער „פּלאַטפאָרם“ פלעגט באָראָכאָוו זיך באַנוצן מיט דעם פּסעוודאָנים „שטענדיקער“, אָדער „פּאָסטאָיאַני“.

די פּאָלטאַווער תקופה האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּלוצלונגדיקער קאַטאַסטראָפע. די פּאָליציי האָט אויסגעשפּיאָנירט דעם געווער־לאַגער פון דעם פּועלי־ציוניסטישן זעלבסט־שוץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע אויספאָרשונג וועגן די ענינים פון דער פּאַרטיי. דער שרייבער פון די שורות האָט געמוזט אַנטלויפן פון פּאָלטאַווע און די צאַרישע רעגירונג האָט אויס נקמה ארעסטירט זיינע עלטערן און די גאַנצע משפחה. שפּעטער זיינען ארעסטירט געוואָרן אויך דער אָפיציעלער ארויסגעבער פון דער „כראָניק“, ל. מעלצער, אַ ברודער פון ליובע באָראָכאָוו, און באָראָכאָוו גופא. די איבעריקע מיטגלידער פון צ. ק. האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן און אריבערצופירן דעם צ. ק. קיין ווילנע. דאָס איז געוועזן די פאָדערונג פון באָראָכאָוו פאַר זיין ארעסט. אַזוי האָט זיך דער צענטער פון אונזער ארבעט אריבערגעטראָגן קיין ירושלים דליטע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אויך אין דער פּאָלטאַווער טורמע האָט באָראָכאָוו געפונען אַ מעגלאַכקייט פאַר פּאָליטישער ארבעט. צווישן די ארעסטאַנטן האָבן זיך געפונען אַ סך פּויערים, וואָס זיינען ארעסטירט געוואָרן צוליב דער אַגראַריש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און באָראָכאָוו האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ שורה לעקציעס אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לאַכע טעמעס; וועגן די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און קלאַסן־

קאמף, נאציאנאלער עקאנאמיע און סאציאליזם. ניט קיין סך ווייסן, אז אין דער אוקראינישער סאציאל־דעמאקראטיע האט זיך געשאפן א באזונדערע ריכטונג, וועלכע האט פאראייניקט די נאציאנאל אוקראינישע שטרעבונגען מיט'ן סאציאליסטישן געדאנק און האט אנגענומען אלס א יסוד באראכאוו'ס געדאנקען, וועלכע זיינען ארויסגעזאגט געווארן אין דער בראשור „קלאסן־אינטערעסן און נאציאנאלע פראגע". די דאזיקע ריכטונג האט זיך אפילו אנגערופן „באראכאוויסטן".

א לאנגע צייט איז באראכאוו געזעסן אין טורמע, אבער אויך פון דארט איז ער געשטאנען מיט אונז אין פארבינדונג, ביז עס האט זיך אונז צום סוף מיט גרויסע שוועריקייטן איינגעגעבן צו באפרייען אים אויף ערבות ווינטער תרס"ז. נאך א געוויסער צייט איז ער אוועק אין אין אויסלאנד.

דערמיט האט זיך פארענדיקט די פאלטאווער תקופה, די גרינדונגס־תקופה פון דער פארטיי, און עס האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה, אין וועלכער די פארטיי איז געווארן א מאסן־פארטיי, וואס האט געלעבט און געווירקט צווישן די אידישע מאסן פונ'ם תחום המושב.

ש. קאַפּלאַנסקי:

# באָראָכאָוו אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג

איך האָב געפּרואווט זיך פאַרטיפן אין באָראָכאָוו׳ס שריפטן, אויסצו־געפינען, וועלכע ווערטן אין זיינע שאַפונגען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט, און וועלכע טיילן פון זיין געדאַנקען־בנין זיינען בלויז קינדער פון זיין צייט און תקופה און וועלן מיט זיי אוועקגיין. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן פּרואוו. לייענענדיק, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט צוואַנציק יאָר און נאָך מער צוריק, האָב איך זיך פון דאָס ניי איבערצייגט, אַז אַ סך פון באָראָכאָוו׳ס געדאַנקען, וועלכע האָבן אונז דעמאָלט, און אפילו ערשט מיט צען יאָר צוריק, אויסגעזען זייער ווייט פון דער ווירקלאַכקייט, ווי אַ פאַריבערגייענדיקער טריבוט פון דעם דענקער און קעמפער צום גייסט פון זיין צייט און צו די באַדערפ־נישן פון פּאָלעמיק, — האָבן שפּעטער באַקומען אַ נביאישן ווערט. און פּונקט ווי אין טאָג פון באָראָכאָוו׳ס טויט איז געווען צו־פרי, אָפּצושאַצן אים און זיין היסטאָריש ווערק, אַזוי, דוכט זיך מיר, פאַרמאָגן מיר נאָך היינט אויך ניט די נויטיקע דיסטאַנץ צו זיין גייסטיקער אַרבעט, וואָס זאָל מאַכן מעגלאַך פאַר אונז צו באַטראַכטן זיין פּערזענלאַכקייט און זיינע אויפטואונגען אין זייער אמת׳ן היסטאָרישן ליכט.

מיר וועלן ניט געטריי זיין צום גייסט פון אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער, אויב מיר לאָזן זיך אויפ׳ן וועג פון קאַנאָניזירן, פון פאַרשפּרייטן אַ טלית פון קדושה און פון אייביקן אמת איבער אַלץ, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן און געזאָגט. פאַר מיר איז קלאָר, אַז פּונקט ווי מיר, וועלן די קומענדיקע דורות אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ניט נאָר לערנען פון באָראָכאָוו׳ן, נאָר אויך קריטיש זיך ראַנגלען מיט אים. אויך היינט איז פאַר אונז ניט פאַרבאָרגן, אַז ניט אַלע טיילן פון באָראָ־כאָוו׳ס תורה זיינען פון אַ גלייכן ווערט, און אויפ׳ן שטח פון אייביקייט זיינען דאָ תחומים און גרעניצן. אָפטמאָל דוכט זיך מיר, אַז די אויס־פאָרשונג, די פאַנאַנדערשיידונג פון דעם דענקער און דעם מסביר, פון דעם ווייטן אויסקוקער און דעם סביבה־צוגעבונדענעם צייטמענטשן, אַז דווקא די היסטאָרישע און וויסנשאַפטלאַכע קריטיק וועט פאַר אונז אויפ־דעקן די אמת׳ע גאונות פון באָראָכאָוו.

אויב מיר ווילן דאָך זיך אַליין זאָגן, וואָס איז באָראָכאָוו געווען פאַר אונז און פאַר אונזער דור, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז געווען ד ע ר

פ א ר ש ע ר א ו ן ד ע ר ד ע נ ק ע ר פ ו ן ד ע ר א נ ז א ג־ ת ק ו פ ה א י ן ד ע ר פ ו ע ל י־צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ב א־ ו ו ע ג ו נ ג. דער גורל האט איבערגעריסן זיין לעבן אינ׳ם מאמענט, ווען מיר זיינען געשטאנען אויפ׳ן שוועל פון דער תקופה פון פארווירק־לאכונג. מיר קענען דעריבער ניט וויסן, צי די אויבן־כאראקטעריזירטע ראלע איז געווען דער רעזולטאט פון זיין פערזענלאכן מהות, אדער פון א היסטארישער סיטואציע. אין דער געשיכטע פונ׳ם אידישן סאציאליזם וועט אבער באראכאוו פארנעמען בעיקר דעם דאזיקן ארט. אין דער אנזאג־תקופה, אין די צען יאר פון זוכן, פון דיפערענציאציע און קאנצענטראציע פון די צעשפרייטע כחות אין אלע גלות־לענדער, אין די צען ארגאניזירונגס־יארן פונ׳ם וועלט־פארבאנד פועלי־ציון, האבן מיר פארמאגט צוויי פער־זענלאכקייטן, וועלכע האבן סימבאליזירט די עיקר׳דיקע עלעמענטן פון דער תקופה — דעם גייסט פון ר ע ו ו א ל ט אנטקעגן דער אידישער און סאציאליסטישערווירקלאכקייט און דעם גייסט פון ר ע ו ו א ל ו־צ י א נ ע ר ע ר פ א ר ש ו נ ג.

נ ח מ ן ס י ר ק י ן איז געווען דער אנזאגער פון רעוואלט קעגן דעם גלות און קעגן דער גנזעלשאפט, וואס לעבט אויף עקספלואטאציע; דער קעמפער קעגן די אלטע מענטשלאכע לעבנס־פארמען און קעגן דער קראנקהאפטער ירושה פונ׳ם אידישן פאלק. ער איז געווען דער פלא־מענדיקער פאקל פונ׳ם סאציאליסטישן ציוניזם, דער טרעגער פונ׳ם מ א־ ר א ל י ש ן פ א ט א ס פונ׳ם נייעם שטראם אין אידישן סאציאליזם, וועלכן ער האט פארבונדן מיט די טיפעניש פון דער אידישער געשיכטע ביז צו די ווארצלען פון דער אידישער נבואה. ב א ר א כ א ו ו א י ז ג ע ו ו ע ן ד ע ר ט ר ע ג ע ר פ ו נ ׳ ם א י ד ע א י ש ן א ו ן א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ן פ א ט א ס פונ׳ם פראלעטארישן ציוניזם. די ערשטע טריט פון דער פועלי־ציון־באוועגונג זיינען פארבונדן מיט׳ן אנטפלעקן די אידישע עקאנאמיק, מיט׳ן אנאליז פון אונזער נאציאנאלער עקאנאמיק אין גלות דורכ׳ן מעסער פון סאציאליסטישער קריטיק. באראכאוו האט די דאזיקע פועלי־ציוניסטישע קריטיק דערהויבן צו דער מדרגה פון א שיטה און מיט זיין מארקסיסטישער חריפות און בקיאות האט ער אונז געגעבן אן עקאנאמישן פירוש צום ציוניסטישן גרעדאנק און האט באלויכטן דעם וועג פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע דערקענט אירע קלאסן־ און נאציאנאלע אויפגאבן. ס׳איז א פארדינסט פון באראכאוו׳ן און פון זיין גרויסער גייסטיקער ארבעט, אויב דאס סא־ציאליסטישע ארץ־ישראל איז געווארן אין באוואוסטזיין פון טויזנטער אידישע ארבעטער און סאציאליסטן א היסטארישע נויטווענדיקייט.

אפשר קענען בלויז יענע פון אונז, וואס זיינען אויפגעוואקסן און דערצויגן געווארן אין יענער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע און פון דער גאלדענער צייט אין דער אנטוויקלונג פון דער סאציאליסטי־שער באוועגונג אין מערב־אייראפע, אפשאצן, וואס דער פארשער און

דענקער באַראָכאָוו האָט אויפגעטאָן פאַר דער פועלי־ציון־באַוועגונג און אין אַ הויכן מאָס אויך פאַר דער גאַנצער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, וואָס זוכט איר נאַציאָנאַלן תיקון. דער רעוואָלוציאָנערער רצון איז אין יענער צייט סטימולירט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפטלאַכער פאָרשונג; דאָס דערקענען די כחות, וואָס באַהערשן דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן, איז געוואָרן אַ קוואַל פון אמונה אינ׳ם באַפרייאונגס־קאַמף. דער אינטע־לעקטועלער פאַטאָס האָט געבוירן דעם רעוואָלוציאָנערן פאַטאָס און האָט געגעבן די קעמפער כח, צו שטאַרקן זיך איבער דעם אכזריות׳דיקן שונא. דעם דאָזיקן פעסטן גלויבן אין דעם וויסנשאַפטלאַכן און היסטאָרישן אמת פון פועלי־ציוניזם האָט באַראָכאָוו דעמאָלט געגעבן זיינע חברים. דעריבער איז באַראָכאָוו ניט געבליבן בלויז דער באַשאַפער פון אַ שיטה, דער פאָרשער, וואָס איז איינגעשלאָסן אין זיין ארבעטס־צימער, — ער איז געוואָרן אַ לערער און קעמפער, אַ פירער און וועג־ווייזער. אין דער צייט פון דער טעריטאָריאַליסטישער און סיימיסטישער פאַרווירונג האָט ער זיך באַוויזן צווישן אונז און איז געוואָרן דער רעטער פונ׳ם פועלי־ציוניסטישן געדאַנק אין רוסלאַנד און דער גרינדער פון דער רוסלענדישער פאַרטיי. די כוואַליעס פון גלויבן און בטחון, וואָס באַראָכאָוו האָט אַרויסגערופן אין דער מעטראָפּאָליע פון דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך איבער עסטרייך און אַמעריקע און האָבן געשטאַרקט די הענט פון אונזערע חברים אין די דאָזיקע לענדער. און ווען מיר האָבן זיך מיט צוואַנציק יאָר צוריק צוזאַמענגעקליבן אין האַג, צו גרינדן דעם אַלוועלטלאַכן פועלי־ציון־פאַרבאַנד, איז שוין ביי זיין וויגעלע געשטאַנען דער אינגסטער און צאַרטסטער צווייג פון דער באַוועגונג — די ארץ־ישראל׳דיקע פועלי־ציון פאַרטיי, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך באַראָ־כאָוו׳ס תלמידים און טרעגער פון זיין וואָרט.

אזוי זיינען מיט באַראָכאָוו׳ס נאָמען פאַרבונדן אויך די ערשטע טריט פון אונזער רעאַליזירונגס־ארבעט אין ארץ־ישראל. אמת, עס וואָלט געווען אַ ניט־היסטאָרישע גוזמא צו זאָגן, אז דער פּראָצעס פונ׳ם ווערן פון דער אידישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל אַנטוויקלט זיך פּינקטלאַך, ווי באַ־ראָכאָוו האָט פאָראויסגעזען, אָדער אַז מיר גייען שטענדיק אין די וועגן, וואָס באַראָכאָוו האָט אָנגעוויזן. אין די פראַגן פון פאַרווירקלאַכונג זיינען מיר זיך זייער אָפט, נאָך ביי זיין לעבן, פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אונזער גרויסן חבר. דער גאַנג פון די געשעענישן האָט שטאַרק געענדערט דעם אויסזען פון די ענינים, וועגן וועלכע מיר פלעגן זיך מיט אים מתוכח זיין. עס וואָלט געווען אַן אַקט פון תמימות אָדער פון סעקטאַנטישער איינזיי־טיקייט, היינט צו דערקלערן מיט זיכערקייט, וואָס עס וואָלט געווען באַראָכאָוו׳ס שטעלונג אין דער אָדער יענער אַקטועלער סיטואַציע. די שווערע און אחריות־פולע אויפגאַבע, צו רעאַליזירן די בשורה פון רעוואָ־לוציע, וואָס מיר האָבן געבראַכט דעם אידישן ארבעטער און דעם אידישן פאָלק אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, צו געבן אַ ממשות׳דיקן אויסדרוק

צו די אידעאַלן, וועלכע מיר האָבן פּראָקלאַמירט אין דער תקופה פון אָנזאָג, אין אַ ווירקלאַכקייט, וואָס ווערט אויסגעהאַקט פון די שטיינער פון ארץ־ישראל, — די דאָזיקע אויפגאַבע ליגט אויף א ו נ ז. מיר ווען אַ סך לערנען פון באָראָכאָוו'ס גייסטיקער ירושה. מיר וועלן אָבער זיין שלעכטע און לא־יוצלח'דיקע יורשים, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון אונזער חוב צו פאַרשטאַרקן, צו פאַרפעסטיקן מיט אונזערע אייגענע כחות דעם פאַרמעגן, וואָס אונז האָט איבערגעלאָזן יענער מענטש, וואָס האָט געטראָגן אונזער פאָן, דער מענטש, וואָס איז געווען דער הערשער אין אונזער געדאַנקען־וועלט אין דער תקופה פון בשורה און אָנזאָג פון'ם סאָציאַליסטישן ציוניזם.



באָראָכאָוו אין יאָר 1900

ערשטע אָפּטיילונג :

# גרינדונגס - צייט

# פאַרבאַמערקונג

מיט די אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג, פאַרענדיקט זיך דער ערשטער פּעריאָד פון באָראָכאָוו׳ס שאַפן אויפ׳ן געביט פון דער פּועלי־ציוניסטישער טעאָריע. דער אַרטיקל „די ראָל פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם“ איז פאַקטיש דער אָפּשלוס פון „אונזער פּלאַטפאָרם“. די גאַנצע אָפּטיילונג בילדעט איין איינהייט מיט די אַרבעטן, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אינ׳ם ערשטן באַנד פון באָראָכאָוו׳ס פּועלי־ציון־שריפטן (זע הקדמה).

פּונקט ווי „אונזער פּלאַטפאָרם“ בכלל, איז אויך דער לעצטער קאַפּיטל (און „אַ נייע פּשרות־פּראָגראַם“) געשריבן אונטער אומשטענדן, וואָס האָבן ניט דערלויבט צו לייגן גענוג אַכט אויף פּראַפּאַרציע און אַרכיטעקטאָניק. די אַרבעטן זיינען געבוירן געוואָרן אינ׳ם סאַמע ברען פון די פּאָליטישע געשעענישן און אינ׳ם ליידנשאַפטלאַכן אידעאישן געראַנגל מיט די שכנות׳דיקע פּראָלעטאַרישע ריכטונגען, וואָס איז אַזוי לעבעדיק געשילדערט אין בן־צבי׳ס „זכרונות“.

אין „די ראָל פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם“ פּרואווט באָראָכאָוו פאָרמולירן ק אָ נ ק ר ע ט די אויפגאַבן פון קאַמף און אַקטיוויטעט פונ׳ם אידישן אַרבעטער־קלאַס בנוגע ארץ־ישראל. זיין בייסנדיקע קריטיק איז געווענדעט אין אַ גלייכער מאָס קעגן די ס. ס., ביי וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט בנוגע דעם טעריטאָריאַליזם גאָרניט וואָס צו טאָן, ביז די בירגערלאַכע טעריטאָריאַליסטן וועלן ניט אַרויסגעפינען אַ טעריטאָריע און באַקומען זי דורך דיפּלאָמאַטיע, ווי קעגן די „סיימיסטן“, ביי וועלכע דער טעריטאָריאַליזם איז בכלל אָפּגערוקט אין אַ ווייטער צוקונפט, „עד ביאת הסיום“. תיכף׳דיקער קאַמף און תיכף׳דיקע אַרבעט פאַר דער רעאַליזירונג פונ׳ם ציוניזם— דאָס איז באָראָכאָוו׳ס עיקר־געדאַנק. אָנגעמענדיק אַ פּריאָרי ארץ־ישראל אַלס די געגעבענע טעריטאָריע, וואו ס׳הויבט זיך שוין אָן קאָנצענטרירן די אידישע עמיגראַציע, זעט באָראָכאָוו די אויפגאַבע פונ׳ם חוץ־לאָרץ׳דיקן אידישן פּראָלעטאַריאַט אינ׳ם קאַמף פאַר דער גאַראַנטירונג פון פרייהייט פון אײַנוואַנדערונג מצד זייערע רעגירונגען, אין דער פינאַנציעלער מיטהילף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פאַר דער עמיגראַציע אין א״י, אין דער שאַפונג פון ספּעציעלע פאָנדן, אינפאָרמאַציע־ביוראָס א. א. די אייגנטלאַכע אויפגאַבע, צו דערגרייכן ד י ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל ע פּ אָ ל י ט י ש ע א ו י ט אָ נ אָ מ י ע פאַלט אָבער אויס אויפ׳ן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונ׳ם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל גופא.

באָראָכאָוו איז אין יענער צייט קעגן „קינסטלאַכער קאָלאָניזאַציע“. דעם פּראָלעטאַריאַט שטעלט ער בעיקר „ב אַ פ ר י י ע נ ד י ק ע“ און נאָר צום טייל „שאַפנדיקע“ אויפגאַבן. ער האָט שפּעטער — בפרט בעת דער וועלט־מלחמה און רוסישער רעוואָלוציע — אין אַ הויכן מאָס מאָדיפיצירט די דאָזיקע שטעלונג (זע דריטע אָפּטיילונג).

פאַר אַ סך וועט זיין ניי באָראָכאָוו׳ס דעמאָלטיקע מיינונג, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל, און בפרט די אידישע מינאָריטעטן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין גלות נאָך דער רעאַליזירונג פונ׳ם ציוניזם, וועלן זיך סוף כל סוף אַסימילירן. אין דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָט ער געזען בלויז אַ מיטל, צו פאַרקלענערן די רייבונגען צווישן מאַיאָריטעט און מינאָריטעט און דערמיט צו פאַרלייכטערן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס (זע „פּראָגראַם־פּראָיעקט“, זייט 48). ביים פעלן פון נאַציאָנאַלן דרוק האָט ער געגלויבט אין דער אַסימילאַציע פון עקאָנאָמיש און קולטורעל אָפּגעשטאַנענע פעלקער (אַפילו מערהייטן) צו העכער־שטייענדיקע שכנים. אויף דעם יסוד האָט ער פאָרויסגעזאָגט די אַסימילאַציע פון די אַראַבער צו די אידן אין א״י.

דער דאָזיקער גאַנצער געדאַנקען־קאָמפּלעקס איז פון דער פּאַרטיי אָפיציעל ניט אָנגענומען געוואָרן. באָראָכאָוו אַליין האָט אים שפּעטער רעווידירט.

ב. ל.

# די ראָל פון דעם אַרבעטער-קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם

„יעדער צוועק קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך דעם, וואָס ס׳אַנטשפּרעכט זיין אינערלאכער נאַטור: רעוואָלוציאָנערע צוועקן קאָנען ניט דער־גרייכט ווערן דורך דיפּלאָמאַטישע מיטלען“, (פון לאַסאַל׳ס בריוו־אומבייט מיט מאַרקסן).
„דער טעריטאָריאַליזם איז אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ־ ט י ש ע רעוואָלוציע אינ׳ם אידישן לעבן“ (אונזער פּלאַטפאָרם).

דער אַרבעטער-קלאַס רעגולירט דורך זיין באַוואוסטזיניקן אַריינמישן זיך ניט אַלע מאָמענטן פון די סטיכיש-פליסנדע פּראָצעסן, ער רעגולירט נאָר די באַפרייענדע מאָמענטן — יענע, אין וועלכע עס אַנטהאַלט-זיך די דעמאָקראַטיזירונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. די פּראָצעסן פון קאַפּיטאַליזירונג און דעמאָקראַטיזירונג — דאָס זיינען די צוויי זייטן פון דער פּאָרקומענדער אַנטוויקלונג.

אין דער אידישער איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, וואָס קאָנצענט־רירט זיך סטיכיש, ווי אויך אינ׳ם סטיכיש-פּאָרקומענדן וואוקס פון די אידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע, און דאָסגלייכן אין דער סטיכישער אויטאָנאָמיזירונג פון דער אידישער עקאָנאָמיק אין פּאַלעסטינע — דאַרפן מיר אונטערשיידן דיזע ביידע פּראָצעסן. דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליזי-רונג אָדער אָנזאַמלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן דריקט זיך אויס אין דעם פאַרמערן זיך פון די אידישע איינוואַנדערער און ישובים אין פּאַלעס-טינע, אין דער ווירשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג פונ׳ם לאַנד, וועלכע וועט, ווי ס׳ווערט באַוויזן אינ׳ם 8-טן קאַפּיטל פון „אונזער פּלאַטפאָרם“, זיין אָפּהענגיג פון דעם וועלט-מאַרק, און ניט פון די באַדערפנישן פון די אָרטיקע איינוואוינער, און וועט זיך געפינען אין דעם פאַקטישן רשות פון דער אידישער באַפעלקערונג.

דיזער פּראָצעס איז אַ ש אַ פ ע נ ד ע ר אין דעם זין, וואָס ער באַשאַפט דעם אינהאַלט און די מאַטעריעלע באַזע פון דער קונפטיקער אויטאָנאָמער אידישער געזעלשאַפט. דאָס איז אַ פּראָצעס, אַ סטיכישער, ד. ה. ער וועט פליסן און אַנטוויקלען זיינע טענדענצן פון זיך אליין, אָביעקטיוו,

ניט אָפּהענגיג פון קיינע קינסטלאַכע פּלאַנען און פּראָיעקטן; צי פאַר־לאַנגען מיר דעם דאָזיקן פּראָצעס, אָדער ניין, צי שטרעבן צו אים די אידישע מאַסן באַוואוסטזיניק, אָדער גאָר אומבאַוואוסטזיניק וועלן זיי אריינגעצויגן ווערן אין אים — ער וועט סיי ווי סיי פאָרקומען און ער פאַנגט זיך שוין אָן אין אונזער צייט.

אָבער די אידישע בורזשואזיע מישט זיך באַוואוסטזיניק אריין אין דיזן סטיכישן שאַפנדן שטראָם פון די געשעהענישן און אָרגאַניזירט אים באַוואוסטזיניק אין הסכם מיט אירע ציל. די אויבער-אַנשטאַלט, וועלכע וועט אָנפירן מיט אָט דער זייט טעטיקייט פון דער אידישער בורזשואזיע, איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס. די אויפגאַבע פונ׳ם ציוניסטישן קאָנגרעס איז — רעגולירן די איבערוואַנדערונג פון דעם אידישן קאַפּיטאַל נאָך פּאַלעסטינע און פאַרגרינגערן זיין אָנזאַמלונג און אַנטוויקלונג אינ׳ם לאַנד. דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם בורזשואַזן ציוניזם.

פון דער אַנדער זייט, דער סטיכישער פּראָצעס פונ׳ם פאַרברייטערן און פאַרשטאַרקערן די אידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע וועט אין זיין גאַנצן מהלך זיך תמיד אָנשטויסן אויף א ווידערשטאַנד מצד די אַלטע לעבנס-פאָרמען ווי אין גלות, אַזוי אויך — באַזונדערס — אין פּאַלעסטינע. וואָס מער אָפּגעשטאַנען און רעאַקציאָנער ס׳איז די פּאָליטישע סטרוקטור פון די אויסוואַנדערונגס-לענדער, אַלץ שווערער וועט זיין דעם אידישן עמיגראַנט זיין טרויעריקער, מיט דערנער פאַרזייטער, וועג צו די נייע מקומות, אַלץ מער צרות און עינוים דערוואַרטן אים אויף דיזן וועג. וואָס מער אַזיאַטיש עס זיינען די לעבנס-פאָרמען אין פּאַלעסטינע גופא, אַלץ לענגער וועט אָפּגעהאַלטן ווערן, אַלץ קרענקלאַכער וועט פליסן דער פּראָ־צעס פון דער עקאָנאָמישער אויטאָנאָמיזירונג פון דעם אידישן לעבן אין פּאַלעסטינע.

און אָט אַזוי, גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, גלייכצייטיק מיט דעם, ווי עס וועלן אַלץ מער רייף ווערן יענע שאַפנדע טענדענציעס, וועלכע זיינען אָנגעוויזן אין אונזער פּראָגנאָז — וועט אויך וואַקסן די באַדערפעניש צו באַפרייען דיזן סטיכישן פּראָצעס פון די באַדינגונגען, וואָס האַלטן אים אָפּ, די באַדערפ־ניש צו דעמאָקראַטיזירן דעם לעבן דאָ, אין גלות, און אין פּאַלעסטינע. דער וואוקס פון די אידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע וועט ביסלאַכווייז אריי־בערטראָגן דעם שווער-פונקט פונ׳ם גאַנצן אידישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווייל טאַקע נאָר אין אָט דעם לאַנד וועט נאָכ׳ן צוויי-טויזנט יאָריקן גלות צום ערשטן מאָל זיך אָנהויבן צו בויען אַן עקאָנאָמיש-אויטאָנאָמיע זעלבסט־שטענדיקע אידישע געזעלשאַפט, ווייל טאַקע נאָר דאָ וועלן ענדלאַך די אַזוי לאַנג און אכזריות׳דיק איינגעשמידטע כחות באַקומען א מער ברייטערן פּלאַץ, וואו זיי וועלן קענען זיך שאַרפער ארויסווייזן און פריי פאַנאַנדער־שפּילן. די וויכטיקסטע אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין

גלות וועלן זיין צוגעשמידט צו די באַדינגונגען פון דעם לעבן אין פּאַלעסטינע און צו די באַדינגונגען פונ׳ם אריבערפאָרן אהין. דיזע באַדערפניש, צו באַפרייען די באַדינגונגען, בכדי די שאַפנדע פּראָצעסן פונ׳ם אָנזאַמלען די אידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע זאָלן קענען פריי פליסן — וועט זיך שטאַרק ארויסווייזן ביי אלע פאַראינטערעסירטע קלאַסן פונ׳ם אידישן פאָלק: אי ביי א באַדייטענדן טייל פון דער מיטעלער בורזשואַזיע, אי ביי דער קליין-בורזשואַזיע, אי ביי די זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן. נאָר אממערסטן אקטיוו, אממערסטן ווירקנד׳ וועט די באַדערפניש זיין ביי דעם פּראָלעטאַריאַט — ביי יענעם קלאַס, וועלכער איז מער ווי אלע אַנדערע פייאיק צו שמידן זיין גליק אקטיוו און זעלבסטשטענדיק, — ביי יענעם קלאַס, וועלכער נעמט טאַקע אויף זיך די באַוואוסטזיניקע רעגולירונג פון אלע באַפרייענדע פּראָצעסן פון אונזער לעבן. און ביי דעם ארבעטער קלאַס, ווייל ער איז אממערסטן פייאיק צו אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין, וועט זיין אויך דער גרעסטער כח, די גרעסטע מעגלאַכקייט, צו קעמפן פאַר דער באַפרידיקונג פון זיין דאָזיקער באַדערפעניש.

דיזער פּראָגנאָז, וועלכער איז אַנטוויקלט געוואָרן אין „אונזער פּלאַטפאָרם“, פירט צום באַשלוס, דאָס דער טעריטאָריאַליזם איז אַ פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר מיט א היסטאָרישער נויטווענדיקייט. דאָס הייסט: אויף וויפיל עס איז בכלל מעגליך פאָראויסצוזען די צוקונפט אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, האָבן מיר גענוג יסודות צו באַהויפּטן, דאָס דער טעריטאָריאַליזם וועט פאַרווירקלאַכט ווערן; אָבער ווי אַזוי, דאָס הייסט אין וועלכע באַשטימטע פאָרמען, דורך וועלכע באַשטימטע סטאַדיען און ווען נעמליך וועט דער טעריטאָריאַליזם פאַרווירקלאַכט ווערן, דאָס ווייסן מיר ניט, נאָר מיר ווייסן וואו, אויף וועלכער טעריטאָריע, און אויך ווייסן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן יענעם סטיכישן פּראָצעס, וועלכער וועט בריִנגען צו אונזער ציל, צו דיזן וויכטיקסטן נאַציאָנאַלן פּונקט פון אונזער פּראָגראַם-מינימום. מיר וועלן אָנמערקן אין דיזן סטיכישן פּראָצעס צוויי זייטן. פון איין זייט איז עס אַן אומאויפהערלאַכער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אויטאָנאָמיזירונג פון דער קינפטיקער אידישער געזעלשאַפט, וועלכע אַנטוויקלט זיך אינערלאַך, — דאָס איז אַ שאַפנדער מאָמענט, וואָס קומט פאָר דורך דער אידישער איינוואַנדערונג, וועלכע קאָנצענטרירט זיך סטיכיש; דיזער פּראָצעס וויקלט נאָר ביסלאַכווייז פאַנאַנדער זיינע פּאָטענציעס. פון דער אַנדער זייט איז עס אַ קאַטאַסטראָפעלער פּראָצעס פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג, וועלכער פליסט דורך אין דער פאָרם פון קאַטאַסטראָפעס און איבערקערענישן — קליינע אָדער גרויסע — און וואָס אין זיין רעזולטאַט וועט זיך אויך באַקומען די פּאָליטישע טערי-

טאַריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר דעם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע*). אָט דיזער פּראָצעס פון באַפרייאונג רעגולירט זיך, הויפּטזעכלאַך, דורך דער טעטיקייט פון'ם פּראָלעטאַריאַט און, נעמלאַך, דורך דעם קלאַסנקאַמף.

אַלס דער רעזולטאַט פון דעם סטיכישן פּראָצעס, וועלכן מיר האָבן פאָראויס דערקענט אין אונזער פּראָגנאָז, וועט די טעריטאָריאַלע אויטאָ־נאָמיע פאַר'ן אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע אָנקומען אומפאַרמיידלאַך; אָבער וועלכע שטערונגען און מניעות וואַרטען אונטער דיזן פּראָצעס אויף זיין וועג, ווייסן מיר ניט, און מיר קאָנען נאָר טיילווייז זיי פאָראויס־זען. די אויפגאַבע פון דעם באַוואוסטזיניקן אַריינמישן זיך פון'ם אָר־גאַניזירטן געזעלשאַפטלאַכן רצון אין דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון'ם טעריטאָריאַליזם איז צו באַזייטיקן די אַלע שטערונגען און מניעות און אויך, דערקענענדיק די געזעצן פון דיזן פּראָצעס, אָנ־צופירן מיט אים ווי מעגלאַך ערפאָלגרייכער.

לאָמיר קודם כל, באַטראַכטן די צווייטע זייט, דאָס אָנפירן מיט'ן גאַנג גופא פון דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון'ם טערי־טאָריאַליזם.

אין וואָס באַשטייט דיזער סטיכישער פּראָצעס? וואָסערע זיינען זיינע אַממערסטן אַלגעמיינע שטריכן, וועלכע אונז האָט זיך איינגעגעבן אויפצודעקן דורך אונזער פּראָגנאָז?

די אידישע עמיגראַציע ווענדעט זיך סטיכיש אין די לענדער פון דעם אַנטוויקלטן אָדער זיך אַנטוויקלענדיקן מאָדערנעם גרויסן קאַפּיטאַל, און כל זמן די אויסוואַנדערונגס־באַדערפניש ביי די ברייטע אידישע מאַסן געפינט פאַר זיך אַ באַפרידיקונג אין די דאָזיקע לענדער (אין ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן, דרום אַפריקע), ביז יענער צייט איז אוממעגלאַך צו טראַכטן וועגן דעם קאָנצענטרירן די אידישע איינוואַנדערונג, ווי וועגן אַ רעאַלן פאַקט; ביז יענער צייט איז די טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע נאָר אַן אידעע, נאָר אַ פאַרלאַנג. אָבער אַליין דער צוטרעט אין דיזע לענדער פון דעם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַל ווערט אַלץ מער שווער, רייז־עקאָנאָמיש ווייזן אַרויס דיזע פריערדיקע איינוואַנדערונגס־לענדער אַלץ

---

*) די קליינע איבערקערענישן ווערן אָנגערופן רעפּאָרמעס, און די גרויסע, וועלכע ענדערן־אום דעם קלאַסן אָדער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער הערשאַפט אין לאַנד, וועלכע רייסן אַרויס די ממשלה פון די הענט פון איין קלאַס אָדער נאַציע לטובת דעם אַנדער קלאַס אָדער נאַציע, ווערן אָנגערופן רעוואָלוציעס. דערביי דאַרף מען נאַטירלאַך געדענקן, דאָס די „ממשלה פון אַ נאַציע" הייסט די ממשלה פון איינעם אַ וועלכן עס איז קלאַס פון דיזער נאַציע: למשל, ביי היינטיקן טאָג געפינט זיך פּוילן אונטער דער ממשלה פון די רוסישע פּעאָדאַלן, און אַז זי וועט באַקומען אויטאָנאָמיע, וועט זי באַפרייט ווערן פון דער ממשלה פון דיזן קלאַס פון דער רוסישער נאַציע, — און אויף אַזאַ אופן, איז באַקומען טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע — אַ רעוואָלוציע, אויב אפילו די ממשלה וואָלט איבערגיין צו די פּוילישע פּעאָדאַלן.

אַ מער שטאַרקערן ווידערשטאַנד די פרעמדע איינוואַנדערער, און צוגלייך מיט דעם וואַקסן די יורידישע און פּאָליטישע שוועריקייטן פאַר'ן אריינ־פאָר. דער אַלוועלטלאַכער עמיגראַציאָנס־שטראָם, וועלכער באַשטייט פון וואַנדערער פון אַלע פעלקער פון דער „אַלטער וועלט", קערט זיך אָפּ אין נייע לענדער פון דער ברייטער ערד־אַרבעט. צוזאַמען מיט דעם קערט זיך אָפּ אין די לענדער פון דער ברייטער ערד־אַרבעט אויך די אידישע עמיגראַציאָנס־כוואַליע. נאָר די אידישע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען ניט מסוגל גלייך איבערצוגייען צו די באַשעפטיקונגען פון ערד־אַרבעט, שטויסן זיך דאָ באַלד אָן אויף אַן עקאָנאָמישן ווידערשטאַנד, וועלכן עס איז אומ־מעגלאַך גובר צו זיין: די קאָנקורענץ אויף דעם אַלוועלטלאַכן ברויט־מאַרק שטויסט זיי אַרויס. די אויסוואַנדערונגס־באַדערפניש ביי אידן ווערט דאַך ניט שוואַכער און פאָדערט דרינגענד אַ באַפרידיקונג. — דאָס איינ־ציקע לאַנד, אין וועלכער עס איז מעגלאַך די אידישע איינוואַנדערונג, בלייבט פּאַלעסטינע, וואו עס הויבן זיך שוין טאַקע אָן סטיכיש קאָנ־צענטרירן דער אידישער קאַפּיטאַל און די אידישע אַרבעטס־קראַפט. אַ דאַנק די באַדינגונגען פונ'ם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון פּאַלעסטינע, אַ דאַנק דער ווירטשאַפטלאַכער און קולטורעלער סטרוקטור פון איר אָרטיקער באַפעלקערונג, און אַ דאַנק די באַציאונגען צווישן איר און דעם וועלט־מאַרק, — וועלן די אידן זיין דער עקאָנאָמיש און קולטורעל הערשנדער עלעמענט אין פּאַלעסטינע. אַזוי וועט זיך סטיכיש אויפבויען דער עקאָ־נאָמיש־אויטאָנאָמער אידישער ישוב אין פּאַלעסטינע. אַט דעם ש אַ־פ ע נ ד ע ן פּראָצעס וועט אַנטשפּרעכן אויך דער ב אַ פ ר י י ע נ ד ע ר פּראָצעס פונ'ם קלאַסנקאַמף צווישן דעם אידישן קאַפּיטאַל און אַרבעטס־קראַפט אין פּאַלעסטינע; דער קלאַסנקאַמף צווישן דעם אידישן פּראָלע־טאַריאַט און דער בורזשואַזיע וועט ברענגען צו אַ קאַמף צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און דער טערקישער ביוראָקראַטיע, און וועט פ אַ ר־ו ו י ק ל ט ווערן דורך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע (צוזאַמען מיט דער אָרטיקער) געגן דער טערקישער הערשאַפט. אין רעזולטאַט פון דיזן באַפרייענדן פּראָצעס פון פּאָליטישן קאַמף, וואָס אין זיין אַוואַנגאַרד וועט שטיין דער אַרבעטער־קלאַס—וועט אויסגעקעמפט ווערן די טעריטאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַר דעם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע.

פון דיזן קורצן איבערבליק איז שוין קלאָר די ראָל פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט, אַלס דעם באַוואוסטזיניקן, אַקטיוון קעמפענדן קלאַס, — דעם קלאַס, וועלכער פירט זיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע קלאַסן־פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון קלאַסנקאַמף. אין אונזער פאַרשטיין דעם טעריטאָריאַליזם איז דער קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַ נויטווענדיקער, אומפאַרמייד־לאַכער אָרגאַנישער עלעמענט, אַן וועלכן דער טעריטאָריאַליזם קאָן ניט פאַרווירקלאַכט ווערן; נאָך מער, אין אונזער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פיגורירט דער פּראָלעטאַריאַט אַלס די צענטראַלע און הויפּט־אַקטיווע

פּערזאָן.

דערמיט אונטערשיידט זיך שאַרף אונזער פּראָגראַם פון דעם, ווי עס פאַרשטייען דעם ענין די ס. ס. און י. ס., וועלכע נויטן דעם ארבעטער־קלאַס נאָר אונטערצושטופּן די בורזשואַזיע, געבן איר עצות אָדער אָנצייגונגען, ווי די ס. ס., אָדער גאָר מיט גוואַלט געגן איר רצון, שטופּן זי צו דער טעריטאָריאַליסטישער אַרבעט, ווי עס שילדערן זיך טאַקע דעם ענין די סיימאָווצעס. ביי זיי שטופּט דער פּראָלעטאַריאַט אָט די בורזשואַזיע צו דער טעריטאָריאַליסטישער פּראַקטיק — ד. ה. דער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך פון הינטן, און די בורזשואַזיע פון פאָרנט, אינ'ם אַוואַנגאַרד. ביי אונז אָבער ציט צו דער פּראָלעטאַריאַט די בורזשואַזיע צו דער טעריטאָריאַליסטישער אַרבעט, — ד. ה. די בורזשואַזיע געפינט זיך פון הינטן און דער פּראָלעטאַריאַט פון פאָרנט, אינ'ם אַוואַנגאַרד. ביי זיי איז אַקטיוו נאָר די בורזשואַזיע — זי אַרבעט, פירט אָן דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען וכדומה, דער אַרבעטער־קלאַס אָבער רעדט נאָר און אַגיטירט. ביי אונז, אָבער, אין אונזער פּראָגנאָז זיינען אַקטיוו ביידע קלאַסן, יעדערער אויף זיין שטייגער, נאָר אַממערסטן אַקטיוו איז דער פּראָלעטאַריאַט: ניט נאָר ער אַגיטירט, נאָר ער קעמפט, אין יענעם פּשוט'ן און קלאָרן זין פון וואָרט, ווי למשל דער אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד, וועלכער, קעמפנדיק אוממיטלבאַר געגן די פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל, קעמפט גלייכצייטיק אויך געגן דער רוסישער רעגירונג.

פון וואַנען־זשע נעמט זיך עס דיזער אונטערשייד צווישן אונז י. ס.־ד. א. פּ. „פּועלי־ציון" מיט די אַנדערע, אין אמת'ן גערעדט, רעוויזיאָניסטישע שטרעמונגען, וועלכע געפינען זיך מיט אונז אין אַ נאָענטער שכנות פון דער רעכטער זייט, — ד. ה. מיט די ס. ס. און י. ס.? דער שורש פון דיזן אונטערשייד ליגט דעריין, וואָס לויט דער פאָרשטעלונג פון אונזערע שכנים מצד רעכטס, איז דער טעריטאָריאַליזם נאָר אַן עקאָנאָמישער, נאָר אַ שאַפנדער פּראָצעס אינ'ם אידישן לעבן; זיי פאַרשטייען דעם טעריטאָריאַליזם, אַלס די באַשאַפונג פון אַ נייער אידישער אויטאָנאָמער געזעלשאַפט. דערמיט גופא שטעלן זיי זיך אַ לגמרי אוממעגלאַכע אויפגאַבע, ווייל שאַפן וואָס עס זאָל ניט זיין, איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דער פּראָלעטאַריאַט ניט בכח, ווייל מיר לעבן נאָך ניט אין דעם פּעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט.*) אַזוי ווי בכלל אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז די ספּיכיטעט מיט אירע ווילדע סתירות מכריע די באַוואוסטזיניקייט, איז שוין לחלוטין אַ שטות צו שטעלן זיך פאַר אַן אויפגאַבע — באַשאַפן אַ נייע געזעלשאַפט, אפילו באַשאַפן די באַדינגונגען פאַר דעם אנטשטיין

---

*) אַזוי ממש שילדערט זיך דעם ענין דער ה' ס. אין זיין פּשוט־לעכערלאַכן אַרטיקל „איבער די רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם" („דער נייער וועג", נומ. 20, 21).

פון אזא געזעלשאַפט, ווייל אין תוך אריין איז עס איינס און דאָסזעלבע: קוים זיינען פאַראַן אַלע באַדינגונגען, איז שוין דערמיט אַלץ פאַראַן. באַשאַפן די באַדינגונגען פאַר דעם אַנטשטיין פון אַ נייער געזעלשאַפט — הייסט שוין באַשאַפן די געזעלשאַפט גופא. נאָר מענטשן, וועלכע ווייסן ניט קיין אַלף־בית אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט פון ערקענטנים־לערע, קאָנען מיינען, אַז באַשאַפן די באַדינגונגען אונטערשיידט זיך מיט עפּעס פון'ם באַשאַפן דעם באַדינגטן.

די שאַפנדע פּראָצעסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען אינגאַנצן סטיכישע פּראָצעסן, ד. ה. זיי פליסן דורך אין זייערע וויכטיקסטע שטריכן לגמרי אומאָפּהענגיק פון דעם באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלאַכן אריינמשין זיך: סטיכיש וועלן באַשאַפן ווערן די באַדינגונגען פאַר דער אידישער עקאָנאָמיש־אויטאָנאָמער געזעלשאַפט, סטיכיש וועט באַשאַפן ווערן אויך די געזעלשאַפט גופא. אין דיזע שאַפנדע סטיכישע פּראָצעסן, וועלכע פליסן דורך אומאויפהעבלאַך, גיבן זיך אונטער דעם באַוואוסטזיניקן רעגולירן נאָר די איינצעלהייטן; אין דעם טאַקע באַשטייט נעמלאַך די אויפגאַבע פון דער בורזשואַזיע. אַט פאַרוואָס ביי אונזערע שכנים מצד רעכטס פירט אוים די בורזשואַזיע די גאַנצע רעאַלע אַרבעט פון דער באַוועגונג, און דער פּראָלעטאַריאַט קומט אָפּ נאָר מיט'ן ריידן; אַט פאַרוואָס ביי זיי ווערט פריער דערגרייכט די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע — דער „טשאַרטער", און די עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיע ווערט באַשאַפן דערנאָך; אַט פאַרוואָס ביי זיי איז איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף דאָס מאַטעריאַליסטישע פאַרשטיין פון דער געשיכטע; אַט פאַרוואָס ביי זיי איז אויפ'ן לינקן זייט איבערגעקערט די קלאַסן־פּאָליטיק פון דעם פּראָלעטאַריאַט; אַט פאַרוואָס עס באַאומרואיקן זיי אַזוי שטאַרק די דיפּלאָמאַטיע און די פינאַנצן.

נאָך אונזער פאַרשטעלונג, אין געגנטייל, איז דער טעריטאָריאַליזם. אַלס אַן עקאָנאָמישע איבערקערעניש, אַלס די באַשאַפונג פון אַ נייער געזעלשאַפט, — די אויפגאַבע פון'ם סטיכישן פּראָצעס, און אים רעגולירט טיילווייז די בורזשואַזיע דורכ'ן אַלגעמיין־ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער שטעלט פאַר מיט זיך, צוגלייך ווי אַ פּאַרלאַמענט (הגם דער קאָנגרעס, פאַרשטייט זיך, איז נאָך דערווייל גאַנץ ווייט פון צו זיין אַ פּאַרלאַמענט), אַ כלי־זיין פון דער בורזשואַזער פּאָליטיק. מיר וועלן נאָר קעמפן פאַר דעם, אַז דאָס דאָזיקע כלי־זיין זאָל זיין ווי מעגלאַך נוצלאַכער אויך פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער אונזער אייגענע אויפגאַבע איז דער טעריטאָריאַליזם, אַלס אַ באַפרייענדער פּאָליטישער פּראָצעס. פאַרשטייענדיק דעם טעריטאָריאַליזם אַלס אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין דעם אידישן לעבן, באַהויפּטן מיר, דאָס ער וועט פאַרווירקלאַכט ווערן נאָר דורך דעם קלאַסנקאַמף פון'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אַנצופירן מיט'ן קלאַסנקאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט

— אַט דאָס איז די איינציקע אויפגאַבע פון י. ס. ד. א. פּ. „פּועלי־ציון“. ווי בכלל דער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס, פּירט אויך דער קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט סוף כל סוף צום סאָציאַליזם, — דעריבער איז דער סאָציאַליזם אונזער פּראָגראַם־מאַקסימום. אַזוי ווי דער קלאַסנ־קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אויף זיין וועג צום סאָציאַליזם פירט צו דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע, דעריבער נעמען מיר אַריין דיזן פּונקט, אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע, אין אונזער פּראָגראַם־מינימום. **פאַר אונז איז דער טעריטאָריאַליזם אַ פּאָליטישע פאָדערונג**, דאָס איז — די טעריטאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, אַלס דער ווייטער רעזולטאַט פונ׳ם סטיכישן פּראָצעס, אַלס די קרוין פון דער פּאָליטישער רעוואָלוציע, אין וועלכער עס וועט בראש מאַרשירן דער אַרבעטער־קלאַס. אין פולן הסכם מיט אונזער אַלגעמיינעם מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דער געשיכטע, וועט די עקאָנאָמיש־אויטאָנאָמע אידישע געזעלשאַפט זיין דער יסוד, דער באַזיס, אויף וועלכן עס וועט ערשט שפּעטער, צום סוף, זיך דערהויבן דער אויבן־בנין פון דער פּאָליטישער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע; אַנשטאַט פינאַנצן און דיפּלאָמאַטיע — שפּילט אין אונזער פּראָגנאָז די אָנגעזועגנסטע ראָל דער קאַמף און די זעלבסט־טעטיקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

איצט ווענדן מיר זיך צו דער אַנדער זייט פון דער פראַגע — צום קאַמף מיט די איינצעלנע שטערונגען און מניעות, וועלכע קאָנען זיך אונז טרעפן אויפ׳ן וועג. דאָ באַווייזן זיך קודם־כל די ריין־יורידישע מניעות, וועלכע שטערן דעם אַריינפאָר גופא פון די אידישע איינוואַנדערער אין פּאַלעסטינע. מיר ריידן וועגן יענעם פאַרבאָט אויפ׳ן אַריינפאָר פון די רוסישע און עסטרייכישע אידן, וועלכער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דעם סולטאַן. ביי היינטיקן טאָג פאַרבלייבט אַט דער פאַרבאָט אויפ׳ן פּאַפּיר, און די אידן, אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל, פאָרן אַריין אין פּאַלעסטינע, ניט באַגעגענענדיק קיינע ממשות׳דיקע שטערונגען. נאָר מיט דער צייט, בעת אין פּאַלעסטינע וועט זיך מיט אַ העלישן פלאַם־פייער פאַנאַנדערפלאַקערן און אַרויסווייזן זיינע רעוואָלוציאָנערע טענדענצן דער קאַמף פון די קלאַסן צווישן די אידישע איינוואַנדערער, וועט די טערקישע רעגירונג אָננעמען ערנסטערע מיטלען צו באַגרענעצן דעם אַריינפאָר פון די רוסישע און עסטרייכישע אידן. דאָך, אַזעלכע מיני באַגרענצונגען קאָנען ניט האָבן קיין פּאַקטישע באַדייטונג דערפאַר, ווייל זיי וועלן זיך שטיצן אויף די ריין־פּאָליטישע חשבונות פון די טערקישע הערשער, און ניט אויף די באַדערפנישן פון די פאָלקס־מאַסן, מיט וועלכע פּאַלעסטינע איז באַזעצט. און אַט דעריבער וועט מען דעם ווידערשטאַנד פונ׳ם סולטאַן קאָנען גרינג גובר זיין. „די מלוכות, וואו די אידן וואוינען אין אַ גרויסער צאָל, זיינען פאַראינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער אידישער עמיגראַציע. מיט דער דעמאָקראַטיזירונג פון דיזע מלוכות (רוסלאַנד און

עסטרייך) וועט אַלץ שטאַרקער אַנהויבן צו דערשיינען דיזע פּאַראַינטערע־
סירטקייט. און שטיצנדיק זיך אויף איר, וועלן זיך די אידן דערשלאָגן
דערצו, דאָס דיזע מלוכות זאָלן איינברעכן דעם סולטאַנ׳ס ווידערשטאַנד.״
„דער סולטאַן האָט ניט געקאָנט אסר׳ן דעם אַריינפאָר אין פּאַלעסטינע פון
די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער אידן; אָבער די רוסישע און עסטרייכישע
רעגירונגען פאַרטיידיקן ניט די רעכט פון זייערע אונטערטאַנען־אידן״ *).
נאָך אין גלות, מיטהעלפנדיק דורך זיין קלאַסנקאַמף דער דעמאָקראַטיזירונג
פון די מלוכות וואו ער געפינט זיך, באַשאַפט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט
די פּאָראויסזעצונגען פונ׳ם אויסקעמפן אָפענע טירן אין פּאַלעסטינע.

ווייטער, דערשלאָגנדיק זיך פרייע רעכט אַריינצופאָרן אין פּאַלעסטינע,
נויטיקט זיך דער אידישער איינוואַנדערער פון די מער דעמאָקראַטישע
לענדער פון אייראָפּע אויך אין געוויסע גאַראַנטיעס פאַר דער אומבאַריר־
לאַכקייט פון פּערזאָן און באַוועגונג. און דיזע גאַראַנטיעס וועלן געגעבן
ווערן אין אַ גענוגער מאָס דורך דעם שוץ פון יענע דעמאָקראַטישע
מלוכות, אין וועלכע די אידן וועלן גערעכנט ווערן פאַר בירגער. דאָס וועט
אָבער נאָר אין דער ערשטער צייט אויסקומען צו שטיצן זיך אויף דעם
שוץ פון דער מעטראָפּאָליע; אָבער די אַממערסטן וויכטיקע און ממשות׳־
דיקע פרייהייטן וועט די אידישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע מוזן אויס־
קעמפן ביי דער טערקישער רעגירונג דורך אַ האַרטנעקיגן קאַמף. בראש
פון אַט דער גאַנצער באַוועגונג וועט שטיין ווידער טאַקע דער רעוואָלוציאָ־
נערער אַרבעטער־קלאַס.

פון דעם גאַנצן סכום פּאַרוויקלטע באַדינגונגען קאָנען מיר אויך
פאָראויסזען דעם אַריינמישן זיך פון די אייראָפּייאישע רעגירונגען אין די
אינערלאַכע באַציאונגען צווישן פּאַלעסטינע און דער טערקישער רעגירונג.
פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג — אין צוזאַמענ־
האַנג מיט די אינטערעסן פונ׳ם וועלט־מאַרק, וועלכע וועלן זיין אַזוי ענג
פאַרבונדן מיט פּאַלעסטינע — דאַרפן מיר אַנערקענען, דאָס לסוף וועט
דער אַלפּעלקערלאַכער אַריינמישן זיך זיין גינסטיק פאַר דער באַפרייאונג
פון פּאַלעסטינע פון אונטער דער טערקישער ממשלה, פאַר דער דעמאָ־
קראַטיזירונג פונ׳ם לעבן אין פּאַלעסטינע און פאַר׳ן דערגרייכן די טערי־
טאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. נאָר אַזוי ווי אין דעם אַוואַנגאַרד
פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג צווישן דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג
וועט שטיין דער פּראָלעטאַריאַט, און די גאַנצע באַוועגונג וועט געפירט
ווערן אונטער דעם סאָציאַליסטישן צייכן, — קאָן אין די ערשטע צייטן
דער אַריינמישן זיך פון די בורזשואַזע רעגירונגען טראָגן אַ פיינטלאַכן
כאַראַקטער פאַר אונז. נאַטירלאַך, העלפנדיק טערקיי געגן דעם פּאַלעס־
טינישן פּראָלעטאַריאַט, וועלן די אייראָפּייאישע רעגירונגען גאָר ניט זיין
בכח מיטצוהעלפן אַריינברייגנען אמת׳ע רו אינ׳ם לאַנד. סוף כל סוף

*) זע „אונזער פּלאַטפאָרם״, קאַפּיטל ח.

וועט דער אַרבעטער־קלאַס, דורך זיין עקשנות'דיקן קאַמף, זיך דערשלאָגן אויך ביי די פֿאַראינטערעסירטע פֿעלקער אַ גרינגלאַכן איבערבוי פֿונ'ם לעבן אין פּאַלעסטינע אויף דעמאָקראַטישע יסודות, אויפ'ן גרונט פֿון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. אין דיזער הינזיכט קאָן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָפֿן אויף מיטהילף מצד דעם אַלוועלטלאַכן אַרבעטער־קלאַס. מיר זאָגן עס, ניט מחמת אונזער אַנערקענען די סאָלידאַריטעט; עס וואָלט געווען לעכערלאַך צו טראַכטן, דאָס צוליב דער סאָלידאַריטעט מיט דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינע וועט דער אַרבעטער־קלאַס פֿון דער גאַנצער וועלט אַרויסטרעטן צו פֿאַרטיידיקן די פֿאָדערונגען פֿון דער אידישער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג און וועט נעמען אויף זיך אַלע יענע גרויסע שווערע קרבנות, וועלכע עס פֿאָדערט דער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע. נאָר, מיר ווייזן אָן אויף אַן אַנדער, אָביעקטיוון פּראָצעס: דער אַרבעטער־קלאַס פֿון דער גאַנצער וועלט ווערט אַלץ שטאַרקער דורכגעדרונגען מיט דעם אַנטי־מיליטאַריסטישן באַוואוסטזיין — פּשוט דערפֿאַר, ווייל די בורזשואַזע מלחמות און די אַרמייען שלינגען איין אַ סך פּראָלעטאַרישע כחות, מענטשן און בלוטיקע געלט (שטייערן לטובת דעם מלחמה־בודזשעט). פֿאַרשטענדלאַך, מיר קאָנען האָפֿן, דאָס די אייראָפּייאישע אַרבעטער וועלן זען ניט צו דערלאָזן, די בורזשואַזע רעגירונגען פֿון אייראָפּע זאָלן שיקן זעלנער — רעקרוטירטע פֿון דעמזעלבן אַרבעטער־פֿאָלק — און אַ באַוואָפֿנטן פֿלאָט (וועלכער איז געבויט אויף די געלט פֿון דעמזעלבן אַרבעטער־פֿאָלק) אויף צו העלפֿן דער טערקישער ביוראָקראַטיע געגן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אויב אָבער ביז יענער צייט, ווען די ברייטע אידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע וועלן באַוואוסטזיניק אַרויסטרעטן צו פֿאַרטיידיקן די פֿאָדערונג פֿון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, וועט טערקיי שוין אַליין מאַכן אַ פֿאָרטשריט אין דער דעמאָקראַטישער ריכטונג — וועט באַדייטענד פֿאַרגרינגערט ווערן דער אידישער באַפֿעלקערונג אויסצוקעמפֿן די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, און דאָס וועט פֿאַרגרינגערט ווערן אַלץ מער, וואָס דעמאָקראַטישער עס וועלן זיין די טערקישע אַנשטאַלטן אין יענער עפּאָכע.

נאָר אַן אַממערסטן ממשות'דיקע און אַקטיווע אונטערשטיצונג וועלן אַרויסווייזן דער קעמפֿנדיקער אידישער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסט'נע יענע אידן, וועלכע וועלן נאָך זיין אין גלות. דאָ וועט ווירקן די סאַמע דירעקטע, די סאַמע בלוטיקע פֿאַראינטערעסירטקייט פֿונ'ם אומגעהויערן רוב פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן אין דער לעזונג פֿון דעם עמיגראַציאָנס־פּראָבלעם. וואָס שטאַרקער עס וועט זיך אַלץ אַרויסווייזן די אוממעגלאַכקייט אַריינצוקומען אין די פֿריערדיקע לענדער פֿון דער אידישער איינוואַנדערונג, וואָס מער פּאַלעסטינע וועט בלייבן דאָס איינציקע לאַנד, וועלכע איז נאָר אומשטאַנד אַריינצונעמען אין זיך די אידישע איינוואַנדערונג, — וועט דער שווער־פּונקט פֿון די אינטערעסן, מיט וועלכע עס איז פֿול דאָס אידישע לעבן, זיך אַלץ מער אַריבערטראָגן קיין פּאַלעסטינע. די

באַדינגונגען פונ׳ם אַריינפאָר קיין פאַלעסטינע, די באַדינגונגען פונ׳ם לעבן אין לאַנד וועלן אַליין נאָענטער אָנרירן די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון גלות, וואָס על פי רוב באַשטייט זי פון פּאָטענציעלע עמיגראַנטן, די בלוטיקע לייבלאַכע פאַראינטערעסירטקייט וועט אַרויסרופן אָן אַנטשפּרעכנדע טעטיקייט, וועלכע וועט זיך אויסדריקן אין באַשטימטע פּאָליטישע דערשיינונגען — אין אַגיטירן צו אָננעמען געוויסע מיטלען, אין אַרויסשטעלן אַנטשפּרעכנדע פאָדערונגען, אין פאַרשפּרייטן לאָזונגען, אין וואַלקאַמפּאַניעס, אין באַשטימטע מאַסן־פּראָטעסטן א. אַז. וו. אויף אַזאַ דרך, קאָן די אידישע באַפעלקערונג פון די גלות־לענדער זיך דערשלאָגן ביי אירע רעגירונגען, זיי זאָלן יורידיש באַשיצן די אַממערסטן עלעמענטאַרע רעכט פון די אידישע איינוואַנדערער אין פּאַלעסטינע און אָפענע טירן אין פּאַלעסטינע, זי קאָן מאַכן אויפמערקזאַם די מיינונג פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט אויפ׳ן צושטאַנד פון די ענינים אין טערקיי און פּאַלעסטינע, אויסנוצן די אַלפעלקערלאַכע פאַראינטערעסירטקייט אין די אידן־ און מזרח־פראַגן. פאַרשטענדלאַך, אַז וואָס גרעסערע פרייהייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג עס וועט פאַרמאָגן די אידישע באַפעלקערונג אין גלות, אַלץ גרינגער וועט איר זיין אויסצודריקן אירע אינטערעסן און פאַרטיידיקן זיי, אַלץ אַ שטאַרקערע און באַדייטנדערע אונטערשטיצונג וועט אַרויסווייזן די אידישע באַפעלקערונג פון גלות דער אידישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע. און מיט דעם פּאָליטישן ווילן פונ׳ם אידישן פאָלק וועט מען זיך אַלץ מער רעכענען, וואָס מער אָרגאַנירט עס וועט זיין אָט דער ווילן גופא. דעריבער נעמען מיר אַריין אין אונזער פּראָגראַם אַ גאַנצע רייע פון נאַציאָנאַלע פאָדערונגען דאָ, אויף די ערטער, אין גלות, און די גרעסטע פון דיזע פאָדערונגען איז — די נאַציאָנאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. עס איז אוממעגלאַך מיט ערפאָלג צו אָרגאַניזירן דעם געזעלשאַפטלאַכן ווילן אויפ׳ן באָדן פון אויסגעטראַכטע פּלענער און פּראָיעקטן, און דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלאַכער ווילן קאָן ערשיינען נאָר דאָרט, וואו ער שטיצט זיך אויף סטיכישע אָביעקטיווע פּראָצעסן, וועלכע קומען שוין פאָר, פליסן שוין און נויטיקן זיך נאָר אין פּלאַנמעסיקער רעגולירונג. אַזוי, למשל, כל־זמן עס קומט פאָר נאָר אַ סטיכישע צעזייטע אויסוואַנדערונג, — איז מעגלאַך נאָר צו רעגולירן די אויסוואַנדערונג, אָבער ניט קאָנצענטרירן זי, עס איז מעגלאַך אָנצונעמען מיטלען צו באַשיצן די עמיגראַנטן, צו פאַרהיטן זיי פון פאַרפאָלגונגען, — גוואַלדטאַטן און רמאות, — אָבער ניט ריכטן זיי אויף איין אָרט. פּלאַנמעסיק קאָנצענטרירן די איינוואַנדערונג איז מעגלאַך נאָר דאַן, ווען די איינוואַנדערונג הויבט שוין אָן אַליין זיך סטיכיש צו קאָנצענטרירן אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע. די ס. ס. און י. ס. פאַרשטייען דאָס אָבער ניט. דעריבער זיינען זייערע פּלענער צו אָרגאַניזירן דעם געזעלשאַפטלאַכן ווילן פונ׳ם אידישן פאָלק אוטאָפּיש געבויט: זיי גלוסט זיך צו אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק צוליב דיפּלאָמאַטיע און צו־

ליב אַנזאַמלען געלט־מיטלען. עס איז אַ שטות איינצושמועסן זיך, דאָס די אָרגאַניזירטע אידישע געזעלשאַפטלאַכע מיינונג זאָל קאָנען כלומר'שט אַ פּאָדער טאָן אַ טעריטאָריע. אַ טעריטאָריע איז אַ שטיק ערד, אָבער ניט קיין פּאָליטישער אַנשטאַלט און ניט קיין פּאַראַגראַף פון דער געזעצגעבונג — דעריבער קאָן די טעריטאָריע ניט דינען אַלס אַ פּאָליטישער לאָזונג: אונזער לאָזונג איז — אַ טעריטאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אויף יענעם שטיק ערד, וועלכער וועט אונז פאַרגעשטעלט ווערן דורך דעם סטיכישן פּראָצעס.

אַט אַזאַ איז ביי אונז דער צוזאַמענהאַנג צווישן די סטיכישע פּראָצעסן פון דער אידישער דינאַמיק און אונזער פּלאַנמעסיקער אַרבעט דאָ און דאָרט. אַ צוזאַמענהאַנג אַ סטיכישער, און ניט קיין געקינסטעלטער, אַ צוזאַמענהאַנג אַ היסטאָרישער, און ניט קיין געאָגראַפישער, אַ צוזאַמענהאַנג אַ רעוואָלוציאָנערער, און ניט קיין דיפּלאָמאַטישער.*)

און טאַקע דערפאַר, וואָס דיזער צוזאַמענהאַנג איז אונז געגעבן געוואָרן סטיכיש, און איז אַלס אַזעלכער פאַראויסגעזען אין אונזער פּראָגנאָז, קומט אונז ניט אויס אים צו זוכן און ספּעציעל צו דערווייזן. דאָרט, וואו מענטשן זוכן פלייסיק אַ צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשיידענע זייטן פון זייער טעטיקייט אָדער פאַרשיידענע טיילן פון זייער פּראָגראַם — באַווייזט שוין דיזער זוכן גופא, דאָס די זאַך איז עפּעס ניט גלאַט. איינס פון דיביידע: אָדער מיר האָבן אַ קאָנקרעטן פּראָגנאָז און אַ קלאָר־אָנגעמערקטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו — דאַן איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער קעגנוואַרט און צוקונפט, צווישן דער אַרבעט דאָ און דער אַרבעט דאָרט ממילא געגעבן געוואָרן און ווערט פאַרווירקלאַכט אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון דער אַנטוויקלונג פונ'ם סטיכישן פּראָצעס; אָדער, פאַרקערט, דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף מען ערשט פעסטשטעלן מיט עפּעס אַן אַנדער, געקינסטעלטן אופן, — הייסט עס, דאָס קיין פּראָגנאָז איז ניטאָ: אויף אַזאַ אופן איז, אָבער, אויך ניטאָ קיין צוזאַמענהאַנג, און די אַלע פאַרזוכן אויסצוגעפינען אים מוזן אומפאַרמיידלאַך פּלאַצן. און אויך אין דיזן פּונקט, ווייזט זיך העל אַרויס דער שאַרפער אונטערשייד צווישן אונזער לינקן פליגל פונ'ם פּראָלעטאַרישן ציוניזם און די, וועלכע געפינען זיך אויף זיין רעכטן פלאַנק, די ציונ.־סאָצ. און סיימיסטן. די ס. ס. — יענע זאָגן זיך טאַקע פּרינציפּיעל אָפּ איינצוזען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַרבעט אין גלות און אויף דער טעריטאָריע, זיי געפעלט בעסער צו ריידן מכח פאַרשיידענע „צוויי פלאַכהייטן“, אין וועלכע עס דרייט זיך דער קלאַסנקאַמף דאָ און די טעריטאָריאַליסטישע קאָלאָניזאַציע דאָרט. פיל פון די ציונ.־סאָצ. זיינען זיך אָפּן מודה ומתוודה, דאָס ביי זיי איז ניטאָ און עס קאָן גאָר ניט זיין קיין פּראָגנאָז, דאָכ ביי זיי איז ניטאָ און עס קאָן גאָר

*) געניויער וועגן דעם — אין „אונזער פּלאַטפאָרם“, קאַפּיטל ח.

ניט זיין קיין קלאָרע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דער הער בערטאָלדי, דער אָנגעזעענסטער פאָרשטייער פון דיזער שטרעמונג, וועלכע גיט אַרוים אָפן דעם ס.־ס.׳יזם אַ סמיכה אויף היסטאָרישער און סאָציאַלער אָרימקייט, באַרימט זיך אַפילו מיט דעם, וואָס ביי אים פעלט אַ פּראָגנאָז; דיזע לעכערלאַכע גאווה דערגייט ביי דעם הער בערטאָלדי ביז דעם, דאָס אַפילו דעם **אַוואַנטיוריזם**, מיט וואָס עס איז אַזוי דורך און דורך דורכגעוויקט די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, קליגט ער זיך איין אַרויסצושטעלן אַלס עפּעס אַ העכסט פיינע און חשוב׳ע מעלה.*)

*) מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון צו אָנטאָן זיך אַ פאַרגעניגן און ברענגען איי ניקע ציטאַטן פון די מליצות׳דיקע אַרטיקלען פון דיזן טעריטאָריאַ־ליסטישן „טעאָרעטיקער“, וועלכער לייקנט אָפּ די מעגלאַכקייט פון אַ טעריטאָריאַ־ליסטישער טעאָריע. „נאָר אַ שטרענגער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט“, — זאָגט ער אויף להכעיס זיין חבר אברהמי׳ן — „האָט געקענט קומען צום שלום, אַז פאַר אַ געוויסע סאָציאָלאָגישעס פּאַראַויסזען פעלט אין טעריטאָריאַליזם אַ וויכ־טיקער עלעמענט — די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס־קרעפטן“; „נאָר אַ שטרענגער מאַטעריאַליסט האָט געקענט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער **ווינסשאַפטלאַכער** טעריטאָריאַליזם אין זין פון אורזאַכלאַכן פאָרשטיין פון די ערשיינונגען וועט מוזן נאָכהינקען דעם פּראַקטישן, אַז אונזער טעאָריע... וועט מוזן לערנען פון דער פּראַקטיק און ניט אומגעקערט. נאָר אַ מאַטעריאַליסט האָט געקענט אויסרופן, אַז **עס איז ווינסשאַפטלאַך, צו גלויבן אין טעריטאָריאַליזם**, דען גלויבן הייסט **איצט**, ניט האָבן אַ מאַרקסיסטישע קייט פון אורזאַכן און ווירקונגען און דאָך שטרעבן, און דאָך קעמפן...“ (קורסיוו פון מחבר) („דער נייער וועג“, נומ. 21, „וואָס מער באַוואוסט זיין“). אין דעם 13טן נומער „דער נייער וועג“, זייט 555, ווענדט זיך דער ה׳ בערטאָלדי שטאָלץ צו די בונדאָווצעס (ד. ה. איינגטלאַך צו אונז, ווייל מיר האָבן די ערשטע אַרויסגערוקט דיזע פאָרוואורפן די ס. ס., און די בונדאָווצעס האָבן זיי שוין שפּעטער אונטערגעכאַפּט). „אין דעם הינזיכט,“ — זאָגט בערטאָלדי, — „מוז איך צוגעבן די בונדיסטן, זיינען מיר ווירקלאַך אוטאָפּיסטן, אַוואַנטיוריסטן, פּראָזשעקטאָרן און א. וו. און א. וו. עס וועט אונז אַודאי ניט איינמאָל אויסקומען צו באַשטימען אַ לאַנד און עס נאָכדעם צו וואַרפן, ווי עס האָט אונז שוין פּאַסירט מיט פּאַלעסטינע, אָנצונעמען אַ באַשטימטן קאָלאָניזאַציאָנס־פּלאַן און אים אומענדערן, ווי עס האָט אונז נאָך ניט פּאַסירט, ווי עס קען אָבער לייכט פּאַסירן. און פונדעסטוועגן, קען איך זיי טרייסטן, זיינען מיר אַקוראַט אַזוינע אוטאָפּיסטן, ווי זיי וועלן זיין אין אַ ספערע פון **סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם** און **סאָציאַלן ווידערשטאַנד** אויפ׳ן אַנדערן טאָג נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע“ (קורסיוו פון מחבר). און ווירקלאַך, אַ האַסטיקע פאַנטאַזיע איז ביי דעם הער בערטאָלדי. די ראָל פון די ס. ס. איז, זעט איר, שוין איצט פינקטלאַך אַזאַ, ווי די ראָל פון דעם פּראָלעטאַריאַט־דיקטאַטאָר אויפ׳ן שוועל פון דער קומענדער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. אַ רחמנות אויף דער קינפטיקער מענטשהייט, וועלכע איז פאַר׳משפט פאַר אַ קרבן פון די עקספּערימענטן אַ לאַ ס. ס. זיי האָבן, פאַרשטייט איר, פאַרוואָרפן פּאַלעסטינע, נאָך דעם ווי זיי האָבן זי איין מאָל אָנגעצייכנט — נאַטירלאַך, דאָס זיי האָבן דערצו אַ וויכטיקן מאָטיוו: דאָס, וואָס דר. הערצל האָט דערקלערט, אַז פּאַלעסטינע איז ניט דערגרייכבאַר. וועט אַ וועלכן עס איז זאַנגוויל׳ז געפעלן ווערן עפּעס זאָגן, וועלן זיך די ס. ס.

נאָר די ציוניסטן־סאָציאַליסטן זיינען, לכל הפחות, די לעצטע צייט אָפנהאַרציק; די סיימיסטן אָבער, וועלכע האָבן אַזוי פיל אַנגעטומלט מיט זייער ניי־געפונענעם „צוזאַמענהאַנג", וועלכע האָבן דורך דער מינדלאַכער אַגיטאַציע פאַנאַנדערגעפּויקט אויף דער גאַנצער וועלט, דאָס ביי זיי איז שוין ענדלאַך פאַראַן דער לאַנג אַרויסגעקוקטער צוזאַמענהאַנג, דערמאָנען שוין אַפילו ניט אין זייער ליטעראַטור איצט וועגן דיזן צוזאַמענהאַנג. פון דעם אַלעם איז צו זען, דאָס די לעזונג פון דער פראַגע אי וועגן דעם צוזאַמענהאַנג, אי אַפילו וועגן דעם טעריטאָריאַליזם גופא, ליגן זיי אָפּ קלוג, עד ביאת הסיים. איבעריקענס, האַלטן זיי נאָך אַלץ אין איין חזר'ן זייער פראַזע: „דורך דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע צו דער טעריטאָריאַלער", אָן קיינע ווייטערדיקע פירושים. דאָך איז קלאָר, אַז אי ביי די ס. ס. אי ביי די י. ס. שפּילט די ראָל פון אַ ווירקלאַכן בריק צווישן דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט — די *דיפּלאָמאַטיע*: די נפקא־מיניה איז נאָר דאָס, וואָס ווי די ס. ס. האָפן, וועלן די אונטערהאַנדלונגען מיט די מלוכות מכח טעריטאָריאַליסטישע עסקים פירן די פרייע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און ווי די י. ס. האָפן, וועט זיי פירן דער סיים, וועלכער וועט פאַרמעגן אַ פּאָליטישן אויטאָריטעט.*) נאָך דער אידעאָלאָגיע פון אונזערע שכנים מצד רעכטס זיינען די אונטערהאַנדלונגען מיט די בורזשואַזע רעגירונגען אַן *אומפאַרמיידלאַכער תנאי*, אָן וועלכן דער טעריטאָריאַליזם איז פשוט אומאויספירבאַר.

ביי אַזאַ לאַגע איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך, וואָס אין זייער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועלכע זיי פירן צווישן דעם אידישן *פּראָלעטאַריאַט* (!), אין זייערע לאָזונגען און אויפרופן מוז זיך אַנטהאַלטן דער סם פון טיפער ערשיטערונג, אָדער טאַקע גאָר פון *דעמאָראַליזירונג*. *וואוהין און צו וואָס רופן זיי דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט*? — דאָס איז פאַר זיי די געפערלאַכסטע פראַגע. לכתחילה קאָן זיך אויסווייזן, דאָס די ס. ס. רופן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צום טעריטאָריאַליזם: אָבער ביי זיי איז דאָך איצט ניטאָ קיין שום *פּראָלעטאַרישע* אַרבעט, וועלכע זאָל האָבן אַ שייכות צום טערי־

---

אַ כאַפּ געבן אָפּצוזאָגן זיך פון די פריערדיקע טעריטאָריעס און אָננעמען נייע. דערפאַר אָבער, זעט איר, בנוגע די קאָלאָניזאַציאָנס־*פּלענער*, איז שוין זייער פּאָזיציע דערווייל אַ שטאַנדהאַפטע: אָט איז שוין באַלד גאַנצע 4 חדשים, און זיי האַלטן זיך נאָך אַלץ אָן די פּראָיעקטן פון דעם הער ס. וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם געגנוואַרט און דער צוקונפט קאָן שוין זיין דאָרט, וואו מענטשן גרייטן זיך צו בייטן זייערע פלענער ווי האַנדשו!

*) אָדער, ווי עס דריקט זיך אויס דער חבר פּ. פּאַלעסטינעץ, די נפקא־מינה איז דאָס, וואָס פאַר די ס. ס. איז דער טעריטאָריאַליזם אַ *פּריוואַטע אונטערנעמונג*, און פאַר די י. ס. איז ער אַ *קאָזיאָנע אונטערנעמונג*.

טאַריאַליזם. באמת, וואָס ליגן זיי פאַר צו טאָן פאַר'ן טעריטאָריאַ־ליזם? פירן דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, פאַרנעמען זיך מיט קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָיעקטן — אָבער מיט דאָס אַלץ קאָנען זיך דאָך ניט באַשעפטיקן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס! רעגולירן די אידישע א ו י ס־װ א נ ד ע ר ו נ ג: אָבער כּל זמן עס איז ניטאָ קיין טעריטאָריע, ד. ה. כּל זמן עס קומט ניט פאַר קיין סטיכיש־קאָנצענטרירטע א י י נ װ א נ־ד ע ר ו נ ג, האָט דאָס רעגולירן פון דער עמיגראַציע קיין שום שייכות ניט מיט'ן טעריטאָריאַליזם. — נאָך מער, פירנדיק צו דער צעזייאונג פון דער עמיגראַציע, איז עס פּשוט דער היפך פון'ם טעריטאָריאַליזם; דירעקט דאַרף זיך די טעריטאָריאַליסטישע אַרבעט אויסדריקן אין רעגולירן די א י י נ װ א נ ד ע ר ו נ ג, וואָס עס וואָלט שוין ממילא פירן צום רעגולירן די א ו י ס װ א נ ד ע ר ו נ ג. מיט זייערע לאָזונגען און אויפרופן טראָגן די ס.ס. אַריין אַן ערשיטערונג אין דעם טעריטאָריאַליסטישן באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער־מאַסן: רופן צום טעריטאָריאַליזם און אין דערזעלבער צייט רופן צו דער צעזייאונג פון דער עמיגראַציע — דאָס הייסט פירן אַ זעלבסט־מערדערישע פּראָפּאַגאַנדע. נאָך די ס. ס. טוען נאָך עטוואָס ערגערס: זיי רופן די אידישע אַרבעטער אונטערצוהאַלטן די דיפּלאָמאַטישע פּאָליטיק פון די בורזשואַזע טעריטאָריאַליסטן. אויב אָט די גאַנצע דעמאָראַליזירונג פעלט אין דער פּלאַפּלעריי און אַגיטאַציע פון די סיימיסטן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דער טעריטאָריאַליזם איז ביי זיי ניט מער, ווי פון מראית־עין וועגן. די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע דינט ביי זיי ניט מער, ווי פאַר אַן אַנטיִציאַנס־דעקאָראַציע, וועלכע ברענגט געוויס דעם אַרבעטער־קלאַס אויך ניט ווייניק שאָדן, לערנענדיק אים פאַר־שפּרייטן לאָזונגען, אין וועלכע עס ליגט זיך ניט אַריין קיין שום קאָנ־קרעטער אינהאַלט. די סיימיסטן רופן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע איז גלות; דעם טעריטאָריאַליזם אָבער שטעלן זיי אַרויס אַלס אַ ווייטן אידעאַל, וואָס דער וועג צו אים איז לחלוטין אומבאַשטימט און ניט דייטלאַך. דערפון שטאַמט אויך אַ צווייטע סכּנה פון דער סיימיסטישער אַגיטאַציע: אָפּלייגנדיק די רעאַלי־זירונג פון'ם טעריטאָריאַליזם ביז דער אומבאַשטימטער צוקונפט, ליגן זיי אָפּ נאָך ווייטער דעם סאָציאַליזם, פאַר וועמען די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע דינט דאָך נאָר אַלס אַ פריערדיקע שטופע.

די סיימיסטישע אַגיטאַציע פאַרגלעט אויף אַזאַ אופן דעם אונטער־שייד צווישן דעם טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליזם, אַרויסשטעלנדיק דיזע ב י י ד ע אויפגאַבן אַלס מאַקסימאַלע און אָנצייכענענדיק ביידע פּראָ־גראַמען מיט אַזעלכע פאַנאַנדערגעשוואומענע און טונקעלע שטריכן, וועלכע האַלטן אַיין אין זיך אַ סכּנה אייננאַנצן צו פאַרטונקלען, ווי דעם טעריטאָריאַ־ליסטישן, אַזוי אויך דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער־מאַסן. אויסטיילנדיק מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זייער פּראָפּאַגאַנדיס־טישן טאַלאַנט, באַלייכטנדיק מיט דער גאַנצער קראַפט פון'ם אַנאַליז, וועלכן

זיי פארמאגן, מער ניט ווי איין פונקט פון זייער פראגראם־מינימום (נעמלאך: „סיים“), זייען די י. ס. א געפערלאכן מאמענטאליזם אין די רייען פונ׳ם פראלעטאריאט, געוויינען אים צו, צוליב דער גוזמא׳דיק־איבערגעשאצטער קעגנווארט צו פארגעסן די צוקונפט. די היסטארישע פערספעקטיוו פון די סיימיסטן האקט זיך איבער ביי דער העל־שיינענדער רצועה פון די נאענטסטע פאדערונגעז און אלץ איבעריקע שווימט ארום אין דער נעבלדיקער ווייטעניש פון די „היסטארישע אידעאלן“ (טעריטאריאליזם און סאציאליזם), וואוהין עס זיינען פאר דעם מאדערנעם מענטשן טיר און טויער פארשטעלט.

צו וואס־זשע רופן מיר דעם אידישן פראלעטאריאט? א גרויסן טעות האט יענער, וועלכער שרייבט אונז צו דעם אויפרוף צו עמיגרירן קיין פאלעסטינע. דאס לאזן מיר איבער, ווי מיר האבען שוין ניט איינמאל אנגעוויזן, פאר דעם סטיכישן פראצעס.

צוליב קלארקייט וועלן מיר דערמאנען די באציאונג פון דער ס. ד. צו דער קאנצענטראציע פון די קאפיטאלן און פראדוקציע. איינזעענדיק אין דער קאנצענטרירונג פון דער פראדוקציע דעם וויכטיקסטן פון די סטיכישע כחות, וועלכע פירן צו דער רעאליזירונג פון דעם סאציאליזם, ווענדן זיך, פונדעסטוועגן, ניט די ס. ד. מיט אן אויפרוף צום ארבעטערקלאס — קאנצענטרירן די פראדוקציע און די קאפיטאלן. נאר די ס. ד. רופט דעם פראלעטאריאט מיטצוהעלפן דעם אלעם, וואס פארגיכערט און פארגרינגערט די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיוו־קרעפטן — נמצא, אויך דער קאנצענטרירונג פונ׳ם קאפיטאל, קעמפן קעגן דעם אלעם, וואס שטערט און דריקט די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיוו־קרעפטן און די קאנצענטרירונג פונ׳ם קאפיטאל. אזוי רופן אויך מיר דעם אידישן פראלעטאריאט מיטצוהעלפן דעם אלעם, וואס פארגיכערט און פארגרינגערט די קאנצענטרירטע אידישע איינוואנדערונג קיין פאלעסטינע — דיזן וויכטיקסטן סטיכישן פאקטאר פון דער רעאליזירונג פונ׳ם טעריטאריאליזם, און צו קעמפן קעגן דעם אלעם, וואס שטערט און דריקט דיזע איינוואנדערונג. אלס די ס. ד. ארגאניזאציע פונ׳ם אידישן פראלעטאריאט, רופן מיר אים צו זעלבסט־טעטיקייט אין אלע אירע געשטאלטן, צו דער אנטוויקלונג און פארטיפונג פונ׳ם קלאסן־באוואוסטזיין, צום קלאסנ־קאמף. דאס איבעריקע וועט ממילא צוקומען א דאנק די סטיכישע טענדענצן פון דער אידישער דינאמיק. אונזער אויפרוף צום טעריטאריאליזם איז דער אויפרוף צום קלאסנקאמף: אונזער אויפרוף צום סאציאליזם איז אויך דאסזעלבע.

אין זיין גאנצער טעריטאריאליסטישער ארבעט און קאמף וועט דער אידישער פראלעטאריאט, הגם א צוזאמענגעבונדענער מיט דער ברייטער מאסע פון דער קליין־בורזשואזיע, זיין פונדעסטוועגן לגמרי זעלבסטשטענדיק. צוזאמען מיט דעם, ווי עס וועט בכלל סטיכיש אריבערגעטראגן ווערן דער שווער־פונקט פונ׳ם אידישן לעבן פון גלות קיין פאלעסטינע,

וועט אויך אהין ביסלאַכווייז זיך אַריבערטראָגן די סטראַטעגישע באַזע פון דעם אידישן קעמפענדן פּראָלעטאַריאַט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אָר־גאַניזירט זיך סטיכיש אין דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליס־טישער ווירטשאַפט און פאַראייניקט זיך דערביי, אָפּגעטיילט פון די אַר־בעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אין באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַני־זאַציעס. די אורזאַך פונ'ם באַזונדערן אָרגאַניזירן זיך פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס איז דאָס, וואָס עקאָנאָמיש איז זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אַ באַזונדערע, — אַ איזאָלירטע. ווייל עס שטייגט די עקאָנאָמישע איזאָ־לירונג פון דעם אידישן לעבן, דעריבער פאַרשטאַרקט זיך די באַדערפעניש אויך אין אַ באַזונדערער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע; און ווייל דיזע איזאָלירונג פאַרשפּרייט זיך אויף דער אידישער ווירטשאַפט אין אַלע גלות־לענדער, ווייל אומעטום ווערט אַרויסגערופן די אייגנאַרטיקע אַל־וועלטלאַכע אידן־פראַגע (די „קאָנסאָלידאַציע פון דער אידן־פראַגע“) — דעריבער אַנטשטייט אויך אַ באַדערפעניש צו פאַראייניקן די אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע גלות־לענדער אין איין אַלוועלטלאַכער אָרגאַניזאַציע. ווייל די סטראַטעגישע באַזע*) פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס איז אומעטום גלייך אומנאָרמאַל, אומעטום גלייך אומבאַפרידיקט, פאָדערט אומעטום פון דעם אידישן אַרבעטער אַ צו־גרויסע פאַרשווענדונג פון כחות אינ'ם קאַמף, און איז גורם אומעטום, אַז דיזער קאַמף זאָל זיין זייער ניט־פּראָדוקטיוו; ווייל די עמיגראַציאָנס־פּראָצעסן אינ'ם אידישן לעבן באַ־רירן אַלע אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, און ווייל דער סטיכישער פּראָצעס פון דער קאָנצענטרירונג פון די אידישע עמיגראַנטן אין פּאַלעסטינע טראָגט אַריבער דעם שווער־פּונקט פונ'ם גאַנצן אידישן לעבן — אַ דאַנק דעם אַלעם וואַקסט אויס אין דער פאַרהעלטניש צו דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע גלייכע, טיף סאָלידאַרע און געמיינזאַמע אויפ־גאַבן פאַר אַן אַלוועלטלאַכער אָרגאַניזאַציע פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. ביז איצט האָט קיין שום אידיש־פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי זיך ניט געשטעלט אַט די אַלע היסטאָרישע אויפגאַבן — און אַט פאַרוואָס, און אַט צוליב וואָס מיר, י. ס. ד. פּועלי ציון, אָרגאַניזירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין גלות און אין פּאַלעסטינע.

די אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַרטיידיקט אַלע זיינע אינטערעסן און צוליב דעם באַנוצט זי זיך נאָר מיט איין מיטל — מיט'ן קלאַסנקאַמף. דער קלאַסנקאַמף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען: עקאָנאָמישע סטרייקן, די טעטיקייט פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, באָיקאָט, קאָאָפּעראַציע, דער פּאָליטישער קאַמף אינ'ם פּאַרלאַמענט און אויפ'ן גאַס, כל־ערליי פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע סטרייקס און אויפשטאַנדן.

*) וועגן דער סטראַטעגישער באַזע גענויער — אין „אונזער פּלאַטפאָרם“ קאַפּיטל ג'.

וואס אנבאלאנגט דעם פאליטישן קאמף, זיינען זיינע פארמען אפהענגיק ניט פון די קאנקרעטע לאזונגען און צילן, נאר פון דער במציאות'דיקער פארהעלטניס פון די געזעלשאפטלאכע כחות. למשל, בכדי אויסצוקעמפן דאס אלגעמיינע וואל־רעכט קאן דער ארבעטער־קלאס זיך באנוצן מיט פאר־שידענע מיטלען — מיט'ן קאמף אין פארלאמענט, מיט א פאליטישן סטרייק, מיט דעמאנסטראציעס (מיטינגען, פראצעסיעס איבער די גאסן, פעטיציעס) א. ד. ג. — דאס ווענדט זיך אן דעם, אויף וויפיל גרינג אדער שווער עס איז אין אט דעם מאמענט צו דערגרייכן א באפרידיקונג, און פאלגלאך, אן דעם, וואס פאר אן אנשטרענגונג פון כחות און וואס פאר א קאמבינאציעס פון זיי עס פאדערט זיך צוליב דעם קאמף. די לא־זונגען אבער זיינען אפהענגיק פון די אנ־רייפנדע באדערפנישן ביי דעם ארבעטער־קלאס. — וויבאלד די פארמען פון דעם פאליטישן קלאסנקאמף זיינען ניט אפהענגיק פון זיינע קאנקרעטע לאזונגען, הייסט עס, אז אריינטראגנ־דיק אין אונזער פראגראם נייע פונקטן, נייע און באזונדערע פאדערונגען, זיינען מיר גאר ניט מחויב אויסצוטראכטן צוליב זיי וועלכע עס איז בא־באזונדערע פארמען פון קלאסנקאמף. אזוי, למשל, ווען מיר, י. ס. ד. א. פ. פועלי־ציון, שטעלן ארויס די פאדערונגען פון א גאראנטירטער פרייהייט פאר דעם אריינפאר קיין פאלעסטינע, אדער א מער ווייטערע פאדערונג פון א טעריטאריאלער פאליטישער אויטאנאמיע אין פאלעסטינע — רופן מיר גאר ניט די אידישע פראלעטאריער צו קיינע באזונדערע אופנים פונ'ם קאמף, פון וועלכע מען האט קיינמאל ניט געהערט. מיר מאכן פולער אונזערע לאזונגען און אונזער פראגראם, מיר טראגן אבער ניט אריין קיינע שינוים אין דעם קלאסנקאמף. דאס פארשטייען ניט די ס. ס., וועלכע שטעלן זיך פאר, דאס פאר דעם טעריטאריאליזם פאדערן זיך כלומר'שט אזעלכע פארמען פון קלאסנקאמף פונ'ם פראלעטאריאט, וועלכע זיינען נאך אין דער געשיכטע ניט געהערט און ניט געזען געווארן.

אן פאליטישע גאראנטיעס איז אוממעגלאך א ברייטער שטראם פון דער זיך קאנצענטרירנדער איינוואנדערונג און א פרייע אנטוויקלונג פון דער אידישערווירטשאפט אין פאלעסטינע; פאליטישע גאראנטיעס ווערן דערגרייכט דורכ'ן פאליטישן קאמף; אייניקע פון זיי ווערן דערגרייכט שוין דורכ'ן קאמף דא, אין גלות — דהיינו א גאראנטירטער פרייער אריינפאר קיין פאלעסטינע, און אייניקע וועלן דערגרייכט ווערן נאר דורכ'ן קאמף דארט: צוערשט וועט די סטיכישע אנטוויקלונג פון דער אידישער ווירטשאפט אין פאלעסטינע פליסן ביי ניט־פרייע באדינגונגען, וועט זיין געדריקט, און נאר אין רעזולטאט פון א הארטנעקיקן באפרייאונגס־קאמף וועלן באשאפן ווערן פרייע באדינגונגען פאר דעם ווייטערדיקן אומ־געשטערטן וואוקס פון דער אידישער געזעלשאפט. און ווייל בראש פון

אַט דער גאַנצער באַפרייאונגס־באַוועגונג וועט שטיין דער פּראָלעטאַריאַט, — זאָגן מיר דעריבער, אַז דער קלאַסנקאַמף פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט איז די וויכטיקסטע אָרגאַניזירנדע געווער, וואָס העלפט בכלל דער באַוואוסטזיניקער טעריטאָריאַליסטישער טעטיקייט אַרויסצובאַווייזן זיך. דורך דעם פּאָליטישן קאַמף פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט ווערן באַשאַפן די רעכטלאַכע גאַראַנטיעס און פרייהייטן, ד. ה. *אומדירעקט* רעגולירט זיך די אידישע איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע.

און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם עקאָנאָמישן קאַמף, קאָנען דורך אים די אידישע אַרבעטער געוויסערמאַסן *דירעקט* רעגולירן די איינוואַנדערונג פון דער אידישער אַרבעטס־קראַפט אין פּאַלעסטינע. דהיינו, וואָס מער עס וועט רייף ווערן די באַדערפעניש אין אַן אַלוועלטלאַכער אָרגאַניזאַציע פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועט זיך אַרויסווייזן אויך די באַדערפעניש צו פאַראייניקן אַלע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון׳ם אידישן אַרבעטער־קלאַס אין איין אַלוועלטלאַכעס גאַנצע. עס וועלן זיך פאַראייניקן איינער מיט׳ן צווייטן די אידישע *פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען* אין פאַרשידענע לענדער און וועלן איינער דעם אַנדערן אונטערשטיצן מיט וואָס נאָר מעגלאַך. אַט דיזע פאַראייניקטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אויסברענגענדיק אַ טייל פון זייערע מיטלען אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זייערע מיטגלידער אויף די ערטער, וועלן דעם אַנדער טייל פון זייערע מיטלען באַנוצן אויף צו פאַרגרינגערן פאַר זייערע מיטגלידער דאָס אַריבערפאָרן קיין פּאַלעסטינע, ד. ה. זיי וועלן גרינדן פאָנדן פאַר די עמיגראַנטן, אינפאָרמאַציאָנס־ און סטאַטיסטישע ביוראָס, קאָנטאָרן אויף אויסצוזוכן אַרבעט וכדומה. ווייל דער שווערפּונקט פון דעם אידישן לעבן וועט זיך אַלץ מער אַריבערטראָגן קיין פּאַלעסטינע, וועלן די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט דער צייט געצוואונגען זיין צו גרינדן זייערע אָפּטיילונגען אין פּאַלעסטינע און אויף אַזאַ אופן דערפילן די אויבן־אָנגעוויזענע פונקציעס. — די איבערוואַנדערונג פון דער אידישער אַרבעטס־קראַפט קיין פּאַלעסטינע גייט אַריין, ווי אַן אָרגאַנישער טייל, אינ׳ם אַלגעמיינעם סכום פון יענע *שאַפנדע* מאָמענטן, פון וועלכע עס ווערט צונויפגעשטעלט דער סטיכישער פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם. אַלזאָ, די זעלבסטשטענדיקע *עקאָנאָמישע* אָרגאַניזאַציעס פון׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט וועלן טיילווייז רעגולירן אויך די *שאַפנדע* מאָמענטן פון דער רעאַליזירונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם. די דערגרייכונג פון רעכטלאַכע גאַראַנטיעס און פּאָליטישע פרייהייטן פאַר דער איינוואַנדערונג פון די אידן אין פּאַלעסטינע און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער ווירטשאַפט אין לאַנד גייט אַריין, ווי אַן אָרגאַנישער טייל, אינ׳ם אַלגעמיינעם סכום פון יענע *באַפרייענדע* מאָמענטן, פון וועלכע עס ווערט צונויפגעשטעלט דער סטיכישער פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם. הייסט עס, דער זעלבסטשטענדיקער (אין פאַרבאַנד מיט די פּראָלעטאַריער פון

אנדערע פעלקער און טיילווייז אויך אין פארבאנד מיט די ברייטע מאסן פון דער אידישער קליין-בורזשואזיע) פּאָליטישער קאמף פונ׳ם אידישן פראָלעטאַריאט וועט רעגולירן די באַפרייענדע מאָמענטן פון דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם.

איצט איז שוין ניט שווער זיך קלאָר מאכן אונזער פארהעלטנים צו דעם בורזשואזן ציוניזם. דאָ דאַרף מען, קודם כל, באמערקן, דאָס די בורזשואזע טעריטאָריאַליסטן און ציוניסטן, וועלכע זיינען אין אַלגעמיין מסכים מיט׳ן שטאַנדפּונקט פון סטיכישן פּראָצעס, מאכן, פונדעסטוועגן, אַן אויסנאַם פאַר די קאָלאָניזאַציאָנס-פּראָצעסן; זיי האַלטן, דאָס די קאָלאָניזאַציע קאָן פארווירקלאַכט ווערן נאָר ביי דעם בכיוון׳דיקן אריינמישן זיך פונ׳ם אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלאַכן רצון. דיזער טעות ליגט אויך אינ׳ם יסוד פון אַלע ס.-ס.׳ישע און י.-ס.׳ישע בנינים. אָפּטמאָל נעמט ער אָן אַזאַ מין פאָרם: מען דאַרף איינאָרדנען נאָר די ערשטע טריט אינ׳ם ענין פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, מ׳דאַרף פּלאַנמעסיק און באוואוסטזיניק דורכשלאָגן אַ וועג, און דערנאָך וועט זיך שוין ממילא אָנהויבן דער סטיכישער פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע אין אַ ברייטן מאַס-שטאַב. דאָ האָבן מיר פאַר זיך דאָסזעלבע, וואָס מיר האָבן אויבן דער-קלערט — אַ השערה וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן באַדינגונגען פאַר דעם סטיכישן אַנטשטיין פון דער נייער געזעלשאַפט. מיר באַהויפּטן, דאָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען אויך די קאָלאָני-זאַציאָנס-פּראָצעסן אינגאַנצן סטיכישע און דאָס די אַממערסטן קלוגע קאָלאָניזאַציע איז ניט יענע, וועלכע ווערט געפירט אַממערסטן „קלוג“, נאָר יענע וועלכע פּאַסט זיך צו צו דער ריכטונג פון די סטיכישע איבער-וואַנדערונגען פון די פּאָלקס-מאַסן. און אין דעם איבערצייגט אונז די געשיכטע פון אַלע קאָלאָניזאַציעס אין דער נייער צייט. די באַזעצונג פון אַמעריקע, דרום-אפריקע און אויסטראַליע איז פאָרגעקומען סטיכיש: די געצוואונגענע, אָדער די פּראַקטיציאָנעלע באַזעצונג פון די נייע לענדער דורך דער מאַכט פון די אייראָפּייאישע רעגירונגען האָט ניט געבראַכט צו קיינע רעזולטאַטן. כל זמן אין די קאָלאָניעס האָט זיך ניט געפונען אַזאַ מין זאַך, וואָס זאָל צוציען די ברייטע פּאָלקס-מאַסן, וועלכע ווענדן זיך אין זייערע איבערוואַנדערונגען אין דער ריכטונג, וואָס געפינט זיך צווישן דער גרעסטער צוציאונג און דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. אין דרום- און צענטראַל-אַמעריקע איז, עד היום, אַ העכסט שיטערע ווייסע באַפעלקערונג, און די גראַנדיעזע קאָלאָניזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז, ווי עס איז אַלעמען באַוואוסט, פאָרגעקומען אָן אַ וועלכן עס איז פּלאַן. די באַ-זעצונג פון דרום-אפריקע איז פאָרגעקומען קעגן דער ווירקונג פון די מלוכות, און איז אַממערסטן ערפאָלגרייך אַוועק נאָכדעם, ווי מען האָט דאָרט אַנטדעקט אַלמאַזען און גאָלד-גראָבנס. דיזער צווייטער פאַקטאָר האָט מיט זיך באַדינגט אויך די קאָלאָניזאַציע פון אויסטראַליע. ווי ווייט ניט-ווירדיק עס איז די פּלאַנמעסיקייט אין פאַרגלייך מיט׳ן סטיכישן

סטימול אינ'ם ענין פון קאָלאָניזאַציע, באַווייזט זיך באַשיינפּערלאַך, ווען מיר פאַרגלייכן די אומערפאָלגרייכע, הגם פלאַנמעסיק־פאַרטראַכטע קאָלאָניזאַציע פון אוגאַנדע דורך די ענגלענדער, מיט דעם וואונדערלאַך־געשווינטן וואוקס פון דער באַזעצונג אין קאַליפאָרניע, וועלכער איז באַדינגט דורך דעם, וואָס מען האָט דאָרטן אַנטדעקט גאָלד. אַלע מלוכה־פּאַרזוכן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו קאָלאָניזירן דעם ווייטן מערב האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניט, ביז עס האָט זיך ניט געריכטעט די עמיגראַציע פון די גאָלד־זוכער אין קאַליפאָרניע; דיזער „מענטשלאַכער שטויב", אַראָפּזעצנדיק זיך אונטערוועגנס אין די מדבריות פונ'ם „ווייטן מערב", האָט סטיכיש געשאַפן באַדינגונגען פאַר דעם וואוקס פון מענטשלאַכע ישובים אין דיזן טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. צו דעם האָט מיטגעהאָלפן אויך די איבערוואַנדערונג פון די מאָרמאָנער, וועלכע איז פאָרגעקומען געגן די תחבולות פון דער רעגירונג. די קאָלאָניזאַציע פון אַרגענטינע און פּאַטאַגאָניע האָט כמעט ניט עקזיסטירט ביז דעם לעצטן פערטל פונ'ם 19טן יאָרהונדערט, ווען דער אַגראַר־קריזיס אין אייראָפּע, וועלכער איז געווען באַדינגט דורך דעם סטיכישן וואוקס פונ'ם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, האָט גלייכצייטיק פאַרטריבן אי די אייראָפּעאישע קאַפּיטאַלן, אי הונדערטער טויזנטער פויערים אין די נייע לענדער פון דער ברייט זיך אַנטוויקלענדער ערד־אַרבעט.

די מלוכה שטעלט מיט זיך געווים פאַר א י י נ ע פון די מעכטיקסטע פאָרמען פון אָרגאַניזירן דעם געזעלשאַפטלאַכן רצון; נאָר אין דיזער פאָרם, אַ האָר ניט ווייניקער ווי אין יעדער אַנדערער, זעט זיך ארויס דער סטיכיש־אַנטאַגאָניסטישער כאַראַקטער פון די געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטניסן. דערהויבנדיק זיך איבער דער גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער סטרוקטור שפּיגלט אָפּ אין זיך די מלוכה אינגאַנצן די דיסהאַרמאָניע פון דער ערשטער, און איר טעטיקייט און גורל זיינען אויך סטיכישע, פּונקט ווי איר יסוד איז סטיכיש. דעריבער איז זי, ווידער טאַקע, ביכולת נאָר צו רעגולירן די סטיכישע פּראָצעסן, אָבער ניט אימפּראָוויזירן זיי. צולייגנדיק דיזן אַלגעמיינעם געדאַנק צו די ערשיינונגען פון קאָלאָניזאַציע, דאַרפן מיר זאָגן, דאָס, למשל, ניט די קאָלאָניזאַציע פון אַלזשיר איז אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס אַלזשיר איז פּאָליטיש אונטערטעניק פראַנקרייך, נאָר להיפּך, די עמיגראַציאָנס־באַדערפעניש פון די פראַנצויזישע פויערים, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער ערד אין אַ גאַנצער רייע ניט־געלונגענע רעוואָלוציעס, און די באַדערפעניש פונ'ם יונגן פראַנצויזישן קאַפּיטאַל צו פאַרברייטערן דעם נאַציאָנאַלן מאַרק, — האָבן ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן פראַנקרייך צו דעראָבערן אַלזשיר. פּונקט דאָסזעלבע קאָנען מיר זאָגן אויך מכח דער באַזעצונג פון סיביר און דאָס איינגעמען פון טורקעסטאַן דורך דער רוסישער רעגירונג, מכח דאָס איינגעמען פון ניי־זעלאַנד דורך די ענגלענדער, מכח דעם פאַרכאַפּן פון קאָרעא און ליאַאָדון, דאָס פאַרנעמען פון פאָרמאָזאַ און אַ טייל סאַכאַלין מצד דער יאַפּאַנישער רעגירונג. קאָלאָ־

ניזאַציע און עמיגראַציע זיינען ביי היינטיקן טאָג אונטערוואָרפן און פאָלגן די געזעצן פון דער איבערוואַנדערונג פונ׳ם קאַפּיטאַל, וועמען עס דינט אויך די מלוכה. „דער קעניג דענקט און דער קרעמער לענקט“, ווי עס דריקט זיך שאַרף אויס ניטשע. דערביי אָבער טוט עס דער „קרעמער“ גופא סטיכיש, זייענדיק אַריינגעצויגן אין דעם קרייז־גאַנג פונ׳ם ווילדן און איינגאַרטיקן קאַפּיטאַל.*)

דער גאַנצער מאַסיווער אַפּאַראַט פון דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע מיט איר גאַנצער צווינגענדער מאַכט איז מאַכטלאָז אינ׳ם קאַמף קעגן דער סטיכיטעט. נאָר די בורזשואַזיע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט׳ן סחורות־פעטישיזם, האָט פאַר זיך באַשאַפן אַ אַפּגאָט אויך פון דער מלוכה, פון דיזן, באמת, בלינדן כלי־זיין אין די הענט פון דער סטיכישער עוואָלוציע — אַ כלי־זיין, וועלכער האָט לחלוטין ניט קיין שום פּראָגנאָז, אַ כלי־זיין, וועלכער לעבט אויסשליסלאַך פון די אינטערעסן און שטרעבונגען פונ׳ם פּאָליטישן מאָמענט. די קאָלאָניזאַציע איז ביז איצט תמיד געווען אָפּהענגיק, ניט פונ׳ם ווילן און חשבונות פון דער רעגירונג, איר ערפאָלג אָדער אומערפאָלג פלעגט שטענדיק באַשטימט ווערן, אומאָפּהענגיק פון דער מלוכה־ווירקונג, דורך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די איינוואַנדערונגס־לענדער און דורך דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער אויסוואַנדערער־מאַסע. און פונדעסטוועגן, לייגן אַרויף די בורזשואַזע שטרעמונגען אינ׳ם טעריטאָריאַליזם (און די ס. ס. און סיימיסטן, וועלכע שטייען צו זיי צו) אַלע זייערע האָפנונגען אויף דער רעגירונג.**)

דאָ ליגט דער ערשטער פונקט, וועלכער באַשטימט אונזער פאַרהעלטניס צו די בורזשואַזע ציוניסטן. מיר וועלן קעמפן קעגן יענער ציוניסטישער טעטיקייט, וועלכע שטיצט זיך אויף דער דיפּלאָמאַטיע, מיר וועלן קעמפן קעגן אַלע טראַדיציעס פון הערצל׳ס טשאַרטעריזם. פון דער צווייטער זייט, וועלן מיר קעמפן קעגן דער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער קאָנספּיראַציע, וועלכע האָט בדעה אונטערערדישע פאָרמען פון פאַרכאַפּן

---

*) איבעריקנס שטעלט פאַר די קאָלאָניזאַציע פון נייע ווייסטע לענדער אין איין הינזיכט באַזונדערע באַקוועמלעכקייטן — פאַרשטייט זיך, ניט בכדי אימפּראָוויזירן, נאָר בכדי צו רעגולירן: דאָס איז — דאָס פעלן פון אַ סטיכישער איינערציע פון צונויפגעלייגטע און איינגעפעסטיקטע סאָציאַלע פאָרמען. אַ דאַנק דעם, ווייזט אַרויס די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריעלע און גייסטיקע קולטור אַ סך מער פּראָגרעסיווע שטריכן, און די אַנטוויקלונג קומט ביי זיי פאַר פיל גרינגער און מיט ווייניקער יסורים, ווי אין די אַלטע געזעלשאַפטן, וואו עס האָבן זיך, מער אָדער ווייניקער, איינגעהיט די איבערלעבונגען פון די אָפּשטאַרבנדע סאָציאַלע פאָרמען. אויף דיזן פאַקט בויען די ס. ס. הרים וגבעות. נאָר די צרה איז, ווידער טאַקע, אין דעם, וואָס די נייע געזעלשאַפטן ווערן ניט געשאַפן קינסטלאַך.

**) „טשאַרטער“, „דיפּלאָמאַטיע“. „סיים“ — דאָס זיינען אַלץ פאַרשידענע נוסחאות פון איין און דעמזעלבן פּאָליטישן פעטישיזם.

פּאַלעסטינע דורך שפּיצזיניקע פּלענער, צוגלייך אויך, געגן דער קאָנספּיראַטיווער דיפּלאָמאַטיע, מיט וועלכער עס פּאַרנעמען זיך נאָך אַלץ די ציוניסטישע רעדל־פירער, פירנדיק פאַר׳ן נאָז די לייכט־גלויביקע פאָלקס־מאַסע, און אָפּנאַרנדיק זיך אַליין. דערפון, אָבער, איז ניט געדרונגען, דאָס די חובבי־ציון׳דיקע פּאָליטיק פון „קליינע אַרבעט" וועט געפינען אין אונז אַ פריינד — פאַרקערט, עס איז ניטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס זאָל אונז זיין מער פיינטלאַך און העסלאַך. האַלטנדיק, דאָס די אויפגאַבע פון די בורזשואַזע ציוניסטן איז צו רעגולירן דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליזירונג פון פּאַלעסטינע דורך דער אידישער איינוואַנדערונג, וועלן מיר אונטערהאַלטן דאָס אַלץ, וואָס האַרמאָנירט מיט דיזער אויפגאַבע.

ברייט אַוועקשטעלן די אינפאָרמאַציע אין פּאַלעסטינע — ווי שאַפן אינפאָרמאַציע־ביוראָס און ליטעראַרישע אינפאָרמאַציע, אָרגאַניזירן אויספאָרשונגען און אויסזוכונגען אין פּאַלעסטינע, און דער עיקר סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערפאָרשונגען, שאַפן סטאַטיסטישע ביוראָס, קאָנטאָרן אויף געבן יורידישע הילף די איינוואַנדערער, אָרגאַניזירן קליין־ און גרויס־קרעדיט (חוץ אַגראַר־אַפּותיקאָ׳עס, וועלכע פירן צו אַ קינסטלאַכן פאַנאַנדערבלאָזן פון די מקחים אויף ערד), — דאָס אַלץ וועט ביי אונז געפינען די ענערגישסטע שטיצע. דאָס אַלץ, וואָס עס פאַרגרינגערט און פאַרגיכערט די איבערוואַנדערונג פון׳ם קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינע, דאָס אַוועקשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אויף מאָדערנע טעכנישע יסודות און אויפ׳ן באָדן פון דער פרייער גזעלשאַפטלאַכער איניציאַטיוו, דאָס איינאָרדנען ערפאַרונגס־סטאַנציעס און מוסטער־ווירטשאַפטן, וועלכע וועלן דינען אַלס אַ צענטער פון דער טעכנישער נאָכאַמונג און פאַר׳ן אָביעקט פון דער טעכנישער קאָנקורענץ מצד די אידישע איינוואַנדערער, וועלכע וועלן אויף אַזאַ אופן העלפן דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אין לאַנד: דאָס אַלץ, וואָס עס העלפט מיט דער עקאָנאָמישער אויטאָנאָמיזירונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע — די אַרענדע פון צינזן דורך אַנשטאַלטן, וועלכע עס האָט געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, יעדע קאַפּיטאַליסטישע קאָנצעסיע — אָט דאָס זיינען, לויט אונזער מיינונג, די גאַנץ גענוג ברייטע טעטיקייטס־ראַמען פון׳ם ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס איז די ספערע פון זיין ווירקונג. *געגן* דער מלוכה־אַפּוטרופּסות און פילאַנטראָפּיע, *פאַר* דער פרייער גזעלשאַפטלאַכער איניציאַטיוו — אָט אַזאַ איז אונזער טאַקטיק, *בנוגע דער רעאַלער אַרבעט פון קאָנגרעס אין פּאַלעסטינע*. מיר וועלן שטרעבן צו דעם, אַז די ציוניסטישע טעטיקייט פון דער בורזשואַזיע זאָל טראָגן אַ העל־אויסגעדריקטן, ניט פאַרמאַסקירטן פּראַקטישן קאָמערציעלן כאַראַקטער. אויפ׳ן באָדן פון׳ם גינסטיקן סטיכישן פּראָצעס וועט דיזע טעטיקייט אַליין שאַפן אויך די נויטיקע כחות און וועט צוציען די קאַפּיטאַלן, און אויב איר *אַלגעמיינער* דירעקטיוו איז דאָס *גליק פון פאָלק*, דאַרף איר *נאָענטסטער* ציל שטענדיק זיין

— ריוח.

אט דאס זיינען די אויבערשטע פרינציפן פון אונזער געמיינזאמער טעטיקייט מיט דער ציוניסטישער בורזשואזיע. אלס פארשטייער פון דעם פראלעטאריאט קאנען מיר, נאטירלאך, ניט ארגאניזירן אזעלכע מיני קאמערציעלע אונטערנעמונגען. מיר קאנען אויך קיין אנטייל ניט נעמען אין זייער ארגאניזירן; מיר זיינען אבער בכח זיי אונטערצוהאלטן מאראליש. דאס איז דיזעלבע פאזיציע, וועלכע עס פארטרעט בכלל די ס.-ד.-יע בנוגע צום ארגאניזירן געזעלשאפטלאכע ארבעט פאר ארבעטסלאזע — זי איז ניט ביכולת צו ארגאניזירן דיזע ארבעט, זי העלפט זיי אבער, ווי ווייט עס איז נאר מעגלאך. פונקט אזוי האלטן אויך מיר אונטער דאס אלץ, וואס עס שטעלט צו, אין ברייט־קאפיטאליסטישע און ניט פילאנטראפישע פארמען, ארבעט פאר אונזערע ארבעטסלאזע עמיגראנטן.

זעלבסט־פארשטענדלאך, דאס אונז וועט אויסקומען צו פירן מיט די בורזשואזע ציוניסטן אן עקשנות'דיקן קאמף ניט נאר אויפ'ן באדן פון אונזער פארשטייין די רעאלע ארבעט פונ'ם קאנגרעס, נאר אויך אויפ'ן באדן פון יענע עקאנאמישע און פאליטישע קאנפליקטן, וועלכע וועלן זיך פאנאנדערשפילן אין פאלעסטינע. עס איז גרינג צו זען, דאס דער קלאסנ־קאמף אין פאלעסטינע וועט זיך זייער געשווינט אנטוויקלען — אונטער דער ווירקונג פון צוויי שטענדיקע פאקטארן. ערשטנס, די מאסע, וועלכע וואנדערט אריין אין פאלעסטינע, קומט פון יענע לענדער, וואו די קלאסן־אנטאגאניזמען האבן שוין לאנג באקומען א העלן און שארפן אויסדרוק. דער ארבעטער, וועלכער פארט קיין פאלעסטינע, האט נאך ערב זיין אוועקפארן איבערגעלעבט שטורמישע צוזאמענשטויסן מיט'ן בעל־הבית און האט זיך געפונען אין דער אדער יענער, פאליטישער אדער עקאנאמישער ארבעטער־ארגאניזאציע אין די גלות־לענדער; ער קומט אין פאלעסטינע מיט א מער אדער ווייניקער קלארן קלאסן־באוואוסטזיין. דער אונטער־נעמער, וועלכער וואנדערט איבער קיין פאלעסטינע, ברענגט אויך מיט זיך דערפארונג און געוואוינהייט אינ'ם קאמף געגן די ארבעטער; ביידע קומען זיי אין לאנד שוין פארטיקע, ניט צווייפלענדע, שונאים. צווייטנס, די אפ־הענגיקייט פון דער יונגער אידישער ווירטשאפט אין פאלעסטינע פונ'ם וועלט־מארק, פונ'ם וועלט־קאפיטאל דארף ווירקן, עס זאלן געשווינד און טיף פארשארפט ווערן די קלאסן־אנטאגאניזמען; דער וועלט־קאפיטאל, אלס די העכערע אנטוויקלונגס־פארם פונ'ם מאדערנעם ווירט־שאפטלאכן טיפ, אנטהאלט אין זיך אויך די העכסטע אנשטרענגונגס־מדרגה פון זיינע אינערלאכע געגנזאצן און זייער פרוכט — פון די אנטא־גאניזמען. דעריבער, אריינרייסנדיק זיך אין א וועלכע עס איז פעאדאלע ווירטשאפט און געמיינשאפט, צעשפאלט איר געשווינד דער וועלט־קאפיטאל, נאך דער ליניע פונ'ם קלאסן־אנטאגאניזם, און דאס קומט פאר אלץ גע־שווינדער, וואס שפעטער דאס דאזיקע לאנד פאלט ארונטער אונטער דער

ממשלה פונ׳ם וועלט־מאַרק. באמת, דער וועלט־קאַפּיטאַל האָט אַן עקאָנאָמיש־נ י ו ו ע ל י ר נ ד ע (אויסגלייכענדע) טענדענץ, ער שטרעבט אויפצוהויבן אַלע טעריטאָריאַלע ווירטשאַפטן, וועלכע ער האָט נאָר פאַרכאַפּט, ביז צו איין און דער זעלבער מדרגה פון דער טעכניק — און צוזאַמען מיט דעם אויך פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג; און וואָס שפּעטער עס טרעט אַרויף אַ וועלכעס עס איז לאַנד אויף דער אַרענע פון דער וועלט־קאָנקורענץ, אַלץ שטאַרקער קומט אים אויס אָנצושטרענגען זיינע כחות, בכדי פון איר ניט אַראָפּגעטריבן צו ווערן; דאָס וואָס עס פעלט אינ׳ם כמות, ווערט דאָ אָנגעיאָגט און אָפּגעצאָלט אינ׳ם איכות. דאָס זעען מיר אין רוסלאַנד, אין יאַפּאַן (טיילווייז אויך אויך כינע און פערסיע).

אָט אַזאַ, אויב ניט נאָך אַ מער אינטענסיווערע אַנטוויקלונג פון די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען ערוואַרטעט אויך פּאַלעסטינע. צו דעם קאַמף אין פּאַלעסטינע קאָנען ניט בלייבן גלייכגילטיק, ניט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און ניט די אידישע בורזשואַזיע אין די גלות־לענדער — ווייל דער שווער־פּונקט פון די אינטערעסן פון דיזעביידע קלאַסן טראָגט זיך בּיסלאַכווייז איבער קיין פּאַלעסטינע. דאָ איז דער צווייטער פּונקט פונ׳ם קאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַרישן און בורזשואַזן ציוניזם. שוין ביי היינטיקן טאָג פאַרטונקלען מיט אַלע כחות די בורזשואַזע ציוניסטן פון איין זייט די קלאַסן־געגנזאַצן אין פּאַלעסטינע, אַרויסשטעלנדיק אויפ׳ן ערשטן פּראָנט די פיקציע פון „נאַציאָנאַלער ברודערשאַפט“ און „איינהייט פון די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן“, דערקלערנדיק די קלאַסן־שנאה צווישן די אידישע איינוואַוינער אין פּאַלעסטינע אויסשליסלאַך מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע אין רוסלאַנד; פון דער אַנדער זייט, האַלטן זיי אונטער מיט אַלע מעגלאַכקייטן די פּאַלעסטינישע בורזשואַזיע אין אירע אַרויסטרעטונגען געגן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. בלי שום ספק וועלן די בורזשואַזע ציוניסטן זיך סטאַרן אויסצונוצן די טעטיקייט פון דעם קאָנגרעס, בכדי צו ווירקן אויף די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־איינוואַנדערער, און מיר דאַרפן אויך אָנווענדן אַלע אונזערע כחות צו מאַכן אומשעדלאַך דעם קאָנגרעס פון דיזער זייט. דעם ספּעציפישן כלי־זיין פון דער בורזשואַז־ציוניסטישער פּאָליטיק וועלן מיר דאַרפן סטאַרען זיך אויסצונוצן, בכדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די געדונגענע אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין פּאַלעסטינע. וואָס ברייטער עס וועט זיין אָוועקגעשטעלט די אַרבעט פונ׳ם קאָנגרעס אין פּאַלעסטינע, אַלץ אַ גרעסערן פּאַקטישן דרוק וועט ער קאָנען מאַכן אויף די אָרטיקע און אָנגעפאָרענע אַרבעטער, און אַלץ מער באַדן וועלן מיר האָבן פאַר׳ן תשובה־דרוק אויפ׳ן קאָנגרעס — דורכ׳ן קלאַסנקאַמף.

לסוף, בנוגע דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע געגן דער טערקישער רעגירונג שטייען אונז פאַר באַציאונגען צו די בורזשואַזע ציוניסטן פיל מער פיינטלאַכע, איידער פריינטלאַכע. אוודאי איז די אידישע בורזשואַזיע אויך פאַראינטערעסירט צו באַפרייען פּאַלעס־

טינע פון דער טערקישער ממשלה, — אָבער אויך דאָ, ווי אומעטום, זאָגט זיך אַרויס, שוין ביי היינטיקן טאָג, די כאַראַקטעריסטישע בורזשואַזע פּחדנות, האַלבקייט און ניט־אויסגעהאַלטנקייט. ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, שילדערן זיך דאָס רוב בורזשואַזע ציוניסטן די רעאַליזירונג פון׳ם ציוניזם אַלס אַ פרידלאַכן אומקרענקלאַכן פּראָצעס פון אַן עקאָנאָמיש־קולטורעלער „עראָבערונג״; נאָר אַפילו יענע מינדערהייט פון די בורזשואַזע ציוניסטן, וועלכע חלומ׳ט וועגן אַ רעוואָלוציאָנערן „פאַרכאַפּן״ פּאַלעסטינע, וויל זיך צוגרייטן צו דיזן „פאַרכאַפּן״ בשתיקה, אַזוי, דאָס די טערקישע רעגירונג זאָל קיין צייט ניט האָבן אָנצונעמען מיטלען. דעריבער קוקט מען אינ׳ם ציוניסטישן לאַגער מיט מורא און שנאה אויף אונזער אָפנהערציקייט, פאַר זיך באַשולדיקנדיק אונז טיף אין האַרצן אין „פּראָוואָקאַציע״; נאָר דערווייל ציטערן זיי עס אַרויסצוריידן הויך, האָפנדיק, דאָס מיר וועלן דאָך קלוגער ווערן און אויפהערן צו וועקן דעם חשד פון די טערקישע מושלים. אָבער דאָס לעבן וועט גיך צוקלאַפּן דיזע מורא און האָפנונג — און דאַן וועלן די בורזשואַזע ציוניסטן אָנהויבן צו ריידן, און דאַן וועלן זיי אויפהויבן אַ „ויצעקו״... זיי וועלן זיך מיט כל המיטלען אָפּגרענעצן פון דער „צעהיצטער לייכטזיניקער יוגנט״ — פאַרגעסנדיק דאָס מיר האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעגרענעצט פון זיי; זיי וועלן דערקלערן אויף זייער קנעכטיש־ליבעראַלן לשון וועגן זייערע אויסשליסלאַך־פרידלאַכע כוונות, און וועלן, ווי בכלל אַ ליבעראַלע פּאַרטיי אין אונזערע צייטן, מיט זייער טאַקטיק נאָר אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון פּאַלעסטינער באַפרייאונג: פון דער אַנדער זייט, אָבער, וועט זיי דאָס לעבן צווינגען געוויסערמאַסן מיטצוהעלפן דעם קעמפענדן פּראָלעטאַריאַט פון פּאַלעסטינע. אין דיזער גאַנצער צוויי־פּנים׳דיקער פּאָליטיק וועלן זיי זיך סטאַרען, ווי דאָס ליבעראַלע ביגערטום פון אַלע פעלקער אין דער מאָדערנער וועלט, צו באַקומען פון דער רעוואָלוציע וואָס מער נוצן פאַר זיך, פאַררעטעריש איבערלאָזנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט אַליין אויפ׳ן שלאַכטפעלד, ווען זיי וועט זיך נאָר אויסדאַכטן, דאָס זיי האָבן שוין באַקומען אַלץ, וואָס עס איז נויטיק בכדי צו הערשן. די לעקציעס פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און פון אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פאַר איר, האָבן אויף אונז אַ געוואַלדיקן רושם געלאָזן: מיר ווייסן, דאָס אין דער קינפטיקער פּאַלעסטינישער רעוואָלוציע וועט אונז אויסקומען צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף אויף צוויי פראָנטן מיט אַ מאָל: געגן דער טערקישער ביוראָקראַטיע און געגן דער אידישער בורשואַזיע. די רעוואָלוציע, די דעמאָקראַטישע נאָך איר כאַראַקטער, וועלן מיר זיך סטאַרען פאַרוואַנדלען אין אַ דעמאָקראַטישער נאָך אירע רעזולטאַטן. מיר וועלן קעמפן פאַר דער פולער אומבאַגרענעצטער פאָלקס־ממשלה אין פּאַלעסטינע.

אונז שטייט נאָך פאָר צו באַזייטיקן אייניקע מיספאַרשטענדניסן.

קעגן אונזער באַהויפּטונג, דאָס דער טעריטאָריאַליזם ווערט פאַרווירקלאַכט דורכ׳ן קלאַסנקאַמף פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, שטעלט מען אַרויס

די דערווידערונג, דאס יעדער קאמף צווישן קלאסן איז א קאמף פאר דער מאכט און פאר די פראדוקציאנס־מיטלען, בעת אבער אין דעם טעריטאריא־ליזם זיינען פאראינטערעסירט פארשידענע קלאסן פונ'ם אידישן פאלק, און דעריבער איז אויפ'ן באדן פונ'ם טעריטאריאליזם אוממעגלאך א קאמף צווישן דעם פראלעטאריאט און דער בורזשואזיע.*) דיזער בליק איז א רעוויזיאניזם פון דעם סאמע ערגסטן סארט; ווען דאס וואלט געווען ריכטיק, וואלט די עקזיסטענץ פונ'ם פ ר א ל ע ט א ר י ש ן ציוניזם געווען א לחלוטין'דיקע שטות'עריי, און אין דער רעאליזירונג פונ'ם טערי־טאריאליזם וואלט דער ארבעטער־קלאס אויסגעקומען עפעס נאר ווי א מין נאכשלעפעניש נאך דער בורזשואזיע.**) בכדי צו צעשלאגן דיזע חקירה, וועלן מיר נעמען אלס א ביישפיל די רוסישע רעוואלוציע. אויך דא איז פאראינטערעסירט ווייט ניט נאר דער פראלעטאריאט, אויך דא איז די באפרייאונגס־באוועגונג, אזוי צו זאגן, א נאציאנאלע; אויך אין רוסלאנד געפינט זיך די מאכט ניט ביי דער בורזשואזיע. צי איז דען פון דעם אלעם געדרונגען, דאס די רוסישע רעוואלוציע קומט פאר ניט דורכ'ן קלאסנקאמף, נאר דורך דיפלאמאטיע? צי הייסט עס דען, דאס דער רוסלענדישער פראלעטאריאט פירט ניט בשעת דער רעוואלוציע זיין זעלבסטשטענדיקע קלאסן־פאליטיק? יא, דערינען באמיען זיך, אויף אלער־ליי אופנים, צו איבערצייגן אונז די אלע קליינבירגערלאכע אידעאלאגן און פראזיארן, אבער קיין סאציאל־דעמאקראט אין רוסלאנד וועט זיך ניט שטעלן אויף אזא שטאנדפונקט. און מיר דארפן קאטעגאריש אפווארפן יעדן ענלאכן בורזשואזן בליק אויף דעם טעריטאריאליזם. עס איז בכלל ניט ריכטיק, דאס כלומר'שט י ע ד ע ר קלאסנקאמף איז א קאמף פאר דער מאכט. אין דעם ר ע ז ו ל ט א ט פון די קלאסן־אנטאגאניזמען טרעפט אפט, אז די מאכט גייט איבער פון איין קלאס צום צווייטן, אבער ד י ר ע ק ט קאן דער קאמף צווישן די קלאסן שטעלן פאר זיך און פאר־ווירקלאכן אנדערע צילן — אנ'ערד, צו פארבעסערן איינפאך די לאגע פון די אונטערדריקטע שיכטן פון דער געזעלשאפט. מיר נעמען אלס א ביישפיל דעם קאמף פאר דער רעגירונגס־פארזיכערונג פון די ארבעטער, פאר דער פאבריקס־אינספעקציע, פאר דעם 8־שעה'דיקן ארבעטס־טאג — ד י ר ע ק ט האבן די אלע פאדערונגען ניט בדעה צו פארכאפן די מאכט, אדער די פראדוקציאנס־מיטלען. אפילו די פאליטישע פאדערונגען פון פרייהייט פון פאראיינען און קאאליציעס שטעלן פאר זיך ניט דירעקט דיזע אויפגאבע. ווען דער אידישער ארבעטער קעמפט קעגן דעם רוסלענדישן אבסאלוטיזם, גרייפט ער דאך אן צוליב דעם אומ־מיטלבאר, דורך זיינע סטרייקס וכדומה, די אידישע בורזשואזיע (אפ־

*) אזא איז דער שטאנדפונקט פון די ס. ס. למשל, אינ'ם ארטיקל פון א. ב., „קלאסנקאמף און טעריטאריאליזם“ („דער נייער וועג“, נומ. 19, ז. 20־19).

**) אזא בכבוד'יקן ארט פארנעמט טאקע באמת דער ארבעטער־קלאס אין דעם פראגראם פון די ס. ס.

טער — די קליין־בורזשואַזיע), וועלכע ליידט דאָך אויך שרעקלאך פון דעם אַבסאָלוטיזם און וואָלט געוואָלט געווען פּטור צו ווערן פון אים, וועלכע פירט זאַגאַר, נאָך איר שטייגער נאָך, אַ קאַמף געגן דעם עקזיסטירענדן רעזשים. אין מער אָבער וויכטיקע פאַלן פון זיין קאַמף קאָן דער אַרבעטער־קלאַס אויסמיידן זיין נאָענטסטן שונא אין דער פּערזאָן פון די בעלי־בתים־אונטערנעמער, זיך אַ לאָז טאָן, אַ מאָל מיטציענדיק נאָך זיך אויך די בעלי־בתים, אויף די פּאַרשטייער פון דער פּאָליטישער מאַכט (למשל, אויף דער פעאָדאַלער ביוראָקראַטיע) — און אויך דאָס הייסט קלאַסנקאַמף. דער אידישער אַרבעטער וועט קעמפן אויסצופירן ביי דער רוסישער, עסטרייכישער און אַנדערע רעגירונגען, זיי זאָלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זייערע אונטערטאַנען אין פּאַלעסטינע: דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט באַפרייען די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע פון דער שליטה פון דער טערקישער ביוראָקראַטיע, אָדער (מעגלאך) פון דער טערקישער בורזשואַזיע: און דאָס אַלץ גייט אַריין אין דעם קרייז פון יענע דערשיינונגען, וועלכע טראָגן דעם נאָמען קלאַסנקאַמף: דאָס אַלץ וועט זיין אַ קלאַסנ־קאַמף אין אַלע זיינע פאָרמען פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזירונג און זעלבסט־טעטיקייט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט.

אַרויסגייענדיק פון דיזן טעות, דאָס דער טעריטאָריאַליזם איז כלומרשט איינגאַנצן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דאַרף מען קומען צום וואָזראַזשדעניש באַשלוס, דאָס פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם טעריטאָריאַליזם פאָדערט זיך, ניט אַ פרייע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אַ באַ־זונדערע צווינגענדע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק אינ׳ם געשטאַלט פון אַ סיים. נאָך אונזער פּראָגנאָז קומט אויס, דאָס די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע וואָלט געקאָנט זיין זייער נוצלאָך פאַר׳ן רעגולירן די איינוואַנדערונג, וועלכע קאָנצענטרירט זיך סטיכיש אין פּאַלעסטינע, אָבער ניט מער: אויך אָן דעם סיים וועט דער סטיכישער פּראָצעס טאָן דאָס זייניקע. — אויב אָבער עס זאָל ניט זיין קיין סטיכישער פּראָצעס, וועלן קיינע „סיימען" אים ניט באַשאַפן און ניט זיין בכח פאַרצושטעלן אים אַלס אַזעלכן. אַרויסשטעלנדיק די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, פאַרשטייען מיר עס ניט אַלס אַ מיטל פאַר דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, נאָר אַלס אַ זייער וויכטיקן זעלבשטענדיקן ציל; ביידע צילן, וועלכע זיינען מאַקסימאַלע, ד. ה. אַממערסטן ווייטסטע אין אונזער נאַציאָנאַלן מינימום־פּראָגראַם — די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין גלות און די טעריטאָריאַל־פּאָ־ליטישע אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינע — זיינען צוויי באַזונדערע אויפ־גאַבן. זיי קאָנען באַטראַכט ווערן אומדירעקט, פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון זייער ווייטער קעגנזייטיקער ווירקונג, אַלס מיטלען איינס צוליב דאָס אַנדערע: דאָס הייסט, אַז וואָס מער רעכט מיר וועלן האָבן אין גלות, אַלץ גרינגער וועט אונז זיין צו דערוועדבן רעכט אין פּאַלעסטינע, און וואָס מער רעכט מיר וועלן האָבן אין פּאַלעסטינע — אַלץ פולער און

ברייטער וועלן זיין אונזערע אמת׳ע און ניט נאָר פּאַפּירענע רעכט אין גלות. ביי די סיימאָוועס ווערט צווישן דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער און דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פעסטגעשטעלט אַ צוזאַמענהאַנג פון אַ סיבה און אַ פּועל־יוצא (אָביעקטיוו), פון אַ מיטל און צוועק (סוביעקטיוו); ביי אונז, אָבער, איז אַ צוזאַמענהאַנג פון געגנווירקונג. דאָס איז אָבער ניט קיין פּראָגראַם־צוזאַמענהאַנג, נאָר אַ ריין־סטיכישער. ער ווירקט ניט אויף אונזער פּראָגראַם, אין וועלכןביידע פאָדערונגען פיגורירן אַלס ניט־אָפּהענגיקע איינע פון דער אַנדערער.

לסוף, דאַרפן מיר נאָך באַטראַכטן די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַן אופן קאָן דער קלאַסנקאַמף פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער ווערט געפירט אויף אַ העכסט אומנאָרמאַלער סטראַטעגישער באַזע, פירן צו אַזאַ גראַנדיעזען רעזולטאַט, ווי אַ טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע פאַר דאָס אידישע פאָלק. אונזער טעאָריע וועגן דער אומנאָרמאַליטעט פון דער אידישער סטראַטעגישער באַזע איז גרינג צונויפצומישן מיט דער תורה פון די ס. ס., אַז דער קליין־פּראָדוקציאָנס־פּראָלעטאַריאַט קאָן כלומר׳שט ניט זיין, ווי זיי דריקן זיך אויס, דער „טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג", קאָן זיך ניט דערנענטערן צום סאָציאַליזם. נאָר דיזע צונויפמישונג וואָלט געווען אַ טיפער טעות. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָס העכסט־אויבער־פלעכלאַכע דענקען צו דערקלערן, ניט די פּאָליטיק דורך דער סאָציאָלאָגיע, ניט די פּאָטענץ דורך דער ווירקלאַכקייט, ניט די אויפגאַבע דורך דער באַדערפניש, ניט די צוקונפט דורך דער געגנוואַרט, נאָר פּונקט קאַפּויר. ביי די ס. ס. גייט טאַקע בכלל די ערפאָרשונג פון דער אויפגאַבע צו דער באַדערפניש, פון דער פּאָטענץ צו דער ווירקלאַכקייט: למשל, זיי דערווייזן, דאָס דער טעריטאָריאַליזם איז ווינשבאַר און מעגלאַך, און דערפון דרינגען זיי אַרויס, דאָס די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג וועט זיך אַנטוויקלען און פאַרענדיקן מיט ערפאָלג. אָפּגעבנדיק דעם חשוב׳סטן אָרט דעם „טשאַר־טער", בויען די ס. ס. די סאָציאָלאָגיע אויף דער פּאָליטיק און ניט פאַר־קערט, ווי עס פאָדערט דער געזונטער שכל. פּונקט אַזוי שמועסן זיי זיך איין, דאָס זיי האָבן עפּעס וויכטיקס אויפגעטאָן מיט זייער תורה וועגן דער אוממעגלאַכקייט פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו גיין צום סאָ־ציאַליזם. די דייטשע קליין־בורזשואַזיע, למשל, קאָן דאָך אויך ניט זיין די „טרעגערין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג" — צי הייסט עס דען, דאָס זי דאַרף האָבן אַ טעריטאָריע? דער סאָציאַליזם איז אַן אויפ־גאַבע פון דער צוקונפט, און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז די וויר־קלאַכקייט פון דער געגנוואַרט. און אויב מען זאָל דערלאָזן אַזוי ווי די ס. ס., דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט גייט כלומר׳שט ניט צום סאָציאַליזם, דאַן קאָן עס דינען אַלס אַ באַווייז נאָר פאַר אַן איינ־טעלינגענט׳ן, באַוואוסטזיניקן אַרבעטער, וועלכער איז באַקאַנט מיט דער טעאָריע פונ׳ם מאַרקסיזם, און דערצו נאָך שלעכט באַקאַנט: דאָס קאָן אָבער בשום אופן ניט דינען אַלס אַ

מאָטיוו, וועלכער זאָל טרייבן די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן אויפ׳ן וועג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם. אויב דער אידישער אַרבעטער קאָן ניט זיין איצט קיין „טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג“, דאַן איז לעבערלאַך אַרויפצואוואַרפן אויף אים איצט סאָציאַליסטישע אויפגאַבן; אויב נאָר אויף דער טעריטאָריע וועט ער זיך אויסהיילן פון זיין חולאת, פון „ניט-אינדוסטריאַליזירונג“, — וועט ער דאַך נאָר דאָרטן אויך ווערן סאָציאַליסטיש. אויב אַבער דער אידישער אַרבעטער פירט פונדעסטוועגן יאָ אַ פּראָלעטאַריאַשע קלאַסנפּאָליטיק און קעמפט פאַר׳ן סאָציאַליזם אַפילו איצט, נאָך אין גלות — ווי דאָס איז טאַקע באמת — דאַן צופאַלט זיך די גאַנצע ס.־ס.׳ישע חקירה ווי אַ פּוסטע פּראָזעאָלאָגיע. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז אויך אַ מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט — עס פאַרשטייט זיך, ניט אין יענעם פאַרשפּיצט-טיפזיניק-פילאָזאָפיש-אומפאַרשטענדלאַכן זין, ווי די ס. ס. באַנוצן, גלייך נאָך קויטסקי׳ן, דאָס וואָרט „מאָדערנער“, נאָר אין יענעם זין, דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פירט אַ מאָדערנעם קלאַסנקאַמף אין אַלע זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָרמען. און פירן פירט ער אים, ניט צוליב דעם, בכדי צו גיין צום סאָציאַליזם, נאָר מחמת דעם, וואָס די אַנטוויקלונג פונ׳ם קאַפּיטאַליזם פאַרשאַרפט די געגנזאַצן צווישן די אַרבעטער און די בעלי-בתים; און דערפאַר, ווייל דער אידישער פּראָלעטאַריער פירט אַ קלאַסנקאַמף, דעריבער גייט ער צום סאָציאַליזם: דורך זיין קלאַסנקאַמף העלפט ער מיט צו קאָנצענטרירן דעם קאַפּיטאַל און צו פאַרשאַרפן די סאָציאַלע קלאַסן-אַנטאַגאָניזמען. נאָר, וועט מען זאָגן, די אידישע ווירטשאַפט ווערט רואינירט מחמת דער קאָנצענטרירונג פונ׳ם קאַפּיטאַל, און פירנדיק אַ קלאַסנקאַמף געגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס, גראָבן אונטער די אידישע אַרבעטער גלייכצייטיק אי זייער אייגענע עקזיסטענץ, אי די עקזיסטענץ פונ׳ם אידישן קאַפּיטאַל. זייער ריכטיק: נאָר צי הייסט עס דען, דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין „טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג“? ניין, דאָס הייסט נאָר, אַז זיין לאַגע אין גלות איז טיף טראַגיש און פול מיט סתירות. דאָס איז אַבער כלל ניט קיין אויסנאַמלאַכע דערשיינונג: דאָס וואָס עס איז ביי אידן אַ כראָנישע קרענק, באַגעגענען מיר אָפט אין אַ שאַרפער פאָרם אויך ביי אַנדערע פעלקער. וויפיל צענדליק-טויזנטער „טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג“ אין רוסלאַנד זיינען איצט אַרויסגעשליידערט אויף יענער זייט פון עקאָנאָמישן לעבן און זיינען אונטערוואָרפן אַלע יסורים פון אַרבעטסלאָזיקייט!

אַבער וואָס הייסט עס? אַ דאַנק די שאַרפע קרענקלאַכע באַדינגונגען פון דער רוסישער רעאַקציע איז די סטראַטעגישע באַזע פונ׳ם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט צייטווייליק העכסט-אומנאָרמאַל און ניט-פּראָדוקטיוו; אַ דאַנק די כראָנישע קרענקלאַכע באַדינגונגען פונ׳ם גלות — דער עקסטעריטאָריאַליטעט, דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ און דער איזאָלירונג, איז

די סטראַטעגישע באַזע פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט שטענדיק אומנאָרמאַל און ניט־פּראָדוקטיוו. ניט־פּראָדוקטיוו איז זי ניט א ב ס אָ ל ו ט, נאָר פ אַ ר ה ע ל ט נ י ס מ ע ס י ק: דער אידישער אַרבעטער דורך זיין קאַמף פאַרבעסערט אויך זיין לאַגע, נאָר דיזע פאַרבעסערונג טראָגט נאָך אַ מער ציטווייליקן כאַראַקטער און איז נאָך מער אומזיכער, איידער ביי זיינע ניט־אידישע חברים; און חוץ דעם, יעדע אַפילו אומבאַדייטנדע פאַרבעסערונג פאָדערט שטענדיק פון דעם אידישן אַרבעטער אַזאַ אומגעהויערע פאַרשווענדונג פון כחות, וועלכע ווערט קוים באַלוינט דורך די רעזולטאַטן.

נאָר אומנאָרמאַל איז די סטראַטעגישע באַזע פונ'ם אידישן אַרבעטער־קלאַס איז גלות נעמלאַך דערפאַר, וואָס דאָ באַשעפטיקט ער זיך אין די ענדלאַכע שטאַפלען פון דעם ווירטשאַפטלאַכן פּראָצעס *), דערפאַר וואָס דאָס אידישע ווירטשאַפטלאַכע לעבן האַלט זיך אויף אין די הינטער־געסלאַך פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. נאַטירלאַך, דאָס אין גלות קאָן דער אידישער אַרבעטער דורך זיין קלאַסנקאַמף נאָר מיטהעלפן דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציעס: בעת אָבער אים קומט אויס צו פאַרטיידיקן וועלכע עס איז זיינע אייגענע באַזונדערע אינטערעסן, אַפילו די העכסט נויטיקע, העכסט גערעכטע, איז ער ניט בכח לחלוטין צו גאָרניט זיך דערשלאָגן, אויב ער שטיצט זיך ניט דערביי אויף דער פאַראינטערעסירטקייט פון אַנדערע, ניט־אידישע גרופּן אין דיזעלביקע פאָדערונגען. למשל, מיר האָפן צו דערשלאָגן זיך אַ פרייען אַריינפאָר קיין פּאַלעסטינע, ד. ה. אַז די רוסישע רעגירונג, דהיינו, זאָל פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אירע אידישע אונטערטאַנען אין טערקיי. עס פאַרשטייט זיך, דאָס וועט ניט פאָדערן פון דער רוסישער רעגירונג קיין באַזונדער גרויסע אָנשטרענגונג פון קרעפטן; נאָר אַפילו אָט־דעם אומבאַדייטענדן רעזולטאַט וואָלטן מיר זיך ניט דערשלאָגן דורך אונזער קאַמף, ווען די רוסישע געזעלשאַפט וואָלט אַליין ניט געווען פאַראינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער אידן־פראַגע און אין דעם פאַרגרינגערן די אידישע עמיגראַציע. אָדער אַן אַנדער ביישפּיל: מיר רעכענען צו באַקומען אַ גאַנצע רייע נאַציאָנאַלע רעכט און אַפילו אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, לאָמיר זאָגן, ווידער טאַקע אין רוסלאַנד: און אויך אין דיזן ענין פאַרלאָזן מיר זיך נאָר אויף דעם, וואָס פונקט אין אַזעלכע פאָדערונגען זיינען פאַראינטערעסירט אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע באַוואוינען רוסלאַנד, און וואָס מיט דער צייט וועט אויך אין די רייען פונ'ם

*) וועגן די באַגריפן „ענדלאַכע", „ערשטע" און „צווישן־ליגנדע" שטאַפלען פונ'ם ווירטשאַפטלאַכן פּראָצעס — זע „אונזער פּלאַטפאָרם", קאַפּיטל א. דעם דאָזיקן אונטערשייד האָבן מיר גענומען ביי „בעם־באַווערק"; נאָר פונקט דאָס, וואָס ער, דער אָנהענגער, פון דער טעאָריע פון „גרענץ־נוצן", רופט אָן ערשטע שטאַפלען, הייסט ביי אונז מאַרקסיסטן, ביי אונז אָנהענגער פון דער טעאָריע פון „אַרבעטס־ווערט" — ענדלאַכע שטאַפלען, און להיפך.

רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אַריינדרינגען דאָס באַוואוסטזיין פון דער נויט־ווענדיקייט אין ראַדיקאַלע נאַציאָנאַלע רעפאָרמעס.

דאָס, וואָס דאָס אידישע לעבן אין גלות איז אָפּהענגיק פונ׳ם לעבן פון די אַרומיקע פעלקער, איז אויך ניט קיין אויסנאַם־צופאַל אין לעבן. דער פּוילישער אָדער דער אַרמענער פּראָלעטאַריאַט וואָלטן אויך ניט גע־קאָנט אַליין, אָן דער הילף פון אַנדערע עלעמענטן, פאַרטיידיקן זייערע באַזונדערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. נאָר פונדעסטוועגן, מיט זייערע איי־גענע כחות, אָן דער הילף מצד אַנדערע, קאָנען דער פּוילישער אָדער דער אַרמענער פּראָלעטאַריאַט דערגרייכן פאַר זיך פיל מער, איידער דער אידי־שער פּראָלעטאַריאַט און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין גלות מיט אייגענע כחות. הן בנוגע דער עקסטעריטאָריאַליטעט, הן בנוגע דער אָפּהענגיקייט פון די אַרומיקע פעלקער און הן בנוגע דער אומנאָרמאַליטעט פון דער סטראַטעגישער באַזע פאַר׳ן קלאַסנקאַמף, שטייען דאָס אידישע פאָלק און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פיל נידעריקער פון די אַנדערע פעלקער און אונטערשיידן זיך שטאַרק פון זיי. נאָר דיזער אונטערשייד איז ניט אין מ ה ו ת, נאָר אין דער מ ד ר ג ה, ער איז ניט אַזוי פיל אַן איכות־דיקער, וויפיל אַ כמות׳דיקער. אויך אַנדערע פעלקער זיינען טיילווייז עקס־טעריטאָריאַל, אין דעם זין וואָס כמעט ביי אַלע פעלקער זיינען פאַראַן טיילן, וועלכע זיינען צעזייט איבער פרעמדע טעריטאָריעס און וואוינען דאָרט אין אַ מיעוט, אָבער די אידן זיינען מער פון אַלע עקסטעריטאָריאַל; אויך ביי די אַנדערע פעלקער טרעפט אַ מאָל, דאָס די קלאַסן־סטרוקטור איז אומנאָרמאַל (אַזוי, למשל, זיינען די אַרמענער מער באַשעפטיקט אין די ענדלאַכע שטאַפּלען, איידער אין די ערשטע), אָבער ביי די אידן איז די קלאַסן־סטרוקטור אַממערסטן אומנאָרמאַל; אויך די אַנדערע פעלקער זיינען מער אָדער ווייניקער אָפּהענגיק פון די אַרומיקע, די אידן אָבער זיינען אָפּהענגיק פון די אַרומיקע פעלקער מער איידער אַ וועלכעס עס איז אַנדער פאָלק.

אָט דיזע אומגעהויערע כמות׳דיקע אָפּגעשטאַנענקייט פונ׳ם אידישן פאָלק וועט ביסלאַכווייז אַלץ מער פאַרשווינדן, וואָס מער עס וועט וואַקסן די סטיכישע איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע. אין פּאַלעסטינע וועלן די אידן מיט דער צייט אַריינדרינגען אויך אין די ערשטע שטאַפּלען פון דעם ווירטשאַפטלאַכן פּראָצעס; נאָר וויכטיקער פאַר אַלץ איז דער אומשטאַנד, וועלכער איז פון אונז שוין אָנגעוויזן, דאָס, וואָס די אידישע ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע וועט זיך אַנטוויקלען כמעט אומאָפּהענגיק פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און פון דער אַנטוויקלונג פון טערקיי. אויף אַזאַ אופן, וועט אויך די סטראַטעגישע באַזע פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַריבערטראָגנ־דיק זיך קיין פּאַלעסטינע, פאַרלירן אירע ספּעציפישע אַנאָמאַליעס, און דער קלאַסנקאַמף פון די אידישע אַרבעטער וועט ענדלאַך ווערן גענוג פּראָדוקטיוו.

דער נאָרמאַלער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין אַ נאָרמאַלער, ניט פאַר־קירצטער און ניט אָפּגעשטאַנענער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, וועט דורך זיין

קלאַסנקאַמף קענען זיך דערשלאָגן צו דיזן גראַנדיעזן רעזולטאַט — צו דער טעריטאָריאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר'ן אידישן פאָלק אין פּאַלע־סטינע. ער וועט קענען גובר זיין אַלע מכשולים און באַפרייען זיך און דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

אין דיזער אַרבעט זיינער וועט זיך דער אידישער אַרבעטער־קלאַס שטיצן ניט אויף פּראָיעקטן, און ניט אויף פּלענער, און ניט אויף דיפּלאָ־מאַטיע — נאָר בלויז אויף זיין קאַמף און אויף די סטיכישע פּראָצעסן פון דער קאָנצענטרירטער איינוואַנדערונג. די ראַדיקאַלע מהפכה אינ'ם אידישן לעבן וועט פאַרקומען ניט דורך דעם באַוואוסטזיין און אַגיטאַציע פון פּאַרטייען, ניט דורך סיימען און ניט דורך קאָנגרעסן, נאָר דורכ'ן סטיכישן פּראָצעס. סיימען אָבער, צוזאַמענפאָרן און פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס קאָנען נאָר העלפן דעם סטיכישן פּראָצעס, אָבער ניט פאַרבייטן אים.

# פראָיעקט-פּראָגראַם פון צ. ק. פון י. ס. ד. א. פּ. „פּועלי-ציון"

## די אַלגעמיינע פאָרמולן פון דער פּאַרטיי

1) דאָס פּראָגראַם-מאַקסימום פון פּאַרטיי איז — די פאַרגעזעל־שאַפטלאַכונג פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און די איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות; דער איינציקער וועג, וועלכן די פּאַרטיי אַנערקענט — איז דער פּאָליטישער קלאַסנקאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די רייען פון דער אַלוועלטלאַכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

2) דער וויכטיקסטער פּונקט פון דעם פּראָגראַם-מינימום פון דער פּאַרטיי, וועלכער אונטערשיידט זי פון אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען — איז די פאָדערונג פון אַ טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אויף דעמאָקראַטישע יסודות פאַר'ן אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע.

3) דיזן פּונקט פון זיין פּראָגראַם-מינימום, צוגלייך ווי אויך זיינע אַלע אַנדערע פאָדערונגען, פאַרווירקלאַכט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דורכ'ן קלאַסנקאַמף.

4) צווישן דעם קלאַסנקאַמף און דער פּאָליטישער דערציאונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין גלות פון איין זייט, און זיין קלאַסנקאַמף אין פּאַלעסטינע פון דער אַנדער זייט — עקזיסטירט אַ דירעקטער, זיך ניט-איבעררייסנדער סטיכישער צוזאַמענהאַנג, וועלכער שטיצט זיך אויף דער סטיכיש זיך קאָנצענטרירנדער איינוואַנדערונג פון אידן קיין פּאַלעס־טינע.

## מ ב ו א

דער הויפּט-באַוועגנדער נערוו פון דער געשיכטע — די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, שטויסט זיך אָן אין איר גאַנג אויף פאַרשידענע מכשולים, אָפטמאָל אויך אַליין זיי אַרויס־רופנדיק, און מיט דער צייט צעשטערט זי דיזע מכשולים. דער קרענקלאַכער צוזאַמענשטויס מיט אַזעלכע מכשולים באַשאַפט גלייכצייטיק אויך קרענק־לאַכע געזעלשאַפטלאַכע פראַגן און רופט אַרויס ברייטע געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונגען, וואָס האָבן בדעה זיי צו לעזן; אין אונזער צייט שטעלן זיך אַוועק בראש פון אַזעלכע באַוועגונגען — פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעל־שאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, אַלס די אויסדריקער פון דעם אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלאַכן רצון. די י. ס. ד. א. פּ., וועלכע אָרגאַניזירט די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, שטרעבט צו געבן

אָן ענטפער אויף אַלע ברענענדע פראַגן פון אונזער צייט: די וועגן און שטרעבונגען פון דער פּאַרטיי געפינען זיך אין דער ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער מאָדערנער און קינפטיקער מענטשהייט. אין איר טעטיקייט רעכנט זיך די פּאַרטיי מיט די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט — דעם קלאַס פון לוין־אַרבעטער, אַרויסגייענדיק פון דער איבערצייגונג, דאָס דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציקער קלאַס, וועמענס אינטערעסן עם זיינען אינגאַנצן בהסכם מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, דאָס נאָר ער איז בכח ראַדיקאַל צו לעזן אַלע קרענקלאַכע פראַגן פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן, גובר צו זיין אַלע מכשולים, וועלכע שטערן דער אַנזאַמלונג און דעם וואוקס פון דעם מענטשנ׳ס הערשאַפט איבער דער נאַטור און געשיכטע.

## די סאָציאַלע פראַגע פון אונזער צייט

אַלע פראַגן פון אונזער צייט האָבן זייער שורש אין די אינערלאַכע ווידערשפּרוכן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס־אופן. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן באַדייט פון איין זייט, אַ הויכע מדרגה פון פּראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, אַ שנעלן וואוקס פון דעם מענטשנ׳ס הערשאַפט איבער דער נאַטור און אַ קאָלאָסאַלע עקאָנאָמיזירונג פון דער מענטשלאַכער ענערגיע; דיזער פּראָצעס דריקט זיך אויס אין דער אַלץ שטייגענדער קאָנצענטרירונג און סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע. פון דער אַנדער זייט, שטיצט זיך דער קאַפּיטאַליזם, אַלס דער סחורות׳דיקער פּראָדוקציאָנס־אופן, אויף דאָס פּערזענלאַכע אייגנטום פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און פּאַרקער — אויף דיזן יורידישן אויסדרוק פון יענע פּראָדוקציאָנס־פּאַרהעלטנישן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפ׳ן באָדן פון די פריערדיקע, ניט־קאָנצענטרירטע פּראָדוקציאָנס־אופנים. דאָס פּערזענלאַכע אייגנטום אויף די מיטלען פון דער פּראָדוקציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער סאָציאַליזירונג אירער — באַשאַפט די עקספּלואַטירונג פון דער אַרבעטס־קראַפט; ד. ה. די אייגנטימער פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און פּאַרקער — די קאַפּיטאַליסטן — פּאַררעכענען אין זייער טובה יענעם מערוועהט, וועלכן עס שאַפן די אַרבעטער, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דאָס פּערזענלאַכע אייגנטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס עס כאַראַקטעריזירט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען — אַנטשפּרעכט ניט די קאָנצענטרירנדע טענדענצן פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, ווערט אַלץ אַ גרעסערע מניעה פאַר זיי און פירט צו דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, צו איר ניט־פּלאַנמעסיקייט. דיזער קאָנפליקט צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען, דאָס וואָס עס ווערט פאַר־

שווענדט איבעריקע מענטשלאַכע ענערגיע און דער מענטש איז סטיכיש פאַרשקלאַפט דעם אַנטאַגאַניסטישן שטראָם פון דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן — דאָס ברענגט אַרויס אויף דער וועלט די אַלגעמיינע סאָציאַלע פראַגע פון אונזער צייט.

די פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, שטיצנדיק זיך אויף עקספּלואַטאַציע און קאָנקורענץ, אַריינטראָגנדיק צעפאַלונג און אַנאַרכיע אין אַלע ספערן פון'ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן, צעשפּאַלטן זיי אומעטום, דורך אַ גרינטלאַכן אינערלאַכן ווידערשפּרוך, צווישן די רעאַקציאָנערע און אַפּלעבנדע פאָרמען פון פּראָדוקציע פון'ם אינדיווידועלן און די אַנוואַקסנדע, רעוואָלוציאָנערע פאָרמען פון קאָנצענטרירונג און סאָציאַליזירונג. דיזער אינערלאַכער אַנטאַגאַניזם באַשטימט די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, צעטיילנדיק זי אויף קלאַסן מיט קעגנזעצלאַכע אינטערעסן און פיינטלאַכע אידעאָלאָגיעס. פון איין זייט איז דער טרעגער פון אַלץ אינדיווידועלעס, אַנאַרכישעס, פּריוואַט־אייגנטומלאַכעס — דער רעאַקציאָנערער קלאַס פון דער בורזשואַזיע און גרויסע ערד־אייגנטימער, וועלכע נעמען אָן אַלץ אַ מער דייטלאַכערן קאַפּיטאַליסטישן אָנבליק; פון דער אַנדער זייט, איז דער טרעגער פון אַלץ קאָלעקטיוויסטישעס, קאָנצענטרירטעס, סאָציאַליסטישעס — דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס פון לוין־אַרבעטער; צווישן זיי — פאַרשידנאַרטיקע איבערבלייבונגען פון די פאַרגאַנגענע סאָציאַלע פאָרמאַציעס און דעקלאַסירטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — די שטאָטישע און דאָרפישע קליין־בורזשואַזיע, די זיך־פּראָלעטאַריזירנדע מאַסן, דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט — קלאַסן מיט אַ ניט־ווירדיגער סאָציאַלער ווירקונג און מיט אַ ניט־שטאַנדהאַפטיקער געזעלשאַפטלאַכער פיזיאָנאָמיע: אַמ אַ אינדיווידואַליסטישע, אַמ אַ סאָציאַליסטישע, אַמ אַ רעאַקציאָנערע, אַמ אַ רעוואָלוציאָנערע. דער קאַמף צווישן דיזע קלאַסן אין אַלע זיינע קאָמבינאַציעס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. די קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע קומט פאָר דורך דער אומ'ברחמנות'דיקער אינדיווידועלער קאָנקורענץ, וועלכע שטויסט אַרויס די קליין־בורזשואַזיע — די שטאָטישע און דאָרפישע — פון אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און פירט צו דער פּראָלעטאַריזירונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. מיט'ן גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע געפינט די אינדיווידועלע קאָנקורענץ זיך אַ קאָרעקטיוו אין אַלע מעגלאַכע פאָרמען פון גרופּן־קאָנקורענץ, וועלכע ניט נאָר וואָס זי באַזייטיקט ניט די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, נאָר, להיפך, פאַרשטאַרקט זי נאָך.

די אַלגעמיינע באַזונדערהייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג — די אומאויפהערלאַכע פאַרהעלטניסמעסיקע פאַרמערונג פון דעם שטענדיקן טייל פון קאַפּיטאַל, וועלכער רעאַליזירט זיך אין די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויפ'ן חשבון פון דעם זיך־בייטענדן טייל, וועלכער ווערט רעאַליזירט

אין דער מענטשלאַכער אַרבעטס־קראַפט — וואָס ס'איז גינסטיק אַ דאַנק דעם כמות מענטשלאַכע ענערגיע וואָס זי פאַרהיט, ווייזט אַרויס אויך איר שלעכטע זייט אין דעם, וואָס די באַדערפניש פון דעם קאַפּיטאַל אין אַרבעטס־קראַפט שטייט אָפּ פון דעם רואינירונגס־פּראָצעס פון קליינע אייגנטימער; אַהער קומט צו אויך דאָס, וואָס די מער הויכע אַנטוויקלונגס־מדרגה פון דער טעכניק שאַפט אַ ברייטן פעלד פאַר דער קינדער־ און פרויען־אַרבעט. אויף אַזאַ אופן דערשיטערט דער קאַפּיטאַליזם די משפחה און דאָס קליינע אייגנטום, און צוזאַמען מיט דעם ברענגט ער אַרבעטס־לאָזיקייט, פאַרגרעסערט די רעזערוו־אַרמיי און שטעלט אַוועק ברייטע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט און פון די צווישנשטייענדע קלאַסן אין אַן אַלץ מער שווערע אָפּהענגיקייט פון דעם קאַפּיטאַל. דיזע אָפּהענגיקייט פאַר־שאַרפט זיך נאָך מער אַ דאַנק די קריזיסן, וועלכע שפּילן זיך פאַנאַנדער פון צייט צו צייט, וואָס זייער שורש ליגט אין דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, וועלכע באַזייטיקט יעדע מעגלאַכקייט פון אַ הסכם צווישן דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע און קאָנסום. די קריזיסן — דיזע אומ־פאַרמיידלאַכע באַגלייטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס־אופן — פאַרגרעסערן די קאַדרען פון אַרבעטסלאָזע ביז קאָלאָסאַלע מאַסשטאַבן און מאַכן העכסט אומזיכער דעם קיום אפילו פון יענע אַרבעטער, וועלכע פאַר־נעמען נאָך, מער אָדער ווייניקער, פעסטע פּאָזיציעס בעת'ן רואיקן פליסן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלע אָנגעוויזענע אומשטענדן ווערט טיפער און ברייטער דער תהום צווישן די עקספּלואַטאַ־טאָרס און די עקספּלואַטירטע, וואַקסט דער סאָציאַלער מהלך צווישן די פאַרמעגנדע און ניט־פאַרמעגנדע. זייענדיג אויסגעגראָבן דורך די אינער־לאַכע ווידערשפּרוכן פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, אַנטוויקלט זיך דיזער מרחק אין צוויי קעגנזעצלאַכע ריכטונגען: פון איין זייט, דאָס אומ־אויפהערלאַכע פאַרהעלטניסמעסיקע (און אין דער צייט פון קריזיסן אויך אַבסאָלוטע) פאַלן פון דעם וואוילשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט, די שטייגנדע ניט־זיכערהייט זיינע און די לאַסט פון דער אָפּהענגיקייט פון קאַפּיטאַל — דאָס אַלץ וואַקסט זיין אומצופרידנהייט מיט דער עקזיסטירנדער זאַך־לאַגע; און פון דער אַנדער זייט, דער אומאויפהערלאַכער אַבסאָלוטער וואוקס פון דער צאָל און געשלאָסנהייט פון פּראָלעטאַריאַט, אין וואָס עס דריקט זיך אויס דער אומאויפהערלאַכער שטייגן פון דער באַדייטונג פונ'ם פּראָ־לעטאַריאַט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס גופא אַנשטאָט דער בור־זשואַזיע, וועלכע פאַרלירט אַלץ מער אירע אָרגאַניזירנדע פונקציעס, פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ פּאַראַזיט פון דער געזעלשאַפט, ווערנדיק צעריסן דורך דער אינערלאַכער אומאויפהערלאַכער קאָנקורענץ, — דאָס גיט דעם פּראָ־לעטאַריאַט כח צוליב'ן קאַמף מיט דעם עקזיסטירענדן סדר און די ערבות פאַר זיין ענדלאַכן נצחון. די עקאָנאָמישע יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער ווירטשאַפט געפינען פאַר זיך אַן אַנטשפּרעכענדן אויסדרוק אין דעם בוי פון דעם מאָדערנעם שטאַט: ער שטעלט מיט זיך פאַר די אָר־

גאַניזאַציע פון דער קלאַסן־הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. נאָר דאָס פּאָליטישע לעבן פון אונזער צייט טראָגט אויף זיך פיל סמנים פון יענעם פּעריאָד, בעת די בורזשואַזיע האָט נאָך געקעמפט פאַר דער מאַכט קעגן דעם פעאָדאַליזם. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, אַלס די העכערע מדרגה פון דער אַנטאַגאָניסטישער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, איז געצוואונגען אין איר פליסן גובר צו זיין קודם־כל דעם ווידערשטאַנד פון די פריערדיקע סאָציאַלע פאָרמען; כל זמן עס נעמט אויף זיך דיזע אויפגאַבע דער קלאַס פון דער בורזשואַזיע, פּילט ער אויס אַ רעוואָלוציאָנערע ראָל, פאַרניכטנדיק די פעאָדאַלע פּאָליטישע אָרדנונגען און איינפירנדיק אַנשטאָט זיי די דעמאָקראַטישע: פּאַרלאַמענטאַריזם און די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון דער אויספילנדער (עקזעקוטיווער) מאַכט פאַר'ן פאָלק. פון דעם מאָמענט אָבער, ווי אויף דער סצענע טרעט אַרויס אַ נייער רעוואָלוציאָנערער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט, ווערט די בורזשואַזיע שטאַטלאַכקייט רעאַקציאָנער, און דעם אַרבעטער־קלאַס קומט אויס צו קעמפן פאַר דער פאַרווירקלאַכונג, נאָך אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, פון דעם אַם מערסטן פולן אַרויסבאַווייזן זיך פון דער דעמאָקראַטיע, פאַר'ן איבערגעבן דעם פאָלק די גאַנצע געזעצגעבנדע, אויספירנדע און געריכטלאַכע מאַכט און פאַר דער פאַרניכטונג פון אַלע פאָרמען פון דרוק און פּריווילעגיעס. דער פּראָלעטאַריאַט נעמט אויף זיך אַלע באַפרייענדע אויפגאַבן, וועלכע זיינען ניט געלעזט דורך דער בורזשואַזיע און פאַרווירקלאַכט זיי דורך זיין קאַמף. דערביי גייט אַרויס דער אַרבעטער־קלאַס פון זיינע נויטיקסטע און נאָענטסטע אינטערעסן און שטרעבט אויפצוהויבן זיין וואוילשטאַנד שוין ביי היינטיקן טאָג, און נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון זיין קאַמף וויקלען זיך פאַר אים פאַנאַנדער אַלץ מער ברייטערע באַפרייאונגס־פּערספּעקטיוון. טראָגנדיק לכתחילה אַ ריין עקאָנאָמישן כאַראַקטער, ווענדט זיך מיט דער צייט דער קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויך געגן דעם עקזיסטירענדן פּאָליטישן סדר און באַקומט אויך אַליין אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. אין דעם סך־הכל ווערט דיזער קאַמף פאַר דער מאַכט געלעזט דורך דעם דירעקטן ווירקן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אויף דער הערשנדער בורזשואַזיע דורך סטרייקן און אויפשטאַנדן; נאָר שטרעבנדיק צו פּאַראַליזירן די בורזשואַזיע נוצט אויס דער פּראָלעטאַריאַט צוליב זיין קלאַסנקאַמף גלייכצייטיק אויך יענע כלי־זיין פון מאַכט, וועלכע זיינען געשאַפן דורך דער בורזשואַזיע: דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און אַנדערע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען. דורך זיין קלאַסנקאַמף רעגולירט דער אַרבעטער־קלאַס דעם סטיכישן באַפרייאונגס־פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט־דעמאָקראַטיזירונג, וועלכע איז אַן אומפאַרמיידלאַכער פועל־יוצא פון דער אומאויפהערלאַכער קאָנצענטרירונג און סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע. אין זיין פּאָליטישן קאַמף ערווערבט דער אַרבעטער־קלאַס פּאָליטישע דערפאַרונג און פאַרפעסטיקט זיין דיסציפּלין, וועלכע וועט דינען אַלס דער מעכטיקער קאַמף־מיטל בעת'ן קומענ־

דען פארכאפן די מאכט דורך דעם פראלעטאריאט. דער קאנפליקט צווישן דער אנטוויקלונג פון די פראדוקטיוו־קרעפטן און דעם צושטאנד פון די פראדוקציאנס־באציאונגען, טראגט אין זיך גופא די טענדענצן, וואס פירן צו זיין לעזונג.

די סאציאלע פראגע וועט פריער אדער שפעטער געלעזט ווערן דורך דעם, וואס די קאנצענטרירנדע טענדענצן וועלן לגמרי מנצח זיין די אנארכישע און אינדיווידועלע פראדוקציאנס־פארמען; מיט א היסטארישער אומפארמיידלאכקייט דערנענטערט זיך דער מאמענט פון דעם פולן קראך פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. אין דיזן מאמענט, וועט דער ארבעטער־קלאס, דערגרייכנדיק דעם קולמינאציאנס־פונקט פון זיין אנטוויקלונג, פארכאפן די מאכט אין זיינע הענט און, אויסנוצנדיק זיין דיקטאטור, וועט ער פארניכטן די קלאסן־סטרוקטור פון דער געזעלשאפט און דאס פערזענלאכע אייגנטום אויף די מיטלען פון פראדוקציע און פארקער, וועט באזייטיקן יעדע מעגלאכקייט פון עקספלואטאציע און אינדיווידועלער קאנקורענץ.

אין דיזן מאמענט וועלן פאלן די צאמען און מכשולים, וועלכע שטערן און פארהאלטן די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט; די שליטה איבער דער פראדוקציע וועט איבערגיין צו דעם באוואוסטזיניקן און ארגאניזירטן געזעלשאפטלאכן רצון. דעם ארט פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג וועט פארנעמען די סאציאליסטישע.

## אינטערנאציאנאליזם און נאציאנאליזם פון פראלעטאריאט

אין דעם שויס פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג רייפן אן אומאויפהערלאך טעכנישע, עקאנאמישע, און פאלגלאך אויך אידעאלאגישע פארבאדינגונגען פון אט דער מהפכה. פארכאפנדיק אלץ א גרעסערן שטח פון דעם ערד־קוגל, פאראייניקנדיק די ביז־אהער צעווארפענע געזעלשאפטן, ווירטשאפטן און מערק אין איין וועלט־ווירטשאפט און וועלט־מארק, שטעלט אוועק דער קאפיטאליזם דעם ארבעטער־קלאס פון אלע לענדער און פעלקער אין אייגנארטיקע באדינגונגען פון עקאנאמישן קיום און דערמיט גופא פירט ער גלייך צו דעם, אז די ארבעטער־באוועגונג זאל אננעמען אן אינטערנאציאנאלן כאראקטער. אנערקענענדיק דיזע אומפארמיידלאכע אנטוויקלונגס־טענדענץ, האבן די ארבעטער־פארטייען פון אלע לענדער און נאציעס שוין לאנג ארויסגערוקט דעם לאזונג פון דער אינטערנאציאנאלער ברודערשאפט פון פראלעטאריאט. דאך שטעלט מיט זיך ניט פאר דער וועג פון אנטוויקלונג פונ'ם ארבעטער־קלאס צום פולן אומבאגרעניצטן אינטערנאציאנאליזם קיין גראדע, אויסגעהאלטענע ליניע, נאר זי קערט זיך אפט אפ פון פארשידענע זייטן, בייקומענדיק דעם אינערלאכן ווידערשטאנד פון קאנקורענץ צווישן די ארבעטער גופא. די אויסקריסטאליזירונג פון דעם קלאסן־באוואוסטזיין פון פראלעטאריאט איז

אַ קרענקלאַכער און פול מיט אינערלאַכן קאַמף פּראָצעס, וועלכער פאַר־וויקלט זיך העכסט און דיפערענצירט זיך דורך יענע באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע יעדער באַזונדער פאָלק איז געשטעלט געוואָרן אין דעם גאַנג פון זיין געשיכטלאַכער אַנטוויקלונג. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָנס־אופן, קומענדיק צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די פריערדיקע אָדער אָפּגעשטאַנענע אופנים, האָט געפונען די מענטשהייט ניט אַן אייניקע, נאָר אַ צעטיילטע אויף פעלקער: די פאַרשידנהייטן פון די פעלקער זיינען אַרויסגעוואַקסן פון פאַרשידנהייטן אין יענע קבוצים פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך צונויפגעלעבט און אַנטוויקלט די באַזונדערע פעלקער.

פונ׳ם סכום באַדינגונגען פון דעם פּראָדוקציאָנס־לעבן זיינען לכתחילה געווען אַם מערסטן ווירקענד די נאַטירלאַכע (פיזיש־קלימאַטישע, געאָ־גראַפישע, ראַסאָווע) באַדינגונגען; מיט דער צייט, וואָס מער עס וואַקסט די טעכניק, אַלץ אַ גרעסערע ווירקונג באַקומען די געזעלשאַפטלאַכע באַ־דינגונגען, די אינערלאַכע און אויסערלאַכע, צו וועלכע עס ווערט אויך פאַר׳חשבונ׳ט דער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט צו דעם איצטיקן מאָמענט אין דעם געגעבענעם געזעל־שאַפטלאַכן גאַנצן גופא, ווי אויך די לאַגע, וואָס דיזעם געזעלשאַפטלאַכע גאַנצע פאַרנעמט צווישן די אַרומיקע געזעלשאַפטלאַכע גאַנצע. דער אַל־געמיינער רעזערוואואַר פון אַלע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען איז דער טערי־טאָריע: די פאָרמען פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן און די סאָציאַלע אינ־טערעסן טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי האָבן אַ וועלכע עס איז פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע, דירעקטע אָדער אומ־דירעקטע, נאָענטע אָדער ווייטע שייכות צו דער טעריטאָריע. צופּאַסנדיק זיך צו דיזע טעריטאָריאַלע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, דיפערענצירט דער קאַפּיטאַליזם זיינע פאָרמען לויט די נאַציאָנאַליטעטן, און גלייכצייטיק מיט דער בהדרגה׳דיקער אויסבילדונג פון אַ וועלט־מאַרק און אַ וועלט־ווירט־שאַפט בילדן זיך אויס אונטער זיי טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן, וואָס דורך זייער צונויפשמעלצונגס־פּראָצעס וועט פאָרקומען די אַנט־וויקלונג פון דעם וועלט־קאַפּיטאַל. צוזאַמען מיט דעם רוקט אַרויס די אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם די נאַציאָנאַלע פראַגן פון אונזער צייט, וועלכע אַנטשטייען יעדן מאָל, בעת עס קומט פאָר אַ קאָנפליקט צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און דעם צושטאַנד פון די אויסערלאַכע געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען. אין דעם יסוד פון דיזן קאָנפליקט ליגט די ניט־גענוגקייט פון דער קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע, וועלכע איז דערגרייכט ביי דער היינטיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן; עס זיינען נאָך ניט קאָנצענטרירט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און נאָך ווייניקער זיינען קאָנצענטרירט אירע באַדינגונגען. אין דעם רעכטלאַכן געביט דריקט זיך אויס דיזע הנחה אינ׳ם ספּעראַטן אייגנטום: ספּעראַטע פערזענלאַכע אייגנטום איז דער יסוד פון די

קלאסן־אנטאגאניזמען, און סעפעראטע קאלעקטיווע, דאס נאציאנאלע פארמעגן פון א טעריטאריע, אלס א רעזערוואואר פון די פראדוקציאנס־באדינגונגען — איז דער יסוד פון די נאציאנאלע אנטאגאניזמען. — אזוי ווי די באציאונג פון פארשידענע קלאסן פון דער נאציע צו דער טעריטאריע איז פארשידן, און פארשידן זיינען די קלאסן־אינטערעסן, וואס זיינען צוזאמענגעבונדן מיט דער טעריטאריע, זיינען דעריבער אויך די נאציאנאלע אינטערעסן פארשידן ביי פארשידענע קלאסן פון דער נאציע, א דאנק וואס די נאציאנאלע אנטאגאניזמען קענען ניט פארשטאנען ווערן אנדערש, ווי אין צוזאמענהאנג מיט דער פארשידנהייט און קאמף פון די קלאסן־אינטערעסן. די נאציאנאלע אינטערעסן פון דעם פראלעטאריאט ווערן באשטימט דורך דעם, וואס די טעריטאריע דינט אים פאר אן ארבעטס־פלאץ און מיט דער אנטוויקלונג פון די קלאסן־אנטאגאניזמען קריגט זי פאר דעם פראלעטאריאט א נייע באדייטונג פון א סטראטעגישער באזע אין זיין ארגאניזירטן קאמף קעגן קאפיטאל.

דער נאציאנאלער קאמף ווערט תמיד געפירט צוליב די מאטעריעלע באדינגונגען פון דעם פראדוקציאנס־לעבן פון דער נאציע, אנדערש געדעט, צוליב איר מאטעריעלן באזיץ. דער נאציאנאלער קאמף דריקט זיך אויס אין סך־הכל אין די דערשיינונגען פון נאציאנאלער קאנקורענץ, וועלכע באדינגט די נאציאנאלע אונטערדריקונג פון אונזער צייט. דער נאציאנאלער דרוק הענגט שווער איבער דעם פראלעטאריאט פון א אונטערדריקטער נאציע, פארהאלט דעם גאנג פון זיין אנטוויקלונג און פארקירצט זיין ארבעטס־פלאץ און סטראטעגישע באזע. מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט ווערט דער קלאסנקאמף פון פראלעטאריאט אפגעפארבט גלייכצייטיק אין א צווייענדיקער פארב: אין א אינטערנאציאנאלע, אויף אזויפיל אויף וויפיל דער קאפיטאליזם כאפט ארום און פאראייניקט אלע געזעלשאפטן פון דער מאדערנער וועלט, אומאפהענגיק פון די באדינגונגען פון זייער פראדוקציאנס־לעבן; אין א נאציאנאלע אויף אזויפיל, אויף וויפיל עס עקזיסטירן פארט פארשידענע קבוצים פון פראדוקציאנס־באדינגונגען ביי פארשידענע נאציעס.

דער קלאסנקאמף פון פראלעטאריאט פון אונטערדריקטע נאציעס פירט מיט א היסטארישער נויטווענדיקייט דערצו, אז אין זיין פראגראם זאלן אריינגעטראגן ווערן פונקטן, וועלכע זיינען נוגע דער נאציאנאלער באפרייאונג, ד. ה. אין סך־הכל דאס אומענדערן פון זיין סטראטעגישער באזע אין יענער ריכטונג, וואס איז מער גינסטיק פאר זיין קלאסנקאמף.

דאס פראגראם־מאקסימום פון יעדן באוואוסטזיניקן פראלעטאריאט איז די סאציאליזירונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען און איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט אויף סאציאליסטישע יסודות; דאס פראגראם־מאקסימום איז אינטערנאציאנאל. אין דעם פראגראם־מינימום אבער פון די פראלעטארישע ארגאניזאציעס צווישן די אונטערדריקטע נאציעס, גייט אריין, אין איין שורה מיט די אלגעמיינע אינטערנאציאנאלע פאדערונגען פון

דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע, אויך די באַפרייאונג פון אונטער דעם נאַציאָ־נאַלן דרוק, אויף וויפיל דאָס איז בכלל מעגלאַך אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

## די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט

די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט ווערן דורך אים פאַרווירקלאַכט, גלייך ווי זיינע אַלע אַנדערע פאָדערונגען, אין פּראָצעס פון זיין קלאַסנקאַמף; אויך זיי טראָגן אַ ריין־פּאָליטישן כאַראַקטער, ווייל דער מאָדערנער שטאַט דינט אַלס דער אַלגעמיינער און וויכטיקסטער דורכ־פירער פון דעם נאַציאָנאַלן דרוק. די פּאָליטישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט פּאַסן זיך צו צו די טענדענצן פון אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער מענטשהייט.

דערזעלבער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס האָט גע־בוירן די נאַציאָנאַלע פראַגע, צונויפשטויסנדיק די זיך פאַרברייטערנדע און קאָנצענטרירנדע פּראָדוקטיוו־קרעפטן מיט דער פאַרשידנהייט פון די פּראָ־דוקציאָנס־באַדינגונגען און מיט דער שמאָלקייט פון זייער ספערע — פירט דעסגלייכן צו דער אויסבילדונג פון געדיכטע איינאַרטיקע נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע ווירטשאַפטן און מלוכות אָדער געגנטן, אין וועלכע עס וועלן באַזייטיקט ווערן יעדע נאַציאָנאַלע הילוקים און עס וועלן פאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, צי דורך אַסימילאַציע, צי דורך אַ לגמרי'דיקער אַלזייטיקער אַרויסשטויסונג און עמיגראַציע. די ווייטערדיקע קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע וועט ברענגען אויך צו דער פאַראייניקונג פון די באַזונדערע טעריטאָריאַלע ווירטשאַפטן אין איין סטיכיש־אָרגאַניזירטן אַלוועלטלאַכן פּראָדוקציאָנס־גאַנצן. דיזע אומבייגזאַמע טענדענצן ווערן אָבער אָפּגעהאַלטן דורך די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלן דרוק, וועלכער פאַרהיט מיט גוואַלט דעם קיום פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, איזאָלירנדיק זיי פון דער אַרומיקער ספערע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען; נאָר די אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן וועט פריער אָדער שפּעטער בייקומען דיזע מכשולים. די אָנגרייפונג פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, אַריינברייגנענדיק אין אַ כראָנישער רואינירונג דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלאַכע לעבן אין אַ מלוכה מיט אַן איבערגעמישטן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, באַשאַפט די נויטווענדיקייט פון אַן עפנטלאַך־רעכטלאַכער פאַנאַנדער־גרענצונג פון די ספערן פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און די שטייגנדע געזעלשאַפטס־דעמאָקראַטיזירונג גיט אַ מעגלאַכקייט פאַר אַזאַ אַרט פאַנאַנדערגרענצונג. די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג וועט עפענען אַ ברייטן וועג די ניוועלירנדע און טעריטאָריאַליזירנדע טענ־דענצן פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

דער פּראָצעס פון איינשלינגען אָדער אַרויסשטויסן די נאַציאָנאַלע מלוכות אָדער געגנטן, וועט דורכגיין דורך די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָ־

נאַמיעס פאַר אַלע פעלקער, וועלכע וואוינען אין די איצטיקע מלוכות און געגנטן מיט אַ איבערגעמישטער נאַציאָנאַלער באַפעלקערונג. צו דיזן אַרט מלוכות געהערן, אין דער ערשטער ריי, עסטרייך און רוסלאַנד, וואו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן וועט טאַקע ברענגען מיט אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט צו דער פאַנאַנדערגרענצונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַלער גלייכ־באַרעכטיקונג און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.

אַזוי ווי אַט די זייט אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן באַווייזט זיך אַרויס העלער ווי אַלץ אויף די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט פון אונטערדריקטע נאַציעס, דעריבער רוקט ער דער ערשטער אַרויס אין זיין פּראָגראַם־מינימום קלאָרע פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע ; נאָר שפּעטער שטייט צו צו דיזע פאָדערונגען אויך דער פּראָלעטאַריאַט פון די הערשנדע נאַציעס, ווייל נאָר די באַפרידיקונג פון די דאָזיקע פאָדערונגען באַפרייט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון יענע מכשולים, וועלכע אַנטשטייען מחמת דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

## די אידן־פראַגע

די אַנגעוויזענע טענדענצן באַקומען אַן אייגנאַרטיקע פאָרם אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן פאָלק, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אומעטום, אַ דאַנק זיין עקסטעריטאָריאַליטעט, אַ מאַכטלאָזע נאַציאָנאַלע מינדערהייט ; בעת זיין שטרעבונג אריינצודרינגען און באַזעצן זיך אין דער ספערע פון פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען פון די אַרומיקע פעלקער, קאָן זיך דאָס אידישע פאָלק ערגעץ נים, באַגלייך ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, שטיצן אויף דער הילף פון אַ ברידערלאַכער נאַציאָנאַלער מערהייט, וואָס פאַרנעמט אַ וועלכע עס איז טעריטאָריע. דיזער אומשטאַנד ליגט אַרויף די חתימה פון אַ באַזונדערער אַנאָמאַליע אויף דער גאַנצער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק אין גלות, און די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג האָבן אויך געמוזט געבוירן באַזונדערע ספּעצ־יפישע אַנאָמאַליעס אין דער ווירטשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם אידנטום.

די אידישע קליין־בורזשואַזיע ווערט אַרויסגעשטויסן פון איין זייט, דורך דער אַלגעמיינער סיבה — דורך דער ווירקונג פון דעם קאַפּיטאַליזם בכלל, פון דער אַנדער זייט, דורך איר ספּעציעל־אידישער נאַציאָנאַלער סיבה, וואָס איר מקור איז די עקסטעריטאָריאַליטעט פונ׳ם אידישן פאָלק — דורך דער ניט־צוגעפּאַסטקייט אויסצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ.

ווערנדיק רואינירט אין דעם פרוכטלאָזן קאַמף געגן דער גרויס־אינדוסטריע, גייען אַרויס די אידישע מאַסן אויף דעם אַרבעטס־מאַרק, וואו זיי באַגעגענען אַ קאָנקורענץ מצד די זיך־פּראָלעטאַריזירנדע מאַסן פון

אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, און דערצו געפינען זיי שוין פאַרנומענע דורך דעם אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט יענע אַלע פּראָדוקציאָנס-צווייגן, וואָס זיינען אַם מערסטן נאָענט צו די גרינדלאַכע ווירטשאַפטלאַכע פּראָצעסן.

די אידן פאַרנעמען אָבער צווייגן, אַם מערסטן נאָענטע צו די ענד־לאַכע פּונקטן פון די פאַרקער-פּראָצעסן און צו קאָנסום.

ארום דיזע גרינדלאַכע ווירטשאַפטלאַכע סיבות גרופּירן זיך אייניקע בייזייטיקע פאַקטאָרן: פיזישע שוואַכקייט, דאָס פעלן פון טעכנישע ידיעות, ווי אויך צייטווייליקע מניעות (שבת, ביעלאָרוטשנע טראַדיציעס וכדומה). אָט דיזע פאַקטאָרן פאַרהאַלטן נאָך מער דאָס אַריינטרעטן פון אידן אין די דאָזיקע מער פּאַדערשטע צווייגן; אין דערזעלבער צייט ציען זיך אַריין די אָרטיקע זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע עלעמענטן, שוין מחמת דער געוואוינהייט אַליין (לויט דעם מאַסן-געזעץ), אַלץ מער אין די פּאָדערשטע צווייגן.

אויף אַזאַ אופן איז די אידישע אַרבעט לגמרי אַרויסגעשטויסן פון דער אויסאַרבעטונג פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען (געווער און מאַטעריאַלן פון פּראָדוקציע, וועגן און מיטלען פון פאַרקער); און אפילו אין דער פּראָ־דוקציע פון קאָנסום-מיטלען איז די אידישע אַרבעט אַרויסגעשטויסן פון דער מאַשין-פּראָדוקציע און איז איגנאַנצן אַריינגעטריבן אין דער קליינער און מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע.

אַ דאַנק יענעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג, וואָס דער שטענדיקער קאַפּיטאַל וואַקסט פאַרהעלטניסמעסיק אויפ'ן חשבון פון דעם בייטענדן קאַפּיטאַל — וואַקסט פאַרהעלטניסמעסיק די אויסאַרבעטונג פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען אויפ'ן חשבון פון דער פּראָ־דוקציע פון קאָנסום-פּראָדוקטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דיזן אַלגעמיינעם געזעץ, מחמת די ספּעציעלע באַזונדערהייטן פון די אידישע זיך-פּראָלעטאַריזירנדע מאַסן, בלייבן איבער פאַר דער אידישער אַרבעט די סאַמע אָפּגעשטאַנענע ווירטשאַפטלאַכע צווייגן, וואָס ווערן אינטענסיוו אַרויסגעשטויסן.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז אויף אַזאַ אופן דערוווייטערט פון די וויכטיקסטע פּראָדוקציאָנס-נערוון אין לאַנד און קאָן דעריבער ניט פירן קיין ריכטיקן און דערפאָלגרייכן קאַמף געגן קאַפּיטאַל.

אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכע ווערט פאַרוויקלט דורך אַ ריי אַנדערע בייזייטיקע און צייטווייליקע פאַקטאָרן, קריגן ניט די באַ־דערפנישן פון די אידישע ברייטע מאַסן קיין גענוגע באַפרידיקונג, הן אין כמות און הן אין איכות. דאָס רופט זיך אָפּ העכסט קרענקלאַך אויף די באַדינגונגען פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און דעם קלאַסנקאַמף פונ'ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, באַשאַפנדיק אַן עקסטע אומבאַפרידנהייט פון זיין אַרבעטס-פּלאַץ און פאַרשמעלערנדיק זיין סטראַטעגישע באַזע אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הינזיכט.

אויף אַזאַ אופן רייפט אָן ביי אַלע קלאַסן פון דעם אידישן פאָלק

אַלץ מער און מער אַ דויערנדער און קרענקלאַכער קאָנפליקט צווישן דער באַדערפעניש און דער מעגלאַכקייט, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק און אויסגאַנג אין דער וואַקסנדער אידישער עמיגראַציע, וואָס ווענדט זיך לכתחילה אין די לענדער פון דעם גרויס־אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אין דיזער ריכטונג אירער לעזט ניט די אידישע עמיגראַציע דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און טראָגט זי נאָר אַריבער אין נייע ערטער, וואו עס אַנט־שטייען אינגיכן די שטענדיקע באַגלייטער פון דער אידישער אַנאָמאַליע: נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, איזאָלאַציע און דאָס עמיגראַציאָנס־פּראָבלעם.

גלייכצייטיק מיט דעם, ווי די אידישע פאָלקס־מאַסן פאַלן אונטער, אויף אַן אַלץ גרעסערן שטח פון דעם ערד־קוגל, דער אַלץ מער אינטענסיווער און אַלזייטיקער ארויסשטויסונג, פאַרלירט די אידן־פראַגע כסדר איר צע־וואָרפנקייט איבער פאַרשידענע לענדער און קאָנסאָלידירט זיך אין איין אַלוועלטלאַכע אידן־פראַגע.

## טעריטאָריאַליזם

דיזעלבע עמיגראַציע, וואָס קאָנסאָלידירט די אַלוועלטלאַכע אידן־פראַגע, אַנטהאַלט אין זיך אויך די טענדענצן פון איר לעזונג. דער אידישער עמיגראַציאָנס־שטראָם, וועלכער האָט זיך ביז דער לעצטער צייט צוזאַמען מיט דער אַלוועלטלאַכער עמיגראַציאָנס־כוואַליע, וואָס איז געבוירן דורך דעם געזעץ פון באַפעלקערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, געווענדט אין די לענדער פון דער גרויס־אינדוסטריע, הויבט זיך אָן שפּעטער, צוזאַמען מיט דיזער אַלגעמיינער כוואַליע, אָפּצוקערן אין די לענדער פון דער זיך ברייט־אַנטוויקלענדער לאַנדווירטשאַפט. נאָר די אידן, אַלס שטענ־דיקע שטאָט־איינוואוינער, וואָס זיינען ניט מסוגל אַריבערצוגיין דירעקט צו דער לאַנדווירטשאַפט, ווערן דאָ גלייך אַרויסגעשטויסן אַ דאַנק דער קאָנקורענץ אויף דעם אַלוועלטלאַכן ברויט־מאַרק — און די איינציקע לאַנד, וואוהין עס קאָן גיין די ברייטע אידישע אימיגראַציע, בלייבט פּאַלעסטינע, וואו די אידן וועלן כסדר דורכמאַכן דעם אַריבערגאַנג פון די געוויינלאַכע פּאַר זיי ענדלאַכע שטאַפּלען פון פּראָדוקציע צו די גרינדלאַכע און ערשטע — צו דער אויסאַרבעטונג פון די מיטלען און מאַטעריאַלן פון פּראָדוקציע. אַ דאַנק דעם מעמד פון פּאַלעסטינע אויפ'ן וועלט־מאַרק, און דאַסגלייכן דערווירטשאַפטלאַכער און קולטורעלער סטרוקטור פון איר אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלן די אידישע ישובים אין פּאַלעסטינע זיין עקאָנאָמיש ניט־אָפּהענגיק פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. צוליב דיזע אומשטענדן ווערט פּאַלעסטינע דער צענטר פון דער זיך סטיכיש־קאָנצענ־טרירנדער אידישער אימיגראַציע, וואָס איז איר רעזולטאַט וועט זיך אין דיזן לאַנד צונויפלייגן אַן עקאָנאָמיש־אויטאָנאָמישער אידישער ישוב. אזוי פאַרווירקלאַכט זיך סטיכיש דער טעריטאָריאַליזם אַלס אַן עקאָנאָמישע מהפכה אינ'ם אידישן לעבן. דיזן פּראָצעס וועט באַגלייטן דער קלאַסנ־

קאַמף צווישן דער אידישער אַרבעט און קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינע, וועלכער וועט ברייננען די באַפרייאונג פון פּאַלעסטינע פון אונטער דער טערקישער ממשלה אויף די יסודות פון טעריטאָריאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. אַזוי וועט, דורך דעם קלאַסנקאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרווירקלאַכט ווערן דער טעריטאָריאַליזם, אַלס אַ פּאָליטישע מהפּכה אינ׳ם אידישן לעבן.

רעכענענדיק זיך מיט דיזע טענדענצן פון דער אידישער עמיגראַציע, נעמט אַרייז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער דעם טעריטאָריאַליזם אין זיין פּראָגראַם־מינימום, פאַרשטייענדיק דעם טעריטאָריאַליזם טאַקע אַלס אַ פּאָליטישע פאָדערונג פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די אידישע ישובים אין פּאַלעסטינע. אַזוי בילדט זיך אויס דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אַלס די באַפרייענדע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער פון אַלע לענדער, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע, ניט קריגן אַ טעריטאָריע, און ניט איר קינסטלאַכע קאָלאָניזירונג, נאָר פּלאַנמעסיק צו רעגולירן די באַפרייענדע פּראָצעסן, וועלכע פאַרגרינגערן די סטיכישע קאָנצענטרירונג פון דער אידישער אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע.

מיט דער פאַרברייטערונג און פאַרפעסטיקונג פון דער נייער טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלער אידישער ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע, וועט די אידישע באַפעלקערונג פון די גלות־לענדער אַלץ מער אָנווערן דעם כאַראַקטער פון אַ הילפלאָזער עקסטעריטאָריאַלער נאַציע, וועלכע איז מאַכטלאָז געגן דער נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע, און וועט זיך אַלץ שטאַרקער דערנענטערן צו דעם טיפּ פון געוויינלאַכע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. גלייך ווי אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע שטיצן זיך אויף זייערע ברידערלאַכע טעריטאָריאַלע מערהייטן, וועט דער טייל פון דעם אידישן פאָלק, וואָס בלייבט אין גלות, קריגן די מעגלאַכקייט אַריינצודרינגען אין די אַרומיקע ספערן פון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, און דורך נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, וועט ער איבערגיין צו אַסימילאַציע.*)

פאַראויסערקענענדיק אַלע אויבנאָנגעוויזענע טענדענצן פון דער געשיכטלאַכער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגן, די ראָל

---

*) אנערקענענדיק אויסשטימיק, דאָס די אָנרויפונג פון די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און די געזעלשאַפטס־דעמאָקראַטיזירונג פירן אומפאַרמיידלאַך צו דעם, עס זאָלן עפנטלאַך־רעכטלאַך פאַנאַנדערגערענצט ווערן די ספערן פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַצ.־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, איז זיך פונדעסטוועגן דער צ. ק. פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די מיינונגען בנוגע דער פראַגע 1) צי די קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע פירט אומפאַרמיידלאַך צו דער אויסבילדונג פון איינאַרטיקע נאַציאָנאַלע מלוכות, און 2) צי די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פירט צו דער אַסימילירונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל און פון דער אידישער, וואָס בלייבט איבער אין גלות, בפרט.

און אנטייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין׳ם רעגולירן פון דיזע טענדענצן, אויפקלערנדיק זיך דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די אינטערעסן פון די אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער און פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע נאַציעס, שטעלט די י. ס. ד. אַ. פּ. פאַר איר אויפגאַבע, אָרגאַניזירנדיק דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און אָנפירנדיק מיט זיין קאַמף אין די רייען פון דער אַלוועלטלאַכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָנווייזנדיק אים די גאַנצע ברייטקייט פון זיינע קלאָרע פּערספּעקטיוון — פאַרגרינגערן די אידישע אַרבעטער זייערע פאַרוויקלטע און פאַרפּלאָנטערטע היסטאָרישע וועגן.

אין איר קאַמף פאַר די נאָענטסטע און וויטסטע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָ־לעטאַריאַט וועט די י. ס. ד. א. פּ. שטענדיק שאַרף אונטערשטרייכן די זעלבסטשטענדיקייט פון זיינע אינטערעסן, קעגנשטעלנדיק זיי דער גאַנצער בורזשואַזער וועלט בכלל און דער אידישער בורזשואַזיע בפרט. אונטער־האַלטנדיק אַלע באַפרייענדע באַוועגונגען פון דער בורזשואַזיע, הן סאָציאַלע און הן נאַציאָנאַלע, וועט אָבער די י. ס. ד. אי. פּ., נאָך אירע כחות נאָך אויפקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט די האַלבקייט און דעם פאַררעטערישן כאַראַקטער פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אין אַלע אירע פאָרמען, און וועט דערציען דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ריכטונג פון קלאָרן קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין און זעלבסטשטענדיקער קלאַסן־אַקטיוויטעט.

# אַ נייע פשרות-פּראָגראַם

די „אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי“ האָט עד היום נאָך ניט פאַרעפנטלאַכט איר פּראָגראַם. און איצט איז דערשינען אַ זאַמלבוך „סערפּ“, וואו עס זיינען אויסגעדריקט געוואָרן די זאָגענאַנטע „סיימיסטישע“ פּרינציפּן, אין דעם אַרטיקל „אונזערע אויפגאַבן“ פון מ. באָריסאָוו. און אין דעם „פּראָיעקט-פּראָגראַם פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי“. וואָס־זשע גיט אונז דאָס דאָזיקע שפּאָגל־נייע פּראָגראַם?

ערשטנס, האָבן מיר צו טאָן מיט אַ „סאָציאַליסטישער“ פּאַרטיי, דעריבער אינטערעסירט אונז, ווי פאַרהאַלט זי זיך צו דער קלאַסן־אַנשויאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דאָס הייסט, ווי פאַרהאַלט זיך די נייע פּאַרטיי צו דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם“, ווי קוקט זי אויף די טענדענצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווי באַטראַכט זי דעם קלאַסנקאַמף?

אין רוסלאַנד האָבן זיך אַלע פּאַרטייען, וועלכע שטייען אויפ'ן קלאָר־אויסגעדריקטן קלאַסן־שטאַנדפּונקט פונ'ם *פּראָלעטאַריאַט*, ד.ה. פון דעם לוין־אַרבעטער־קלאַס, תמיד אָנגערופן „*סאָציאַל־דעמאָקראַטישע*“ פּאַרטייען — למשל, די ס.־ד. פון פּוילן און ליטע, לעט. ס.־ד., אוקראַינישע ס.־ד., י. ס.־ד. (פּועלי־ציון) און אַנדערע. דיזע אַלע פּאַרטייען זיינען שטרענג־מאַרקסיסטיש, זיי אָנערקענען דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן סדר פון פאַרשטיין די געשיכטע און דעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון די יסודות און פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי אויך פון איינצעלנע נאַציעס ווערט, לויט דער מיינונג פון די דאָזיקע (סאָציאַל־דעמאָקראַטישע) פּאַרטייען, געשאַפן דורכ'ן קאַמף פון דעם *לוין*־אַרבעטער־קלאַס. און פאַרקערט, איז אין רוסלאַנד שוין פון לאַנג איינגעפירט, דאָס סתם „סאָציאַליסטישע“ רופן זיך אָן אַזעלכע פּאַרטייען, וועלכע פאַרברייטערן דעם באַגריף „אַרבעטער־קלאַס“ (אָדער פּראָלעטאַריאַט) און פאַרשטייען אונטער אים אויך אַלע אַרבעטנדע עלעמענטן פון דער קליין־בורזשואַזיע, און באַזונדערס דאָס אַרבעטנדע פּויערטום; אַזוי, דהיינו, האָבן מיר די פּ. פּ. ס., די סאָצ. פּאַר. „פּראָלעטאַריאַט“, די רוסישע פּ. ס. ר., די רומענישע סאָצ. פּאַר. „דאַשנאַקצוטיון“ וכדומה. (די ספּעציעל רוסישע פּאַרטייען פון דיזן סאָרט שטאַמען פון די אַמאָליקע „נאַראָדניקעס“). די דאָזיקע פּאַרטייען ליייקענען אין דעם מאַטעריאַליסטישן

שטאַנדפּונקט אויף דער געשיכטע און פאַרבייטן אים מיט אַ פּסיכאָלאָגיש־רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט. — נאָר אויב די ציוניסטן סאָציאַליסטן האָבן זיך געגעבן אַן אומבאַשטימטן נאָמען, זייענדיק נאָך אינגאַנצן סאָציאַל־דעמאָקראַטיש — איז דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל די ס. ס., מחמת זייער אינערלאַכער טבע, זיינען זיך בכלל נוהג אַלץ צו טאָן בחפזון, און אומ־געלומפּערט; אויב די ס. ס. זאָגן עפּעס אַרויס, דאַרפן מיר, חלילה־וחס, גאָר ניט מיינען, דאָס זיי האָבן דערביי אַ באַשטימטע כונה; די סיימאָוו־צעס אָבער, ווי מיר ווייסן, טוען דאָך אַלץ באַטראַכטערהייט — און דעריבער פרעגן מיר טאַקע, וואָס מיינען זיי מיט דעם נאָמען פון זייער פאַרטיי? אי דער נאָמען גופא: „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי“, אי די ווירק־לאַכע טאַקטיק פון די סיימאָוווצעס, וועלכע זיינען גרויסע מחותנים מיט די ס. ר., אי לסוף אייניקע ערטער פון זייערע אַרטיקלען אין „וואָז־ראָזשדעניע“, „פאָלקס־שטימע“ און „סערפּ“, ווייזן אונז, דאָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מין „נאַראָדניקער“־פּראָגראַם פון דעם ס.־ר.׳ישן אַרט; אָבער פון דעם פּראָיעקט־פּראָגראַם גופא קאָן מען דאָס קלאָר און דייטליך ניט אַרויסדרינגען. אַזוי, למשל, שרייבט זיך דאָ: „די סאָצ. פּאַרטיי פאַרטרעט אומעטום באַוואוסטזיניק די אינטערעסן פון אַרבעט“ *) — און דער לעזער וויים ניט, צי פון סתם אַרבעט, צי פון לוין־אַרבעט. ווייטער געפינען מיר אַן עכט ס.־ר.׳ישן אויסדרוק: „אָבער דערזעלבער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג באַשאַפט אַ גאַנצע רייע נ ע ג אַ ־ ט י וו ע דערשיינונגען“ **) — נאָר דאָס ס.־ר.׳ישע ווערטל „נ ע ג אַ ־ ט י וו ע דערשיינונגען“ ווערט אויף דער צווייטער זייט פאַרביטן מיט אַ כמעט סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און מאַרקסיסטישן באַגריף — „און דאָ ווערט אויפגעדעקט דער ג ר י נ ד ל אַ כ ע ר ווידערשפּרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג“. זייער ריכטיק: די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע רעדט טאַקע ניט וועגן „פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון׳ם קאַפּיטאַליזם“, נאָר זי אַנאַליזירט זיינע אינערלאַכע ווידער־שפּרוכן. מיט איין וואָרט, דאָס נייע פּראָגראַם האָט גאַנץ קלוג אויס־געמיידט צו באַנוצן אַזעלכע קלאָרע און דייטלאַכע אויסדרוקן, וועלכע וואָלטן שוין אָן קיין ספק באַוויזן דער וועלט דעם אמת׳ן פּרצוף פון די י. ס.

חוץ דעם, בנוגע דער אַגראַר־פראַגע אין רוסלאַנד, וואו ס׳וואָלט זיך בולט׳ער ווי אַלץ געקאָנט אַרויסווייזן צי זיינען זיי ס. ד. אָדער „נאַראָד־ניקעס“, האָבן זיי געלאָזן די הויפּט־מאָמענטן פאַר אַ דיסקוסיאָנס־פראַגע, וואָס עס וואָלט מער געפּאַסט פאַר די ס. ד., ביי וועלכע עס איז נאָך אַ מחלוקת וועגן „נאַציאָנאַליזאַציע“ און „מוניציפּאַליזאַציע“ פון דער ערד, אָבער בשום אופן פּאַסט עס ניט פאַר ס. ר., ביי וועלכע עס עקזיסטירט

*) זאַמלבוך „סערפּ“, ז. 261.

**) דאָרט.

א געמיינזאַמער, פון זיי אַלעמען אנערקענטער שטאַנדפונקט — „סאָציאַליזאַציע"; און אַפילו דער פונקט פון דער ערד־קאָנפיסקאַציע (44 §) איז ביי זיי (ביי די י. ס.) אויסגעדריקט העכסט ניט קלאָר. דאָרט זאָגט זיך: „די קאָנפיסקאַציע פון שטאַטלאַכע, אודיעלנע, קאַבינעטנע, צערקאָוונע, מאָנאַסטירישע און פּריוואַט־אייגנטומלאַכע ערדן"...
די ס. ד. וואָלטן קיינמאָל ניט געשריבן סתם פּריוואַט־אייגנטום, ווייל עס עקזיסטירט א געוויסער מאַקסימום פון פּריוואַט־אייגנטום, וועלכער דאַרף, לויט דעם ס. ד. פּראָגראַם, ניט קאָנפיסקירט ווערן; און ס. ר., וועלכע פאָדערן די קאָנפיסקאַציע פון דער גאַנצער ערד, רעכענען אריין אויך דאָס שטאַטישע ערד־אייגנטום, און בכלל זאָגן זיי די גאַנצע ערד און חשבון'ען ניט אויס קיינע פּרטים. ווען די י. ס. זאָלן לכל הפּחות זאָגן די גאַנצע פּריוואַט־אייגנטומלאַכע ערד, וואָלטן מיר נאָך געהאַט א סימן בכדי צו וויסן וועמ זיי זיינען. אַזוי אַבער מוזן מיר ווייטער קוועטשן מיט די פּלייצעס, ניט ווינסדיק וועמען האָבן מיר פאַר זיך: צי ס. ד. צי ס. ר.

צווייטנס, האָבן מיר צו טאָן מיט א אידישער פּאַרטיי. דאָ שווימען ארויף גאַנץ נאַטירלאַכע פראַגן: ווי פאַרהאַלט זיך די נייע פּאַרטיי צו דאָס אידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, מיט וואָס אונטערשיידט זי זיך אין אירע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פונ'ם בונד, פון די ס. ס., פון י. ס. ד., ווי פאַרהאַלט זי זיך צום טעריטאָריאַליזם? ווי פאַרשטייט זי די נאַציאָנאַלע אידישע פאָדערונגען אין גלות?

פון דעם נייעם פּראָגראַם קאָנען מיר זען, אַז די פּאַרטיי איז טעריטאָריאַליסטיש: אַזוי, ראשית, זאָגט זיך דאָרט, דאָס די סיבה פון די אידישע אַנאָמאַליעס באַשטייט אין דער עקסטעריטאָריאַליטעט פון דעם אידישן פאָלק*), ושנית האָבן מיר דאָרט אַפילו אַזא זאַץ**): „פאַר די אידן איז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אויף די ערטער אין גלות נאָר אַן איבערגאַנגס־שטופע און דער פּראָצעס פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וועלכער פאַרפעסטיקט די אויטאָנאָמע יסודות פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן, רוקט אַרויס אַליין אַנטשיידענער די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון דער טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג פון די אידן". נאָר ווי ווייט איז דיזער טעריטאָריאַליזם פון יעדער רעאַליסטישער אויפפאַסונג! שוין אַליין דער באַגריף אַפילו פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט איז ביי דער נייער פּאַרטיי עפּעס א גאַנץ מאָדנער. היסטאָרישע נויטווענדיקייט רופן זיי אָן דאָס, וואָס ס'איז היסטאָריש ווינשבאַר; ווי אַן ערד דאָ און אויך אין אַן אַנדער אָרט, וואו עס רעדט זיך וועגן דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, זאָגט זיך, דאָס די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע באַקומט פאַר'ן אידישן פּראָלעטאַריאַט און פאַר'ן גאַנצן אידישן פאָלק א באַדייטונג פון אומ־

*) דאָרט, ז. 6.
**) דאָרט, ז. 266.

באַדינגטער היסטאָרישער נויטווענדיקייט".*)

ווי ביי די ס. ס., אַזוי איז אויך אין דעם פּראָגראַם פון י. ס. א. פּ. דער טעריטאָריאַליזם נאָר א פרומער וואונש, אָבער ניט קיין היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אין דעם זין פון א היסטאָריש־אומפאַרמיידלאַכן פּראָצעס; ווי ביי די ס. ס., אַזוי איז אויך ביי די סיימאָוועס ניטאָ קיין רמז אויף די היסטאָרישע וועגן, ווי צו רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם. די נפקא־מינה באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס די ס. ס. מאַטערן זיך נעבאַך אומזיסט אויסצוטראַכטן דעם „גרויסן עקאָנאָמיש־טעכנישן" קאָלאָניזאַציאָנס־פּלאַן, וועלכער זאָל זיי שוין ענדלאַך געבן די מעגלאַכקייט אריבערצוגיין „פון געדאַנק צום טאַט און צו די געפּאַרן פון'ם טאַט", — די י. ס. א. פּ. אָבער עסט זיך גאַנץ ווייניק אָפּ דאָס האַרץ איבער דעם, וואָס ביי איר פעלט א טעריטאָריאַליסטישע פּראַקטיק, און לייגט אָפּ די פאַרוויקלאַכונג פון'ם טעריטאָריאַליזם ביז יענער צייט, וועגן וועלכער די מאָדערנע מענטשהייט קאָן זיך נאָך קיין שום באַגריף ניט שאַפן.

אין דעם פּראָיעקט־פּראָגראַם לעזן מיר א פאָלגענדן דעקרעט: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, און צוזאַמען מיט אים אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, ריכטעט זיך מיט דעם אָביעקטיוון גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און צו דער פאַר־קערפערונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע ד אָ ר ט א ו ן ד אָ ן, וו אָ ו א ו ן ו ו ע ן (אונזער קורסיוו). עס וועט דערצו אָנ־געריי‌פט ווערן די רעאַלע קאָמבינאַציע פון די אַנטשפּרעכנדע היסטאָרישע קרעפטן" **). ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַן ענטפער אויף „בענטש־ליכט", אָבער ניט אויף אַן ערנסטע פּראָגראַם־פראַגע.

בנוגע צו דעם, ווי אויבערפלעכלאַך עס פאַרהאַלטן זיך די סיימאָוועס צום טעריטאָריאַליזם, איז העכסט כאַראַקטעריסטיש דער לייט־אַרטיקל פון ה' באָריסאָוו (אין זייער זאַמלבוך „סערפּ"), וואו פון 54 זייטן זיינען סך־הכל צוויי געווידמעט דער באַלויכטונג פון דעם טעריטאָריאַליזם. מער ווי דיזע 2 זייטן — 3-51 — און א פּאָר ווערטער אינ'ם פּראָיעקט־פּראָגראַם איז קיין וואָרט ניטאָ איבער'ן טעריטאָריאַליזם אין דעם גאַנצן זאַמלבוך, וועלכער באַשטייט פון 281 זייטן. ביי באָריסאָוו'ן לעזן מיר: „דער אויסבילדונגס־פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַז־און־פאַר־זיך, איז איינע פון די נעגאַטיווע זייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג, ער שלינגט איין איבעריקע סאָציאַלע ענערגיע און רופט אַרויס רייבונגען, וועלכע שטערן דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון'ם קלאַסנקאַמף. דערפון דרינגט שוין אַרויס ממילא, אַז מיר זיינען טעריטאָריאַליסטן".***) ווייטער זאָגט ער: „די איינציקע לעזונג פון דער אידן־פראַגע איז די טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן, און א רעאַלער בריק

*) דאָרט.
**) דאָרט, ז. 267.
***) דאָרט, ז. 51.

דערצו איז די בהדרגה'דיקע קאָנצענטרירונג פון דער אידישער עמיגראַציע. מיר וועלן זיך דאָ ניט נעמען איבער'חזר'ן די אַלע מאָטיוון, מחמת וועלכע מיר האַלטן ניט נאָר די לעזונג, נאָר אַפילו די שטעלונג גופא פון דיזער פּראָבלעם פאַר זייער דערווייטערטע פון דעם איצטיקן מאָמענט, עס וועט אָבער קומען אַ מאָמענט, ווען . . . דער טעריטאָריאַליזם וועט ווערן אַן אָרדנונגס־אויפגאַבע פונ'ם אידנטום: עס וועט דאַן זיין . . . אַ פּראָדוקט פון אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פון אַ פרייער אַנטוויקלונג פון די אידישע אינערלאַכע פּאָלקס־כחות" *). און צום סוף: „מיר וועלן קעמפן מיט אַלע טעריטאָריאַליסטישע פּראָיעקטן און אונטערנעמונגען, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט אין דעם איצטיקן מאָמענט. . . . מיר וועלן אָבער אין דער זעלבער צייט פריידיקן אונזער ענדלאַכן נאַציאָנאַלן אידעאַל און מיט אים באַלייכטן אַלע וואונדן און חסרונות פון אונזער היינטיקן נאַציאָנאַלן לעבן, וועלכע זיינען אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער עקסטעריטאָריאַליטעט פון דער אידישער נאַציע. — אַזוי סינטעזירן מיר אונזער מאַקסימאַלע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם מיט אונזער פּראָגראַם־מינימום" **). אָט דאָס איז אַלץ, וואָס דער הויפּט־טעאָרעטיקער, אויף וועלכן די פּאַרטיי האָט זיך פאַרלאָזן, ער זאָל דערציילן פאַר'ן עולם איר פּראָגראַם, האָט געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן וועגן טעריטאָריאַליזם! דער סיימיסטישער „סינטעז" צווישן דער געגנוואַרט און צוקונפט, צווישן דעם גלות און דער טעריטאָריע באַשטייט, זעט איר, אין דעם, וואָס די סיימאָווצעס וועלן פריידיקן און אַגיטירן דעם טעריטאָריאַליזם. ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַ גוטער סינטעז, — אַפילו דער ס.־ס.'ישער איז שוין אויך פיל בעסער!

אין זייער מינדלאַכער אַגיטאַציע האָבן די סיימאָווצעס אָקאָרשט נאָר ניט לאַנג געשריען, דאָס ביי די ס. ס. איז ניטאָ קיין רעאַליזאַציע, און דערינען טאַקע ליגט, לויט דער דאַמאָלסדיקער סיימיסטישער אַגיטאַציע, דער הויפּט־חסרון פון דער ס.־ס.'ישער טעאָריע. ווען עס איז אָבער גע־קומען צו זייער אייגענעם תירוץ אויף דער קשיה האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס די סיימיסטישע רעאַליזאַציע באַשטייט פּשוט אין דעם, וואָס זי זאָגט, דאָס מען דאַרף גאָר קיין רעאַליזאַציע ניט האָבן, — דער ענטפער באַ־שטייט אין דעם, דאָס אַן ענטפער איז גאָר לחלוטין ניט נויטיק און די קשיה איז גאָר קיין קשיה ניט...

ביי די סיימיסטן קומט אויס, דאָס דער טעריטאָריאַליזם איז ענלאַך צום סאָציאַליזם. און זיי זאָגן אונז צו אַ היבשן מהלך ביז'ן טעריטאָריאַ־ליזם: פריער אַ לאַנגע וועג ביז'ן סיים און ערשט נאָכדעם אַ לאַנגע וועג צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטרירונג. עס פאַרשטייט זיך, אויב מענטשן אינטערעסירט איצט גאַנץ ווייניק דער טעריטאָריאַליזם, מעג מען אים אָפּלייגן נאָך אויף ווייטער — ביז די מענטשהייט וועט אינגאַנצן אומ־

*) דאָרט, ז. 3־52.
**) דאָרט, ז. 53.

קומען אינאיינעם מיט דעם אָרגאַנישן לעבן אויף דער ערד. עס איז דאָך אָבער גאַנץ לעבעדלאָך צו שאַפן אַ פּראָגראַם פאַר אַזאַ מין ווייטן אידעאַל. בעת מיר זאָגן, למשל, וועגן סאָציאַליזם, אַז ער איז אַ ווייטער היסטאָרישער אידעאַל, און אַז איצט קאָן מען נאָך ניט צוקומען צו זיין רעאַליזירונג, — ווייזן מיר דאָך אָן פונדעסטוועגן אויף די רעאַלע אָביעקטיווע טענדענצן, דורך וועלכע דער סאָציאַליזם ווערט בהדרגה'דיק, שטופנווייז פאַרווירקלאַכט אינ'ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן; מיר ווייזן אָן אויף דער וואַקסנדער פּראָדוקציאָנס־קאָנצענטרירונג, אויף דער סאָציאַליזירונג פון דער אַרבעט און מיטאַרבעט; מיר ווייזן אָן אויף דעם וואוקס פון פּראָלעטאַריאַט און פון זיין סאָציאַלער קראַפט און באַדייטונג, אויף דער סאָציאַלער אָפּשוואַכונג און פאַראַזיטירונג פון דער בורזשואַזיע; מיר לייגן ניט אָפּ די רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם און די פראַגע גופא וועגן איר, — מיר ווייזן אָן, אַז דער סאָציאַליזם פאַרווירקלאַכט זיך שוין איצט, אַז אַלע זיינע עלעמענטן און באַשטאַנד־טיילן ווערן שוין אין דער מאָדערנער אָרדנונג געשאַפן, און די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט נאָר פאָרמולירן און דערפירן ביז'ן סוף דיזע שוין פאָרגעקומענע טענדענצן. דאָסזעלבע טוען מיר, י. ס. ד., אויך בנוגע דעם טעריטאָריאַליזם — מיר ווייזן אָן, דאָס שוין איצט הויבט זיך אָן אין פּאַלעסטינע אַ פּראָצעס פון עקאָנאָמישער אויטאָנאָמיזירונג פון דעם אידישן ישוב, דאָס דיזער ישוב ווערט אַלץ פעסטער און געדיכטער, דאָס שוין איצט הויבט זיך אָן אין פּאַלעסטינע יענער קלאַסנקאַמף, וועלכער וועט מיט דער צייט ברענגען אויך צו דער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר דיזן ישוב. וואָס אָבער טוען די י. ס.? ווייזן זיי דען אָן אויף באַשטימטע אָביעקטיווע טענדענצן, דורך וועלכע עס ווערט שוין סטיכיש פאַרווירקלאַכט דער טעריטאָריאַליזם? אַפילו וועגן דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, וועגן זייער „סיים“ האָבן זיי עס כמעט ניט דערוויזן; אַפילו דער „סיים“ איז ביי זיי ניט מער ווי אַ וואונש — אַ פּשיטאַ שוין דער טעריטאָריאַליזם. זיי האָבן אַפילו מיט איין וואָרט ניט דערוויזן, אַז דאָס אידישע לעבן ווערט אויטאָנאָמיזירט דאָ אין גלות; נאָר לאָמיר אַפילו דערלאָזן, אַז דאָס איז ריכטיק, און דאָס אידישע לעבן ווערט דאָ שוין יאָ אויטאָנאָמיזירט, — צי דען אָבער האָבן מיר שוין דערין אַ גאַראַנטיע, אַז דאָס אידישע לעבן ווערט שוין איצט אויך טעריטאָריאַליזירט?

צוויי מאָל איינס פון די צוויי.

איינס פון די צוויי, — אָדער די סיימאָווצעס זעען שוין דעם וועג ווי צו רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם — דאַן מוזן זיי אויך שוין אָנצייכענען די רעאַלע דערשיינונגען אינ'ם אידישן לעבן, וואו עס ווייזט זיך אַרויס די בסדר'דיקע טעריטאָריאַליזירונג פונ'ם אידישן פאָלק, ווי דאָס טוען די י. ס. ד.; אָדער זיי זעען נאָך איצט ניט דעם וועג צו דער פאַרווירקלאַכונג פונ'ם טעריטאָריאַליזם —

דאַן איז אויך איינס פון די צוויי — אָדער זיי טראַכטן ערנסט וועגן דעם טעריטאָריאַליזם, שטרעבן טאַקע צו אים און ער איז ביי זיי באמת

א ווינשבארער אידעאל — דאן מוזן זיי זוכן פארשידענע וועגן און פּלענער, ווי דעם טעריטאָריאַליזם אויסצופירן, טאָן ווי די ס. ס., וועלכע זיינען טאַקע אמת'ע טעריטאָריאַליסטן, נאָר זיי האָבן ליידער ניט קיין קלאָרן באַגריף וועגן דעם וועג צו זיין פאַרווירקלאַכונג; אָדער די סיימאָוועצעס לייגן זיך אַפּ דעם טעריטאָריאַליזם ביז די ווייטע קינפטיקע דורות, ווי זיי טוען עס באמת, — דאָס הייסט אָבער, אז דער טעריטאָריאַליזם אייגנט־לאַך אינטערעסירט זיי קנאַפּ און, דאָס ער איז ביי זיי ניט מער ווי אַ אַגיטאַציאָנס־דעקאָראַציע.

מיר קאָנען מיטפילן, אויב איר ווילט, מיט די ס. ס. אין זייערע אינערלאַכע ליידן און ספקות, מיר פארשטייען אפילו די ס.־ס.'ישע אומ־געלומפּערטע גענג און זייער גאַנצע כאַפּעניש; אונז איז אָבער העכסט פאַרדעכטלאַך דער גראָבער ליגן, וועלכער שטעקט אינ'ם סיימיסטישן פּראָגראַם, דער פּרעטענציעזער אָפּאָרטוניזם, וועלכער לאָזט זיי ניט אינ־גאַנצן אָפּצוזאָגן זיך פונ'ם טעריטאָריאַליזם און דיקטירט זיי זייערע קאָמ־פּראָמיסן און פּשרות. יאָ טעריטאָריאַליזם און ניט טעריטאָריאַליזם, אליין טעריטאָריאַליסטן און קעמפן געגן יעדן טעריטאָריאַליזם, אי „קעמפן געגן טעריטאָריאַליסטישע פּראָיעקטן“, אי „א י ג נ א ר י ר ן די טערי־טאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס“ *). — וואָס באַדייטעט דיזער חלום? איגנאָרירנדיק קעמפן, קעמפנדיק איגנאָרירן — וואָס איז דאָס פאר א פּראָזעאָלאָגיע?

דיזער קאָמפּראָמיס אָבער דערקלערט זיך דורך דער זעלבער סיבה, וועלכע גיט אונז צו פארשטיין די סיימיסטישע שווינדלעריי בנוגע דעם קלאַסנקאַמף און דעם באַגריף „פּראָלעטאַריאַט“. דער סיימיסטישער אינ־טעליגענץ איז תוך אריין געגומען, ארט דער טעריטאָריאַליזם פּונקט אזוי טיף, ווי עס ארט אַן ערך דער סאָציאַליזם דעם קייזער פון דייטשלאַנד (וועלכער רעדט אויך וועגן סאָציאַליזם!) — מען מוז דאָך אָבער פאַר־כאַפּן די מאַסע, וועלכע האַלט זיך נאָך אַלץ צו שטאַרק פאַר די טעריטאָריא־ליסטישע טראַדיציעס. דערזעלבער קונץ, ווי פריער: אום צו באַרואיקן די מאַסע רעדט מען מכח דעם ארבעטער־קלאַס און טאָן טוט מען אינאיינעם מיט די נאַראָדניקעס; מען רעדט טאַקע מכח טעריטאָריאַליזם, און טאָן טוט מען ווי די בונדיסטן, נאָר מיט א ברייטערן פּראָגראַם דאָ, אין רוסלאַנד.

איצט וועלן מיר א קוק געבן, וואָס הערט זיך עפּעס ביי זיי וועגן דעם „סיים“, אויף וועלכן זיי האָבן זיך די מאַנאַפּאָליע גענומען. „די אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי“ גיט איר ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק ע לעזונג דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד“ — גיט אונז אָנצוהערעניש דער הער באַריסאָוו — „אונז רופט מען אַן „סיימיסטן“, „סיימאָוועצעס“ — באַרימט ער זיך. — „מיר האָבן גאָרניט געגן דעם נאָמען. ס'איז אָבער נוי־טיק אָנצואווייזן אויף זיין ניט־געגויקייט, דערויף, וואָס ער כאַפּט ניט ארום

---

*) דאָרט.

ניט נאָר דעם גאַנצן אינהאַלט פון אונזערע אַנשויאונגען, נאָר אַפילו ניט זייער מהות. פון דעם גאַנצן בילד איז אַרויסגענומען געוואָרן נאָר איין שטריך, און עס וואָלט ניט זיין קיין גרונד צו ריידן וועגן דעם גאַנצן בילד נאָך דעם איין שטריך נאָך" *). ווי אָבער אַנדערש קאָן מען אָנרופן די י. ס. א. פּ., ווען צום ביישפּיל אין דעם לייט־אַרטיקל, אונטער'ן ברייטן טיטול „אונזערע אויפגאַבן", ווערט פאַרט גערעדט... נאָר וועגן „סיים"? ווען איר זוכט אומזיסט אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון די סיימאָוצעס, זיי זאָלן אייך אויסטייטשן זייער באַגריף וועגן אַרבעטער־קלאַס, וועגן טעריטאָריאַליזם — און איר געפינט נאָר „סיים", „סיים" און „סיים" — און דערצו נאָך אָן קיין שום וואַריאַציעס, מיט די זעלבע פּירושים, וועלכע מיר האָבן פון זיי געהערט שוין פאַראַיאָרן. אַפילו, אויב אייך געפעלט, האָבן מיר פאַראַיאָרן געהערט מער געדאַנקען, איידער איצט. דענסטמאָל איז נאָך געווען לכל הפחות „נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע", „ענטאַרטונג און אויפלעבונג". — איצט זעען מיר שוין דאָס אויך ניט; פריער האָבן מיר נאָך געקאָנט זאָגן — סיימאָוצעס זיינען וואָזראָזשדיענצעס וכדומה; איצט אָבער וויסן מיר — אַז סיימאָוצעס זיינען סיימאָווצעס, און מער גאָר ניט! בכלל קומט אויס נאָכ'ן שכל הישר, אַז אויב אַ פּאַרטיי האָט אַ „זעלבסטשטענדיקע" לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאַרף זיך אין איר פּראָגראַם אויסדריקן אויך איר זעלבסטשטענדיקע שטעלונג פון דיזער פראַגע; ביי די סיימאָוצעס אָבער הויבט זיך עס גאָר ניט אָן. נעמען מיר אָן ערך פאָלגענדע שטעלן: „די אומענדלאַך פאָרקומענדע אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע . . . פאַרענגט אַלץ מער פאַר דער בורזשואַזיע פון יעדער געגעבענער נאַציע די גרענעצן פון איר נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. . . . זי שטרעבט אונטערצוּוואַרפן אונטער איר הערשאַפט אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען." **) — דאָ האָבן מיר נאָך יאָ צו טאָן מיט אַ ניט גאָר געוויינלאַכן באַגריף פון „נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטלאַכע אָרגאַניזמען". און עס וואָלט אודאי קיין עולה ניט געווען, מיר זאָלן וויסן דעם פּירוש פון דעם, אָבער ניט אינ'ם פּראָגראַם און ניט אין דער ליטעראַטור פון דער פּאַרטיי איז דיזער באַגריף ניט אויסגעטייטשט, און אַלץ איבעריקע אינ'ם פּראָגראַם וועגן דער שטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז שוין אויף אַזויפיל שאַבלאָנע און וואָכעדיק, דאָס אונטער די סיימיסטישע ווערטער וואָלטן זיך קאָנען אונטערשרייבן אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, אַפילו די באָלשעוויקעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע זיינען באַוואוסט מיט זייער עקסט פיינטלאַכער פּאָזיציע צו יעדן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. „דיזע אַגרעסיווע טענדענצן פון די בורזשואַזע קלאַסן רופן אַרויס אָדער גרויזאַמע מלחמות אָדער בעוואַפנטן שלום; אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע לייגט זיך אָן מיט זיין גאַנצן לאַסט

*) דאָרט, ז. 7.

**) דאָרט, ז. 262-63.

אויף די אַרבעטענדע מאַסן און דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די בורזשואַזיע פון די הערשנדע נאַציעס עקספּלואַטירט די שוואַכערע נאַציעס. אויסנוצנדיק זייער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע איבערמאַכט, אַוזורפּירן די הערשנדע נאַציעס אין פּערזאָן פון זייערע עקספּלואַטירנדע קלאַסן אַלע מעלות פון דיזער שטאַטס־אָרגאַניזאַציע צוליב זייערע צוועקן, איגנאָרירנדיק די באַזונדערע אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע וואוינען אין דער זעלבער מלוכה. די בורזשואַזיע פון די אונטערדריקטע נאַציעס . . . שטרעבט אַרויפצוואַרפן די גאַנצע לאַסט פון דעם נאַציאָנאַלן דרוק אויף די ניט־פאַרמעגנדע קלאַסן. חוץ דעם, מיט איר פריידיקן, פון איבערקלאַסן־פּאָליטיק און פון פאַרגעסן די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען מחמת דעם אַלגעמיינעם שונא, פּרובט זי זיך צו פאַרטונקלען דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און דעזאָרגאַניזירן זיינע רייען. דיזע עקספּלואַטאַטאָרישע און שאָווינסטישע שטרעבונגען פון דער בורזשואַזיע באַגעגענען אָבער אַן אַלץ ענערגישערן ווידערשטאַנד מצד דעם וואַקסענדן כח און באַוואוסטזיניקייט פון פּראָלעטאַריאַט."*) — אַלטע ווערטער, וועלכע דערווייזן גאָרניט און קאָנען גאָרניט אונטערצייכענען, שוואַכע ווערטער, מיט וועלכע יעדער, אַפילו דער ערגסטער אַנטי־נאַציאָנאַליסט, קאָן מסכים זיין.

הגם די *טעאָרעטישע* באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אין דעם נייעם פּראָגראַם העכסט שוואַך געשטעלט, דאָך זיינען די פּראַקטישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען דער בעסטער טייל פון פּראָגראַם. דאָ זאָגן אַרויס די סיימאָוועצעס אויב ניט קיין נייעס, דאָך פאָרט אַן אייגענעם וואָרט. פונדעסטוועגן פעלט אויך דאָ קלאָרקייט און דייטלאַכקייט, און אויך דאָ איז זיך ניט באַגאַנגען אָן גאַנץ וויכטיקע פעלערן. אַזוי למשל לעזן מיר אין אָפּטיילונג 4 : „די אַנערקענונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן *פון אַלע אָן אויסנאַם נאַציעס* אין שולע, אין *געריכט און אַדמיניסטראַציע*, אין פּריוואַטע דאָקומענטן, אין טעלעגראַפישן פאַרקער, אויף עפנטלאַכע פאַרזאַמלונגען און בכלל, *איבעראַל אינ'ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן*" (אונזער קורסיוו). און אין § 23 האָבן מיר שוין אַ *באַגרענצונג*: „*אויב אַ געגעבענע נאַציע דערגרייכט* אין אַ וועלכן ס'איז אָרט *אַ באַשטימטן*, פונ'ם געזעץ באַשטעטיקטן, *פּראָצענט* פון דער באַפעלקערונג, מוזן *די אָרגאַנען פון דער אָרטלאַכער מאַכט* באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון דיזער נאַציע אין אַלע מינדלאַכע און שריפטלאַכע פאַרהעלטנישן מיט אירע מיטגלידער." (אונזער קורסיוו). דאָ ליגט אַ בולט'ע סתירה, און אַ גאַנץ לעבערלאַכע. פריער *אַלע נאַציעס אָן אויסנאַם*, און איצט שוין *נאָר אַזעלכע* נאַציעס,

*) דאָרט, ז. 263.

וועלכע דערגרייכן אַ געוויסן פּראָצענט. אָבער דאָס איז נאָך פון די קלייניקייטן.

פיל וויכטיקער זיינען די גרענעצן פון דער קאָמפּעטענץ, וועלכע דאַרף אָפּגעגעבן ווערן, לויט דעם נייעם פּראָגראַם, צו די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמיע איינריכטונגען. דאָ רעדט זיך אַזוי: „די ענינים און באַדערפנישן, וועלכע זיינען שייך אוממיטלבאַר אויסשליסלאַך נאָר אַ וועלכע ניט איז געגעבענער נאַציע, גייען אַריין אין׳ם קרייז פון קאָמפּעטענץ פון אויטאָנאָמע איינריכטונגען"*), און ווייטער אין § 24: „יעדער פאָלק, וועלכער וואוינט אין רוסלענדישע גרענעצן . . . קאָנסטרואירט זיך אין אַן אויטאָנאָמע גרופּע, וועלכע באַפרידיקט און רעגולירט פאָלקאָם זעלבסטשטענדיק אַלע אירע נאַציאָנאַלע באַדערפנישן." — און נאָך אין אַנדערע §§ זעען מיר, דאָס לויט דער סיימיסטישער מיינונג, נעמט אַרום די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אַלע נאַציאָנאַלע ענינים. ס׳איז דאָך אָבער זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז אויב דער נאַציאָנאַלער דרוק און קאַמף שטאַמען ניט פון איינפאַכן ווילקיר אָדער קאַפּריז, נאָר פון טיפע אינטערעסן־קאָנפליקטן, האָט במילא קיין זין ניט דער געדאַנק, דאָס אַ וועלכער ס׳איז נאַציאָנאַלער אינטערעס באַרירט נאָר איין נאַציע, און מער קיינע ניט. למשל, די שולע: עס קומט דאָך פאָר אַ קאַמף איבער דער שולע, — הייסט עס, אַז ניט נאָר די אונטערדריקטע, נאָר אויך די הערשנדע נאַציעס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, מיט וועלכער שפּראַך מען באַנוצט זיך אין דער דערציאונג פון דער יוגנט. דאַרף לויט דער סיימישער פאָרמולע אויסקומען (אויב זיי וועלן זיין קאָנסעקווענט), דאָס די דערציאונג און איבערהויפּט די קולטורעלע ענינים ליגן אויסער דער קאָמפּעטענץ פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און וואָס ס׳איז מער פון אַלץ מערקווירדיק, איז דאָס, וואָס אין׳ם פּראָגראַם, וואו עס טאָר קיין איבעריק וואָרט און קיין אומדייטלאַכער אויסדרוק ניט געברויכט ווערן, ריידן די סיימאָווצעס וועגן „אַלע נאַציאָנאַלע ענינים, וועלכע באַרירן אויסשליסלאַך נאָר די געגעבענע נאַציעס", — וואָס ס׳איז ניט מער ווי אַ שטות. און אין דעם לייט־אַרטיקל געפינען זיי פאַר נויטיק דוקא אָנצואווייזן אויף די אומבאַשטימטקייט פון דער נאַציאָנאַלער קאָמפּעטענץ. „עס וואָלט געווען אומזיסט פּטר׳ן צייט," — זאָגט הער באַריסאָוו, — „אויב איינער וואָלט זוכן אַזאַ אַבסטראַקטן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל געגעבענעם קריטעריום, לויט וועלכן מען זאָל קאָנען אָן שום טעות באַשטימען די קאָמפּעטענץ־ספערע פון אַ געגעבענער נאַציע." — היינט פאַר וואָס־זשע „פּטר׳ט מען אומזיסט צייט" אין׳ם פּראָיעקט־פּראָגראַם, דאָרט, וואו אַלץ דאַרף זיין אויסגעדריקט קורץ, שאַרף און אָן טעות — און מען האָט מורא אָפּצושטעלן זיך גענויער אויף דער פראַגע

*) דאָרט, ז. 270.

אין'ם לייט־אַרטיקל, דאָרט וואו יעדן עניין מעג מען דוקא און מען דאַרף אפילו באַטראַכטן באריכות?

אָבער גאָר אַן אַ קריטעריום קאָן מען דאָך פאָרט ניט בלייבן, דעריבער גיט אונז ה' באַריסאָוו גאָר אַ מאָדנעם קריטעריום: „אַלס דער איינציקער קאָמפּעטענטער אָרגאַן צו באַשטימען די מציאות פון אַזעלכע באַדערפענישן (וועלכע גייען אַריין אין דער נאַציאָנאַלער קאָמפּעטענץ־ספערע. — ד.) זיינען נאָר די נאַציאָנאַלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען... און די נאַציאָנאַלע סיימען." עפּעס כ'לעבן אַ מאָדנע פּאַרטײ, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון אַרויסצושטעלן אירע אייגענע פאָדערונגען און פאַרלאָזט זיך אויף אַ פאַרזאַמלונג. אונז איז דאָ קשה, מיר פאַרשטייען ניט: לויט דעם איינ־פאַכן שכל קומט אויס, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט באַשטיין פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און פראַקציעס, און אויב קיינע פון דיזע פּאַרטייען וועט ניט אַהויסטרעטן מיט א י ר ע באַשטימטע קריטעריען אָדער לכל־הפּחות מיט אַ דייטלאַכער איבערצייגונג פון די קאָמפּעטענץ־ענינים פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט דאָך די לעצטע אַליין ניט קאָנען באַ־שטימען איר קאָמפּעטענץ: און אויב אַן אַנדער פּאַרטײ וועט טאַקע יאָ אַרויסטרעטן מיט אַזאַ קלאָרן און געניטען פאָרשלאַג, — אַ שיינעם פּנים וועט שוין האָבן די סיימיסטישע פראַקציע. ס'איז דאָך לעכערלאַך אָפּ־צוזאָגן זיך פון טראַכטן און פאַרלאָזן זיך אויף דעם קאָלעקטיוון געדאַנק: אויב איך וועל ניט טראַכטן, און דו וועסט ניט טראַכטן און ער וועט ניט טראַכטן — ווער זשע וועט טראַכטן? פון הימל וועט דאָך דער קאָלעקטיווער געדאַנק ניט אַראָפּפאַלן! בכלל איז ביי די י. ס. דער סיים עפּעס אַ חידושים'דיקער אורים־ותומים. אין אַלע ענינים פאַרלאָזט מען זיך אויף אים. ווי מען זאָל רעאַליזירן דעם טעריטאָריאַליזם — וועט אָנווייזן דער סיים, די קאָמפּעטענץ פונ'ם סיים גופא, וועט אָנווייזן דער סיים. צי וועט שוין ניט אויסקומען פאַר איין וועג דעם סיים צו דערקלערן אונז, וואָס זיינען עס — אַליין די סיימאָווצעס...

אין דער באַשטימונג פון דער קאָמפּעטענץ, אויב מען זאָל זיך מיט איר פאַרלאָזן אויף די נאַציאָנאַלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען, וועלן אומ־באַדינגט אויסברעכן קאָנפליקטן צווישן פאַרשידענע נאַציעס. ווי אַזוי זשע וועלן דיזע קאָנפליקטן געלעזט ווערן? לויט דעם נייעם פּראָגראַם קומט אויס (§ 27), אַז לכתחילה וועלן זייער קאָמפּעטענץ באַשטימען אַליין די נאַציאָנאַלע גרינדונגספאַרזאַמלונגען, און ערשט נאָכדעם „באַקומען זיי די באַשטעטיקונג אין דעם סדר פון דער אַלגעמיינער געזעצגעבונג (ד. ה., פון שטאַטס־פּאַרלאַמענט); דערביי ווערט דורכגעפירט אַ גענויער הסכּם פון די פאַרשידענע רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען אָנגענומען פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען, ווי צווישן איינאַנדער, אַזוי אויך מיט די אַלגעמיינע יסודות פון דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג, וועלכע זיינען באַשטימט דורך די אַלגעמיין־שטאַטלאַכע געזעצן." דער סיימיסטישער פאָרשלאָג איז, לויט אונזער מיינונג, צו פיל געדרייט. אַנ־

שטאט דעם, דער שטאטס פארלאמענט זאל זיך שפעטער מאטערן צו קאמבינירן און אין הסכם ברענגען די פארשידענע פאראלנגען פון די באזונדערע נאציאנאלע גרינדונגס־פארזאמלונגען, — וואס עס קאן נאר פארפלאנטערן די ארבעט און דעמאראליזירן די באפעלקערונג — איז פיל איינפאכער, דער שטאטס־פארלאמענט זאל לכתחילה באשטימען די קאמפעטענץ פון די נאציאנאל־אויטאנאמע איינריכטונגען. סיי ווי סיי פארלאזן זיך דאך די סיימאוועס אויפ׳ן שטאטס־פארלאמענט, אלס די אויבערשטע אינסטאנץ. און אזוי ווי אונזער פארשלאג איז פיל איינפאכער, וועט עס טאקע אזוי זיין. עס פארשטייט זיך, אז יעדער אויטאנאמער נאציאנאלער פאראיין דארף האבן דאס רעכט ארייצוגיין אין פארלאמענט יעדעס מאל ווען ער וועט דארפן, מיט א פעטיציע איבער דער פארברייטערונג פון זיין קאמפעטענץ.

ווי אזוי אבער ווערן איינגעארדנט די קאנפליקטן צווישן די נאציאנאל־אויטאנאמע אינסטיטוטן פון פארשידענע פעלקער אדער צווישן זיי און די טעריטאריאל־אויטאנאמע איינריכטונגען? דערצו דינט אין דעם נייעם פראגראם א „באזונדער אויבערשטער געריכט“. ווי אזוי אבער ווערט צוזאמענגעשטעלט דיזער אויבערשטער געריכט — וועגן דעם איז קיין ווארט ניטא ניט אינ׳ם פראגראם־פראיעקט און ניט אינ׳ם לייט־ארטיקל. מיר רעכענען פאר דאס בעסטע, אז פאר אזא איינריכטונג זאלן דינען שיעדס־געריכטן (בית־דין־שלישי), וועלכע זאלן יעדעס מאל איינגעארדנט ווערן ספעציעל צו יעדן קאנפליקט.

איצט, ספעציעל וועגן די אידישע נאציאנאלע פאדערונגען. מיר זיינען עד־היום געוואוינט געווען צו טראכטן, דאס ביי די י. ס. איז מער קיינע אנדערע נאציאנאלע פאדערונגען אויסער דעם „סיים“ ניטא — ווייל אייגנטלאך האבן זיי דאך איבער׳ן „סיים“ דעם גאנצן רעש זייערן אויפגעהויבן אין דער אידישער גאס. איצט, אבער, קומט ה׳ באריסאוו און גיט אונז צו וויסן, אז „ניט נאר וואס זיי זעען ניט אינ׳ם סיים אן ענדלאכע רפואה פון דער נאציאנאלער אנאמאליע פון אידן, נאר דעם סיים אליין מאלן זיי זיך אויס, ניט אלס אנהויב, נאר להיפך, אלס ענדע פון א גאנצער נעץ איינריכטונגען, וועלכע וועלן לעזן די אלטעגלאכע באדערפנישן פונ׳ם נאציאנאלן קיום.“ *) וואס־זשע זיינען דאס עפעס פאר איינריכטונגען? ניט מער און ניט ווייניקער ווי... די אידישע קהילה. אי, וועט איר דאך פרעגן: סטייטש, די קהילה איז דאך ניט מער ווי איין איינריכטונג — וואו־זשע איז די צוגעזאגטע „גאנצע נעץ“? איז דער תירוץ א גאנץ פשוט׳ער — עס וועלן דאך זיין א סך קהילות: אין קישענעוו באזונדער, אין ווילנע באזונדער, און ווארשע ווייטער אז אנדערע און אין מאזעפעווקע ווידער אז אנדערע... אמת טאקע, דאס די פאדערונג פון „סיים“ אליין איז זיך זעלבער געגומען, איז גאר א קנאפע גאראנטיע פאר די אידישע

*) דארט, ז. 35.

נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות, דאָס ער אַליין נויטיקט זיך אין אַ גאַנצע רייע דעמאָקראַטישע שטאַטס־רעכטלאַכע פאָראויסזעצונגען און גאַראַנטיעס — און דאָס האָבן מיר טאַקע תמיד אַרויסגעשטעלט געגן די סיימאָווצעס (ח׳ פּאָסטאָיאַני אין „אונזער פּלאַטפאָרם“, וכדומה): דעריבער האָבן מיר טאַקע שטענדיק אָנגעוויזן, אַז איזאָלירט פון די נויטיקע גאַראַנטיעס, בלייבט דער „סיים“ אַן אוטאָפּיע ביי די י. ס. מיר פאָדערן אַלע מאָל אויסער דעם „סיים“ און גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַך, אויך אַ *פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג* פון אַלע *נאַציעס* אין די געזעצגעבערישע, געריכטלאַכע און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען. דיזע וויכטיקסטע פאָדערונג, אַן וועלכער מיר האָבן נאָך קיין גאַראַנטיע גיט פאַר די אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און באַזונדערס פאַר אידן — פעלט אין דעם נייעם פּראָגראַם: און דעריבער קומט טאַקע פאָרט אויס, אַז די י. ס. שטעלן זיך פאָר דעם סיים אַלס אַן אַלץ היילנדע רפואה פאַר אידן. ער קריגט ביי זיי אַ צורה פון אַ מין פעטיש, וועלכער איז באַרופן צו היילן ניט נאָר די חסרונות פונ׳ם אידישן לעבן, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, אויך די דעפעקטן פונ׳ם י.ס.־ישן דענקען. כל זמן די ווירקלאַכע מאַכט איז אויסער דעם רשות און דער ווירקונג פון אַ געוויסער אונטערדריקטער גרופּע, קאָן איר אויטאָנאָמיע זייער ווייניק העלפן. ווייל אויטאָנאָם ווירקט זי נאָר אויף אירע אינערלאַכע ענינים, אָבער ניט אויף אויסערלאַכע שיכטן. זי קאָן נאָר בעסער *פאַרזאָרגן* אירע אינטערעסן, נאָר ניט *פאַרטיידיקן* זיי.

אומגעלומפּערט איז צוזאַמענגעשטעלט דאָס צעטל פון די קאָמפּעטענץ־ענינים פון דעם אידישן סיים (§ 38). מיר האָבן למשל, פּונקט ג): „אָרגאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, בכדי אויפצוהויבן די טעכנישע פאָרבאַרייטונג פון אידישע אַרבעטער“ און באַזונדער דערפון דעם פּונקט ו): „אָרגאַניזירן די פאַרשפּרייטונג פון לאַנדווירטשאַפטלאַכע קענטניסן צווישן דער אידישער אַרבעטנדער באַפעלקערונג“; ס׳קומט אויס, פּונקט ווי די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קענטניסן וואָלטן כלומר׳שט ניט אַריינגיין אונטער׳ן באַגריף „פּראָפעסיאָנעלע דערציאונג“. די סיימאָווצעס האָבן אַריינגעטראָגן אין זייער צעטל נאָר איין פאָדערונג, וועלכע אונטערשיידט זיי פונ׳ם בונד — דאָס איז פּונקט ה): „אָנפירן די עמיגראַציאָנס־און אומוואַנדערונגס־ענינים בכדי צו . . . רעגולירן דיזע וויכטיקע דערשיינונג פונ׳ם אידישן פאָלקס־לעבן אין דער ריכטונג פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטרירונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.“ אָבער אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער סיים קאָן דאָך בשום אופן ניט באַקומען קיין פעלקער־רעכטלאַכע (אינטערנאַציאָנאַלע) קאָמפּעטענץ, ווייל די רוסישע מלוכה בלייבט פאָרט, הגם אַ פעדעראַציע, דאָך אַן איינהייטלאַכער סואווערענער פעלקער־רעכטלאַכער סוביעקט, קאָן שוין במילא דער אידישער סיים ניט פירן קיין קאָלאָניזאַציאָנס־פּאָליטיק אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד און האָט ניט דאָס רעכט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע מלוכות. דערפון מוזן מיר אַרויס־

דרינגען. דאָס ענטוועדער די סיימאָוווצעס רעכענען צו קריגן אַ טעריטאָריע אין רוסלאַנד גופא, אויב זיי ריידן ערנסט, אָדער דער „סיים“, אַלס אַ וועג צום טעריטאָריאַליזם, איז ווידער ניט מער, ווי אַ ריינע אַגיטאַציאָנס־דעקאָראַציע. פון דער אַנדער זייט, פעלט ביי די סיימאָוווצעס יעדער רמז אויף יענע פונקציעס פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע געהערען צו דער רעליגיע. אין § 12 פאָדערן זיי צו אָפּטיילן די רעליגיע פון דער נאַציאָנאַליטעט. נאָר דאָס איז גרינג צו פאָדערן אבסטראַקט, אין דעםווירקלאַכן לעבן אָבער שפּילט נאָך די רעליגיע עד־היום און וועט נאָך לאַנג שפּילן אַ גרויסע ראָל. אַזוי דהיינו, די פאָדערונג פון 42 שעה רו אַ וואָך — באַדייטעט ביי די קריסטלאַכע אַרבעטער זונטיק־רו (מיט אַ טייל שבת), ביי די מוסולמענישע — פרייטיק־רו (מיט אַ טייל דאָנערשטיק), ביי די אידישע — שבת־רו (מיט אַ טייל פרייטיק); מען דאַרף אויך ניט מיינען, דאָס כשר עסן איז שוין אינגאַנצן ניט אינטערעסאַנט פאַר דער אידישער פאָלקס־מאַסע. אויב די פראַגע פון כשר, פון מצה, א. ז. וו., קאָן מען נאָך פונדעסטוועגן אינגאַנצן אַוועקגעבן דער רעליגיעזער קהילה, באַשטייט שוין מיט׳ן שבת־רו ניט אַזוי איינפאַך. אין פלוג קאָן זיך אויסווייזן, אַז אויב מיר זאָלן דורכפירן אַ געזעץ, דאָס יעדער אַרבעטער מעג זיך רוען דעם טאָג, וועלכן ער וויל, — איז שוין דיזע פראַגע לגמרי גע־לעזט; נאָר ערשטנס, האָבן מיר דאָ אַ גרויסע שוועריקייט מצד דער בורזשואזיע פון די הערשנדע נאַציעס, וועלכע וועט מחמת קאָנקורענץ־טעמים שטאַרק קעמפן געגן אַזאַ געזעץ; און צווייטנס, ווען עס וועט זיך שוין אַפילו איינגעבן דורכצופירן אַזאַ געזעץ, מוז נאָך די פאַבריק־אינ־ספּעקטור זיין מחויב אַכטונג צו געבן, אַז יעדער אַרבעטער זאָל אומבאַדינגט פייערן איין טאָג אין וואָך, ווייל פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס איז העכסט וויכטיק, קיינער זאָל ניט טאָרן אַרבעטן מער ווי לויט דעם געזעץ. זעלבסט־פאַרשטענדלאַך, דאָס אויב יעדער אַרבעטער וועט זיך קאָנען באַשטימען זיין פרייען טאָג, ווי זיין הארץ גלוסט, וועט קיין שום אינספּעקטור אין דער וועלט ניט קאָנען פאַרהיטן די אַרבעטער פון לוין־ברעכעריי און פון עקספּלואַטאַציע און די אויבער־שעה׳דיקע אַרבעטן. דעריבער מוז פעסט באַשטימט זיין איין טאָג, אָדער, לויט די אונטערשיידן פון דער רעליגיע, אייניקע געוויסע טעג צוליב רו. דאָס וועט מוזן זיין די זאַך פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און איר‏ע איינריכטונגען וועלן אויך דאַרפן איינשטעלן אַ פאַבריק־ און ווערקשטאַט־אינספּעקטור. בכלל, מוזן אייניקע פּ ר ט י ם פון דער אַרבעטער־געזעצגעבונג געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אינסטיטוטן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף די אָנגעוויזענע פעלערן, איז דאָך דער נאַציאָ־נאַלער טייל פון דעם נייעם פּראָגראַם — דער בעסטער און דער קלאָרסטער. און אַזוי ווי די איבעריקע וויכטיקע טיילן פון דעם י. ס.׳ישן פּראָגראַם טראָגן אַ בולט׳ן כאַראַקטער פון פשרות און שווינדלעריי, באַקומט זיך ניט ווילנדיק אַזאַ איינדרוק, דאָס אייגנטלאַך איז אין דעם נייעם פּראָגראַם,

חוץ דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, גאָרניט ניטאָ.

אפילו דער ריין פּאָליטישער טייל פון פּראָגראַם טראָגט אויף זיך די סימנים, אין בעסטן פאַל, פון גענייילטער בחפזונ'דיקער אַרבעט, און אפשר טאַקע פון עם־הארצות אין שטאַטס־ווויסנשאַפט (זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אין דער דעמאָקראַטישער הינזיכט). ס'איז אוממעגלאַך בקיצור אָנצוצייכענען אַלע וויכטיקע און קלענערע פעלערן, וועלכע די מחברים פון פּראָיעקט־פּראָגראַם האָבן אין אים דערלאָזן. מיר וועלן נאָר אָנווייזן אויף די מער בולט'ערע חסרונות.

אין § 4, וואו ס'רעכענען זיך אויס די גאַראַנטיעס פון פּערזאָן־און־באַווערלאַכקייט, איז ניט אָנגעוויזן די געהיימניס און פּרייהייט פון קאָרעספּאָנדענץ; אין § 5, לעזן מיר אַן אוממעגלאָמפּערטן זאַץ: „די פאָלקאָמענע פּאַרווירקלאַכונג פון דער אמת'ער פאָלקס־הערשונג, וועלכערס לעצטער אויסדרוק איז די דעמאָקראַטישע רעפּובליק." וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך? אפילו די צענזור־באַדינגונגען קאָנען אזא שפּראַך ניט באַרעכטיקן. ס'קומט עפּעס אויס, אַז די „אמת'ע פאָלקס־הערשונג" קאָן בכלל האָבן פאַרשידענע אויסדרוקן: נענטערע און ווייטערע, און ערשט דער לעצטער פון זיי איז די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, — אַז אַן אמת'ע פאָלק־הערשונג קאָן זיך כלומר'שט אויסגיסן אין אַן אַנדער פאָרם, אחוץ די דעמאָקראַטישע רעפּובליק! אינ'ם § 6 ווערט ניט דערמאָנט די פאָדערונג פון דיעטן (געהאַלט פאַר די דעפּוטאַטן), פון דעם, אַז די וואַלן מוזן פאָרקומען אין ימים־טובים, און עס ווערט ניט אָנגעוויזן דער משך פון דעם דעלעגירטן פולמאַכט (אין דאָס רוב סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען ווערט אָנגעצייכנט אַ צוויי־יאָריקער משך). אין § 8 פעלט דער געריכט פון געשוואָרענע און דער דיסקוסיאָנס־יסוד אין דער אויספאָרשונג. דאָס לעצטע באַדייטעט ניט נאָר אַז די לכתחילה'דיקע אויספאָרשונג זאָל אָנגעפירט ווערן אומבאַדינגט בפרהסיא און עפנטלאַך (דאָס פאָדערן די סיימאָוצעס אויך), נאָר אַז די פאַרשטייער פון דער פאַרטיידיקונג זאָלן אַנטייל נעמען צוזאַמען מיט דער פּראָקוראַטור און אויף גלייכע רעכט מיט איר אין דיזער לכתחילה'דיקער אויספאָרשונג. עס ווערט ניט דערמאָנט אינ'ם נייעם פּראָגראַם וועגן דער אומבאַדינגטער אָפּשאַפונג פון לייבשטראָף (צ. ב. אין קאַטאָרגע, וואו די אָבליגאַטאָרישע אַרבעט פון די אַרעסטירטע מוז פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מין לייב־שטראָף). עס ווערט ניט דערמאָנט די פאָדערונג, אַז די פאַרשיקונגס־ערטער זאָלן געשטעלט ווערן אונטער'ן קאָנטראָל פון פּסיכיאַטרישע און פאָלקס־בילדונגס אינסטיטוטן. להיפך, פיגורירן אין דעמזעלבן פּונקט פון דעם נייעם פּראָגראַם, אויף איין שורה מיט דיזע וויכטיקע פעלערן, אַזעלכע קליינעקייטן, ווי פאַר'משפּט'ן בתנאי און באַפרייען פאַר'ן טערמין — קלייניקייטן, וועלכע אפילו די רוסישע מיניסטאָרן זיינען שוין אויך מסכים...

אין דער אָפּטיילונג 5, וועגן דער אַרבעטער־געזעצגעבונג, געפינען מיר גאָרניט וועגן דעם אינסטיטוט פון פאַבריק־אינספּעקטאָרן (צוליב אַכטונג־

געבן אויף די אינטערעסן פון די אַרבעטערינס), וועגן דעם געזעצגעבערישן פאַרהיטן די אינטערעסן פון הויז־דינסטן, וועגן שיעדס־געריכטן און אויסגלייכונגס־קאַמערן (אום צו לעזן די איינצעלנע קלענערע קאָנפליקטן צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער), וועגן די רעכט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועגן דעם, אַז די שטאַטלאַכע און געביטלאַכע אינסטיטוטן זאָלן פאַרזאָרגן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע. עס ווערט אפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט די פרויען־פראַגע, וועלכע קאָן אָבער מיט דער איינפאַכער גלייכבאַרעכטיקונג ניט געלעזט ווערן.

דערפאַר אָבער האָבן די סיימאָווצעס באַגליקט די בירגער מיט אַ סך וואַלן. לויט'ן § 6 ווײַלט ער אין פּאַרלאַמענט, לויט'ן § 7 ווײַלט ער שוין אין „אַ ל ע אינסטיטוטן, וועלכע עקזיסטירן נאָר אין דער מלוכה." לויט'ן § 8 ווײַלט ער די ריכטער, און אויך די פערזאָנען פון אַדמיניסטראַטיווע שטעלעס, לויט'ן § 14 ווײַלט ער אין די געביטס־אינסטיטוטן, לויט'ן § 27 אין די נאַציאָנאַלע סיימען, לויט'ן § 32 אין די קהילה־קאָמיטעטן, לויט'ן § 34 אין די געביטס־קהילה־קאָמיטעטן. מען מעג זיין, זעט איר, וויפיל איר ווילט דעמאָקראַטיש, מען דאַרף דאָך אָבער אַמאָל אויפ'ן בירגער אויך רחמנות האָבן: וועלנדיק זיין אַ גוטער בירגער און אויספירן זיינע געזעלשאַפטלאַכע פליכטן, וועט דאָך דעם בירגער נעבאַך קיין צייט ניט בלייבן צוליב זיינע אייגענע געשעפטן. ער וועט דאָך פאַרשילטן די דעמאָקראַטיע אויב היינט וועט אים אויסקומען צו קלייבן אַ ריכטער, מאָרגן אַ פּריסטאַוו, איבערמאָרגן אַ גובערנאַטאָר, שפּעטער אַ פּאָסט־דירעקטאָר, א. ז. וו. כ'לעבן, נאָך גוט, וואָס די סיימאָווצעס האָבן דעם בירגער ניט מכבד געוועזן מיט אָבליגאַטאָרישע וואַלפליכט... די סיימאָווצעס זיינען ניט געקומען צום שכל אָנצואווייזן, אַז אין די איינריכטונגען און שטעלעס, וועלכע פאָדערן אַ ספּעציעלע פאָרבאַרייטונג, געניטקייט אָדער אויפבילדונג, קאָן קיין ד י ר ע ק ט ע ר וואַל־רעכט ניט געברויכט ווערן, אַז דעריבער מוז דאָ איינגעפירט ווערן אַן אַנדער וואַל־סדר. דער פּרינציפּ דאַרף זיין: דער בירגער ווײַלט אַליין נאָר די אויבערשטע און אונטערשטע אינסטיטוטן פון יעדן געזעצגעבערישן פאַך (פון דער שטאַטס־מאַכט, פון דער טעריטאָריעלער און נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און פון דער מוניציפּאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און אויך די נידעריקערע ריכטער; די אַדמיניסטראַציע און די העכערע ריכטערישע אינסטאַנצן מוזן שוין אָבער געווײַלט ווערן אויפ'ן אומדירעקטן שטייגער. אַזוי דהיינו, דאַרפן די מיניסטאָרן פונ'ם פּאַרלאַמענט געווײַלט ווערן, די נידעריקסטע פּאָליציי — פון די מוניציפּאַליטעטן, די אויבערשטע אינסטאַנצן מוזן פון די אונטערשטע געווײַלט ווערן א. אַז. וו.).

אין פאַרגלייך מיט די אָנגעוויזענע חסרונות מאַכט שוין גאָר אַ לעכערלאַכן איינדרוק, וואָס אין דעם פּראָיעקט־פּראָגראַם, וואו עס ווערט ניט דערמאָנט דער געריכט פון געשוואָרענע, דער צוויי־יאָריקער פּאַרלאַמענט, די אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע, לעזן מיר פונדעסטוועגן צום סוף

די העכסט־וויכטיקע פאָדערונגען וועגן באַלייכטונג און קאַנאַליזאַציע... עס פעלט נאָך די אָסעניזאַציע און די רעגולירונג פון פּראָסטיטוציע. אגב אורחא, וועגן פּראָסטיטוציע און אַלקאָהאָליזם וואָלט טאַקע געווים וויכטיקער געווען עפּעס צו זאָגן.

איינס פון די צוויי: אָדער דער פּראָיעקט־פּראָגראַם דאַרף אָנצייכענען נאָר די אַלגעמיינע שטריכן, ווי אַ שטייגער דער פריערדיקער פּראָיעקט־פּראָגראַם פון די י. ס. ד. — דאַן ווי קומט אַהער באַלייכטונג און קאַנאַליזאַציע? אָדער דער פּראָיעקט־פּראָגראַם ווייזט שוין אַן דעטאַל און אויספירלאָך אַלע פאָדערונגען פון פּאַרטיי — פאַר וואָס זשע פעלט די פרויען־פראַגע, די רעכט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וכדומה?

צווייטע אָפּטיילונג :

# צווישן קאָנטער-רעוואָלוציע און וועלט-מלחמה

# פאָרבאַמערקונג

אין דער אָפּטיילונג גייען אַריין אַרבעטן אויס דער צייט זינט באָראָכאָוו׳ס אַוועקפאָר פון רוסלאַנד (1907) ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע אַרבעטן זיינען אַנטשטאַנען אונטער לגמרי אַנדערע באַדינגונגען, ווי בעת דעם ערשטן פּעריאָד. באָראָכאָוו אַליין איז געוואָרן עלטער און אויסגערייפטער. אין אויסלאַנד שטייט זיין אַרבעט ניט מער אַזוי דירעקט אונטער דער השפּעה פון די טעגלאַכע פאָדערונגען פונ׳ם פּאַרטייען־קאַמף. דער קאַמף גופא האָט אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער. פון איין זייט איז די פּאַרטיי ענדגילטיק קאָנסאָלידירט, דער אָנגריף פון די שכנות׳דיקע פּאַרטייען אויפ׳ן פּועלי־ציוניזם איז אָפּגעשלאָגן. פון דער אַנדערער זייט איז די רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד בכלל ציטווייליק אָפּגעשטעלט, און אַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזן הערשט אַ דעפּרעסיע. די אידישע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ — אויף וויפיל זי שטייט ניט בכלל אָפּ פון געזעלשאַפטלאַכע ענינים — וואַרפט זיך אויף קולטור־טרעגעריי און אַלגעמיינער כלל־טוערײ.

דאָס אַלץ בלייבט ניט אָן אַ ווירקונג אויף באָראָכאָוו׳ס אַרבעטן. זיי טראָגן שוין ניט דעם „שטורם־ און דראַנג־כאַראַקטער“ ווי אין ערשטן פּעריאָד, זיי זיינען אָבער דערפאַר אויך אויסגערייפטער, סיסטעמאַטישער, פרייער פון פּאָלעמישן באַלאַסט און ווידערהאָלונגען. און וואו ס׳איז יאָ דאָ פּאָלעמיק, איז עס ווייניקער אַרום טעאָרעטישע חילוקי דעות ווי אַרום קאָנקרעטע מעשים (ווי די עמיגראַציע־פּאָליטיק פון די ס. ס. אָדער די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע אין דער כלל־טוערײ).

דאָ זיינען מיר טאַקע ביי אַ ווייטערן חילוק. אינ׳ם ערשטן פּעריאָד איבערוועגט די אַבסטראַקציע, דאָס פאָרמולירן פּראָבלעמען, סאָציאָלאָגישע אָדער עקאָנאָמישע געזעצן, און פעסטשטעלן בהסכם מיט זיי באַשטימטע טענדענצן און געזעצן אינ׳ם אידישן לעבן. אינ׳ם צווייטן פּעריאָד איבערוועגט די טענדענץ צו *קאָנקרעטקייט*; אַלזייטיק אויסצופאָרשן באַשטימטע, קאָנקרעטע פאַקטן, פעסטשטעלן זייערע צוזאַמענהאַנגען און געזעצמעסיקייטן און ערשט אויף דעם יסוד צו בויען אַלגעמיינע מסקנות. אינ׳ם ערשטן פּעריאָד: „קלאַסן־אינטערעסן און נאַציאָנאַלע פראַגע“, אינ׳ם צווייטן — „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין בעלגיע“.

אָדער: אינ׳ם *ערשטן* פּעריאָד, אין „אונזער פּלאַטפאָרם“, דער (באמת קלאַסישער) אַנאַליז — אַרויסגייענדיק פון אַלגעמיין־אָנגענומענע פאַקטן — פון דער אידישער עקאָנאָמיק און פון דער אומנאָרמאַלער „סטראַטעגישער באַזע“ פונ׳ם קלאַסנקאַמף פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אינ׳ם *צווייטן* פּעריאָד, „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן“ — אַן אויספאָרשונג (אויפ׳ן יסוד פון אַ קאָלאָסאַלן רויען מאַטעריאַל) פון דער קאָנקרעטסטער פאָרם פונ׳ם קלאַסנקאַמף ביי אידן, פון די עקאָנאָמישע צונויפשטויסן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, און ערשט דערפון קומט אַרויס אַ קלאָר רעליעף בילד פון דער „סטראַטעגישער באַזע“ פונ׳ם קלאַסנקאַמף אויף דער אידישער גאַס.

אָבער פּונקט ווי אינ׳ם ערשטן פּעריאָד, אַזוי ווייזט זיך אונז באָראָכאָוו אויך דאָ אַלס דער פאַנאַטישער און אומדערשראָקענער אמת־זוכער און שונא פון פאַראַלגעמיינערדיקע, פאַרפלאַכנדיקע פאָרמולעס און שלאָג־ווערטער. ווער ווי ער זעט נאָך אינ׳ם קלאַסנקאַמף דעם טרייבנדיקן כח פון אַלע געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען און דעם איינציקן וועג פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס, צו דערגרייכן זיינע היסטאָרישע צילן? אָבער ער דערזעט אינ׳ם אידישן לעבן אַ פּאָליטישע קאָנצענטראַציע פון כחות, ניט אויף דער קלאַסן־ליניע, נאָר אויף דער ליניע פון שנאת ציון — דעקט ער אויף אירע לעצטע מאַטעריעלע און מאַכט־פּאָליטישע וואָרצלען און רופט קעגן דער אַנטי־ציוניסטישער צו דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, ד. ה. צום באַוואוסטן אַריינטראָגן דעם ווייטן ציוניסטישן פּערספּעקטיוו אין *אַלע* צווייגן פון פאָלקס־אַרבעט. („די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע“ איז בכלל העכסט סימפּטאָמאַטיש פאַר באָראָכאָוו׳ס *אידעאישער* אַנטוויקלונג אין דעם פּעריאָד.)

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אמת־פאַנאַטיזם ווי פאַר זיין שטאַרקן חוש פאַר רעאַליטעטן איז זיין שטעלונג צום פּלאַן וועגן עמיגראַציע־קאָנגרעס. ער באַקעמפט דעם ס.־ס.׳ישן „דיפּלאָמאַטישן“ שפּיל מיט די ווינער קהלה־אַסימילאַטאָרן און לאַכט אָפּ פון זייער נאַאיוון גלויבן, אַז דאָס איז „דעמאָקראַטישע“ עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק. אָבער ער איז לגמרי ניט קעגן אַ קאָאָפּעראַציע מיט דער בורזשואַזיע אויפ׳ן עמיגראַציע־געביט, הגם ער ווייסט, אַז אַ לאַנגע צייט נאָך וועט דער ניט־דעמאָקראַטישער צד האָבן אין איר דעם איבערגעוויכט. אָבער ער וויל ניט קיין אילוזיעס; די דעמאָקראַטיע זאָל זיך זיין באַוואוסט וועגן די גרעניצן פון איר כח, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג, די גרעניצן אויסצוברייטערן און דעם כח צו פאַרשטאַרקן.

ב. ל.

# צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיען

עס איז זייער וויכטיק צו דערפאָרשן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אַלע אירע שאַטירונגען. פאַר אונז, אידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע וואוינען אין רוסלאַנד, עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד — פאַר אונז, אידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע ווייסן, אַז אונזער בע־סערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צוקונפט ליגט אין פּאַלעסטינא, עקזיס־טירט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע אין טערקיי בכלל און אין ארץ־ישראל בפרט. אָבער דיזע ביידע נאַציאָנאַל־פראַגן, וואָס באַרירן אונז אמטיפסטן, — די רוסלענדישע און די טערקישע, זיינען אנטשטאַנען ביי ניט גענוג הויך אנטוויקלטע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, ניט אויף דער העכסטער מדרגה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג. טערקיי איז שטאַרק אָפּגע־שטאַנען אין אַלע הינזיכטן, זי פאַרדינט בשום אופן ניט דעם נאָמען פון אַ קאַפּיטאַליטיש לאַנד. רוסלאַנד געהערט שוין געוויס צו דער אַלוועלטלאַכער משפחה פון די לענדער, וועלכע ציען זייער חיונה, עקס־פּלואַטירנדיק די ארבעטס־קראַפט פון'ם לוין־ארבעטער, אָבער דאָך האָט זי נאָך אַנ'איבער־גרויסע לאַנדווירטשאַפטלאַכע באַפעלקערונג און טראָגט נאָך הויפּטזעכלאַך דעם כאַראַקטער פון אַן אַגראַר־ווירטשאַפטלאַכן גאַנצן. אונזער נאַציאָנאַלן פּראָגראַם מוזן מיר צופּאַסן צו די איצט געגעבענע באַדינגונגען פון די ביידע לענדער. דער פּראָלעטאַריאַט קוקט אָבער אין דער ווייטער צוקונפט, און מוז בויען זיין פּראָגראַם ניט נאָר שטיצנדיק זיך אויף דער קעגנוואַרט, נאָר אויך אויף די טענדענצן פון דער צוקינפטיקער אנטוויקלונג.

ווי אַזוי עס וועלן אָבער אויסקוקן די נאַציאָנאַלע פּאַרהעלטנישן אין דער צוקונפט, קאָנען מיר וויסן נאָר דאַן, ווען מיר וועלן דערפאָרשן די פאָרטגעשריטענע לענדער, וואו ס'עקזיסטירט אויך די דאָזיקע פראַגע און האָט באַקומען איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג. אויב מיר ווילן אויס־מיידן פּוסטע השערות און זיך שטיצן אויף גרינדלאַכן פאַקטישן מאַטע־ריאַל, קומט אונז אויס זיך צו ווענדן גלייך צו דיזע פאָרטגעשריטענע לענ־דער. איינע פון זיי — נעמליך עסטרייך — האָט מען אין דער רו־סישער און אידישער ליטעראַטור שוין גאַנץ גענוי באַשריבן; אַזוי ווי מיר קאָנען זאָגן, דאָס די קעגנוואַרט פון עסטרייך איז פאַר רוסלאַנד אַ גאַנץ נאָנטע צוקונפט — ווייל עסטרייך געפינט זיך ניט אויף אַ פיל העכערער מדרגה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג, ווי רוס־לאַנד, — איז טאַקי זייער נוצלאַך זיך צו פאַנאַנדערקלייבן אין די עסט־רייכישע צושטאַנדן. דאָס האָט מען, זאָגן מיר, שוין גענוג געטאָן אין

דער ליטעראַטור. אָבער, ווידער טאַקע, אונז מוז אינטערעסירן ניט נאָר די נעכסטע צוקונפט פון דער נאַציאָנאַל־פראַגע; ניט נאָר מיר ברויכן צו באַלויכטן די לאַגע אין עסטרייך, וואו דער נאַציאָנאַלער קאַמף פלאַקערט שוין זייט זעכציק יאָר און קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו אַ באַפרידיקנדן אויסוועג; אונזער אויפגאַבע איז ניט נאָר צו דערפאָרשן, ווי עס זעט אויס דיזעס וויכטיקע פּראָבלעם דאָרט, וואו עס איז נאָך גאַנץ ווייט פון זיין לייזונג; ניין — מיר מוזן נאָך זוכן, פיליכט זיינען פאַראַן אַזוינע לענדער, וואו דער נאַציאָנאַלער קאַמף האָט אַמאָל געברענט, און איצט האָט ער זיך איינגעשטילט: מיר מוזן אַ קוק געבן, ווי עס זעען אויס די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין אַזעלכע לענדער.

אַזאַ לאַנד עקזיסטירט; דאָס איז בעלגיען. מיר האָבן אָט ערשט געזאָגט, דאָס אין דער נאַציאָנאַלער הינזיכט איז עסטרייכ'ס קעגנוואַרט — רוסלאַנד'ס נאָענטע צוקונפט: מיר קאָנען אויך זאָגן, דאָס אין דער נאַציאָנאַלער הינזיכט, איז בעלגיענ'ס קעגנוואַרט — רוסלאַנד'ס ווייטערע צוקונפט. לערנענדיק די באַדינגונגען פון עסטרייך, באַקומען מיר די מעגליכקייט, צו שאַפן זיך אַ קלאָרערן באַגריף מכח די אַנטוויקלטע פאָרמען פונ'ם נאַציאָנאַלן קאַמף; לערנענדיק די בעלגישע באַדינגונגען, הויבן מיר אָן צו פאַרשטיין, צו וואָס עס ברענגט דער נאַציאָנאַלער פרידן.

דעריבער געפינען מיר פאַר נוצלאַך, צו באַקענען די חברים־לעזער מיט דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד, וועלכעס האָט אין זיך אַזוינע גרויסע קרעפטן, מיט'ן קליינעם פאָלק, וועלכער גיט אונז אַזעלכע גרויסעביישפּילן אין אַלע הינזיכטן פונ'ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן*).

אין דער קאַפּיטאַליסטישער הינזיכט איז בעלגיען (אויסער ענגלאַנד) דאָס אַנטוויקלטסטע לאַנד אין אייראָפּאַ.

דאָס קאָנען מיר זען פון די פאָלגנדע ציפערן: די מיטעלע געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען אין 1890 יאָר (ווען אין פיל לענדער זיינען געווען גלייכצייטיק פולע

*) מיר ברייגנען די נאָכפאָלגנדיקע ציפערן בנוגע בעלגיען פון דער אָפיציעלער בעלגישער סטאַטיסטיק, וועלכע איז דערשינען אויפ'ן גרונט פון דער פאָלקסציילונג פון 31 דעצעמבער, 1900 יאָר, אין צוויי גרויסע בענדער. די ציפערן, וועלכע אָנבאַלאַנגען דייטשלאַנד, זיינען גענומען געוואָרן פון דער דייטשלענדישער סטאַטיסטיק פון 1895 יאָר, בנוגע וועלכע מיר האָבן אויסגענוצט אַנדערע קאָמפּילאַטיווע ווערק, און די עסטרייכישע ציפערן נעמען מיר פונ'ם זעקס־און־זעכציקסטן באַנד פון דער אָפיציעלער עסטרייכישער סטאַטיסטיק (אויפ'ן גרונט פון דער פאָלקסציילונג פון 31 דעצעמבער, 1900 יאָר). ווייטער, איז זייער וויכטיק אָנצואווייזן אונזערע לעזער, דאָס די בעלגישע סטאַטיסטיק גיט אָן נאָר אַבסאָלוטע ציפערן און ווען־ניט־ווען די פּראָצענטן; די פּראָצענטן האָבן מיר אַליין אויסגערעכנט. אויסער דעם, געפינען זיך אין דער אָפיציעלער אויסגאַבע דרוקפעלער, וועלכע אונז איז אויסגעקומען אויסצובעסערן דורך פאַרשידענע פאַרגלייכונגען, וואָס האָט אונז אָבער אומעטום געלונגען.

אָדער טייל־ווייזע צײלונגען): אין עסטרייך 79,6 מענטשן אויף איין קוואַד־ראַט־קילאָמעטער, אין פּרייסן 86, אין גאַנץ דייטשלאַנד 91,5, אין האָ־לאַנד 138,7, אין ענגלאַנד (מיט אוועלס) 192, אין בעלגיען — 206; (אין רוסלאַנד איז די ציפער געווען אין 1897 יאָר — 19). אביסל שפּע־טער איז די מיטעלע געדיכטקייט געווען אין דייטשלאַנד (אין 1895 יאָר) 105 מענטשן אויף א קוואַדראַט־קילאָמעטער, און אין בעלגיען 240 אויף א קוואַדראַט־קילאָמעטער.

אָבער די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג קען נאָך ווייניק וואָס געבן. דעריבער וועלן מיר אָנווייזן אייניקע וויכטיקערע, שוין ריין עקאָנאָמישע ציפערן.

מיר ווייסן, דאָס ביז דער לעצטער צייט איז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטיקלונג געגאַנגען אַזוי, דאָס די אינדוסטריע האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער אָפּגערוקט אָן א זייט די לאַנדווירטשאַפט; דעריבער איז ביז יעצט יענעם לאַנד און יענעם פאָלק מער אַנטוויקלט, וועלכעס נעמט א גרעסערן אַנטייל אין דער אינדוסטריע, און א קלענערן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. לאָמיר פאַרגלייכן אין דער הינזיכט אייניקע לענדער.

עסטרייך איז א שטאַרק אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, אויב מיר וועלן זי נעמען אין דורכשניט, ד. ה. אין מיטעלע ציפערן; אָבער אין עסט־רייך גופא זיינען פאַראַן צוויי הויך אַנטוויקלטע פעלקער — די דייטשן און די טשעכן. זעען מיר פון דער סטאַטיסטיק, דאָס אין 1900 יאָר האָבן פון 100 פערזאָנען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט וועלכן עס איז גע־שעפט, זיך באַטייליקט:

| | אין דער לאַנדווירטשאַפט | אין דער אינדוסטריע האַנדל און טראַנספּאָרט |
|---|---|---|
| ביי די דייטשן | 33,5 | 51,7 |
| ביי די טשעכן | 43,1 | 45,8 |

אין דייטשלאַנד אין 1895 יאָר האָט די לאַנדווירטשאַפט נאָך גע־שפּילט א גאַנץ גרויסע ראָלע: פון 100 מענטשן, וואָס האָבן איבער־הויפּט וועלכע עס איז באַשעפטיקונג, האָבן זיך 36,2 באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט. אין בעלגיען אָבער זיינען פון 100 באַשעפטיק־טע פערזאָנען אין 1900 יאָר סך הכל 22,7 געווען פאַרנומען אין דער לאַנדווירטשאַפט, 44,6 אין דער אינדוסטריע אליין, און די איבעריקע 32,7 זיינען געווען פאַרנומען אינ'ם האַנדל, אין טראַנספּאָרט, אין די פרייע בארופן, אין פּריוואַטן, עפנטלאַכן און רעגירונגס־דינסט.

בשעת ביי די דייטשן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך זיינען אין דער לאַנדווירטשאַפט פאַרנומען אביסל מער פון א דריטל, זיינען אין בעלגיען ווייניקער פון א פערטל באַשעפטיקט אין דער אַגראַר־פּראָדוק־ציאָן.

בעלגיען איז א שטאַרק אינדוסטריאַ־ליזירטעס לאַנד, פיל מער ווי עסטרייך און אפילו ווי

ד י י ט ש ל א נ ד.

דאס זעלבע טרעט ארויס, אויב ניט אין אזוינע בולטע שטריכן, דאך אויך אינ׳ם פראצענט פון די א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע ל ו י ן - א ר ב ע ט ע ר.

פון 100 פערזאנען, וועלכע זיינען באשעפטיקט אין דער אינדוסטריע איז די צאל לוין־ארבעטער:

אין דייטשלאנד, 1895 יאר — 75,1 (ד. ה. 3 ארבעטער אויף 1 בעל־הבית אין דורכשניט).

ביי די עסטרייכער דייטשן אין 1900 יאר — 78,3 (ד. ה. כמעט 4 ארבעטער אויף איין ב"ב).

ביי די עסטרייכער טשעכן אין 1900 יאר 80,9 (ד. ה. 4 ארבעטער אויף 1 ב"ב).

אין בעלגיען אין 1900 יאר 82,6 (ד. ה. מער ווי 4 ארבעטער-אויף 1 ב"ב אין דורכשניט).

דאס באווייזט, אז אין בעלגיען איז שטארק אנטוויקלט גראדע די גרויסע אינדוסטריע (ווייל דאס קומט אויס נאר אין ד ו ר כ ש נ י ט מער ארבעטער, ווי אין דייטשלאנד), און אז די ב ע ל ג י ש ע ב א פ ע ל ק ע ר ו נ ג ה א ט ז י ך ש ט א ר ק א ו ן ה ע כ ס ט נ א ר מ א ל (לויט׳ן קאפיטאליסטישן שטייגער) פ ר א ל ע ט א - ר י ז י ר ט.

בעלגיען איז אבער ניט גלייכמעסיק אנטוויקלט אין דער אינדוסט־ריעלער הינזיכט. בעלגיען איז אדמיניסטראטיוו צוטיילט אויף 9 פרא־ווינצן, וועלכע מיר ווען דא צוזאמענשטעלן לויט דער צאל פון זייער באפעלקערונג:

טאבעלע

| פראווינץ | צאל איינוואוינער אין 1866 יאר | צאל איינוואוינער אין 1900 יאר |
|---|---|---|
| בראבאנט | 813,552 | 1,263.535 |
| ענא | 845,438 | 1,140,954 |
| מזרח־פלאנדריען | 805,835 | 1,029,971 |
| ליעזש | 557,194 | 826,175 |
| אנווערפען | 465,607 | 819,139 |
| מערב־פלאנדריען | 642,217 | 805,236 |
| נאמיור | 302,778 | 346.512 |
| לימבורג | 195,302 | 240,796 |
| ליוקסעמבורג | 199,910 | 219,210 |
| גאנץ בעלגיען: | 4,827,833 | 7.074,910*) |

*) פאלעסטינע איז אקוראט אזוי גרויס, ווי בעלגיען; פאלעסטינע׳ס איבער־פלעכע האלט ביי 29,000 קוואדראט־קילאמעטער, און בעלגיע׳ס פלעכע אויך דאס

אין בעלגיען זיינע אָ פ י צ י ע ל אנערקענט דריי שפּראַכן — די פראַנצויזישע, די פלעמישע און די דייטשע; דיזע דריי שפּראַכן הייסן אויף דעם אָפיציעלן רעגירונגס־לשון „די דריי נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון בעלגיען"; דאָ דאַרף מען אָבער ניט האָבן קיין טעות און ניט מיינען, דאָס דערמיט אנערקענט די רעגירונג דריי נאַציעס; ניין — זי רעכנט, אַז אין בעלגיען איז א י י ן נאַציע, נאָר די א י י ן נ אַ צ י ע רעדט אויף ד ר י י ש פּ ר אַ כ ן; אַזוי ווי די דייטשן זיינען אין אַלע פּראָווינצן גאָר אַ קליינער מיעוט, און די צוויי מערהייטן זיינען די פלעמען מיט די פראַנצויזן, וועלן מיר צעטיילן די 9 פּראָווינצן אויף צוויי קאַטעגאָריעס: 5 פלעמישע פּראָווינצן, וואו די מערהייט באַשטייט פון פלעמען (אַנטווערפּן, בראַבאַנט, מערב־פלאַנדריען, מזרח־פלאַנדריען און לימבורג), און 4 פראַנצויזישע פּראָווינצן, וואו די מערהייט באַשטייט פון פראַנצויזיש־שפּרעכנדע (ענאַ, ליעזש, ליוקסעמבורג און נאַמיור). אין די 5 פלעמישע פּראָווינצן זיינען (אין 1900) די נאָר־פלעמיש שפּרעכנדע 2,790 טויזנט פערזאָנען, און די גאַנצע באַפעלקערונג זייערע איז 4,159 טויזנט, ד. ה. די פלעמען זיינען דאָרט ניט ווייניקער, ווי 67 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג; אינגאַנצן וואוינען אין בעלגיען 2,822 טויזנט נאָר־פלעמיש שפּרעכנדע; ד. ה. אין די איבעריקע 4 פּראָווינצן וואוינען נאָר די איבעריקע 32 טויזנט נאָר־פלעמיש שפּרעכנדע — גאָר און גאָר אַ קליינער מיעוט.

איצט נעמען מיר באַטראַכטן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פלעמישע און פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן. אין פלוג קאָן זיך אויסווייזן, דאָס די פלעמישע פּראָווינצן זיינען העכער אַנטוויקלט, ווי די פראַנצויזישע, ווייל די ערשטע זיינען פיל געדיכטער באַפעלקערט: אין די פלעמישע פּראָווינצן קומט אויס 282 פערזאָנען אויף אַ קוואַדראַט־קילאָמעטער, אין די פראַנצויזישע אָבער נאָר 172; פונדעסטוועגן, ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, קאָן די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג גאָר ווייניק דינען אויף צו באַווייזן, צי אַ געוויסע געגנט איז מער אָדער ווייניקער קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלט. דעריבער וועלן מיר מוזן נעענטער באַטראַכטן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון גאַנץ בעלגיען און פון די פלעמישע און פראַנצויזישע פּראָווינצן.

---

זעלבע; אָבער די מיטעלע געדיכטקייט פון בעלגיען איז 240 מענטשן אויף אַ קוו. קיל., און אין פּאַלעסטינע סך הכל 24 מענטשן אויף אַ קוו. קיל. מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז אין בעלגיען איז אומעטום די גלייכע געדיכטקייט. אין דער גרעסטער פון די ניין פּראָווינצן — ליוקסעמבורג — וועלכע פאַרנעמט אַ זעקסט־חלק פון בעלגיען, איז די באַפעלקערונג גאָר שיטער, — סך הכל 50 מענטשן אויף אַ קוו. קיל.; אין פּאַלעסטינע זיינען אָבער פאַראַן ערטער, ווי יפו־ירושלים געביט, וואו די באַפעלקערונג איז פיל געדיכטער, ווי אין ליוקסעמבורג. אין בעלגיען וואוינען יעצט העכער 7 מיליאָן מענטשן; ד. ה. אַז מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע וועט זי אויך קענען פאַרנעמען מער פון 7 מיליאָן איינוואוינער (יעצט האַלט זי נאָר 700 טויזנט).

אין בעלגיען איז (אין 1900 יאָר):

### טאַבעלע II.

| | |
|---|---|
| די גאַנצע באַפעלקערונג | 7,074,910 |
| די באַשעפטיקטע באַפעלקערונג (ד. ה. די, וועלכע לעבט פון אייגענע הכנסות*) | 3,071,301 |
| די באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשעפטיקט אין אינדוסטריע | 1,372,251 |
| פון איר — אינדוסטריעלע לוין־אַרבעטער | 1,133,590 |
| די באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט | 697,372 |

לאָמיר איצט דיזע ציפערן אויסדריקן אין פּראָצענטן.

### טאַבעלע III.

אין גאַנץ בעלגיען:

| | |
|---|---|
| דער פּראָצענט פון די אינדוסטריעל־באַשעפטיקטע אין פאַרגלייך מיט אַלע באַשעפטיקטע | 44.6 |
| דער פּראָצענט פון די אינדוסטריעלע לוין־אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט אַלע באַשעפטיקטע | 36.9 |
| דער פּראָצענט פון די אינדוסטריעלע לוין־אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט די אינדוסטריעל־באַשעפטיקטע | 82.6 |
| דער פּראָצענט פון די לאַנדווירטשאַפטלאַך־באַשעפטיקטע אין פאַרגלייך מיט אַלע באַשעפטיקטע | 22.7 |

די לאַנדווירטשאַפטלאַכע בעלגישע באַפעלקערונג, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז זייער קליין, אַ ביסל מער פון אַ פינפטל; זי באַשטייט פון זעלבסטשטענדיקע פויערים און פון באַטראַקעס. די צאָל פון די זעלבסט־שטענדיקע פויערים (אַריינגערעכנט אַהער אויך די אַרענדאַטאָרס) איז אין גאַנץ בעלגיען 449,902, און פון די באַטראַקעס 247,470, ד. ה. 3 באַט־ראַקעס קומען אויס אויף 5 זעלבסטשטענדיקע. דערפון איז לייכט צו פאַרשטיין, דאָס די בעלגישע לאַנדווירטשאַפט טראָגט אַ קליינעם כאַראַקטער. דער גרויסער רוב פון די לאַנדווירטן זיינען קליינינקע פויערים־לאַך — און, ווי ס'איז באַוואוסט, זיינען די קליינע פויערים אין מערב־אייראָפּע אומעטום זייער רעאַקציאָנער, שרעקלאַך אָפּגעשטאַנען אין אַלע היגזיכטן. אין בעלגיען, ווי אומעטום, שטיצן זיך גראָדע די רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע פּאַרטייען הויפּטזעכלאַך אויף די פויערים. דאָס מוזן מיר האָבן אין זינען, ווען מיר וועלן אַריבערגיין צו פאַרגלייכן דעם פלעמישן טייל פון בעלגיען מיט'ן פראַנצויזישן.

---

*) צו דער ניט־באַשעפטיקטער באַפעלקערונג ווערן אין בעלגיען צוגערעכנט: קינדער און פרויען און אַלטע, וועלכע פאַרדינען זיך ניט אַליין, ווי אויך אַזוינע, וואָס לעבן פון פּריוואַטער אָדער עפנטלאַכער צדקה. אַלע איבעריקע רעכענען זיך פאַר באַשעפטיקט.

וואָס קומען פאָר אין דער אידישער עמיגראַציע און אין יענעם לאַנד, וואו

# טאַבעלע IV.

יאָהר 1900

| פּראָווינץ | די צאהל בעשעפטיגטע | די צאהל אינדוסטריעלע בעשעפטיגטע | די צאהל אינדוסטריעלע לוין־ארבייטער | די צאהל לאנדווירטשאפטליכע בעשעפטיגטע | דער פּראָצ. פון די אינדוסטריעלע בעשעפטיגטע צו אלע בעשעפ. | דער פּראָצ. פון די אינד. ארב. צו אלע בעשעפטיגטע | דער פּראָצ. פון די לוין־ארבייטער צו די אינדוסטר. בעשעפטיגטע | דער פּראָצ. פון די לאנדווירטש. בעשעפטיגטע צו אלע בעשעפטיגטע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **די פלעמישע פּראָווינצען:** | | | | | | | | |
| אַנטווערפּען . . | 356860 | 141014 | 115852 | 80814 | 395 | 325 | 823 | 227 |
| בּראַבאַנט . . . | 583692 | 226328 | 189351 | 112900 | 388 | 324 | 836 | 193 |
| מערב־פלאַנדרען | 386463 | 169939 | 134119 | 109871 | 439 | 347 | 788 | 284 |
| מזרח־פלאַנדרען | 499112 | 209571 | 171705 | 158616 | 419 | 345 | 819 | 318 |
| לימבּורג . . . | 95566 | 22215 | 13471 | 43456 | 232 | 135 | 590 | 455 |
| **די פראַנצויזישע פּראָווינצען:** | | | | | | | | |
| ענאַ . . . . | 328604 | 307431 | 263843 | 80254 | 581 | 489 | 859 | 152 |
| ליעזש . . . | 385088 | 208404 | 181002 | 42979 | 541 | 470 | 870 | 111 |
| ליוקסעמבּורג . . | 90447 | 24864 | 15979 | 36637 | 274 | 177 | 64 | 405 |
| נאַמיור . . . | 145669 | 62485 | 48268 | 31845 | 429 | 331 | 774 | 211 |
| אין אלע 5 פלעמישע פּראָווינצען צוזאַמען | 1921493 | 769067 | 624498 | 505657 | 400 | 328 | 812 | 263 |
| אין גאַנץ בעלגיען: | 3071301 | 1372251 | 1133590 | 697372 | 446 | 369 | 826 | 227 |
| אין אלע 4 פראַנצויזישע פּראָווינצען צוזאַמען . . . | 1149808 | 603184 | 509092 | 191715 | 524 | 442 | 84[illegible] | 167 |

קוקנדיק אויף די לעצטע עמודים, און הויפּטזעכלאך אויף די אונ־טערשטע דריי שורות, זעען מיר, דאָס הגם גאַנץ בעלגיען איז שטאַרק אינ־דוסטריאַליזירט און אפילו אין די צוויי קלענסטע און אָפּגעשטאַנענסטע פּראָווינצען, לימבורג און ליוקסעמבורג — איז די אגראַר־באַפעלקערונג אויך פיל ווייניקער פון אַ העלפט, דאָך קען מען באַמערקן וועזנטלאַכע אונטער־שיידן צווישן דעם פלעמישן און דעם פראַנצויזישן טייל פון בעלגיען.

אין דעם פלעמישן טייל איז אין דורכשניט דער פּראָצענט פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער באַפעלקערונג אויף 10 (גענוי — 9,6) גרעסער, ווי אינ'ם פראַנ־

צוויזישן טייל; פאַרקערט, דער פּראָצענט פון דער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג איז אינ'ם פלעמישן טייל אויף 12.4 קלענער, ווי אינ'ם פראַנצויזישן טייל, ד. ה. דער פראַנצויזישער טייל איז פיל מער אינדוסטריאַליזירט, ווי דער פלעמישער; דאָס פלעמישע פאָלק איז אַ גוזמא מער באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווי דאָס פראַנצויזישע. אין איינצלנע פּראָווינצן איז דער אונטערשייד נאָך קלערער. נעמען מיר די פלעמישע פּראָווינצן מערב און מזרח־פלאַנדריען מיט 28.4 פּראָצענט און 31.8 פּראָצענט אַגראַר־באַפעלקערונג, און די פראַנצויישע פּראָווינצן ענאָ און ליעזש מיט זייערע 15.2 און 11.1 פּראָצענט. ד. ה. אין די גרעסטע פלעמישע פּראָווינצן, אינ'ם עכטן צענטער פון דער פלעמישער באַפעלקערונג, באַשעפטיקט זיך נאָך כמעט אַ דריטל מיט לאַנדווירטשאַפט; פאַרקערט, אין די גרעסטע פראַנצויזישע פּראָווינצן, אינ'ם צענטער פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, זיינען די לאַנדווירטן פיל ווייניקער פון אַ זעקסט־חלק*). — דאָסזעלבע קענען מיר באַמערקען בנוגע די פּראָצענטן פון די לוין־אַרבעטער, ד. ה. בנוגע דער אינדוסטרעלער פּראָלעטאַריזירונג: אינערהאַלב דער אינדוסטריע אַליין איז דער פּראָצענט פון דער פלעמישער פּראָלעטאַריזירונג אויף 3.2 נידעריקער, ווי די פראַנצויזישע פּראָלעטאַריזירונג, און אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג דריקט זיך אויס די פלעמישע אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריזרונג אין 32.5 פּראָצענט, און די פראַנצויזישע — אין 44.2 פּראָצענט, ד. ה. ביי די פראַנצויזן איז דער באַטרעפנדער פּראָצענט אויף 12 גרעסער. ביי די פראַנצויזן איז דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט שוין כמעט אַ העלפט פונ'ם גאַנצן פאָלק, ביי די פלעמען אָבער נאָך ניט קיין דריטל.

לאָמיר נאָך זעהן דעם פּראָצענט פון די יודעי־ספר אין בעלגיען, פון די, וועלכע קענען לעזן און שרייבן: אין 1900 יאָר איז געווען דער פּראָצענט גראַמאָטנע:

---

*) מען קען אונז איינווענדן, דאָס אַ פראַנצויזישע פּראָווינץ — ליוקסעמבורג — האָט אַ שטאַרקע לאַנדווירטשאַפט. אָבער פון דער טאַבעלע 1 קאָן דער לעזער באַלד אייכזען, דאָס לויט איר באַפעלקערונג איז ליוקסעמבורג די קלענסטע פּראָווינץ פון גאַנץ בעלגיען, און דערפאַר קען זי גאָר ניט באַווייזן: זי איז אין 5 מאָל קלענער פון ענאָ, מזרח־פלאַנדריען אָדער בראַבאַנט, און 15 מאָל קלענער פון זיי אַלע דריי צוזאַמען.

### טאַבעלע V.

| די פלעמישע פּראָווינצן : | | די פראַנצויזישע פּראָווינצן : | |
|---|---|---|---|
| אַנטווערפּן | 68 | | |
| בראַבאַנט | 70 | ענאָ | 68 |
| מערב־פלאַנדריען | 61 | ליעזש | 74 |
| מזרח־פלאַנדריען | 61 | ליוקסעמבורג | 80 |
| לימבורג | 68 | נאַמיור | 79 |

פון וועלכער זייט מיר קומען ניט צו צו דיביידע פעלקער, איבער־צייגן מיר זיך ווידער און ווידער, דאָס די פלעמען זיינען מער אָפּגעשטאַנען, און די פראַנצויזן מער אַנטוויקלט אין אַלע הינזיכטן. אָבער דער גאַנצער אונטערשייד איז דאָך שוין אין 1900 יאָר געוועזן ניט אַזוי גרויס : ווי ניט ווי, דאָך זיינען ביידע פעלקער די אַנטוויקלטסטע אין גאַנץ אייראָפּע (אויסער ענגלאַנד), דאָך שטייען זיי שוין איצט גאַנץ נאָענט איינער צום צווייטן. זיי זיינען כמעט גאַנץ גלייך. דער אונטערשיד צווישן די פלעמען און פראַנצויזן איז נאָך אַ ביסל קלענער, ווי דער אונטערשייד צווישן די טשעכן מיט די דייטשן אין עסטרייך, און אַ גוזמא פיל קלענער, ווי דער אונטערשייד צווישן בעלגיען און דייטשלאַנד אַן ערד.

אויך אין דער צאָל זייערער זיינען ביידע פעלקער כמעט גלייך (אין 1900 יאָר) : אַזוינע, וואָסריידן נאָר פלעמיש, איז אין גאַנץ בעלגיען 2,822,005, און אַזוינע וואָס ריידן נאָר פראַנצויזיש — 2,574,805. די פלעמען זיינען טאַקע אַ מערהייט, נאָר דאָך איז די פראַנצויזישע מינדערהייט כמעט גלייך צו דער מערהייט. בעלגיען באַשטייט פון אַ נאַ־ציאָנאַלער מערהייט און אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. אָבער די עקאָ־נאָמיש שטאַרקערע, די קולטורעל־אַנטוויקל־טערע און דעריבער אויך די פּאָליטיש־הערשנדע נאַציע איז ניט, ווי אומעטום, די מערהייט, נאָר פאַרקערט די מינדער־הייט — די פראַנצויזן.

---

די איצטיקע לאַגע איז אָבער ניט אימער געוועזן אין בעלגיען. מיט 3—4 הונדערט יאָר צוריק, ווען בעלגיען איז געוועזן פאַראייניקט מיט האָלאַנד, האָבן ביידע לענדער צוזאַמען געהייסן נידערלאַנדען ; דאַן איז די הערשנדע נאַציע געוועזן — די האָלענדער, און אַזוי ווי די פלעמען ריידן דיזעלבע שפּראַך, ווי די האָלענדער (איצט עקזיסטירט אַ קליינער אונטערשייד צווישן האָלענדיש און פלעמיש), האָבן די פלעמען אַנגעהערט צו דער הערשנדער נאַציע, און די איצטיקע פראַנצויזישע באַ־פעלקערונג פון בעלגיען, וועלכע רופט זיך אַן וואַלאָנען, איז דאַן געווען אונטערדריקט. אין יענע צייטן איז גראַדע די פלעמישע אינ־דוסטריע געווען די העכסטע און באַרימטסטע אין דער גאַנצער

וועלט; ווען די ענגלענדער האָבן געוואָלט אריינפירן ביי זיך די טעקסטיל־אינדוסטריע, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו די פלעמישע מייסטערס, וועלכע האָבן אויסגעלערנט די ענגלענדער, ווי אַזוי מען דאַרף פירן דיזע אינדוסטריע. דאַמאָלס זיינען די פלעמישע מאָלער, רעמבראַנדט, וואַן־דייק און אַנדערע געווען די גרעסטע אין דער וועלט, און דאָס וואַלאָנישע פאָלק האָט גאָר קיינעם ניט אינטערעסירט; דאָס איז געווען אַ שוואַכס, אַ שטילס, און האַלב־ווילדעס פויערים־פאָלק. פון דער צייט אָבער, ווען דער וועלט־האַנדל פון די נידערלאַנדען איז געפאַלן, ווען די נידערלענדישע האַפנס אמסטערדאַם, ראָטערדאַם, אַנטווערפּן האָבן געמוזט אָפּגעבן די אויבערהאַנט צו די ענגלישע האַפנס, איז די פלעמישע אינדוסטריע געפאַלן צוזאַמען מיט דער האָלענדישער, און אפילו נאָך שנעלער, ווי די האָלענדישע, און די וואַלאָנישע קולטור האָט אָנגעפאַנגען אַלץ מער זיך צו הויבן אין דער הויך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך, וועלכע האָט שטענדיק געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די וואַלאָנען. אינ׳ם משך פון 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך די פלעמען אַלץ שטאַרקער אָפּגעגרענעצט עקאָנאָמיש פון די האָלענדער, און אַלץ מער אונטערגעפאַלן אונטער׳ן איינפלוס פון די וואַלאָנען.

די וואַלאָנישע אַנטוויקלונג איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער פראַנצויזישער, ווייל די וואַלאָנישע שפּראַך איז זייער נאָענט צו דער פראַנצויזישער: דער אונטערשייד איז פיל קלענער, ווי למשל, צווישן רוסיש און אוקראַיניש; דער אונטערשייד פון וואַלאָניש און פראַנצויזיש איז דערזעלבער, אַז ערך, ווי צווישן דעם ליטווישן און פּוילישן אידיש. די יונגע וואַלאָנישע בורזשואַזיע, די הענדלער. די אינדוסטריעלע אונטערנעמער, די אינטעליגענץ האָבן באַקומען זייער עקאָנאָמישע שטיצע, ווי אויך זייער גייסטיקע חיונה פון פראַנקרייך, און דעריבער האָבן זיי פאַרוואָרפן זייער אייגענע, די וואַלאָנישע שפּראַך, און איבערגענומען די פראַנצויזישע. דיזעלבע שפּראַך האָבן זיי פאַרשפּרייט איבער גאַנץ בעלגיען, ווייל זיי זיינען געוואָרן די הענדלער, די אונטערנעמער, די אינטעליגענטן אויך אין די פלעמישע פּראָווינצן, און זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס צווישן די פלעמען. אַזוי האָבן זיך די פלעמען עקאָנאָמיש אָפּגעטיילט פון די האָלענדער. דערצו האָט נאָך מיטגעהאָלפן דער אומשטאַנד, וואָסביידע בעלגישע פעלקער — די פלעמען און די וואַלאָנען, זיינען געבליבן קאַטוילישע לויט זייער גלויבן, בשעת די האָלענדער האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעגעבן דער רעליגיעזער רעפאָרמאַציע. אָבער דיזער אידעאָלאָגישער מאָמענט איז געווען ניט מער ווי אַ צוגאָב צום עקאָנאָמישן: וואָס מער בעלגיען האָט זיך אינדוסטריאַליזירט, און האָלאַנד האָט אַלץ שנעלער פאַרלאָרן איר אַמאָליקע הענדלערישע און קאָלאָניזאַטאָרישע מאַכט, אַלץ שווערער איז געפאַלן דער האָלענדישער דרוק אויף ביידע פעלקער פון בעלגיען — ביז זיי זיינען אין 1830 יאָר, גלייכצייטיק מיט דער פראַנצויזישער יולי־רעוואָלוציע. אויפגעשטאַנען געגן דעם האָלענ־

דישן יאָך און אָראָפּגעוואָרפן אים פון זיך. זייט 1830 יאָר איז בעלגיען אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָט די וואַלאָנישע בורזשואַזיע געהאַט די אויבערהאַנט, און די פלעמען זיינען געווען פול־שטענדיק אונטער דער וואַלאָנישער העגעמאָניע. אויף אַזאַ אופן האָט די וואַלאָנישע בורזשואַזיע פאַרשטאַרקט איר פריער ערוואָרבענעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן איינפלוס דורך דער פּאָליטישער הערשאַפט. די פראַנצויזישע שפּראַך איז געוואָרן די רעגירונגס־שפּראַך, זי האָט באַהערשט די שולן, די ליטעראַטור, דאָס געריכט, דאָס גאַנצע עפנטלעכע לעבן. דאָס רוב באַאַמטע זיינען געווען פון וואַלאָנען. און ווען אַ פלעמער האָט שוין אַפילו יאָ געקאָנט דערגרייכן צו אַן אַדמיניסטראַטיווער שטעלע, האָט ער אויך געמוזט קענען פראַנצויזיש.

לאַנג האָט דאָס אָבער ניט געקאָנט דויערן. דאַן זיינען די הערשנדע וואַלאָנען געווען נאָך אַ פיל קלענערע מינדערהייט, ווי איצט. אין 1900 יאָר זיינען די פלעמען געווען מיט 3½ פּראָצענט מער, ווי די פראַנצויזן, אין 1866 יאָר (דעם ערשטן יאָר, ווען די בעלגישע סטאַטיסטיק האָט אָנ־געהויבן ציילן די שפּראַכן) זיינען די פלעמען געווען נאָך מיט 7½ פּראָצענט מער פאַר די פראַנצויזן, און אין 1830 יאָר איז דער אונטערשייד אין צאָל געווען, אָן שום ספק, נאָך גרעסער און נאָך מער לטובה פון דער פלעמישער מערהייט. וואָס מער די פלעמען האָבן זיך אינדוסטריעל אַנט־וויקלט, אַלץ שווערער איז זיי אויסגעקומען איבערצוטראָגן די פראַנצויזישע הערשאַפט. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ צווישן די פלעמען מיט די פראַנצויזן, די פלעמישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו פאַרכאַפּן אונטער איר איינפלוס דעם פלעמישן מאַרק, אַרויסצושלעפּן די פלעמישע מאַסע פאַרברויכער און קויפער פון אונטער דער וואַלאָנישער בורזשואַזיע — עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַר־קער קאַמף איבער דער ש פּ ר אַ ך. די פלעמען האָבן געפאָדערט, זייער שפּראַך זאָל אַנערקענט ווערן פון דער רעגירונג און זי זאָל זיין גלייכ־באַרעכטיקט מיט דער פראַנצויזישער. עס איז געקומען, נאָך אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, דערצו, דאָס די פראַנצויזן האָבן געמוזט נאָכגעבן, און אין 1873 און 1878 יאָר האָבן די פלעמען אויסגעקעמפט אַ גאַנצע רייע גינסטיקע געזעצן. זייער שפּראַך איז איצט אַנערקענט געוואָרן פאַר גלייכבאַרעכטיקט: די באַאַמטע און ריכטער מוזן א ו מ ע ט ו ם קענען פלעמיש און פראַנ־צויזיש, יעדער בירגער מעגריידן אין אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן אויף ביידע שפּראַכן (זאָגאַר נאָך אויף דייטש), אַלע געזעצן, פאַראָרדנונגען און ד. גל. ווערען פאַרעפנטליכט אין ביידע שפּראַכן, און די פלעמען האָבן אייגענע פאָלקס־שולן, וואו די למודים ווערן געפירט אין פלעמיש. — איצט זיינען נאָך געבליבן אייניקע קלענערע שטרייט־פּונקטן, נאָר אין זיי איז שוין די בורזשואַזיע ניט באַזונדערס שטאַרק פאַראינטערעסירט, און מען קען זאָגן, דאָס דער נאַציאָנאַלער גערודער האָט זיך שוין איינגעשטילט

אין בעלגיעז.

דעם קלאָרסטן סימן דערפון קאָן מען זען דעריז, וואָס דער אָר־גאַניזירטער ארבעטער־קלאַס האָט אין בעלגיען קיין מאָל ניט געוואוסט פון אַ שטארקער נאַציאָנאַל־פראַגע. די בעלגישע ארבעטער־פאַרטיי האָט זיך אָרגאַניזירט אינ׳ם משך צייט פון 1879 ביז 1885 יאָר, ד. ה. שוין נאָך דעם, ווי די פלעמען האָבן באַקומען דאָס וויכטיקסטע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

די פלעמען האָבן געפאָדערט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטי־קונג, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. פאַרוואָס? — ביי אונז, אידן, האָט מען זיך איינגערעדט, דאָס די אויטאָנאָמיע איז דער עיקר: לאָמיר זען, צי דאָס איז אַזוי אין בעלגיען. דאָ עקזיסטירט ניט קיין שפּור פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין דעם זין, דאָס אַ גאַנץ פאָלק זאָל צונויפשטעלן אַן אויטאָנאָמען פאַרבאַנד: אָבער אין בעלגיען איז תמיד געווען ברייט אַוועקגעשטעלט די אָרטיקע אויטאָנאָמיע, די טעריטאָריאַלע, — אַזוי ברייט, דאָס די אָרטיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט שטענדיק געשטעלט פעסטע גרענעצן פאַר די צענטראַליסטישע טענ־דענצן פון דער קעניגלאַכער רעגירונג. אין די פלעמישע געגנטן, וואו די פלעמען זיינען אין אַ גרויסער מערהייט, זיינען זיי די בעל־בתים איבער דער אָרטיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, און קאָנען אויף אַזא אופן אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן אויטאָנאָם באַפרידיקן זייערע נאַציאָנאַלע באַ־דערפנישן; דאָסזעלבע מיט די וואַלאָנען אין די וואַלאָנישע געגנטן. וויילביידע פעלקער זיינען ניט עקסטעריטאָריאַל, נאָר פאַרקערט, יעדער פון זיי באַזעצט באַזונדערע געביטן, דעריבער איז פאַר זיי אַבסאָלוט ניט נויטיק די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. אויף אַזא אופן זעען מיר, דאָס אַ נאַציאָנאַלער קאַמף צווישן צוויי פעלקער האָט זיך איינ־געשטילט אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטי־קונג און ברייטער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַטונג*.

אָבער כדי צו באַגרינדן די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פון נאַציאָנאַלער, און ניט טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער, טענה׳ט מען, דאָס די נאַציעס ווערן מיט׳ן גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אומפאַרמיידלאַך אַלץ מער צונויפגעמישט, אַזוי, אַז אויף איין און דער זעלבער טעריטאָריע מוזן וואָס ווייטער וואוינען אַלץ מער נאַציעס צוזאַמען. ווען דאָס וואָלט זיין ריכטיק בנוגע אַלע פעלקער און אין אַלע באַדינגונגען, וואָלט דאָס געווים דינען אַלס גענוגנדער באַווייז פאַר דער אַבסאָ־לוטער נויטיקייט פון נאַציאָנאַלער, און ניט נאָר טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער. אויב עס איז אָבער גאָר ניט ריכטיק,

*) צווישן אָרטיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע איז דער אונטערשייד ניט אַזוי אין אינהאַלט ווי אין דער פאַרשפּרייטונג; אויב מיר האָבן צו טאָן מיט אַ גרויסן געביט מיט מיליאָנען איינוואוינער, רופט מען דאָס טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע.

דאָס איז דער טבע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט ליגט, די נאַציעס זאָלן זיך פאַרמישן, אָדער, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, דאָס די גלייכ־באַרעכטיקונג איז די והותר, כּדי די צונויפגעמישטע פעלקער זאָלן קומען גאָר צו אַן אַנדער פּועל־יוצא, איידער מען שטעלט זיך פאָר בכלל, דאַן איז די פראַגע ניט אַזוי איינפאַך, דאַן מוזן מיר פּילייכט קומען גאָר צו אַנדערע פאַלגן.

לאָמיר אַלזאָ זען, ווי אַזוי האָבן זיך אַנטוויקלט די פּאַקטישע שפּראַכן־פאַרהעלטנישן אין בעלגיען פאַר דער לעצטער צייט. די בעלגישע סטאַ־טיסטיק האָט ערשט פון 1866 יאָר אָנגעהויבן באַרעכענען די שפּראַכן, און דעריבער וועלן מיר פאַרגלייכן די ציפערן פון 1866 יאָר מיט די ציפערן פון 1900 יאָר. אַזוי ווי אין די פּראָווינצן ליוקסעמבורג און נאַמיור זיינען גאָר ווייניק פלעמען, ווייניקער פון 1 פּראָצענט (אין ליוקסעמבורק קומט אויס 1 פלעמער אויף 330 איינוואוינער, און אין נאַמיור — 1 פלעמער אויף 167 איינוואוינער), וועלן מיר דיזעביידע פּראָווינצן ניט אָנגעבן אין די ווייטערדיקע טאַבעלן.*)

אין 1866 יאָר האָט זיך די בעלגישע באַפעלקערונג געטיילט לויט די שפּראַכן אויפ׳ן פאָלגענדן אופן. (די צאָלן וועלכע זיינען ווייניקער פון 1000, האָבן מיר אַרויסגעוואָרפן):

ס׳פאַרשטייט זיך, דאָס די לעצטע קאַטעגאָריע — וועלכע קענען ריידן אי פראַנצויזיש, אי דייטש, אי פלעמיש, געהערן שוין דאָס רוב צו די הויכגעבילדעטע, וועלכע האָבן ספּעציעל געלערנט די שפּראַכן, — און דאָס האָט ווייניק שייכות צו דער נאַציאָנאַל־פראַגע. דאָך וועלן מיר נאָך דאַרפן האָבן אויך די דאָזיקע קאַטעגאָריע.

מיר גייען איבער צום 1900 יאָר.

אַזוי ווי אין 1900 יאָר האָט די בעלגישע סטאַטיסטיק נאָך אויס־גערעכנט די צאָלן בנוגע דעם ערוואַקסענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, אינ׳ם עלטער פון 15 יאָר און העכער, האָט זי באַקומען העכסט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, אָן וועלכע עס וואָלט זיין גאָר שווער צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער פראַגע, — מיר ברענגען נאָך איין

---

*) אין 1866 יאָר האָט מען אין בעלגיען צוגערעכנט אפילו די קינדער, וואָס זיינען אַלט ווייניקער פון 2 יאָר (און אויך די שטומע) צו דער שפּראַך פון זייערע עלטערן אָדער פאָרמונדן (אַפּיעקונעס). אין 1900 יאָר האָט מען אַזוינע קינ־דער און שטומע צוגערעכנט צו די, וועלכע ריידן נאָך קיין שפּראַך ניט. דעריבער קומט אויס אַ ביסל ניט גענוי די פאַרגלייכונג פון די ציפערן, נאָר דער טעות איז שטענדיק ניט גרעסער פון אַ צוואַנציקסטן חלק פון יעדער איינצלנער ציפער, ווייל אַזוינע קינדער איז אין בעלגיע ווייניקער ווי 5 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. — מיר האָבן געפּרוּווט נאָר אויסמיידן דעם טעות און אויסרעכענען גענויערע ציפערן; אָבער די בעלגישע סטאַטיסטיק איז דערצו ווייניק צוגעפּאַסט, און מיר האָבן געמוזט וואַרפן אין מיטן דיזע אומפּרוכטבאַרע און שווערע אַרבעט.

## טאַבעלע VI.

| פּראָווינצן | | אַזעלכע וואָס רעדן נור פראַנצויזיש | אַזעלכע וואָס רעדן נור פלעמיש | אַזעלכע וואָס רעדן נור דייטש | אַזעלכע וואָס רעדן פראַנצויזיש און פלעמיש | אַזעלכע וואָס רעדן פראַנצויזיש און דייטש | אַזעלכע וואָס רעדן פלעמיש און דייטש | אַזעלכע וואָס רעדן אַלע דריי שפּראַכן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| די פלעמישע פּראָווינצן | אַנטווערפּען | 3887 | 430403 | — | 28592 | — | — | — |
| | מזרח־פלאַנדריען | 7837 | 744251 | — | 51819 | — | — | — |
| | מערב־פלאַנדריען | 27559 | 564840 | — | 48677 | — | — | — |
| | לימבורג | 8734 | 173282 | — | 12476 | — | — | — |
| | בראַבאַנט | 216098 | 456175 | 1933 | 130722 | 2084 | — | 2092 |
| פראַנצויזישע פּראָווינצן | ליעזש | 499103 | 21490 | 10793 | 16338 | 7793 | — | — |
| | נאַמור | 810260 | 15476 | — | 17566 | — | — | — |
| גאַנץ בעלגיען | | 2041784 | 2406491 | 35356 | 308361 | 20448 | 1625 | 4966 |

טאַבעלע אין אַבסאָלוטע ציפערן און דאַן וועלן מיר שוין אַריבערגיין צו די פאַרגלייכונגען. סך־הכל איז געווען אין בעלגיען אין 1900 יאָר 4,571,045 דערוואַקסענע, עלטער פון 15 יאָר; לויט דער שפּראַך האָבן זיך די דערוואַקסענע געטיילט אויף פאָלגענדן אופן:

*) די נײַנטע טאַבעלע גיט אָן די פּראָצענטועלע פאַרהעלטנישן. — מיר חזר'ן איבער, אַז דאָס גרויסע רוב פּראָצענטן האָבן מיר אַליין געמוזט אויסרעכענען, און אויב אַפילו די בעלגישע אָפיציעלע סטאַטיסטיק האָט אויסגערעכנט די פּראָצענטן (נאָר פאַר גאַנץ בעלגיען), זיינען אויך אירע רעכענונגען ניט גענוי און אַמאָל אַנטהאַלטן זיי אויך גרייזן. דעריבער מוזן מיר געבן דעם לעזער אַזוי פיל ציפערן, כדי ער זאָל קענען אַליין זען, צי מיר האָבן ריכטיק באַקומען די פּראָצענטן, וועלכע זיינען נויטיק צו די פאַרגלייכונגען. — אין דיזער נײַנטער טאַבעלע שטעלט פאַר יעדער איינצלנער ווערטיקאַלער עמוד פון ציפערן אַ גאַנצע איינהייט, פאַר אַ גאַנץ יאָר; דעריבער איז די סומע פון יעדן איינצלנעם ווערטיקאַלן עמוד גלייך צו 100 פּראָצענט.

# טאַבעלע VII.

יאָר 1900.

| | פראָווינץ | אזוינע וואָס רעדן נור פראנצויזיש | אזוינע וואָס רעדן נור פלעמיש | אזוינע וואָס רעדן נור דייטש | אזוינע וואָס רעדן פראנצויזיש און פלעמיש | אזוינע וואָס רעדן פראנצויזיש און דייטש | אזוינע וואָס רעדן פלעמיש און דייטש | אזוינע וואָס רעדן אלע דריי שפּראַכן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| די פלעמישע פראָווינצן | אַנטווערפּען | 10035 | 630224 | 3675 | 104041 | 1798 | 3581 | 13024 |
| | מזרח־פלאַנדריען | 8164 | 843142 | — | 116638 | — | — | 3840 |
| | מערב־פלאַנדריען | 26982 | 605575 | — | 123121 | — | — | 2189 |
| | לימבורג | 8306 | 187340 | — | 23306 | — | — | 1316 |
| | בראַבאַנט | 305150 | 524030 | 3008 | 336847 | 10011 | 1818 | 16411 |
| פראנצויזישע פראָווינצן | ליעזש | 683060 | 15872 | 9863 | 46237 | 27694 | — | 4162 |
| | נאַמור | 1033959 | 15231 | — | 40828 | 2259 | — | — |
| | גאַנץ בעלגיען | 2574805 | 2822005 | 28314 | 801587 | 66497 | 7238 | 42889 |

פון דער טאַבעלע 9 זעען מיר, דאָס פאַר די לעצטע 34 יאָר, פון 1866 ביז 1900, איז אין אַלע פלעמישע פראָווינצן אָדער געוואַקסן די צאָל נאָר פראנצויזיש שפּרעכנדע, אָדער זי איז געבליבן די זעלבע. געוואַקסן איז זי, אגב, ניט שטאַרק. אין אַנטווערפּן איז זי געקאָסן פון 0.9 פּראָצענט ביז 1.2 פּראָצענט ביי אַלעמען און 1.5 פּראָצענט ביי די דערוואַקסענע. אָבער אין די איבעריקע פלעמישע פּראָווינצן איז די צאָל נאָר־פראַנצויזיש־שפּרעכנדע געבליבן די זעלבע; אין מערב־פלאַנדריען און אין לימבורג איז זי אַפילו אַביסל פאַרקלענערט געוואָרן. נאָר, פאַרשטייט זיך, פון אַזוינע קליינע פאַרענדערונגען, וועלכע דריקן זיך אויס פאַר 40 יאָר אין צענטע חלקים פון אַ פּראָצענט, קען מען גאָר ניט אַרויספירן. מיר האָבן דאָס פאַלקאָמע רעכט צו זאָגן, דאָס אין די פלעמישע פּראָווינצן איז די צאָל נאָר־פראַנצויזיש־שפּרעכנדע געבליבן פאַרהעלטניסמעסיק די זעלבע.

עטוואָס גאַנץ אַנדערעס באַמערקן מיר ביי די פלעמען. די

## טאַבעלע VIII.

### 1900 יאָר.

| פּראָווינץ | אזוינע וואָס רעדן ניר פראנצויזיש | אזוינע וואָס רעדן נור פלעמיש | אזוינע וואָס רעדן נור דייטש | אזוינע וואָס רעדן פראנצויזיש און פלעמיש | אזוינע וואָס רעדן פראנצויזיש און דייטש | אזוינע וואָס רעדן פלעמיש און דייטש | אזוינע וואָס רעדן אלע דריי שפראכן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אנטווערפּען . . . . . . . . . | 8239 | 414730 | 3114 | 90090 | 1559 | 2990 | 11936 |
| מזרח־פלאַנדריען . . . . . . . . | 5915 | 572413 | — | 99875 | — | — | 3623 |
| מערב־פלאַנדריען . . . . . . . . | 18242 | 405115 | — | 104269 | — | — | 2080 |
| לימבורג . . . . . . . . . . | 6202 | 122292 | — | 26280 | — | — | 1265 |
| בראַבאַנט . . . . . . . . . . | 230328 | 338222 | 2571 | 274803 | 8950 | 1588 | 15219 |
| ליעזש . . . . . . . . . . . | 493049 | 10881 | 6700 | 39787 | 23674 | — | 3949 |
| נאַמוּר . . . . . . . . . . . | 763863 | 10480 | — | 34311 | 2022 | — | — |
| גאַנץ בעלגיען . . . . . . . . | 1896003 | 1874722 | 18385 | 673554 | 57279 | 6251 | 39870 |

צאָל נאָר־פלעמיש־שפּרעכנדע האָט זיך גראָדע אין די פלעמישע פּראָווינצן פאַר 36 יאָר שטאַרק פאַרקלענערט: אין אנטווערפּען איז די דאָזיקע צאָל געפאַלן פון 92.3 פּראָצענט ביז 76.8 פּראָצענט, — ד. ה. אויף 15½ פּראָצענט; אין מזרח־פלאַנדריען איז די צאָל נאָר־פלעמיש־שפּרעכנדע געפאַלן אויף 10½ פּראָצענט; אין מערב־פלאַנדריען אויף 13 פּראָצענט; אין לימבורג אויף 11 פּראָצענט, און אין בראַבאַנט — אויף 17 פּראָצענט.

דאָרט וואו כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג באַשטייט פון פלעמען, פאַרשווינדט

### באַמערקונגען צו טאַבעלע 9.

אין דער צאָל פון די ניט־שפּרעכנדע אויף די דריי שפּראַכן זיינען אין 1866 יאָר אריין נאָר די שטומע און די אויסלענדער, אין 1900 אָבער אויך די קינדער, וועלכע זיינען נאָך ניט אַלט קיין צוויי יאָר.

כדי אויסצורעכענען די פּראָצענטן פאַר גאַנץ בעלגיען, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן די ניט־שפּרעכנדע (ד. ה. אויך די קינדער אינגער פון צוויי יאָר); אזוינע ניט־שפּרעכנדע זיינען דאָן געוועזן אין בעלגיען 350,263; דאָס האָבן מיר געטאָן צוליב דעם, עס זאָל זיין לייכטער צו פאַרגלייכן מיט די פּראָצענטן פון 1866 יאָר.

דערוואַקסענע הייסן יענע, וועלכע זיינען עלטער פון 15 יאָר.

# טאַבעללע IX.[8]

די אומענדערונגען אין די בעלגישע שפּראַך-פערהעלטניסען אינ'ם משך צייט פון 1866 יאָהר ביז'ן 1900 יאָהר.

| די פערטהיילונג פון דער בעפעלקערונג לויט די שפּראַכען. | אַנטווערפּען 1866 יאָהר | אַנטווערפּען 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | אַנטווערפּען 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג[11] | מזרח-פלאַנדריען 1866 יאָהר | מזרח-פלאַנדריען 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | מזרח-פלאַנדריען 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג | מערב-פלאַנדריען 1866 יאָהר | מערב-פלאַנדריען 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | מערב-פלאַנדריען 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג | לימבורג 1866 יאָהר | לימבורג 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | לימבורג 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג | בראַבאַנט 1866 יאָהר | בראַבאַנט 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | בראַבאַנט 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג | גאַנץ בעלגיען[10] 1866 יאָהר | גאַנץ בעלגיען 1900 יאָהר אַלע איינוואָהנער | גאַנץ בעלגיען 1900 יאָהר ערוואַקסענע בעפעלקערונג |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| איינוואָהנער וועלכע רעדען נור פראַנצויזיש . | 0,9 | 1,2 | 1,5 | 0,9 | 0,8 | 0,9 | 4,0 | 3,3 | 3,4 | 4,6 | 3,3 | 4,0 | 26,5 | 24,0 | 26,4 | 42,3 | 38,2 | 41,5 |
| " " " נור פלעמיש . . | 92,3 | 76,8 | 77,7 | 92,3 | 81,8 | 83,8 | 88,0 | 75,3 | 76,4 | 88,7 | 77,9 | 77,9 | 56,0 | 41,5 | 38,7 | 49,8 | 41,8 | 41,0 |
| " " " נור דייטש . . | 0,1 | 0,4 | 0,6 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,1 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,1 | 0,2 | 0,2 | 0,3 | 0,7 | 0,4 | 0,4 |
| " " " פראַנצ. און פלעמיש | 6,0 | 12,7 | 16,9 | 6,4 | 11,3 | 14,6 | 7,5 | 15,4 | 19,7 | 6,1 | 12,0 | 16,7 | 15,9 | 26,7 | 31,5 | 6,4 | 11,9 | 14,7 |
| " " " פראַנצויזיש און דייטש | 0,1 | 0,2 | 0,3 | 0,0 | 0,0 | 0,1 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,1 | 0,0 | 0,1 | 0,2 | 0,7 | 1,0 | 0'4 | 1,0 | 1,3 |
| " " " פלעמיש און דייטש | 0,2 | 0,4 | 0,6 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,0 | 0,1 | 0,0 | 0,3 | 0,1 | 0,1 | 0,2 | 0,0 | 0,1 | 0,1 |
| " " " אַלע דריי שפּראַכען | 0,1 | 1,6 | 2,2 | 0,1 | 0,4 | 0,5 | 0,1 | 0,2 | 0,4 | 0,1 | 0,4 | 0,8 | 0,2 | 1,3 | 1,7 | 0,1 | 0,6 | 0,9 |
| " " " ניט קיין איינע פון דיזע דריי שפּראַכען[9] | 0,3 | 6,7 | 0,2 | 0,3 | 5,7 | 0,1 | 0,3 | 5,8 | 0,1 | 0,3 | 6,4 | 0,1 | 0,9 | 5,5 | 0,2 | 0,3 | 6,0 | 0,1 |
| צוזאַמען | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

ערגעץ אַט דער פאָלק — עס פאַרשווינדט לאַנגזאַם, אויף איין פּראָצענט אין דריי יאָר, נאָר זיי פאַרשווינדן דאָך. אויב ס'זאָל אַזוי דויערן נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר, וועט אינגאַנצן אומקומען פון דער וועלט די פלעמישע נאַציע. דאָס גייט אָבער נאָר די ערשטע צייט אַזוי לאַנגזאַם; וואָס ווייטער, לויפט דער פאַרשווינדונגס־פּראָצעס אַלץ שנעלער, — אין וואָס דער לעזער וועט זיך איבערצייגן צום סוף פון דעם אַרטיקל.

וואוהין פאַרשווינדן אָבער די פלעמען? לאָמיר זען די פערטע האָריזאָנטאַלע שורה פון די פּראָצענטן, יענע, וועלכע ריידן פלעמיש און פראַנצויזיש. זייער צאָל איז אומעטום פאַר די 34 יאָר שטאַרק געשטיגן. אין בראַבאַנט האָט זיך דיזע קאַטעגאָריע פאַרדאָפּלט, אין לימבורג אין ביידע פלאַנדריען איז זי געוואָרן 2½ מאָל גרעסער, און אין אַנטווערפּען כמעט דריי מאָל גרעסער, ווי זי איז געווען 34 יאָר צוריק. אָט וואוהין עס פאַרשווינדן די פלעמען: זיי לערנען זיך אויס ריידן פראַנצויזיש.

מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז די פלעמען זיינען אַ מערהייט אין בעלגיען. לאָמיר אַ קוק טאָן, צי זיי וועלן שטענדיק בלייבן אַ מערהייט? אפשר זיינען זיי שוין איצט, אין תוך אריין גענומען, ניט קיין מערהייט? כדי דאָס צו דערגיין, וועלן מיר אביסל פאַרענדערן אונזער טאַבעלע; מיר וועלן זען, וויפיל פּראָצענט ריידן איבערהויפּט פלעמיש — ד. ה. מיר וועלן נעמען ניט נאָר יענע, וועלכע ריידן נאָר־פלעמיש; ניין, מיר וועלן צו זיי צוגעבן יענע, וועלכע ריידן, חוץ פלעמיש, אויך אין אַנדער שפּראַך. דאָס זעלבע וועלן מיר טאָן מיט די פראַנצויזן: צו יענע, וועלכע ריידן נאָר־פראַנצויזיש, וועלן מיר צוגעבן יענע, וועלכע ריידן, חוץ פראַנצויזיש, אויך אין אַנדער שפּראַך.

פּרואוון מיר דאָס טאָן בנוגע צו מזרח־פלאַנדריען; דער לעזער קאָן דאָס מאַכן גאַנץ לייכט, אַראָפּשרייבנדיק פון דער 11טער טאַבעלע די אַנטשפּרעכנדע ציפערן און דערנאָך צונויפלייגנדיק זיי.

אין מזרח־פלאַנדריען האָבן גערעדט אין 1866 יאָר:

| פלעמיש: | | פראַנצויזיש: | |
|---|---|---|---|
| נאָר־פלעמיש | 92.3% | נאָר פראַנצויזיש | 0.9% |
| פלעמיש און פראַנצויזיש | 6.4 " | פראַנצויזיש און פלעמיש | 6.4 " |
| פלעמיש און דייטש | 0.0 " | פראַנצויזיש און דייטש | 0.0 " |
| אַלע דריי שפּראַכן | 0.1 " | אַלע דריי שפּראַכן | 0.1 " |
| סך הכל פלעמיש | 98.8% | סך הכל פראַנצויזיש | 7.4% |

אין מזרח־פלאַנדריען האָבן גערעדט אין 1900 יאָר:

| פלעמיש: | | פראַנצויזיש: | |
|---|---|---|---|
| נאָר פלעמיש | 81.8% | נאָר־פראַנצויזיש | 1.8% |
| פלעמיש און פראַנצויזיש | 11.3 " | פראַנצויזיש און פלעמיש | 11.3 " |
| פלעמיש און דייטש | 0.0 " | פראַנצויזיש און דייטש | 0.0 " |
| אַלע דריי שפּראַכן | 0.4 " | אַלע דריי שפּראַכן | 0.4 " |
| ס"ה האָבן גערעדט פלעמיש | 93.5% | ס"ה האָבן גערעדט פראַנצ. | 12.5% |

אין מזרח־פלאַנדריען האָבן פון 100 דערוואַקסענע גערעדט אין 1900 יאָר:

| פלעמיש: | | פראַנצויזיש: | |
|---|---|---|---|
| נאָר־פלעמיש | 83.8% | נאָר־פראַנצויזיש | 0.9% |
| פלעמיש און פראַנצויזיש | 14.6 " | פראַנצויזיש און פלעמיש | 14.6 " |
| פלעמיש און דייטש | 0.0 " | פראַנצויזיש און דייטש | 0.1 " |
| אַלע דריי שפּראַכן | 0.5 " | אַלע דריי שפּראַכן | 0.5 " |
| סך־הכל ריידען פלעמיש | 98,9% | סך־הכל ריידן פראַנצויזיש | 16,1% |

פאָלגאַך וועלן מיר אָנרופן „נאָר־פלעמיש־שפּרעכנדע" יענע, וועלכע ריידן קיין אַנדער שפּראַך ניט, אויסער פלעמיש, און איינפאַך „פלעמיש־שפּרעכנדע" יענע, וועלכע ריידן איבערהויפּט פלעמיש, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי ריידן נאָך אַ וועלכע עס איז אַנדער שפּראַך, צי ניט. דערפון איז קלאָר, אַז „פלעמיש־שפּרעכנדע" איז תמיד מ ע ר, ווי „נאָר־פלעמיש־שפּרעכנדע", ווייל די לעצטע זיינען נאָר אַ ט י י ל פון די ערשטע. — דאָסזעלבע מכח „פראַנצויזיש־שפּרעכנדע" און „נאָר־פראַנצויזיש־שפּרעכנדע" — ווייל די לעצטע זיינען נאָר אַ טייל פון די ערשטע.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, דאָס אין מזרח־פלאַנדריען זיינען אין 1866 יאָר די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע געווען אין 13 מאָל ווייניקער, ווי די פלעמיש־שפּרעכנדע, און אין 34 יאָר אַרום זיינען זיי שוין געווען סך הכל אין 7½ מאָל ווייניקער, ווי די פלעמיש־שפּרעכנדע; אויב מיר נעמען אָבער די דערוואַקסענע, זעען מיר, דאָס צווישן זיי זיינען די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע שוין נאָר אין 6 מאָל ווייניקער, ווי די פלעמיש־שפּרעכנדע.

לויט דעם זעלבן שטייגער, ווי דער לעזער האָט צוזאַמען מיט אונז אויסגערעכנט די פאַרהעלטנישן פאַר מזרח־פלאַנדריען, קאָן ער אויך אויס־רעכענען די פאַרהעלטניסן פאַר די איבעריקע פלעמישע פּראָווינצן. דאַן וועט ער זען, דאָס אויב אין אַנטווערפּען זיינען די פלעמיש־שפּרעכנדע געווען אין 1866 יאָר אין 14 מאָל מער, ווי די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע, זיינען שוין אין 1900 יאָר געווען די פלעמיש־שפּרעכנדע נאָר אין 6 מאָל מער, ווי די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע. אין מערב־פלאַנדריען זיינען די

פּלעמיש־שפּרעכנדע געווען אין 1866 יאָר נאָך אין 9 מאָל, אין 1900 יאָר שוין נאָר אין 5 מאָל, און ביי די דערוואַקסענע שוין נאָר אין 4 מאָל צאָל־רייכער, ווי די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע; און דאָס זעלבע אויך אין לימבורג און אין בראַבאַנט. זעען מיר, אַלזאָ, דאָס ביי די דערוואַקסענע פּלעמער גייט דער פאַרשווינדונגס־פּראָצעס נאָך שנעלער, ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג.

און דאָס איז ניט שווער צו באַגרייפן: קינדווייז זיצט אַ קליינער פּלעמער ביי זיך אין דער היים, און רעדט נאָך פּלעמיש; ווען ער הויבט זיך אָבער אָן צו לערנען, פאַרשטייען אַליין זיינע עלטערן, אַז מען דאַרף אים אויך לערנען יענע שפּראַך, וועלכע איז די שפּראַך פון דעם קולטורעלסטן און אַנטוויקלטסטן עלעמענט אין דעם לאַנד — די שפּראַך פון די וואַלאָנען, און מיר זעען, אַז די דערוואַקסענע פּלעמער פאַרלירן נאָך שנעלער זייער שפּראַך, אָדער זיי ערלערנען נאָך מער די פראַנצויזישע שפּראַך.

די פּלעמער אַסימילירן זיך מיט די פראַנצויזן, און די דערוואַקסענע פּלעמער אַסימילירן זיך נאָך מער, ווי די קינדער.

איצט וועלן מיר זיך ווענדן צו גאַנץ בעלגיען, און דורכמאַכן מיט אירע פּראָצענטן די זעלבע פּראָצעדור, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, אַלס ביישפּיל, מיט מזרח־פּלאַנדריען. אין גאַנץ בעלגיען זיינען געווען אין 1866 יאָר 49.2 פּראָצענט פראַנצויזיש־שפּרעכנדע און 55.3 פּראָצענט פּלעמיש־שפּרעכנדע; צום 1900 יאָר האָט זיך שוין די צאָל פון די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע פאַרגרעסערט ביז 51.7 פּראָצענט, און די צאָל פון די פּלעמיש־שפּרעכנדע האָט זיך פאַרקלענערט ביז 54.4 פּראָצענט; דאָך בלייבט די פּלעמישע באַפעלקערונג אַ מערהייט.

איצט נעמען מיר די דערוואַקסענע באַפעלקערונג. צווישן די דערוואַקסענע זיינען די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע אין 1900 יאָר געווען 58.4 פּראָצענט, און די פּלעמיש־שפּרעכנדע זיינען שוין געווען סך־הכל 56.7 פּראָצענט, ד. ה. שוין אויף 1.7 פּראָצענט ווייניקער, ווי די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע.

ד. ה. אין דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַריינגערעכנט אַהער אויך די קינדער, שאַפן נאָך די פּלעמיש־שפּרעכנדע אַ מערהייט; אָבער צווישן דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג זיינען זיי שוין געוואָרן אַ מינדערהייט.

דאָס באַווייזט אָם בולט׳סטן, ווי ווייט עס איז פאַרגאַנגען דער פּראָצעס פון דער אַסימילאַציע. און וואָס ווייטער גייט ער אַלץ שנעלער. אַזוי, נעמען מיר די צאָלנאָר־פּלעמיש־שפּרעכנ־

ד ע  אין גאַנץ בעלגיען פאַר עטלאַכע יאָר: *)

פון 100 איינוואוינער אין בעלגיען האָבן גערעדט נאָר־פלעמיש:

| | |
|---|---|
| אין 1866 יאָר | 49.8 פראָצענט |
| אין 1880 " | 47.5 " |
| אין 1890 " | 45.2 " |
| אין 1900 " | 41.8 " |

דאָס הייסט: פון 1866 יאָר ביז 1880 יאָר, אין אַ משך פון 14 יאָר, זיינען פון די פלעמען אָפּגעפאַלן (פאַרהעלטניסמעסיק) 2.3 פראָצענט; פון 1880 ביז 1890 יאָר — אין אַ משך פון 10 יאָר, אויך 2.3 פראָצענט (די זעלבע צאָל, ווי פריער אין אַ משך פון 14 יאָר); און אין'ם משך פון 10 יאָר פון 1890 ביז 1900 יאָר זיינען שוין אָפּגעפאַלן פון די פלעמען (פאַרהעלטניסמעסיק) גאַנצע 3.4 פראָצענט. יעדע ווייטערדיקע 10 יאָר פאַלט אָפּ אַלץ מער, און דעריבער האָבן מיר פריער געזאָגט, דאָס די אַסימילירונג פון די פלעמער וועט זיך אַנטוויקלען פיל שנעלער, ווי עס קאָן זיך אויסווייזן אין פלוג.**)

די פלעמישע  מ ע ר ה י י ט  אַסימילירט זיך  מ י ט  דער וואַלאָנישער  מ י נ ד ע ר ה י י ט , און גראַדע דאָרט, וואו די פלעמען שטעלן פאַר גאָר אַ גרויסע מערהייט, אין די פלעמישע פראָווינצן. אויב דער לעזער וועט זיך געבן אַ טרחה אויסצורעכענען די פראָצענטן פאַר די וואַלאָנישע פראָווינצן לויט די אַבסאָלוטע ציפערן, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעגעבן (אין די טאַבעלן 6—8), וועט ער זיך קענען לייכט איבערצייגן, דאָס אין די וואַלאָנישע פראָווינצן זיינען די פראַנצויזיש־שפּרעכנדע אַ גרויסע  מ ע ר ה י י ט ,  זיי זיינען געווען אַ מערהייט און בלייבן די זעלבע מערהייט, ווי פריער. עמיץ קאָן מיינען, דאָס די פלעמען לערנען זיך אויס ריידן פראַנצויזיש ניט דערפאַר, ווייל זיי אַסימילירן זיך, נאָר דערפאַר, ווייל פראַנצויזיש איז איבערהויפּט אַ קולטורעלע וועלט־שפּראַך, וועלכע מען לערנט ניט נאָר אין בעלגיען, נאָר זאָגאָר אויך אין רוסלאַנד אָדער אין יאַפּאַן. ער דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, דאָס די פראָצענטן וועלכע מיר האָבן געבראַכט, באַווייזן. אַז די פלעמישע  פ אָ ל ק ס־מ אַ ס ן  הויבן אָן צו ריידן פראַנצויזיש.

---

*) די ווייטערדיקע ציפערן נעמען מיר גלייך פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. מיר האָבן לכתחילה געזען צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון די דאָזיקע ציפערן.

**) יעדער פּראָצעס, וועלכער האָט נאָר אַ צוקונפט, גייט אַזוי — פון אָנפאַנג לאַנגזאַם, און דאַן אַלץ שנעלער און שנעלער. דאָס זעלבע וועט זיין, צום ביישפּיל מיט דער אידישער אייַנוואַנדערונג נאָך פאַלעסטינע: פריער איז זי, אין די 80־ער און 90־ער יאָרן געגאַנגען לאַנגזאַם, אין 1905-1906 פיל שנעלער, דאַן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, און איצט הויבט זיך ווידער אָן נאָך אַ שטאַרקערע אידן־אייַנוואַנדערונג אין פאַלעסטינע.

ווען די פּלעמישע נאַציאָנאַליסטן האָבן געקעמפט פאַר די רעכט פון דער פּלעמישער שפּראַך, האָבן זיי געהאָפט, דאָס די גלייכבאַרעכטיקונג וועט ברענגען צו דער נ א צ י א נ א ל ע ר אויפלעבונג, צו דעם, אַז די נאַציאָנאַלע קולטור זאָל זיך פאַרשטאַרקן ביי די פּלעמען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, דאָס אַן אָפּגעשטאַנענערעס פאָלק קאָן פאַרהיטן זיין קולטור נאָר כּל זמן עס איז אונטערדריקט, אַז אויב עס באַקומט אמת'ע גלייכבאַרעכטיקונג הויבט עס אָן זיך צו אַסימילירן מיט דער אַנטוויקלטערער באַפעלקערונג.

מיר רעזיומירן אונזערע באַטראַכטונגען. אין בעלגיען האָבן זיך אַרויס־געוויזן פאָלגענדע נאַציאָנאַלע באַציאונגען:

1) די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג האָט ניט נאָר ניט פאַר־פעסטיקט די שוואַכערע נאַציע אין איר אָפּגעזונדערטקייט, נאָר פאַרקערט, זי האָט געבראַכט צום פאַרשווינדן פון דער נאַציע, צו דעם, זי זאָל זיך אַסימילירן מיט דעם שטאַרקערן פאָלק.

2) די פאַרמישונג פון די נאַציעס האָט געפירט מיט'ן גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג ניט צו נאַציאָנאַלער באַזונדערהייט און אויטאָנאָמיע, נאָר דורך גלייכבאַרעכטיקונג צו דער אַסימילאַציע.

3) דאָס איז מעגלאַך נאָר דערפאַר, ווייל צווישןביידע פעלקער איז ניטאָ קיין שטאַרקער עקאָנאָמישער אונטערשייד, ווייל ביידע פעלקער האָבן זיך עקאָנאָמיש נ אָ ר מ א ל אַנטוויקלט; ביי אַן אומנאָרמאַלער נאַציע וואָלט אַזאַ אַסימילאַציע געווען אוממעגלאַך.

4) ווען אין איין לאַנד טרעפן זיך אַן אָפּגעשטאַנענערע, מער לאַנד־ווירטשאַפטלאַכע נאַציע מיט אַ מער פאַרטגעשריטענער, מער אינדוסטריאַ־ליזירטער, הויבט זיך אָן אַ קאַמף, וועלכער ברענגט דערנאָך צו גלייכ־באַרעכטיקונג און דורך דעם צו נאַציאָנאַלער א ס י מ י ל א צ י ע.

דאָסזעלבע, קאָנען מיר האָפן, וועט פאָרקומען מיט דער צייט אויך אין עסטרייך, אין רוסלאַנד, אין טערקיי בכלל און אין פּאַלעסטינע בפרט.

וואָס אַנבאַלאַנגט אונזער פּראָגראַם, ווערט אונז קלאָר, דאָס ניט אַלע מאָל איז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דער עיקר; דאָס ברייטע אַרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג זיינען גענוג, צו באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען פון אַן אונטערדריקטן פאָלק, אויב דער דאָזיקער פאָלק איז נאָר אָפּגעשטאַנען אין זיין עקאָ־נאָמישער סטרוקטור, אָבער ער ליידט ניט פון קיין ספּעציפישע אַנאָמאַליען אין דער הינזיכט. דאָס איז וויכטיק צו האָבן אין זינען, אומעטום, סיי ווען מיר ריידן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד, סיי ווען מיר ריידן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין עסטרייך, צי אין טערקיי.

ספּעציעל אָבער מכח אונזערע אויפגאַבן אין פּאַלעסטינע, קומען מיר צו דער איבערצייגונג. דאָס א ו י ב איבעראַל וועלן זיך אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אַזוי ווי אין בעלגיען, מוז דאָסזעלבע אויך פאָר־קומען אין פּאַלעסטינע, ד. ה. דאָרט וועט זיך אויך אַ מעהר אָפּגעשטאַנענע,

מער לאַנדווירטשאַפטלאַכע נאַציאָנאַלע מערהייט  אַ ס י מ י ל י ר ן  מיט אַ מער אַנטוויקלטער, מער אינדוסטריאַליזירטער נאַציאָנאַלער מינדערהייט: די אַראַבער וועלן זיך אַסימילירן מיט די אידן. דערפון איז קלאָר, דאָס אַ ו י ב אומעטום הערשן די זעלבע אַנטוויקלונגס־געזעצן, ווי אין בעלגיען, איז פאַר אונז, טעריטאָריאַליסטן, גאָר ניט נויטיק, אידן זאָלן אין פאַלעס־טינע באַלד פון אָנפאַנג שאַפן אַ מערהייט: זיי דאַרפן דאָרט פאַרנעמען די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, און אויב די אידן וועלן אַפילו ניט זיין קיין מערהייט אין פאַלעסטינע, אויב זיי וועלן אַפילו ניט אַריבער־גיין גלייך און איינפאַך צו דער לאַנדווירטשאַפט, באַדייטעט עס דאָך ניט קיין סכנה פאַר דער אידישער באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, — ביי איין באַדינגונג: אידן זאָלן ניט פאַרבלייבן אויך אין פאַלעסטינע ביי זייער געוויינלאַכער לופט־ווירטשאַפט.

דאָס איז אַלץ געזאָגט אויף דעם פאַל, אַ ו י ב אומעטום הערשן די־זעלבע אַנטוויקלונגס־טענדענצן, ווי אין בעלגיען. אָבער אין דער דאָזיקער פראַגע איז שוין דאָ ניט קיין אָרט אַריינצוגיין. צו דער פראַגע וועלן מיר זיך אומקערן אַן אַנדערש מאָל.

# די רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע און דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס

## 1. אין וואָס באַשטייט די עמיגראַציאָנס־רעגולירונג?

וואָס הייסט רעגולירן די עמיגראַציע? — אַלע אָנערקענען, אַז די עמיגראַציע איז אַ „סטיכייאישער פּראָצעס“; דיזער אויסדרוק האָט אָבער צוויי באַדייטונגען, וועלכע ערגענצן איינע די צווייטע. ערשטנס, הייסט דאָס, אַז דער עמיגרירנדער עלעמענט שטעלט זיך ניט קיין ווייטן צוועק, וואָס זאָל באַהערשן זיין באַוואוסטזיין און זיינע באַוועגונגען. צווייטנס, אָבער, הייסט דאָס, אַז די עמיגראַציע פאָלגט ניט אין איר גאַנג קיין שום פּלאַן אָדער סיסטעם, אַז זי גייט כאַאָטיש און פאַרשווענדט דערביי אַ גוזמא מענטשלאַכע קרעפטן, זי קאָסט פיל איבעריקע טרערן און בלוט. רעגולירן די עמיגראַציע הייסט אַלזאָ — צוגעבן איר דעם צוועק און דעם פּלאַן, וועלכע פעלן איר. מיט אַנדערע ווערטער באַדייט אויך די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע צוויי זאַכן, וועלכע ערגענצן איינע די צווייטע. ערשטנס, ווען מען רעגולירט די עמיגראַציע, קאָן מען דערביי שטרעבן צו שטעלן פאַר איר אַ געוויסן צוועק, אַפּווענדן זי פון אירע וועגן, אויף וועלכע זי גייט ביז אַהער, און ריכטן זי אין נייע לענדער. דאָס הייסט אָבער ניט מער און ניט ווייניקער, ווי פאַרוואַנדלען די עמיגראַציע אין קאָלאָניזאַציע, אויסנוצן דעם פליסנדן מענטשלאַכן מאַטע־ריאַל צוליב קאָלאָניזירן נייע לענדער. צווייטנס, אָבער, קען עס הייסן, אַז מען שטעלט זיך ניט קיינע ווייטערע אויפגאַבן, ווי נאָר פאַרשפּאָרן יענע יסורים און אומגליקן, וועלכע די עמיגראַציע מאַכט אָן מחמת איר כאַאָטישן כאַראַקטער.

### וואָס הייסט רעגולירן די אידישע עמיגראַציע?

וואָס אַנבאַלאַנגט אונז אידן, רעדט מען ביי אונז וועגן רעגולירן די עמיגראַציע הויפּטזעכלאַך אין׳ם צווייטן זין. עס איז טאַקע גאַנץ קלאָר, אַז דערווייל קען מען ביי אונז נאָר ווייניק טראַכטן וועגן אַזאַ רעגולירונג פון דער עמיגראַציע, וועלכע זאָל באַשטיין אין קאָלאָניזירן נייע לענדער. וויל מען רעגולירן די וואַנדערונג, מיינט מען דערמיט באַהערשן דעם גאַנצן עמיגראַציאָנס־שטראָם, פאַרענטפערן אַ גרויס פאָלקס־פּראָ־בלעם, היילן טיפע פאָלקס־וואונדן, ברענגען הילף דער ברייטער וואַנדערונגס־מאַסע. קאָלאָניזירן די גאַנצע עמיגרירנדע מאַסע איז אָבער בכלל אומ־

מעגלאַך, איבערהויפּט פאָדערט עס אומגעהויערע קאַפּיטאַלן און אויס־געצייכנטע מענטשלאַכע קרעפטן, וואָס פעלן אויך ביי אַנדערע זעלבסט־שטענדיקע מעכטיקע אומות און בפרט נאָך ביי אידן. נאַטירלאַך פאָדערט יענער מין רעגולירונג וועלן מען זוכט נאָר ברייננגען *אוממיטלבאַרע הילף די עמיגראַנטן*. פיל וויניקער קרעפטען, גייסטיקע און מאַטעריעלע, איידער קאָלאָניזאַציע, וואַרים קאָלאָניזירן הייסט ביי אַזאַ שטאַטישן פאָלק ווי אידן, ניט נאָר אָפּקירעווען די אידישע עמיגראַנטן אין אַנדערע לענדער, נאָר אויך אָפּוועגדן זיי צו גאָר אַנדערע נייע אומגעוויינט־לאַכע באַשעפטיקונגען און פּרנסות. קאָלאָניזירן הייסט געבן די מעגלאַכ־קייט אַ גרויסן טייל פון דעם אידישן פאָלק אַריבערגיין צו לאַנדווירט־שאַפט און באַזעצן זיך געדיכט אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע. ס׳איז לייכט פאַרשטענדלאַך, אַז אַזאַ אויפגאַבע, ריכטיקער געזאָגט אַזאַ איבער־קערעניש — אין די יסודות פון אידישען לעבען, פאָדערט אַ לאַנגע צייט, גאַנצע דורות מוזן אַרבעטן אויף דעם, ביז די קאָלאָניזאַציע זאָל ברענגען צו אַ געוויסן תכלית. ס׳איז אויך בכלל נאָך אַ האַרבע שאלה, צי קען מען באַוואוסטזיניק און פּלאַנמעסיק פּילעס דערגרייכן אויף דעם קאָלאָניזאַ־ציאָנס־געביט, און בפרט נאָך ביי אידן. דאָס איז אָבער גאָר אַ זייטיקע קשיא, אונז אינטערעסירט אַצינד אַנ׳אַנדער זייט פון דער פראַגע, און דאָס איז דער פאַקט, אַז ווען מען רעט ביי אונז *מכח רעגולירען די עמיגראַציע*, מיינט מען דערמיט *קודם כל די אָרגאַניזירונג פון דירעקטער הילף פאַר די עמיגרירנדע מאַסן*. וועגן קאָלאָניזאַציע קען מען אויך דערביי טראַכטן, לכל הפּחות פאַר אַ ווייטערע צוקונפט, בשום אופן ניט גלייך אָנפאַנגען פון קאָלאָניזאַציע.

### וואָס גיט די עמיגראַציע דעם אידישן פאָלק?

רעגולירנדיק די אידישע וואַנדערונג אויף אירע איצטיקע וועגן, וועלכע זי גייט פון זיך זעלבסט, טראַגט מען אריין אויך געוויסע שנויים אין דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער עמיגרירנדער מאַסע, אָבער אַלנפאַלס נאָר אַזוינע שנוים, וועלכע הענגען אָפּ פון דער עמיגראַציע זעלבסט, און ניט פון אונזערע באַוואוסטזיניקע צוועקן. אַליין די עמיגראַציע שטעלט מיט זיך אויך פאָר, ווען ניט אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש, איז דאָך אַ טי־פע פאַרענדערונג אין די באַשעפטיקונגען און אין די פּרנסות פון די אידישע מאַסן; טיילוויז גייען זיי אַריבער אויף די נייע פּלעצער אין די העכ־ערע פאָרמען פון די זעלביקע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַשעפטיקט אויף די ערטער פון זייער פריערדיקער וואוינונג, די קליי־ניקע דאַרינקע מלאכות פון רוסישן תחום המשב, פון גאַליציען און פון רומעניען ווערן אין אַמעריקע פאַרביטן אויף ריזיקע קאַפּיטאַליסטישע אונ־טערנעמונגען מיט הונדערטער און טויזנטער אַרבייטער, מיט די פאָלקאָמ־סטע טעכנישע פאַרבעסערונגען, וואָס זיינען נאָר מעגלאַך אין די אידישע

פאכן, — אין שניידעריי, שוסטעריי און סטאליער־פאך, אין דער טאבאק אינדוסטריע. די עמיגראציע גיט אלזא די מעגלאכקייט א געוויסן, גאנץ גרויסן טייל פון דער אידישער באפעלקערונג צו שטייגן אויף א העכערער מדרגה ניט פארענדערנדיק די עצם באשעפטיקונגען אירע, אנ'אנדערן קלע־נערן טייל עפנט זי אויך דעם וועג צום איבערגאנג אין די פעסטערע און אויסזיכטס־רייכערע צווייגן פון דער פראדוקציאן: אזוי, צום ביישפיל, באקומען אידישע עמיגראנטן געוויסערמאסן א צוטריט צו לאנדווירטשאפט אין אמעריקע, צו בערגבוי אין ענגלאנד, א. ד. גל. און ווען אפילו די עמי־גראציע פארענדערט ניט די יסודות פון דער אידישער עקאנאמיק — דאס רוב פארבלייבן דאך אונזערע עמיגראנטן ביי זייערע שטענדיקע פרנסות, ביי האנדווערק און האנדל. — דאך ווערט דורך די עמיגראציע באפרידיגט א וויכטיקער טייל פון דער אידישער נויט. מענטשן, וואס האבן פארלארן דעם באדן אין די אלטע לענדער, באקומען א נייעם באדן פאר זיך און דאדורך באפרייט די עמיגראציע יענע אידישע מאסן, וואס בלייבן אויף די ערטער, פון איבעריקער קאנקורענץ און איבעריקער דחקות.

אלזא, איז די עמיגראציע א מעכטיקער פארטשריט־פאקטאר אין דעם אידישן לעבן. זי ווירקט ניט רעוואלוציאנער, זי שטעלט מיט זיך ניט פאר קיין מהפכה אין ווירטשאפטלאכער הינזיכט, אבער א פראגרעס אלנפאלס. מיר האבן דאס רעכט ספקן, צי וועלן די פארבעסערונגען, וועל־כע די וואנדערונג ברענגט מיט זיך, האבן א גרויסע ממשות פאר די וויי־טערדיקע צוקונפט. מיר מעגן מיינען, אז די עמיגראציע גיט ניט קיין צופרידנשטעלנדיקע לעזונג, פאר דעם אידישן ווירטשאפטס־און ארבעטס־פראבלעם; מיר קענען זיין איבערציגט, אז דער באדן וועלכן די אידישע וואנדערער ערווערבן זיך, זאגן מיר, אין אמעריקע, איז ניט קיין פעסטער און סוף כל סוף וועלן אויך אונזערע אמעריקאנער ברידער מוזן אנהויבן טראכטן מכח נייע ערטער פאר זיך, ווייל זייערע אויסזיכטן אין אמעריקע וועלן אויסגעשעפט ווערן. יעדנפאלס אבער דערווייל איז די עמיגראציע א וואלטאט פאר דעם אידישן פאלק. די עמיגראציע ראטעוועט א געוויסן טייל אידישע מאסן פון הונגער, דחקות און אימה, און עפנט פאר זיי ברייטערע לעבנס־מעגלאכקייטן. עס איז זייער וויכטיק צו האבן אין זינען דעם דאזיקן צווייענדיקן כאראקטער פון דער אידישער עמיגראציע — וואס זי איז ערשטנס, ניט קיין ראדיקאלע, **נאר א פאליאטי־ווע פארענטפערונג פון דער אידישער ארבעטס־פראגע**, און צווייטנס, וואס זי שטעלט מיט זיך דאך **פאר א געוויסן באפרייענדן ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע.**

### צוויי עקסטרעמען אינ'ם פארשטיין די אידישע עמיגראציע. — דער אוטאפיסטישער קוק אויף איר.

אט דיזער **רעאליסטישער** קוק אויף דעם אידישן עמי־גראציאנס־פראבלעם אונטערשיידט אונז פון די צוויי אנטקעגנגעזעצטע

אנשויאונגען, וואס הערשן ביי געוויסע שטרעמונגען אינ'ם אידנטום, פון דעם אוטאפיסטישן און פון דעם פילאנטראפישן סוק אויף די וואנדערונג. צו די אוטאפיסטן געהערן א גרויסער טייל טעריטאריאליסטן, און צווישן זיי קודם כל די ס. ס. פילע טעריטאריאליסטן מיינען, אז די עמיגראציע איז דער איינציקער אנטוויקלונגס־פאקטאר אין דעם אידישן לעבן, אז זי טראגט אין זיך גופא די טעריטאריאליסטישע צוקונפט פון דעם אידישן פאלק, און אז דורך דער עמיגראציע און נאר דורך איר ווערן געלייזט אלע פראגן, וואס מאטערן און פייניקן אונזערע מאסן. כל זמן די טעריטאריאליסטן פארבלייבן ביי אזעלכע באהויפטונגען בנוגע די ווייטע צוקונפט, קען מען זיי נאך אין געפערלאכן אוטאפיזם ניט באשולדיקן, אבער ווען זיי טראגן אריבער דעם זעלביקן קוק אויף די קעגנווארט, באלד ווי זיי שטרעבן צו קאנצענטרירן די גאנצע פאלקס־ענערגיע אויף די פראגן פון עמיגראציע, באלד ווי זיי פרידיקן דעם אינדיפערענטיזם צו אלע לעבעדיקע אינטערעסן פון די לענדער וואו אידן וואוינען, ווערט זייער אוטאפיזם איינזייטיק און בפרוש שעדלאך. ביי אזא מין טעריטאריאליסט שטארבט אפ יעדעס געפיל צו דעם, וואס קומט פאר אין די לענדער וואו אידן לעבן, אים אינטערעסירט נאר די עמיגראציע, ווייל זי, די עמיגראציע, איז די איינציקע רעטערין פון פאלק. זיי מאלן זיך ניט אויס קיין אנדערע ארגאניזאציע פון די פאלקס־מאסן, ווי נאר אזא, וואס דינט צוליב דער עמיגראציע. דער גאנצער מח זייערער איז באהערשט און דער האריזאנט פארדעקט דורך דאס קאלאסאלע וואנדערונגס־פראבלעם. דערפון מוזן דירעקט ליידן אלע אנדערע פאלקס־באדערפענישן אין אידנטום, וועלכע ליגן אויסערהאלב דעם קרייז פון עמיגראציאנס־פראצעסן. דערפון מוז ליידן אליין די עמיגראציע, ווייל מען באהאנדלט זי איינזייטיק און מען לייגט די אויפמערקזאמקייט נאר אויף יענער זייט אירער, וועלכע טראגט אין זיך די ראדיקאלע פערספעקטיוון. עס מוז פארלאזט ווערן דער גרויסער רוב פון די וואנדערונגס־מעגלאכקייטן, וואס זאגן ניט צו אזוי גיך אזא ראדיקאלע לייזונג. דער מחבר פון דיזע שורות איז אליין א ציוניסט, אויך, הייסט דאס, א טעריטאריאליסט, און באטראכט די עמיגראציע אלס די באפרייאונג־ברענגענדע קראפט אין דער אידישער צוקונפט. אבער ניט די עמיגראציע אין איר גאנצן, נאר א געוויסן צווייג פון איר, ניט דעם גאנצן וואנדערונגס־שטראם, נאר א געוויסע כוואליע אין אים, און דאס אויך ניט סתם, נאר ביי געוויסע באדינגונגען, וועלכע ליגן אויסערהאלב פונ'ם עמיגראציאנס־פראצעס. דער גרויסער קערפער פון דער אידישער וואנדערנדער מאסע בלייבט דערווייל נאך לחלוטין אומבארירט פון דיזער ציוניסטיש־קאלאניזאטארישער פערספעקטיוו, ער וועט זיך נאך לאנג גיין מיט זיין וועג, ער פאדערט א באזונדערע ארגאניזירונג און קראפט אנשטרענגונג, כדי איר צו רעגולירן און פלאנמעסיק אויסנוצן. דער מחבר געהערט צו יענער שטרעמונג אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע שטרעבט צו פארענטפערן אלע נויטן

פון דעם אידישן פאָלק, אָרגאַניזירן אים אומעטום, וואו עס וואוינט, און פאַר־פעסטיקן זיין פּאָזיציע אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

### דער פילאַנטראָפּישער קוק אויף די אידישע עמיגראַציע

ווי די ערשטע ריכטונג, די אוטאָפּיסטישע, איבערטרייבט שרעקלאַך די באַדייטונג פון דער עמיגראַציע פאַר דעם אידישן לעבן און איגנאָרירט דאָס אַלעס וואָס האָט ניט קיין שייכות צו איר, אַזוי שטאַרק איבערטרייבט אויך די צווייטע ריכטונג, וועלכע זעט ניט איין אין דער עמיגראַציע קיין שום פאַקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער צוקונפט, און סטאַרעט זיך צו פאַרקלענערן ווי ווייט מעגלאַך איר ראָלע. די עמיגראַציע, טענה'ט מען, איז נאָר אַ קליינקייט. זי באַרירט ניט דאָס פאָלק, נאָר איינצלנע יחידים, און רעגולירן די עמיגראַציע הייסט ניט טאָן אַ גרויסע פאָלקס־אַרבעט, פאַרבאַרייטן אַ ליכטיקערע צוקונפט פאַר דעם פאָלק נאָר פאַרקערט, דאָס הייסט נאָר העלפן די איינצלנע מענטשן, עטוואָס לייכטער מאַכן זייער טרויעריקן שיקזאַל. שטייענדיק אויף אַזאַ פילאַנטראָפּישן שטאַנדפּונקט, האָט מען פּשוט מורא צו ריידן וועגן וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע אָר־גאַניזאַציעס און נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון אין דער עמיגראַציאָנס־רעג־לירונג. מען ציטערט פאַר יעדער שפור פון באַגייסטערונג און אידעאַליזם אין אָט דער אַרבעט. אינטערעסאַנט איז אַנצואווייזן, אַז צו דיזער פילאַנ־טראָפּישער ריכטונג געהערן ניט נאָר די מערב־אייראָפּעאישע אידישע פילאַנטראָפּן, קאַפּיטאַליסטן, ניט נאָר די בורזשואַזיע פון מזרח, נאָר אויך — אייניקע בונדאַוועס, אייניקע פון יענע מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר די הייסעסטע פאָלקס־קעמפער, וועלכע געהערן צום בעסטן דעמאָקראַטישן יחוס. אַזוי זאָגט ה. וו. מ., אַז „די עמיגראַציע איז אַ פאָלקס־צרה"*) און דעריבער מוז מען דאָ איילן און העלפן.

די עמיגראַציע איז אַ פאָלקס־צרה... אַ מערב אייראָפּייאישער פילאַנ־טראָפּ האַלט אויך אין איין קלאָגן זיך אַז די עמיגראַציע איז אַ צרה. די נפקא מינה פון גביר צום בונדיסטישן טאַלייראַן באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס פאַר דעם צווייטן איז דאָס אַ פאָלקס־צרה, בעת פאַר דעם ערשטן איז דאָס גלאַט אַ צרה, פון וועלכער ער קען ניט פּטור ווערן. גלייך ווי דער בעל צדקה, אַזוי איז אויך דער בונדיסט אומפּייאיק איינצוזען אין דער עמיגראַציע אַ וואָלטאַט, אַ רעטונג פאַר אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק. גלייך מיט די גבירים ואדירים ציטערט ער ממש, מען זאָל חלילה ניט מאַכן קיין צו גרויסן רעש אַרום דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, מען זאָל

*) „אָטקל ב." נומ. 4, ז. 8. דאָסזעלבע מיט די זעלביגע ווערטער, זאָגט אויך אַרויס ה. וו. מעדעם אין „יעוו. אָב." נומ. 8. — נאַטירלאַך האָלטן זיך ניט אַלע געזינונגס־געגאָסן פון ה. וו. מעדעם פאַר די זעלבע מיינונג: אַזוי שטייט ה. פּ. ליבמאַן („צייטפראַגן" נומ. 2.) אויף אַנ'אַנדער שטאַנדפּונקט, וועל־כער איז פיל נענטער צו אונזערן.

ניט אַנטדעקן אין איר קיין ווייטגייענדיקע אויסזיכטן פאַר'ן אידנטום. ער פאַרשטייט ניט, אַז די עמיגראַציע איז אַ דירעקטער היפוך פון אַ צרה, אַז זי איז אַ היילונג, אַ רפואה פאַר די פאָלקס־צרות, זאָל זיין אַ סטי־כישע רפואה, וועלכע קאָסט אָפטמאָל אויך צו טייער און פאָדערט אַמאָל מער אָפּפער איידער ווען זי וואָלט געווען פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירט און ־עגולירט. ווען אַ פילאַנטראָפּ, זאָל זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פילאַנ־טראָפּ, טרעט צו, צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, וויל ער אויסגעפינען אַ רפואה קעגן אַ חלאת, ווייל ער קוקט אויף די עמיגראַציע, ווי אויף אַ קרענק. ווען מיר טרעטן צו צו דער עמיגראַציאָנס פראַגע, ווילן מיר אויס־נוצן וואָס בעסער, וואָס ברייטער, די וואויל־ברענגענדיקע ברכה, וואָס איז טיילווייז געגעבן געוואָרן אין דער עמיגראַציע. מיר ווילן די רפואה קרעפטיקער, דערפאָלגרייכער מאַכן. מיר ווילן ניט איבערטרייבן די היילנדיקע ווירקונג פון דער עמיגראַציע, ווי דאָס טוען די אָפּטימיסטן, מיר זיינען אָבער ווייט פון לייקענען איר אויסלייזנדיקע קראַפט.

וואָס זשע הייסט דאָס איצינד רעגולירן די עמיגראַציע? פאַר דעם ראָמאַנטיקער הייסט דאָס מאַכן די עמיגראַציע פאַר אַ ווערקצייג צו באַפרייען דאָס גאַנצע פאָלק, באַהערשן זי כחומר ביד היוצר, קירעווען זי לויט זיין ווילן און לויט זיינע צוועקן, כדי צו קאָלאָניזירן די עמי־גרירנדע מאַסן אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע. פאַר דעם פילאַנטראָפּישן בעל־צדקה הייסט דאָס, ווי ווייט מעגלאַך צו היילן אַ פאָלקס־קראַנקהייט, און פאַר אונז הייסט דאָס אויסצוגעפינען און אויסצונוצן די יעניקע היילנדע קרעפטן פון דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם, דורך וועלכע ער וועט אָנווערן זיין כאַאָטישן כאַראַקטער און אַרויסווייזן פאַר דעם פאָלק די גאַנצע וואויל־טראָגנדיקע אויסזיכטן, וועלכע ער ברענגט אויך אַליין פון זיך, אויך איצינד, אָן אונזער הילף. מיר ווילן באַוואוסטזיניק מאַכן די עמיגראַ־ציאָנס־כוואַליעס, מיר ווילן זיי באַפרייען פון די שטערונגען, וואָס שטייען איר אויף'ן וועג. פון דער אַנדערער זייט, שטרעבן מיר אויך צו באַ־שרענקען די עמיגראַציע אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי שטאַמט פון אַזוינע אומנאַרמאַלע באַדינגונגען וועלכע וואָלטן קענען אָפּגעשאַפן ווערן דורך אַ געוויסע אָנשטרענגונג און דורך אַ רעגלמעסיקער ווירקונג.

### אינדירעקטע רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע

יענע הינדערנישן און שטערונגען, וועלכע די עמיגראַציע באַגעגנט אויף איר וועג שטאַמען פון צוויי מינים סבות: פון איין זייט זיינען דאָס אומשטענדן וואָס קענען בשום אופן ניט באַאיינפלוסט ווערן דורך וועלכע ניט איז עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק. און צווייטנס, אַזוינע וואָס וואָלטן קע־נען דורך איר יאָ אָפּגעשאַפן אָדער אָפּגעשוואַכט ווערן. צו די ערשטע געהערט קודם כל די פּאָליטישע לאַגע אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, און ספּעציעל דאָס פּאַספּאָרטן־סיסטעם; ווען דיזעס סיסטעם וואָלט אָפּגע־

שאַפן ווערן, וואָלטן די עמיגראַנטן פּטור געוואָרן פון אַ גאַנצער רייע יסורים, זיי וואָלטן קענען פריי פאָרן און וואָלטן ווייניקער ברויכן אויס־געריסן צו ווערן ביים „גנב'ענעו די גרעניץ" פון די הענט פון שווינדלע־רישע „שוואַרצערס" און פון די גרעניץ־באַאַמטע. דאָס פּאַספּאָרט־סיסטעם צאַפּט אויס אַ היפּש ביסל געלט און בלוט ביי אונזערע וואַנדערנדיקע מאַסן. ווייטער געהערט אַהערצו די אימיגראַציאָנס־געזעצגעבונג פון די איינוואַנ־דערונגס־לענדער. אויך אַ סדרה הינדערנישן, וואָס קען ניט באַזייטיקט ווערן דורך קיין שום עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק, ווערט באַשאַפן דורך די אַל־געמיינע אומוויסנקייט פון דעם פאָלק, און דאָס וואָלט געקענט באַזייטיקט ווערן נאָר דורך די גרונטיקע־פאַרשפּרייטונג פון אַלגעמיינער אומ־באַצאָלטער פאָלקס־בילדונג. אין די איינוואַנדערונגס־לענדער שטויסן זיך די עמיגראַנטן אָפט אָן אויף פיינטלאַכע באַציאונג מצד די אָרטיקע אַר־בעטער, וואָס באַיקאָטירן די אויסלענדער און ווילן זיי ניט צולאָזן צו די אָרטיקע אַרבעטער־פאַראייניגן. אין דעם זיינען פיל שולדיק יענע באַדינ־גונגען, וועלכע צווינגען דעם איינוואַנדערער צו ווערן אינ'ם נייעם לאַנד אַ לוין־דריקער און סטרייק־ברעכער: נאָך מער איז אָבער דערין שולדיק די קאָנקורענץ וועלכע הערשט אין אַלגעמיין צווישן אַרבעטער פון איין און דעמזעלבן פאַך; דאָן העכערן די עמיגראַנטן דעם פּרייז פון די דירות דורך דעם, וואָס זיי באַזעצן זיך אין געדיכטע מאַסן אין איינע און די זעלביקע שטעט און קוואַרטאַלן. אויף וויפיל אַמ־די אַלע אומשטענדן שטאַמען פון די אינערלאַכע באַדינגונגען פון דער אידישע וואַנ־דערונג, קען זיך אַ פאַרנינפטיקע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק באַמיען זיי אויסצובעסערן; אָבער אחוץ דעם זיינען דאָ נאָך שולדיק אויך די איינגעבוירענע ניט־אידישע אַרבעטער, דער מאַנגל ביי זיי פון קלאַסן־באַוואוסטזיין און סאָלידאַריטעט־געפיל, און דאָ קען אַלזאָ די עמיגראַ־ציאָנס־פּאָליטיק אַלס אַזעלכע גאָרנישט אויפטאָן. און אַמ־די אַלע הינ־דערנישן קען עטוואָס דערגרייכט ווערן אָדער דורך די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט, אָדער דורך די אַנטוויקלונג פונ'ם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־באַוואוסטזיין, אָדער עס קען בכלל דורך קיינע מיטלען גאָרנישט דערגרייכט ווערן כל זמן עס עקזיסטירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. און דאָס הייסט, אַז ווער עס וויל ווירקלאַך רעגולירן די עמיגראַציע, מוז אויך שטרעבן צו דעם, אַז די געהעריקע אויפמערקזאַמ־קייט זאָל געלייגט ווערן אויף די אַלגעמיינע פּאָליטישע טעטיקייט. קעמ־פענדיק פאַר די דעמאָקראַטישע רעכטס־פאָרמען, אַרבעטנדיק אויף דער דערציאונג פון דעם קלאַסן באַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער, דערגרייכט מען אגב אויך אַ סך אַזוינע דערפאָלגן, וועלכע פירן צו דער **אינדירעקטער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע**. אינדירעקט ווערט די עמיגראַציע רעגולירט דורך דעם, וואָס דער פּאָליטישער פּראָגרעס פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער שוואַכט אָפּ יענע פאַקטאָרן (רעכטלאָזיקייט, פּאָגראָמען א. ד. גל.), וועלכע רופן

אַרויס ביי אידן שוין אַ צו גרויסעם עמיגראַציאָנס־באַדערפעניש; ווייטער שאַפט ער אַפּ אייניקע מכשלים, וואָס שטערן דעם פרייען גאַנג פון דער עמיגראַציע. און דריטנס, דער וואוקס פון דעם קלאַסן־סאָלידאַריטעט ביי די ניט אידישע אַרבעטער ווירקט שוין פיל שוואַכער פיל ווייניקער באַדיי־טענד, אָבער אויך אין דער זעלבער ריכטונג, באַזייטיקנדיק אַ קליינעם טייל שוועריקייטן, וועלכע שטערן די אידישע עמיגראַנטן אין די איינוואַנדע־רונגס־לענדער. מיר אונטערשטרייכן אָט דיזע אינדירעקטע רעגולירונג כדי פון דאָס ניי צו באַטאָנען, אַז די עמיגראַציאָנס־פראַגע טאָר ניט פאַרנעמען די פולע אויפמערקזאַמקייט און די גאַנצע ענערגיע פון פאָלק, אַז אפילו פאַר דער עמיגראַציע אַליין וועט זיין געזינטער, ווען מען וועט אין אַכט נעמען אויך אַלע אַנדערע באַדערפענישן פון דעם גלות־אידנטום און ניט באַשרענקען זיך בלויז מיט איר.

די בירגערלאַכע און נאַציאָנאַלע עמאַנציפּאַציע פונ׳ם אידישן פאָלק איז אַ נויטיקער תנאי פאַר דער ראַציאָנאַלער ליזונג פון דעם עמיגראַ־ציאָנס־פּראָבלעם.

### דירעקטע עמיגראַציאָנס־רעגולירונג

אַ פיל ברייטערן פעלד פון קאָנקרעטע אויפגאַבן, וואָס האָבן חוץ דעם אַ גליכן שייכות צו דער עמיגרירנדער מאַסע, שטעלט מיט זיך פאָר די דירעקטע רעגולירונג פון דער עמיגראַציע. בשעת די אינדירעקטע רעגולירונג קען טיילוויז אויך אונמיטלבאַר היילן יענע וואונדן, וועלכע רופן אַרויס די עמיגראַציע, קען, הייסט דאָס, פאַר־בייטן מיט זיך די עמיגראַציע און זי דורך דעם אויך קלענער מאַכן, קען די דירעקטע רעגולירונג ניט אָפּשוואַכן די עמיגראַציע, ווייל זי היילט בשום אופן ניט יענע אַנאָמאַליען, וואָס רופן אַרויס די עמיגראַציע, און פאַר וועלכע די עמיגראַציע גיט די רפואה. די דירעקטע רעגולירונג שטרעבט איינפאַך צו באַזייטיקן יענע הינדערנישן, וועלכע שטייען אויפ׳ן וועג פון די עמיגראַנטן, און אויב זי וואָלט דערגרייכן איר צוועק, אויב זי וואָלט דיזע שטערונגען אָפּשאַפן, וואָלטן מיר מעגן לאָגיש (אַ פּריאָרי) דער־וואַרטן, אַז די עמיגראַציע זאָל זיך ערשט פאַרגרעסערן, ווייל אונז וואָלט לייכטער ווערן צו עמיגרירן. עס וואָלט געווען ביליגער און באַקוועמער צו פאַרלאָזן די אַלטע היים, און זיכערער וואָלט ווערן די צוקונפט אין די נייע היימען.

און וואָס באַשטייט קאָנקרעט אַזאַ דירעקטע עמיגראַציאָנס־רעגו־לירונג? אום צו פאַרענטפערן דיזע שאלה, מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן, וואָס שטערט דעם עמיגראַנט אין זיין רייזע, ווי אויך איידער דער רייזע און נאָך איר, ווען ער קומט שוין אויף די ערטער. פון וואַנען שטאַמט זיין שוואַכקייט, צוליב וועלכער ער קען ניט בייקומען די פאַרשידענע מכשלים אויף זיין וועג. שוואַך איז דער עמיגראַנט אין פילע הינזיכטן, וועלכע מען קאָן פאַרטיילן אין דריי הויפּט־גרופּן: עס פעלן אים ידיעות מכח די אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען אין די נייע לענדער, ער קען ניט

די שפראך, די געזעצן, די געזעלשאפטלאכע פארהעלטנישן ניט אין יענע לענדער, וואוהין ער פארט, ניט אין יענע, דורך וועלכע אים קומט אויס צו איבערפארן; צווייטנס, פעלט אים א י נ פ ל ו ס, יענע פארליטישע אדער עקאנאמישע מאכט, וועלכע וואלט צווינגען די ארומיקע וועלט צו רעכענען זיך מיט אים און באהאנדלען אים, ווי א מענטשן צו אלעמען גלייך; דריטנס, איז ער ארים, עס פעלן אים מזומנים, ג ע ל ט - מ י ט ל ע ן, וועלכע וואלטן דאך קענען פיל אויסהעלפן אים, ניט קוקנדיק אויף זיין אומוויסנקייט און אנמאכט. און דאס אלעס שטאמט דערפון, וואס דער עמיגראנט איז על פי דרך הטבע איינזאם, פאראיינצלט, מוז אנקומען צו זיינע אייגענע שוואכע קרעפטן און מיטלען, וואס די עמיגראנטן־מאסע שטעלט מיט זיך פאר און קען נאר פארשטעלן א דעזארגאניזירטע טשערעדע, וואו יעדער איינצלנער מוז זארגן וועגן זיך און ציטערן פאר זיך. אויסהעלפן די עמיגראנטן אין אט די אלע הינזיכטן, געבן זיי די פעלנדע קענטנישן, איינפלוס און געלט — צו דעם איז נויטיק א געזעלשאפטלאכע א ר ג א נ י ז א צ י ע, זאל זיין די מלוכה אדער א פרייע פריוואטע איינריכטונג, אבער נאר אן ארגאניזאציע, און בשום אופן ניט יחידים, קען ברענגען די עמיגראנטן די נויטיקע הילף. איינצלנע פערזאנען קענען העכסטנס נעמען אויף זיך די איניציאטיוו צו שאפן אזוינע ארגאניזאציעס.

די ערשטע אויפגאבע פון דער דירעקטער עמיגראציאנס־רעגולירונג איז — געבן דעם עמיגראנט די פעלנדע ידיעות. עס מוזן געגרינדעט ווערן אינפארמאציאנס־ביורא'ס צו געבן דעם עמיגראנט נאך איידער ער פארט אוועק, גענויע און זיכערע אויסקונפטן וועגן די ארבייטס־ און לעבנס־באדינגונגען אין יענע לענדער, וואוהין ער וויל פארן און אין יענע פראדוקציאנס־צווייגן, אין וועלכע ער וויל אריינטרעטן. דער עמיגראנט מוז באקומען די מעגלאכקייט זיך פריי און באוואוסטזיניק אויסקלייבן דאס לאנד, די שטאט אדער די באשעפטיקונג, זיך אפגעבנדיק א קלארן דין וחשבון אין דעם, וואס אים פאסט אמבעסטן. ווייטער מוזן די אינפארמאציאנס־ביוראס באקאנט מאכן דעם אויסוואנדערער מכח די ביליגסטע מארשרוטן, מכח די הוצאות הדרך, די ביליגסטע אדער באקוועמסטע שיפן און אייזנבאנען, אכסניות א ד. גל., מכח די קאנטראל־סטאנציעס, די מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין די קאנטארן, האפנס און אין די איינוואנדערונגס־שטעט, מכח די רעכטן און פליכטן, וואס די געזעצן גיבן און לייגן ארויף די וואנדערער אין פארשידענע לענדער. אט די ביוראס מוזן געבן זייערע אויסקונפטן גאנץ אומזיסט אדער פאר א קליינעם געצאלט, זיי מוזן אבער געגנוג רייך זיין כדי אויסצוהאלטן אין די ביוראס באצאלטע סעקרעטארן, וועלכע דארפן זיין געניט אין דעם פאך און אפגעבן דער רעגולירונגס־ארבעט די גאנצע צייט און די גאנצע אויפמערקזאמקייט. אויסער די אוממיטלבארע אויסקונפטן אין די אינפארמאציאנסביוראס מוזן די רעגולירונגס־ארגאניזאציעס ארויסגעבן א פעריאדישע אינפארמאציאנס־ליטעראטור, רעגיסטרירן די עמיגראציע, פירן און

פאַרעפנטלאַכן אַ גענויע עמיגראַציאָנס־סטאַטיסטיק. אַזוינע אַנשטאַלטן מוזן אויך געגרינדעט ווערן אין די טראַנס־מיגראַציאָנס־לענדער, איבער וועלכע די עמיגראַנטן פאָרן דורך, און נאָך מער אין די איינוואַנדערונגס־לענדער, ווייל נאָר דאָ, אויפ'ן אָרט, קען מען אַם בעסטן וויסן די אַרבעטס־פאַרהעלטנישן פון יעדן מאָמענט, כדי דער עמיגראַנט זאָל גלייך נאָך זיין אָנקומען קענען געוואָר ווערן, וואו און אויף וועלכע באַדינגונגען ער קען קריגן אַרבעט. די עמיגראַציאָנס אָרגאַניזאַציע מוז גרינדן אומזיסטע און גוטע שפּראַך־קורסן נאָך די בעסטע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, ווי אין די גרעס־סערע שטעט פון די אויס־ און איינוואַנדערונגס־לענדער, אַזוי אויך אויף די שיפן, וואו דער עמיגראַנט, נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעקומען זיין ים־קראַנקייט, האָט אַביסל פרייע צייט בשעת דער רייזע. מיט דיזע קורסן דאַרפן אויך פאַרבונדן זיין לעקציעס איבער די לעבנס־באַדינגונגען פון די נייע לענדער. אויך איז אפשר מעגלאָך, אַז אין די עקזיסטירנדע און ניי־געגרינדעטע פּראָפעסיאָנעלע שולן זאָל דער למוד זיין צוגעפּאַסט אויך געוויסערמאָסן צו די עמיגראַציאָנס־באַדערפענישן, אָבער דאָס איז שווין אפילו טעכניש אַ גאַנץ שווערע זאַך.

די צווייטע אויפגאַבע איז — געבן די עמיגראַנטן יענעם פּאָליטישן און ווירטשאַפטלאַכן איינפלוס, וועלכן זיי באַזיצן אַליין ניט. קודם כל מוז דאָ די עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע באַזאָרגן, אַז די עמיגראַנטן זאָלן קענען לייכטער און ביליק באַקומען די אויסלענדישע פּעסער, אַז די פרויען און קינדער פון די אָוועקפאָרנדיקע זאָלן ניט דאַרפן אויסנעריסן ווערן צוליב אַ פּאַס, עמיגראַנטן, וואָס דאַרפן שטיין צום פּריזיוו, זאָלן באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט (אָדער פון דעם 300 רובל־שטראָף, ווי אידישע זין אין רוסלאַנד). — און פון דער צווייטער זייט זאָלן די איינוואַנדערער זיך לייכטער קענען נאַטוראַליזירן, ד. ה. באַקומען דאָס בירגער־רעכט אין זייער נייעם היים. אויפ'ן וועג פון דעם עמיגראַנט מוזן די רעגולירונגס־אַנשטאַלטן זאָרגן צו באַשיצן אים קעגן די אַלע מעגלאַכע שווינדלען און אומרעכטן, וואָס ער ליידט מצד די שיפס־געזעלשאַפטן און מצד זייערע אַגענטן, וועלכע באַגייען זיך מיט די עמיגראַנטן אויף דעם שענדלאַכסטן אופן. דער עמיגראַנט זאָל ניט אויסגעמוטשעט, ניט דערנידעריקט ווערן אין זיינע מענטשאַלכע געפילן, ווייטער זאָל ער בכלל ניט מוזן אָנקומען צו יענע חברה־לייט, וואָס צאַפּן ביי אים ארויס דאָס ביסל געלט און אָפטמאָל אויך דאָס ביסל בלוט, וואָס ער באַזיצט. דאָסגלייכן מוז מען זיך דערשלאָגן מענטשלאַכע און געזעצלאַכע באַהאַנדלונג פון די עמיגראַנטן דורך די פאַרשיידענע בעאַמטע אין וועג, אויפ'ן אייזנבאַן און אין די שרעקלאַכע (פּרייסישע) קאָנטראָל־סטאַנציעס, אין די קאָנטאָרן ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג, פון די מאַטראָסן אויפ'ן שיף, פון די איינ־וואַנדערונגס־בעאַמטע אין די האַפנס פון די נייע לענדער. מיט אַנדערע ווערטער, עס מוז אָרגאַניזירט ווערן ברייטע יורידישע הילף פאַר די עמי־גראַנטן, ווי נאָך איידער זייער אָפּפאָרן, אַזוי אויך אין וועג און נאָך דעם אָנקומען אין דעם נייעם אָרט. עס מוז איינגעאָרדנט ווערן אויך

ערנסטע מעדיצינישע הילף די עמיגראנטן, באזונדערס קעגן דער ים־קראנק־הייט אויף די שיפן. מ'דארף איינארדנען גרינדלאכע סאניטארע אויפֿזיכט, כדי וואנדערער זאלן פארברענגען דעם וועג אין געזונטע באדינגונגען אויף די שיפן, זיי זאלן קריגן געזונטע שפייז אויף די וואקזאלן פון די אייזנבאנען און אויף די שיפן (פאר פרומע אידן ספעציעל — כשר עסן), זיי זאלן ניט דארפן שלאפן, ווי די הינער, אין שמוציקע דושנע אכסניות און קאיוטן. מען דארף פועל'ן, אז די דאקטוירים, וואס דינען ביי די שיפס־געזעלשאפטן און אונטערזוכן די עמיגראנטן, זאלן זיי דערביי באהאנדלען היגיעניש, זאלן צום ביישפיל, מיט דיזעלבע פינגער, וואס האבן זיך אט ערשט געפארעט אין קראנקע, טראכאמאטישע אויגן, ניט קריכן אומגעוואשענערהייט צו די געזונטע אויגן פון אנדערע פאסאזשירן. און ווען דער עמיגראנט קומט שוין אן אויפ'ן ארט, האבנדיק דורכגעגאנגען די שבע מדורי גהינום פון דעם וועג און פון דער איינוואנדערונגס־אונטערזוכונג מוזן די רעגולירונגס־אנשטאלטן אויסנוצן זייער איינפלוס כדי אויסצומיידן די ארבייטסלאזיקייט פון די עמיגראנטן, זען, זיי זאלן ניט פאלן צו לאסט אויף דער ארטיקער באפעלקערונג אלס בעטלער און אויף די ארטיקע ארבעטערשאפט אלס לוין־דריקער אדער גאר שטרייק־ברעכער. צוליב דעם מוזן די רעגולירונגס־אנשטאלטן אין די איינוואנדערונגס־לענדער באזארגן די ארבעטס־פארמיטלונג, ד. ה. העלפן די עמיגראנטן צו געפינען ארבעט אויף גוטע באדינגונגען; אויך איז צו דעם צוועק זייער ווינשנסווערט, עס זאלן געגרינדעט ווערן איינוואנדערער־הייזער, וואו דער אימיגראנט זאל קענען ביליק אדער אין קרעדיט, אדער גאר אומזיסט פארברענגען די ערשטע צייט, ביז ער ארדנט זיך איין אין דעם נייעם לאנד; אויך האט מען שוין געפּרואווט מיט דערפאלג (צ. ב. אין פאריז האט דאס איינגעארדנט ראטשילד פאר די אידישע עמיגראנטן) צו בויען אזוינע ווערקשטאטן, וואו די עמיגראנטן זאלן גלייך באקומען ארבעט, ביז מען וועט פאר זיי ניט אויסזוכן קיין אנדער שטעלע. דורך דעם קעגען די רעגולירונגס־ארגאניזאציעס אפילו עטוואס געווינען אין הכנסות, ווייל די עמיגראנטן באצאלן מיט ארבעט פאר די דינסטן מצד די אנשטאלטן.

די דריטע אויפגאבע איז — ברענגען דעם עמיגראנט דירעקטע געלט־הילף, נאטירלאך, ניט אויף יענעם שענדלאכן אופן, ווי די אידישע „קאמיטעטן" אין מערב־איירָאפּע זיינען יוצא פאר'ן עמיגראנט מיט א פאר גראשן, וואס מען גיט אים, ער זאל וואס גיכער אוועקפארן און פארשווינדן, נאר אויף קאמערציעלע יסודות. דאס זאל זיין ווירקלאכע און ערלאכע הילף. ה. בעטאלדי האט אין גאנצער סעריע ארטיקלען זייער שיין און קלאר באוויזן, אז אזא מין הילף איז מעגלאך דורכצופירן אין לעבן, אויב מען זאל זיך נאר נעמען, ווי געהעריק, אויסנוצן יענעם געלט־שטראם, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאר די עמיגראציע. ה. בערטאלדי ווייזט נעמלאך אויף, אז דאס זיינען, אייגנטלאך, צוויי געלט־שטראמען:

ערשטנס פירן עמיגראַנטן געלט מיט זיך, מיט דעם דאָזיקן געלט האַלטן זיי אויף די כל־ערליי אַגענטן, די פאַרשידענע קאַנטאָרן, די באַאמטע און די דאָקטוירים פון די שיפס־געזעלשאַפטן, זיי צאָלן אויס מיט דעם געלט די הוצאות הדרך און שיפס־קאַרטן (אויב אפילו ניט אינגאַנצן, ווען די שיפס־קאַרטן ווערן געקויפט אויף אויסצאָלונגען). און דאָך פאַרבלייבט ביי דער עמיגראַנטן־מאַסע נאָך עטוואָס מזומנים ביים אַריינפאָרן אין דאָס נייע לאַנד; צווייטנס, שיקן די עמעגראַנטן, נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אין לאַנד, היפּשע סומען אַהיים צו די קרובים, און ביי אָט־דעם געלט רייבן זיך ווידער פאַרשידענע אַגענטן און גלאַט זייטי־קע גוטע ברידער, וואָס איבערמיטלען דאָס געלט צו די אַדרעסאַטן און לאָזן ביי זיך אַ גרויסן טייל דערפון, אויסנוצנדיק די אומוויסנקייט און די אָנמאַכט פון די עמיגראַנטן און זייערע משפחות.*) אָט דעם דאָפּלטן רוח פון די עמיגראַנטן־געלמער וואָלט מען קענען ביי אַ ראַציאָנאַלער, פאַרנינפטיקער פּאָליטיק אַרויסרייסן פון די שווינדלערישע הענט, און אויף דעם באַדן אַוועקשטעלן אַ צוועקמעסיק סוחר'יש איינגעאָרדנטן פי־נאַנץ־אינסטיטוט. דער דאָזיקער פינאַנץ־אינסטיטוט מוז אַרומנעמען פאָל־גענדע פונקציעס: נעמען אויף זי די פאַרמיטלונג (קאָמיסיע) פון פאַרקויפן שיפס־קאַרטן, און באַנוצנענענדיק זיך מיט אַ קלענערן ריוח, ווי די פּריוואַ־טע קאָמיסיאָנס־קאַנטאָרן; עטוואָס ביליקער פאַרקויפן די שיפס־קאַרטן פאַר די עמיגראַנטן; דערשלאָגן זיך ראַבאַט (ערמעסיקונג) פון אייזנבאַן־בילעטן פאַר אויס־ און איינוואַנדערער; באַזאָרגן ביליקער, באַ־קוועמער און זיכערער די ספּעדיציאָן פון באַגאַזש; גרינדן וועקסלער־שטיב־לאַך צו בייטן געלט פאַר די עמיגראַנטן לויט'ן ריכטיקן קורס, כדי זיי זאָלן ניט פאַרלירן דערביי ווי זיי פאַרלירן לע"ע ביים בייטן; געבן די עמיגראַנטן קליינעם קרעדיט אויף די אָדער יענע צרכים; אַסעקורירן (פאַרסטראַכירן) עמיגראַנטן קעגן פאַרשידענע אומגליקן, וואָס ווערן באַ־דינגט דורך די עמיגראַציע (קעגן שיפסבורך, קעגן באַ'גנב'עט ווערן איז וועג א. ד. גל.), און הויפּטזאַכלאַך קעגן יענעם שרעק, פון וועלכן קיין וואַנדערער איז ניט באַוואָרנט — דאָס איז קעגן דער ניט־אַריינלאָזונג אין לאַנד. ווען יעדער עמיגראַנט זאָל זיך קעגן דעם פאַרזיכערן נאָך פאָר'ן אָפּפאָרן, קען ער, אין פאַל אויב ער ווערט ניט אַריינגעלאָזן און צוריק־געשיקט, באַקומען אַ געוויסע סומע פאַר דער צוריקרייזע, אָדער פאַר די ווייטערדיקע רייזע אין אַנ'אַנדער לאַנד אָדער צוליב אומקערן די הוצאות, וואָס די וואַנדערונג האָט אים אָנגעמאַכט. דאָס וואָלט אויסגעלייזט פילע הונדערטער עמיגראַנטן, וואָס ווערן יעדן יאָר צוריקגעשיקט אַהיים, פון איבעריקע ליידן און דאגות. אויך דעם צווייטן געלט־שטראָם, וואָס פליסט פון די עמיגראַנטן אַהיים צו די קרובים, קען דער פינאַנץ־אינסטיטוט רעגולירן דורך דעם, וואָס ער וועט אויף זיך נעמען דאָס איבערשיקן

---

*) בערטאָלדי. דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק, 3 „דער פריינט“, נומ. 15, 1910.

פון אט דאס געלט; דערביי וועט ער אויך באקומען א געוויסן ריוח, אלנפאלס א פיל קלענערן פאר יענעם, וועלכן עס ציען דערפון די פריוואטע באנקען און בפרט נאך די שווינדלערישע חברה־לייט.

## 2. דורך וועמען און ווי אזוי קען די עמיגראציע רעגולירט ווערן?

ווער און דורך וועלכע מיטלען קען דורכפירן דאס פראגראם; וואס קען און וועט דא מאכן די מלוכה?

פון יענע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציעס, וועלכע קענען אויף זיך נעמען דורכפירן אט־דאס פראגראם אינגאנצן אדער טיילוויז, קומען אין באטראכט פאלגנדיקע פיר: די מלוכה, די נאציאנאל־אויטאנאמע איינריכטונגען, די פראפעסיאנעלע פאראיינען און סתם פרייע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציעס (קאפיטאליסטישע, פילאנטראפישע און נאציאנאלע). וואס אנבאלאנגט די מלוכה, קען זי דא אויפטאן מער פון אלעמען, ווייל זי באזיצט אם מייסטן די נויטיקע קרעפטן (ידיעות, איינפלוס און קאפיטאלן). די מלוכה קען גרינדן די בעסטע אינפארמאציאנס־ביוראס, איינריכטן אן עמיגראנטן־אינספעקציע, וועלכע זאל באזארגן די יורידישע און מעדיצינישע הילף פאר די עמיגראנטן. זי קען דורך א צוואנגס־שטייער אויף יעדן עמיגראנט — שאפן א פינאנציעלן אינסטיטוט, און ווען דערצו וואלטן נויטיק זיין אקציאנערע קאפיטאלן און גרויסע הלואות, קען אויך די מלוכה אמבעסטן זיכערן די קאפיטאלן מיט אירע אבליגאציעס, א. ד. גל. די מלוכה באזיצט דעם נויטיקן אויטאריטעט און צוטרוי ביי די פאלקס־מאסן, און ווען זי זאל זיין געגוג דעמאקראטיש, קען מען ביי איר פועל'ן א גינסטיקע עמיגראנטן־געזעצגעבונג; אפשאפונג פון דעם פאס־פארטן־סיסטעם, פארשידענע לגאטעס פאר אויסוואנדערער ביי די אייזנבאנען, אזא עמיגראנטן־אינספעקציע. וואס זאל זיין לחלוטין אומאפהענגיק פון די עקספלואטאטארישע שיפס־קאמפאניעס, כדי די אינספעקטארן זאלן האבן דעם גענוגנדן מוט און ערלאכקייט ווירקלאך צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון די וואנדערער. און הגם די געזעצן און צוואנגס־מיטלען פון דער מלוכה באציען זיך נאר אויף דעם שטח פון איר אייגענער טעריטאריע, דאך האט זי אויך דעם געהעריקן איינפלוס צו שטעלן זיך אין אבליגאטארישער פעלקער־רעכטלאכער פארבינדונג מיט אנדערע מלוכות, אום אויפ'ן גרונט פון אינטערשטאטלאכע אפמאכן צו באשיצן די עמיגראנטן אויך אין יענע לענדער, דורך וועלכע זיי קומט אוים צו פארן.

דאס אלעס איז די מלוכה פיזיק אויפצוטאן; צי וועט זי אבער דאס אויך טאן, און ווען יא, אין וועלכן מאס וועט זי עס טאן, הענגט אפ פון פארשידענע באדינגונגען, וואס זיינען ניט גלייך אין יעדן שטאט אדער צו יעדער צייט. בכלל, ווי דעמאקראטיש עס זאל ניט זיין א קאפיטאליסטישע אויסוואנדערונגס־מלוכה, וועט זי דאך תמיד מער פאר־

היטן די אינטערעסן פון די קאפיטאליסטישע שיפס קאמפאניעס, איידער די אינטערעסן פון די אויסוואנדערנדע מאסן. אויף וויפיל ביי געוויסע באדינגונגען די אינטערעסן פון די שיפס־קאמפאניעס פאדערן אליין די רעגולירונג פון דער עמיגראציע, קענען זיי לייכט פועל'ן, די רעגירונג זאל באוויליקן פאר די עמיגראנטן אזוינע לגאטעס, וועלכע זאלן די עמיגראנטן שטופן צו באנוצן זיך מיט די היימישע שיפן, ניט אנקומענדיק צו די אויסלענדישע האפנס, אזוי שטרעבן, צום ביישפיל, איטאליען און עסטרייך צו העכערן דעם מצב פון זייער אייגענעם דאמפשיף־פארט דורך דעם. וואס זיי גיבן פארשידענע פריווילעגיעס און שוץ פאר יענע עמיגראנטן, וועלכע פארן דורך די היימישע האפנס מיט היימישע שיפן. דייטשלאנד דערגייט אין דער הינזיכט אזוי ווייט און אכזריות'דיק, אז זי צווינגט פאליצייאיש יעדן וואנדערער, וואס פארט איבער אירע גרעניצן, צו וואנדערן ניט אנדערש, ווי דורך די דייטשע פארטן. אויך רוסלאנד פרואווט די לעצטע צייט צו רעגולירן די עמיגראציע צו גונסטן פון די רוסלענדישע (הויפטזעכלאך ליבויער) שיפס־געזעלשאפטן, און די פון מיניסטעריום צונויפגערופענע עמיגראציאנס־בעראטונג האט אפילו אויסגעארבעט א געזעץ־פראיעקט, וועלכער וועט געבן עטלאכע אומבאדייטנדיקע פארבעסערונגען פאר יענע עמיגראנטן, וואס פארן דורך רוסישע האפנס; אבער די רעגירונג וויל גאר קנאפ זארגן פאר יענע, וואס פארן דורך אויסלענדישע האפנס. — די איינוואנדערונגס־מלוכות האבן ווידער טאקע גאר אנדערע אינטערעסן, וואס באשטימען זייער עמיגראציאנס־פאליטיק, וועלכע באשטייט אן אנדערש מאל אין דעם, דאס די רעגירונג גיט פארשידענע לגאטעס פאר קאלאניסטן, אבער פיל אפטער באשטייט זייער עמיגראציאנס־פאליטיק אין ארויסגעבן ווי ווייט מעגלאך באשרענקונגס־געזעצן קעגן דער איינוואנדערונג. — עס איז בלי ספק, אז די מאדערנע מלוכות, וואס מער זיי דעמאקראטיזירן זיך, מוזן אלץ מער זיך אפזאגן פון דעם אלטפרענקישן קוק אויף די עמיגראציע. ווי אויף א פארברעך מצד דעם בירגער און א שאדן פאר דער מלוכה, זיי ווערן דורך די אנטוויקלונג געצוואונגען ביסלאכווייז אפצושאפן יענע געזעצן, וועלכע האבן זיך באמיט צו באשרענקען די אויסוואנדערונג*); אויף נאך א ווייטערער דעמאקראטיזירונגס־מדרגה הויבט שוין אן די רעגירונג פארשטיין, אז די עמיגראציע איז אין געוויסע הינזיכטן ניט נאר אן'אומפארמיידלאכע צרה, נאר אויך א וואויל־ברענגענדע דערשיינונג אינ'ם פאלקס־לעבן, וועלכע מען דארף וואס פרייער מאכן, וואס ברייטער אויסנוצן צוליב דעם פאלק. צו אזא מין קוק האט שוין דערגרייכט ענגלאנד און געוויסערמאסן איטאליען. אין דיזע לענדער עקזיסטירט שוין א גאנץ גוט איינגעארדנטע עמיגראנטן־אינפארמאציע פון דער רעגירונג, אן עמיגראנטן־אינספעקציע און אויך פינאנציעלע אינסטיטוטן, וועלכע לייסטן פאר די עמיגראנטן

*) אמאל פלעגט מען אפילו שרעקלאך באשטראפן די אויסוואנדערער אדער זייערע פארבליבענע קרובים.

פאַרשידענע קליינע דינסטן. שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע ביישפּילן, טענה'ן אייניקע אידישע פובליציסטן, אַז אויך פאַר אונזער עמיגראַציע מוזן מיר שטרעבן צו פאַראינטערעסירן די מלוכה, און מיינען, אַז די איינציקע ווירקזאַמע פאָרם פון דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג איז די שטאַטלאַכע*). אָבער, ערשטנס, פאַרשטייען זיי אַליין אויך, אַז פון דער איצטיקער מלוכה-אָרדנונג אין רוסלאַנד, און אפילו אין עסטרייך, קען מען כמעט גאָרניט דערוואַרטן. צווייטנס, מוזן אין די דאָזיקע צוויי לענדער די אינטערעסן פון מיליטער-דינסט און אין רוסלאַנד פון דעם פּאַס-פּאָרט-סיסטעם און אַנדערע פּאָליציייאישע ריקזיכטן נאָך זייער אַ לאַנגע צייט דינען פאַר אַ ריזיקע שטערונג אין יעדן פאַרזוך ערנסט צו רעגולירן די עמיגראַציע; ד. ה. אין דיזע לענדער וועלן פיל ריקזיכטן, וועלכע האָבן קיין שום שייכות ניט מיט די באַדערפעניש פון די וואַנדערנדיקע מאַסן, נאָך זייער לאַנג באַשטימען די פּאָליטיק פון דער רעגירונג בנוגע צו דער עמיגראַציע. און ווען אפילו די מלוכה-אָרדנונג וועט זיך מיט דער צייט פאַרפאָלקאָמען און וועט מער אכטונג געבן אויף די לעבנס-נויטן פון די מאַסן בכלל און פון די עמיגראַנטן בפרט, וועט דאָך אויך דעמאָלט די רעגירונג מער באַזאָרגן די אינטערעסן פון די שיפס-קאָמפּאַניעס ווי פון די פאָלקס-מאַסן; אחוץ דעם, וועט זי די אידישע אינטערעסן אויך אין דעם פּרט, ווי אין אַלע איבעריקע הינזיכטן, באַפרידיקן פיל שוואַכער און מיט פיל ווייניקער חשק, איידער די אינטערעסן פון די עמיגראַנטן פון אַנדערע פעלקער.

### וואָס קענען אויפטאָן די אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען?

הגם באַדייטנד ווייניקער, ווי דער שטאַט, קענען דאָך די אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען פילעס אויפטאָן אין דער הינזיכט פון רעגולירן די עמיגראַציע. ניט באַזיצנדיק דעם איינפלוס פון אַ זעלבסט-שטענדיקער מלוכה קענען זיי געוויס ניט אַרויסגעבן קיין געזעצן מכח דער עמיגראַציע, קענען אויך ניט אַריינטרעטן אין אינטערשטאַטלאַכע אָפּמאַכן; אָבער אַלנפאַלס וואָלט זיי גרינג זיין צו שאַפן אַ געהעריקע אינ-פאָרמאַציע, מינדלאַכע און ליטעראַרישע, אוועקשטעלן אין די האַפנס פון זייער מלוכה עמיגראַציאָנס-אינספּעקטאָרן, גרינדן פינאַנציעלע עמיגראַ-ציאָנס-אינסטיטוטן, אַזוי ווי צ. ב. די טשעכישע נאַציאָנאַלע באַנק „באַ-העמיא" האָט דאָ ניט לאַנג געגרינדעט ביי זיך אַן'אָפּטיילונג ספּעציעל צו באַזאָרגן די פינאַנציעלע נויטן פון די טשעכישע עמיגראַנטן. אויך אין דער הינזיכט איז קלאָר, אַז אידן, כל זמן זיי באַזיצן ניט קיין נאַ-ציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און קיין אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַל-טונג, קענען דערווייל גאָרניט דערוואַרטן אין אָט-דער ריכטונג. די קהלה

---

*) צו דעם קוק נייגן זיך ה' ליטוואַק („צייט פראַגן" נומ. 1.) און ה' וו. מ. („אָטקל. ב." נומ. 4).

אָבער, וועלכע וועט מיט דער צייט בילדן דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, איז דערווייל נאָך גאָר ניט נאַציאָנאַל, נאָר כמעט אויסשליסלאַך רעליגיעז, אין געוויסע לענדער (ווי אין רוסלאַנד) איז איר יורידישע לאַגע נאָך גאָר ניט באַשטימט, און דעריבער באַזיצט זי בכלל צו ווייניק אויטאָריטעט און קאַפּיטאַלן צו רעגולירן די אידישע וואַנדערונג. אונזערע קהלה־איינריכטונגען מוז מען ערשט ראַדיקאַל איבערבויען, זיי דעמאָקראַטיזירן, נאַציאָנאַליזירן און סעקולאַריזירן (פאַרוואַנדלען, עולמ'ש מאַכן), פריער איידער מען וועט זיי קענען אויסנוצן צוליב דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג. דערווייל אָבער קען מען פון זיי העכסטנס פאָדערן, זיי זאָלן עטוואָס מער אכטונג געבן אויף די עמיגראַציע און זאָלן אנטייל נעמען אין יענע פרייע געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קענען צו דעם צוועק געבילדעט ווערן.

### די עמיגראַציאָנס־רעגולירונג און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

ביי נאָרמאַלע און פרייע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרנעמען זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צווישן אַנדערע, אויך מיט רייזע־אונטערשטיצונג פאַר זייערע מיטגלידער; אָבער אַזוי ווי דער ווירקונגס־קרייז פון דיזע פאַראיינען גייט ניט אַרויס אויסערהאַלב פון די מלוכה־גרעניצן, באַשרענקט זיך אַזאַ מין אונטערשטיצונג נאָר מיט דער אינערלאַכער וואַנדערונג פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ד. ה. אינערהאַלב דעם שטאַט. דאָך איז מעגלאַך אַז ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט פון דאָס ניי אָנפאַנגען וואַקסן, זאָלן זיך די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער (אָדער די אידישע סעקציעס פון די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פאַראיינען פון די איינוואַנדערונגס־לענדער, כדי צו אונטערשטיצן געמיינזאַם יענע אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס פאָרן אַוועק איבער'ן ים. ווייטער, עקזיסטירן אומעטום ביי גוט איינגעאָרדנטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, אינפאָרמאַציאָנס־ און פאַרמיטלונגס־ביוראָס פאַר די, וואָס זוכן אַרבעט, גאַנץ גלייך, צי זיינען די אַרבעטס־זוכנדע אָרגאַניזירט, צי ניט. אָט די דאָזיקע ביוראָס קענען זיך אויך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פאַראיינען פון מעבר לים, כדי אַגב אויך צו אינפאָרמירן יענע אַרבעטער, וואָס ווילן עמיגרירן: ווען מען באַטראַכט אָט די דאָזיקע רעגולירונגס־אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען גאַנץ אַבסטראַקט, קען זי זיך אויסווייזן גאַנץ פשוט און גאַנץ מעגלאַך. אָבער קאָנקרעט אַנטשטייען דאָ אפילו ביי די בעסטע פּאָליטישע באַדינגונגען גרויסע שוועריקייטן.

ערשטנס, איז זייער שווער צו באַשטימען, פאַר וועלכער פּאָליטיק זאָלן זיך האַלטן די אַרבעטער־פאַראיינען פון פאַרשידענע לענדער בנוגע צו

דער עמיגראַציע, בעת פאַר די אויסוואַנדערונגס־לענדער שטעלט מיט זיך פאַר די עמיגראַציע געווים אַ ווינשנסווערטע דערשיינונג, אַנ'ערלייכטערונג פאַר דעם לעבן און קאַמף פון די אַרבעטער, וואָס בלייבן אין דער היים, — איז דאָס פאַר די איינוואַנדערונגס־לענדער אין פילע הינזיכטן גאָר אַנדערש. אַ גאָר נייעם לאַנד, מיט אַ ווינציקער אַרבעטערשאַפט, נויטיקט זיך טאַקע אין נייע אַרבעטער, כדי צו אַנטוויקלען די דאָרטיקע ווירטשאַפט און כדי די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אַרבעטער זאָל זיי געבן מער כח אין קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל; אָבער אין אַ לאַנד מיט אַ שוין אויסגעוואַקסענער אינדוסטריע שטעלט מיט זיך פאַר יעדער נייער אַרבעטער נאָר אַ נייע קאָנקורענץ־געפאַר פאַר די אָרטיקע אַרבעטער; און אויך די אָרטיקע אינדוסטריע ליידעט דאָן פון דעם, וואָס אירע קליינע קאָנקורענטן, די הויז־בעל־מלאכות האַלטן זיך אויף דער שרעקלאַכער עקספּלואַטאַציע פון די אָנמעכטיקע ניי־איינגעוואַנדערטע אַרבעטער. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער זיינען פאַראינטערעסירט אין פאַרלייכטערן די עמיגראַציע, בשעת די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די איינוואַנדערונגס־לענדער נויטיקן זיך אָפּטמאָל, פאַרקערט, אין באַשרענקען די איינוואַנדערונג; דעריבער ווערן די איבערנאַנגגעוויזענע פאַרבינדונגען צווישן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע לענדער זייער זעלטן פירן צו אַ ווירקלאַכן אויסגלייך. פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג איז, נאַטירלאַך, זייער וויכטיק, אַז די אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע לענדער זאָלן זיך צונויפריידן און גיין אויף קעגנזייטיקע פשרות, אַזוי, אַז די אויסוואַנדערונג זאָל אפילו אין אַ געוויסן מאָס געהאַלטן ווערן אין ענגערע גרעניצן, אָבער דערפאַר זאָלן די איינוואַנדערנדע אַרבעטער געניסן דעם שוץ און די הילף פון די אָרטיקע פאַראיינען; עס איז וויכטיק, אַז דער אָנגעקומענער אַרבעטער זאָל קענען אַריינטרעטן אין פאַראיין און ניט ברויכן צו ווערן אַ לוינדריקער אָדער אַ סטרייקברעכער. אָבער דאָך קענען מיר ווייניק־וואָס דערוואַרטן פון אַזוינע אונטערהאַנדלונגען. דאָס ווערט באַזונדערס באַשיינפערלאַך, ווען מיר קוקן זיך צו צו דעם גורל פון יענער רעזאָלוציע איבער די עמיגראַציאָנס־פראַגע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט. אין דער דיסקוסיע האָבן די פאַרטרעטער פון די אויסוואַנדערונגס לענדער זייער ענערגיש געפאָדערט די פאָלקאָמע פרייהייט פון איינוואַנדערונג, און זיי זיינען טאַקע געווען גערעכט, ווייל באַשרענקונגען קעגן די אימיגראַציע ווידערשפּרעכן די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט; אָבער די פאַרטרעטער פון די איינוואַנדערונגס־לענדער, און באַזונדערס פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, האָבן געפאָדערט געוויסע באַשרענקונגען קעגן דער אימיגראַציע, און זיי זיינען אויך געווען גערעכט, ווייל דער אַריינפאַר פון נייע רויע אומוויסנדע אָדער אָנמעכטיקע אַרבעטער, שטעלט מיט זיך פאַר אַנ'אייביקע סכנה פאַר די אָרטיקע, מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. און דאָס איז דאָך

אויך שעדלאך פאר די אנטוויקלונג פון דער פראלעטארישער סאלידאריטעט. די פארטרעטער פון די איינוואנדערונגס־לענדער האבן אויפ'ן קאנגרעס געבילדעט א קליינע מינדערהייט און האבן פיל נאכגעגעבן דער מערהייט, אבער אין אמעריקע אליין האט די שטוטגארטער רעזאלוציע קיין שום דערפאלג ניט געהאט, און די ארבעטער פון די פאראייניגטע שטאטן פארבלייבן, ווי פריער, ביי זייערע פאדערונגען צו באשרענקען די איינוואנדערונג.

צווייטנס, זיינען די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען ווייניק פייאיס דערצו, אנצופירן פארהאנדלונגען מיט די ארבעטער־ארגאניזאציעס פון מעבר לים און צו דערגרייכן ווירקזאמע אפמאכן מיט זיי. די אידישע פאראיינען וועלן קיין מאל ניט זיין זעלבסטשטענדיק, זיי וועלן אריינגיין, אלס טייל, אין די אלגעמיינע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס פון רוסלאנד, עסטרייך, רומעניען, און אן דער הסכמה פון אט די גרעסערע אינטערנאציאנאלע פאראיינען, פון זייערע צענטראל־פארוואלטונגען וועלן זיי ניט טארן זיך באשעפטיקן מיט עמיגראציאנס־רעגולירונג. דא האנדלט זיך דאך ניט וועגן קולטורעלע אויטאנאמיע פון די אידישע סעקציעס אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען, דא איז די רייד מכח א העכסט וויכטיקער און פאראנטווארטלאכער פינאנציעלער פונקציע, ווי די רייזע־אונטערשטיצונג און ארבעטס־אינפארמאציע פאר ארבעטער, וועלכע פארן איבער'ן אקעאן; און דיזע פראגע וועט באגעגענען זייער פילע שוועריקייטן מצד די צענטראלע פאראיינען, וועלכע וועלן קוים מסכים זיין, אז די אידישע ארבעטער זאלן געניסן אזוינע גרויסע, טייער־קאסטנדע פריווילעגיעס אין פארגלייך מיט זייערע חברים פון אנדערע נאציעס, ביי וועלכע די עמיגראציע איז פיל שוואכער, ווי ביי אידן.

דריטנס, זיינען די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען, מחמת דעם קליין־האנדווערקערישן כאראקטער פון דעם גרויסן רוב אידישע ארבעטער אין מזרח־אייראפא, און צוליב דעם סעזאן־כאראקטער פון דער אידישער ארבעט, איבערהויפט צו ווייניק שטאנדהאפט און צו שוואך פינאנציעל, כדי צו אונטערנעמען מיט ערפאלג אזא ווייטע און ברייטע אינפארמאציאנס און אונטערשטיצונגס־טעטיקייט, וועלכע פאדערט זיך פאר דער עמיגראציע אין ווייטע לענדער.

פערטנס, — און דאס איז פילייכט די הויפט־זאך, — איז די פינאנציעלע לייסטונגס־פייאיקייט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען אפילו אין בעסטן פאל זייער באשרענקט, מיט די סומען, וואס זיינען אויפגעזאמלט פון ארבעטער־גראשנס, מוזן זיי אנפירן סטרייקן, אויסהאלטן ארבעטסלאזע א. אז. וו. א. אז. וו. — אלזא וועט יעדנפאלס בלייבן פאר די עמיגראציאנס־אונטערשטיצונג נאר א קליינער פראצענט פון זייער בודזשעט, און דיזע באשרענקונג פון זייער טעטיקייט באגעגנט זיך נאך מיט א צווייטער באשרענקונג — נעמלאך, וואס די גאנצע וואנדערונגס־רעגולירונג, וועלכע קען אנגעפירט ווערן פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען און בכלל פון די

ארבעטער־ארגאניזאציעס, קען זיך באציען נאר אויף די ארבעטער־עמיגראַ־ציע: פון די אינפארמאציאנס־דינסטן פון דיזע פאראיינען קענען אפילו געניסן אלע ארבעטער, אבער מיט זייער דירעקטער פינאנציעלער אונ־טערשטיצונג האבן דאס רעכט זיך צו באנוצן נאר די ארגאניזירטע ארבע־טער, וועלכע געהערן צו די דאזיקע ארגאניזאציעס און צאלן אין זיי רעגולמעסיק זייער מיטגלידס־שטייער. דאס הייסט, אלזא, אז די פּראָ־פעסיאנעלע פאראיינען פון די אידישע ארבעטער וועלן אפילו אין דער בעסערער צוקונפט קענען נאר אין א קליינעם מאס דערפילן די אויפגאבן פון דער עמיגראציאנס־רעגולירונג און דאס אויך נאר פאר א פארשווינ־דענד קליינעם טייל פון אלע אידישע עמיגראנטן, ווייל נאטירלאך באשטייט דער אומגעהייערער רוב עמיגראנטן ניט פון ארגאניזירטע ארבעטער. ס׳איז אויך קלאר, אז די וואנדערנדע הענדלער און קליינע מייסטערלאך קענען פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען שוין אבסאלוט קיין שום נוצן ניט בא־קומען.

### די פרייע געזעלשאפטלאכע איניציאטיוו.

פון די פיר פארמען געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציעס, וואס מיר האבן איבערגעציילט, וואלט אלזא די מלוכה זיין פייאיק נעמען אויף זיך אויסצו־פירן דאס גאנצע פראגראם פון דער דירעקטער עמיגראציאנס־רעגולירונג, אבער די מלוכה וועט דאס נאך אזוי גיך ניט טאן און דערווייל איז אויף איר דא ווייניק וואס צו האפן; די נאציאנאל־אויטאנאמע איינריכטונגען וואלטן קענען אויספירן א וויכטיקן טייל פון דעם פראגראם, אבער דער־ווייל, כל זמן אזוינע איינריכטונגען עקזיסטירן נאך גאר ניט ביי אונז, קען די קהלה, — דיזער קערן פון דער צוקונפטיקער אויטאנאמיע, — אויף זיך נעמען נאר א קליינעם טייל פונקציעס. און העכסטנס, צוטרעטן און מיטהעלפן יענע רעגולירונגס־ארגאניזאציעס, וואס וועלן אויף זיך פריי נעמען דעם גאנצן עניין. און צום סוף די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וועל־כע קענען דערווייל נאך לחלוטין גאר נישט טאן אין דער הינזיכט, וועלן אויך שפעטער זייער ווייניק פייאיק זיין צו דערפילן פון דעם גאנצן פּראָ־גראם. און ווען מיר גייען אריבער צו די פרייע געזעלשאפט־לאכע ארגאניזאציעס. מוזן מיר קודם־כל פעסטשטעלן, אז וואס ווייניקער עס קענען אין דיזער הינזיכט אויפטאן די איבעריקע דריי געזעלשאפטלאכע קרעפטן, אלץ מער מוז אויף זיך נעמען די פרייע געזעל־שאפטלאכע איניציאטיוו, כדי די נויטן פון די עמיגראנטן זאלן געהעריק באפרידיקט ווערן. ווי מיר האבן אט ערשט געזען, וועלן די מלוכה, די געמיינדע, די פראפעסיאנעלע פאראיינען לע״ע כמעט גאר נישט קענען אדער ניט וועלן מאכן; דעריבער קומט אויס דער פרייער געזעלשאפטלא־כער איניציאטיוו צו נעמען אויף זיך דאס גאנצע אויבנגעשילדערטע פּראָ־גראם פון דער דירעקטער עמיגראציאנס־רעגולירונג.

### צי קען זי דערפילן די אויפגאבן פון דער עמיגראציאנס־רעגולירונג?

דא מוזן מיר ווידער דערמאנען דעם דאפלטן כאראקטער פון דער עמיגראציע ביי אידן — וואס זי איז פון איין זייט א וואוילטאט פאר דאס פאלק, און פון דער צווייטער זייט דאך ניט קיין ראדיקאלע לייזונג פון פאלקס־נויט, נאר ניט מער ווי א פאליאטיוו. די עמיגראציע איז א העכסט־וואוילבעגנגענדער פאליאטיוו, אבער דאך א פאליאטיוו. און דאס זעלבע וואלט אויך זיין די ברייטע און אלזייטיקע עמיגראציאנס־רעגו־לירונג, ווי מיר האבן זי אויבן געשילדערט אין אונזער פראגראם: אזא מין רעגולירונג וואלט ברענגען א קרעפטיקע רפואה קעגן די צרות, פון וועלכע עס ליידעט אונזער עמיגראציע, אבער בשום אופן ניט קיין ראדי־קאלע היילונג פון דיזע צרות: דאס וואלט געווען א שיינער, א ווירקזא־מער פאליאטיוו קעגן א געוויסן טייל פון די פאלקס־ליידן, אבער, נאך דעם אלעם, דאך ניט מער ווי א פאליאטיוו. דאס הארבע, אומבארמ־הארציקע לעבן האט שוין לאנג אונז געזאלט אנלערנען, אז אין דעם איז קיין שום סתירה ניטא, אז מיר ברויכן האבן פאליאטיוון, ווייל קיין ראדי־קאלע לייזונג פון אונזערע פראגן קענען מיר יעצט ניט דערגרייכן און ניט דערוואַרטן, אבער דאסזעלבע לעבן האט שוין אויך גענוג דייטלאך בא־וויזן, אז ווען מען מוז זיך באנוגענען מיט פאליאטיוון, קען מען אויך שטרעבן די דאזיקע פאליאטיוון מאכן וואס קרעפטיקער און וואס דער־פאלגרייכער. א לעזער, וועלכער איז געוואוינט צו דענקען איינזייטיק און מעטאפיזיש — „יא — יא, ניט — ניט, און אלעם איבעריקע שטאמט פונ׳ם שטן“ — וועט דאס, פיליכט, ניט פארשטיין, ווי קענען מיר ריידן וועגן א פאליאטיוו, ווי וועגן א ברכה, — אבער די אידישע מאסן פארשטייען דאס פון זייער לעבן, ווי ווייט ווינטשנסווערט וואלט זיין א גוטער פאליאטיוו אין דער עמיגראציאנס־פראגע. א ראדיקאלע לייזונג איז דא פשוט אוממעגלאך, ווייל די עמיגראציע מוז זיין א סטיכייאישער פראצעס. און דעריבער מוז אין איר אויך הערשן אן אנארכיע, א געוויסער תוהו ובוהו, כל־זמן עס עקזיסטירט די אלגעמיינע עקאנאמישע אנארכיע פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע. ווארים די וואנדערונגס־אנארכיע איז ניט מער ווי א פרט פון דער אלגעמיינער אנארכיע, די עמיגראציע איז נאר א צווייטע זייט פון יענער דערשיינונג, וועלכע הייסט ארבעטסלא־זיקייט. עס איז שוין גענוג באוואוסט, אז מכח א ראדיקאלער לייזונג פון דער ארבעטסלאזן־פראגע איז ניטא וואס צו ריידן אין דער קאפיטא־ליסטישער געזעלשאפט.

דא זיינען בכלל נאר מעגלאך פאליאטיוון. הייסט דאס דען אז מיר דארפן זיך אפזאגן און זיך אפשאקלען אינגאנצן פון די מעגלאכע פא־ליאטיוון דערפאר, ווייל זיי זיינען נאר פאליאטיוון? קיין בר־דעת וועט דאס ניט פאדערן. דאס איז איבערהויפט דער תהו ובהו, דער כאאס פון דער מאדערנער ארדנונג. דאס איז דאך איר טראגעדיע און איר אינער־

לאכער ווידערשפרוך, וואס זי רופט ארויס שווערע פראבלעמען. זי שאפט שארפע קאנפליקטן און העכסט־אנגעשטרענגטע באדערפנישן ביי די ברייטע מאסן. זי ברענגט דערצו, אז דיזע באדערפנישן זאלן זיך נויטן אין באלדיקער הילף און זאלן שרייען צום הימל, — און אין דערזעלבער צייט עפנט זי ניט קיין שום דירעקטע וועגן צו מילדערן דיזע שרייענדיקע נויט, קיין שום מיטלען צו באפרידיקן די ברענענדסטע באדערפענישן. און ביי אונז אידן קומט נאך צו צו דעם די טראגעדיע פון דעם גלות, זיין באזונדערע אייגנארטיקע אנארכיע, זיינע אייגנטימלאכע אינערלאכע ווידערשפרוכן. פון דער צוזאמענווירקונג פון די דאזיקע צוויי סבות, — פון דער קאפיטאליסטישער אנארכיע מיט דער גלות־אנמאכט אנטשטייט ביי אונז א דאפלטער אפגרונט צווישן דער ריזיקייט פון די פראבלעמען און דער ווינציקייט, אומבאדייטנדקייט פון זייער מעגלאכער פארענטפערונג. הייסט עס דען אבער, אז מיר טארן ניט ריידן מכח **ראדיקאלע פאליאטיוון**? פונקט דער היפך! ווייל עס זיינען דא די קאלאסאלע באדערפענישן און ווייל די מעגלאכע ענטפערן אויף זיי שטימען ניט מיט זייער גרויסקייט, דוקא דערפאר מעג מען ריידן וועגן פאליאטיוון פון פארשידענער קראפט. — און וואס נעענטער עס קומט צו דער ענטפער צום פראבלעם, וואס קלענער דער אפגרונט, אלץ קרעפטיקער איז דער פאליאטיוו, אויף וועלכן דער ענטפער ווייזט אן. אזוי, מאלן מיר זיך אויס אזא צושטאנד, ווען די אנמאכט פון גלות זאל שוין מער ניט ווירקן, עס זאל פארבלייבן פאר אונז אידן, ווי פאר אלע איבעריקע פעלקער נאר די קאפיטאליסטישע אנארכיע, מיר זאלן זיך אין אלע הינזיכטן אויסגלייכן מיט די אומות העולם, — דאס וואלט זיין דער ראדיקאלסטער פאליאטיוו אנטקעגן אונזערע פאלקס־צרות. און דיזער פאליאטיוו איז דער ציוניזם. מיר קענען זיך אבער אויך מאלן קלענערע פאליאטיוון. און דאס אויך איז פארשידענעם גראד. דער **ראדיקאלסטער פאליאטיוו** פאר אונזער עמיגראציאנס־פראבלעם איז די קאנצענטרירטע קאלאניזאציע, וועלכע פירט צו דער פארווירקלאכונג פון ציוניזם. דאס וואלט זיין אזא פאליאטיוו, וואס וואלט מיט זיך פארשטעלן אנ׳אמת׳ע איבערקערעניש אין די טיפסטע יסודות פון דעם אידישן לעבן. דאך שטעלן מיר זיך פאר, און א גרויסער טייל פון דעם אידישן פאלק גלויבט אין דעם, — אז די דאזיקע מהפכה קען דורכגיין אן דער הילף פון וועלכער ניט איז מלוכה־מאכט, און בלויז דורך ענערגישער טעטיקייט פון א פרייער געזעלשאפטלאכער ארגאניזאציע (ווי דער ציוניסטישער קאנגרעס, פארשידענע ציוניסטישע אונטערנעמונגען, דער וועלט־פארבאנד „פועלי־ציון“, פאלעסטינע־ארבעטער־פאנד א. ד. גל.): נאטירלאך, איז דערצו נויטיק די דאזיקע ארגאניזאציע זאל פירן א פארנינפטיקע פאליטיק, זי זאל זיך צופאסן צו די לעבנס־באדינגונגען, צו די סטיכייאישע, פון איר באוואוסטזיניקן ווילן אומאפהענגיקע פראצעסן,

דיזע ארגאניזאציע ארבעט. און יענער, ווער עס גיט נאר צו, אז דורך פרייע געזעלשאפטלאכע איניציאטיוו קען דורכגעפירט ווערן אזא ראדיקאלע ארבעט, ווי די ציוניסטישע, מוז אויך מסכים זיין, אז פיל וויניקער קרעפטיקע פאליאטיוון קענען אויך דערפילט ווערן דורך פרייע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציעס. ווען עס וואלט דערפילט געווען דאס גאנצע פראגראם פון דער דירעקטער עמיגראציאנס־רעגולירונג, וואלט דערמיט געווים אריינגעטראגן געווארן אין דאס עמיגראציאנס־געביט א ראדיקאלע פארבעסערונג. דעריבער קענען מיר אויפשטעלן די פראגע: *אויף וויפיל איז מעגלאך א פרייע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציע זאל דורכפירן א ראדיקאל פאליאטיווע עמיגראציאנס־רעגולירונג? און — ווי אזוי דארף געבויט ווערן יענע ארגאניזאציע, וועלכע זאל זיין פיאיק דאס דורכצופירן?*

אויף ווי ווייט קען א פרייע ארגאניזאציע רעגולירן די אידישע וואנדערונג?

עס איז קלאר, אז א פרייע ארגאניזאציע קען ניט מאכן דאס, וואס מיר האבן אויבן באצייכנט אלס *אינדירעקטע* עמיגראציאנס־רעגולירונג: זי קען ניט אפשוואכן די רעכטלאזיקייט, די פאגראמען, דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכע פארשטארקן די אידישע עמיגראציע; זי קען נאר *דירעקט* רעגולירן די וואנדערונג ד. ה. נאר דערלייכטערן איר גאנג. און פון יענע צוויי צילן, וועלכע ס'קען פארפאלגן די עמיגראציאנס־רעגולירונג, — *די פארקלענערונג* אדער די *דערלייכטערונג* פון דער אידישער עמיגראציע — האט די דירעקטע רעגולירונג א שייכות נאר צו דעם צווייטן ציל: דעריבער קען א פרייע געזעלשאפטלאכע איניציאטיוו נאר דערלייכטען די עמיגראציע, און אויב זי וואלט זיך געשטעלט דעם צוועק, די וואנדערונג אפצושוואכן, זי קלענער צו מאכן, וואלט זי אין דער ריכטונג גאר נישט דערגרייכט. די פארקלענערונג און די דערלייכטערונג פון דער עמיגראציע, ווען מען נעמט זיי ביידע צוזאמען, בילדן מיט זיך דאס, וואס מען קען אנרופן די *נארמאליזירונג פון דער עמיגראציע*: פון אט דער נארמאליזירונג קען, הייסט דאס, א פרייע ארגאניזאציע דורכפירן נאר די פאזיטיווע זייט. דאס אליין איז אבער אויך א ריזיקע אויפגאבע, דאס איז אזא ברייטעס פעלד, דאס דערצו ברויכט מען גאנץ אומגעוויינלאכע קראפט־אנשטרענגונג און באמת היסטארישע באגייסטערונג, אויב מען שטרעבט צו דערפילן זי אין איר גאנצן אומפאנג. ה' וו. מ. האלט אין איין איבער'חזר'ן, אז די רעגולירונג פון דער עמיגראציע איז אנ'ארימע „פראזע“, ווייל דא האנדלט זיך דאך נאר וועגן שיפס־קארטן און באגאזש, ניטא פון וואס נתפעל צו ווערן, מען טאר אבער ניט ארייג־

טראָגן קיין שום „ראָמאַנטיזם". קיין שום באַגייסטערונג. גאַנץ דאָסזעלבע וואָלט מען קענען מיט דער זעלבער קלוגקייט און געלאַסנקייט באַהויפּטן אויך מכח דער טעטיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָדער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס אַלעס, מעג מען טענה'ן, איז דאָ די לאַנגווייליקסטע פּראָזע — פינף קאָפּיקעס שכירות, אַ האַלבע שטונדע פון'ם אַרבעטס־טאָג, מיט אַ גראָשן ביליקער בולבעס, בעסער געבאַקענע בולקע — ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערן. אַ ראָמאַנטיקער איז יעדערער, וועמען עס באַגייסטערט זיך צוליב אַזוינע קליניקייטן! מיר קענען נאָר איינוווענדן דעם ה' וו. מ., אַז אַלעס גרויסעס אין'ם לעבן אַנטשטייט און באַשטייט פון אַלטעגלאַכע קליינקייטן און פון לאַנגוויי־ליקער פּראָזע. די נפקא מינא איז אָבער, אויף וועלכע סאָציאַלע ברייט און אין וועלכע היסטאָרישע ווייט ס'פאַרשפּרייטן זיך די דאָזיקע „קליי־ניקייטן". און היות די עמיגרירנדיקע מאַסן שטעלן מיט זיך פאָר אין סאָציאַלער הינזיכט אַ ברייטע געזעלשאַפטלאַכע שיכט, און אין היסטאָ־רישן זין האָט די עמיגראַציע פאַר זיך אויך אַ גאַנץ לאַנגע צוקונפט — קען מען ממילא די רעגולירונגס־אַרבעט ניט נידעריקער שעצן, ווי אַנ־ערך די קאָאָפּעראַטיווע, און ביליקע שיפס־קאַרטן ניט נידעריקער, ווי בי־ליקן קאַרטאָפל. פּרוּווּן מיר זיך נאָר פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס איז — רעגולירן די עמיגראַציע, ווי מיר האָבן זי אויסגערעכנט אויבן אין דעם רעגולירונגס־פּראָגראַם. אַנ'אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל דאָס אַלעס דערפילן, מוז זיין אַזוי קרעפטיק, אַזוי עלאַסטיש, באַוועגלאַך און ברייט פאַרצווייגט, זי זאָל קענען שריט ביי שריט פאָלגן נאָכ'ן עמיגראַנט אויף זיין דאָרנדיקן וועג, שטענדיק גרייט זיין צו איילן אים צו הילף באַלד ווי ער ליידט עטוואָס אין וועג, אָדער אים טרעפט זיך וועלכע ניט איז סכנה, די אָרגאַניזאַציע דאַרף דאָ תמיד שטיין מיט אָנגעגאַרטלטע לענדן, באַוואָפנט מיט איר גאַנצן איינפלוס און מיט איר גאַנצער באַגייסטערונג — יאָ, באַגייסטערונג, כדי צו אונטערשטיצן יעדן ליידנדן וואַנדערער, צו פאַרטיידיקן זיין מענטשלאַכע ערע, צו שיצן זיינע לעבעדיקסטע אינטערעסן. ווער קאָן אָנרופן פּראָזאאיש אַזאַ אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ווער וועט האָבן די העזה אויסצולאַכן די באַגייסטערונג, וואָס עס פאָדערט זיך כדי צו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע? ווער וועט לייקענען, אַז דאָ פאָ־דערט זיך הייסע ליבע צו דעם פאָלק, טיפער גלויבן אין די היילנדע קראַפט, אין די היסטאָרישע אויסזיכטן פון דער עמיגראַציאָנס־באַוועגונג, אַז די פירער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע מוזן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם שטאַרקסטן און וואַרעמסטן אינטערעס צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע?

### די מיטלען פון אַזאַ פרייער געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע.

יאָ, דאָ איז נויטיק באַגייסטערונג. אַ פרייע געזעלשאַפטלאַכע אָר־גאַניזאַציע באַזיצט נאָר צו שוואַכע מיטלען, כדי זי זאָל קענען עטוואָס ראַדיקאַלעס אויספירן אָן דער געהעריקער באַגייסטערונג, נאָר דורך די

מעכאנישע קראפט פון איר רעגולירונגס־אפאראט. וואס אמבאלאנגט ידיעות, איז אפשר נאך מעגלאך, אזא ארגאניזאציע זאל זיי באזיצן נאך מער און נאך בעסערע, זיכערערע, איידער א מלוכה־איינריכטונג; זי זאל באקומען דורך אירע פארצווייגטע פיליאלן אין דער גאנצער וועלט די אויספירלאכע אינפארמאציע צוליב אירע קליענטן־עמיגראנטן; וואס אמ־באלאנגט אבער קאפיטאלן און איינפלוס, קען זי זיך געווים ניט גלייכן צו א מלוכה אדער צו די ארגאנען פון נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג. די גאנצע ווירקונג און איינפלוס פון אזא פרייער ארגאניזאציע קען זיך שטיצן נאר אויף פאלגנדיקע מיטלען, וועלכע זי באזיצט. ערשטנס, קען זי בויען אויף דער מאכט פון אירע קאפיטאלן, — נאטירלאך אויב די לעצטע זיינען גענוג גרויס. ניט באזיצנדיק קיין שום צוואנגס־מיטלען, מוז זי צוציען צו זיך דעם צוטרוי פון די עמיגראנטן און די אכטונג פון די רעגירונגען, פון די שיפס־קאמפאניעס נאר דורך איר רייכקייט, נאר דורך איר קרעדיטפייאיקייט, מיט אירע קאפיטאלן קען זי זיך באַ־נוגענען מיט קלענערן ריוח, ווי די פריוואטע קאנטארן, און אויף אזא אופן בייקומען זיי דורך קאנקורענץ; זי קען אויך פאר די שיפס־קאמפא־ניעס פארשטעלן מיט זיך א מער זיכערן קאנטראהענט, ווי די פינאנציעל שוואכערע פריוואטע אונטערנעמער. ד. ה. קעגן די חברה־לייט, וועלכע עקספלואטירן די עמיגראנטן־מאסע, קען די פרייע ארגאניזאציע פירן נאר א קאנקורענץ־קאמף, און ניט דירעקט פארפאלגן זיי מיט דער מאכט פון געזעץ. דאן ווייטער, ווען זי וועט זיך שוין דערווערבן דאס פארטרויען פון די מאסן און א גרויסן אויטאריטעט, וועט זי קענען אויך אנווענדן קעגן די צופיל עקספלואטאטארישע שיפס־געזעלשאפטן דעם מיטל פון באיקאט: ד. ה. זי קען פארעפנטלאכן די נעמען פון יענע קאמפאניעס אדער פון יענע שיפן, אויף וועלכע מען באהאנדלט שענדלאך די עמיגראנטן, פון יענע קאנטארן וועלכע באשווינדלען זייערע קליענטן; זי קען דערקלערן אויף זיי א באיקאט. אונטער דער באיקאט־דראאונג וועט זי אימשטאנד זיין צו צווינגען די קאנטארן און קאמפאניעס מאכן די אדער יענע הנחות פאר די עמיגראנטן. אז איינפלוסרייכע רעגולירונגס־ארגאניזאציע וואלט געקענט אפילו פועל'ן, אז די שיפס־קארטן פון יענע געזעלשאפטן, וועלכע האבן זיך מיט איר געשטעלט אין פארבינדונג און האבן באוויליקט גע־וויסע הנחות, פאר די עמיגראנטן, זאלן אויף זיך טראגן א ספעציעלן צייכן אדער צעטל מיט דעם שטעמפל פון דער רעגולירונגס־ארגאניזאציע; אזא צעטל („לעיבל") ווערט אפט געברויכט פון די אמעריקאנער פראפע־סיאנעלע פאראיינען (ווערט אנגעקלעפט אויף די סחורות), כדי אנצו־ווייזן, אז דער קונה מעג דא זיכער זיין. דאס די סחורה שטאמט פון ערלא־כע הענט. אויף אזא אופן וועלן די עמיגראנטן קויפן נאר יענע שיפס־קארטן, ד. ה., נאר פון יענע שיפס־קאמפאניעס, אויף וועלכע די ארגא־ניזאציע האט געגעבן איר הכשר. — אויסערדעם, האט נאך די ארגאני־זאציע אין איר רשות דאס מיטל פון יורידישער הילף; ווען זי באמערקט מצד די קאמפאניעס, וועלכע ניט איז מיסברויכן און עבירות, וועלכע מען

קען געזעצליך פאַרפאַלגן, קען זי, שטיצנדיק זיך אויפ'ן געזעץ, צוציען די קאָמפּאַניע צום געריכט און צווינגען זי איינצוהאַלטן די רוּיבערישע אַפּעטיטן.

### וועלכע פּאָליטישע שטערונגען קען אַ פריִע אָרגאַניזאַציע ניט בייקומען?

ס'איז קלאָר, אַז כדי צו באַנוצן אַט די אַלע מיטלען, דעם פינאַנ-ציעלן דרוק, דעם גייסטיקן איינפלוס אויף די מאַסן, דעם באָיקאָט (און „ליבל") און די יורידישע אריינ-מישונג, מוז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע, קודם כל לעגאַלי-זירט ווערן און אַלע לענדער, וואו איר וועט אויסקומען צו אַרבעטן: מיט אַנדערע ווערטער, זי מוז פועל'ן, די רעגירונגען זאָלן אָפיציעל געבן זייער הסכמה אויף איר עקזיסטענץ און אויף איר אַרבעט. דערביי וועט אומבאַדינגט ענטשטיין אַ גאַנצע רייע שוועריקייטן, וועלכע די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע איז ניט בכח אַפּצושאַפן. ערשטנס, האָבן מיר שוין געזען, אַז די רעגירונגען פאָלגן אין זייער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק גאַנץ אָפט אַזוינע אינטערעסן, וועלכע האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט די באַדערפעניישן פון די וואַנדערנדע מאַסן, און ווייל די פריִע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע ווערט, אַ דאַנק דער לעגאַליזירונג, אָפּהענגיק פון די רעגירונגען, וועט זי זיך אויך מוזן רעכ-נען מיט אַט דיזע פאַרשידענע מלוכה-אינטערעסן. אַזוי, אין רוסלאַנד וועט די אַדמיניסטראַציע געווים שטרעבן אויסצונוצן די רעגולירונגס-אַנ-שטאַלטן צוליב אירע פּאָליציייאישע צוועקן, די אַנשטאַלטן וועלן מוזן אַכטונג געבן אויף די מיליטער-פליכטן און אויף די פּאָליטישע כשרות פון די עמיגראַנטן, אין עסטרייך — אויף זייערע מיליטער-פליכטן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע וועט מען מוזן זיך רעכענען מיט די איינוואַנדערונגס-באַשרענקונגען, און ס'איז אַ גרויסע פראַגע, ווי אַזוי די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט נאָך בכלל אַ קוק טאָן אויף די טעטיקייט פון דער רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. דער לעצטער פאַרבאָט מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג קעגן דאָס אריינפאָרן פון די גאַלוועסטאָ-נער אימיגראַנטן, ווייל דיזע אימיגראַנטן זיינען כלומרשט „פאַרקאָנטראַק-טירטע אַרבעטער", קען אויך סטראַשן יעדער אַנדערער רעגולירונגס-אָר-גאַניזאַציע. נאַטירלאַך שטאַמט דיזער קלאַפּ פון דער יט"א פון איר אייגענעם פעלער, וואָס זי האָט עס ניט באַזאָרגט לכתחילה צו באַקומען די הסכמה פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ס'איז אפילו פאַר אַלעמען געוועזן גאָר אומדערוואַרטעט, און מען האָט געמיינט, אַז די רייכע מומע האָט מסתמא אַלעס פון אָנפאַנג איינגעאָרדנט. היינט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זי האָט געטריבן לעבערלאַכע דיפּלאָמאַטיע, אפילו בנוגע צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און דאָס ווייזט, ווי נויטיק עס איז צו באַ-טאָנען, אַז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציעס מוזן זיין לעגאַליזירט (ניט נאָר אין רוסלאַנד) און מוזן זיך רעכענען מיט די געזעצן פון אַלע לענדער,

וואו זיי ווילן ארבעטן.

צווייטנס, ווייל די אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין פאָלקאָם לעגאַל, וועט זי בשום אופן ניט קענען אינגאַנצן אָפּשאַפן די הילפלאָזיקייט פון די עמיגראַנטן: כל זמן עס עקזיסטירט דאָס פּאַספּאָרטן־סיסטעם אין רוסלאַנד, איז רומעניען, דער מיליטער־דינסט אין רוסלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און רומעניען, כל זמן עס וועלן דויערן די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען קעגן איינצלנע פּערזאָנען אין רוסלאַנד, וועט אַ געוויסער טייל עמיגראַנטן נאָך אַלץ זיין געצוואונגען אָנקומען צו די „אַגענטן", צו די „שוואַרצערס", און וועט ניט קענען געניסן פון די וואוילטאַטן פון דער רעגולירונג. אָט־די אַלע אומשטענדן שאַפן מיט זיך די גרעסטע שוועריקייט פאַר דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג און די פרייע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך שוין פון אָנפאַנג אָן אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק — אינגאַנצן אָפּצושאַפן די געהיימע אַגענטן און אינגאַנצן צו באַשיצן די עמיגראַנטן קעגן עקספּלואַטאַציע. — אויך אין איר יורידישער אַריינמישונג איז די עמיגראַציע נאַטירלאַך באַשרענקט מיט די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן: שאַפן נייע געזעצן קען זי ניט, דאָס ליגט ניט אין איר רשות. זי קען נאָר אויסנוצן יענע הנחות, וועלכע דאָס געזעץ האָט שוין אַליין געגעבן די עמיגראַנטן, און וועלכע די לעצטע קענען אָבער ניט געניסן מחמת זייער אומוויסנקייט און אָנמאַכט.

וועלכע היסטאָרישע גרעניצן קען די דירעקטע רעגולירונג ניט אַריבערשרייטן?

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן מכח דעם, וועלכע פּאָליטישע גרעניצן ווערן געשטעלט דער רעגולירונגס־אַרבעט דורך דעם וואָס אין איר רייסן זיך אַריין די פאַרשידענע זייטיקע מלוכה־אינטערעסן. אָבער אין אָט די גרעניצן וואָלט דאָך אַ פרייע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע געקענט פיל לייסטן ביי דער איבערגעבנקייט צו דער זאַך, ווען זי זאָל אָנגעפירט ווערן פון קאָמפּעטענטע מענטשן מיט אַ ברייטן קוק אויף די געזעלשאַפטלאַכע פראַגן און מיט טיפן אינטערעס צו דער עמיגראַציע. פון אָנפאַנג, ווען די קאַפּיטאַלן און דער איינפלוס זיינען נאָך אומבאַדייטנד, קען זי וויניק וואָס אויפטאָן, אָבער מיט דער צייט קען זי פיל קראַפט דערוואַרבן און דערפילן אַלץ אַ גרעסערן טייל פון דעם דירעקטן רעגולירונגס־פּראָגראַם. ווען מיט דער צייט וואָלטן אויך די רעגירונגען זיך געענדערט און דעמאָקראַטיזירט, וואָלטן אויך פאַלן פילע פּאָליטישע שטערונגען פון יענע, וואָס מיר האָבן אָט ערשט אויסגערעכנט. עס בלייבט אָבער אַ געוויסער היסטאָרישער גרעניץ, וואָס אים וועט קיין שום דירעקטע רעגולירונגס־אַרבעט ניט קענען אַריבערטרעטן, און דיזער גרעניץ איז יענער ראַדיקאַלסטער פּאַליאַטיוו פאַר דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, וועלכער באַשטייט אין קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע. ביז צו דיזן ראַדיקאַלן מיטל צו לייזן דאָס עמיגראַציאָנס־פּראָבלעם קען מען בשום אופן ניט דערגרייכן דורך די דירעקטע רעגולירונג פון דער עמיגראַציע. דיזע

רעגולירונג קען אריינטראגן אין דעם וואנדערונגס־שטראם א געוויסע פלאנמעסיקייט, אפשוואכן דעם כאאס, וואס הערשט אין אים, אבער ניט צוגעבן אים אויך אן אויסן־ליגנדן צוועק, ניט אפקירעווען דעם שטראם אין נייע פוסטע אדער שיטער־באזעצטע לענדער. פארוואנדלען די עמיגראציע אין קאלאניזאציע איז די דירעקטע רעגולירונג ניט בכח.

דער געדאנק וועגן באהערשן די עמיגראציע.

דא שטויסן מיר זיך גלייך אן אויף דער פראגע, צי איז עס מעגלאך און אויף וויפיל מעגלאך צו באהערשן די עמיגראציע. היות די עמיגראציע איז א סטיכייאישער פראצעס, פרעגט זיך אין אלגעמיין, אויף וויפיל און ווי אזוי איז עס מעגלאך א סטיכייאישן פראצעס צו באהערשן, צו מאכן אים פאר א ווערקצייג אין די הענט פון דעם באוואוסטזיניקן מענטשלאכן רצון? ס׳איז קלאר, אז יעדע געשעעניש אין דער נאטור און אין דער געזעלשאפט, צו וועלבער דער ציל־באוואוסטער מענטש האט זיך נאך ניט צוגערירט, איז א סטיכייאישער פראצעס, און די מאכט פון דעם מענטשן איבער די נאטור באשטייט טאקי גראד אין דעם, וואס דער מענטש לערנט זיך אויס אלץ ברייטער צו באהערשן די דאזיקע סטיכייאישע פראצעסן. אויף אזא אופן מוזן מיר צוגעבן, אז דער אויסדרוק „סטיכייאישער פראצעס" זאגט נאך ניט דאס דער מענטש מיט זיין באוואוסטזיין קען דא גאר ניט אויפטאן; דער אויסדרוק ווייזט אן ניט מער ווי, אז דער פראצעס, וועלכן מען מיינט, איז דערווייל נאך ניט באהערשט פון דעם מענטשן. ווען מיר וועלן געברויכן פשוטע באגריפן און ניט אריינ׳חקר׳ען זיך אין די פילאזאפישע דיסקוסיעס איבער די באגריפן, באהערשט דער מענטש די סטיכייאישע פראצעסן פון דער נאטור דורך דעם, וואס ער דערקענט און נוצט אויס די געזעצמעסיקייט פון דיזע פראצעסן; דער מענטש קען קינסטלאך צוזאמענשטעלן, קאמבינירן דיזע געזעצמעסיקייטן און די פראצעסן, כדי צו באקומען די ווירקונגען, וועלכע ער ווינשט. אבער ער איז בכלל ניט אים שטאנד קינסטלאך צו שאפן גאר נייע, ניט עקזיסטירנדיקע פראצעסן און דיקטירן דער נאטור אויסגעטראכטע געזעצמעסיקייטן. צוועקמעסיק צו קאמבינירן די געזעצן פון דער נאטור, באהערשן זי דורך קלוגע אונטערטעניקייט — דאס איז אלעס, וואס דער בשר ודם קען דערגרייכן. אבער אין דעם געזעלשאפטלאכן לעבן איז עד היום די מאכט פונ׳ם מענטשלאכן באוואוסטזיין נאך מער באגרעניצט דאדורך, וואס פילע פון די סטיכייאישע פראצעסן אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג טראגן א כאאטישן כאראקטער, וואס אין זיי הערשן אינערלאכע ווידערשפרוכן און אנארכיע. איך וועל דא ווידער אויסמיידן אריינצולאזן זיך אין פילאזאפישע (דערקענטניס־טעארעטישע) חקירות, ווי אזוי און אין וועלכן זין קען מען ריידן וועגן אנארכיע און כאאס דארט, וואו געוויסע טיפגרייפנדיקע געזעצמעסיקייטן

זיינען דאך שוין פעסטגעשטעלט געווארן: אין דעם ריין־פּראקטישן זין, וועלכער אינטערעסירט אונז דא, באדייט די אנארכיע, דער תהו ובוהו אינ'ם געזעלשאפטלאכן לעבן גאר ניט אנדערעס, ווי דאס, אז אזוינע כאאטישע פּראצעסן לאזן זיך ניט באהערשן פון דעם מענטשנס ווילן, דאס זיי ווילן ניט פאלגן זיינע צוועקן. ווי מיר האבן פריער געזען, איז די עמיגראציאנס־אנארכיע ענג פארבונדן מיט דעם אלגעמיינעם תהו ובהו פון דער פּראדוקציאן; דערפון איז קלאר, אז אפּפירן באוואוסטערהייט דעם עמיגראציאנס־שטראם אויף נייע וועגן איז דער ארגאניזירטער געזעלשאפטלאכער רצון ניט מסוגל. אינגאנצן באהערשן אים איז אויסגעשלאסן. הייסט דאס דען אבער, אז דא קען מען גאר ניט דערגרייכן, און אז מען מוז זיך לחלוטין אפזאגן פון באהערשן די עמיגראציע? איך מיין דאס ניט.

אין די געזעלשאפטלאכע פּראצעסן קען דער מענטש ניט קאמבינירן די געזעצמעסיקייטן לויט זיין ווילקיר, אבער אריינטראגן מער באוואוסטזיין, מער פּלאנמעסיקייט, מער ארדנונג אין זייער גאנג קען ער דאך, — זעלבספארשטענדלאך, ניט דער יחיד איז דאס בכח, נאר א קרעפטיקע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציע. אט דאס איז טאקע דער אונטערשיד פון באהערשן צו רעגולירן: באהערשן באדייט מער מאכט, רעגולירן — ווייניקער מאכט. באהערשונג איז די ווייטערדיקע און העכערע שטופע פון דער רעגולירונג; דער אונטערשיד איז אין כמות, און ניט אין איכות. רעגולירן הייסט שוין טיילווייז באהערשן. דיזע באהערשונג ווערט אבער באשרענקט דורך דעם, וואס דער מענטש קען די וואנדערונג ניט אנפירן לויט זיין ווילן. ער איז נאר אימשטאנד זי רעגולירן, זי עקאנאמישער מאכן, פארשפּארן די קרעפטן, וועלכע זי פארשווענדט, פארשפּארן די יסורים, וועלכע זי מאכט אן; קורץ, די פרייע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציע מוז נאכפאלגן נאך דעם עמיגראציאנס־שטראם אויף יענע ריכטונגען, וועלכע ער נעמט אן אליין פון זיך, זי קען אים ניט פארשרייבן אזוינע ריכטונגען, וועלכע זי געפינט פאר בעסער. אזוי ווי די וואנדערונג ווענדט זיך דערוויל ניט אין איין־איינציקן צענטער, נאר זי גיסט זיך, פארקערט, פאנאנדער אויף אלע שבעה ימים, מוז אויך די רעגולירנדע ארגאניזאציע זיך צופּאסן צו אט דעם סטיכייאישן גאנג פון דער עמיגראציע, צו איר צווייאונג. א לאנגע צייט נאך מוזן מיר דערווארטן, אז די רעגולירונג פון דער עמיגראציע וועט באשטיין אין דעם, וואס ווי אירע קאנצענטרירנדיקע, אזוי אויך אירע צווייענדע טענדענצן וועלן דורך די רעגולירונג דערלייכטערט ווערן. מען קען ניט זאגן סתם, אז די עמיגראציע צווייט זיך פון זיך אליין: ניין, זי צווייט זיך און זי קאנצענטרירט זיך אין איין און דיזעלבע צייט: דאס הייסט זי קאנצענטרירט זיך אין פילע צענטערן. אט א די צווייזייטיקייט פון דער אידישער וואנדערונג, איר פּאליצענטריזם, ברענגט דערצו, וואס אויך די רעגולירונגס־ארגאניזאציע וועט פאר זיך האבן א ברירה פון די צוויי טענדענצן: די רעגולירונגס־

אָרגאַניזאַציע קען שטרעבן וואָס מער צו דערלייכטערן און צו באַפרייען די צווייענדע טענדענצן פון דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם, זי קען אָבער אויך זיך סטאַרען צו באַגינסטיקן די קאָנצענטרירנדע טענדענצן. פאַר יעדן טעריטאָריאַליסט איז קלאָר, אַז עס איז ווינשנסווערט די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך שטעלן אויף דעם צווייטן וועג.

אויב יאָ, אויב די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע קען יאָ מיטווירקן צו די קאָנצענטרירונגס־טענדענצן פון דעם וואַנדערונגס־שטראָם, מעג מען זיך פאַרט אויסמאָלן, אַז זי וועט מיט דער צייט אויך קענען זוכן נייע איינ־וואַנדערונגס־ערטער. און אין דעם פּרט וועט זי אויך מוזן פאָלגן דעם סטיכייאישן גאַנג פון דער וואַנדערונג, און וועגן אַפּווענדן אים אין גאָר נייע לענדער קען נאַטירלאַך קיין רייד ניט זיין. די אָרגאַניזאַציע מוז נאָר זיין אויף אַזוי ווייט פאַראויסזיכטיק, זי זאָל קענען צווישן יענע לענדער, וואוהין עס צעשפּרייט זיך די וואַנדערונג, אויסגעפינען דעם פּאַסנדסטן צענטער, יענעם, פאַר וועלכן די צוקונפט איז אַם מייסטן. די אָרגאַניזאַציע מוז פּייאיק זיין פאַראויסצוזען, מוז האָבן דעם מוט צו היסטאָרישע ווייטזיכטיקייט, און דעם שכל אויסצומיידן דערביי אויך יעדן אוטאָפּיזם. צי קען אַ רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע זיין אויף אַזוי פיל קלוג און קרעפטיק, איז אַ גרויסע פראַגע; יעדנפאַלס, איז דאָס דער מאַקסימום, וועלכן זי קען דערגרייכן. זוכנדיק די נייע צוקונפטס־לענדער פון דער אידישער עמיגראַציע, ניט כדי די וואַנדערונג צו צווייען, נאָר כדי זי ווי ווייט מעגלאַך צו קאָנצענטרירן, דערגייט די אָרגאַניזאַציע ביז דער העכסטער מדרגה פון דער רעגולירונג, און אויף אַזאַ אופן קומט זי צו יענעם שטריך, וועלכער טיילט אָפּ די עמיגראַציע פון דער קאָלאָניזאַציע. די לעצטע אָבער געהערט שוין בשום אופן ניט צו דעם טעטיקייטס־פעלד פון די רעגולירונגס־איינריכטונגען: דורך זייער טעַ־טיקייט אין דער ווייטער צוקונפט וועלן זיי אפשר אומשטאַנד זיין אינדירעקט צו העלפן דער קאָלאָניזאַציע, דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך סטאַרען צו דערלייכטערן די איינוואַנדערונג אין דאָס קאָלאָניזאַציאָנס־לאַנד, אָבער אָנפירן די קאָלאָניזאַציע וועלן זיי ניט קענען.

ציוניסטישע אויסזיכטן פון רעגולירונגס־אַרבעט.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן אַבסטראַקט, מיר האָבן אין אַלגע־מיין אַנגעגרייט דעם גרעניץ ביז וועלכן עס קען גיין די עמיגראַציאָנס־רעגו־לירונג, עס איז אָבער אויך אין דער קאָנקרעטער ווירקלאַכקייט גאַנץ מעגלאַך, זי זאָל טאַקע דערגיין אַט ביז דיזן גרעניץ, און די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע זאָל טאַקע מיט דער צייט געצוואונגען ווערן זיך ווענדן צו ענערגישער קאָנצענטרירונגס־טעטיקייט. דאָס וועט פאָרקומען ביי פאָלגנ־דע צוויי באַדינגונגען: פון איין זייט דאַרפן אַלע פריערדיקע לענדער פון דער אידישער איינוואַנדערונג פאַרמאַכן זייערע טויערן פאַר אונזערע עמיגראַנטן, און פון דער צווייטער זייט דאַרף אַ נייעס לאַנד אַרויסווייזן

זיין פייאיקייט אַריינצונעמען אין זיך דעם אידישן וואַנדערער־שטראָם. די ערשטע באַדינגונג וועט צווינגען די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע צו זוכן נייע לענדער, און די צווייטע באַדינגונג וועט איר געבן די מעגלאַכ־קייט אַזאַ לאַנד צו געפינען. קיינע פון דיביידע באַדינגונגען געניגט ניט איינע אַליין, כדי צו דערפירן די רעגולירונגס־אַרבעט ביז צו ענערגישער און פּלאַנמעסיקער קאָנצענטראַציע. ווען אַלע ביזאַהעריקע איינוואַנדערונגס־לענדער וואָלטן שוין פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר אונז, הייסט דאָס נאָר, אַז די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע וואָלט מוזן אַנהויבן טראַכטן מכח נייע לענדער, אָבער געפינען זיי אַליין וואָלט זי ניט קענען: ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, קען די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע ניט אָפּקירעווען די וואַנדערונג אין נייע ערטער. זי איז אימשטאַנד נאָר דערלייכטערן דעם גאַנג פון דער עמיגראַציע אין יענע לענדער, וואוהין זי פליסט פון זיך אַליין. ביידע באַדינגונגען ליגן אויסערהאַלב פון דעם אידישן עמ־גראַציאָנס־פּראָצעס, מיט וועלכן די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע באַשעפטיגט זיך. אַליין אַרויסרופן אין לעבן אָדער פאַרבאַרייטן די צווייטע באַדינגונג קען זי אויך ניט. אַלזאָ, בלייבט אונז אויסצוואַרטן, ביז וואַנען די סטיכייאישע אַנטוויקלונג וועט אַליין צו שטאַנד ברענגען ביידע אָנגע־וויזענע תנאים. דאָ הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די ר ע ג ו ־ ל י ר ו נ ג ס ־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ד אַ ר ף א ו ן ק ע ן ז י ך נ י ט ש ט ע ל ן פ ו ן פ אַ ר ו י ס ד ע ם צ ו ו ע ק — צ ו ז ו כ ן נ י י ע אַ י י נ ו ו אַ נ ד ע ר ו נ ג ס ־ ל ע נ ד ע ר, זי דאַרף זיך לכתחילה באַשעפטיקן נאָר מיט דער רעגולירונג אַלס אַזעלכער. אָבער די געשיכטע קען זי מיט דער צייט ברענגען אויך צו אַ ברייטערער אַרבעט, וועלכע וועט שוין גרעניצן גלייך מיט דער קאָלאָניזאַציע.

דערוויל וואָלט דאָס זיין לגמרי שעדלאַך, ווען מיר וואָלטן פּרואוון שטעלן דער עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע אַזוינע ווייטע און צווייפלהאַפטע (פּראָבלעמאַטישע) אויפגאַבן, ווי אַנ׳ערך, די באַהערשונג פון דער עמיגראַ־ציע אָדער די פאַרוואַנדלונג פון עמיגראַציע אין קאָלאָניזאַציע. די וואַנ־דערונג באַרירט ברענענדיקע אַלטעגלאַכע אינטערעסן פון פאָלק, און די רעגולירונגס־אַרבעט דאַרף אויף זיי געבן אַ תשובה. מיר מעגן סטאַרן זיך, אַז די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע זאָל אַכטונג געבן אויף אַלע ריכטונ־גען אין וועלכע עס פליסט דער אידישער וואַנדערער־שטראָם; מיר מעגן פאָדערן, אַז די אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך ניט באַשרענקען מיט יענעם גרויסן רוב עמיגראַנטן, וואָס פאָרן נאָך אַמעריקע, נאָר זי זאָל זיך אויך באַציען אויף יענעם קליינעם צווייג, וועלכער גייט אין דעם נאָענטן מזרח און ספּעציעל אין פּאַלעסטינע: מיר מעגן פאָרויסזען און פאָרויסזאָגן, וואוהין די דאָזיקע אַרבעט וועט מיט דער צייט פירן, וועלכע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון זי עפנט פאַר׳ן פאָלק, אָבער שטעלן דער רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע טעריטאָריאַליסטישע אָדער ציוניסטישע צוועקן טאָרן מיר ניט, ווייל דאָס וואָלט זי אָפּגעצויגן פון איר דירעקטן וועג

פון אַלטעגלאַכער אַרבעט אויף דעם וועג פון פּריצייטיקע עקספּערימענטן און אַוואַנטיורן.

### דעמאָקראַטיע און פילאַנטראָפּיע אין דער רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע.

ווערליק מיר האָבן געשילדערט אין די ביזהעריקע אויספירונגען. איז קלאָר, אַז מכח אַ ריין־קאַפּיטאַליסטישער רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע קען ניט זיין קיין רייד, ווייל אַזאַ מין פרייע אָרגאַניזאַציע דאַרף שטרעבן ניט צו ריוח, נאָר צו דעם וואויל פון די וואַנדערנדע מאַסן. זי ברויכט האָבן אַזאַ באַגייסטערונג און באַזיצן אַזאַ צוטרוי מצד די מאַסן, וואָס פאַר אַן׳עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט איז דאָס גאָר אוממעגלאַך. וועגן דעם טראַכט טאַקע ביי אונז קיינער ניט. ביי אונז רעדט מען אָבער זייער פיל מכח אַ „דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק“: און אין דעזעלבער צייט ווייסן מיר, אַז ביז איצט האָט נאָך אונזער דעמאָקראַטיע גאָר נישט געטאָן צוליב רעגולירן די עמיגראַציע און אַלץ וואָס איז גאָר געמאַכט געוואָרן אין דער הינזיכט, שטאַמט דאָס פון די פילאַנטראָפּן, פון די אידישע „קולטוס־געמיינדן“ (קהילות) אין אויסלאַנד, פון אונזערע „רייכע מומעס“ ווי די אַליאַנס, די יק״א, יט״א א. ז. וו. אַריבערגייענדיק צו דער פראַגע, ווי אַזוי דאַרף געבויט ווערן די פרייע רעגולירונגס אָרגאַניזאַציע, מוזן מיר זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם, וואָס קענען אין דעם פּרט דערגרייכן די אידישע דעמאָקראַטיע און די אידישע פילאַנטראָפּיע, מיר דאַרפן אַנאַליזירן די אינטערעסן און די קרעפטן, ווי פון דער ערשטער אַזוי אויך פון דער צווייטער. און דאָן ערשט וועלן מיר זען, וועלכע פאַר־בינדונג און קאָמבינירונג פון אונזערע געזעלשאַפטלאַכע קרעפטן איז נויטיג. כדי איינצואָרדנען אַ פאַרנינפטיקע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

### צי קען די עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע זיין ריין־דעמאָקראַטיש?

די, וואָס שרייען ביי אונז אַזוי פיל וועגן „דעמאָקראַטישע עמיגראַ־ציאָנס־פּאָליטיק“, האָבן גאָר ניט געפּרואווט זיך קלאָר צו מאַכן, וואָס הייסט דעמאָקראַטיע בכלל. „דעמאָקראַטיע איז קודם כל זעלבסט־הילף, זעלבסט־טעטיקייט, זעלבסט־אָרגאַניזירונג“*) — אָט דאָס מוזן מיר געדענקען, אויב מיר ווילן פאַרנינפטיג ריידן מכח עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק. דעמאָקראַטיש איז נאָר דאָס, וואָס ס׳ווערט אָנגעפירט דורך די פאַר־אינטערעסירטע גופא; דעמאָקראַטיע באַדייט ניט הילף, נאָר זעלבסט־הילף, ניט רחמנות, נאָר קאַמף, זי באַדייט, אַז ניט איינער זאָרגט וועגן אַ צווייטן, איין שיכט, איין קלאַס וועגן אַ צווייטן שיכט, נאָר דער

*) אפרים בלומענפעלד, וועגן ווינער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס („דאָס פרייע וואָרט“ 2, ז. 15).

פּאַראינטערעסירטער פאָלקס-עלעמענט זאָרגט וועגן זיך אַליין. דער, וועגן וועמען מען זאָרגט, דאַרף זיין דער זעלבער, ווער עס זאָרגט, כדי עס זאָל מעגלאַך זיין אַ דעמאָקראַטישע טעטיקייט: אין דער דעמאָקראַטיע פּאַלן צוזאַמען דער סוביעקט מיט דעם אָביעקט פון דער געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט. דאָרט אָבער, וואו אַזאַ צוזאַמענפאַלונג איז אוממעגלאַך, קען וועגן דעמאָקראַטיע קיין רייד ניט זיין. ווער בילדעט אָבער מיט זיך דעם אָביעקט פון דער עמיגראַציאָנס-רעגוליבונג? נאַטירלאַך, די עמי־גראַנטן־מאַסע, וועגן איר דאַרף זאָרגן די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. צי קען אָבער די דאָזיקע מאַסע זיין אויך דער ס ו ב י ע ק ט פון דער דאָזיקער רעגוולירונג, צו קען די עמיגראַנטן־מאַסע זיך אַליין רעגולירן? די דאָזיקע פראַגע שטעלן זיך קיין מאָל ניט יענע, וועלכע האַלטן אין איין אַגיטירן פאַר אַ דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק. זייערע קעגנער לייקענען אָנטשידן די פראַגע: אַזוי, זאָגט ה. וו. מעדעם, אַז „די עמי־גראַנטן קענען זיין נאָר דער אָביעקט פון דער רעגולירונג, אָבער ניט איר סוביעקט“ *) און דעריבער דערלויבן זיך נאָר „ראָמאַנטיקער“ צו ריידן מכח דעמאָקראַטישער רעגולירונג. אין דעם ענין איז מעגלאַך נאָר פילאַנטראָפּיע. ה. וו. מעדעם באַגייט דעם זעלבן פעלער, ווי די „ראָמאַנ־טיקער“, ווי ער רופט זיי אָן (צ. ב., ה' בערטאָלדי), דערמיט וואָס ניט ער, ניט זיי אַנאַליזירן ניט טיפער דעם באַשטאַנד פון אָט דער עמיגרירנדער מאַסע.

די צוזאַמענשטעלונג פון דער עמיגרירנדער מאַסע.

פון וועמען זשע באַשטייט די עמיגרירנדע מאַסע? ריכטיקער גע־זאָגט וועלכע עמיגראַציאָנס-שטופן קען מען אין איר אויסטיילן? ערשטנס, זיינען דאָס די עמיגראַנטן אין ענגן זין פון וואָרט, ד. ה. מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין אויפגעהויבן פון אָרט, שוין געזעצט זיך אין באַן אָדער גאָר אויפ'ן שיף, און נאָך ניט אָנגעקומען אויפ'ן אָרט. אייגנטלאַך, זיינען עס די פּאַסאַזשירן — דער ערשטער טייל פון דער עמיגרירנדער מאַסע. צווייטנס, געהערן צו איר יענע מענטשן, וועלכע האַלטן אין קלייבן זיך אין וועג אָדער וועלכע זיינען שוין אָנגעקומען אויפ'ן אָרט, אָבער נאָך ניט איינגעאָרדנט זיך דאָרטן: דאָס זיינען עמיגראַנטן אין ברייטערן זין פון וואָרט. דריטנס, קען מען אַהער צורעכענען אויך יענע אַלע, ווער עס וועט נאָר מיט דער צייט אפשר פאָרן, ווייל זיינע לעבנס-יסודות אין דער אַלטער היים האָבן זיך שוין פאַנאַנדערגעשאָקלט, הגם דערווייל האַלטן זיי זיך גענוג פעסט, כדי נאָך ניט צו טראַכטן מכח עמיגרירן. דאָס זיינען פּ אָ ט ע נ צ י ע ל ע ע מ י ג ר אַ נ ט ן. עס זיינען פאַראַן אויך פילע אַזוינע, וואָס וואָלטן גערן אַוועקגעפאָרן, אָבער זיי האָבן ניט די נויטיקע

*) וו. מעדעם, וועגן דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע („יעוור. אָבאָזרעניע“ 1910, 9, ז. 5).

מיטלען — אַזוינע געהערן אויך צו די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן. ווען ה' בערטאָלדי רעדט, אַנ'ערד, וועגן דער דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק מיינט ער, אַז דאָס גאַנצע פאָלק קען גלייך צוגעצויגן ווערן צו דער רעגולירונגס־טעטיקייט, ד. ה. ביי אים באַשטייט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון פּאָטענציעלע עמיגראַנטן. אַלזאָ, זיינען אידן אַן עמיגראַנטן־פאָלק, איז שוין קלאָר, אַז די עמיגראַנטן־מאַסע קען זיין דער סוביעקט פון דער רעגולירונג, זי קען זיך אַליין רעגולירן. אויף אַזאַ אופן פאַרברייטערט ער צו־שטאַרק דעם באַגריף „עמיגראַנט“, אַזוי, אַז דיזער באַגריף פאַלט צוזאַמען מיט דעם באַגריף „איד“. ה' וו. מעדעם, פאַרקערט, פאַרשטייט דעם באַגריף „עמיגראַנט“ צו ענג, פאַר אים איז נאָר אַ פּאַסאַזשיר אַנ'עמיגראַנט*), און ווי אַנ'אמת'ער בעל צדקה מיט אַ פילאַנטראָפּישן קוק אויף די עמיגראַציע, שטעלט ער זיך גאָר ניט פאָר, אַז די רעגולירונג זאָל זיין אַנדערש ווי אויף פילאַנטראָפּישע יסודות.

### די דעמאָקראַטישע אינטערעסן אין דער עמיגראַציע.

ווען מיר פאַרשטייען אָבער דעם באַגריף עמיגראַנט און די ווירקונגען פון דער עמיגראַציע רעאַליסטיש, ניט אוטאָפּיסטיש און ניט פילאַנטראָפּיש, דאַן מוזן מיר אונטערשיידן גלייך מיט די פאַרשיידענע עמיגראַציאָנס־שטופן (פּאַסאַזשיר, סתם עמיגראַנט און פּאָטענציעלער עמיגראַנט) אויך פאַרשידענע גראַדן פ א ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ט ק י י ט אין דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע און פאַרשידענע גראַדן קראַפט צו פאַרזאָרגן דיזע אינטערעסן. נאַטירלאַך זיינען די „פּאַסאַזשירן“, די עמיגראַנטן, וואָס געפינען זיך אין וועג, אַם אוממיטלבאַרסטן פאַראינטערעסירט אין דעם רעגולירן די וואַנדערונג. זיי זיינען אָבער אומפּיאַיק צו וועלכער ניט איז אָרגאַניזאַטאָרישער איניציאַטיוו אָדער צום קאַמף פאַר זייערע אינטערעסן. דער אינטערעס איז ביי זיי דער שטאַרקסטער, אָבער אין קראַפט זיינען זיי די שוואַכסטע פון דער גאַנצער וואַנדערער־אַרמיי. זיי קענען וועגן זיך אַליין ניט זאָרגן, זיי מוזן אַנדערע באַזאָרגן. די „פּאַסאַזשירן“ אַלס אַזעלכע קענען זיין נאָר דער אָביעקט, אָבער ניט גלייכצייטיק דער סוביעקט פון דער רעגולירונג. די „אָרגאַניזאַציע פון פּאַסאַזשירן“ איז, בלי ספק, אַ פּוסטער חלום. דאָס גרעסטע, וואָס זיי וואָלטן זיין אים שטאַנד דורכצופירן, איז איין מאָל אין אַ שמיטה אַ סטרייק אין דער עמיגראַנטן־קאַנטאָר אָדער אויפ'ן שיף; איז אויך פאָדערט זיך צוליב אַזאַ סטרייק אַזוי פיל עמפּערונג, סאָלידאַריטעטס־געפיל און מוט, דאָס די עמיגראַנטן זיינען קוים פּיאַיק אים אויסצוהאַלטן און צו געווינען. ווען די גאַנצע עמיגראַציאָנס־רעגולירונג זאָל באַשטיין בלויז אין באַזאָרגן די וואַנדערער אין וועג, די „פּאַסאַזשירן“, וואָלט דאָ געוויינטלאַך

*) פאַרגלייך וועגן דעם אינטערעסאַנטע אויספירונגען פון ה' מ. ב. ראַטנער „די עמיגראַציאָנס־פראַגען“, (יעווּר. אָבאָזר., 1910, 13).

ניט געווען קיין שום רייד מכח דעמאָקראַטישער פּאָליטיק. ווי דעמאָ־
קראַטיש זאָלן אפילו ניט געבויט ווערן יענע עמיגראַציאָנס־איינו׳יכטונגען,
וואָס וואָלטן זיך באַשרענקען נאָר מיט דער באַזאָרגונג פון די „פּאַסאַ־
זשירן״, דאָך וועט אין זיי מוזן הערשן אַ פילאַנטראָפּישע געזינונג, ווייל
דער עמיגראַנט וועט תמיד אהין קומען מיט זיין פּסיכאָלאָגיע פון אָפּ־
הענגיקייט און הילפסלאָזיקייט, און אפילו די בעסטע טוער וואָלטן זיך
מיט דער צייט צוגעוויינט צו באַהאַנדלען די עמיגראַנטן אויפ׳ן פילאַנ־
טראָפּישן שטייגער.

אָבער ווי די עמיגראַציאָנס־פראַגע, אַזוי דאָס דירעקטע רעגולירונגס־
פּראָגראַם, ווי אויך די טעטיקייט בנוגע צו אינדירעקטער רעגולירונג—זיינען
פיל ברייטער פאַר דער פשוט׳ער פּאַסאַזשירן־נויט. ניט נאָר פּאַסאַזשירן,
ניט נאָר סתם עמיגראַנטן, נאָר אויך די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן און אפילו
דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זיינען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַראינטע־
רעסירט אין דער עמיגראַציע און אין איר פּאַרנינפטיקער רעגולירונג.
— און דוקא דערפאַר, ווייל די עמיגראַציע איז ניט קיין פאָלקס־צרה,
נאָר אַ פאָלקס־ברכה. די עמיגראַציע זאָל נאָרמאַליזירט ווערן, פאַר־
קלענערט ווערן, דאָרט וואו זי איז שוין צו גרויס, מחמת צופעליקע סבות,
דערלייכטערט ווערן דאָרט וואו זי שטאַמט פון טיפע און דויערנדיקע
אורזאכן, — אין דעם זיינען פאַראינטערעסירט די גאַנצע אידישע פאָלקס־
מאַסן. דער אינטערעס איז דעם איז, אַלזאָ, אַ ריין דעמאָקראַטישער, דאָס
איז דער אינטערעס, די באַדערפעניש פון פרייער אַנטוויקלונג פון אַ בריי־
טער מאַסן־דערשיינונג, וועלכע ברענגט אויסלייזונג פאַר אַ גרויסן טייל
פון די פאָלקס־נויטן. נאַטירלאַך איז שוין דער אינטערעס פון די בריי־
טע, ניט דירעקט עמיגרירנדע מאַסן, דערביי פיל שוואַכער, ווי די פאַר־
אינטערעסירטקייט פון די פּאַסאַזשירן אַלס אַזעלכע, פון די עמיגראַנטן
סתם און פון די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן: דערפאַר איז אָבער דאָ די
אָרגאַניזירונגס־פייאיקייט און די ווירקונגס־קראַפט שוין אַ גוזמא גרע־
סער. בכלל איז דאָס אַזוי אין דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, ווי אויך אין
פילע אַנדערע פראַגן: וואָס גרעסער עס איז די פאַראינטערעסירטקייט
פון אַ געוויסער שיכט, אַלץ ווייניקער קראַפט באַזיצט דיזע שיכט צו באַשיצן
אירע אינטערעסן. דאָך איז דער אינטערעס פון פאָלק אין דער הינזיכט
גענוג שטאַרק און ברענענד, און, ווען אַ געוויסע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע
זאָל זיך ניט באַגרעניצן מיט באַדינען די פּאַסאַזשירן, וואָלט דיזע אָר־
גאַניזאַציע געוויס קענען צוציען צו זיך די סימפּאַטיע און די מיטוויר־
קונג פון די ברייטסטע שיכטן. אַלזאָ איז אין דער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק
דער גראַד דעמאָקראַטיזירונג אָפּהענגיק פון דער ברייטקייט פון אירע
אויפגאַבן און פון דעם, ווי ווייט ווערן דורך דער רעגולירונגס־אַרבעט
באַרירט די אינטערעסן פון די מאַסן. ווען דאָס פאָלק זאָל אויף זיך נע־
מען די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע וואָלט דאָס ניט הייסן, אַז איין
שיכט וועט זאָרגן וועגן דער צווייטער, נאָר אַז דאָס פאָלק וועט וועגן

זיך אליין זארגן און זיך אליין באדינען. דא וואלט קענען צוזאמענ־פאלן דער סוביעקט מיט דעם אביעקט פון דער רעגולירונגס־טעטיקייט, דאס וואלט געווען באמת א זעלבסטטעטיקייט, א זעלבסטהילף. די דירעקטע עמיגראציאנס־רעגולירונג, ווען זי ווערט געשטעלט אויף אזוינע יסודות, דארף מען באטראכטן ווי א מין קעגנזייטיקע הילף און קעגנזייטיקע אסע־קוראנץ פאר עמיגראציע, קודם כל מצד די פאטענציעלע עמיגראנטן און ווייטער אויך פון יענע אומגעהויערע פאלקס־שיכטן, וועלכע עמיגרירן אליין ניט, זיינען אבער אינדירעקט פאראינטערעסירט אין דער נארמאליזירונג פון די עמיגראציאנס־פראצעסן.

## אידעאל און ווירקלאכקייט אין דער עמיגראציאנס־פאליטיק.

אין דעם זין וואלט געווען, אבסטראקט גערעדט, גאנץ באגרייפלאך א דעמאקראטישע עמיגראציאנס־פאליטיק. דא זעען מיר ווידעראמאל די אנאלאגיע צווישן דער וואנדערונגס־ און דער ארבעטסלאזן־פראגע. פונקט אזוי ווי די פאסאזשירן און סתם עמיגראנטן זיינען אויך די ארבעטסלאזע אומפייאיק זיך פעסט צו ארגאניזירן און זיך אליין צו באזארגן; דאס הייסט אבער ניט, אז אין דער ארבעטסלאזן־פראגע איז מעגלאך נאר פילאנטראפיע, נאר צדקה, פארקערט, ווייל אין דער ארבעטסלאזן־פראגע זיינען ברענענד פאראינטערעסירט ניט נאר די ארבעטסלאזע, נאר אויך די באשעפטיקטע ארבעטער, און ניט נאר דערפאר ווייל יעדער ארבע־טער איז פאטענציעל ארבעטסלאז, נאר אויך א דאנק פילע אנדערע אינ־טערעסן־פארבידונגען, דוקא דערפאר איז גאנץ מעגלאך א דעמאקראטישע ארבעטסלאזן־פאליטיק מצד די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וועלכע בא־שטייט אין קעגנזייטיקער הילף און קעגנזייטיקער אסעקוראנץ; דערפאר קען אויך געמאלט ווערן א דעמאקראטישע ארבעטסלאזן־פאליטיק מצד דער מלוכה.

אונזער דירעקטעס רעגולירונגס־פראגראם, וואס מיר האבן אויבן פא־נאנדערגעוויקלט, איז געניג ברייט, כדי צו באפרידיקן דעם ברייטסטן אינטערעסן־קרייז, וועלכער איז פארבונדן מיט דער עמיגראציע. אויפ'ן גרונט פון דעם פראגראם וואלט מעגלאך זיין א דעמאקראטישע עמיגרא־ציאנס־פאליטיק. ליידער אבער איז אזא פאליטיק מעגלאך נאר ביי גרוי־סער דערפארונג, איינפלוס און קאפיטאלן, וועלכע אונזער דעמאקראטיע באזיצט ניט און קען ניט באזיצן. רייז־דעמאקראטישע עמיגראציאנס־פא־ליטיק איז באגרייפלאך על פי שכל הישר, זי איז אבער אין דער ווירק־לאכקייט אוממעגלאך, און ניט נאר ביי אונז, נאר אויך ביי אנדערע פעל־קער. ווען זי איז אויך שוין גאר דעמאקראטיש, איז דאס נאר דאן, ווען זי ווערט געפירט דורך די פראפעסיאנעלע פאראיינען. אבער מיר האבן געזען, ווי אומגעניגנד איז יענער טייל פון דעם רעגולירונגס־פראגראם, וועלכן זיי זיינען בכח אויף זיך צו נעמען. אין אלגעמיין אבער קען מען אן דעם אנטייל פון קאפיטאל און פון די קאפיטאליסטן ניט דערפילן די ריזיקע

אויפגאבן פון דער עמיגראציאנס־רעגולירונג. **א פרייע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציע, וועלכע זאל אימשטאנד זיין צו רעגולירן די עמיגראציע, קען ניט זיין ריין־דעמאקראטיש.** נאר א מלוכה אדער די פאליטישע ארגאנען פון נאציאנאלער זעלבסט־פארוואלטונג, ווען זיי וואלטן זיין געווען דעמאקראטיש, וואלטן אויך קענען דעמאקראטיש אוועקשטעלן א ברייטע עמיגראציאנס־רעגולירונג; און דערפון זעען מיר ווידער טאקי, אז אונזערע הייסע מגידים פון דער „דעמאקראטישער עמיגראציאנס־פאליטיק“ וואלטן דארפן עטוואס מער זיך אינטערעסירן אויך מיט דער בירגערלאכער און נאציאנאלער עמאנציפאציע פון דעם אידישן פאלק אין די גלות־לענדער. דיזע עמאנציפאציע איז א נויטיקער תנאי פאר דער פארנינפטיקער פאליטיק ניט נאר אין דער אינדירעקטער, נאר אויך ווי מיר זעען איצט, אין דער דירעקטער עמיגראציאנס־רעגולירונג.

### די בהדרגה'דיקע דעמאקראטיזירונג פון דער עמיגראציאנס־פאליטיק.

ווי מיר האבן געזען, וואקסן די דעמאקראטיזירונגס־אויסזיכטן אין אונזער ענין צוזאמען מיט דעם אומפאנג פון יענעם רעגולירונגס־פראגראם וועלכער ווערט באזארגט דורך דער עמיגראציאנס־ארגאניזאציע. דערפון איז שוין אין אלגעמיין, אן ווייטערדיקע פרטים קלאר, אז די דעמאקראטישע עמיגראציאנס־פאליטיק קען זיך ניט איינארדענען מיט א מאל, עס פאדערט זיך א לאנגע צייט ביז די פונקציעס פון דער רעגולירונגס־אנשטאלט וועלן אויסוואקסן ביז דעם גאנצן שטח פון יענע פאלקס־אינטערעסן, וואס ווערן באריררט דורך די עמיגראציע. די דעמאקראטיזירונג פון די פרייע רעגולירונגס־ארגאניזאציעס וועט אלזא פארקומען בהדרגה'דיק, שטופנווייז און דער אנפאנג מוז זיין גאר ווייניק דעמאקראטיש, ווייל פון אנהויב מוז מען ערשט באזארגן די נויטן פון די פאסאזשירן אין וועג, אין בעסטן פאל פון יענע עמיגראנטן (סתם עמיגראנטן) וועלכע זיינען שוין גרייט אויפהויבן זיך פון ארט. דאס זיינען עלעמענטן, וועלכע קענען זיך אליין ניט אויסהאלטן און מוזן אנקומען צו פרעמדער שטיצע. דעריבער איז די ערשטע צייט א דעמאקראטישע פירונג פון די רעגולירונגס־אנשטאלטן לגמרי אוממעגלאך. די גאנצע ארבעט מוז דא ליגן אין פילאנטראפישע הענט. די דעמאקראטיע קען דא, העכסטנס, סטארען זיך צו קאנטראלירן אזוי אדער אנדערש די טעטיקייט פון די פילאנטראפישע חברות, אבער דאס וועט זי אויך ניט לייכט דערגרייכן, ווייל עס איז דאך פארט שווער צו באקומען א קאנטראל איבער אזא געביט, וואו מען ארבעט אליין ניט און וואו מען קען אליין גאר ניט ארבעטן. אויסערדעם איז טאקע די פילאנטראפיע פיל גלייכער און פיל פאסנדער איידער די דעמאקראטיע אומעטום, וואו עס האנדלט זיך וועגן הילף און ניט זעלבסטהילף, ווייל דאס דירעקטע טעטיקייטס־פעלד פון דער ארגאני־

זירטער דעמאָקראַטיע איז קאַמף, און ביי איר הערשן תמיד די אינטע־רעסן פון קאַמף איבער די ענינים פון הילף, פון צדקה.

מיר זעען טאַקע, אַז די אָרגאַניזירטע דעמאָקראַטיע איז פּשוט אומ־פּייאיק אָנצופירן וועלכע ניט איז הילפס־אַקציאָן, און אַז זי נעמט זיך שוין יאָ פאַר איר, טוט זי אָן צרות, אָדער זי פאַרכאַפּט דיזע אַקציאָן אין די הענט פון איינצלנע פּאַרטייען און סטאַרעט זיך אַרויסצושטויסן די פּאַרטייאישע קעגנער. די דעמאָקראַטיע איז קיין מאָל ניט גאַנץ איינ יק, זי איז צוטיילט לויט קלאַסן — די קליין־בירגערלאַכע און די סאָציאַליסטי־שע דעמאָקראַטיע, און אפילו די לעצטע טיילט זיך אויך אין פיינטלאַכע לאַגערן לויט פאַרשידענע פּראָגראַמען. פּרואוו אָקאָרשט אָוועקצושטעלן די פאַרטרעטער פון אונזער דעמאָקראַטיע, זיי זאָלן באַזאָרגן די הילף פאַר די נשרפים, צי וועט דערפון אַרויסקומען אַ גרויסע פּעולה? קיינעם וואָלט גאָר ניט איינפאַלן אַזאַ זאַך. אַן ענלאַך בילד שטעלט מיט זיך פאַר אויך די עמיגראַציאָנס־פראַגע. אין אויסלאַנד עקזיסטירן „קאָמי־טעטן“ פאַר אידישע עמיגראַנטן, אָנגעפירט דורך די מערב־אייראָפּעאישע קהילות און קאַפּיטאַליסטן־פילאַנטראָפּן, און עס עקזיסטירן אויך אין פאַר־שידענע שטעט „עמיגראַנטן־קאַסן“ וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די „רוּ־סישע“ (ד. ה. הויפּטזאַכלאַך אידישע) סטודענטן און אַרבעטער. די ער־שטע זיינען געבויט פילאַנטראָפּיש און ביוראָקראַטיש, די צווייטע — דעמאָקראַטיש. אָבער ווער פון די רוסישע אידן אין אויסלאַנד ווייסט ניט, אַז אויב אַן׳עמיגראַנט, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און פּאָליטישער איבערצייגונג, וויל באַקומען וועלכע ניט איז שטיצע, דאַרף ער זיך ווענדן צו די פילאַנטראָפּישע „קאָמיטעטן“. אָבער ניט צו די סטודענטישע „קאַסן“? ווארום די „קאַסן“ אונטערשטיצן ניט אַלע עמיגראַנטן, נאָר מיט באַשטימטע איבערצייגונגען, און ווען זיי זיינען שוין „אומפּאַרטייאיש“, פאַלן זיי דאָך אַריין צו דער אָדער יענער פּאַרטיי, און ווערן פון איר אויסגענוצט.

### די אַלוועלטלאַכע אידישע פילאַנטראָפּיע.

אויב אין דער ערשטע צייט מוז די פילאַנטראָפּיע האָבן די גאַנצע ממשלה איבער די דירעקטע עמיגראַציאָנס־רעגולירונג, וועט זי אויך שפּע־טער, ביי דער גרעסערער דעמאָקראַטיזירונג פון דער אַרבעט, דאָך ניט קענען אָפּגעשאַפן ווערן, ווייל די דעמאָקראַטיע וועט קיין מאָל ניט באַ־זיצן אַזוי פיל ידיעות, איינפלוס און קאַפּיטאַלן (קרעדיט), זי זאָל קענען אַליין באַשטיין, אָן דער הילף פון דער גרויסער בורזשואַזיע. דערווייל אָבער ליגט די גאַנצע זאַך אין די הענט פון דער פילאַנטראָפּיע און אונ־זערע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גאָר ניט באַשעפטיקט און גאָר ניט אינטערעסירט מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע און מיט דער טעטיקייט פון יענע חברות און קאָמיטעטן, וועלכע האָבן

געאַרבעט אין דעם עניז. מכח דער רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע איז בכלל נאָך כמעט גאָר ניט געטאָן געוואָרן, אָבער דאָס ביסל, וואָס מען טוט יאָ, שטאַמט פון אונזערע פילאַנטראָפּן. ווער זשע זיינען זיי, און וועלכע אינטערעסן זייערע ווערן באַרירט דורך די עמיגראַציע? ה' א. ליטוואַק מיינט, אַז דאָס איז די „אידישע אינטערנאַציאָנאַלע גרויסקאַפּיטאַליסטישע פילאַנטראָפּיע"*) — זי שאַפט אָט די אַלע עמיגראַציאָנס־קאָמיטעטן און „רעגולירט" די עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּייאישע אידן. אָבער וועלכע אינטערעסן באַוועגן די דאָזיקע „אינטערנאַציאָנאַלע" חבריא, אויף דעם שטעלט זיך ה. ליטוואַק ניט אָפּ, און דערפאַר קומט ביי אים אויס די גאַנצע אידישע פילאַנטראָפּיע גאַנץ גלייך אין דער גאַנצער וועלט, ער אונטערשיידט ניט אירע פאַרשידענע טיילן, פונקט אַזוי ווי ה' מעדעם אָדער ה' בערטאָלדי אַנאַליזירן ניט די צוזאַמענשטעלונג פון דער עמיגרירנדיקער מאַסע. ווען די דאָזיקע „אינטערנאַציאָנאַלע אידישע פילאַנטראָפּיע" וואָלט מיט זיך אין דער אמת'ן פאָרגעשטעלט אַזאַ איינאַרטיקע און איינִיקע מאַסע, ווי וואָלט מען דאָס קענען דערקלערן, פאַר וואָס זי איז צוטיילט אין פאַרשידענע חברות און געזעלשאַפטן, וועלכע קאָנקורירן צווישן זיך גאַנץ אָפט זייער אומ'ברחמנות'דיק, און באַמיען זיך איינע מער אויספיינען זיך פאַר'ן עולם, ווי די צווייטע? און זאָגן מיר, אַז די גאַנצע חבריא איז באַהערשט פון אַ ריין־פילאַנטראָפּישן אינטערעס, פון וואַנען זשע, ווידער טאַקע, נעמט זיך אָט די דאָזיקע קאָנקורענץ? מילא די באַצאָלטע דינער און באַאַמטע פון אָט די פאַרשידענע געזעלשאַפטן קאָנקורירן דערפאַר, ווייל זיי זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם דערפאָלג פון יענע איינריכטונגען, וואו זיי דינען. מילא די אנגעשטעלטע קאָנקורירן פאַר עולם הזה; ניט שוין־זשע קאָנקורירן זייערע בעלי בתים, די גרויסע גבירים און בעל צדקות, נאָר פאַר עולם הבא?

### די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער אידישער בורזשואַזיע.

ביי די אומות העולם איז דער גרויסער קאַפּיטאַל פעסט פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן לעבן פון זיין נאַציאָן, ער הערשט איבער דאָס פאָלק און פאַרטרעט אים מיט זיך; ער באַזיצט די גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט און דעריבער איז ער אוממיטלבאַר פאַראינטערעסירט, אַז

*) א. ליטוואַק, וועגן עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס („צייט־פראַגן" 1, ז. 77). דאָסזעלבע מיינט אויך ה' בערטאָלדי אין זיין אַרטיקלען־סעריע „פאַראייניקן אָדער בויען" („פריינד", 1909, באַזונדערס, קאַפּ. 3; „אַלוועלטלאַכע אידישע פילאַנטראָפּיע און אַלוועלטלאַכע אידישע דעמאָקראַטיע", „פריינט" 1909, 138) ה. בערטאָלדי באַמיט זיך ניט צו אַנאַליזירן די סאָציאַלע צוזאַמענשטעלונג ניט פון דער פילאַנטראָפּיע און ניט פון דער „דעמאָקראַטיע". ער באַטראַכט יעדע באַזונדער ווי אַנ'איינהייטלאַכע גרויס, דאָס איז דער געוויינטלאַכער פעלער פון די עמיגראַציאָנס־פּובליציסטן.

די מאַכט און דאָס אָנזען פון זיין נאַציאָן אין דער וועלט זאָל וואַקסן אָן אַ ברעג. כדי צו פאַרטונקלען און פאַרטויבן די קלאַסן־קעגנזאַצן איז דער נאַציאָן, מוז דער קאַפּיטאַל באַזונדערס שטאַרק אונטערשטרייכן די בלומרשטע נאַציאָנאַלע איינהייט, די בורזשואַזיע איז מער נאַציאָנאַל, מער שאָוויניסטיש, מער מיליטאַריסטיש פאַר די איבעריקע קלאַסן און גרופּן פון פאָלק. דער ענגער עקאָנאָמישער צוזאַמענהאַנג צווישן דער בורזשואַזיע מיט די אַנדערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט דערקלערט אונז זייער לייכט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דעם גרויסן קאַפּיטאַל ביי אַנדערע פעלקער; אַ דאַנק אָט דעם עקאָנאָמישן אינטערעסן־צוזאַמענהאַנג, אַ דאַנק דער שטאַרקייט און לעבעדיקייט פון דיזע אינטערעסן טראָגט די טעטיקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן ביי אַנדערע פעלקער אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן און פּ אָ ל י ט י ש ן כאַראַקטער. די כלל־טעטיקייט פון דער גרויסער אידישער בורזשואַזיע איז אָבער גאָר אַנ׳אַנדערע, זי טראָגט אַ ר ע ל י ג י ע ז ן און פ י ל אַ נ ט ר אָ פּ י ש ן כאַראַקטער. בשעת ביי די הערשנדיקע קלאַסן פון אַנדערע אומות שטייט די אמונה נאָר אויף דעם צווייטן פּלאַן אין פאַרגלייך מיט דער נאַציאָן, און די פילאַנטראָפּיע ד. ה. דער „אָרגאַניזירטער רחמנות" שפּילט גאָר אַ קליינע ראָלע, טרעטן אַרויס די פאַרהעלטנישן ביי אידן אין דעם דירעקטן היפּך פון דעם: ביי אידן שטייט די נאַציאָן נאָר אויף דעם צווייטן פּלאַן אין פאַרגלייך מיט דער אמונה, און די פּאָליטיק פאַרנעמט כמעט גאָר קיין פּלאַץ ניט אין דער כלל־טעטיקייט פון אונזערע פּני. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס דער אידישער גרויס־קאַפּיטאַל גייט אַריין אַלס עלעמענט כמעט אויסשליסלאַך אין די ניט־אידישע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, וועלכע האָבן ניט צו טאָן מיט דעם אידישן אַרבעטער און מיט דעם אידישן קאָנסומענט. דעריבער איז דער אידישער גרויס־קאַפּיטאַליסט פיל שטאַרקער און פיל אָפטער פאַרבונדן ווירטשאַפטלאַך מיט די אַרומיקע פעלקער, ווי מיט דער אידישער נאַציאָן; אויף זיין פאַבריק אַרבעטן זייער זעלטן אידן, אין זיין קראָם אָדער באַנק דינען חוץ אידישע אַנגעשטעלטע גאַנץ אָפט אויך ניט־אידישע: זיין קונד, זיין קליענט איז אָפטמאָל אָדער גאָר מערסטנסטייל דער „גוי"; מיט „גוים" פירט ער געשעפטן, מיט „גוים" האַנדלט ער, זיין אידעאַל איז, ווייסנדיק אָדער ניט ווייסנדיק, במזיר צי בשוגג, צו ווערן אַנ׳„אייגענער" אויף דעם „גוי׳אישן" מאַרק און אין דער „גוי׳אישער" געזעלשאַפט. די אידישע מאַסן מיט זייער שפּראַך און מנהגים זיינען אים פרעמד. עס איז לחלוטין אויסגעשלאָסן, אַז ביי אַ אידישן גביר זאָל זיין אַ ריינער נאַציאָנאַל־אידישער אינטערעס, און אַז דיזער אינטערעס זאָל באַהערשן זיין באַוואוסטזיין און זיין לעבן, ווי מיר זעען דאָס מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אידעאָלאָגיע ביי דער גרויס־בורזשואַזיע פון אַנדערע פעלקער. דער נאַציאָנאַל־אידישער אינטערעס ביי אונזערע נגידים איז אין בעסטן פאַל נאָר אַ טיילווייזער, אַ זייטיקער און אַ שוואַכער, אויב ער פעלט ניט אינגאַנצן; און ווען ער איז שוין דאָ, איז ער אויך שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ צווייטן אַנטי־

נאציאנאלן אינטערעס. דער אידישער קאפיטאליסט מעג פילן און דענקען נאציאנאל, האנדלען וועט ער תמיד אין די אדער יענע וויכטיקע הינזיכטן אנטי־נאציאנאל. דער נאציאנאלער אינטערעס פארבינדט אים זייער שוואך מיט דעם אידישן פאלק, און דער אנטינאציאנאלער אינטערעס זיינער טרייבט אים פון פאלק, צווינגט אים צו זוכן ווי ווייט מעגלאך צו צערייסן יענע פעדים, וועלכע פארבינדן אים נאך מיט דעם אידישן פאלק.

### די קוועלן, פארמען און שטופן פון די נאציאנאלע אינטערעסן ביי די אידישע גבירים.

די אידישע איטערעסן־ספערע פון אונזער גביר נעמט זיך פון א גאנץ פארפלאנטערטן סכום פארהעלטנישן. ערשטנס, ווערט אונזער נגיד צוגעבונדן צו זיין פאלק דורך די רעליגיעזע טראדיציע פון געמיינזאמען גלויבן און מנהגים. דיזן פאקטאר קאן מען אנרופן *פאזיטיוו*, אבער ער ווערט אלץ מער אפגעשוואכט דורך דער אסימילאציע. צווייטנס, ווירקט דא אנ׳אנדערער פאזיטיווער פאקטאר, — דאס איז יענער *עקאנאמישער צוזאמענהאנג*, וועלכער עקזיסטירט אין די אידישעווירטשאפטס־געביטן, אין דעם אידישן האנדל און אינדוסטריע: אויף וויפיל דער אידישער גרויס־קאפיטאל האט צו טאן מיט אידישע ארבעטער, מיט אידישע האנדלס־אנגעשטעלטע און מיט אידישע קונדן און קליענטן, אויף אזוי פיל זיינען אויך די מאטעריעלע אינטערעסן פון דעם אידישן נגיד געוויסערמאסן פארבונדן מיט דעם שיקזאל פון דעם אידישן פאלק. ווי מיר וויסן, איז אבער דער דאזיקער פאקטאר גאנץ שוואך, און ער וואלט דורך די אסימילאציע אויך אינגאנצן פארשווינדן, ווען ניט א דריטער, *ריין־נעגאטיווער* מאמענט, וועלכער שטאמט פון דעם *אנטיסעמיטיזם*. די אנטוויקלונג פון דעם אנטיסעמיטיזם און פון דעם אידן־האס בכלל ווירקט נאציאנאליזירנד אויף אלע שיכטן פון דעם אידישן פאלק, און מער פון אלץ אויף דער אינטעליגענץ. דער אנטיסעמיטישער דרוק אויף אונזערע גבירים איז טאקי אליין גאנץ אומבאדייטנד, מיט אים קען מען שוין ווי ניט איז אויסקומען, אבער דער אינטעליגענט, דער מעדיקער, דער יוריסט, אינזשענער, דער שרייבער און געלערנטער, דער קינסטלער און דער קאנדידאט אויף פארשיידענע שטעלן און ווירדן — זיי פילן זייער שארף די פאראכטונג און שנאה פון די „גוים“, זיי ליידן אין זייערע ברענענדסטע נויטן פון דער רעכטלאזיקייט אדער פון ניט־גלייכבארעכטיקונג, פון גזירות און באיקאטן. די ליידן פון די פאלקמאסן דערגייען זייער וויניק צו די אויערן און אויגן, צו דעם הארצן און קעשענע פון אונזער גביר, אבער מיט דעם אידישן אינטעליגענט שטייט ער אין ענגער פארבינדונג, און די נאציאנאליזירנדע ווירקונג פון דעם אנטיסעמיטיזם גיט זיך אריבער פון דער אידישער אינטעליגענץ צו דעם אידישן גרויס־קאפיטאל.

נאַטירלאַך, ווירקן אָט די אַלע פאַקטאָרן ניט אין קיין גלייכער מאָס אויף פאַרשידענע טיילן פון דער אידישער גרויס־בורזשואזיע. קודם־כל קומט דאָ די גרויסע טיילונג צווישן די מזרח־און מערב־אידן: אין אַלגעמיין ווירקן אַלע אָנגעוויזענע פאַקטאָרן פיל שטאַרקער אין מזרח, איידער אין מערב; אָבער דאָ קומען אויך ווייטערדיקע טיילונגען. יענער טייל מזרח־אידן, וועלכער האָט עמיגרירט איבער'ן ים, האָט מיט זיך אהין אריבערגעבראַכט אויך די נאַציאָנאַליזירנדע קרעפטן פון לעבעדיקער טראַדיציע, פון ענגערן עקאָנאָמישן צוזאַמענהאַנג און פון הייסן נאַציאָנאַלן געפיל, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער גרויס־בורזשואַזיע אין אַמעריקא זאָל אַזוי טיף לעבן מיט אידישע אינטערעסן, ווי דאָס איז נאָר בכלל מעגלאַך ביי אונזערע גבירים. אויך אין מזרח זיינען ניט אַלע שיכטן פון דער אידישער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע גלייך באַרירט פון די נאַציאָנאַליזירנדע טענדענצן, און ניט נאָר אין גאַליציען אָדער רומעניען, נאָר אויך אין רוסלאַנד און אַמעריקא איז דער נאַציאָנאַלער תהום (אַ חוץ דעם סאָציאַלן) צווישן די נגידים מיט די מאַסן זייער גרויס. דאָך, בלי ספק, באַשעפטיקן זיך אונזערע פּני אין מזרח־אייראָפּע, טערקיי און אַמעריקא פיל ענערגישער מיט די אידישע כלל־ענינים, ווי אין מערב־אייראָפּע.

אומאָפּהענגיק פון די דאָזיקע אונטערשידן, קענען מיר באַמערקן פילע געמיינזאַמע זייטן אין דער כלל־טעטיקייט פון אונזערע אדירים אין פאַרשידענע לענדער. דער אַלגעמיינסטער שטריך פון זייער טעטיקייט איז, — אַז זיי שטרעבן און האָבן טאַקי די מאַכט צו פאַרטרעטן מיט זיך די כלל־ישראל־אינטערעסן: זיי זיינען די „פּני", זיי האָבן די העגעמאָניע איבער די אידישע ענינים, זיי האַלטן אין זייער רשות די אידישע געמיינדע, זיי באַזאָרגן די אידישע אמונה און אירע מנהגים, זיי פירן די אידישע צדקה־גדולה, זיי זיינען זיך משתדל פאַר די אידישע „רעכט", זיי „קעמפן" קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. און ווייל ביי אידן פעלט דאָס נאַציאָנאַל־פּאָליטישע לעבן, טראָגט זייער טעטיקייט ניט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. דאָס, וואָס ביי אַנדערע אומות נעמט אויף זי די מלוכה, דאָס פירט דורך ביי אידן די קהלה און די פרייע איניציאַטיוו פון די פּני. און ווייל די שטאַרקסטע אינטערעסן פון אונזערע נגידים ליגן דאָך אויסערהאַלב דעם אידנטום, ווייל זיי זיינען צו שוואַך פאַרבונדן מיט די אידישע מאַסן, ווייל זייער אידישער אינטערעס איז צו קליין, דעריבער נעמען אָן זייערע באַציאונגען צו די אידישע מאַסן אַ פילאַנטראָפּישעס אויסזען. אָבער מיר דאַרפן זיך ניט לאָזן נאַרן דורך דעם אויסערלאַכן שיין: אין דער ווירקלאַכקייט ווערט די טעטיקייט פון אונזערע בעל־צדקות געטריבן דורך ווירקלאַכע אינטערעסן, דאָס איז ניט רחמנות, ניט באַרמהאַרציקייט, נאָר דער פאַרפלאָנטעטער סכום פון טראַדיציע, ווירטשאַפטלאַכן צוזאַמענהאַנג און פחד פאַר'ן אַנטיסעמיטיזם — דער שורש פון אונזער באַרימטער צדקה־גדולה. דער אומגליק איז אָבער,

וואָס די טרייבנדיקע אינטערעסן זיינען צו־שוואַך, ווירקן ניט אומאונטער־בראָכן, ווירקן ניט טיף און פּלאַנמעסיק, און דעריבער ווייזט זיך אויס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט פילאַנטראָפּיע, מיט צדקה־געפילן, מיט ניט־פאַראינטערעסירטקייט.

ווען דיזע כלל־מאכער „זאָרגן" וועגן די אידישע מאַסן, באַציען זיי זיך באמת'ן ניט פאַראינטערעסירט און גלייכגילטיק צו דעם גורל פון די אידישע מאַסן, זיי „זאָרגן" אומגערן, געצוואונגענערהייט, אָן אַ ברעקל ליבע און חשק צו דער זאַך פון פאָלק; נאָר דאָס אויך אויף אַ פאַרשי־דענעם אופן. דער גרעסטער רוב מערב־איירָאָפּייאישע מאַגנאַטן פון משה רבינו'ס גלויבן איז כמעט אינגאַנצן אַסימילירט. זיי אַרן לגמרי ניט די נויטן פון די פאָלקס־מאַסן. און פון דעם אויבנאָנגעוויזענעם צווייזייטיקן נאַציאָנאַל־אידישן אינטערעס ווירקט אויף זייער „צדקה־טעטיקייט" ניט די נאַציאָנאַליזירנדיקע, נאָר די אַנטי־נאַציאָנאַלע זייט. זיי ווילן פּטור ווערן פון די אידישע מאַסן מיט זייערע נויטן, זיי שטרעבן דורך „צדקה" שטיל מאַכן די אידנפראַגע; דערלאַנגענדיק אַ קליינע נדבה דעם „שנאָ־רער" פון מזרח, מיינען זיי יוצא זיין פאַר זייער גאַנצער אידישקייט. זייער אינטערעס איז אַנטינאַציאָנאַל און זייער באַציאונג צום אידישן פאָלק איז אַנטיסעמיטיש, זיי האַסן און פאַראַכטן די מאַסן, וועלכע קו־מען אָן צו זייער הילף, זיי וואָלטן וועלן מיט זייער צדקה פאַרניכטן דעם פאָלק. און ווייל זיי זיינען, דיזע מאַגנאַטן, אויסגעצייכנט „לאָיאַל" צו זייערע רעגירונגען, ווייל זיי זיינען פאַרביסענע „פּאַטריאָטן" פון זייערע פאַרשידענע „פאָטערלענדער", שטרעבן זיי דורך זייער צדקה דורכ־פירן די אימפּעריאַליסטישע „ציוויליזאַטאָרישע" באַשטרעבונגען פון דיזע פאַרשידענע „פאָטערלענדער". אַזוי פּלאַנצט איין אומעטום די פראַנצוי־זישע „אַליאַנס" דעם פראַנצויזישן איינפלוס און דינט טריי דער עקס־פּאַנסיאָנס־פּאָליטיק פון פראַנקרייכ'ס קאַפּיטאַל; פאַרקערט, דער דייטשער „הילפספאַראיין" טרייבט איבעראַל אַ דייטשע אימפּעריאַליס־טישע פּאָליטיק. די אַליאַנס וויל אַלע מזרח־אידן מאַכן פאַר עכטע פראַנ־צויזן, דער הילפספאַראיין פאַר עכטע דייטשן. און דינענדיק טריי יעדע איר „פאָטערלאַנד", מוזן דיזע פילאַנטראָפּישע חברות קעמפן צווישן זיך, אָנפירן אַ פאַרביסענע קאָנקורענץ.

עס זיינען אָבער אויך דאָ פילע אַנדערע שאַטירונגען, און ניט נאָר פאַרשידענע שאַטירונגען לויט זייער אונטערשיד אין נאַציאָנאַלער שטי־מונג, בילדן זיך אויס צו פאַרשידענע קעגנערישע חברות, נאָר אויך אינער־האַלב פון יעדער חברה זיינען פאַרטראַטן שיכטן מיט גאַנץ פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אַזוי איז צ. ב. דער „הילפספאַראיין פון די דייטשע אידן" מער נאַציאָנאַל, ווי די „אַליאַנס". די אויסלענדישע „יק'אַ" איז בפירוש אַנטינאַציאָנאַל און כמעט אַנטיסעמיטיש, בעת איר רוסלענדישע אָפּטיילונג. „יק"אַ", טראָגט אַן ערלאַכן נאַציאָנאַלן פּרצוף. אָט די אַלע שטופּן און שאַטירונגען, מיט זייערע אַלערהאַנט געזעלשאַפטן

שטעלן מיט זיך צונויף צוזאמען די „אַלוועלטלאַכע אידישע פילאַנטראָפיע“, ווייל דער אַלוועלטלאַכער כאַראַקטער פון דער אידן־פראַגע און פון דעם אידנטום צווינגט דיזע חברות צו פאַרשפּרייטן זייער טעטיקייט אויף אַלע לענדער פון דער וועלט, אָדער לכל הפחות צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט, פאַרגעסנדיק, ווי ווייט מעגלאַך, זייער קאָנקורענץ פאַר דעם פראַנצויזישן אָדער דייטשן „פּאַטריאָטיזם“.

די עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק פון דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע.

אָט די דאָזיקע צדקה־אַרבעט פון אונזער בורזשואַזיע ווערט אָנגעווענדט אויך צו דער רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע. די עמיגראַציע איז די וויכטיקסטע פון יענע קרעפטן, וועלכע מאַכן פון דער אידן־פראַגע אַ וועלט־פראַגע. די עמיגראַציע איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר דער אַסימילאַציע, איינער פון די מעכטיקסטע נאַציאָנאַליזירונגס־פאַקטאָרן אין דעם אידישן לעבן. אויך אין דעם, ווי אַזוי פאַרשידענע טיילן פון דער אידישער בורזשואַזיע באַציען זיך צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, ווירקן פאַרשידענע אינטערעסן. אין מזרח־איירָאָפּע מאַכט די עמיגראַציע די אידישע מאַסן עטוואָס שיטערער, און ווייל פאַר דעם גביר איז ווינשנסווערט, אידן זאָלן ניט צו געדיכט לעבן, מוז דער מזרח־איירָאָפּעאישער נגיד אין תוך אַריין סימפּאַטיזירן מיט דער עמיגראַציע, ער מוז אויף איר קוקן מיט אַ שטיקל האָפנונג, אַז דורך איר וועט אַ טייל אידן פאַרלאָזן די מזרח־לענדער און די אידן־פראַגע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן. דעריבער איז דער מזרח־אידישער גביר פאַראינטערעסירט אין דעם, די עמיגראַציע אין איר גאַנצן אומפאַנג צו דערלייכטערן, באַזאָרגן ניט נאָר יענע זייטן פון דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, וואָס באַרירן די עמיגראַנטן אין ענגן זין פון וואָרט („פּאַסאַזשירן“ און „סתם עמיגראַנטן“), נאָר אויך די אינטערעסן פון דער פּאָטענציעל־וואַנדערנדיקער מאַסע; ער וואָלט זיך ניט אָפּזאָגן אויסצופירן דאָס דירעקטע רעגולירונגס־פּראָגראַם אין זיין גאַנצן אומפאַנג, ווען עס וואָלט ניט פאָדערן צו פיל מי. פאַרקערט, פאַר די מערב־איירָאָפּעאישע אידן איז די וואַנדערונג אַ ביטערע צרה, ווייל צוזאַמען מיט איר פּעקלט זיך אַריבער קיין מערב די אידישע נויט, די קאָנקורענץ פון די אידישע קליינע הענדלער און בעלי מלאכות מיט די ניט־אידישע, צוזאַמען מיט איר קומט די סכנה פון שטאַרקן עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם. דער גביר פון מערב־איירָאָפּע שטרעבט קלענער צו מאַכן די אידישע וואַנדערונג, און דאָ פאַלט אַריין זיין אינטערעס אין אַ שאַרפער סתירה מיט זיך אַליין: ווירקן אויף דער עמיגראַציע קען דער אידישער מאַגנאַט נאָר דורך דירעקטער רעגולירונג, די לעצטע אָבער האָט די אומאַנגענעמע טבע צו דערלייכטערן די עמיגראַציע און ממילא האָט דאָס שוין די טענדענץ זי צו פאַרגרעסערן... ווי־זשע קען ער זיך אויסהעלפן אַנטקעגן דער דאָזיקער מכה? נאָר דורך דעם, וואָס ער וועט

די עמיגראַציע טאַקע רעגולירן, אָבער נאָר אַזוי זי רעגולירן, אַז די גאַנצע רעגולירונג זאָל טויגן אויף כפּרות. ווייל די עמיגראַציע פּאַרפּעסטיקט יענעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אידנטום, פון וועלכן דער מערב'ישער נגיד חלש'ט פּטור צו ווערן. דערפאַר טרייבט אים זיין קלאַסן־אינסטינקט צו שוואַכער און נישטיקער רעגולירונגס־פּאָליטיק. זיין רע־גולירונגס־אינטערעס איז זייער ענג, אים אַרט גאָר ניט, וואָס דער עמי־גראַנט האָט געהאַט אויסצושטיין פון אָנפאַנג רייזע, און וואָס וועט אים באַשערט זיין אין דער נייער היים. אים קימערט דער עמיגראַנט נאָר כל־זמן דער לעצטער געפינט זיך אויף דער רייזע אין די דורכוואַנדער־רונגס־לענדער פון מערב־אייראָפּע: דאָס הייסט, פון דעם אומגעהויערן סכום עמיגראַציאָנס־אינטערעסן באַרירן דעם מערב־אייראָפּייאישן גביר דער עיקר די נויטן פון די „פּאַסאַזשירן“, און דאָס גאַנצע איבעריקע רעגולירונגס־פּראָגראַם גייט אים גאָר קנאַפּ אָן. אין די אײַנוואַנדערונגס־לענדער זיי־נען שוין די רעגולירונגס־אינטערעסן ביי דער אידישער בורזשואַזיע פיל ברייטער; כדי ניט צו דערלאָזן זיך אײַנצוואָרצלען דעם אידישן דלות, וואָס שרעקט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם און מיט אַנדערע צרות, מוז מען באַזאָרגן די אײַנוואַנדערער מיט שטעלעס א. ד. גל. מען מוז אַלזאָ שטיצן דעם עמיגראַנט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי ער איז שוין געוואָרן אוים פּאַסאַזשיר. מען מוז אויך זען, ווי ווייט מעגלאַך, צו צעזייען די אידישע אײַנוואַנדערונג, ווייל דורך דעם, וואָס זי קאָנצענטרירט זיך אין אייניקע גרעסערע שטעט, אַנטשטייען נייע געטאָס, נייע נעסטן פון אי־דישע פראַגן און פון אַנטיסעמיטיזם. וועלנדיק אויסמיידן דאָס אַלעס, מוז דער אַמעריקאַנער אידישער מאַגנאַט שטרעבן צו אַזאַ עמיגראַציאָנס־רעגו־לירונג, וועלכע זאָל אַרומנעמען אַ ברייטן טייל פון דעם רעגולירונגס־פּראָגראַם, און דערצו נאָך צוגעבן אַ ספּעציעלע שטרעבונג — די וואַנ־דערונג צו צעזייען.

דער דאָזיקער אונטערשיד פון די אינטערעסן ווייזט זיך בולט אַרויס אין דער טעטיקייט פון די עמיגראַציאָנס־חברות אין פאַרשידענע לענדער. בשעת די „קאָמיטעטן“ אין מערב־אייראָפּע האָבן אין זינען נאָר דעם עמיגראַנט אַלס פּאַסאַזשיר און באַגרעניצן זיך מיט דעם, וואָס זיי גיבן אים עטוואָס צו־שטייער אויפ'ן בילעט, אָדער זיי באַזאָרגן אַ געווויסן שוץ פאַר די אידישע פּאַסאַזשירן (אַז אָך און וויי צו דעם שוץ!) — שטעלן זיך די רוסלענדישע עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפטן, ווי די „איק'א“ און „יט'א“, פיל ברייטערע און פיל ערנסטערע אויפגאַבן. קוקט דורך, אַז ערך, די טאַגעס־אָרדנונג פון דעם ליבויער צוזאַמענפאָר פון דער „יקא“, און איר וועט גלייך זען, אַז זי שטרעבט צו פאַרווירקלאַכן אַ באַדייטנדן טייל פון דעם דיר־רעקטן רעגולירונגס־פּראָגראַם. זי דענקט צו באַזאָרגן ניט נאָר „פּאַסאַזשירן“. נאָר אויך עמיגראַנטן בכלל, און אפילו נאָך ברייטערע אינטערעסן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער עמיגראַציע: די טאַגעס־אָרדנונג רעדט אפילו פון „אָפּציען די עמיגראַנטן פון איבערפולטע צענטערן“. נאַטירלאַך,

אַלס געטרייע און לאָיאַלע רוסישע פּאַטריאָטן, אָרדנט מען איין דעם צוזאַמענפאָר אין ליבוי, און מען טראַכט צו אונטערשטיצן די פּאָטערלאַנדישע (ליבויער) שיפפאַרט.

אַלוועלטלאַכע פילאַנטראָפּישע רעגולירונגס־טעטיקייט.

ווי די גאַנצע כלל־ישראל־טעטיקייט פון די אידישע קאַפּיטאַליסטן, אַזוי טראָגט אויך זייער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, און ווידער טאָקע ניט דערפאַר, ווייל דאָס איז אַן אַנטערעסנלאָזע פּאָליטיק, נאָר ווייל די אינטערעסן אַליין זיינען צו שוואַך און קענען ניט גורם זיין צו אַנ׳עכט־פּאָליטישער טעטיקייט. אויך דאָ סטאַרען זיך די צדקה־חברות און קאָנקורירן צווישן זיך ניט פאַר עולם הבא נאָר טאָקע פאַר עולם הזה, אָבער דער טרייבנדיקער אינטערעס איז אַזוי בלאָס און אַזוי בלוט־אָרים, אַז ער זעט אויס ווי פּשוט׳ע גלייכגילטיקייט, און דעריבער ווי פילאַנטראָפּיע. וואָס פעסטער עס איז אָבער דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענהאַנג (דורך טראַדיציע, דורך די ווירטשאַפטלאַכע לאַגע און אַנטיסעמיטיזם) צווישן דעם אידישן קאַפּיטאַל מיט דער אידישער מאַסע, אויף אַזוי פיל ערנסטער איז דער רעגולירונגס־אינטערעס, און אויף אַזוי פיל ווייניקער לאָזט זיך פילן פילאַנטראָפּישע גלייכגילטיקייט אין דער רעגולירונגס־אַרבעט. ווידער טאָקע איז דער ריין־פילאַנטראָפּישער שיין שטאַרקער ביי די מערב־אייראָפּעאישע פני, ווי ביי די רוסלענדישע און אַמעריקאַנישע. און דאָך, ניט קוקנדיק אויף אָט די פאַרשידנהייטן, לאָזן זיך דיזע אינטערעסן לייכט האַרמאָניש קאָאָרדינירן, און די רעגולירונגס־טעטיקייט פון דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע, פון די רייכע קהלות מיט די „רייכע מומעס“ פון דער גאַנצער וועלט, קען זיך צונויפבינדן צו איין אַלוועלטלאַכע „פילאַנטראָפּישע“ וואַנדערונגס־רעגולירונג. ווען איין און דיזעלבע אַלוועלטלאַכע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך שטעלן דעם צוועק — אי צו דערלייכטערן די עמיגראַציע פון רוסלאַנד, גאַליציען, רומעניען, אי ניט לאָזן די וואַנדערער זיך אָפּצושטעלן און באַזעצן זיך אויפ׳ן וועג אין די גרעסערע צענטערן פון מערב־אייראָפּע, נאָר שטופּן זיי ווייטער איבער׳ן ים, אי ניט צולאָזן די אָנזאַמלונג פון נייע אידישע מאַסן אין די איבערפולטע געטאָס פון אַמעריקע — וואָלט זי צופרידנגעשטעלט די וואונשן פון די כל׳ערליי טיילן פון דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע אין אַלע לענדער. און גלייכצייטיק וואָלט אַזאַ רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע דערפולט אַ היפּשן טייל פון דעם דירעקטן רעגולירונגס־פּראָגראַם, באַזאָרגט די ברענענדסטע באַדערפנישן פון אַלע באַשטאַנדטיילן פון דער אידישער עמיגרירנדיקער מאַסע. אַ פּרואוו פון אַזאַ אַלוועלטלאַכער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג שטעלט מיט זיך פאָר די „יט׳א“, נאָר איר אַרבעט האָט זיך ביז איצט באַשרענקט מיט איין גאַלוועסטאָנישער איינוואַנדערונג און האָט אונמיטלבאַר געדינט נאָר דעם וואונש פון די אַמעריקאַנער אידישע מיליאָנערן — צו צוזייען די עמיגראַציע. אין

דער לעצטער צייט לאָזן זיך באַמערקן פאַרזוכן צו קאָאָרדינירן און אפילו פאַראייניקן די פאַרשידענע, צווישן זיך קאָנקורירנדיקע עמיגראַציאָנס־חברות צו איין אַלוועלטלאַכער פילאַנטראָפּישער רעגולירונגס־טעטיקייט. די דאָזיקע פאַרזוכן פאַרבינדן זיך לע"ע מיט דער אַגיטאַציע פאַר אַנ'עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס. מיר מיינען אָבער, אַז יעצט איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַזאַ אַלוועלטלאַכער פאַראייניקונג, און איינפאַך דערפאַר, וואָס די אידישע גרויס־בורזשואַזיע איז דערווייל נאָך צו גלייכגילטיק צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, צו שוואַד אין איר פאַראינטערעסירט. הגם דיזער אינטערעס איז ביי די מזרח־אייראָפּייאישע פּני פיל ערנסטער און ערלאַכער, ווי ביי זייערע מערב־אייראָפּייאישע „גלויבנסגענאָסן", דאָך זיינען זיי אַלע איניק אין דעם באַוואוסטזיין, אָדער וויניקסטנס אין דעם געפיל, דאָס די עמיגראַציע איז אַ סטיכייאישער פּראָצעס, וועלכן צו באַהערשן פאָדערט זיך אַזוי פיל געלט און מי, אַז עס לוינט אפשר גאָר ניט דער גאַנצער עסק. דער אינטערעס איז דאָ; אָבער די אויפגאַבע איז פאַר אָט דעם אינטערעס צו ברייט און צו שווער. און כדי די ברייטקייט פון דער אויפגאַבע זאָל אויפהערן אָפּצושרעקן דיזע לייט, מוז זייער אינטערעס צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע מער אויסוואַקסן, עס מוז רייפער ווערן זייער אומצופרידנקייט מיט דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער אידישער וואַנדערונג, עס מוז זיך פאַרפעסטיקן און פאַרטיפן זייער נאַציאָנאַלער צוזאַמענהאַנג מיט דעם אידישן פאָלק.

### די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע צוליב דער רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע.

מיר זעען, אַז די פרייע געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציע צו רעגולירן די אידישע וואַנדערונג קען ניט געבויט ווערן אויף ריין דעמאָקראַטישע יסודות, און אויך ניט אויף ריין פילאַנטראָפּישע. צוליב דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג איז ביי אונז נויטיק די דערפאַרונג, איינפלוס און קאַפּיטאַל (אָדער קרעדיט), וועלכע פעלן לגמרי ביי דער אידישער דעמאָקראַטיע, און וועלן איר אויך תמיד פעלן, ווי אָרגאַניזירט, ווי סאָלידאַריש און קרעפטיק זי זאָל ניט ווערן מיט דער צייט; פון דער צווייטער זייט אָבער פאָדערט די עמיגראַציאָנס־רעגולירונג טיפע און ברייטע פאַראינטערעסירטקייט אין דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, הייסע באַגייסטערונג און איבערגעבנהייט, אָפּפערוויליקייט, וועלכע פעלן לגמרי ביי דער אידישער פילאַנטראָפּיע, און וועלן איר פעלן שטענדיק, ווי נאַציאָנאַליזירט, ווי ערנסט זי זאָל ניט ווערן מיט דער צייט. ווי גייט מען ארויס פון אָט־דעם פאַר'כשופ'טן קרייז? ווי שאַפט מען אָפּ די דאָזיקע איינזייטיקייט פון דער פילאַנטראָפּיע און פון דער דעמאָקראַטיע? אויף דיזער פראַגע איז מעגלאַך נאָר איין ממשות'דיקער ענטפער, און אים האָבן געגעבן ה' בערטאָלדי מיט זיינע פריינט (און דאָס איז טאַקי איינער פון זייערע גרעסטע פאַרדינסטן): ד אָ ס א י ז ד ע ר ג ע ד א נ ק מ כ ח פ א ר־

איינציקן און קענגזייטיק דערגאַנצן די קרעפטן און די מעלות פון דער פילאַנטראָפּיע מיט דער דעמאָקראַטיע. דאָס הייסט: שאַפן ניט קיין „רעמאָקראַטישע", ווי די ס"ס רופן דאָס אָן, נאָר אַ נאַציאָנאַלע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק, דורך אַ נאַציאָנאַלע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע. ס'איז נויטיק, אַז די דעמאָקראַטיע זאָל אין דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג אַרבעטן צוזאַמען מיט דער פילאַנטראָפּיע. און נאַטירלאַך קען אַזאַ מין מיטאַרבעט ניט זיין דעמאָקראַטיש, ווייל די פילאַנטראָפּיע, וועלכע האָט אין איר רשות די נויטיקע אָביעקטיווע קרעפטן פון דער רעגולירונג, דעם איינפלוס און דאָס געלט, וועט תמיד באַזיצן די אויבערהאַנט איבער דער דעמאָקראַטיע. נאָר מענטשן, וועלכע באַטויבן זיך און צוטומלען דעם עולם מיט שרייענדיקע פראַזן, מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפּרואווט אַריינטראַכטן זיך אין דעם, וואָס זיי ריידן, קענען דאָ איינזען אַ „דעמאָקראַטישע" עמיגראַציאָנס־רעגולירונג.

אָט ווי עס רעדט אַן אָפּטימיסטישער אוטאָפּיסט, וועמעס מח איז באַהערשט פון דעם וואָס ער מאָלט זיך אויס אַלס שיין און געהויבן, און האָט דעריבער פאַרלאָרן יעדן ווירקלאַכקייטס־געפיל: „אָט האָבן מיר די פּעטערבורגער געזעלשאַפט, אָט האָבן מיר די יט"א און אפילו די יק"א... ווער זאָגט אונז, אַז זיי וועלן זיך אַרויסזאָגן קעגן אַן עפנטלאַכן קאָנטראָל?... ווער זאָגט אונז, אַז די קיעווער עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפט וועט זיין קעגן דעמאָקראַטיזם, קעגן אַ פּאַקטישן קאָנטראָל און אַ פּאַקטישן איינפלוס פון דער אידישער עפנטלאַכקייט איבער איר אַרבעט?" („פריינט" 1910, נומ. 162, בערטאָלדי וואָלט זיין אַ ברעקל קאָנסעקווענטער, רעגולירונג" 4). ווען ה' בערטאָלדי וואָלט זיין אַ ברעקל קאָנסעקווענטער, וואָלט ער אונז דאַרפן איינריידן, אַז אָט די אַלע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן וועלן ניט נאָר צולאָזן אַ קאָנטראָל איבער זיך, נאָך מער, זיי וועלן זיך בעטן רחמים — קומט און קאָנטראָלירט אונז!... דער פּעסימיסט דענקט אויך ניט מער רעאַליסטיש. אַזוי טענה'ן ה' א. ליטוואַק און ה' פּ. ליבמאַן אין איין קול, אַז „די אידישע דעמאָקראַטיע האָט ניט קיין שום מיטלען, ניט קיין פּאָליטישע און ניט קיין עקאָנאָמישע, צו ווירקן אויף די שיף'ס מיט די ראָטשילדס. פאַר דער אידישער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג ווערן די דאָזיקע געלט־זעק געוויס גיט נתפעל"...*) אַ מענטש האָט קיין מאָל ניט געזען קיין איין פאַרזוך מצד דער דעמאָקראַטיע צו ווירקן אויף די פילאַנטראָפּישע גדולים, און ביי אים איז רעכט אַ זאָג צו טאָן, אַז „מיר האָבן קיין שום מיטלען ניט". אַז די געזעלשאַפטלאַכע מיינונג קען ניט האָבן קיין שום שליטה איבער אונזערע חברה־לייט. קענטיק אַז אונזערע „סאָציאַל־דעמאָקראַטן" האַלטן ניט באַזונדערס שטאַרק פון אידישער דעמאָקראַטיע... און אין דערזעלבער צייט איז עס רעכט ביי ה' ליט־

*) א. ליטוואַק אין „צייט פראַגן" נומ. 1, ז. 78; דאָסזעלבע פּ. ליבמאַן אין „צייט פראַגן„ נומ. 2, ז. 70.

וואָס צו שמועסן מכח דעם „מאָראַלישן (!) וועקסל", וועלכן „אונזערע פאָלקס־מאַסן וועלן שוין וויסן ווי אויפצומאָנען" פון די קאָוונער רעדל־פירער, און דערזעלבער ה' ליטוואַק ווערט אָקאָרשט ניט נתפעל פון דער וואונדערמאַכט פון דעם דאָזיקן „מאָראַלישן וועקסל"... איבעריק קאָנסעק־ווענט איז ה' ליטוואַק, אַ דאַנק דעם רבש"ע, ניט, און אים פאַלט גאָר ניט איין, אַז אויב מען קען „מאָראַליש" „דריקן אויף די פירער פון דער קהלה" אין רוסלאַנד, קען מען שוין, דורך די רוסלענדישע פּני, דריקן אויך אויף זייערע מערב'ישע גוטע פריינט, אויף די שיף'ס מיט די ראָט־שילד'ס. ה' ליטוואַק מיט זיינע פריינט האָבן ניט קיין באַגריף וועגן דעם נאַציאָנאַלן אינטערעסן־צוזאַמענהאַנג פון דעם אידישן גרויס־קאַפּיטאַל מיט דעם אידישן פאָלק. דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג איז טאַקע זייער שוואַך, אָבער ער עקזיסטירט פאָרט, און דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן אינ־טערעסן, ווי שוואַך זיי זאָלן ניט זיין, איז אויך מעגלאַך צו דריקן אויף די דאָזיקע אינטערעסן.

ווי מיר האָבן ביזאהער געזען, זיינען דיזע אינטערעסן ביי די אידישע גבירים ניט גלייך אינטענסיוו; יענע טיילן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע זיינען מער נאַציאָנאַל לויט זייערע אינטערעסן. לאָזן זיך לייכטער באַאיינפלוסן פון דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג, איידער די מער אַסי־מילירטע, מער אָפּגעריסענע טיילן; און דורך די מער פאַראינטערעסירטע קען מען שוין ווירקן אויף די ווייניקער פאַראינטערעסירטע, אַזוי, אַז סוף כל סוף, ווען נאָר די אידישע געזעלשאַפטלאַכע מיינונג וואָלט זיין גוט אָרגאַניזירט, וואָלט זי קענען צווינגען אונזערע פּני צו רעכענען זיך מיט איר. געווים, הייסט דאָס ניט, אַז די „דעמאָקראַטיזאַציע" וועט זיך אונז איינגעבן אַזוי לייכט, ווי עס חלומ'ט זיך אַ ה' בערטאָלדי, אָבער די לאַגע איז אויך ניט אַזוי ביטער, ווי עס קומט אוים לויט ה' ליטוואַק, און עס איז גאָר ניט ריכטיק, אַז ווען ניט די קמיעה פון „מאָראַלישע וועקס־לען", בלייבן מיר שוין גאָר אויסגעשטעלט.

ווירקן אויף דער פילאַנטראָפּיע, דערשלאָגן זיך צו אַ קאָנטראָל און צו אַן איינפלוס איבער דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג וועט די דעמאָקראַ־טיע קענען, ווען זי וועט זיין גענוג שטייף אָרגאַניזירט און ווען דער נאַציאָנאַלער אינטערעסן־צוזאַמענהאַנג פון דער אידישער גרויס־בורזשואַ־זיע מיט דעם פאָלק וועט זיך אַזוי ווייט פארשטאַרקן, אַז ער זאָל זיין בכח צו צווינגען די ערשטע זיך צוהערן צו דער שטים פון פאָלק. און דאָס וועט טאַקע קומען מיט דער צייט. די אַלץ שטייגנדע פאַרשאַר־פונג פון דער אידן־פראַגע און פון דעם אידן־האַס מצד דער קליין־בור־זשואַזיע און דער רעגירונג אין אַלע לענדער, ווי אויך די שטענדיקע אי־דישע וואַנדערונג וועלן אַלץ טיפער פאַרבינדן די אידישע קאַפּיטאַליסטן מיט זייער נאַציאָן: דער קאַפּיטאַל וועט זיך נאַציאָנאַליזירן, זיין אידישע כלל־טעטיקייט וועט דעריבער מוזן אָננעמען אַלץ מער אַנ'ערנסטערן פּאָלי־טישן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אויב אפילו די אידישע גרויס־בורזשו־

אזיע וועט טאַקי אין גלות קיין מאָל ניט ווערן אַזוי ענג פאַרבונדן מיט איר פאָלק, ווי מיר זעען דאָס ביי אַנדערע, טעריטאָריאַלע פעלקער, דאָך וועט די באַציאונג נאָרמאַלער ווערן. שוין איצט זעען מיר, ווי גרויסע אידישע בעל־צדקות הויבן אָן, זאָגאַר אין די מערב־לענדער, מנדב זיין ניט אויף פילאַנטראָפּיע, נאָר אויף נאַציאָנאַלע צוועקן; עס טרעפט זיך שוין פון צייט צו צייט, אַז אַ גביר שפּענדעט, אַנשטאָט פאַר אַ שול אָדער אַ שפּיטאָל, אויף נאַציאָנאַל־פאָנד, אויף אַ אידישן גימנאַזיום אין פּאַלעסטינע, אויף אַ אידיש־נאַציאָנאַלן וואָל־פאָנד. עס לאָזן זיך שוין וועזן ניט וועזן מערקן נאָך בולט'ערע סימנים פון נאַציאָנאַלער שטימונג, ווי צ. ב. אייניקע קאַפּיטאַליסטן אין עסטרייך (לוסיען ברונער א. אנד.), וואָס טרעטן אַרויס עפנטלאָך פאַר די רעכט פון דער אידישער שפּראַך, פאַר „מאַמע לשון". און די קליינע סימנים ברענגען אונז די ידיעה פון דער ווייטערער צוקונפט, ווען די אידישע פילאַנטראָפּיע וועט זיך אַלץ מער און מער „דע־פילאַנטראָפּיזירן".

נאָך שנעלער פאַר דיזער דעפילאַנטראָפּיזאַציע פון דער אידישער פילאַנטראָפּיע וועט גיין די נאַציאָנאַליזירונג פון אַלע אַנדערע שיכטן פון אידישן פאָלק, די פאַרפעסטיקונג פון די דעמאָקראַטישע און ספּעציעל אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און די מאַסן וועלן באַקומען אַלץ מער מאַכט צו ווירקן אויף דער אידישער פילאַנטראָפּיע, צו נאַציאָנאַליזירן די צדקה גדולה. וועזן ניט די „דעמאָקראַטישע". איז דאָך די נאַציאָנאַלע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק וועלכע וועט פאַראייניקן די מעלות פון דער פילאַנטראָפּיע (דערפאַרונג, איינפלוס און קאַפּיטאַל) מיט די מעלות פון דער דעמאָקראַטיע (הייסער אינטערעס, ליבע, באַגייסטערונג), ניט קיין טרוים, ניט קיין בלאָף, נאָר אַ היסטאָרישע זאַך, וועלכע מוז קומען מיט דער צייט, און וועלכע מען מוז שוין איצט אָנהויבן פאַרצובאַרייטן.

### די אויפגאַבן און וועגן פון אַ נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

די איניציאַטיוו צו אַזאַ פאַרבינדונג פון דער אידישער פילאַנטראָפּיע מיט דער דעמאָקראַטיע קען ניט אַרויסגיין פון דער פילאַנטראָפּיע. די לעצטע קען זיך אַליין באַשטיין אין דער עמיגראַציאָנס־פראַגע, ווי אין אַלע אַנדערע, און אַליין וועלן די גבירים קיין מאָל ניט פאַלן אויף דעם געדאַנק, צו דערנענטערן זיך מיט די מאַסן, נאָר פאַרקערט, זיי וועלן זיך נאָך לאַנג ברעקלען און איינשפּאַרן, ביז וואַנען דער דעמאָקראַטיע וועט זיך איינגעבן צו גושא חן זיין אין די אויגן פון די גדולים בישראל. די דערנענטערונג וועט אויך ניט זיין קיין פּאָלקאַמע, ווייל שלום וועלן ביידע צדדים קיין מאָל ניט קענען. אַלזאָ מוזן מיר זיך דיזע צוזאַמענאַרבעט פאָרשטעלן גיכער ווי אַ שטענדיקן קאַמף, איידער ווי אַ פרידלאָכע קאָאָרדינירונג. כל זמן אָבער די דעמאָקראַטיע איז ניט אימשטאַנד צו צווינגען די בעל־צדקות נוטה צו זיין צו דער געמיינזאַמער

ארבעט, וועט די לעצטע ניט צו שטאנד קומען; נאר דורך אומאונטערבראכענעם דראנג, נאר דורך אנגעשטרענגטן קאמף וועט די וואקסנדיקע דעמאקראטיע באוויזן צו מנצח זיין די גלייכגילטיקייט פון דער פילאנטראפיע, איר העזה און עקשנות. צו דעם איז אלזא נויטיק א ברייטע און אינטענסיווע פאלקס־באוועגונג, וועלכע זאל ארומכאפן אלע שיכטן פון דעם פאלק און גרייט זיין אויסצושטיין הארבע מלחמות מיט די איינגע׳עקשנ׳טע פילאנטראפן. מיט גוטן וועט מען ביי זיי ניט אויסנעמען. נאר דורך א פאלקס־באוועגונג, וועלכע זאל זיך שטעלן דעם צוועק צו דערגרייכן א פארנינפטיקע עמיגראציאנס־רעגולירונג און צו שאפן א נאציאנאלע רעגולירונגס־ארגאניזאציע. נאר פון אזא באוועגונג און ניט פון פובליציסטישע שמועסן מיט דיפלאמאטישע הינטערגענג, קען שטאמען אנ׳ערפאלגרייכע איניציאטיוו צו דער שאפונג פון אזא נאציאנאלער ארגאניזאציע. דער איינציקער מיטל פון אזא פאלקס־באוועגונג וועט זיין די ערשטע צייט ניט דער אינערלאכער, דיפלאמאטישער דראנג אויף די צדקה־חברות, נאר דער דראנג פון אויסן, דורך ברייטע מאניפעסטאציעס און קאמף, דורך דעם איינפלוס פון דער געזעלשאפטלאכער מיינונג, דורך עפנטלאכן באיקאט און פראטעסטן קעגן די איינגעשפארטע כלל־טוער.

דא קומען אבער די „ניכטערע" פובליציסטן פון פילאנטראפישן לאגער, זאל זיין מצד פון די „סאציאל־דעמאקראטישע" פילאנטראפן, און טענה׳ן, אז אזא מין פאלקס־באוועגונג איז לגמרי אוממעגלאך. ה׳ וו. מעדעם ארגומענטירט, אז א פאלקס־באוועגונג איז אוממעגלאך אן א וויטן פרינציפיעלן צוועק, א פאלקס־באוועגונג נויטיקט זיך אין פערספעקטיוון, און היות די עמיגראציאנס־רעגולירונג איז ניט מער, ווי א פאליאטיוו און זי עפנט ניט קיינע וויטע נאציאנאלע אויסזיכטן, איז ממילא ניטא וואס צו ריידן מכח א פאלקס־באוועגונג. א ניכטערער מענטש איז ה׳ וו. מעדעם! און א הייסער ליבהאבער פון צדקה. אין אן „איינזאמן טעט־א־טעט" מיט די ס. ס. וויל ער פאר קיין גליקן ניט: ער וויל ניט אנדערש, ווי זיצן ביי איין טיש מיט די פילאנטראפן, מיט די „רעעלע מענטשן", און ניט מיט דעמאקראטישע אינגלאך. בכבוד׳יקע חשוב׳ע בעל צדקות — נאר פאר זיי האט ער אפשיי... אבער ער פארגעסט, אז ברייטע פאלקס־באוועגונגען אנטשטייען אין דער געשיכטע ארום גאנץ קנאפע צוועקן מיט גאר שמאלע אויסזיכטן; ער פארגעסט הפנים פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג, וועלכע האט אין מערב־איירא־פע טאקע געליטן א גרויסע מפלה, ווען זי האט זיך געשטעלט ווייטע אוטאפיסטישע אויפגאבן, און איז, פארקערט, אויסגעוואקסן צו א פרעכטיקער וואונדערבארער פאלקס־ארגאניזאציע באלד ווי זי האט זיך געשטעלט אויף דעם רעעלן פראקטישן באדן. ווידער מיינט ער מן הסתם, אז יעדע פאלקס־באוועגונג מוז אננעמען א געשטאלט פון א געשלאסענער פארטיי: א באוועגונג אן א פארטיי, א באוועגונג פון פארשידענע

פאַרטייען, וועלכע קעמפן פאַר אַ געמיינזאַמע זאַך, — דאָס קען ניט פאַרטראָגן זיין פאַרטיי־פּאַטריאָטישע נשמה. ער מיינט אַ באַוועגונג צוליב אַריינטראָגן אַ ברעקל נחמה אין דעם עמיגראַנטס שווערן גורל; יאָ, אַזאַ באַוועגונג איז אוממעגלאַך, ווייל דאָס פאָלק האַנדלט קיין מאָל ניט פילאַנטראָפּיש. אָבער די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע הייסט ווייט־ווייט מער, איידער די באַרמהאַרציקע פאַרזאָרגונג פון שיפס־קאַרטן און באַגאַזש פאַר אומגליקלאַכע וואַנדרער. ה׳ וו. מעדעם האָט טאַקע אַ גוט האַרץ, פול מיט רחמנות צו די ליידנדיקע עמיגראַנטן, אָבער דעם תוך פון עמיגראַציאָנס־רעגולירונג פאַרשטייט ער ניט בעסער, ווי דעם תוך פון אַ פאָלקס־באַוועגונג. די עמיגראַציאָנס־רעגולירונג פאַרענטפערט אַ גרויסע פאָלקס־פּראָבלעם, זאָל זיין כאָטש מיט פּאַליאַטיוון; דערפאַר איז אַרום דער עמיגראַציע מעגלאַך אַ פאָלקס־באַוועגונג, און אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג, וואו עס וועלן זיך באַטייליקן פאַרשידענע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס גלייכצייטיק.

## IV. דער אַלוועלטלאַכער אידישער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס

די איצטיקע אויפגאַבע פון דער אידישער דעמאָקראַטיע אין דער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

מיר האָבן געזען, פון וואָס עס ליידעט ביי אונז די איצטיקע עמי־גראַציאָנס־רעגולירונג, פאַר וואָס זי טראָגט אַ פילאַנטראָפּישן, און ניט קיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, פאַר וואָס זי ווערט געפירט אַזוי שוואַך, אַזוי צעוואָרפן. די סבה איז — די ניטאָרגאַניזירטקייט פון דער אידישער דעמאָקראַטיע און די גלייכגילטיקייט פון דער אידישער פּי־לאַנטראָפּיע צו דער עמיגראַציאָנס־פראַגע. מיר האָבן אויך דער־פון אַרויסגענומען, אַז כדי צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע רעגו־לירונגס־אָרגאַניזאַציע זיינען נויטיק צוויי תנאים: די פעסטע אָרגאַניזירונג פון דער אידישער דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַליזירונג פון אונזער גרויס־בורזשואַזיע; ביי דיזע באַדינגונגען וועט די דעמאָקראַטיע ערשט פאַרמאָגן די מאַכט צו צווינגען די בעל צדקות צו רעכענען זיך מיט איר און צוצולאָזן זי צו אַ ווירקלאַכער קאָנטראָל איבער די עמיגראַציאָנס־אַרבעט. ווי מיר ווייסן, וועט דיא פילאַנטראָפּיע ניט קענען און בשום אויפן ניט וועלן נעמען אויף זיך די איניציאַטיווו פון קאָ־אָרדינאַציע מיט דער דעמאָקראַטיע, די דאָזיקע איניציאַטיווו מוז שטאַמען פון אַ ברייטער פאָלקס־באַוועגונג אין וועלכער עס

דאַרפֿן זיך באַטייליקן אַלע אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און אַנדערע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. פרעגט זיך אַלזאָ די קשיא: פון וואַנען זאָל מען איצט אָנהויבן? וואָס זאָל איצט אונטערנעמען די אידישע דע־מאָקראַטיע? פון אונזערע אויספירונגען איז שוין קלאָר, אַז די נאָענטסטע אויפגאַבע פון אונזער דעמאָקראַטיע אין דעם איצטיקן מאָמענט איז — אָרגאַניזירן זיך אַליין, פאַראייניקן אָדער לכל הפחות דערנענטערן און קאָ־אָרדינירן אַלע דעמאָקראַטישע און קודם כל פּראָלעטאַרישע קרעפטן אין אונזער פאָלק, כדי צווישן פילע אַנדערע געמיינזאַמע אַרבעטן אויך אויפ־הויבן אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג צוליב דער נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג. אַזאַ באַוועגונג וועט מיט דער צייט צווינגען די פילאַנטראָ־פּיע אָפּצוטרעטן פון אירע פאַר׳עקשנ׳טע ביוראָקראַטישע גענג און צו שאַפן צוזאַמען מיט דער דעמאָקראַטיע אַ נאַציאָנאַלע רעגולירונגס־אָרגאַ־ניזאַציע. דאָס איז דער איינציקער וועג פון אַ ווירקלאַך דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

דער דיפּלאָמאַטישער וועג פון דער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

ליידער אָבער האָט מען אין דער ווירקלאַכקייט אויסגעקליבן גאָר אַנ׳אַנדערן וועג, דורך וועלכן מען האָפט צו פאַראייניקן די פילאַנטראָפּיע מיט דער דעמאָקראַטיע צוליב געמיינזאַמער עמיגראַציאָנס־טעטיקייט. דאָס איז דער וועג פון דעם „אַלעוועלטלאַכן עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס“, וועגן וועלכן מען טומלט אין דער אידישער פּרעסע שוין זייט צוויי יאָר. דאָ הויבט מען אָן ניט פון אָרגאַניזירן די דעמאָקראַטיע, נאָר מיטאַמאָל טאַקע פון פאַראייניקןביידע צדדים, און פאַראייניקן וויל מען ניט דורך אָפּע־נעם ערלאַכן קאַמף, נאָר דורך דיפּלאָמאַטישע המצאות. און אַזוי ווי לע״ע איז נאָך אונזער פילאַנטראָפּיע אַליין דעזאָרגאַניזירט און צוטיילט אויף קאָנקורירנדיקע חברות, וויל מען גלייכצייטיק מיט איין שלאָג דער־גרייכן אויך אַ צווייטן צוועק: צונויפפירן און פאַראייניקן דיזע חברות, ד. ה. אָרגאַניזירן די פילאַנטראָפּן גופא. אונזערע עמיגראַציאָנס־פּובלי־ציסטן ריידן איין דעם עולם, אַז נאָר אַזוי וועט מען דערגרייכן אַ „דעמאָ־קראַטישע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק“. ווען מיר וועלן זיך ניט לאָזן באַטויבן פון דעם געפּילדער, וואָס מען האָט אויפגעהויבן אין דער פּרעסע, וועט אונז קלאָר זיין אַ גאַנצע סדרה סתירות, וואָס שטעקן אין דעם גאַנצן פּלאַן.

קודם כל מוז אַ פאַרנינפטיקע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע פאַראייניקן די מעלות, ווי פון דער דעמאָקראַטיע, אַזוי אויך פון דער פילאַנטראָ־פּיע: פון דער ערשטער מוז זי נעמען איר הייסע פאַראינטערעסירטקייט און באַגייסטערונג, פון דער צווייטער — דערפאַרונג, איינפלוס און קאַ־פּיטאַלן. דאָ וויל מען אָבער גאָר פאַראייניקן די חסרונות פון ביידע. מען וויל די גלייכגילטיקייט פון דער איצטיקער פילאַנטראָפּיע דערגאַנצן

דורך די דעזארגאניזירטקייט פון דער איצטיקער דעמאקראטיע. און צו דיזן משונה׳דיקן גדאנק קומט נאך צו א פאלקאמן איגנארירן פון דער פילאנטראפישער פסיכאלאגיע; כדי אן קאמף צו דערשלאגן זיך פאר דער דעמאקראטיע אווירקלאכן איינפלוס אין די עמיגראציאנס-ענינים, מוז מען פאראויסזעצן איינס פון די צוויי: אדער אונזערע בעל־צדקות זיינען שוין לכתחילה אזוי דעמאקראטיש געשטימט, זיי זאלן פרייוויליק דערלאזן אנ־ עפנטלאכן קאנטראל איבער זייער ארבעט, אדער זיי זיינען אזוי פיל נאַ־ איוו און אזוי נאריש תקיף ביי זיך, אז זיי זאלן גאר ניט באמערקן ווי מען נארט זיי אריין דיפלאמאטיש אין זאק און ווי מען גיט אפ דער דעמאקראטיע די שליטה איבער זייער ארבעט. נאר א מענטש מיט אזא „שעפערישער" פאנטאזיע ווי אן ערד הער בערטאלדי, קען גלויבן אין דיזע צוויי זאכן. דעם גאנצן פלאן וויל מען דורכפירן גראד יעצט, ווען אונזער דעמאקראטיע איז אבסאלוט דעזארגאניזירט, ווען מיט איר רעכנט מען זיך אין אונזערע אידישע „הויכע פענסטער" נאך ווייניקער, ווי אין די אמאליקע יארן.

איין אלגעמיינעם כלל מוז מען געדענקען אין דער גאנצער פראגע: אין דער עמיגראציאנס-רעגולירונג איז די פילאנטראפיע דער אם וויניקסטן פאראינטערעסירטער צד און גלייכצייטיק פארמאגט זי די גרעסטע נוי־ טיקע קרעפטן צוליב דער רעגולירונגס-טעטיקייט. די דעמאקראטיע איז, פארקערט, דער פאראינטערעסירטסטער צד. איז דען ניט קלאר, אז דער שוואכער מוז אפהענגען פון דעם שטארקן און דער מער פאראינטערע־ סירטער פון דעם מער אינדיפערענטן.

דאס איז אבער ניט קלאר פאר אייניקע עמיגראציאנס-פובליציסטן. פון אונזער דעזארגאניזירטער דעמאקראטיע קען ממילא ניט שטאמען די איניציאטיוו פון צונויפרופן דעם עמיגראציאנס-קאנגרעס; די איניציאטיוו געהערט טאקע גאר ניט וועלכער ניט איז פאליטישער פארטיי, נאר פשוט איינצלנע י ח י ד י ם. זיי, די פאר יחידים, שטעלן זיך דעם צוועק — מנצח צו זיין דעם אינדיפערענטיזם פון די גראבע קעשענעס, צונויפפירן די שיריים פון דער דעמאקראטיע מיט די שטאלצע „ר י י כ ע מ ו ־ מ ע ס", און קודם כל — די „מומעס" מיט די „פעטערס" צווישן זיך צונויפפירן. אט דאס איז דער דיפלאמאטישער, — ריכטיקער געזאגט, שדכנ׳ישער וועג, אויף וועלכן עס האבן זיך געשטעלט די דאזיקע יחידים. דאס איז, נאטירלאך, ניט די דיפלאמאטיע פון שטארקייט, וועלכע שטעלט דעם צווייטן צד פאר שוין פארווירקלאכטע מעשים, פאר פאקטן, מיט וועל־ כע ער ווערט געצוואונגען זיך צו רעכנען; ניין, דאס איז דיפלאמאטיע פון שוואכקייט. דיזע יחידים האבן עס צונויפגעקלאפט דאס ווינער אי־ ניציאטיוו-קאמיטע. זיי באמיען זיך עס צו שאפן א פאלקס-מאנדאט פאר די ווינער קהל׳ניקעס און אסימילאטארן. דער גאנצער ליארם מכח דער „דעמאקראטישער עמיגראציאנס-פאליטיק" קען האבן נאר דעם פועל יוצא, וואס די פאלקס-מאסן וועלן דורך די שיינע רייד פון ה׳ בערטאלדי באַסור־

מען דעם צוטרויען צו די ווינער „פּני“, און וועלן מיינען, אַז די אַסימילאַטאָרישע פילאַנטראָפּן ווילן טאַקי ווירקלאַך באַגליקן דאָס אידישע פאָלק. ווען די אָנמעכטיקסטע דיפּלאָמאַטיע־טרייבעריי פאַרהילט זיך אין אַ מאַנטל פון דעמאָקראַטישער פראַזעאָלאָגיע, איז באמת שוין שווער זיך אויסצומאָלן נאָך אַ גרעסערע סכנה פאַר דער ווירקלאַכער דעמאָקראַטיע.

### וואָס קען אויפטאָן דאָס ווינער „איניציאַטיוו־קאָמיטע“

אַ דאַנק די וואונדערבאַרע דיפּלאָמאַטישע פייאיקייטן פון אונזערע עמיגראַציאָנס־פּובליציסטן זיצט איצט אין ווין אַ „איניציאַטיוו קאָמיטעט“, וועלכער וועט, אים ירצה השם ומומע יק"א, צונויפרופן דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס. דער ברייטער עולם, אויפגערודערט דורך די הייסע קאָנגרעס־דרשות פון ה׳ בערטאָלדי מיט זייגע פריינט, אינטערעסירט זיך נאַטירלאַך צו וויסן, ווי האַלט עס מיט דעם קאָנגרעס, צי וועט ער טאַקע פאַרקומען, צי וועט דאָס זיין ווירקלאַך אַ פאָלקס־קאָנגרעס אָדער בלויז אַ נישטיקע קאָנפערענץ פון עטלאַכע „פּני“, וואָס וועלן קומען פאַרברייננגען אין ווין אַ פאָר שיינע אוונטן? דער אידישער המון האָט דאָס רעכט זיך צו אינטערעסירן ניט נאָר מיט דעם, וואָס ה׳ בערטאָלדי מאָלט זיך אויס אין זיין „שעפערישער“ פאַנטאַזיע וועגן דעם קאָנגרעס, נאָר אויך, וואָס דער קאָנגרעס וועט זיין אין דער ווירקלאַכקייט; ווייל, ווי באַוואוסט, רעכנט זיך די ווירקלאַכקייט גאַנץ קנאַפּ מיט דער שעפערישער פאַנטאַזיע און מיט אירע שיינע חלומות. אָבער כדי צו קענען זאָגן אַ דעה אין אָט די פראַגן וואָלט מען דאַרפן גענוי וויסן די איצטיקע רעאַלע געזעלשאַפטלאַכע קרעפטן, דעם געגעבענעם מענטשלאַכן מאַטעריאַל, און די פאַרשידענהייט צונויפגעפלאָנטערטע אינטערעסן פון כל־ערליי גרופן, גרופּעלאַך און גלאַט חשוב׳ע פּערזאָנען. אין דיזער הינזיכט טרייבן די איניציאַטאָרן פון קאָנגרעס אַזאַ פּאָליטיק, אַז דאָס פּובליקום זאָל זיך פון גאָר ניט דערוויסן, ווייל דאָס קאָן חלילה „שאַטן דעם קאָנגרעס“; דעריבער וויסן מיר ניט גענוי, ווער זיינען זיינע פריינט און ווער זיינען זיינע שונאים. אַלץ ווערט געטאָן און געשפּראָכן בחדרי חדרים, הינטער די קוליסן, וואוהין דער ניט־פאַרטרויטער טאָר ניט אריינקוקן. נאָר פון צייט צו צייט דערשיינט עפּעס אין דער פּרעסע אַ האַלב־אָפיציעלער רמז, אַז דער אָדער יענער פון די „פּני“ האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר דעם אנטייל אין קאָנגרעס, אַז די אָדער יענע „רייכע מומע“ האַלט יאָ אָדער ניט פון דעם שדוך. צי וועט אַזאַ מין טאַקטיק פירן ווירקלאַך צו „דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק“, מעג מען שטאַרק צווייפלען. ווייל דער איינציקער וועג צו אָרגאַניזירן די דעמאָקראַטיע איז — באַקאַנט צו מאַכן דאָס פאָלק מיט דעם אמת. דאָ אָבער ציטערט מען פאַר דעם אמת, ווי פאַר סם המות. די רעדל־פירער, ווי אויך דער גרעסטער טייל פון דער אידישער פּרעסע האַלטן זיך פאַר דעם פּרינציפּ: „היטן דעם קאָנגרעס“, עס זאָל אים

חלילה ניט געשען קיין עין הרע, גלייך אזוי, ווי ביי דער צווייטער מלוכה־דומע האָבן די קאַדעטן אַרויסגעגעבן דעם לאָזונג „היטן די דומע“. איך מיין אָבער, אַז דער אמת קען דעם פאָלק בשום אופן ניט שאַטן, און האָב ניט מורא אַרויסצוזאָגן אפילו וועגן דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס דאָס, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק.

באַטראַכטנדיק אַלע טאַטזאַכן, וואָס אַנבאַלאַנגט די דיפּלאָמאַטישע טאַקטיק פון אונזערע עמיגראַציאָנס־פּובליציסטן, דעם טומל וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן, און די אומבאַשטימטע, גלייכגילטיקע האַלטונג פון די ווינער קהל'ניקעס, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען צונויפרופן דעם קאָנגרעס, מוז מען מסכים זיין, אַז דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס איז פון אָנפאַנג אָן אַריינגעפאַלן אין שוואַכע און אומפּייאיקע הענט. און ווידער טאַקע זיינען דערין שולדיק ניט די יחידים, וועלכע האָבן זיך מיט אַזאַ התלהבות גענומען צו דער זאַך, נאָר די ניט־אָרגאַניזירטקייט פון אונזער דעמאָקראַטיע און דער אינדעפּערענטיזם פון אונזער פילאַנטראָפּיע. דורך דיזע צוויי פאַקטאָרן ווערט געבילדעט אַ פוסטער רוים אַרום דער טעטיקייט פון דעם ווינער קאָמיטעט, וואָס רופט צונויף דעם קאָנגרעס, און אין אַ געזעלשאַפטלאַכער פוסטקייט קען ניט אויסוואַקסן קיין ממשות'דיקע געזעלשאַפטלאַכע טאַט. ווען אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אויף דער אידישער גאַס, האָבנדיק ביי האַנט מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וואָלטן אפילו געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונג, וואָלטן זיי אויך אין בעסטן פאַל אפשר געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ מער־ווייניקער דעמאָקראַטישער פאַרטרעטונג אויפ'ן קאָנגרעס, דאָס וואָלט נאָך אָבער זיין זייער ווייט פון „דעמאָקראַטישער“, אָדער לכל הפחות נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק. איך האָב דאָ ניט קיין פּלאַץ זיך איינצולאָזן אין פאַרשידענע השערות מכח די מעגלאַכע רעזולטאַטן פון דער יעצטיקער אַגיטאַציע; קלאָר איז אָבער יעדנפאַלס, אַז כל זמן מיר האָבן צו טאָן מיט דער גלייכגילטיקייט פון אונזער גרויס־בורזשואַזיע צו די עמיגראַציאָנס־ענינים, הענגט אָפּ דער גורל פון דער גאַנצער אונטערנעמונג ניט פון די וואונשן פון אונזערע דעמאָקראַטישע שיכטן, נאָר פון די אינטערעסן פון אונזערע „פּני“: וועט זיי לוינען צוצולאָזן די דעמאָקראַטיע צו דער עמיגראַציאָנס־טעטיקייט, וועלן זיי צונויפרופן אַ ווירקלאַכן קאָנגרעס; אַ ניט, איז בכלל נאָך אַ גרויסע קשיא, צי וועלן די ווינער אַסימילאַטאָרן נוטה זיין צו ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער די עמיגראַציאָנס־ענינים.

### דער פּלאַן פון אַן עמיגראַציאָנס־באַנק

אָבער די סטראַטעגן פון דעם עמיגראַציאָנס־פּובליציסטישן לאַגער האָבן אַ „פּלאַן“, מיט וועלכן זיי מיינען גלענצענד דורכצופירן די גאַנ־

צע קאַמפּאַניע; דאָס איז דער פּלאַן פון א עמיגראַציאָנס-באַנק, וועלכער וועט זיך געפינען אין די הענט פון פאָלק, ווי עס פאַרזיכערט אונז ה׳ בערטאָלדי מיט זיינע פריינט. ווי אַזוי קענען אָבער די פאָלקסמאַסן באַקומען דעם צוטריט צו דעם באַנק? גאַנץ איינפאַך — דורך אַקציעס: יעדער, וואָס עס באַזיצט אַן׳אַקציע, האָט א שטיקל דעה אין דער פירונג פון דעם פינאַנץ-אינסטיטוט. דערביי פאַרשטייען ניט אונזערע עמיגראַציאָנס-פינאַנסיסטן נאָר איין קלייניקייט, — אַז אויב די אידישע גבירים און די צדקה-חברות וואָלטן שוין יאָ איינגיין דערויף, צו גרינדן אַזאַ מין אינסטיטוט אויף אַקציעס, וואָלטן זיי אויך זאָרגן וועגן דעם, אַז די מערהייט פון די אַקציעס זאָל זיין קאָנצענטרירט אין זייערע אייגענע הענט, און ניט ביי דעם פאָלק. מען דאַרף זיין צו שטאַרק נאַאיוו, כדי צו האָפן, אַז די בורזשואַזיע זאָל מסכים זיין צוצולאָזן די פאָלקסמאַסן צו א ווירקלאַכן איינפלוס אויף אירע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס.

נאָר פון דער ריין פינאַנציעלער זייט באַשטייט די זאַך נאָך ערגער. א באַנק איז בכלל מעגלאַך נאָר פאַר אַזוינע אונטערנעמונגען, וועלכע פאָדערן פיל ג ר ו נ ט ק א פּ י ט א ל, און עס האָט אין אַלגעמיין קיין זין ניט צו גרינדן א באַנק צוליב אַזוינע פונקציעס, וועלכע זאָלן פאָדערן הויפּטזאַכלאַך צ י ר ק ו ל י ר נ ד ע ם ק א פּ י ט א ל. דאָרט, וואו געלט גייט אַוועק יעדע מינוט און קערט זיך ניט אום דורך די זעלבע אָפּעראַציעס, נאָר מוז שטענדיק צופליסן פון אַלץ נייע און נייע קוועלן און מוז פאַרשטעקן אַלץ נייע און נייע לעכער, דאָרט קען מען בכלל ניט ריידן וועגן א „באַנק“ אָדער וועגן „אַקציעס“. לאָמיר זיך אָבער צוקוקן, אין וואָס וועט באַשטיין די טעטיקייט פון בערטאָלדי׳ס „עמיגראַציאָנס-באַנק“. מיר האָבן שוין אויבן בקיצור אויסגעציילט זיינע פונקציעס, און פון יענעם איבערבליק (קאַפּ. 1) איז אַרויסצונעמען, אַז דער דאָזיקער פינאַנץ-אינסטיטוט וועט ניט קענען אויסהאַלטן קיין דויערנדע אונטערנעמונגען מיט א געוויסן גרונט-קאַפּיטאַל, ער וועט נאָר באַזאָרגן לויפנדע נויטן פון שטענדיק פליסנדן מענטשן-מאַטעריאַל. די עמיגראַציע איז א שטראָם, דאָס געלט פון די עמיגראַנטן איז א געלט-שטראָם, און פון א געלט-שטראָם קען מען בשום אופן ניט אויסמאַכן קיין „פיקסן“, פעסטן, גרונט-קאַפּיטאַל. אין דעם דאָזיקן פינאַנץ-אינסטיטוט מוז דאָס געלט פאַרווענדעט ווערן, דער עיקר, אויף קורץ-דויערנדע, שנעל זיך פאַרווירקליכנדע אָפּעראַציעס, פון וועלכע יעדע איינצלנע קען זיך ניט שטעלן ווייטע אויסזיכטן און צוועקן, סיידן מיר זאָלן רעכענען, אַז אונזער „באַנק“ וועט בויען אייגענע עמיגראַנטן-היימען, אייגענע ווערקשטאַטן און אייגענע שיפן. אפשר מיינט טאַקע בערטאָלדי אַזאַ מין באַנק; צום אומגליק אָבער פאַרמאָגן אונזערע בעל צדקות ניט אַזאַ דרייסטע „שעפערישע“ פאַנטאַזיע.

וועט אונזער פינאַנץ-אינסטיטוט נעמען אויף זיך די קאָמיסיע צו פאַרמיטלען דעם פאַרקויף פון שיפסקאַרטן, וועט ער עקספּעדירן באַ-

גאַזש, איבערשיקן געלט, פאַרסטראַכירן די אויסוואַנדערער אויפ'ן פאַל פון צוריקגעשיקט ווערן, וועט ער צאָלן די עמיגראַציאָנס־אינספעקטאָרן און אויסהאַלטן פאַרשידענע ביוראָס, הויפּטזאַכלאַך צוליב אינפאָרמאַציע, — דאָס אַלץ איז פּליסענדעס, צירקולירענדעס קאַפּיטאַל, צו דעם זיינען ניט נויטיק אַקציעס, און אויף דעם קען ניט געבויט ווערן אַ באַנק. אַנ'עמיגראַציאָנס באַנק, וואָס זיין הויפּט־אויפגאַבע זאָל זיין צו באַדינען אַזאַ פליסנדן און וואַנדערנדן מאַטעריאַל — דאָס איז גלאַט אַן אוממעגלאַכע זאַך.

אַזאַ מין פינאַנץ־אינסטיטוט קען מען זיך פאָרשטעלן, אויב מיר ווילן בלייבן אויפ'ן גרונט פון ניכטערע רעאַלע באַטראַכטונגען, אין צוויי אופנים: אָדער ער וועט זיין גאַנץ זעלבסטשטענדיק, דאַמאָלס איז עס ניט קיין באַנק, נאָר אַ מין עמיגראַנטן־קאַסע פאַר קרעדיט און פאַרזיכערונג אין גרויסן מאַסשטאַב, אָדער דער אינסטיטוט זאָל זיין נאָר אַנ'אָפּטיילונג פון אַנ'אַנדער פינאַנציעלער אונטערנעמונג, וועלכע האָט פיל ברייטערע צוועקן, ווי באַזאָרגן עמיגראַנטן, נאָר באַשעפטיקט זיך אַגב אויך מיט וואַנדערונגס־ענינים. אין דעם צווייטן פאַל קען דאָס זיין אַנ'אָפּטיילונג פון אַ באַנק, אָבער דאָך ניט קיין באַנק פאַר זיך; און חוץ דעם, טאַקי נאָר אַ קליינע, ווייניק וואָס באַדייטנדע אָפּ־טיילונג אין דעם ברייטן סכום פון די באַנק־פונקציעס. לאָמיר זיך פאָרט צוערשט אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן צווייטן פאַל. כדי אים צו פאַר־ווירקלאַכן, ברויכן מיר לכתחילה באַזיצן וועלכן ניט איז נאַציאָנאַלן באַנק; אַזעלכן אָבער האָבן מיר ניט, סיידן מיר זאָלן מיינען, אַז דער ציוניסטי־שער קאָלאָניזאַציאָנס־באַנק וועט מעגן, וועט קענען און וועלן נעמען אויף זיך אויך די רעגולירונג פון דער גרויסער אידישער וואַנדערונג אויסער־האַלב פּלשתינא מיט אירע שכנ'ישע לענדער. בלייבט אונז נאָר צו גרינדן גאָר אַ נייע נאַציאָנאַלע באַנק, וועלכע זאָל זיך אויך אַגב באַ־שעפטיקן מיט עמיגראַציאָנס־ענינים, אַנ'ערך נאָך אין אַ ברייטערער מאָס, ווי דאָס טוט יעצט דער טשעכישער נאַציאָנאַלער באַנק „באָהעמיא". איך פאַרשפּאָר אַנצוּוויזן, אַז אויפ'ן סמך פון די עמיגראַציאָנס־אינטערעסן אַליין איז דאָס אידישע פאָלק גאָר ניט מסוגל צו דער ריזיקער קרעפטן־אָנשטרענגונג, וואָס פאָדערט זיך, כדי צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלן באַנק; און אויב עס איז אפילו יאָ מעגלאַך, מיר זאָלן מיט דער צייט באַזיצן אַזאַ באַנק, אַזוי ווי דאָס געפינען מיר ביי די פּויליען און טשעכן, דאָך בלייבט אונז נאָך אַ היבשער מהלך ביז צו יענער צייט.

### אַ אידיש־נאַציאָנאַלע עמיגראַנטן־קאַסע

פאַרבלייבן מיר, הייסט דאָס, דערווייל ביי אַ מין נ אַ צ י אָ נ אַ ־ ל ע ר ע מ י ג ר אַ נ ט ן ־ ק אַ ס ע: ד אָ ס א י ז ד ע ר מ אַ ק ס י מ ו ם, פון וועלכן מען מעג שמועסן לע"ע. איך חזר איבער

און באַטאָן, אַז דאָס איז דער מאַקסימום. אַזאַ מין קאַסע עקזיסטירט אין איטאַליען, וואו די רעגירונג נעמט פֿון יעדן עמיגראַנט אַ געוויסע קליינע שטייער (אַנ'ערך אַנדערהאַלבן רובל), כדי אויסצוהאַלטן די עמיגראַציאָנס־אינספּעקציע א. ד. גל. ווען די אידישע עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך אַוועקשטעלן אויף שטאַרקע פֿיס און דערוועבן צוטרוי ביי די מאַסן, וואָלט זי אויך קענען אַוועקלייגן אויף די עמיגראַנטן אַ געוויסן שטייער צו דעקן אירע הוצאות. דיזער שטייער קען נאַטירלאַך גענומען ווערן פֿון עמיגראַנטן אין ענגסטן זין פֿון וואָרט, ד. ה. פֿון „פּאַסאַזשירן"; חוץ דעם קענען נאָך די אינדירעקט פֿאַראינטערעסירטע פֿאָלקס־שיכטן אויך ביטראָגן צו דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע זייערע מיטגלידס־שטייערן, און דאָס וואָלט געוויס זיין אַ וועג צו דעמאָקראַטיזירן די טעטיקייט פֿון דער רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע. אויף אַזוי פֿיל זיינען גערעכט ה' בערטאָלדי, ה' דאַווידאָוויטש און אַנדערע, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט דעם פּלאַן פֿון אַן עמיגראַציאָנס־פֿינאַנץ־אינסטיטוט, און אין דעם באַשטייט טאַקע, גאַנץ אומאָפּהענגיק פֿון זייערע אָפּטימיסטיש איבערטריבענע האָפֿנונגען, זייער צווייטער גרויסער פֿאַרדינסט אין דער עמיגראַציאָנס־פֿראַגע.

זייערע האָפֿנונגען זיינען אָבער איבערטריבן, אויף וויפֿיל זיי ווילן זיך ניט רעכענען מיט די שוועריקייטן פֿון דעם פּלאַן. די דעמאָקראַטיע, אַלס אַזעלכע, איז ניט אימשטאַנד צו גרינדן אַזאַ קאַסע, און נאָר די אידישע קאַפּיטאַליסטן מיט זייערע „רייכע מומעס" קענען נעמען אויף זיך דורכצופֿירן די זאַך אין לעבן: ווייל גלייך מיט אַמאָל קען ניט אַ נייע פֿינאַנציעלע איינריכטונג אַזוי שטאַרק צוציען צו זיך די סימפּאַטיעס פֿון אונזערע אָרימע פֿאָלקס־מאַסן, אַז זיי זאָלן פֿייאיק זיין קומען מיט צאָלרייכע מיטגלידס־ביטראַגן א. ד. גל. לכתחילה וועט דער נייער פֿינאַנץ־אינסטיטוט נאָך האָבן גאָר ווייניק מיטגלידער און פֿאַרמאָגן גאָר קליינע קאַפּיטאַלן, און וועט אומבאַדינגט מוזן אָנקומען צו דער הילף פֿון די גראָבע קעשענעס. מען דאַרף דערביי אָבער אויך געדענקען דעם אונטערשיד צווישן קאַפּיטאַליסטיש־סוחר'ישער און שווינדלעריש־רויבערשער עקספּלואַטאַציע: די עמיגראַנטן ווערן פֿון פֿאַרשידענע פּריוואַטע קאָנטאָרן און אַגענטן אייגנטלאַך ניט עקספּלואַטירט, נאָר פּשוט באַרויבט און באַשווינדלט, און אויב מיר זאָלן באַוויזן אינגאַנצן צו באַזייטיקן דיזע אַגענטן מיט זייערע שווינדלען, וואָלט דערמיט אויך באַזייטיקט געוואָרן אַ גרויסער טייל ריוח פֿון זייערע מאַכינאַציעס. די אַגענטן באַדינען ניט ווי געהעריק די נויטן פֿון די וואַנדערער, אַלזאָ, האָבן זיי ביי זייער „אַרבעט" גאַנץ ווייניק הוצאות און זיי קוועטשן אויס דורך כל'ערליי שווינדל אַן אומגעהויערן פּראָפֿיט: די רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע, צי ער זאָל זיין ריין־פֿילאַנטראָפּיש, צי נאַציאָנאַל, מוז, פֿאַרקערט, האָבן גרויסע הוצאות, ווייל זי וועט שטרעבן ווירקלאַך צו באַפֿרידיקן די עמיגראַנטן־נויטן. און אין דערזעלבער צייט מוז זי אויך

שטרעבן וואָס ווייניקער צו עקספּלואַטירן דעם עמיגראַנט, וואָס ביליקער געבן אים אירע דינסטן. און טאָמער וועט דער פינאַנץ־אינסטיטוט דער־לייגן צו זיינע אָפּעראַציעס און ער וועט זיך אַליין ניט קענען אויס־האַלטן: די דעפיציטן מוזן שטענדיק געדעקט ווערן פון זייטיקע קוועלן. איז דערפון געדרונגען, אַז די שליטה איבער דאָס געלט און איבער די פונקציעס פון אונזער נאַציאָנאַלער עמיגראַנטן־קאַסע וועט דאָך פאַר־בלייבן ביי אונזערע „רייכע מומעס“, וועלכע וועלן זי ניט נאָר גרינדן, נאָר אויך שפּעטער אונטערשטיצן.

* * *

איך רעזומיר: עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַ ברייטער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע צו רעגולירן די אידישע וואַנדערונג, נאָך ניט געקומען די צייט צו פאַראייניקן די מעלות פון דער דעמאָקראַטיע מיט די מעלות פון דער פילאַנטראָפּיע, ווייל ניט רייף זיינען נאָך ביי־דע מיט זייערע קרעפטן. איך האָב געשטרעבט קלאָר צו מאַכן דעם אונטערשיד פון דעם ריין פילאַנטראָפּישן שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז וואָס גיכער איילן צו הילף די אומגליקלאַכע עמיגראַנטן, און דעם ריין־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף שאַפן אַ רעגולירונגס־אָרגאַניזאַ־ציע אויף אַ ברייטן געזעלשאַפטלאַכן יסוד. לע"ע זיינען זיך נאָך ביי־דע שטאַנדפּונקטן שטאַרק סותר איינער דעם צווייטן, ווייל, כל־זמן אונ־זער דעמאָקראַטיע איז דעזאָרגאַניזירט און די פילאַנטראָפּיע גלייכגיל־טיק, קען ניט אַנטשטיין אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, און מען מוז זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס אונזערע וואַנדערער זאָלן באַקומען וואָר־ניט־וואו וואָסערע ס'איז הילף. איך האָב געשטרעבט קאַלטבלוטיק צו אַנאַליזירן די טענדענצן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג; און פון מיין אַנאַליז איז אַרויסצונעמען, אַז מיט דער צייט וועט זיך די דאָזי־קע סתירה ביסלאַכוויז אויף אַזוי פיל אויסגלייכן, אַזביידע שטאַנד־פּונקטן וועלן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצן און עס וועט מעגלאַך ווערן אַ פּרוכטבאַרע קאָאָרדינירונג פון אַלע אידישע געזעלשאַפטלאַכע קרעפטן.

אָט דאָס איז דער טעאָרעטישער סך־הכל פון מיין בראָ־שור.

אין וואָס באַשטייט אָבער איר פּראַקטישער פועל־יוצא?

דאָ טאָר מען אויך ניט פאַרוועקסלען דעם פילאַנטראָפּישן שטאַנד־פּונקט מיט דעם נאַציאָנאַלן, ווי דאָס טוט, למשל, הער בערטאַלדי, וועל־כער שמועסט איין דעם עולם, אַז דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס וועט ברענגען אַ ישועה אונזער עמיגראַנטן־מאַסע, און אַן אומענדלאַכע ברכה אונזער דעמאָקראַטיע. דאַרפן מיר אינגאַנצן פאַרוואַרפן דעם שטאַנד־פּונקט פון ריינעם רחמנות? דאַרפן מיר געלאָסן צוקוקן די ליידן פון די וואַנדערנדע ברידער, וואָס דיזע ליידן קענען ניט היינט־מאָרגן ווערן אויך די ליידן פון יעדן איינצלנעם פון אונז? דאַרפן מיר רואיק וואַרטן, ביז ס'וועט קומען אַ גינסטיקערע צייט, ביז די דעמאָקראַטיע וועט זיין

אָרגאַניזירט און די גרויס־בורזשואזיע מער נאַציאָנאַליזירט? נאַטירלאַך, ניין. דער מחבר פון דיזער בראָזשור איז גאָר ניט קיין קעגנער פון דעם געפּלאַנטן עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס: אדרבה, ער באַגריסט דיזע אונטער־נעמונג, ווייל אַזאַ קאָנגרעס איז דאָס בעסטע מיטל עפּעס יאָ צו מאַכן צוליב דער אידישער עמיגראַציע. איך בין אַ קעגנער ניט פון דעם קאָנ־גרעס, נאָר פון די אומגעלומפּערטע דרשות. מיין כונה איז ניט מער, ווי אָפּצוקילן די האָפנונגען, כדי צו פאַרהיטן פאַר גרויסע און שעדלאַכע אַנטוישונגען.

פון דעם דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט אָבער איז די זאַך ניט אַזוי איינפאַך. איך בין אַ אַנטשידענער קעגנער פון יענעם פילאַנטראָפּיש־פּעסימיסטישן קוק, וועלכער לייקנט יעדע פאָלקס באַוועגונג אויפ'ן פעלד פון עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק (וו. מעדעם, א. ליטוואַק און זייערע פריינט). אָבער מיר האָבן פאַר זיך נאָר איין איינציקן וועג פאַר אַזאַ פאָלקס־באַ־וועגונג, און דאָס איז דער וועג פון אָרגאַניזירן די דעמאָקראַטיע. און אַרום דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס, אַלס אַ זעלבן, לאָזט זיך דערווייל די אידישע דעמאָקראַטיע ניט אָרגאַניזירן. מחמת דער דיפּלאָמאַטישער פאַרשוויינונגס־טאַקטיק פון די איניציאַטאָרן פון קאָנגרעס, קען מען בכלל נאָך גאָר ניט וויסן, אויף וועלכער וועלט ער איז, און צי וועט ער ווירקלאַך צונויפגערופן ווערן. אויב אָבער יאָ — און דאָס וואָלט געווען זייער ווינטשענסווערט פאַר די עמיגראַנטן — אַזוי וועט ער לכתחילה געבן נאָר אַ קליינעם שטויס דער דעמאָקראַטיע צו אָרגאַניזירן זיך אַרום דער עמיגראַציאָנס־אַרבעט. יעדנפאַלס וועט דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס העלפן צו אָרגאַניזירן זיך אויך דער פילאַנטראָפּיע, און די לעצטע וועט דורך דעם מער געווינען ווי די דעמאָקראַטיע.

איך בין אויך אויסן געווען אַנצואווייזן אויף די גרויסע סכנות פון דעם דיפּלאָמאַטישן וועג, מיט וועלכן עס גייען אַציגד אייניקע יחידים, וואָס געהערן אַליין צו דעם דעמאָקראַטישן לאַגער און פאַרשטייען אָבער ניט די ווירקלאַכע אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע. דיזע עמיגראַ־ציאָנס־פּובליציסטן באַמיען זיך צו געווינען דאָס פאַרטרויען פון די פאָלקס־מאַסן פאַר עטלאַכע ווינער „פּני“, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס, צו שאַפן אַ פאָלקס־מאַנדאַט פאַר די ווינער קהל־ניקעס. אַ דאַנק דעם דיפּלאָמאַטישן פאַרשווייגן פון דעם אמת דורך די „דעמאָקראַטישע“ עמיגראַציאָנס־פּובליציסטן, באַקומען די מאַסן אין רוס־לאַנד און אַמעריקע אַ צו גרויסן און געפערלאַכן צוטרוי צו די אומ־ריינע און ווייט ניט פאָלקספריינטלאַכע מערב־אייראָפּייאישע מאַגנאַטן.

* * *

צולעצט אַ פּאָר ווערטער pro domo mea, פאַר מיינע אייגענע, פאַר דער משפחה, צו וועלכער איך געהער.

וועגן דער אידישער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק איז פאַר די לעצטע צוויי יאָר אויסגעוואַקסן אַזאַ גרויסע ליטעראַטור, וואָס מיט די גע־

שריבענע בלעטער וואָלט מען געווים געקאָנט אויסשפרייטן דעם גאַנצן וועג פון קיעוו ביז גאַלוועסטאָן... און מיט מיין בראָשור בין איך גאָר נים אויסן צו העלפן נאָך לענגער מאַכן דעם דאָזיקן פאַס פּאַפּיר און דערפירן אים אַזש ביז אויסטראַליען... ניין. אַזוי ווי די אידישע פּרע־סע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן און זוכט צו פאַרבאַרגן דעם אמת מכח די געזעלשאַפטלאַכע קרייזן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם געפּלאַנטן עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס, — געפין איך פאַר נויטיק צו וואָרענען, מען זאָל נים איבערטרייבן די אויסזיכטן פון דער עמיגראַציאָנס־רעגולירונג און נים אַריינגאַרן דאָס פאָלק אין דער נעץ פון די אַסימילאַטאָריש־פילאַנ־טראָפּישע טרייבערייען.

מיר ווילן אַלע, אַז דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס זאָל זיך וואָס גיכער צונויפקומען. אָבער מיר ווילן אויך אַלע, מען זאָל אונז נים בלענדן די אויגן.

דעריבער מוזן מיר זיך שאַרף צוקוקן און צוהערן צו דעם, וואָס ס׳ווערט איצט געטאָן. מיר מוזן זען, ווי ווייט מעגלאַך, אויסצונוצן די אַגיטאַציע פאַר דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס, פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַ־טישע פאַרטרעטונג אויף דעם קאָנגרעס, פאַרגרעסערן אונזער איינפלוס אויף זיין אַרבעט. און בשעת איינציקע דיפּלאָמאַטישע יחידים זוכן דורך פשרות און פאַרשווייגונג צו פאַראינמערעסירן די אידישע פילאַנטראָפּיע, מוזן מיר אָנשטרענגען אַלע קרעפטן, כדי אָפּן צו אָרגאַניזירן די אידישע דעמאָקראַטיע. נאָר דורך דעם וועט פאַרשווינדן די געזעלשאַפטלאַכע פּוסטקייט, וועלכע רינגלט אַרום דעם עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס מיט זיינע איניציאַטאָרן, און נאָר אויף אַזאַ אופן וועט געעפנט ווערן אַ נייע שיטה אין אונזער עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק.

# די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע

1.

דער געזעלשאַפטלעכער באַראָמעטער פון אַלע גלות־לענדער זאָגט אָן, אַז עס קומט אַ שטורם. דער געוואַלדיקער יקרות אויף די לעבנס־מיטלען, וואָס האַלט אומעטום די מאַסן אין שטענדיקער אויפרעגונג, די קאָלאָסאַלע פאַרשווענדונגען פון אַלע מלוכות אויף מיליטאַריסטישע צוועקן, די פיבערהאַפטע און ערפאָלגלאָזע אָנשטרענגונגען פון דער דיפּלאָמאַטיע איינצוהאַלטן די אָנגעזאַמלטע מלחמה־געפילן, דער אַלץ וואַקסנדיקער עול פון די שטייערן, די אַלגעמיינע העכערונג פון קאַפּיטאַל־פּראָצענטן און די אָנגעשראָקענע שטימונג אויף דער בערזע — דאָס אַלץ באַווייזט, אַז עס איז נאָענט דער סוף פון דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די לעצטע יאָרן. אין דער פּערספּעקטיוו זעט זיך אַ קריזיס, וועלכן עס וועלן ניט קאָנען פאַרמיידן קיינע מינים אונטערנעמער־פאַראייניקונגען, אָן אַלגעמיינער קראַך, אַלגעמיינע אומרוען. אין דער לופט שמעקט מיט אַנטשיידענע געשעענישן, מיט אום'ברחמנות'דיקן קאַמף און מיט פראַנק און פרייער התלהבות. עס קומט אַ נייער אַקט אין דער וועלטגעשיכטלעכער דראַמע, און די גרעסטע קרענקלעכע דערשיטערונגען איז באַשערט, ווי עס שיינט, צו איבערלעבן די לענדער מיט אידישע מאַסןבאַפעלקערונגען: מזרח אייראָפּע און צפון אַמעריקע.

ניכטערע מענטשן וועלן ניט דערוואַרטן, אַז די אָנקומענדיקע געשעענישן וועלן שוין ברענגען צום „לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף", אַז מיט דעם נייעם בלאַט וועלט־געשיכטע, וואָס עפנט זיך איצט, וועט זיך שוין פאַרענדיקן די אַלגעמיינע גאולה, די העכסטע שטופע פון דעם מענטשלאַכן גן עדן אויף דער ערד. מיר גייען נאָך ניט אַנטקעגן דעם לעצטן נצחון פון אנורא־מאזדא איבער אנגרא־מיינוס'ן; עס זיינען נאָך ניט רייף געוואָרן די באַפרייאונגס־כחות פון די פעלקער פאַר'ן נצחון איבער דער סאָציאַלער סטיכיע.

להיפּוך — די פאַרשטייענדיקע תקופה פון אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם און משיח־האָפנונגען וועט זיך נאָך ענדיקן מיט'ן צוזאַמענברוך פון די אילוזיעס און אַ נייער ירידה. דאָס וועט זיין ניט מער ווי אַ דערפרייענדיקער און פיינלאַכער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג און אין דעם צעפאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער ווי איינע פון די שטורםכוואַליעס, וואָס קומען פאַר דעם זיגרייכן ניינטן וואַל, וועט אויך דאָס איבערלאָזן טיפע ריסן אין די כוואַליע־שניידער פון דער אַלטער וועלט. און אין דעם טאַקע שטעקט זיין היסטאָרישער זין און ווערט.

דער אומרו, וואָס כאַפּט אַרום אַלע געזעלשאַפטלאַכע שיכטן און

אַלע פעלקער, פירט צו דער קאָנצענטראַציע פון די קרוב'ישע, צווישן זיך נאָענטע גרופּן. די קאָנצענטראַציע קומט פאָר לויט די האָריזאָנטאַלע קלאַסן־ליניען פון דער מענטשהייט און לויט די ווערטיקאַלע — נאַציאָנאַלע — שניטן.

וועלכע איבערגרופּירונגען פון די אינערלאַכע כחות קאָנען מיר דערוואַרטן אין אונזער פאָלק? וואָס פאַר א שנויים אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּסיכאָלאָגיע פון אידנטום וועלן אַרויסרופן אָט א די פּראָצעסן?

פאַר דעם נאָכדענקענדן מענטש וועלן די דאָזיקע פראַגן ניט דערשיינען איבעריק.

* *
*

אין תקופות פון געזעלשאַפטלאַכן אויפשוואונג און חורבן לעבט איבער דאָס אידנטום, אַלס שוואַכסטער און באַדנלאָזער צווישן די זיך צונויפשטויסנדע עלעמענטן, די שטאַרקסטע דערשיטערונגען און ברענגט די גרעסטע צאָל קרבנות אויפ'ן מזבח פון „פּראָגרעס". דעריבער דריקט זיך אויס די קאָנצענטראַציע אינ'ם אידנטום אין העכסט נערוועזע, פיבערהאַפטע איבערלעבונגען און נעמט אָן ספּעציפישע פאָרמען.

ביי אַנדערע פעלקער פון אונזער צייט קומט פאָר די קאָנצענטראַציע אין אַזעלכע פאַלן לויט דער קלאַסן־ליניע. עס דערנענטערן זיך די הערשנדיקע שיכטן, בילדענדיק א רעאַקציאָנערן בלאָק; עס דערנענטערן זיך אויף א געמיינזאַמער רעוואָלוציאָנערער פּלאַטפאָרם די צעזייטע און צעשפּרייטע גרופּן פון דער אונטערדריקטער באַפעלקערונג.

די קאָנצענטראַציע איז אָפט ניט גאַנץ, די פאַראייניקונג געלינגט ניט שטענדיק, עס פאַרבלייבן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און רייסערייען, אָבער די נטיה פון קלאַסן־עלעמענטן זיך צונויפבינדן איז קלאָר. אויך איצט זעט מען די דאָזיקע נטיה אין פאַרשידענע לענדער. *ביי די אידן אָבער קומט די קאָנצענטראַציע פאָר ניט לויט די קלאַסן־ליניען, נאָר לויט נאַציאָנאַלע שטרעמונגען.* אין אונזער פאָלק צעפלאַקערט זיך ניט קיין קאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע אָדער צווישן דער שטאָט־באַפעלקערונג און גרויסן אַגראַריער, נאָר צווישן דעם ציוניזם און די צום גלות צוגעבונדענע גרופּן פון אַלע קלאַסן. *און פריער פאַר אַלץ הויבט זיך אָן די קאָנצענטראַציע אין די רייען פון די אַנטי־ציוניסטן.*

מיט דעם וויל איך בשום אופן ניט זאָגן, אַז ביי אידן איז ניטאָ קיין קלאַסן־קאַמף, להיפוך: ביי אונז קומט פאָר דער דאָזיקער קאַמף מער אָנגעשטרענגט און פאַרכאַפּט פיל ברייטערע מאַסן, ווי ביי אַנדערע פעלקער. אָבער דער קלאַסן־קאַמף אינ'ם אידישן פאָלק האָט א קנאַפּן סאָציאַלן תוכן, איז אָרעם אין היסטאָרישע פּערספּעקטיוון. ביי אונז איז זייער שטאַרק

דער עקאָנאָמישער קאַמף צווישן די קלאַסן. אזוי, למשל, זיינען אין משך פון 5 יאָרן (1900—1904) צווישן די אידישע ארבעטער אין תחום־המושב פאָרגעקומען 1780 סטרייקס אין צענדליקער טויזנטער ווערקשטאַטן פון האַנטווערקער, האַנדלס־אונטערנעמונגען און פאַבריקן.*) פאַר די זעלבע 5 יאָר האָט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פאַררעגיסטרירט אין גאַנצן אייראָפּעאישן רוסלאַנד סך הכל 481 סטרייקס (פון פאַרשידענע נאַציעס) אין 1030 פאַבריק־אונטערנעמונגען: אין בעלגיען זיינען אין משך פון די זעלבע 5 יאָר פאָרגעקומען ניט מער ווי 487 סטרייקס, אין דער שווייץ זיינען אין משך פון 41 יאָר (1861־1900) פאָרגעקומען ניט מער ווי 1001 סטרייקס. פאַר די דערמאָנטע 5 יאָר האָבן געסטרייקט דורכשניטלאך אַ יאָר אויף יעדע 1000 אַרבעטער: אין דייטשלאַנד — 11 מאָל, אין בעלגיען — 14, אין גרויס־בריטאַניע — 15, עסטרייך — 21, פראַנקרייך — 30, אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד — 26, און ביי די אידן פון „תחום המושב" — 58.

מ'קאָן אויך ניט זאָגן, אַז דער קאַמף איז געווען ניט געלונגען פאַר די אידישע אַרבעטער. להיפוך! בשעת אין בעלגיען האָבן נאָר 7.5 פּראָצענט סטרייקנדיקע אַרבעטער אָפּגעהאַלטן אַ פולן נצחון איבער די בעלי־בתים, אין עסטרייך — 9 פּראָצ., אין פראַנקרייך — 13 פּראָצ., אין גרויס־בריטאַניען — 30 פּראָצ., אין דייטשלאַנד — 49,5 פּראָצ., אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד — 26 פּראָצ., האָבן ביי אידן פון „תוחם" אָפּגעהאַלטן 63,5 פּראָצענט פון די סטרייקנדיקע אַ פולשטענדיקן זיג, 22,5 פּראָצ — אַ טייל־ווייזן דערפאָלג און נאָר 14 פּראָצ. האָבן געליטן אַ פולע מפּלה.

זייער גרויס איז אויך די אָנגעשטרענגטקייט פון די עקאָנאָמישע קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און אַרבעטגעבער אין תחום־המושב. דאָס קאָן מען זען אפילו ווען מ'פאַרגלייכט די „ווידערשטאַנדס־קאָפּיציענטן" פון די סטרייקס. למשל, אין משך פון די דערמאָנטע 5 יאָר איז אויסגעקומען אין גאַנצן אייראָפּעאישן רוסלאַנד דורכשניטלאך 4.7 פאַרלאָרענע אַרבעטס־טעג אויף יעדן איינעם פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער, און ביי אידן פון תחום־המושב — 9,5 טעג, ד. ה. דער ווידערשטאַנדס־כח פון די צדדים אין די צוזאַמענשטויסן ביי אידן איז צוויי מאָל גרעסער, ווי ביי די אַרומיקע פעלקער.

אלזאָ, אויפ'ן עקאָנאָמישן געביט שטייט, ברוך־השם, אונזער קלאַסן־

*) די ציפערן וועגן סטרייקס פון אידישע אַרבעטער ברענג איך אויפ'ן יסוד פון אַ סטאַטיסטישער פאָרשונג, וועלכע איך האָב ספּעציעל אונטערגענומען און וועלכע איז נאָך ניט פאַרעפנטלאַכט (די דאָזיקע העכסט־וויכטיקע אַרבעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1923 אין בערלין אונטערן נאָמען: „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן.—ב. ל.). די מאָדנע באַהויפּטונג פון י. לעשצינסקי, אַז די אידישע אַרבעטער זיינען ווייניקער פון אַנדערע געניגט צו סטרייקס, שטייט אין אַ שרעקלאַכן ווידערשפּרוך צו די אַלעמען באַקאַנטע פאַקטן און באַזירט דורכאויס אויף מיספאַרשטענדנישן.

קאַמף לגמרי ניט אָפּ פון אַנדערע פעלקער. אין דעם זין זיינען מיר זיי אפילו „פאַרלאָפן דעם וועג“.

אָבער סטרייקס, באָיקאָטן, לאָקאוטן, כלערליי מינים פון סאַבאָטאַזש. אָט־אָ די אַלע צאָללאָזע גרויסע און נישטיקע אויסדרוקן פון עקאָנאָמישע אַנטאַגאָניזמען אין דעם תחום־המושב — זיינען די איינציקע פאָרם פון קלאַסן־קאַמף אינערהאַלב פון דעם אידישן פאָלק. דאַגעגן אָבער אויף אַנדערע געביטן פון קלאַסן־קאַמף באַשטייט ביי אונז דער ענין גאָר ניט גלענצנד.

ביי אונז איז ניטאָ — און ביי די געוויינלאַכע גלות־תנאים איז עס אוממעגלאַך — קיין פּאָליטישער קלאַסן־קאַמף, ווייל דאָס אידישע פאָלק, אַלס גאַנצעס, איז אָפּגעריסן פון מלוכה־בוי און פון פּאָליטישער הערשאַפט. אונזערע קלאַסן, יעדער פון זיין באַזונדערן שטאַנדפּונקט, נעמען אַנטייל אין דעם פּאָליטישן קאַמף פון די אַרומיקע פעלקער. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן אַרויסטרעטן קעגן דער בורזשואַזיע בכלל און בתוכה קעגן דער אידישער בורזשואַזיע. אָבער דאָס איז ניט קיין קאַמף פאַר הערשאַפט אינערהאַלב פונ'ם אידנטום, ווייל דאָ איז ניטאָ ביי וועמען אָפּצונעמען די הערשאַפט, און ס'וואָלט ניט געווען וועמען איבערצוגעבן זי אינ'ם פאַל פון נצחון. נאָר די עקאָנאָמישע קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען צעשפּילן זיך אינערהאַלב פון אידישן פאָלק, די פּאָליטישע סכסוכים אָבער צילן פאַרביי און געפינען אַנהאַלטס־פּונקטן אין דרויסן.

אמת, ביי אונז עקזיסטירט אַ קהלה מיט אירע איינריכטונגען, און מיר שטרעבן צוצוגעבן איר פּאָליטישע פאָרמען; מיר חלומ'ען, סוף כל סוף, פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין גלות. אָבער די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַרניינט טאַקע דעריבער פּרינציפּיעל אונזער צעזייט־ און צעשפּרייטקייט, ווייל כדי צו דערגרייכן איר, איז נויטווענדיק די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף אינערהאַלב פון פאָלק. און דאָס קומט פאָר, טראָץ דעם, וואָס אונזערע „סיימיסטן“ האָבן אַזוי ניט אויפמערקזאַם איבערגעשריבן פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, כפרט ביי שפּרינגער'ן...

איך וועל נערן צוגעבן, אַז ווען מיר דערגרייכן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין גלות, באַקומען מיר אויך אַ וועלכע ס'איז שטיפּלעכע פאַר'ן פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף אינערהאַלב פון אידישן פאָלק. אָבער די דאָזיקע פּלעבע וועט זיין צושמאָל און צו־אָרעם מיט סאָציאַלע מאָמענטן, און דעריבער וועט אויך אונזער פּאָליטישער קאַמף אינערהאַלב און אַרום די אויטאָנאָמע־איינריכטונגען פונ'ם אידישן פאָלק אונז ניט קאָנען פאַרבייטן יענעם מקור און צענטער פון פּאָליטישן לעבן, וועלכן אַנדערע פעלקער האָבן אין זייער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי אונז איז אייגנטלאַך ניטאָ קיין קאַמף פון קלאַסן־אידעאָלאָגיעס. די קלאַסן פון אונזער פאָלק האָבן, געוויס, אַ פאַרשידנאַרטיקע פּסיכיק

און פיינטלאַכע אידעאַלן, אָבער זייער קלאַסן־אינהאַלט קומט ניט פונ'ם אידישן, נאָר פונ'ם ארומיקן לעבן. די דאָזיקע אידעאַלן זיינען — אין קעגנזאַץ צו די באַהויפּטונגען פון אונזערע נאַציאָנאַליסטן־באַשולדיקער — ניט אַבסטראַקט, ניט קיין פּראָדוקטן פון קאָפּ, פון ראַציאָנאַלן כאַראַקטער; ניין, — זיי זיינען ניט זעלטן פול מיט לעבעדיקן, אַקטיוון און שעפערישן אינהאַלט, ווייל זיי שטאַמען פונ'ם לעבן; אָבער דאָס לעבן, פון וועלכן מיר נעמען אונזער סאָציאַליזם, ראַדיקאַליזם, ליבעראַליזם, קלעריקאַליזם, — איז ניט דאָס אידישע לעבן. דאָס איז דאָס לעבן פון אַנדערע פעלקער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונזערע אידעאָלאָגיעס. ווייל מיר קומען מיט אים אין באַרירונג, מיר באַטייליקן זיך אין אים.

און אַזוי אַרום האָבן מיר אינערהאַלב פון אידישן פאָלק אַנשטאָט די אָפּוועזנדע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף אַ אידעאישן — טיילווייז אויך אַ פּאָליטישן — קאַמף צווישן נאַציאָנאַלע שטרעמונגען. אַמאָל איז דער דאָזיקער קאַמף געווען צווישן השכלה און אָרטאָדאָקסן, שפּעטער צווישן ציוניזם און אַסימילאַציע, איצט — צווישן ציוניזם און דעם צובונד צום גלות בכלל. עס איז ניט נויטיק צו דערווייזן, אַז ביי היינטיקן טאָג האָט די אַסימילאַציע, אַלס אַזעלכע, פאַרלאָרן יעדע אידעאָלאָגיע. פון איר געוועזענעם אידעאישן מאַנטעלע זיינען אפשר געבליבן רעשטלאַך און שמאַטעס, וועלכע ווערן אָן סיסטעם און אומגעלומפּערט אָנגעטשעפּעט אויף אַנדערע, ווייניקער נייע, מער פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגיעס. אויב מיט 15—20 יאָר צוריק זיינען אַלע שונאים פון ציוניזם, אָן חילוק פון קלאַסן, געשטאַנען אויפ'ן באָדן פון פּרינציפּיעלן אָפּזאָג פון דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט פונ'ם אידישן פאָלק, שטייט איצט קעגן דעם ציוניזם אַ שונא, וואָס אונטער זיין פאָן קומען זיך צונויף טרעגער פון פאַרשידענע, אָבער מערסטנטייל דאָך נאַציאָנאַל־אידישע אידעאָלאָגיעס. דאָ זעט מען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיע פון דער „זשאַרגאָן"־קולטור און אויטאָנאָמיע, דאָ איז אויך דער בירגערלאַכער ראַדיקאַליזם פון אַלע ניואַנסן און דער שטרענג־נאַציאָנאַלער סיימיזם, און אפילו דער צע־שוואומענער טעריטאָריאַליזם פון מענטשן, וואָס ליידן אויף אַ פאַרעלטער־טער שנאה צו ארץ־ישראל. וואָס איז דאָ אַלגעמיינעס אין אַט־אַ דעם געמיש פון פּערזאָנען און ריכטונגען? — איין נעגאַטיווער פאַקט פון שנאה צום ציוניזם.

שוין דער לויפנדער מאָמענט האָט אונז געבראַכט אַ תהום פון פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז אין יענעם לאַגער קומט פאָר אַ קאָנצענטראַציע. און כ'מיין, אַז די אָנקומענדיקע תקופה פון סאָציאַלע דערשיטערונגען ביי די אַרומיקע פעלקער און ביי אידן וועט נאָך פאַרשטאַרקן די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע.

אין די קומענדיקע פּרקים וועט די דאָזיקע קאָנצענטראַציע באַקומען אַ גענויע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באַלייכטונג.

## 2.

## די פאָרמען פון דער אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע.

צו דער צייט, ווען דער ציוניזם איז אַנטשטאַנען אַלס מאָדערנע פּאָזיטיווע אידעאָלאָגיע (חבת־ציון און שפּעטער הערצליזם), זיינען אין אידנטום געווען צוויי אידעאָלאָגיעס: די אָרטאָדאָקסישע אידעאָלאָגיע פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג על־פּי נס, — דער משיח־געדאַנק, — און די השכלה־אידעאָלאָגיע פון צופּאַסן דעם אידן צו דער אַלמענטשלאַכער קולטור. מיר האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט צו אונטערשיידן אַסימילאַציע אַלס פאַקט און אַסימילאַטאָרישקייט אַלס אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונג פון דעם פאַקט. עמבריאָניש אָדער טיילווייז האָט די אַסימילאַציע אַלס פאַקט, אַלס ממשות'דיקער פּראָצעס, אַנגערירט אַלע גרופּן פונ'ם אידישן פאָלק, אָן אויסנאַם. אין איר פולער פאַרענדיגטער פאָרם אָבער איז די אַסימילאַציע דער באַקוועמער און מיט עולם־הזה רייכער וועג פון יענע יחידים־איבערלויפער, וואָס האָבן גאָרניט קיין אינטערעס אינ'ם אידישן פאָלק. להיפּוך — די אידעאָלאָגיע פון אַסימילאַטאָרישקייט ווייזט אַמאָל אַרויס אַ גרויסן, אָפט אויך אַן אַלץ־דורכדרינגענדן אינטערעס צום גורל פונ'ם אידישן פאָלק, כאָטש מערסטנטייל דינט זי נאָר אַלס באַגרינדונג פון קאַלטער באַציאונג צום אייגענעם פאָלק. אַ איד, וואָס איז למעשה אַסימילירט אין פיל הינזיכטן, קאָן זיין אַ פאַרברענטער שונא פון אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, און אַ טיפּישער איד, וואָס האָט איינגעהיט אַלע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פונ'ם אידישן פאָלק, קאָן זיין איר פאַרברענטער אָנהענגער. קורץ, מירריידן וועגן דער אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע אַלס איינער פון די מעגלאַכע לייזונגען פון דער אידישער פראַגע.

אָט־אָ די לייזונג, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די השכלה־לייט אין אָנגעשטרענגטן קאַמף קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, איז געווען ביז'ן אַנטשטיין פונ'ם ציוניזם די איינציקע אידעאָלאָגיע פון די אויבערשטע טיילן פון דער נאַציע, וואָס זיינען אַממערסטן געקומען אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די ענלאַכע שיכטן פון די אַרומיקע פעלקער. דאָס איז געווען אַ דירעקטער המשך פון אַלטמאָדישן אידישן שתדלן — און די ערשטע אַסימילאַטאָרן האָבן זיך, באמת, געפילט אַלס פאַרטרעטער פונ'ם אידישן פאָלק, אַלס זיינע פאַרטיידיקער ביי די מאַכטהאָבנדע, אָדער ביי דער אינטעליגענטישער געזעלשאַפט פון דער הערשנדער באַפעלקערונג. די מאַסן־אידן זיינען פאַרבליבן פולשטענדיק פרעמד דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע און אָן אַ חלק אין דער דאָזיקער פּאָליטיק.

די השכלה האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים אידישן פאָלק און זי טאַקע האָט אָפּגערייניקט דעם באָדן פאַר די שפּעטערדיקע וועלטלאַכע באַוועגונגען אין אידנטום. אָבער דער ציוניזם האָט — מיט'ן אויפלעבן די איינגעדרעמלטע האָפנונגען פון די אידישע מאַסן — זיך אומדערוואַרט

אריינגעריסן אין דער משכיל׳ישער אידיליע. די גלייכצייטיק מיט אים אנטשטאַנענע עמיגראַציע־באַוועגונג, און שפּעטער אויך די ארבעטער־באַוועגונג, האָבן אָנגעהויבן סטיכיש אונטערצורייסן די אַזוי אויך גאַנץ שוואַכע יסודות פון דער אַסימילאַציע. די אַסימילאַציע, וואָס האָט ביז דאַן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף „מאָדערניזם“, „אייראָפּעאיזם“ און „פּראָגרעס“ אינ׳ם אידנטום, האָט זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אויף מעכטיקע קולטור־שטראָמען, וואָס זיינען געפלאָסן פאַרביי איר אין אידישן פאָלקס־לעבן. די סטעאַרין־ליכטל פון משכיליזם האָט זיך אָנגעהויבן צו טונקלען ביים שיין פון דער נייער פּרימאָרגן־זון פון דער ברייטער אויפקלערונג, וועלכע איז געקומען אויף דער אידישער גאַס אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פונ׳ם ציוניזם, דער ארבעטער־באַוועגונג און דער עמיגראַציע.

דער ציוניזם האָט איבערזעצט אויף אַ שפּראַך פון ערדישן שאַפן דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט ביז דאַן אויפגענומען אַלס טראַנסצענדענטע, הימלישע צוזאָגן, ער האָט די אידישע מאַסן באַלויכטן דעם תוך פון זייער עבר און זייערע צוקונפטיקע וועגן אויף דער ערד. די ארבעטער־באַוועגונג האָט צוגעצויגן די מאַסן צו די אַלמענטשלאַכע אידעאַלן, צונויפגעפלעכטנדיק זייער לעבן מיט די האָפנונגען און קאַמף, וואָס האָבן באַאומרואיקט די גרויסע וועלט. די עמיגראַציע־ פּראָצעסן האָבן מיט זייערע פיבערהאַפטע איבערלעבענישן און בולט׳ע לעקציעס באַלערנט די סאַמע אָפגעשטאַנענע גרופן, מעכטיק עפנענדיק פאַר זיי ברייטע וועלט־האָריזאָנטן. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דען די קינסטלאַך־אויסגעהאָדעוועטע קולטור־טרעגעריי פון דער השכלה־אינטעליגענץ אין פאַרגלייך מיט אָט־אָ דער סטיכישער און לעבעדיקער מאַסן־קולטור!

די לופט־שלעסער פון דער אַסימילאַציע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן נאָר אַ דאַנק דעם פאַקטישן מאָנאָפּאָל, האָבן אָנגעהויבן צעפאַלן. צום אָנהויב פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע איז די דאָזיקע אידעאָלאָגיע שוין געלעגן אין חורבות, און איר לעבעדיקער קערנדל — די צוגעבונדנקייט צום גלות — איז אַריבער בירושה צו אַנדערע שטרעמונגען. די פריערדיקע גלייכגילטיקייט צום אידישן כלל האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דעם אייגנאַרטיקן גלות־נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט זיך אין 1905 שוין פאַרפעסטיקט אין דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט אין רוסלאַנד, טיילוויז אויך אין גאַליציען. אויף די שיפן פון די אַטלאַנטישע געזעלשאַפטן האָט ער אָנגעהויבן איבערוואַנדערן אויך קיין אַמעריקע.

מען דאַרף אונטערשיידן צווישן די דריי פאָרמען פון גלות־נאַציאָנאַליזם. אין דער ערשטער ריי — האָבן מיר דאָ אַ ניט־קאָנסעקווענטע אַסימילאַטאָרישקייט, וועלכע באַמיט זיך מיט אַ פּוסטן וואָרט „נאַציע“ צודעקן די אָפּוועזנהייט פון וועלכן ס׳איז נאַציאָנאַלן תוך; דאָס איז — דער אויטאָנאָמיזם פון דער בונדישער אינטעליגענץ אין דער ערשטער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג (ביז 1907—1908) און דער איצטיקער ריין־ווערטלאַכער נאַציאָנאַליזם פון די אייבערשטע פון דער אידישער אינטעליגענץ (למשל,

די לייט פון „נאָווי וואָסכאָד", אָדער די ה"ה ביקערמאַן, מאַרגאָלין א. אַ.) ; צווייטנס, קומט זייער אָפּט דער גלות־נאַציאָנאַליזם, באמת, אַלס אַ ניט־קאָנסעקווענטער, אַ ניט־דערטראַכטער ציוניזם ; אַזוי זעט אויס דער קעמפערישער נאַציאָנאַליזם פון די לעצטע 2—3 יאָר מיט זיינע לאָזונגען : „אידישע שפּראַך, קולטור און אויטאָנאָמיע".*) ענדלאַך — אַהער מוז מען אויך צורעכענען דעם אַבסטראַקטן טעריטאָריאַליזם, פאַר וועלכן די גאַנצע אידישע פראַגע און דאָס גאַנצע לעבן פונ'ם אידישן פאָלק שעפּט זיך אויס מיט דער עמיגראַציע. ווי טיף אונזערע טעריטאָריאַליסטן זאָלן ניט פיינט האָבן דעם גלות, זיינען זיי דאָך מיט דער גאַנצער נשמה צוגעבונדן צום גלות. אין גלות פיינט זיי נאָר דער באָיקאָט, פּאָגראָמען, עמיגראַציע. זייער פאַרשטיין דעם אידישן פּראָבלעם איז ניט נאַציאָנאַל און ניט היסטאָריש, אפילו ניט עקאָנאָמיסטיש, נאָר פּשוט געאָגראַפיש. ווער ס'דערפירט דאָס אידישע פּראָבלעם צו אַ פראַגע וועגן אַ נחלה, באָדן, ערגעץ־וואו ביי די אַנטיפּאָדן, יענער האָט נאָך ניט פאַרענדיגט די חשבונות מיט'ן גלות.

דאָס צושטיין פון אידישע מאַסן צו דער אַלמענטשלאַכער באַוועגונג, זייער אַרויסטרעטן אויפ'ן ערשטן פּלאַן פון געזעלשאַפטלאַכן אינטערעס — האָט אָפּגערייניקט די אידעאָלאָגישע אַטמאָספערע פון דער אידישער גאַס, און אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע זיינען אויפ'ן שלאַכט־פעלד פאַרבליבן צוויי אידעאָלאָגיעס : ציוניזם און — צוגעבונדנקייט צום גלות, פאַרפּוצט אין בונטע קליידער פון נאַציאָנאַליזם.. די קאָנצענטראַציע פון גלות־האָפנונגען אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן איז טאַקע געווען דער ערשטער נסיון פון דער אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע. אָבער די אינווייניקסטע קעגנזאַצן און די כאַאָטישע כחות פון דער היינטיקער אָרדנונג, פון איין זייט, און פון אידישער צעזייטקייט, פון דער צווייטער, האָבן דער דאָזיקער קאָנצענטראַציע ניט דערלאָזן צו קומען צו שטאַנד. די קאָנצענטראַציע איז ניט קיין צונויפשמעלצונג, זי איז קיינמאָל ניט געווען און קאָן ניט זיין פולקאָם, אָבער די טענדענץ איז אויבן־אויף.

פון די פאַרשידענע פאָרמען פון אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע וועלן מיר קודם־כל פאַרצייכענען די אַליאַנץ אויפ'ן פּאָליטישן באָדן. אין משך פון דער גאַנצער פאָרבאַרייטונגס־תקופה פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און בעת דער רעוואָלוציע גופא האָבן מיר געזען אַ בונד צווישן די אידעאָלאָגן פון גלות אין די פּראָלעטאַרישע און בירגערלאַכע קרייזן. דער „בונד" האָט געהאַלטן זיין קאַמף מיט אַלע מיטלען קעגן ציוניזם — פאַרלוימדונג איינגעשלאָסן — כמעט פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע און פאַרדינסט ; און מיר האָבן אויך געזען, ווי ענערגיש די אַסימילאַטאָרישע און האַלב־אַסימילאַטאָרישע קרייזן פון דער אידישער בורזשואַזיע האָבן געגעבן מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג זייער פּראָלעטאַרישן קרוב, פּאַקטיש

*) אַלס ניט־קאָנסעקווענטן ציוניזם מוז מען אויך באַצייכענען דעם „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם" פון ה' ש. דובנאָוו מיט זיין טיפזיניקן פרואוו צו באַגרינדן די נאַציאָנאַלע אידעאַליזירונג פון גלות.

רעכענענדיק זי מיט אים, אַלס מיט דעם „איינציקן פאָרשטייער" פון די אידישע אַרבעטער. אַ ניט גאָר געלונגענעם פּרואוו צו שאַפן אַן אַלגע־מיינעם בלאָק פון דיזעלבע עלעמענטן, אָן אונטערשיד פון קלאַסן, האָבן מיר געזען בשעת דעם וואַל־קאַמף צו דער צווייטער דומע. די קעגנזייטיקע סימפּאַטיעס לאָזן זיך פילן אויך איצט. די גרופּיסטן, באַפולמעכטיקטע פון קאָוונע באַראַטונג*), און ווי זיי הייסן דאָרט, פּרעטענדירן צו זיין די „איינציקע פאָרטרעטער" פון די אידן אין „תחום־המושב". אָבער אַן איינ־ציקער קאָן מען דאָך ניט זיין זאַלבעצווייט. פון דאַנען קומט דאָך אַרויס דער לעבנס־געזעץ: איינציקע פון אַלע קלאַסן, דערנענטערט אייך . . .

אין גאַליציע, וואו דאָס פּאָליטישע לעבן ברענט אויף כמעט אויס־שליסלאַך בשעת וואַל־קאַמפן, האָבן מיר געזען, אין 1907 און באַזונדערס אין 1911, דעם סאָלידאַרישן אויפטריט פון די גמינע־אַסימילאַטאָרן מיט די חסידים און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. איןביידע פאַלן האָבן זיך אין אַט־אָ דער פאַרנעמער געזעלשאַפט באַטייליקט מיט גרויס אייפער די גאַליצישע בונדיסטן, און דער בלאָק איז געווען געווענדעט קעגן דעם ציוניזם. אַלס רעזולטאַט פון דעם פּאָרוואַל־האַנדל זעען מיר איצט אַ ווייטערדיקן שריט פון אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע: די אָקאָרשט פאָרגעקומענע פאַר־אייניקונג פון גאַליצישע בונדיסטן מיט די שאַרפסטע קעגנער פון דער אי־דישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס האָבן ביז איצט געבילדעט די „אידישע סעקציע" ביי די פּ. פּ. ס.

אַ סך ווייניקער לאָזט זיך מערקן די קאָנצענטראַציע פון אַנטי־ציוני־סטישע עלעמענטן אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט.

דאָך איז ניטאָ קיין ספק, אַז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע כחות, ווי „איקאָ", מפיצי־השכלה, ליי־ און שפּאָר־קאַסעס, די פאַרשטאַרבענע ליטעראַרישע געזעלשאַפט, אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ פאַר עמיגראַנטן — שטעלן מיט זיך פאָר די צענטרען, אַרום וועלכע ס'גרופּירן זיך די פאַר־שידנאַרטיקסטע עלעמענטן; און דאָ קומט פאָר אַ שטומער, אָבער אָנגעשטרענגטער קאַמף פאַר אויבערהערשאַפט צווישן די אַנטי־ציוניסטישע גרופּן, וואָס האָבן דאָרט ביז איצט רעגירט, און די ציוניסטן, וואָס הויבן זיך אָן באַווייזן דאָרט. דערווייל הערשט אין די דאָזיקע איינריכטונגען אַ בולט'ער גייסט פון שנאה צום ציוניזם. סיי ביי די אָנפירער פון די אינסטיטוציעס — ביי די איינפלוסרייכע פילאַנטראָפּן און „עסקנים" — אַזוי אויך ביי די באַאַמטע און פּראָווינץ־טוער גיט אָן דעם טאָן די גלות־אידעאָלאָגיע. אונזערע געזעלשאַפטלאַכע ענינים ווערן נאָך אַלץ אַזוי אָוועקגעשטעלט, פּונקט ווי דער גורל פון די אידישע מאַסן איז לעולם־ועד פאַרבונדן מיט'ן גלות־לעבן, פּונקט ווי שטאַרקן און אָרגאַניזירן דעם

---

*) גרופּיסטן — אָנהענגער פון דער האַלב־אַסימילאַטאָרישער בורזשואַזער פּאַרטיי אין רוסלאַנד „פאָלקס־גרופּע". די קאָוונער באַראַטונג — אַ באַראַטונג פון אַ גרופּע קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלאַכע רוסיש־אידישע כלל־טוער, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָוונע און גערעדט אין נאָמען פון כל ישראל. — ב. ל.

גאַנצע אידישע פראַגע און דאָס גאַנצע לעבן פונ'ם אידישן פאָלק שעפּט זיך גלות־אידנטום איז די איינציקע אויפגאַבע פון אונזער אינטעליגענץ. די הערשנדע אידייע פון דער אינטעליגענץ, וואָס גרופּירט זיך אַרום אונזערע קהל'שע ענינים, איז — די דערגרייכונג פון גלייכבאַרעכטיקונג. אויך אויף אָט־דעם געביט זעען מיר שטילשווייגנדיקע „קלאַסן־מיטאַרבעט".

טשיקאַווע זיינען די פאָרמען פון אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע אויפ'ן געביט פון ליטעראַטור. די מחוץ פון ציוניזם שטייענדיקע בורזשואַזע און אַרבעטער־עלעמענטן האָבן, אַזוי ווי צונויפגערעדט זיך, נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געפירט מיט אַ זעלטענער איינמוטיקייט אַ קאַמף קעגן דעם ציוניזם אין דער אָדער יענער פאָרם. עס איז באַצייכנסווערט, אַז אָט־די קלאַסן־„קעגנער" מיידן אויס ביז היינט אָנצופאַלן איינער אויפ'ן צווייטן. דער גאַנצער אידעאישער אָנגריף פונ'ם „בונד" קעגן דער אידישער „בורשואַזיע" האָט נאָר אין זינען — דעם ציוניזם. פונקט ווי בורזשואַזיע און ציוניזם זאָלן זיין סינאָנימען. קאָמישער פון אַלץ האָבן געקלונגען די אַפּלאָדיסמענטן פון די בירגערלאַכע אַסימילאַטאָרן פאַר אָט־דער אידענטיפיצירונג. אמת, דורכ'ן סיסטעמאַטישן באַפאַלן דעם ציוניזם האָבן זיך פון צייט צו צייט דורכגעריסן נאָטן קעגן דער בורזשואַזיע בכלל, אַפילו דער אַסימילאַטאָרישער. אָבער די בורזשואַזע פאַרבינדעטע פונ'ם „איינציקן פאַרטרעטער" האָבן גרויסמוטיק געקוקט אויף זיינע אַרויסטרעטונגען, פאַרשטייענדיק אויסגעצייכנט, אַז אַזעלכע שטיפעריען זיינען נאָר „פראָ פאָרמאַ", נאָר צוליב'ן „געגנפער פחד", קיינמאָל זיינען די אַסימילאַטאָרן און די גלות־נאַציאָנאַליסטן פון דעם „בעלי־בתישן" קרייז ניט באַפאַלן זייער פּראָלעטאַרישן מיטקעמפער, זיי האָבן מער ווי שוואַך אָפּגעשלאָגן זיינע אַטאַקעס. אייניקע פרעסע־אָרגאַנען האַלטן זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג אָן דער טאַקטיק.*)

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויפ'ן ליטעראַרישן געביט איז פיל שווערער דורכצופירן די קאָנצענטראַציע, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן. אין דער פּאָליטיק טוט מען און אין ליטעראַטור — רעדט מען. מ'קאָן פירן אַזעלכע עסקים, וואָס האָבן גאָרניט געמיינזאַמעס מיט'ן קלאַסן־קאַמף, אָבער ריידן וועגן קלאַסן־קאַמף דאַרף מען דאָך. מ'קאָן ניט פאַרוואַרפן די אידעאָלאָגן פון גלות־נאַציאָנאַליזם, אַז זיי האָבן ניט גענוג געדולד צו די רייד פון זייערע מאַרקסיסטישע פריינט; זיי וואָלטן געווען גרייט צו געבן די לעצטע — פאַרשטייט זיך נאָר אויף וויפיל ס'דערלויבן די אומשטענדן — די פולע פרייהייט פונ'ם וואָרט אין זייער פרעסע. אַזאַ קאָמבינאַציע איז אָבער ניט אָנגענעמבאַר דוקא פאַר זייערע „אָרטאָדאָקסאַלע" פאַרבינדעטע. ביי פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט וואָלט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן דער איצט צו־שטאַנד־קומענדער פאַראייניקונג פון אַזאַ פאַרשידנפאַרביקן עולם אונטער איין ליטעראַרישן דאַך.

דאָס אידישע פאָלק איז קליין אין צאָל, איז נישטיק מיט זיין פאַר־

*) מ'וואָלט געקאָנט ברענגען פיל פאַקטן פון אָט־דער מערקווירדיקער סביבה.

העלטניסמעסיקער סאָציאַל־פּאָליטישער וואָג. דעריבער קומען אויס אַלע זיינע לעבנס־פּראָצעסן ניט באַדײַטנד. די פאַקטן פון אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע, וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, קאָנען אויך אויסזען אַלס אַזעלכע, אויף וועלכע ס'לוינט זיך ניט אָפּצושטעלן. אָבער, ערשטנס, דורך דאָס נישטיקע און ניט־באַמערקבאַרע ברעכט זיך דורך אַ וועג די געשיכטע. דאָס, וואָס אונזער געשיכטע אין גלות גלאַנצט ניט אַרויס מיט איר העלקייט, פאַרקלענערט ניט אַבסאָלוט די היסטאָרישע באַדייטונג פון די דערמאָנטע דערשיינונגען פאַר'ן אידישן פאָלק. צווייטנס, דאַרף מען נאָר אַ טראַכט טאָן, וואָס פאַר אַ השפּעה אויפ'ן פאָלקס־לעבן עס האָט אונזער אַנטי־ציוניסטישע אינטעליגענץ, כדי צו באַגרייפן, וואָס פאַר אַן אַנטשיידנדע באַדייטונג זי קאָן האָבן פאַר אונזער גאַנצן עתיד. די דאָ־זיקע אינטעליגענץ האָט פאַר זיך אַליין גענומען די אַרבעטער־באַוועגונג און די עמיגראַציע־רעגולירונג. זי רעגירט אין דער קהלה און אין אַנדערע איינריכטונגען, זי דערשיינט אומעטום, וואו מ'טרעט צו צו וועלכע ס'איז שריט פון זעלבסטאָרגאַניזאַציע און זעלבסטהילף. און דערפאָלג האָט זי, ווייל זי איז סאָלידאַריש, ווייל אַפילו יענער חלק אירער, וועלכער האַלט זיך אין איין שווערן מיט'ן קלאַסן־קאַמף, פּראַקטיצירט אין דער אמת'ן קלאַסן־קאָאָפּעראַציע. די אַנטי־ציוניסטישע אינטעליגענץ האָט ניט קיין מורא פאַר קלאַסן־פאַרשידנהייטן, זי סאַנקציאָנירט זיי גאַנץ גערן, זי לאָזט צו אין אירע רייען קריטיק־פרייהייט, אַבי נאָר צו גאַראַנטירן אַקציאָנס־איינהייט. אָט־אָ דער קעגנזייטיקער טאַקט אַנטפּלעקט באַשיינפּערלאַך, אַז די פאַרבינדעטע פּאַרטיידיקן דאָ געמיינזאַמע, ביידן טייערע ווערטן אינ'ם אידישן לעבן, אַז זיי זיינען געצוואונגען געמיינזאַם צו פּאַרטיידיקן די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן שוין פאַרנומען.

אין דעם קומענדיקן פּרק וועלן מיר באַטראַכטן די מאַטעריעלע יסודות פון דער סאָלידאַריטעט.

## .3

## דער קאַמף פאַר הערשאַפט אין מאָדערנעם אידנטום

אין מיינע באַטראַכטונגען האָב איך אין זינען דעם מזרח־אידנטום. דאָס מערב־אידנטום איז אָפּגעריסן פון עצם קאָלעקטיוון לעבן פון אונזער פאָלק. דעריבער קאָן ער אויפנעמען פון די אַ־ציטיקע אידעאָלאָגיעס אין אידנטום אָדער די אומבאַדינגטע אַסימילאַציע, אָדער אַן אַבסטראַקטן, לעבנס־לאָזן ציוניזם. די פּראָבלעמען פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוון לעבן, זיין אַנטוויקלונג אין גלות — זיינען כמעט גאַנץ פרעמד דעם אידן פון מערב. דעריבער געפינט אין דער סביבה ניט קיין באָדן אַפילו דער גלות־נאַציאָנאַליזם.

מיט וואָס, אייגנטלאַך, קאָן מען דערקלערן די טיפע שנאה צווישן ציוניזם און די אַזוי־גערופענע גלות'יסטן פון אַלע פאַרבן אין רוסלאַנד און אין גאַליציע? די שנאה איז פיל שאַרפער, ווי פון געוויינלאַכע

אידעאישע אונטערשידן. ס'וואָלט געווען זייער נאַאיוו צו מיינען, אַז די אומאויפהערלאַכע אַטאַקעס אויפ'ן ציוניזם מצד די בונדיסטן, אָדער דער ווילדער קאַמף פון די פאַראייניקטע גמינע-לייט, חסידים און סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין גאַליציע קעגן דעם ציוניזם ציען זייער יניקה נאָר פון טעאָרעטישע מיינונגספאַרשידנהייטן. דאָס בלוט, וואָס איז פאַר-גאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פון דראָהאָביטש,*) איז דער שטאַרקסטער פּראָטעסט קעגן אַזאַ אומשולדיקן פּירוש אויף דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר אויף דער אידישער גאַס.

עס איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ קאַמף פאַר הערשאַפט, פאַר רעאַלער מאַכט אין לעבן, אַ פאַרביטערטער קאָנפליקט פון מאַטעריעלע אינטערעסן. אָבער עס איז פונקט אַזוי קלאָר, אַ מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ צוזאַ-מענשטויס ניט פון קלאַסן-אינטערעסן, נאָר פון עפּעס אַנדערש. דער ציוניזם אַליין האָט ניט קיין איבער-קלאַסן-כאַראַקטער, אָבער דער קאַמף צווישן אים און, אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן, גלות'יזם טראָגט פונקט אַזאַ איבער-קלאַסן-כאַראַקטער, ווי דער קאַמף פון פרייזינקעריי קעגן קלעריקאַליזם ביי די פעלקער פון אייראָפּע; טראָץ דעם, וואָס די פריידענקעריי פון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע און פונ'ם באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט איז ווייט ניט איינס און דאָסזעלבע.

עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, וואו די יחידים זאָלן זיין אַזוי פּייאיק, אַזוי פלינק, עקשנות'דיק, בויגזאַם און פּילזייטיק אין קאַמף פאַר פערזענלאַכן קיום, ווי אידן. און עס איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי שוואַך און צעקראָכן, ווייך און ניט-שטאַנדהאַפטיק אינ'ם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפעסטיקונג, ווי אידן. אויסערגעוויינלאַכער כח פון פּרט און ביי-שפּיללאָזע שוואַכקייט פונ'ם כלל — דאָס איז איינע פון די סתירות פונ'ם אידישן פאָלק אין גלות. צי קאָן מען דען אויסמעסטן דעם תהום פון ענערגיע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די טיפע-נישן פון די אידישע מאַסן? אָבער דאָס איז די ענערגיע פון פערזענלאַכע טאַלאַנטן און צעבראָקלטע אָנשטרענגונגען, וועלכע אונזער פאָלק ווייס ניט, ווי צו פאַרוואַנדלען אין דער ענערגיע פון קאָלעקטיוון שאַפן. אויף אָט-אָ דעם פּרט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט'ן ניט-באַוואוסטזיניקן קאַ-ריעריזם, וואָס דורשט צו באַקומען פאַר זיך „אַ באָדן" אפילו פאַר'ן פּרייז פון צערייסן מיט'ן שלים-מזלדיקן, אָרימען און באָדנלאָזן קאָלעקטיוו, — אויף אים שפּאַרט זיך עס אָן די אַסימילאַציע-אידעאָלאָגיע אין אַלע אירע נוסחאות. פון דער אַנדער זייט איז קלאָר, אַז דער אידישער קאָלעקטיוו אַלס גאַנצער, וואָס ווערט איבערגעלאָזן אויף הפקר פון דעם פּרט, וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ דאַנק זיין געלאָף נאָך פערזענלאַכן דערפאָלג, אַז אָט-דער קאָלעקטיוו נויטיקט זיך, מ'זאָל אים שטאַרקן, אויסגלייכן,

*) זע זייט 233.

פאַראייניקן און מאַכן זעלבסטשטענדיק. און אויפ׳ן דאָזיקן קאָלעקטיוו האַלט זיך טאַקע די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע אין אַלע אירע שאַטירונגען. אָט־אָ דאָ, אין דעם שטומען אַנטאַגאָניזם צווישן דעם דערפאָלגרייכן יחיד און דעם אומגליקלאַכן פאָלק, דאַרף מען זוכן די „מאַטעריעלע" אינטערעסן־קעגנזאַצן, וואָס רופן אַרויס דעם צוזאַמענשטויס פון אידעאָלאָגיעס ביי אידן.

די אַסימילאַציע איז זיך קיינמאָל ניט געווען באַוואוסט פון דעם אַנטאַגאָניזם צווישן פּרט און כלל. אָבער ווען דער ציוניזם האָט גערופן מקריב צו זיין פּערזענלאַכע קאַריערעס צוליב דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָבן די אַסימילאַטאָרן אינסטינקטיוו דערשפּירט די סכנה פון דער אַגיטאַציע און האָבן זיך באַוואָפנט מיט׳ן גאַנצן אַרסענאַל פון שרעק־ווערטער („רעאַקציע", „שאָוויניזם", „ענגקייט" א. אַ.), כדי אָפּצוהיטן די קאַריערעיסטישע רעכט פון פּרט. דער ציוניזם האָט זיך סומך געווען, אויך ניט אַלעמאָל בולט, אויף אָט־דער סתירה צווישן יחיד און כלל און האָט פון איר געשעפּט זיין אידעאַליזם. דער גלות־נאַציאָנאַליזם פּרובירט, אַליין ניט וויסנדיק עס, צו מאַכן שלום צווישן דעם פּרט און כלל אין אידנטום.

דער פּרט, וועלכן ס׳שמייכלט צו „אַ ברייטער פעלד" — פאַר דער־פאָלג, פאַר אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט אָדער פאַר עקספּלאָאַטאַציע — אין דער אויסערלאַכער וועלט, וויל זיך ניט אָפּרייסן פונ׳ם איינגעזעסענעם פּלאַץ, פאַר אים איז דער גלות — די היים, די ניט־אידישע סביבה — דאָס פאָטערלאַנד. אָבער דאָס אידישע פאָלק, אַלס היסטאָרישער אָרגאַניזם, אַלס מאַטעריעלע און גייסטיקע טראַדיציע, אַלס לעבנס־שטייגער און קולטור־פּסיכאָלאָגישער טיפּ — דריקט דאָך אויף יעדן פּרט. אמת, אינ׳ם אידישן פאָלק איז דאָ זייער ווייניק פון אַ פעסטער מאַטעריעלער טראַדיציע, ווייניק פאַרשטיינערטע פּראָדוקטן פון קאָלעקטיוון שאַפן פון פריערדיקע דורות, ווייניק לעבנסשטייגער, וואָס זאָל זיך אַליין אַנטוויקלען, — ווייניק אייגנאַרטיקייט; און מיר פאַרמאָגן דאָך גאָרניט פון דעם כח פון באָדן, פון שווערצערדיקער צוציאונגס־קראַפט. דערפאַר אָבער האָבן מיר מער קולטור־טראַדיציעס — אין דעם גייסטיקן וועזן, אין די געדאַנקען־געוואוינהייטען, טעמפּעראַמענט און אידעאישער ירושה. די דאָזיקע טראַדיציע לאָזט זעלטן אַרויס אַ יחיד פון אירע איינקלאַמערנדע אָרעמס. אין אַלגעמיין און אינגאַנצן גענומען, קומט אויס דעם אידישן פּרט מיט אַלע זיינע קאַריעריסטישע האָפנונגען צו בלייבן שטעקן אינערהאַלב פון פאָלק. פון דאַנען שטאַמען די אינווייניקסטע סתירות פון דער אַסימילאַציע.

פון דער אַנדער זייט — הערשט אויך איבער׳ן אידישן קאָלעקטיוו די נויטווענדיקייט זיך צו פאַרפעסטיקן, לאָזן וואָרצלען אין דער אַרומיקער סביבה, צוזאַמענבינדן זיך מיט דער אינע־טער שוואַרצערד פון די שכנות׳־

דיקע פעלקער. א גאנץ פאלק קאן ניט לעבן, ווי אין אן אכסניה. פון דאנען שטאמען די אינערלאכע סתירות אינ׳ם ציוניזם.

די אסימילאציע האט באוויזן שנעלער און עפעס אומבאמערקבארער, ווי דער ציוניזם, זיך אן עצה צו געבן מיט דער דערמאנטער סתירה; נאכדעם ווי די אידעאלאגן פון דער אסימילאציע האבן זיך איבערצייגט אין דער אוממעגלאכקייט צו באקומען א באדן אונטער די פיס דורך ריין־אינדיווידועלע אנשטרענגונגען, האבן זיי אנגעהויבן אינסטינקטיוו אנצוטאפן יענע וועגן, אין וועלכע ס׳גייען די מאסן אין זייער סטיכישן שטרעבן, זיך צו באפעסטיקן אין גלות. די אסימילאטארן — די דירעקטע יורשים פון די אלטע איינפלוסרייכע שפיצן פון אידישן פאלק, פון די אידישע גבירים און קהל־לייט, ווי אויך פון דער ישיבה־בחור׳ישער נאקעטקייט — זיי האבן מיט׳ן כח פון היסטארישן איבערגאנג געפונען פאר זיך אפן אלע וועגן צו די אידישע מאסן, צו די אנשטאלטן און ארגאניזאציעס פון אונזער פאלק. די טאטעס האבן געהערשט אין די קהלות, אין דער צדקה־גדולה, אין חנוך; זייערע קינדער און אייניקלאך טאקע האבן פארכאפט די מאדערנע „געזעלשאפטן“, זעלבסטהילף־ארגאניזאציעס און ארבעטער־פארבאנדן. די קינדער האבן באוויזן אויסצונוצן די ארגאניזאטארישע געוואוינהייטן, וועלכע זיי האבן באקומען בירושה, כדי צו פארשטארקן זייערע אייגענע פאזיציעס אינ׳ם אידישן פאלק, און אויף אזא אופן, אלס „איינציקע פארטרעטער“ פון גאנצן אידישן פאלק, אדער פון איינצעלנע פון זיינע קלאסן, האבן זיי זיך דערשלאגן די אנערקענונג מצד די אנטשפרעכנדע גרופן פון אנדערע פעלקער.

ניט האבנדיק לכתחילה קיין שום ווילן צו דינען דעם אידישן פאלק, קומענדיק צום פאלק נאר א דאנק דעם דורכפאל פון דער פערזענלאכער, קאריעריסטישער אסימילאציע, האט אט־די אינטעליגענץ, טאלאנטירט און אקטיוו, געבראכט די אידישע מאסן, אין א באשטימטער מאס, א דירעקטן, ממשות׳דיקן נוצן. זי האט ארגאניזירט צדקה, ביליקן קרעדיט, בילדונג, סטאטיסטישע אנקעטן, עמיגראציע־ אינפארמאציע און זי האט אויך אנגעפירט *ס ט ר י י ק ס* און פאליטישע ארבעטער־ארויסטרעטונגען. זי האט כמעט מאנאפאליזירט די אידישע קהל׳שע עסקים — לויט דער היסטארישער חזקה פון ערשטן פארכאפ. און דאס אלץ נאר צוליב איין ציל — זיך דערשלאגן *ד י א נ ע ר ק ע נ ו נ ג מ צ ד ד י א ר ו מ י ק ע פ ע ל ק ע ר*. דורכמאכן, זיך שטיצנדיק אויפ׳ן אידישן פאלק, דעם אומדירעקטן וועג צו פערזענלאכער „איינווארצלונג“ אין גלות.

אונזער גלות׳יסטישע אינטעליגענץ, וועלכע איז אין דער נשמה פארבליבן, ווי פריער, טיף־גלייכגילטיק צום גורל פונ׳ם פאלק, האט אזוי ארום באוויזן צו דינען דער אידישער געזעלשאפטלאכקייט, ניט ברענגענדיק קיין קרבנות פאר׳ן קאלעקטיוו. אדרבה — די פערזענלאכע קאריערע האט זיך דא אויף א גליקלאכן אופן צונויפגעפלאכטן מיט׳ן נוצן פון קהל.

דאָס ווערטפולע, וואָס די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט מיט איר טעטיג־קייט געבראַכט די אידישע מאַסן, איז געווען ניט פעסט, אויבערפלעכלאַך, ווייל איר טעטיקייט איז געווען צוגעפּאַסט צו די גלות־גרעניצן. זי באַפרי־דיקט נאָר די נאָענטסטע לויפנדע נויטן, און ניט די מאַסן אין זייער כלל, נאָר באַזונדערע גרופּן און איינצלנע יחידים; זי באַשרענקט זיך אויף קליינלאַכער טאָג־טעגלאַכקייט. אין דער דאָזיקער גאַנצער טעטיקייט — סיי פון דער בורזשואַזער און סיי פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ — איז ניטאָ קיין אידעאַל און סיסטעם, ווייל דער אויסגאַנגס־פּונקט איז ניט דער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, נאָר די דאגה פאַר אַ פּערזאָן און פון מאָמענט.

די מאַסן גיט עס עפּעס דאָך, אָז אונזער גלות'יסטישע אינטעליגענץ דאַרף ניט מער, ווי הערשן איבער די מאַסן, זיך באַנוצן כאָטש טיילוויז מיט זייער צוטרוי, און ניט אַזוי דעם אמת'ן פאַרטרויען, ווי דאָס רעכט צו רעקלאַמירן דעם דאָזיקן צוטרוי כלפּי דער אויסערלאַכער וועלט. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט באַשאַפן אויף דער אידישער גאַס אַן אומ־אַנגענעמע אַטמאָספערע פון שרייענדיקער רעקלאַמע און פּאַרטייאישער שמוץ־קאָנקורענץ. אַט פאַרוואָס זי איז אַזוי אויבערפלעכלאַך אין איר אידעאָלאָגיע, מיידט זי אויס אַזוי אָרגאַניש יעדן פּרוּוו צו פאַרטיפן זיך אין די יסודות פונ'ם אידישן לעבן, גיט זי זיך אַזוי פאַנאַטיש אָפּ דער פעלשונג פון די אידעאישע ווערטן פונ'ם אידישן פאָלק, מורא האָבנ־דיק צו קוקן דעם גרוויזאַמען אמת גלייך אין די אויגן. מ'דאַרף דאָך זיין די „איינציקע פאַרטרעטער" כלפּי דער שטאַרקער און צוציענדיקער אויסער־לאַכער וועלט, און צוליב דעם איז נויטיק — אַז „אין דעם אידישן פאָלק, וואָס איז אָנפאַרטרויט אונזער אויפזיכט, זאָל אַלץ זיין בשלום".

די עקסטרעמע לייכטקייט און ניט־אידעאישקייט פון אָט דער אידעאָ־לאָגיע האָט מעגלאַך געמאַכט פאַר דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זי געשאַפן, זיך אָפּצוזאָגן מיט אַ לייכטן האַרץ פון דער אַסימילאַציע. דאָ האָט דער חורבן פון דער אַסימילאַציע ניט אַרויסגערופן קיין טרערן און בייענקשאַפטס־זכרונות, האָט ניט צעשלאָגן קיין פערזענלאַכע לעבנס און קאַריערעס.*) ניט אומזיסט פאַראייניקט דאָ אַזוי גלענצענד דער פּרט זיין פערזענלאַכן ערפאָלג מיט די געזעלשאַפטלאַכע ענינים. די דאָזיקע אינטעליגענץ באַ־שטייט פון „פּראַקטיקער" און „דיפּלאָמאַטן", לויט ירושה און באַרוף. אייניקלאַך פון די שתדלנים און קהל'שע קאָכלעפל, זיינען זיי — אַלץ איינס אינ'ם בורזשואַזן און פּראָלעטאַרישן לאַגער — געבוירענע פּראַזעאָלאָגן און אָפּאָרטוניסטן.

מיט איר אייגנאַרטיקער פלינקייט האָט די אינטעליגענץ נאָך פאַר דער רוסלענדישער רעוואָלוציע זיך איבערגערוקט פון אַסימילאַטאָרישקייט

---

*) די טרערן אויפ'ן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס וועלן פאַרבלייבן אַן אייביקער סימן פון דער טיפקייט פון ציוניסטישע איבערלעבונגען, פון דער טראַגעדיע פון קאָלעקטיווע געפילן און האָפנונגען.

און „קאָסמאָפּאָליטיזם" צו ניט־אויפריכטיקן, האַלביקן גלות־נאַציאָנאַליזם.

דער ציוניזם, דאַגעגן, האָט דורכגעמאַכט אַן אַנדער עוואָלוציע. ער איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם עמפּינדלאַכן טייל פון דער אידישער אינ־טעליגענץ, וועלכע האָט אונטער'ן דרוק פון די גרויזאַמע קלעפּ פון געזעל־שאַפטלאַכן און מלוכה־אַנטיסעמיטיזם טיף דערשפּירט, אַז מען קען ניט צונויפבינדן גליק פון'ם פאָלק מיט פּערזענלאַכן קאַריעריזם. זי האָט שאַרף אָפּגעוואָרפן דעם גלות, איינזעענדיק אין אים די הויפּט־סיבה פון די אידישע ליידן און די פּרובּלעמאַטיקייט פון אידישן שאַפן. די ציוניסטישע אינטעליגענץ האָט זיך אין איר ראַדיקאַליזם אַרויסגעוויזן בלינד און טויב צו דעם פּאָזיטיוון, וואָס האָט זיך געשאַפן אין טאָג־טעגלאַכן לעבן פון די אידישע מאַסן! אוטאָפּיסטיש צוגעשמידט צום אויפלעבונגס־אידעאַל אין איינגענעם לאַנד, האָט זיך דער בליק פון די דאָזיקע אידעאַלאָגן אויפגעהויבן הויך איבער די לויפנדע מאָמענט־באַדערפנישן. די ערשטע 20 יאָר איז פאַר די ציוניסטן געווען פרעמד יעדער געדאַנק פון פאַרכאַפן און פאַר־פעסטיקן די פּאָזיציעס אין די גלות־לענדער, פון אַ נויטווענדיקן צוזאַמענ־בונד צווישן פּערזענלאַכער פאַראינטערעסירונג און די כלל ענינים. אויף דעם, וואָס עס טוט זיך אין גלות, און אויף אַלע גלות ערשיינונגען — דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער, דעם קאַמף פאַר בירגערלאַכער פריי־הייט, דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך, עמיגראַציע — האָבן די ציוניסטן געקוקט ווי אויף עפּעס פּרובּלאַזעס, פרעמדעס. ווייל, אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן, איז — דאָרטן, אין דער היסטאָרישער היים פון אידישן פאָלק. דאָרט —ציון, דאָ — גלות. און וואָס קאָן זיין גוטס פון גלות?

דערווייל האָבן די אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן אַלץ מער און מער אַריינגענומען אין זייערע הענט די אָרגאַניזירטע אויסדרוקן פון געזעל־שאַפטלאַכן לעבן, און די עקסטרעמע פּלאַכקייט, ממש דלות פון געדאַנק, האָט זיך ביי זיי פאַראייניקט מיט אַ גרויסן פּראַקטישן חוש און אָרגאַני־זאַציאָנעלער געשיקטקייט. דער ציוניזם ווידער, דוקא ערב די סאַמע שווערע דערשיטערונגען, וועלכע עס האָט איבערגעלעבט דאָס אידנטום אין אונזער צייט, — האָט זיך אַרויסגעוויזן קראַנק אויף אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנמאַכט, טראָץ דער דרייסטקייט און דורכדרינגלאַכקייט פון געדאַנק.

אין פריערדיקן אַרטיקל האָבן מיר געזען, אַז די רעוואָלוציאָנערע יאָרן האָבן אונז געבראַכט דעם ערשטן, ניט גאַנץ געלונגענעם נסיון פון אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע.

יעדע תקופה פון סאָציאַלע דערשיטערונגען אין דער אַרומיקער וועלט עפנט פאַר'ן אידישן פאָלק נייע ד ע ר ש י ט ע ר ו נ ג ע ן — און נייע ה אָ פ נ ו נ ג ע ן, גרויסע געפאַרן — און רייצענדע פּ ע ר ס פּ ע ק־ ט י ו ו ן . . . דער ציוניזם האָט זיך געשטיצט אויף אָט די סכנות און דאגות, בעת דער גלות'יזם האָט זיך געשטיצט אויף די פּערספּעקטיוון און האָפנונגען...

לכתחילה האָט דער ציוניזם זיך באַמיט צו איגנאָרירן די דאָזיקע

האָפנונגען און פּערספּעקטיוון, ר׳האָט מיט אַ קרענקלאַכער פרייד אונטער־געכאַפּט אַלץ, וואָס איז געווען טראַגיש און גרויזאַם אין די פאָלקס־איבער־לעבונגען, כדי צו נישט צו מאַכן די דאָזיקע האָפנונגען. זײַנע שונאים האָבן דאַנגען אונטערגעשאַצט די סכנה, האָבן באַגעגנט די דערשיטערונגען מיט אַ בייזוויליקן געלעכטער און זיך געקליגלט אין באַרואיקנדער זעלבסט־נאַרערײַ: דאָס איז ניט געווען מוטיקייט, וואָס אָנערקענט די אחריות, נאָר לייכטזין, וואָס פאַרמאַכט די אויגן ביים ברעג פון תהום. און קיינער, קיינער אין דער אידישער גאַס האָ ניט אַ געשריי געטאָן: מיט אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ גייען מיר באַגעגנען דאָס, וואָס ס׳דערוואַרט אונז!

און דער ציוניזם האָט זיך געגריזשעט, געפירט אַ אידעאישן קאַמף אין אַ צייט, ווען זײַנע שונאים האָבן געבויט פעסטונגען אינ׳ם לעבן. דאַן — אין אַט־די פינסטערע, און דאָך ליכטיקע, שטראַלנדיקע יאָרן — זײַנען אָפּגעפאַלן פונ׳ם ציוניזם איינער נאָכ׳ן צווייטן די לעבעדיקסטע און אַנטוויקלטסטע עלעמענטן. פון דעם ציוניזם האָט זיך אָפּגעטיילט אַ נייע פאָרם פון גלות־נאַציאָנאַליזם, אַ טיפערע, דרייסטערע און אויפריכטיקערע ווי דער ווערטער־נאַציאָנאַליזם פון די האַלב־אַסימילאַטאָרן. אַרבעטער, וואָס זײַנען געבליבן אינ׳ם ציוניזם, זײַנען מיט דער נשמה אַוועק פון זײַנע מעשים, זוכנדיק אויף זייער אייגענעם באַזונדערן קלאַסן־וועג די פאַר־אייניקונג פון די באַפרייאונגס־אויפגאַבן פון דעם מאָמענט מיט׳ן אידעאַל פון אויפלעבן דאָס פאָלק אין זײַן אייגן לאַנד. ענדלאַך, ווען די אַלגעמיינע אויפלעבונג האָט מיט זיך אַוועקגעשלעפּט די סאַמע ראַדיקאַלע און ניכטערע, האָט זיך אויך דער הויפּט־קאָרפּוס פון דער ציוניסטישער אַרמיי אַ לאָז געטאָן אין קאַמף פאַר מעגלאַכע פּאָזיציעס אין גלות. די העלסינגפאָרסער פּראָגראַם אין רוסלאַנד און די פאַרמירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי אין עסטרייך באַצייכענען מיט זיך אַ נייע ריכטונג אין דער ציוני־סטישער פּאָליטיק.

אַזוי אַרום האָט דער ציוניזם סוף־כל־סוף אָנגעהויבן באַהערשן די אינווייניקסטע סתירה פון זײַן רעאַלע. אַנשטאָט דעם אוטאָפּישן חלום, מיט איין שפּרונג — מיט איין וואונדערפולן גלגול — געזונט צו מאַכן דעם פאָלקס־קאָלעקטיוו, האָט דער ציוניזם איינגעשלאָסן אין קרייז פון זײַנע שטרעבונגען די אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן דעם אידישן ישוב אין די גלות־לענדער.

דער ציוניזם איז געוואָרן סינטעטיש און אינטעגראַל, ר׳האָט אומ־געפאַסט די אַנטוויקלונג פון אידישן כלל אין אַלע ריכטונגען, אין גלות און אין ארץ־ישראל, היינט און מאָרגן.

אָבער אַט־די אויפגאַבע איז געווען פּסיכאָלאָגיש אַזוי ניי פאַר דער מערהייט ציוניסטן, אַז זיי זײַנען איז משך פון די לעצטע עטלאַכע יאָרן קוים צוגעטראָטן צו איר לייזונג. דאָ זײַנען, אודאי, ניט ווייניק שולדיק אויך די ניט־גינסטיקע אויסערלאַכע תנאים — הויפּטזעכלאַך אין רוס־לאַנד, און אויך דאָס, וואָס אומעטום האָבן די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין

דער אידישער געזעלשאפטלאכקייט געהערט די שונאים פון ראדיקאלן אויפלעבן פון אידישן פאלק. נאר מער פון אלץ דארף מען עס פארשרייבן אופי'ן חשבון פון דער פסיכאלאגישער ניט־צוגעפאסטקייט פון די ציוניסטן צו דער נייער לאגע. די ציוניסטן, אויב מ'זאל ניט רעכענען די פועלי־ציון, וועלכע האבן עס שוין לאנג פארשטאנען און בויען געהעריק זייער טאקטיק, — האבן זיך נאך ניט צוגעוואוינט צום געדאנק, אז דעם ציוניזם שטייט פאר א קאמף פאר מאכט אינערהאלב דעם לעבן פון די מאסן, פאר דער הערשאפט אין דער אידישער געזעלשאפטלאכקייט.

א דאנק דעם קאמף־אינסטינקט, וועלכער איז אזוי געוויינלאך ביי ארבעטער, האט דער פראלעטארישער ציוניזם פון זיין התחלה אן גראד־ליניק פארפאלגט איין ציל: באהערשן אלע פאזיציעס אינ'ם אידישן פראלעטאריאט און שאפן נייע. און אויב זיין אויפגאבע האט זיך ניט איינגעגעבן ביז איצט, איז עס לכתחליה צוליב דער גוואלדיקער צעשפלי־טערונג אין זיינע רייען (ס. ס., סיימיסטן, פועלי־ציון). און איצט, ווען דאס לעבן האט די צעשפליטערונג געמאכט צו נישט, שטערן שווערע אויסערלאכע תנאים. מ'דארף ניט פארגעסן, אז דער פראלעטארישער ציוניזם עקזיסטירט אין גאר דער וועלט מיט אייגענע כחות, ניט ווי דער „איינציקער פארטרעטער" מיט זיין מיוחס'דיקער משפחה, דער אידישער און ניט־אידישער.

מיט איין ווארט, דער ציוניזם דארף אריינכאפן אין זיינע הענט דאס, מיט וואס זיינע שונאים באנוצן זיך לרעה דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאציע. די פאזיציעס, וואס די אנטי־ציוניסטישע אינטעליגענץ האט פארנומען, זיינען דאך ניט אפגענומען געווארן ביים ציוניזם, זיי זיינען פשוט קיינמאל ביי אים ניט געווען. און מערקווירדיק — דארט, וואו דער ציוניזם מאכט פרואוון אריינצודרינגען אין דער לעבעדיקער אידישער פראקטיק — באגעגנט ער כסדר א ווארימען מאסן־אפקלאנג. אזוי איז עס געווען אויך ביי דעם וואל־קאמף צו דער ערשטער און צווייטער דומע, און אין גאליציע — דאס יאר און מיט פיר יאר פריער. דער ציוניזם האט אבער ביז איצט ניט געקאנט אויסנוצן דארטן יענע ענערגיע פון מיטגעפיל, וועלכע איז פארבארגן אין די ברייטע אידישע מאסן.

אויפ'ן שוועל פון דעם נייעם פרק פון דער אלוועלטלאכער און אידי־שער געשיכטע, ווען דאס אידישע פאלק דערווארטן נייע שווערע סכנות און נייע רייצנדע פערספעקטיוון, שטייען מיר פאר דער פראגע: ווי אזוי באזיגט מען די ארגאניזאטארישע שוואכקייט פונ'ם ציוניזם? ווי אזוי אנטוויקלט מען דעם מאקסימום פון פרוכטבארער טעטיקייט פון יענע טיפע סימפאטיעס, וועלכע דער אידעאל פון אויפלעבונג אין דער אייגענער היים באגעגנט איז די פאלקס־מאסן?

די תשובה איז: נאציאנאלע קאנצענטראציע קעגן דער אנטי־ציוניסטישער קאנצענ־טראציע.

# די שווערקייטן פונ'ם פּועלי־ציוניזם

.1

אויף אַ יובל־אָוונט פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע האָט זיך אַן אַלטער טוער פון דער באַוועגונג, אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער, געקלאָגט: אוי, ווי שווער איז צו זיין אַ פּועל־ציון! שוין גרינגער צו זיין אַ ס. ס., אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, נאָך גרינגער אַ בונדאָוועץ, אַ זש. פּ. ס.׳אָוועץ, דאָס איז אַזוי גרינג. דאָ דאַרף מען ניט טראַכטן, דאָ פאַרשפּאָרט מען צו לערנען זיך, אָבער אַ פּועל־ציון, אוי ווי שווער און אחריות׳דיק דאָס איז!

מיר אַלע פילן דאָס אָפּטמאָל, מיר קאָנען אינגאַנצן פאַרשטיין די קלאָג פון אונזער געטרייען חבר, נישט קוקנדיק אויף דער שווערקייט איז ער דאָך געווען און געבליבן אַ פּועל ציון, און ער באַצאָלט אַצינד זיין פּאַרטיי־איבערגעבנקייט מיט אַ לעבנסלאַנגער פאַרשיקונג קיין סיביר. און מיר אַלע שטייען פעסט ביי אונזערע פּרינציפּן, ניט קוקנדיק אויף זייער שווערקייט. אין וואָס־זשע באַשטייט אָט די צרה און אָט דער גליק אונזערער, וואָס אונזער אויפגאַבע איז אַזוי שווער, אַזוי קאָמפּליצירט און אַזוי טייער פאַר אונז אַלעמען?

פאַראַן אַ געזעץ אין דער נאַטור — דאָס געזעץ פון קראַפט־פאַרשפּאָרונג: איטלאַכע באַשעפעניש שטרעבט צו דערגרייכן מיט וואָס ווייניקער קראַפט־פאַרלוסט, מיט וואָס קלענערע אָנשטרענגונגען וואָס אַ גרעסערן דערפאָלג. דאָס דאָזיקע געזעץ הערשט איבער דער גאַנצער לעבעדיקער (אָרגאַנישער) וועלט, און אפשר אפילו איבער דער טויטער (אַנאָרגאַנישער) וועלט (אויב מ׳זאָל אַזוי אויסטייטשן האַמילטאָנס ענערגעטישן גרונטגעזעץ איבער דעם קלענסטן אינטעגראַל ביי דער באַוועגונג פון מאָלעקולן). יעדנפאַלס פירט זיך די גאַנצע לעבעדיקע וועלט לויט אָט דעם דאָזיקן כלל פון קראַפט־פאַרשפּאָרונג; אי דער וואוקס פון די פלאַנצן, אי די פאַרשפּרייטונג פון זייערע וואָרצלען, אי די באַוועגונגען פון די מיקראָסקאָפּישע בריאות, אי די געפילן און אינסטינקטן פון די חיות, אי דאָס אומבאַוואוסטזיניקע לעבען פונ׳ם מענטשן. אין דער גאַנצער מענטשלאַכער קולטור, אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטס־טעכניק, פון דער וויסנשאַפט, מאָראַל און קונסט, אין דער געשיכטע פון די אידעען־שטרעמונגען און געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונגען, אין די פאָרמען פון נאַציאָנאַלן קאַמף און קלאַסן־קאַמף, — אומעטום זעען מיר די ווירקונג פון דעם מעכאַנישן געזעץ: די מענטשהייט

שטרעבט אויף אַלע געביטן פון איר טעטיגקייט צו דערגרייכן וואָס גרע־סערע רעזולטאַטן מיט וואָס קלענערער פאַרשווענדונג פון ענערגיע.

די דאָזיקע שטרעבונג צו דער אָפּשפּאָרונג פון קראַפט איז אַליין פאַר זיך נישט קיין איינפאַכע, נאָר אַ קאָמפּליצירטע דערשיינונג, ס׳איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע מאָס פון אָפּשפּאָרונג, איר גרויס הענגט אָפּ פון די באַדינגונגען. אַז איך מוז דורכמאַכן אַ מהלך צווישן צוויי פּונקטן, איז, אַבסטראַקט גערעדט, דער קורצסטער וועג, ווען איך זאָל זיך לאָזן אויף אַ גראַדער ליניע, גלייך צום צוועק. דאָס איז אָבער אַזוי נאָר אין דער הוילער אַבסטראַקציע, אָפּגעריסן פון דער פאַרפּלאָנטערטערווירקלאַכקייט. שטעלט זיך פאַר, אַז צווישן ביידע פּונקטן געפינט זיך אַ מכשול, אַ שטיי־גער אַ באַרג אָדער אַ טייך: קלאָר, אַז דעמאָלט איז די גראַדע ליניע גאָר נישט דער קורצסטער און גאָר נישט דער גרינגסטער וועג, — און כדי צו פאַרשפּאָרן אומנויטיגע אָנשטרענגונגען, מוז איך מאַכן אַנ׳אומוועג, אָדער גאָר דורכגראָבן אַ טונעל, אַוועקלייגן אַ בריק. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז איינפאַכקייט איז נישט תּמיד דער אמת׳ער וועג צו פאַרשפּאָרן קראַפט, אַז איינפאַך און אמת זיינען ווייט נישט איינס און דאָסזעלביקע. אדרבא, די לעבנס־באַדינגונגען פונ׳ם יחיד און פונ׳ם כּלל זיינען אַזוי פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט, אַז מיט איינפאַכע פּשוט׳ע וועגן קען מען כּמעט קיין שום פּעולה נישט דערגרייכן, חוץ דעם איינציקן תּכלית, וואָס מ׳צעברעכט זיך די האַלז נאָך איידער מ׳קומט צום צוועק.

פונדעסטוועגן, אַ דאַנק דאָס געזעץ פון קראַפט־אָפּשפּאָרונג שטרעבט דער מענטש קודם כּל זיך ווי ווייט מעגלאַך איינפאַכער צו מאַכן די אַר־בעט, ער זוכט פון אָנהויב צו גיין מיט׳ן קורצסטן וועג, מיט׳ן גראַדן דרך, און אים דוכט זיך, אַז אָט־אָט דערגרייכט ער זיינע צילן. און ערשט שפּעטער לערנט אים די לעבנס־דערפאַרונג אַלץ מער און מער צוצופּאַסן זיך צו די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, אָנצואווענדן אַלץ פיינערע, קלוגע־רע, פאַרשידנאַרטיגערע מיטלען צו די צוועקן. איטלאַכע זאַך איז אַזוי אין דער געשיכטע פון יחיד און כּלל. אַמאָל האָט דער מענטש געזוכט גובר צו זיין דעם שטח פון דער ערד מיט די איינפאַכסטע מיטלען פון טראַנספּאָרט, דורך פערד, קעמלען, און זעגל־שיפן. איצט איז אָבער די טראַנספּאָרט־טעכניק אַזוי פאַרפּלאָנטערט און דיפערענצירט געוואָרן דורך אייזנבאַנען, דאַמפשיפן, אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען, אַז קיין מענטשלאַ־כעם לעבן וואָלט נים קלעקן, זיך כאָטש — אויסצולערנען אָט די אַלע מיטלען צו באַהערשן. אַלץ, אַלץ ווערט קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט. דערפון האָבן מיר אַ וויכטיקע מסקנה: **די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלאַכער קולטור דריקט זיך אויס נישט אין דער פאַראייַנפאַכונג, נאָר אין פאַרפיינערונג און דיפערענצירונג פון די אַרבעטס־ און דענק־מעטאָדן:** איינפאַכקייט פון געדאַנק און איינפאַכקייט פון קאַמפּס־טאַקטיק איז אַ באַווייז פון אָפּגעשטאַנענקייט.

דערצו קומט נאָך אָבער נאָך אַ צווייטע זייט פון דערזעלבער פראַגע. דער גענעץ פון קראַפט־פאַרשפּאָרונג באַטייט נישט נאָר וואָס ווייניקער קרעפטן אָפּצושפּאָרן, נאָר אויך וואָס מער רעזולטאַטן צו דערצילן. די איינפאַכסטע און אַם מערסטן אַבסטראַקטע פאָרם וואָלט געווען די: דאָס איינפאַכסטע טאָן איז גאָרנישט טאָן, דאָס איינפאַכסטע דענקען איז גאָר־נישט דענקען. אַזוי וואָלטן מיר זיך ווירקלאָך אָפּגעשפּאָרט די גאַנצע ענערגיע. שטרעבט מען אָבער צו וועלכע ניט איז צוועקן, ווערט דער מאָס פון אָפּשפּאָרן באַרעכנט לויט דעם צוועק. און דער אידעאַל פון דער מענטשלאַכער טעטיגקייט איז: מינימום פון אָנשטרענגונג ביי מאַקסימום פון פּראָדוקטיוויטעט. אָט־די ביידע אונטערגעשטראָכענע זייטן פונ׳ם אַלגעמיינעם לעבנס־גענעץ האָט דער מאַרקסיזם אויסגעדריקט אין זיין באַקאַנטן כלל, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט שטיצט זיך אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

ווי געזאָגט, האָט זיך אונזער חבר באַקלאָגט אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ פּועלי־ציוניסט. אודאי איז גרינגער צו זיין אַ ס. ס.־אָווע, אָדער אַ זש. פּ. ס. — ווייל דער פּועלי־ציוניסטישער געדאַנק און די פּועלי ציוניסטישע פּראַקטיק זיינען מער קאָמפּליצירט, מער פאַרפּיינערט און דיפערענצירט, איידער די געדאַנק־ און קאַמף־מעטאָדן פון די איבעריגע אידישע פּאַרטייען. לויט דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט פונ׳ם אידישן לעבן, צוגעפּאַסט צו די פאַרפּלאָנטערטע באַדינגונגען פונ׳ם גלות און פון דער אידישער אויפלעבונג, שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פּראָגראַם פון די פּועלי ציון, דעם *מעגלאַכסטן מינימום פון אָנשטרענגונג ביי אַ מאַקסימום פון פּראָדוקטיוויטעט.* אודאי זעצט פאַראויס, זאָגן מיר דאָס בונדיסטישע פּראָגראַם אַ קלענערע אָנשטרענגונג פון די גייסטיקע און פיזישע כחות פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט, דערפאַר אָבער באַנוגענען זיי זיך מיט אַ נאָך פיל קלענערן מאָס פון פּראָדוקטיוויטעט. מיר ווילן דאָס אידישע לעבן, די אידישע אַרבעט און אידישע ענערגיע מאַכן פּראָדוקטיוו אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלאַכער קולטור. מיר ווילן זיך ניט באַנוגענען מיט יענע רעזולטאַטן, וואָס קאָנען דערגרייכט ווערן בלויז אין די ראַמען פונ׳ם גלות־לעבן. אָבער אויך דאָ אין גלות אַנטפּלעקן מיר פאַר דעם אידישן אַרבעטער פיל ווייטערע האָריזאָנטן, איידער די איבעריקע אידישע פּאַרטייען. ביי די ס. ס. הויבן זיך אָן און עס ענדיקן זיך די אידישע גלות־פּראָבלעמען מיט דער עמיגראַציאָנס־פראַגע; ביי די בונדיסטן איז דאָס גלות אפילו אָן אַן ערך ברייטער ווי ביי די ס. ס. דאָך לעבט זיך אויס זייער פּראָגראַם און זייער טעטיגקייט מיט יענע קאַמף־מעטאָדן, וועלכע קאָנען דריקן דירעקט אויף דער בורזשואַזיע אָדער אויף דער מלוכה־מאַכט. די ס. ס. טוען פּאָזיטיווע אַרבעט נאָר בנוגע צו די אידישע עמיגראַנטן, און די בונדיסטן נאָר בנוגע סטרייקנדע אידישע אַרבעטער. די פּועלי ציון להיפך, נישט קוקנדיק אויף זייערע דערווייל שוואַכע כחות, באַמיען זיך צו טאָן פּאָזיטיווע אַרבעט

בנוגע צו אלעווירטשאפטלאכע, קולטורעלע און פאליטישע באדערפענישן פון אידישן פראלעטאריאט. און אויב מיר פארגלייכן די פאזיטיווע ארבעט פון די פועלי ציון מיט די פאזיטיווע ארבעטן פון אנדערע פאר־טייען, זעען מיר, אז די קאמפליצירטקייט פון אונזער פראגראם שאדט לחלוטין נישט צו זיין לעבנס־פעיאיגקייט. וויפיל ס. ס. ריידן וועגן רעגו־לירונג פון דער עמיגראציע, דאך לאזן זיי איבער די גאנצע פראקטישע ארבעט אויף דעם געביט צו די בירגערלאכע טעריטאריאליסטן און אסימי־לאטארן, בעת די פועלי־ציון באנוגענען זיך נים מיט הוילער אגיטאציע און האבן שוין אליין — פאר א קורצער צייט — עפעס דאך אויפגעטאן מיט זעלבסטשטענדיגע מיטלען (פאלעסטינא־ארבעטער פאנד, אינפארמא־ציאנס־ביורא אין יפו). וויפיל די בונדאווצעס האלטן אין איין אגיטירן פאר דער אידישער שפראך, ליטעראטור און פאלק שול, זינט זיי עקזיס־טירן אלס ארגאניזירטע פארטיי, האבן זיי דאך פאר דער לאנגער צייט נים אויפגעטאן קיין צענט'חלק דערפון, וואס די יונגע פועלי־ציון אויף אלע געביטן פון אידישער קולטור, וויסנשאפט און דערציאונג.

דאס אלץ איז א באוויז, אז צווישן אלע אידישע פארטייען, סיי בירגערלאכע, סיי פראלעטארישע, שטעלן מיט זיך פאר די פועלי ציון דעם העכסטן אנטוויקלונגס־טיפ, וואס איז מעגלאך אין דעם היינטיקן מאמענט אין דער אידישער געשיכטע. דעריבער איז טאקי אזוי שווער צו זיין א פועלי ציוניסט. נים נאר דער פועלי־ציוניסטישער געדאנק, נאר אויך די פראקטיק, וועלכע וואקסט אויס פון אים און צו וועלכער ער פאסט זיך אלץ מער און מער צו, פארלאנגען פון דעם אידישן ארבעטער די גרעסטע אנשטרענגונג פון זיינע גייסטיגע און מאטעריעלע כחות; דאך איז די דאזיקע אנשטרענגונג מינימאל, אין פארגלייך מיט יענער אלצדינג ארומנעמענדיגער פראדוקטיוויטעט פון אידישן לעבן, צו וועלכע די פועלי ציון שטרעבן. די פראקטישע שוועריגקייטן פון אונזער טאקטיק און אר־גאניזאציע וועלן מיר לאזן אויף אן אנדערש מאל, דערווייל אבער לאמיר זיך אפשטעלן אויף די טעארעטישע שוועריגקייטן פון אונזער פראגראם.

## 2.

דער פרימיטיווער, נים גענוג אנטוויקלטער געדאנק שטעלט זיך פאר, אז דער אמת מוז זיין איינפאך. קאמפליצירטע, גענוי־באגרינדעטע גע־דאנקען מאכן אויף דעם אומגעבילדעטן מאן דעם איינדרוק פון קאפ־דרייעניש און סכאלאסטיק. דא קומען מיר צו דער פראגע וועגן דער אזוי־גערופענער „קאנסעקווענץ" אין פראגראם און טאקטיק פון געזעל־שאפטלאכע באוועגונגען. דער איינפאכער, ווייניק באוואוסטזיניקער אידי־שער ארבעטער שטעלט זיך פאר, אז קאנסעקווענץ איז איינס פון די צוויי: אדער דא אדער דארט, אדער גלות אדער ציון. פאראייניקן ביידע זאכן, הייסט ביי אים טאנצן אויף צוויי חתונות. דאס אידישע פאלק האט א גלייכווערטל וועגן דעם באגריף פון קאנסעקווענץ: אז איינער זאגט ה י י נ ט

אזוי און מ אָ ר ג ן אזוי, איז ער קאָנסעקוועגט; זאָגט ער אָבער ה י י נ ט אזוי און מאָרגן א ז ו י איז ער נישט קאָנסעקווענט. ווי־זשע איז אָבער דער דין, אויב איינער זאָגט ה י י נ ט א ז ו י א ו ן א ז ו י און מאָרגן א ז ו י א ו ן א ז ו י? מכּח דעם האָט דאָס פאָלק זיין תשובה ניט געגעבן. ס'קומט אָבער אָפט אויס, דווקא אויף אַזאַ אופן קאָנסעקווענט צו זיין. אָט איז למשל דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם קאָנסעקווענט אין דעם דאָזיקן זין, און די אַנאַרכיסטן, וואָס ווילן פאַראייגפאַכן די אַרבעטער־באַוועגונג באַשולדיקן דעם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם, אַז ער איז נישט קאָנסעקווענט. ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט היינט זאָגן „ס אָ צ י אַ ל ע ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע" און מאָרגן זאָל זי זאָגן „ס אָ־צ י אַ ל ע ר ע פ אָ ר ם", וואָלט זי געווים געווען נישט אויסגעהאַלטן און די אַנאַרכיסטן וואָלטן געווען גערעכט אין זייער קריטיק. זי פאַרבינדט אָבער אין איר פּראָגראַם אי די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אי דעם קאַמף פאַר אַלטעגלאַכע רעפאָרמען; אויף אַזאַ אופן איז דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם אודאי מער קאָמפּליצירט איידער די אַנאַרכיסטישע „טעאָריע" און די פּשוט'ע מוחות קענען אפשר אַזאַ קאָמפּליצירטקייט ניט משׂיג זיין, פונדעסטוועגן בלייבט זי אויסגעהאַלטן און קאָנסעקווענט. אויך דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם שטייט תּמיד פאַר דער האַרבער שאלה, מכּח דער בריק צווישן דער רעפאָרם און דער רעוואָלוציע, אויך ער האָט זיין פראַגע מכּח „דאָ און דאָרט", און דערביי איז אויך ביי אים דער „דאָ" אין דער געגנוואַרט און דער „דאָרט" אין דער צוקונפט. פּונקט אַזוי ווי ביי די פּועלי־ציון שטייט פון לאַנג די האַרבע שאלה מכּח דער בריק צווישן דעם גלות און ציון; פּונקט אַזוי איז דער פּועלי־ציוניסטישער פּראָגראַם שטאַרק קאָמפּליצירט און פונדעסטוועגן הערט ער נישט אויף צו זיין קאָנסעקווענט.

דאָס גאַנצע מוז זיין רייכער אין עלעמענטן און אויך אין שווערִיגקייטן, איידער זיינער אַ טייל. דער סאָציאַליזם גייט אַריין אַלס אַ טייל אין דעם גאַנצן סכום פון דעם פּועלי ציוניסטישן פּראָגראַם, וועלכער באַשטייט אייגנטלאַך פון צוויי חלקים: סאָציאַליזם און ציוניזם. דעריבער איז קלאָר, אַז אַלע שווערִיגקייטן פון דער סאָציאַליסטישער אידעע גייען אַריין אינגאַנצן אין דעם פּועלי ציוניזם, און דערצו קומען נאָך דאָרט אַריין די שווערִיגקייטן פון דער ציוניסטישער אידעע. דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט פון אונז, אַז אַלע אונזערע אידעאַלן און פאָדערונגען זאָלן אויפגעבויט ווערן אויף די אָביעקטיווע טענדענצן פון דערווירקלאַכקייט, ד. ה. עס איז נישט גענוג, עפּעס צו וועלן, צו עפּעס צו שטרעבן. ניט גענוג, אַז די יחידים אָדער אפילו די מאַסן זאָלן פילן אַ באַדערפעניש אין עפּעס, נאָר ס'איז נויטיג אַז די באַדערפענישן און וואונשן וואָס גייען אַריין אין פּאַרטיי־פּראָגראַם זאָלן זיין בהסכּם מיט דער היסטאָרישער ווירקלאַכקייט. אָט אַ יענע אָביעקטיווע טענדענצן, אויף וועלכע עס ווערט געבויט אַ געשיכטלאַכער אידעאַל, רופן זיך אָן „די היסטאָרישע

נויטווענדיקייט פון דעם דאָזיקן אידעאַל". אין דעם זינען פאַרלאַנגט פון אונז דער וויסנשאַפטלאַכער קוק, אַז ביי דער אויפלעבונג פון די אידישע מאַסן אין גלות, ביי זייער נייעם לעבן אין פּאַלעסטינא זאָלן זיין „היסטאָרישע נויטווענדיקייטן", ד. ה., אַז זיי זאָלן אַנטשפּרעכן ניט נאָר אונזערע וואונשן, נאָר אויך די פּאַקטן פון דעם אידישן לעבן. און דערמיט האָבן מיר די ערשטע גרויסע שוועריקייטן פון דעם פּועלי ציוניסטישן פּראָגראַם: דער אידישער אַרבעטער, וואָס שטעלט זיך אונטער דער פאָן פון פּועלי־ציון, מוז זיין גענוג איבערצייגט, אַז דער סאָציאַליזם און ציוניזם, דאָס סאָציאַלע פּראָגראַם דאָ און דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם דאָרט, זיינען נישט נאָר שיינע אידעאַלן, נאָר אויך ווירקלאַכקייטן אָדער לכל הפּחות אָביעקטיווע מעגלאַכקייטן.

איצט שטעלן מיר זיך פאָר, וואָס דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט פון יעדן איינציקן פּועלי ציון: ער מוז זיך קלאָר מאַכן פון איין זייט די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די סאָציאַלע באַוועגונג פון אונזער צייט, ער מוז קודם פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון'ם סאָציאַליזם. און פון דער אַנדערער זייט מוז ער גאַנץ גענוי באַגרייפן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע לאַגע פון'ם אידישן אַרבעטער־קלאַס און די באַדינגונגען פון זיין אויפלעבונג. פון דער דריטער זייט אָבער מוז דער פּועלי ציוניסט גלייכצייטיג זיך גענוי פּאַנאַנדערקלייבן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע פון אונזער צייט בכלל און אין דער אידנפראַגע בפרט. ווי איר זעט, פאַרלאַנגט דער פּועלי־ציוניזם נישט קיין קליינינקייט פון זיינע טרעגער. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אַ פּועלי־ציון מוז זיין אַ גאון פון וויסנשאַפט און אַ גוואַלדיקער טעאָרעטיקער. אויך דער סאָציאַליזם אַליין פאָר זיך זעצט פאָראויס אַ ריזיקע גייסטיקע אַרבעט ביי איטלאַכן פּראָלעטאַריער, וואָס שטעלט זיך אונטער זיין פאָהן. פונדעסטוועגן הייסט עס נישט, אַז יעדער איינצלנער פּועלי ציוניסט מוז קענען אויף אויסווייניק די גאַנצע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און די גאַנצע פּועלי־ציוניסטישע און אַנטי־פּועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור און זיין אַ מומחה אין אַלע פראַגן פון סאָציאַליסטישן לעבן און פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג פון אַלע איינצלנע פעלקער און לענדער. דורך דעם אַליין, וואָס דער אַרבעטער באַטייליקט זיך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין איר פּראָפּאַגאַנדע און אירע אַקציאָנען, בילדט זיך אויס אין אים אַ סאָציאַליסטישער אינסטינקט און אַן אַלגעמיין סאָציאַליסטיש באַוואוסטזיין, וואָס איז וויכטיקער פאַר טויזנטער ליטעראַטורן. אַט אין דעם באַשטייט דער מהות פון דער אַזוי־גערופענער סאָציאַליסטישער דערציאונג. און דער פּאַקט, אַז די מאַסן באַטייליקן זיך אין דער סאָציאַליסטישער דערציאונג, און וואָס זי פאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און טיפער, איז שוין פאַר זיך אַ באַווייז פון איר היסטאָרישער נויטווענדיקייט. די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון'ם סאָציאַליסטישן אידעאַל קען נישט באַוויזן ווערן מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויקייט, דאָס מענטשלאַכע וויסן איז

נאָך נישט אַזוי ווייט געקומען, אַז מיר זאָלן קאָנען פֿאָראויסזען היסטאָרי־שע אַנטוויקלונגען מיט דערזעלבער גענויקייט ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. ס׳איז אַ טעות צו רעכענען אַז מאַרקס אָדער אַן אַנדערער טעאָרעטיקער האָט באַוויזן מיט באַשיינפּערלאַכע ראיות די גאַנצע היסטאָרישע נויטוועני־דיגקייט פֿון דעם סאָציאַליזם. ביכער און טעאָריעס זיינען בכלל נישט מסוגל די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט צו באַווייזן. זיי קענען ניט מער, ווי אילוסטרירן זי, גענויער דערקלערן און צוגעבן צו דעם פֿאַרשידענע פּירושים. וואָס די טעאָריע קאָן נישט טאָן, טוט דאָס לעבן גופֿא. דערווייזן, אַז די קלאַסן־סכסוכים און סתירות צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן מוזן ווערן אַלץ שאַרפֿער אין אַלע לענדער, קענען נישט אפֿילו טויזענטער בענדער, אָבער דאָס לעבן גופֿא זאָרגט וועגן אַזאַ באַווייז; דער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער שפּירט אויף שריט און טריט מיט זיין סאָציאַליסטישן אינסטינקט ווי די קלאַסן־סכסוכים ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און פּונקט אַזוי זאָרגט אונזער באַוועגונג פֿאַר דער פּועלי־ציוניסטישער דערציאונג פֿון אירע מיט־גלידער, און עס אַרבעט זיך אויס אַ פּועלי ציוניסטישער אינסטינקט און אַ פּועלי־ציוניסטישער באַוואוסטזיין, וועלכע קענען בעסער ווי טויזנטער ביכער באַזייגן די טעאָרעטישע שווערינקייטן פֿון אונזער פּראָגראַם.

באַווייזן די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פֿונ׳ם פּועלי ציוניזם וועלן נישט קענען אפֿילו טויזנטער ביכער, גלייך ווי טויזנטער ביכער קענען עס נישט טאָן בנוגע דעם סאָציאַליזם. די פּועלי ציוניסטישע ליטעראַטור קען אונזער פּראָגראַם נישט מער ווי אילוסטרירן, גענויער דערקלערן און צוגעבן צו אים פֿאַרשידענע פּירושים. דער פֿאַקט אַליין, וואָס אונזער באַוועגונג וואַקסט און פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ ברייטער און טיפֿער, דאָס איז שוין פֿאַר זיך דער בעסטער באַווייז פֿון איר היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. הכלל די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט באַשטייט ניט אין טעאָרעטישע באַווייזן פֿון די אָביעקטיווע טענדענצן, נאָר אין די פֿאַקטן פֿון לעבן גופֿא. דער וואוקס פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די אידישע מאַסן, דער שטייגנדיקער שטאָלץ פֿון דער אידישער פּערזענלאַכקייט, די באַוועגונג פֿאַר אידישע רעכט, וועלכע שטאַרקט זיך אַלץ מער און מער אין אַלע לענדער; ווייטער, די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די אידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינאַ, — דאָס אַלץ זיינען אָביעקטיווע פֿאַקטן, ווירקלאַכע טענ־דענצן, וואָס דריקן זיך אויס טעאָרעטיש אין אונזער פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם פֿונ׳ם אַלוועלטלאַכן אידישן פּראָלעטאַריאַט. די טעאָריע מוז נאָר די דאָזיקע פֿאַקטן זאַמלען, גענויער דערקלערן און פֿאַרבינדן איינעם מיט׳ן צווייטן. אַ שווערע אויפֿגאַבע, אמת שווערער, ווי ביי אַלע אַנדערע פּאַרטייען, וואָס באַנוגענען זיך מיט שמאָלערע אויסזיכטן און אָרימערע קאַמפֿן, אָבער ניט קיין אוממעגלאַכע אויפֿגאַבע, ווייל הינטער דער טעאָריע שטייט דאָס לעבן און די אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע פּראַקטיק. די טעאָ־

ריע איז ניט מער, ווי אַ שפּיגל און ווערקצייג פון דער פּראַקטיק. פּונקט ווי דער סאָציאַליזם, וועט אויך דער פּועלי ציוניזם גובר זיין זיינע טעאָרע־טישע שווערינקייטן אין דעם מאָס, אין וועלכן ער וועט פאַרשטאַרקן, פאַר־ברייטערן און פאַרטיפערן זיין פּראַקטיק. און די צען־יאָריקע געשיכטע פון אונזער עלטסטן אָרגאַן, פּונ׳ם „אידישן ארבעטער“ זאָגט אונז עדות, אַז אפשר איז טאַקע שווער צו זיין פּועלי־ציוניסטיש, אָבער מעגלאַך איז דאָס דאָך.

# וואָס קען מען טאָן קעגן דער אַרויסשטויסונג?

דאָס איז שוין אַן׳אַלטע צרה, אַז אידישע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, וואָס האָבן אָפּגעהאָרעוועט זייערע יאָרן אויף דער אויפבויאונג פון אַ אידישער אינדוסטריע, זעען זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעשטויסן פון דער פאַבריק, וואָס איז דורכגעווייקט מיט זייער שוויים און בלוט, און דערוויסן זיך, אַז די באַלעבאַטים נעמען צו קריסטן אויף זייער אָרט. דאָס פאַסירט הויפּטזאַכלאַך, בשעת דער פאַבריקאַנט העכערט די טעכניק פון דער פּראָדוקציאָן און פאַרבייט האַנט־אַרבעט אויף מאַשין־אַרבעט. עס האָט זיך אפילו איינגעשטעלט אַ כלל, אַז אידן זיינען ניט זוכה צו דערלאָזן ווערן צו די מאַשינען און אַז זייער גורל איז בלויז די אָפּגעשטאַנענע און אָפּשטאַרבנדיקע האַנט־פּראָדוקציאָן.

עס עקזיסטירט צווישן די אידישע אַרבעטער אַ שטרעמונג, וועלכע האָט שוין מיט צען יאָר צוריק אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג און האָט גערופן ערנסט אַ טראַכט צו טאָן מכח דעם, וואָס אידישע אַרבעטער ווערן אַרויסגעשטויסן פון די העכערע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען. און עס איז געווען ביי אונז אַ פיינטלאַכע שטרעמונג, וועלכע האַלט זי נאָך עד היום פאַר דער איינציקער פאַרטרעטערין פונ׳ם אידישן פּראָלעטאַריאַט. זי האָט תמיד אויסגעלאַכט די ערשטע שטרעמונג, גע־זאָגט זלזולים אויף אירע געדאַנקען און טעטיקייט. נאָר דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז מיר זיינען גערעכט, און האָט געצוואונגען אפילו קעגנער זיך אַביסל נענטער צוקוקן צו דער ווירקלאַכקייט. און אַצינד, ווען די אַרויס־שטויסונג פון אידישע אַרבעטער האָט אָנגענומען אַ סכנה׳דיקע גרויס פון אַ מאַסן־עפּידעמיע, בעת פון אַלע זייטן קומען שרעקלאַכע ידיעות וועגן אי־דישע וועבער, קאַמאַשנמאַכער און טאַבאַק־אַרבעטער, וואָס ווערן אַרויס־געוואָרפן אויף דער גאַס — איצט ערשט האָט מען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דער אַלטער מכה פון דעם אידישן פּראָלעטאַריער. און זעלבסטפאַרשטענדלאַך, די מענטשן וואָס האָבן אָט ערשט דערזען די וואונד, האָבן געמוזט נשתומם און צעטומלט ווערן. זיי פאַרשטייען ניט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין די סבות פון דער אַנ־געוויזענער קראַנקהייט און אין מיטלען, ווי אַזוי זי צו היילן.

## 1

פון וואַנען שטאַמט אָט די טראַגישע דערשיינונג אינ׳ם אידישן אַר־בעטער־לעבן, וואָס אידישע הענט ווערן ניט צוגעלאָזן צו די מאַשינען און צו דער גרויסער אינדוסטריע? מען האָט שוין פון לאַנג גע־זוכט דאָס צו דערקלערן דורך אַ גאַנצע סדרה אורזאַכן. אונזערע אָפּטי־

מיסטן, וועלכע זוכן פון אַלע אידישע צרות צו מאַכן אַ קליינקייט, האָבן זיך, נאַטירלאַך, מיט גרויס חשק אָפּגעשטעלט אויף אומבאַדייטנדיקע און זייטיקע סבות. אַזוי טענה'ען פילע אָפּטימיסטן, אַז די אורזאַך איז דער מאַנגל פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, די אָפּנייגונג פון די אידן פאַר שווערער אָנגעשטרענגטער פיזישער ארבייט וכדומה און זיי באַהויפּטן, אַז ווען מען זאָל בעסער אויסבילדן די אידישע אַרבעטער אין פּראָפעסיאָנעלע שולן, וואָלטן שוין מער קיין מניעות ניט געווען פאַר אונז אַריינצודרינגען אין די העכערע פּראָדוקציאָנס-צווייגן. יענע פּובליציסטן און כלל-טוער, וואָס מיינען אַזוי, האָבן פּשוט ניט קיין שום השגה, סיי מכח דער געשיכטע פון דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס, סיי מכח די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. ערשטנס איז אַ גרויסער טעות, אַז צוליב מאַנגל פון פאַך-קענטעניש ווערט מען ניט אויפגענומען אין אַ פאַבריק — זיינען דען יענע פויערים-בחורים און מיידלאַך, וואָס פילן אָן די גרויסע פאַבריקן, גרויסע קענער און ספּעציאַליסטן? פאַרקערט, די מאָדערנע מאַשינען האָבן געבראַכט דערצו, אַז אומעטום פאָדערן זיך נאָר אומאַנטוויקלטע פּראָסטע אַרבעטער-קרעפטן און נאָר די מייסטערס מיט די טעכניקער מוזן זיין אָפּריער צוגעגרייט צו זייער פאַך. צווייטנס, זיינען אידישע פּראָלעטאַריער ניט פון דער הוילער הויט געוואָרן לוין-אַרבעטער, נאָר עס דויערט שוין הונדערטער און טויזנטער יאָרן, וואָס אין'ם אידישן געטאָ עקזיסטירן בעל-מלאכות מכל המינים און ביי זיי זיינען תמיד געווען לער-יונגלאַך און געזעלן און אפילו האָבן ביי אידן אין'ם אַלטן זעלבסטשטענדיקן פוילן עקזיסטירט צעכן (חברות) מיט שטרענגע תקנות, פּונקט ווי ביי די אומות העולם. אַקוראַט די זעלבע פאַרבילדונג אין זיין פאַך, ווי עס האָט אַ דייטשער שוסטער, שניידער, בוכבינדער אָדער מעבל-מאַכער, האָט אויך גענאָסן דער אידישער בעל-מלאכה. און לאַנגע דורות פון אידישער אַרבעט האָבן אויך אויסגעאַרבעט געוויסע טראַדיציעס פון מלאכה און פון האַנט-טעכניק. אי, וואָס די אידישע אַרבעטס-טראַדיציע האָט זיך מער צוגעפּאַסט צום געטאָ און ווייניקער צו דער אויסערער וועלט, וואָס דער אידישער וועבער האָט געלערנט אין די פאַרגאַנגענע דורות צו וועבן אַ טלית, דער אידישער שנייַדער צו נייען אַ קאַפּאָטע און ניט קיין פראַק, דער אידישער קירזשנער צו מאַכן אַ ספּאַדיק אָדער אַ יאַרמולקע און ניט קיין הוט פון אַ טשינאַוונִיק — דאָס באַווייזט נאָך ניט, אַז אידישע אַרבעט האָט ניט קיין טראַדיציע און קיין היסטאָרישע געוואוינהייט. ווען אונזערע כלל-טוער וואָלטן ווייניקער גערעדט און מערער געפאָרשט, וואָלטן זיי געוואוסט, אַז אויך אין מערב אייראָפּע קלאַגן זיך אַלע, אַז דער מאָדערנער האַנדווערקער איז ניט צוגעפּאַסט צו דער פאַבריקאַרבעט און אַז קיין שום פּראָפעסיאָנעלע בילדונג העלפט אים ניט אפילו אין די פאָרטגעשריטנסטע לענדער.

מער מַמשות האָט שוין אַ צווייטע טענה, אַז דער ש ב ת שטערט די אידן אָנצוקומען אין די גרויסע פאַבריקן; און דעריבער טאַקי האָבן

זיך אונזערע אָפּטימיסטן מיט אַזאַ חשק אָנגעכאַפּט פאַר'ן שבת. זיי פאַרשטייען אָבער ניט, אַז שבת ביי אונז אידן איז ניט נאָר אַ רעליגיע־זע איינריכטונג, נאָר אויך אַ טיף איינגעוואָרצלטער מנהג פון געזעלשאַפט־לאַכן און ווירטשאַפטלאַכן לעבן, און דער שבת וואָלט דעריבער אייגנטלאַך געמוזט זיין אַ מעלה און ניט קיין חסרון פון אידישן אַרבעטער. דער אידישער בעל־הבית איז דאָך אויך געוואוינט צו רוען אים שבת און ווען ער וואָלט ניט האָבן קיין באַזונדערע שנאה צום אידישן אַרבעטער, וואָלט ער דאָך אים צונעמען מיט מער חשק. אַלאַ, וואָס, דער מייסטער און ווערקפירער איז מערסטנסטייל אַ קריסט פון אויסלאַנד און דעריבער איז דער בעל הבית „געצוואונגען" צו לאָזן די פאַבריק אַרבעטן שבת און רוען צוליב דעם ווערקפירער, זונטאָג. איז, ערשטנס, דער מייסטער ניט קיין האַר איבער'ן בעל הבית און צווייטנס, שפּאַרן זיך די אידישע אַרבעטער גאַרניט איין דוקא צו רוען שבת. וויפיל פאַלן זיינען שוין פאָרגעקומען, ווען אידישע אַרבעטער זיינען מסכים געווען צו אַרבעטן אום שבת און דאָך האָט עס גאַרניט געהאָלפן.

אַ דריטע סבה גיט מען אָן, וואָס אידישע אַרבעטער זיינען מער קולטורעל איידער די פויערים, זיי פאָדערן מער לוין און בעסערע באַהאַנד־לונג, און דער עיקר, וואָס אידישע אַרבעטער זיינען די גרויסע סטריי־קערס. דערפאַר זאָל דער אידישער קאַפּיטאַליסט מורא האָבן צו באַשעפ־טיקן ביי זיך אידן, ווייל זיי סטרייקן צו אָפט און ער ליידט פון דעם גרויסע היזקות. ס'איז טאַקי ריכטיק, אַז אידישע אַרבעטער סטרייקן מער, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער: דאָס ווייסן אַליין די אידישע אַר־בעטער און זייערע ניט אידישע חברים און די בעלי בתים גופא (נאָר יעקב לעשטשינסקי ווייסט דאָס ניט. אויף'ן גרונט פון לחלוטין מיספאַרשטאַנענע ציפערן דוכט זיך אים, אַז רואיקער און דערשלאָגענער, ווי אַ אידישער אַר־בעטער איז שוין גאָר ניטאָ אין דער וועלט...). אַזוי, למשל, אין די פינף יאָר 1900־1904 האָבן אין דורכשניט פון 1000 אַרבעטער געסטרייקט: אין דייטשלאַנד 55, אין בעלגיען 70, ענגלאַנד 75, אין פראַנקרייך 150 אין גאַנץ רוסלאַנד 130. ביי אידן אָבער (אין רוסלאַנד) 240; קומט אויס, אַלזאָ, אַז אונזערע בעלי בתים זיינען גערעכט, ווען זיי קלאָגן זיך אויף זייערע „סטרייקערס"? ניין. ווייל דאָס רוב „סטרייקער" זיינען ביי אידן בעלי מלאכות־אַרבעטער און ניט קיין אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע. דאָס זעט מען פון פאָלגנדיקע ציפערן: אינ'ם האַנטווערק זיינען 81 פּראָצענט פון די סטרייקן אַרויסגערופן געוואָרן פון די אַרבעטער גופא (אָנגריפס־סטרייקן) און נאָר 17.5 פּראָצענט פון די אַרבעטער זיינען אַרויסגערופן אין די סטרייקן דורך די בעלי בתים (אָפּוועהרסטרייקן). אין דערזעלבער צייט אָבער זיינען אין די קלענערע און מיטע־לערע פאַבריקן 50 פּראָצענט פון די סטרייקן אַרויסגערופן געוואָרן דורך די בעלי בתים און אין די גרעסטע פאַבריקן

(איבער 200 אַרבעטער) זיינען דורך די שולד פון די בעלי בתים אַרויס אין סטרייק גאַנצע 67,5 פּראָצענט פון די סטרייקנדע אידישע אַרבעטער, און נאָר 25 פּראָצענט פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אָנגריפס־סטרייקן*) און דער דערפאָלג פון די אידישע „סטרייקער" איז ניט גלייך ביי בעלי מלאכות און אין די פאַבריקן: בשעת ביי די האַנטווערקער זיינען 72.7 פּראָצענט פון אַלע סטרייקן פאָלשטענדיק געלונגען פאַר די אַרבעטער און נאָר 7,9 פּראָצענט זיינען געווען אין גאַנצן פאַרשפּילט, האָבן ביי די קליינע פאַבריקאַנטן (20 ביז 50 אַרבעטער) די אַרבעטער געוואונען אין 68.7 פּראָצ. פון די סטרייקן און פאַרשפּילט 14.9 פּראָצ., ביי די מיטעלערע פאַבריקן (51 ביז 200 אַרבעטער) געוואונען נאָר 56.9 פּראָצ. און פאַרשפּילט 20.7 פּראָצ. און אין די גאָר גרויסע פאַבריקן (איבער 200 אַרבעטער) האָבן 27,6 פּראָצ. פון די סטרייקער געוואונען און פאַרשפּילט האָבן גאַנצע 41.7.

פון די דאָזיקע ציפערן איז אַרויסצונעמען, ווי פאַלש זיינען די יללות פון אונזערע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, אַז זיי קענען ניט אויסהאַלטן די „חוצפּה" פון די אידישע אַרבעטער, וואָס האַלטן בלומרשט אין איין סטרייקן. אויב עמיצער וואָלט זיך שוין יאָ מעגן באַקלאָגן, איז דאָס דער קליינער בעל־הבית, דער האַנטווערקער, ווייל ביי אים סטרייקן טאַקע די אידישע אַרבעטער זייער אָפט. דער גרויסער גביר אָבער מעג זיך שעצן גליקלאַך אין דער הינזיכט. פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז דער האַנטווערקער לעבט מיט דעם אידישן אַרבעטער, הגם דער לעצטער איז אַ „סטרייקער". דער בעל הבית לויפט טאַקע יעדע מינוט צו דער פּאָליציי, ער ליידט אויך היזקות פון די סטרייקן, און דאָך פאַרבייט ער ניט דעם אידישן אַרבעטער אויף אַ קריסט. און ווער שטופּט אַרויס דעם אידישן אַרבעטער? דאָס איז אונזער גביר, דער „הער פאַבריקאַנט". ער באַרופט זיך דאָס אויף דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער, כדי צו באַרואיקן דאָס נאַציאָנאַלע געוויסן פון דער אידישער געזעלשאַפט.

## 2

ווילן מיר דערגיין די אמת'ע סבות פון אָט דער דערשיינונג, מוזן מיר קודם כל פאַנאַנדערשיידן אין איר צוויי זייטן: ערשטנס, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן'אַלגעמיינעם כלל, אַז אידישע אַרבעט איז היסטאָריש אָפּגעריסן פון דער נאַטור (לאַנדווירטשאַפט) פון דער אורפּראָדוקציאָן

*) די דאָזיקע ציפערן באַציען זיך צו די אידישע סטרייקן אין רוסלאַנד אין 4־1900 יאָר און זיינען אַרויסגענומען פון אַ ספּעציעלער אונטערזוכונג איבער דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער, אויף וועלכער דער מחבר אַרבעט זייט 7 יאָר. די דאָזיקע אונטערזוכונג איז נאָך ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן. (זע באַמערקונג זייט 155 — ב. ל.).

(באַרגבוי, וואַלד־ווירטשאַפט) און פון יענער אינדוסטריע, וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט די פּראָדוקציאָנס־ און טראַנספּאָרט־מיטלען (מעטאַלגיסעריי, מאַשינענבוי, דאַמפשיפן און באַנענבוי). די אידן זיינען דורך יאָרהונדערטער דערווייטערט פון די אורשפּרינגלאַכע וויכטיקסטע פּראָדוקציאָנס־צווייגן אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער גאַנצער בנין פון דער מענטשלאַכער ווירטשאַפט; און די אידן זיינען קאָנצענטרירט נאָר אין די שוואַכסטע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, וואָס ליגן אויף דער אויבערפלאַך פון דעם ווירטשאַפטלאַכן בנין — אין דער פּראָדוקציאָן פון געברויכסמיטלען. בנוגע צו דער דערשיינונג לאָזט זיך ניט ריידן מכח אַרויסשטויסונג. אידן זיינען ניט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון מעטאַלגיסעריי צו שלאָסעריי, פון באַנענבוי צו בעל עגלות, פון לאַנדווירטשאַפט צו שניידעריי, שוסטעריי, טאַבאַק אינדוסטריע, פון וואַלדווירטשאַפט צו שוועבעלאַך־אינדוסטריע, נייז, זינט עס עקזיסטירט דער גלות זיינען אידן פּשוט ניט געווען אין דער אור־פּראָדוקציע. און דאָס איז שולדיק ניט דער שבת און ניט דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די אידישע אַרבעטער, נאָר די גאַנצע אייגנאַרטיקע געשיכטע פון דעם אידנטום אין די גלות־לענדער.

די אָפּגעריסנקייט אונזערע פון דער נאַטור און פון די גרונט־סטאַדיען פון'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס איז די הויפּט־אייגנטימלאַכקייט פון'ם עקאָנאָמישן אידישן לעבן אין אַלע גלות־לענדער. אָבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זעען מיר אויך אַ צווייטע זייטיקע אַנאָמאַליע, אַ חלאַת פון צווייטן גראַד, וועלכער באַשטייט אין דער אויבנאָנגעוויזענער אַרויסשטויסונג. אפילו אין יענע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, וואו אידן געפינען זיך פון תמיד אָן, וויל מען זיי ניט צולאָזן צו די העכערע, אַנטוויקלטע פאָרמען פון דער מאָדערנער טעכניק. אָט די דאָזיקע צווייטע דערשיינונג איז שוין גאָרניט קיין היסטאָרישע, און אויך זיינען שוין גאָרניט שולדיק די צווייטוויזנטיאָריקע וואַנדערונגען, וועלכע האָבן גורם געווען צו דער ערשטער הויפּט־אַנאָמאַליע. ביידע דערשיינונגען מישט מען שטענדיק צונויף, און דערפון שטאַמען גרויסע מיספאַרשטענדניסן. מיר וועלן אונטערשיידן ביידע דערשיינונגען דורך דעם, וואָס די ערשטע וועלן מיר אָנרופן א י ז אָ ל אַ צ י ע פון די אידישע מאַסן און די צווייטע וועלן מיר רופן איינפאַך אַ ר ו י ס ש ט ו י ס ו נ ג.

די סבה פון דער איזאָלאַציע ווייסן מיר שוין, וואָס איז אָבער די סבה פון דער צווייטער, זייטיקער דערשיינונג? דאָס איז נאָר די אַ ס י מ י ל אַ ט אָ ר י ש ע ט ע נ ד ע נ ץ פ ו ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ג ר ו י ס ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע. דער אידישער פאַבריקאַנט, ווען ער קלייבט זיך צו ווערן גאָר אַ גרויסער גביר, וויל ער וואָס גיכער און וואָס שאַרפער צורייסן מיט דער אידישער סביבה, פון וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן. דאָס איז אים נויטיק צוליב צוויי טעמים: ראשית שטרעבט ער באַהערשן דעם „גויאישן" מאַרק און ער וויל זיין אויפ'ן מאַרק גלייך צו זיינע „גויאישע" קאָנקורענטן. זיין „אידנטום" איז אין דעם פּרט אַ

שווערע מניעה, מ'וויל אים ניט אנערקענען פאַר גלייך צו „לייטן" און ער חלשט ממש צו דערווייזן זיין „גויאישן" פּאַטריאָטיזם און עכט־בלוטי־קייט. צווייטנס, אויף וויפיל ער איז טראַדיציאָנעל פאַרבונדן מיט דעם אידישן פאָלק, זוכט ער אויסנוצן זיין איינפלוס, כדי צו „פאַרטרעטן" דאָס אידנטום פאַר דער אויסערער וועלט, זיין איינפלוס אין דער קהלה, אין די צדקה־חברות און אז. וו. באַנוצט ער, אום צו פאַרניכטן דאָס אידנטום און צוטרעטן מיט די פיס די פאָלקס־מאַסן און די געזעלשאַפט־לאַכע מיינונג. און וואָס ווייניקער ער וועט זיין פאַרבונדן געזעלשאַפטלאַך מיט אידן, אַלץ ווייניקער מעג ער מורא האָבן פאַר דעם קאָנטראָל פון די אידישע מאַסן. אָט וויל ער וויל ווערן „גלייך צו גוים" און זיך לגמרי באַפרייען פון דעם אידישן קאָנטראָל — מחמת דעם, שטרעבט ער צו האַלטן ביי זיך קריסטלאַכע אַרבעטער, קריסטלאַכע אָנגעשטעלטע און אריינצוגיין אין געשעפט ווי ווייט מעגלאַך נאָר מיט „גויים". פאַר אידן האָט ער נדבות און אמונה, „געשעפט" וויל ער אָבער פירן נאָר מיט קריסטן, אָדער מיט אַזוינע אידן־אסימילאַטאָרן ווי ער אַליין.

דערפאַר פאַרבייט ער טאַקי אידישע אַרבעטער אויף ניט אידי־שע, ווי באַלד ער ווערט „גרויספאַבריקאַנט", ד. ה., ווי באַלד ער שטעלט אריין ביי זיך אַ דאַמף־מאַשין. און דאָ נוצט ער אוים אַלערליי פאַר־וואנדן. ער איז בכלל אַ שונא פון אידישן אַרבעטער, ווערט ער נאָך מער מלא רציחה, ווען דער לעצטער דערלויבט זיך צו פּראָטעסטירן, אָדער גאָר סטרייקן. ער וויל בכלל ניט הערן פון אידישע אַרבעטער, דערפאַר טשע־פּעט ער זיך צו צום שבת, אָדער צו דער כלומרשטער ניט־דערפאַרנקייט און פיזישער שוואַכקייט פון די אידישע אַרבעטער. דאָס אַלץ מיינט ער גאָרניט ערנסט, ערנסט וויל ער פּשוט פּטור ווערן פון אידן, פון דער אידישער סביבה. און ווען אונזערע „איינציקע פאַרשטייער" מיט זייערע בירגערלאַכע קרובים גלויבן דעם קאַפּיטאַליסט אויף זיין נאמנות, אַז ער מיינט ערנסט מיט'ן שבת און מיט די סטרייקן — איז דאָס נאָר אַ באַווייז, ווי ווייט קורצזיכטיק, ווי אָבערפלעכלאַך זיי זיינען און ווי ווייט זיי שטייען פון דער אידישער ווירקלאַכקייט.

3

אַלזאָ, ווייסן מיר די אורזאַכן פון חלאת, אָבער ווי אַזוי זאָל מען אים היילן? דאָ מוז זיך יעדער דענקנדער אידישער אַרבעטער אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון — וואָס פאַר אַ חלאת דאַרף ער היילן און אין וועלכן גראַד ער דאַרף אויסגעהיילט ווערן.

חלאת'ן האָבן מיר געזען ניט איינעם, נאָר צוויי — די איזאָלאַצ־ציע און די אַרויסשטויסונג, און היילן קען מען זיי אויך אויף צוויי אופנים: מ'קען געברויכן „קאַלטע רפואות", פּאַליאַטיוון, „גיכע הילף" אָדער מען קען זוכן אַ גרינדלאַכע, ראַדיקאַלע, לאַנג־דויערנדיקע היילונג.

וואָס אָנבאַלאַנגט די איזאָלאַציע, איז דאָס אַ היסטאָרישע קרענק

פונ'ם אידישן פאָלק. אין איר איז שולדיק דער גלות, אונזער אָפּגעריסנ־קייט פון דער נאַטור, אונזער שטענדיקע עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון די אַרומיקע פעלקער, וועלכע מאָנאָפּאָליזירן דעם באָדן און די נאַטור און וועלן אונז ניט צולאָזן צו די דאָזיקע אורקוואַלן פון אַלע רייכטימער. קאַרל מאַקס פלעגט זיך באַרופן אויף דעם שפּרוך פון וויליאַם פעטי: „די ערד איז די מוטער און די אַרבעט — דער פאָטער פונ'ם רייכטום". אָט צו דער „מוטער" פונ'ם רייכטום קען דאָס אידישע פאָלק אין גלות בשום אופן ניט צוקומען, דאָס וועט מעגלאַך זיין נאָר ווען עס זאָל פאָרקומען אַ טיפע מהפּכה אין אַלע ווירטשאַפטלאַכע יסודות פונ'ם אידישן לעבן, ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל באַהערשן אַנ'אייגענעם באָדן אין זיין אייגן לאַנד — קעגן דער איזאָלאַציע איז דאָ נאָר איין רפואה — דאָס איז דער ציוניזם; מיט פּאַליאַטיוון — אין די גלות לענדער וועט מען דאָ גאָרניט העלפן.

גאָר אַנדערש איז דאָס מיט דער אַרויסשטויסונג. דאָ וויל מען אונז באַרויבן יענע פּאָזיציעס, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן דאָ אין די גלות־לענדער מיט אונזער שוויים און בלוט, דאָ וויל מען אונז פאַרטרייבן פון דאָרט, וואוהין מיר זיינען אַריינגעדרונגען אַ דאַנק אונזער ענערגיע, מיט אונזער אייגענער קראַפט. דאָס טאָרן מיר ניט דערלאָזן. ווערן שוואַכער, איידער מיר זיינען געוועזן ביז אַהער — דאָס ווילן מיר ניט זיין און מיר וועלן זיך אַנטקעגן דעם שיצן. האָבן מיר געקאָנט דערווערבן אונזערע פּאָזיציעס אינ'ם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, און ווי שוואַך די פּאָזיציעס זאָלן ניט זיין, דאַך האָבן מיר מסתמא די מיטלען זיך צו באַפעסטיקן אויף זיי. און מיר מוזן ברעכן די אידנפיינטלאַכע אַנטי־סעמיטישע כוונות פון אונזערע גבירים.

אַלזאָ, דאָ מוז זיך יעדער דענקנדער אידישער אַרבעטער אָפּשטעלן און אַ טראַכט־טאָן: וואָס ווילן מיר? צי ווילן מיר ה ע ל פ ן די אַרויס־געשטויסענע אידישע אַרבעטער, אָדער ווילן מיר די אַרויסשטויסונג ב אַ ־ ק ע מ פ ן, אומעגלאַך מאַכן? צי ווילן מיר ש נ ע ל ע ה י ל ף פאַר די אומגליקלאַכע, אָדער זוכן מיר אַ ראַדיקאַלן מיטל צו שטאַרקן אונ־זער ווירטשאַפטלאַכע לאַגע?

לעת עתה איז די שטימונג ביי די ברייטע מאַסן אַזוי געדריקט, אַז אַלע בענקען נאָך אַ קליין שטיקל ישועה, און דערפאַר געפינט ביי זיי אַ גינסטיקן באָדן די אַגיטאַציע פאַר „קאַלטע רפואות", פאַר קלייניקע אַפילו דעמאָראַליזירנדיקע פּאַליאַטיוון, און פּאַליאַטיוון האָבן מיר כחול הים, פון אַלע זייטן קומען צו אונז רחמנים, באַגליקער צו ראַטעווען די אַרויסגעוואָרפענע אויפ'ן גאַס אידישע אַרבעטער. דאָ קומען די בירגער־לאַכע נאַציאָנאַליסטן מכל המינים מיט נאַציאָנאַל־פילאַנטראָפּישע המצאות און עס רייסן זיך אַריין אין טומל אויך בונדיסטישע אַפּוטרופּסים מיט סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע דרשות. די נאַציאָנאַליסטן האַלטן אין מוסר'ן די פאַבריקאַנטן וואָס זיי זיינען שלעכטע אידן, וואָס זיי זיינען זיך ניט

מרחם אויף די אָרימע אידישע אַרבעטער, זיי אַפּעלירן צום נאַציאָנאַלן יושר פון די קאַפּיטאַליסטן, און „כּלל־טוער" פּועלן אַנ'אַנדערש מאָל, אַז ביים בעל הבית זאָל „ווייכער" ווערן דאָס האַרץ און ער זאָל צוריקנעמען אַ פּאָר אידישע אַרבעטער. און די בונדיסטן מאַכן אַ כּשר פּראָלעטאַריש פּנים און זאָגן מוסר די פּוילישע אַרבעטער, פּאַר וואָס זיי זיינען שלעכטע מאַרקסיסטן, זיי אַפּעלירן צום סאָלידאַריטעטס־געפיל, שרייבן חניפה'דיקע בריוו צו די פּוילישע חברים, בעטן זיך ביי זיי קלאַסן־יושר און... פּועל'ן גאָרניט. און די טאַקטיק פון ביידע צדדים איז לעבערלאַך און שעדלאַך.

יאָ, העלפן — העלפט עס אַנ'אַנדערש מאָל, אויב מען שטיצט זיך אויף נאַציאָנאַלן רחמנות, אָדער אויף קלאַסן־פילאַנטראָפּיע. מוסר ווירקט אין אַ געוויסער מאָס אויף אַ געוויסער צייט. ווען דער פאַבריקאַנט ווערט נתפּעל פון צייטונגס־דרשות און עס דערוועקט זיך אין אים „דאָס פּינטעלע איד", קען טרעפן, אַז ער זאָל צונעמען עטלאַכע אידישע אַרבעטער, נאָר ווי איז דעמאָלט די פּסיכאָלאָגיע פון אַרבעטער לגבי דעם בעל הבית? אין דעם פאַל איז דאָך דער בעל־הבית אַ „בעל־טובה". ער איז דער „שיינער", דער „ערלאַכער" איד — און דער אַרבעטער וועט אים שוין מוזן באַצאָלן טאַקע זיין יושר מיט ביטערע פּראָצענטן. דער אַרבעטער איז אַצינד שוין ניט קיין מענטש, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין אַרבעט. ניין, ער איז אַנ'איינגעבעטער אורח, וועלכן מען האָט אַריינגעלאָזן אויס רחמנות און דאָס רחמנות פון'ם בעל הבית וועט זיין דאָס בעסטע מיטל צו ברעכן דעם מוט און די ענערגיע פון די אידישע אַרבעטער.

דורך סאָציאַליסטישן רחמנות קען מען אויך עפּעס פּועל'ן. אַזוי האָבן די אידישע וועבער אין ביאַליסטאָק געפּועל'ט ביי די קריסטלאַכע חברים — זיי זאָלן צולאָזן ווערן אין די פאַבריקן. אָבער מיינט ניט, אַז מען האָט צוגעלאָזן אידן סתם, ניין, די קלאַסנרחמנות'דיקע פּוילישע אַרבעטער האָבן אָנגעפירט פאַר אידן... אַ פּראָצענט נאָרמע. ביז אַהער האָבן מיר געהאַט אַ פּראָצענט נאָרמע פאַר אידן אין די שולן, מיר וועלן זיי האָבן אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און די „קלאַסן־סאָלידאַריטעט", ווי די בונדיסטן פאַרשטייען זי, האָט אונז באַגליקט מיט אַ פּראָצענטנאָרמע אין די פאַבריקן... אַ גלענצנדער נצחון. און דער „איינציקער פאַרשטייער" האָט טאַקע מיט וואָס זיך צו רימען.

מיר מוזן פאַרשטיין איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ווער ס'האָט ניט קיין געפיל פון נאַציאָנאַלער זעלבסטווירדע, קען אויך ניט האָבן קיין אמת'ן חוש צו קלאַסנזעלבסטווירדע. יענער וואָס קלייבט נחת פון דעם גרויסן זיג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביאַליסטאָק און וואָס קען זיך דערנידעריקן צו בעטן זיך יושר ביי זיינע קלאַסנחברים (ווי די שוס־טער אין וואַרשע) — יענער איז ניט פייאיק צו פאַרטיידיקן זיין עהרע און האָט פאַרלאָרן יעדן מוט צום קאַמף פאַר זייע אינטערעסן. אָט דיזע דעמאָראַליזאַציע טראָגן אַריין די „איינציקע פאַרשטייער" אין די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

דריטע אָפּטיילונג:

# וועלט-מלחמה און רעוואָלוציע

# פֿאָרבאַמערקונג

די אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דער אָפּטיילונג, קען מען אײַנטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס.

אין דער ערשטער גייט אַריין בלויז די קליינע שריפֿט „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון אידישן פֿאָלק“, אַ מייסטער־ווערק פֿון קאָנצענטרירטקייט און סיסטעמאַטיק. די שריפֿט איז דער אָפּשלוס פֿון באָראָכאָוו׳ס טעאָרעטישער אַרבעט אויפֿ׳ן געביט פֿון דער אידישער עקאָנאָמיק. מען קען זי רואיק שטעלן אין איין שורה מיט די בעסטע טיילן פֿון „אונזער פּלאַטפֿאָרם“ און „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפֿערן“.

אין דער צווייטער קאַטעגאָריע (זייט 203־273) גייט אַריין אַ קליינער טייל פֿון די צאָלרייכע אַרבעטן, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן אינ׳ם קאַמף אַרום דעם אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע און אַרום די אידישע שלום־פֿאָדערונגען. הגם דער גרעסטער טייל פֿונ׳ם מאַטעריאַל פֿון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פּעריאָד האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן פֿאַר אַ שפּעטערן באַנד, זיינען אָבער די געציילטע בלעטער, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, גענוג, כדי צו כאַראַקטעריזירן באָראָכאָוו׳ס ראָלע אין יענעם קאַמף אַלס דענקער און קעמפֿער, אַלס לערער און שטראָפֿער. מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער בקיאות באַלויכט ער די פֿאַרפּלאָנטערטסטע שטאַטס־רעכטלאַכע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט׳ן קאַמף פֿון די אידישע מאַסן אין אַלע לענדער פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט און אויטאָנאָמיע. און מיט אַ ברענענדיקן פּאַטאָס קעמפֿט ער פֿאַר די דאָזיקע רעכט, פּונקט ווי פֿאַר דער פֿאָדערונג פֿון אַ אידישער היים אין ארץ־ישראל. די פֿיילן פֿון זיין סאַרקאַסטישן שפּאָט שליידערט ער קעגן דער פּחדנות און האַלבקייט פֿון די אַמעריקאַניש־אידישע פּני און זייערע נושאי־כּלים אין דער אַרבעטער־גאַס, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג פֿונ׳ם פֿאָלק און זוכן צו מינימאַליזירן זיינע פֿאָדערונגען און השגות. ס׳וועט געוויס ניט זיין קיין פֿאַרקלענערונג פֿון באָראָכאָוו׳ס ביז־דעמאָלטיקער באַדייטונג, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף איז באָראָכאָוו נאָך ווייט אויסגעוואַקסן און אַז זיינע אידעען זיינען נאָך מער פֿאַרפֿונדעוועט און פֿאַרטיפֿט געוואָרן. דעם העכסטן פּונקט האָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג דערגרייכט אין זיין באַרימט־געוואָרענער רעדע אויפֿ׳ן פּועלי־ציוניסטישן צוזאַמענפֿאָר אין קיעוו (1917), אין וועלכער ער פּראָקלאַמירט פֿייערלאַך זיין באַנייטן און פֿאַרברייטערטן סאָציאַליסטישן און נאַציאָנאַלן אני־מאמין.

צום סוף (זייט 274־300) ברענגען מיר עטלאַכע אַרטיקלען, וואָס באַלויכטן די חילוקי־דעות צווישן באָראָכאָוו׳ן און דער פּאַרטיי־מערהייט אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אין יאָר 1915 אַפֿילו געפֿירט צו אַ ציטווייליקן קאָנפֿליקט. די דאָזיקע אַרטיקלען ברענגען מיר אָן וועלכן ס׳איז שנוי. ווי ס׳איז צו זען אינ׳ם אַרטיקל „איבערגעשאַצט אַלע ווערטן“, האָט באָראָכאָוו — אַלנפֿאַלס שפּעטער — באַטראַכט די דאָזיקע חילוקי־דעות פֿאַר בלויז טאַקטישע, און אַפֿילו בנוגע דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און שקל האָט ער זיך אַלס דיסציפּלינירטער סאָלדאַט אונטערגעוואָרפֿן דעם באַשלוס פֿון דער פּאַרטיי. (אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, אין וועלכן באָראָכאָוו פֿירט שוין דאָ דעם קאַמף פֿון דער פּאַרטיי קעגן זיינעם אַ צו־„קאָנסעקווענטן“ אָנהענגער, האָבן מיר געקירצט עטלאַכע ווערטער, וואָס טראָגן אַ באַזונדערע שאַרפֿקייט קעגן דעם דיסקוסיע־פּאַרטנער און זיינען ניט עיקר׳דיק פֿאַר׳ן עצם ענין.) מיר האָבן נאָך גאַנץ צוגעגעבן צום סוף דעם אַרטיקל „פֿון באָסטאָן ביז פֿילאַדעלפֿיע“, וואָס וואַרפֿט אַ קלאָר ליכט אויף דער שטעלונג פֿון באָראָכאָוו׳ן, דעם אַנטי־קאָנגרעסיסט, צום בירגערלאַכן ציוניזם.

ב. ל.

# די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק.

## 1.

צוזאַמען מיט׳ן גאַנצן איבערבוי פון דער וועלט ווירטשאַפט איז אין משך פון לעצטן יאָר־הונדערט אָנגעגאַנגען אויך אַ גוואַלטיקע רעוואָלוציע אינ׳ם עקאָנאָמישן לעבן פון אידישן פאָלק. פון אַ פאַרמיטלער און הענדלער פאָלק וואַקסט אויס אַ פאָלק פון פּראָדוקטיווע אַרבעטער און שאַפער. די פּראָדוקטיוויזירונג פון דער אידישער אַרבעט — דאָס איז דער אַלגע־מיינער לויף, די אויסגעשפּראָכענע טענדענץ פון דער אידישער עקאָנאָ־מיק.

נאָר לאָמיר קודם פעסטשטעלן, מיט וואָס דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אידן צייכענט זיך אויס פון די אַלע אומות העולם, — לאָמיר פאָרמולירן און אויסטייטשן אין וואָס ס׳באַשטייט די אַ נ אָ מ אַ ל י ע. די אומנאָרמאַלע לאַגע פון אידישן ווירטשאַפטס־לעבן. ס׳לוינט זיך ניט צו פּאָלעמיזירן מיט יענע איינגע׳עקשנ׳טע גלות פּאַרטיידיקער, וועלכע האַלטן אין איין פאַרמאַכן די אויגן אויף דער אומנאָרמאַלער לאַגע. מענ־טשען וואָס מאַכן זיך נישט זעענדיק און ניט הערנדיק די דייטלאַכע און די זיכערסטע ווירקלאַכקייט, וועלן שוין קיינע אַרגומענטן נישט איבער־מאַכן. נאָר די שטימע פון די גלות־אָפּטימיסטן האָט שוין פאַרלאָרן איר אַמאָליקע פעסטקייט, און היינט צו טאָג געפינט זיך ניט קיין איינציקער ערנסטער באַאָבאַכטער פון אידישן לעבן, וועלכער זאָל ניט איינזען, אַז די עקאָנאָמישע יסודות פון דער אידישער עקזיסטענץ זיינען ניט נאָרמאַל.

אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע אַנאָמאַליע, — דאָס איז נאָך ווייט ניט קלאָר פאַר די פאָרשער. ס׳טרעפט, אַז אַ מענטש איז יאָרן־לאַנג קראַנק און ליידט פאַרשיידענע יסורים נאָר די דאָקטוירים קאָנען פאָרט ניט באַשטימען, וואו ליגט די סבה פון די קראַנקהאַפטע סימפּטאָמען. אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ חולה, — איז קיין שום ספק, נאָר די קראַנק־הייט אַנטוויקעלט זיך, און דער אָרגאַניזם אַרבעט אויס אַליין פון זיך די לעבעדיקע זאַפטן, וואָס זאָלן די קראַנקהייט באַקעמפן. אַזוי ענדערט זיך וואָס אַ יאָר דאָס בילד פונ׳ם חלאת. ס׳בייטן זיך די סימפּטאָמען און די דאָקטוירים גיט זיך ניט איין אָוועקצושטעלן אַ באַשטימטע דיאַגנאָזע. אַזוי איז אויך מיט דעם אידישן פאָלקס־חולה, — ער איז ניט קיין פּאַסיווער אָפּהענגטיקער קראַנקער, וואָס לאָזט זיך באַהערשן און פאַרניכטן פון דער חלאת. דאָס אידישע פאָלק האָט, פאַרקערט, פון זיך אַליין אַנטוויקלט

יענע אינערלאַכע כחות, װאָס שטרעבן צו באַזײַטיקן די קראַנקהײַט און צוריקברענגען דעם אָרגאַניזם גלײַכגעװיכט. דערמיט דערקלערט זיך, פאַר װאָס דאָס בילד פון דער קראַנקהײַט האַלט אין אײן בײַטן זיך, און װאָס די סאָציאַלע „דאָקטױרים“ פון אונזער פאָלק האָבן אין פאַר־שידענע צײַטן געשטעלט אַזױנע פאַרשידענע דיאַגנאָזן.

אַ יאָר דרײַיצן־פערצן צוריק איז בײַ אַ טײל אידישע סאָציאַליסטן געװען אין דער מאָדע די אַזױ־גערופענע „ניט־פּראָלעטאַריזירונגס“־טעאָריע. די טעאָריע האָט אין זיך אַ קערנדל געזונטן אמת, נאָר אין איר אור־שפּרינגלאַכער פאָרם האָט זי געהאַט אַ צו־פּרימיטיװן און האַמעטנעם אױס־זען, מיט װעלכן זי האָט זיך ניט געקענט לאַנג האַלטן. פון אָנפאַנג האָט עס געהײסן, אַז „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך ניט פּראָלעטאַריזירן“. דער גרילצנדיקער װידערשפּרוך, װאָס שטעקט אין די װערטער גופא, האָט אין גיכן געבראַכט דערצו, אַז די פּועלי־ציון, װעלכע האָבן די ערשטע די טעאָריע אַרױסגעפונען, האָבן זיך פון איר באַלד אָפּגעזאָגט. פון אַלע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע ריכטונגען זײַנען די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (די „ס.־ס.“) לענגער פאַרבליבן בײַ דער אומלאָגישער טעאָריע. נאָר אױך זײ האָבן געפּרואװט אָפּצושלײַפן אירע שאַרפע עקן, אַזױ אַז זי איז עטװאָס לײַטישער איבערגעניצעװעט געװאָרן אין דער „ניט אינדוסטריאַליזירונגס“ טעאָריע.

„דער אידישער אַרבעטער קאָן זיך ניט אינדוסטריאַליזירן“, — דאָס איז געװען די טעמע, אױף װעלכער דער טיפּסטער סאָציאַל־עקאָנאָמיסט פון די ס.־ס., יעקב לעשטשינסקי, האָט געשריבן זײַן בוך „דער אידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד“, אַ בוך פול מיט װיכטיקע געדאַנקען און ניט װײניקער װיכטיקע פעלערן.*)

עס איז אַן אומזין צו זאָגן, אַז אידישע אַרבעטער אָדער פּראָלעטאַריער „פּראָלעטאַריזירן זיך ניט“. ממה נפשך: זײַנען זײ שױן אַרבעטער, הײסט עס אַז זײ האָבן זיך נאָך פריער פּראָלעטאַריזירט, געװאָרן אױס אײגנטימער און אַװעק אױף׳ן מאַרק פאַרקױפן זײער אַרבעטס־קראַפט; און אױב זײ קענען זיך ניט פּראָלעטאַריזירן, קאָנען זײ אױך קײן לױן־אַרבעטער ניט װערן. אַ װײַטערדיקער אומזין איז, װען אַ אידישע און סאָציאַליסטישע

*) דאָ איז דער אָרט צו באַמערקן, אַז דער ערשטער באַשאַפער פון דער „ניט פּראָלעטאַריזירונגס“ טעאָריע איז געװען — אין 1902 יאָר — דר. ח. ד. הורװיץ, װעלכער האָט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט פון איר, װי אױך פון׳ם ציוניזם בכלל. װעגן דער „אַרױסשטױסונג“ פון די אידן פון זײערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס האָט נאָך פאַר אים געשריבן ס. פּעװזנער אין דער „בודושטשנאָסט“. איך װעל דאָ אױך באַטאָנען, אַז איך האָב קײנמאָל ניט געהאַלטן פון דער דאָזיקער טעאָריע אין אַלע אירע שאַטירונגען; אַזױ װײַט, אַז װען די רוסישע פּועלי־ציון האָבן זיך אַ קורצע צײַט מיט איר אַרומגעטראָגן (אין 1903 ביז 1905) האָב איך זיך מחמת דעם גרונט דערװײַטערט פון די פּועלי־ציון, װעלכע איך האָב אַלײן געהאָלפן גרינדן אין 1900־1902 יאָר. יעדנפאַלס, האָט די משונה׳דיקע טעאָריע ניט געהאַט בײַ די פּועלי־ציון קײן אָפיציעלן עקזיסטענץ־רעכט.

און אַז אַרבעטער־פּאַרטיי דערקלערט, אַז אירע אייגענע אַרבעטער קאָנען נים זיין קיין פּראָלעטאַריער אינ׳ם אייגנטלאַכן און סאָציאַליסטישן זינען פון וואָרט.

אומריכטיק איז עס ווען מען מיינט, אַז די אידישע אַרבעט קאָן זיך נים „אינדוסטריאַליזירן“. דער באַקאַנטער, בכלל זייער ערנסטער עקאָנאָמיסט י. לעשטשינסקי, האָט זיך באַקלאָגט אין זיין אויבן־דערמאָנטן בוך, וועגן די אידישע אַרבעטער (1906 יאָר), אַז אין 1897 יאָר און אפשר אויך איצט איז אין גאַנץ רוסלאַנד נים געווען קיין איינציקע פאַבריק, וואו עס זאָלן זיין באַשעפטיקט טויזנט אידישע אַרבעטער. די דאָזיקע טענה איז אָבער נים באַגרינדעט אויף די פאַקטן: אין דעם זעלבן סטאַטיסטישן זאַמלבוך פון דער יק״א, אויף וועלכן י. לעשטשינסקי האָט זיך מייסטנס געשטיצט, וואָלט ער געקענט געפינען (ב. 2, ז. 77) אַ אידישע טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע (שערעשעווסקי׳ס פאַבריק), וועלכע האָט אין 1898־1899 יאָר געציילט 1594 אידישע אַרבעטער: די דאָזיקע פאַבריק האָט געהאַט אַ דאַמף־מאַשין פון 36 פערד־קרעפטן. אין דער רייכער און וויים־פאַרצווייגטער ליטעראַטור פון דער אידישער, ווי אויך פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אין משך פון לאַנגע יאָרן גע־דרוקט געוואָרן אויספירלאַכע קאָרעספּאָנדענצן וועגן אומציילינקע סטרייקס פון אידישע אַרבעטער אין דער רוסישער „טשערטאַ“. שטודירנדיק די דאָזיקע אומלעגאַלע ליטעראַטור טרעפט מען דאָרט אַן אין די יאָרן 1900־1905 אַ מאַסע גרויסע אידישע פאַבריקן, נים ווייניקער ווי 50 גרויסע אונטערנעמונגען, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט נים ווייניקער ווי צו הונדערט אידישע אַרבעטער אין איטלאַכער פאַבריק. אַזוי ווערט דאָרט פאַרצייכנט: די אַט ערשט דערמאָנטע טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע מיט כמעט 2000 אַרבעטער, אַ גאַלאַנטעריי־פאַבריק אין וואַרשע מיט 1000 אַר־בעטער, אַ טאַבאַק־פאַבריק מיט 500 אַרבעטער, אַ פאָרצעליי־פאַבריק (אין שטעטל פאָלאָנאיע) מיט 400 אידישע אַרבעטער, און אַזוי ווייטער.

## .2

עס איז קיין ספק נים, אַז די עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט געעפנט פאַר דעם אידישן אַרבעטער אין געוויסע הינזיכטן נאָך ברייטערע פּער־ספעקטיוון, אייִדער די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין דער אַלטער היים. מיר האָבן נים קיין סטאַטיסטיק פון אידישע פאַבריקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר איין זאַך ווייסן מיר מיט זיכערקייט; הגם די אידישע אַרבעט האָט דאָ באַקומען אַ פיל איינזייטיקערע אַנטוויקלונג, ווי אין רוסלאַנד, הגם די אידישע אַרבעט איז דאָ קאָנצענטרירט כמעט אויס־שליסלאַך אין דער נאָדל־אינדוסטריע, בעת אין רוסלאַנד איז זי גלייכמעסיק פאַרטיילט איבער פאַרשידענע אינדוסטריעס, דאָך האָט זי אָנגענומען אַ דייטלאַכן גרויס־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. אין פּעטערסאָן, צ. ב.,

זיינען פאַראַן גרויסע וועבערייען מיט אידישע אַרבעטער. ראָזענוואַלד׳ס באַקאַנטע ריזיקע קליידער־פאַבריק אין שיקאַגאָ ציילט עטלאַכע טויזנט אידישע אַרבעטער.

נאָר ניט קוקנדיק אויף די אַלע פאַקטן איז אויך ריכטיק, אַז די אידישע אינדוסטריעס אַנטוויקלען זיך ניט אַזוי אינטענסיוו, ווי די ניט־אידישע. דער פאַרנעם אַפילו פון דער גרעסטער אידישער פאַבריק קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט די אונגעהויערע דימענסיעס פון די ניט־אידישע אונטערנעמונגען. אַזוינע גוואַלדיקע אונטערנעמונגען ווי דער פּוטילאָוו־זאַוואָד, קרופּ׳ס און סקאַראַס אייזן־גיסערייען, פאָרד׳ס פאַבריקן, זיינען ביי אידן ניט בנמצא. מיר קענען אַפילו ניט חלומ׳ען וועגן עפּעס אַזוינס, און די אידישע אַרבעטער האָבן צו אַזוינע גראַנדיעזע אונטערנעמונגען דעם קנאַפּסטן צוטריט, אָדער גאָר קיין צוטריט ניט.

די אידישע מאַסן „פּראָלעטאַריזירן" זיך. די אידישע אַרבעט „אינ־דוסטריאַליזירט" זיך, נאָר דער טעמפּ איז ביי אונז אַ לאַנגזאַמער און די אַנטוויקלונג אַ באַשרענקטע און אַן איינזייטיקע.

אויסער דעם לאָזט זיך ניט לייקענען, אַז די אידישע אונטערנעמער האָבן אַ טענדענץ צו פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס דער באַ־קאַנטער עקאָנאָמיסט מ. א. מאַרגאָלין האָט אָנגערופן די „אינדיווידואַלי־זאַציע" פון דער אינדוסטריע. אַ איד אַנטשליסט זיך צו ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך, ביי אַזעלכע מאָגערע מיטלען און ביי אַזעלכע אָרימע אויסזיכטן, ווען אַ קריסט וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געוואַגט. מיט דעם נישטיקן „קאַפּיטאַל" עפנט אַ איד אַן אייגענע אונטערנעמונג און ווערט אַ „קאַ־פּיטאַליסט", בשעת אַ קריסטלאַכער אַרבעטער, וואָס האָט אפשר אָפּ־געשפּאָרט מער פון אים, בלייבט זיין גאַנץ לעבן אַ שקלאַף פאַר אַן אַנדערן. דער איד פאַרמאָגט אַ שטאַרקן אונטערנעמונגס־גייסט, ער וויל ניט בלייבן קיין פּראָלעטאַריער און באַנוצט די מינדעסטע געלעגנהייט אַרויפצוקלעטערן העכער אויף דעם סאָציאַלן לייטער.

דער דראַנג אַרויף, כאַראַקטעריזירט די אידישע אַרבעטער־מאַסן. שניידער, שוסטער, ציגאַרן־מאַכער וואַרפן זייער מלאכה, און מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, מיט די ביטערסטע קרבנות שטרעבן זיי צו „תכלית", צו ווערן פאַרזיכערונגס־אַגענטן, דענטיסטן, דאָקטוירים, אַד־וואָקאַטן, און נאָך אָפטער אייגענע "געשעפטסלייט„ פאַר זיך. עס פליסט און באַוועגט זיך כסדר דער מענטשלאַכער באַשטאַנד פון אידישן אַרבעטער־קלאַס: טויזנטער רייסן זיך אַרויס, נייע טויזנטער קומען אַריין. דאָס איז די פ ל ו ק ט ו א צ י ע פון אידישן אַרבעטער אין אַלע פאַכן און אין אַלע פאַראיינען.

אָט די אַלע אייגנאַרטיקע דערשיינונגען פון אידישן אַרבעטער לעבן האָבן זייערע וואָרצלען אין די אַלגעמיינע היסטאָרישע אייגנשאַפטן פון אונזער עקאָנאָמיק.

אין וואָס־זשע באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון דער אידישער עקאָ־

נאָמיק? כדי צו פאָרמולירן די דאָזיקע דערשיינונג דארפן מיר זיך ווענדן צו דער אַלטער פועלי-ציוניסטישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד מיט אריבער 10 יאָר צוריק, אָדער נאָך בעסער און נאָך עלטער, צום גרעסטן דענקער פונ׳ם גריכישן אַלטערטום, — צו א ר י ס ט א ט ל. דער לעצטער איז ניט נאָר געווען אַ גאונישער פילאָזאָף, נאָר אויך אַ גרויסער פּאָליטיקער און אַ טיפזיניקער עקאָנאָמיסט. ניט אומזיסט ווערט אריסטאָטל מיט אַזאַ אַכטונג ציטירט פון קאַרל מאַרקס. איך וויל דאָ אָבער ציטירן אריסטאָטל׳ס אַ געדאַנק, וואָס די מאַרקסיסטן האָבן ביז איצט אינגאַנצן פאַרגעסן און פאַרנאַכלעסיקט, און דאָס איז זיין לערע וועגן צוויי מינים פרנסה: ד י פ ר נ ס ה פ ו ן נ א ט ו ר (קטעסים קאטא פיסין) און די פ ר נ ס ה פ ו ן מ ע נ ט ש ן (קטעסים קאטא אפ׳ אַנטהראָ-פּאָן). דער אַקערבויער, דער בערג-אַרבעטער, דער פישער קריגן זייער חיונה פון דער נאַטור; דער סוחר, דער באַנקיר, דער מעדיקער, דער יוריסט קריגן זייער פרנסה פון מענטשן.

וואוהין געהערן די אידישע פרנסות? אריסטאָטל׳ס קלאָרע צעטיילונג גיט אונז תיכף די תשובה: צום אונטערשייד פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועמענס עיקר פרנסה איז פון דער נאַטור, לעבן די אידן דורכאויס פון פ ר נ ס ו ת פ ו ן מ ע נ ט ש ן.

כדי דאָס גענויער אויסצוטייטשן, וועלן מיר זיך נאָך באַנוצן מיט דער אינטערעסאַנטער מאָדערנער עקאָנאָמישער טעאָריע פון אָ ט אָ ע פ ע ר ץ, וועלכער צעטיילט די מענטשלאַכע פּראָדוקציע לויט דעם, וויפיל אין איר באַטייליקן זיך ד ע ר ב אָ ד ן א ו ן ד י א ר ב ע ט. ווי שווער עס זאָל ניט האָרעווען דער פויער איבער זיין אַקערפעלד, פאָרט וועט זיך דער באָדן מער באַטייליקן אינ׳ם פּראָדוקט, איידער די מענטשלאַכע אַר-בעט. די אַרבעט באַשטייט דאָ אין מיסטיקן, אויסבעסערן דעם באָדן, אַקערן אים און פאַרזייען די זריעה, דערנאָך אראָפּנעמען די תבואה. די עיקר פּראָדוקציע פון דער תבואה ווערט אָבער באַזאָרגט פון דעם נאַטיר-לאַכן באָדן גופא. און פאַרקערט, ווי קליין עס זאָל ניט זיין די אַרבעט פונ׳ם אידישן שניידער איבער׳ן שטיק וואָלענע סחורה, פאָרט איז דאָ דער חלק פון דער מענטשלאַכער אַרבעט אַ סך גרעסער איידער דער חלק פונ׳ם באָדן, פון דער נאַטור: די נאַטור האָט פּראָדוצירט די שעפּסן, די וואָל אויף זיי, און דאָס איבעריקע טוען שוין פאַרשידענע מענטשן. זיי שערן די שאָף, באַאַרבעטן די וואָל, שפּינען זי, פאַרבן און וועבן זי, ביז עס ווערט דערפון אַ שטיק שטאָף. אין אָט דעם שטיק סחורה ליגט שוין אַ מאַסע מענטשלאַכע אַרבעט און נאָר אַ קנאַפּער חלק פון דער נאַטור. דערנאָך קומט דער שניידער און נייט פון דער סחורה אַ מלבוש, אַזוי אַז אין דעם פאַרטיקן מלבוש שטעקט שוין נאָר דער מינימאַלסטער חלק פון באָדן מיט אַ גרויסן טייל מענטשלאַכער אַרבעט.

נמצא, אַז אין דער אידישער פּראָדוקציע איז דער חלק פון באָדן, פון נאַטור, פאַרשווינדנדיק קליין, בעת דער חלק פון מענטשלאַכער

ארבעט איז דאָ אָן ערך גרעסער. ביי די אומות העולם, פאַרקערט, האָט דער באָדן אויך אַ גוואַלטיקן חלק אין דער פּראָדוקציע.

ניט אומזיסט האָט מען געזאָגט, אַז די אידישע ווירטשאַפט איז אַ „לופט-ווירטשאַפט" און דאָס אידישע לעבן — אַ „לופט-לעבן". דער שאַרפזיניקער מאַקס נאָרדוי האָט דעם אויסדרוק „לופט-מענטשן" אריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור, און מיינען מיינט דאָס, אַז די אידישע ארבעט איז דערווייטערט פונ'ם באָדן, פון דער נאַטור. אויך די אַרומיקע פעלקער לעבן ניט דורכאויס פון דער נאַטור. זייער פּראָדוקציע שטעלט זיך צונויף פוןביידע עלעמענטן — באָדן און ארבעט, און וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די אינדוסטריע, אַלץ גרעסער ווערט דער חלק „ארבעט" און בערכ'דיק אַלץ קלענער דער חלק „באָדן".

נאָר דער עלעמענט „באָדן" בלייבט אַ שטענדיקער עלעמענט אין דער ווירטשאַפט פון די אומות העולם, בשעת ביי די אידן איז אָט דער עלעמענט נאָך קיינמאָל ניטאָ, און די אידישע פּראָדוקציע באַשטייט אויסשליסלאָך פונ'ם עלעמענט „א ר ב ע ט".

ווייטער צעטיילט זיך די ארבעט גופא אויף צוויי עלעמענטן: האַנט-ארבעט, אָדער געניויער, „פ י ז י ש ע" א רב ע ט (מיט די הענט, מיט די פיס, מיט אַנדערע איברים), און קאָפּ-ארבעט, אָדער געניויער „ג י י ס ט י ק ע" ארבעט. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אין די אידישע פּרנסות פאַרנעמט די גייסטיקע ארבעט אַ סך אַ ברייטערן פּלאַץ, איידער ביי אַנדערע פעלקער. אויך ביי די אומות העולם, וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די „קולטור" וואַקסט דער חלק פון גייסטיקער ארבעט. אָבער קיינמאָל ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי ביי די אידן.

דער קאַפּיטאַליסט לייגט אריין אין זיין אונטערנעמונג בעיקר די „גייסטיקע" ארבעט, ער אָרגאַניזירט דאָס געשעפט, שאַפט מיט אים. דער לוין-ארבעטער לייגט אריין אין דער פּראָדוקציע הויפּטזעכלאָך זיין „פיזישע" ארבעט. און ווייל די אידן ארבעטן גערן מיט'ן קאָפּ, דערפון שטאַמט טאַקע זייער אונטערנעמונגס-גייסט, וואָס טרייבט דעם אידישן ארבעטער צו ווערן אַ קליינער געשעפטסמאַן פאַר זיך. דער אינדיווידואַליזם פון דער אידישער עקאָנאָמיק האָט אַלזאָ זיינע וואָרצלען אין אָט דער היסטאָרישער באָדנלאָזיקייט. האָבן מיר אַלזאָ ביי אידן צוויי וויכטיקע ערשיינונגען:

1) דעם איבערוואָג פון ארבעט איבער דעם באָדן, און
2) דעם איבערוואָג פון „גייסטיקער" ארבעט איבער דער פיזישער.

## 3.

איצט לאָמיר צעטיילן די צווייגן פון דער מענטשלאַכער פּראָדוקציע. קודם כל וועלן מיר זען, אַז מענטשן פּראָדוצירן דרייערליי זאַכן: 1) פּ ר אָ-ד ו ק צ י אָ נ ס-מ י ט ל ע ן, ד. ה. מאַשינען, רויע מאַטעריאַלן,

הילפס-מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן; 2) פאַרקערס-מיטלען, ד. ה. וועגן, באַנען, וואַגנס, שיפן, טעלעגראַף, טעלעפאָן; 3) גע-ברויכס-מיטלען, ד. ה. נאַרונג, קליידונג, הייזער, מעבל, געשיר, באַלייכטונג, ביכער, מוזיק-אינסטרומענטן, בילדער א. ד. גל. נאָך די דריי קאַטעגאָריעס לאָזן זיך טיילן נאָך ווייטער, לויט זייער נאָנטקייט אָדער ווייטקייט פון דער נאַטור. כדי, צום ביישפיל, צו פראָדוצירן אַ פאָר שיך, מוז די מענטשלאַכע אַרבעט דורכגיין די פאַרשידנסטע שטאַפלען פון אַנ-ווענדונג, דהיינו:

קודם אַרבעט דער פויער, האָדעווענדיק די פיה אויף דער פאַשע. — האָבן מיר לאַדווירטשאַפטלאַכע אור-פראָדוקציע (וויידנ-בוי און פיה-צוכט); דאַן קומט דער שוחט, וואָס שעכט די בהמות; דאַן דער נאַסער גאַרבער, וואָס ווייקט די פעל, און דער טרוקענער גאַרבער, וואָס באַאַרבעט זי. דערנאָך די פאַרשידענע פאַכן פון דער לעדער-אינדוסטריע, און ענדלאַך דער שוסטער, וועלכער לאָזט אַרויס אַ פאַרטיקע פאָר שיך.

לאָמיר איצט אָנרופן „די ערשטע סטאַדיעס פון פראָדוקציע“, יענע, וואָס שטייען צום נאָענטסטן צו דער נאַטור. דאָס וועלן זיין: אַקערבוי, גערטנעריי און פיה-צוכט. דאָ איז דער עלעמענט „באָדן“ דער גרעסטער און דער עלעמענט „אַרבעט“ זייער קליין אין פאַר-גלייך מיט'ן באָדן. שוין אַביסל ווייטער פון דער נאַטור שטייט „די אינ-דוסטריעלע אור-פראָדוקציע“, ד. ה. בערג-בוי, שטיין-אינדוסטריע, און וואַלד-ווירטשאַפט מיט זייערע ווייטערע צווייגן. דאָ איז שוין דער עלעמענט „אַרבעט“ גרעסער, ווי אין דער פריערדיקער קאַטעגאָריע. נאָך ווייטער פון דער נאַטור געפינען זיך די „סעקונ-דערע מיטעלע סטאַדיעס פון פראָדוקציע“, דהיינו: מעטאַל-אינ-דוסטריע, וועבעריי, בוי-אינדוסטריע. שוין גאָר נאָענט צום פאַרברויכער און גאָר ווייט פון דער נאַטור וועלן זיין די „טערציערע מיטע-לערע סטאַדיעס“, וואוהין עס גייען אַריין אַזוינע באַקאַנטע אידישע מלאכות, ווי האָלץ-אינדוסטריע, כעמישע אינדוסטריעס, לעדער און פאַפיר-פראָדוקציע. צולעצט קומען די „לעצטע פראָדוק-ציאָנס-צווייגן“, וואָס דינען דירעקט דעם פאַרברויכער, דאָס איז דער רוב מנין און רוב בנין פון טראַדיציאָנעלע אידישע פרנסות: נאָדל אינדוסטריע, בעקעריי, טיפאָגראַפישע און אַנדערע אַזוינע מלאכות, פון וועלכע דער עלעמענט „באָדן“ איז שוין אינגאַנצן ווי פאַרשוואונדן, און די גאַנצע פראָדוקציע באַשטייט פונ'ם עלעמענט „אַרבעט“.

היינט וואָס זאָגט אונז די סטאַטיסטיק? אין דער טאַבעלע 1 (זע זייט 196) זיינען אויפ'ן גרונד פון דער רוסישער פאָלקס-ציילונג פון 1897 יאָר און פון דער עסטרייכישער פון 1900 יאָר, צעטיילט געוואָרן די אידישע פרנסות לויט זייער דערווייטערונג פון דער נאַטור און לויט דעם פראָצענט, וואָס זיי פאַרנעמען צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד.

# טאבעלע 1

עס האבען זיך באשעפטיגט אלס בארופסטעטיגע:

| פראדוקציאנס־צווייג | אין דער רוסישער משערטא: אידען | אין דער רוסישער משערטא: פראצענט פון גאנצען לאנד | אין גאליציען: אידען | אין גאליציען: פראצענט פון גאנצען לאנד |
|---|---|---|---|---|
| 1, לאנדווירטשאפטליכע אורפראדוקציאן: | | | | |
| אקערבוי, גערטנעריי און פיהצוכט . . | 35822 | 0,6 | 47996 | 1,5 |
| 2. אינדוסטריעלע אור־פראדוקציאן: | | | | |
| . . בארגבוי, מינען . . . . | 1006 | 1,8 | 1053 | 8,3 |
| שטיינער און ערדען . . . . | 5187 | 12,5 | 696 | 10,6 |
| וואלד־ווירטשאפט . . . . | 3200 | 12,4 | 928 | 10,6 |
| ס"ה קלאס 2 | 9393 | 7,7 | 2677 | 9,5 |
| 3 סעקונדערע מיטעלערע סטאדיען. | | | | |
| מעטאל־אינדוסטריע . . . . | 40082 | 21,2 | 4410 | 15,9 |
| טעקסטיל־אינדוסטריע . . . . | 33200 | 19,0 | 1421 | 14,7 |
| בוי־אינדוסטריע . . . . | 37136 | 18,9 | 3110 | 13,0 |
| ס"ה קלאס 3 | 110418 | 19,7 | 8941 | 14,5 |
| 4 טערציערע מיטעלערע סטאדיען: | | | | |
| האלץ אינדוסטריע . . . . | 41359 | 27,2 | 4229 | 18,1 |
| כעמישע אינדוסטריען . . . | 6514 | 34,1 | 1430 | 37,9 |
| לעדער און פאפיר . . . . | 20446 | 43,9 | 1938 | 39,2 |
| ס"ה קלאס 4 | 68319 | 31,3 | 7597 | 23,7 |
| 5. לעצטע סטאדיען פון אינדוסטריע: | | | | |
| נארונגס מיטעל אינדוסטריע . . | 44797 | 34,8 | 11036 | 48,9 |
| משקאות און טאבאק . . . . | 23548 | 38,3 | 22981 | 70,8 |
| קליידונגס און היגיענישע אינדוסטריען . | 244534 | 48,1 | 20298 | 85,2 |
| טיפאגראפישע א׳ ענליכע אינדוסטריען . | 18996 | 53,9 | 450 | 21,4 |
| זייגערס און פרעציזיאנס אינסטרומענטען | 5240 | 66,5 | | |
| ס"ה קלאס 5 | 337115 | 45,5 | 54765 | 47,7 |

# טאבעלע 2.

הונדערט באשעפטיגטע (ערווערבסטעטיגע) אידען און ניט־אידען טיילען זיך לויט זייער באשעפטיגונג ווי פאלגט:

| ווירטשאפטס־צווייגען. | איטאליען אין 1901: אידען | איטאליען אין 1901: גאנצע באפעלק. | דייטשלאנד אין 1907: אידען | דייטשלאנד אין 1907: גאנצע באפעלק. | עסטרייך אין 1900: אידען | עסטרייך אין 1900: גאנצע באפעלק. | רוסלאנד (משערטא) אין 1897: אידען | רוסלאנד (משערטא) אין 1897: גאנצע באפעלק. | אמעריקא [פאר. שט.] אין 1900: אידען | אמעריקא [פאר. שט.] אין 1900: גאנצע באפעלק. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1) לאנדווירטשאפט . . . | 0,3 | 53,3 | 1,3 | 33,1 | 12,8 | 58,1 | 2,5 | 53,0 | 10,0 | 35,7 |
| 2) אינדוסטריע . . | 8,7 | 22,4 | 21,9 | 37,4 | 27,5 | 22,3 | 35,2 | 14,6 | 48,4 | 24,4 |
| 3) האנדעל און פערקעהר . | 50,3 | 8,3 | 50,5 | 11,1 | 34,4 | 5,1 | 34,6 | 7,4 | 28,2 | 16,4 |
| 4) פריוואט־דינסט . . | 0,3 | 1,4 | 0,5 | 1,6 | 5,2 | 2,2 | 11,9 | 11,8 | 11,2 | 19,2 |
| 5] פרייע פראפעסיעס, געזעלשאפטליכער און מליטער־דינסט | 18,7 | 6,4 | 6,5 | 5,7 | 8,8 | 4,5 | 7,2 | 8,2 | | |
| 6) ראנטיערס, נים פראדוקטיווע און אומבאשטימטע פראפעסיעס | 21,7 | 8,2 | 19,3 | 11,1 | 11,8 | 7,8 | 7,6 | 5,0 | | |
| סך הכל | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

די ראָזיקע טאַבעלע דערציילט אונז פאָלגענדעס:

א) אז די אידישע אַרבעט איז לחלוטין דערוויטערט פון דער נאַטור. אין דער לאַנדווירטשאַפט בילדן די אידן עפּעס מער ווי איין האַלב פּראָצענט אין רוסלאַנד, און אַנדערטהאַלב פּראָצענט אין גאַליציע;

ב) אז דער פּראָצענט פון די אידישע פּרנסות וואַקסט אַלץ מער און מער אין דעם מאָס, ווי די פּראָדוקציע דערווייטערט זיך פונ׳ם באָדן. אין דער אינדוסטריעלער אור־פּראָדוקציע בילדן די אידן ס"ה 8—9 פּראָצענט צווישן די ניט-אידן; און די סעקונדערע מיטעלערע סטאַדיעס הויבט זיך שוין דער אידישער פּראָצענט ביז 15—20, אין די טערציערע מיטעלערע סטאַדיעס בילדן שוין די אידן אַ פערטל און אפילו אַ דריטל צווישן די ניט-אידן;

ג) אין די לעצטע סטאַדיעס פון דער פּראָדוקציע בילדן שוין די אידן כּמעט אַ העלפט צווישן די ניט-אידן, — ד. ה. גראָד דאָרט, וואו מען האָט שוין אַבסאָלוט ניט צו טאָן מיט׳ן באָדן, וואו עס פעלט איטלאַכע באַרירונג מיט דער מוטער-נאַטור;

ד) די גרויסע מערהייט ניט-אידן שעפּט די חיונה פון דער נאַטור (פון קלאַס 1 און 2, ד. ה. פון דער אור־פּראָדוקציע אין לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריעס), און די גרויסע מערהייט אידן לעבט פון מענטשן. אין רוסלאַנד און גאַליציע זיינען 70 ביז 80 פּראָצענט פון אַלע אידן פאַרנומען אין די לעצטע צוויי קלאַסן, אין די פאָרלעצטע און לעצטע פּראָדוקציאָנס-סטאַדיעס. 70 ביז 80 פּראָצענט ניט-אידן מאַכן אַ לעבן פון דער נאַטור, בשעת 70 ביז 80 פּראָצענט אידן מאַכן אַ לעבן פון מענטשן.

די ציפערן זיינען גענומען פון דער אָפיציעלער מלוכה-סטאַטיסטיק, וועלכע האָט מסתמא ניט געהאַט אין זינען קיין שום ציוניסטישע טעאָריעס און בכלל ניט גע׳דאגה׳ט זיך וועגן אידישע פּראָבלעמען. די צעטיילונג אויף קלאַסן האָב איך דאָ געמאַכט, און אַזוי ווי מיין צעטיילונג איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אין דער מלוכה-סטאַטיסטיק, און חוץ דעם ווערן די פּרנסות אין רוסלאַנד אַנדערש געטיילט ווי אין עסטרייך, זיינען אין געוויסע רובריקן אָפּטמאָל אריינגעפאַלן אויך אַזוינע מלאכות, וואָס געהערן לויט אונזער שטאַנדפּונקט צו אַן אַנדער קלאַס. אָט נעמט, למשל, די „מעטאַל-אינדוסטריע", ווי זי ווערט פאַרצייכנט אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. דאָ ווערן אריינגערעכנט סיי די גרויסע מעטאַלורגישע אינדוסטריע, וואָס געהערט צום קלאַס 3, סיי אויך די קליינע מעטאַל-מלאכות, ווי שמידעריי, שלאָסעריי, בלעכעריי וואָס וואָלטן גאָר געדאַרפט גערעכנט ווערן צו קלאַס 5.

ווען די אָפיציעלע סטאַטיסטיק וואָלט ניט געוואָרפן אַלצדינג אין איין באַרג וואָלט זיך די אידישע לאַגע נאָך קלאָרער אויסגעדריקט אין די ציפערן. נאָר אַזוי איז אויך די לאַגע גאַנץ קלאָר: דער געזעץ פון דער אידישער עקאָנאָמיק שלאָגט זיך מעכטיק אַדורך, דורך די פאַרמישונגען פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, — דער געזעץ, אז וואָס מער אַ געוויסע

פרנסה דערוויייטערט זיך פון דער נאַטור, אַלץ מער קאָנצענטרירט זיך דווקא דאָרט די אידישע אַרבעט.

אַזוי ווי אַן עקשנות'דיגע היסטאָרישע בייטש וואָלט די אידן גע-טריבן אַלץ ווייטער און ווייטער פון ערד און נאַטור, אַלץ העכער און העכער אין דער שיטערער סאָציאַלער לופט; אַזוי ווי אַ ביטערע היס-טאָרישע פאַרשווערונג וואָלט האַלטן די אידישע מאַסן אין די קייטן פון עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקייט, — טרייבן ווייטער, ווייטער פון באָדן...

די טרוקענע ציפערן פון טאַבעלע 1 מיינען צו זאָגן, אַז די אידן זיינען דערוויייטערט גראַד פון די וויכטיקסטע, פון די זיכערסטע, פון די איינפלוסרייכסטע צווייגן אין פּראָדוקציע, — פון יענע צווייגן, אַרום וועלכע עס דרייט זיך דער ראָד פון דער געשיכטע. אָנשטאָט אַריינצו-דרינגען אינ'ם געזונטן, קרעפטיקן צענטער פון עקאָנאָמישן לעבן, פאַר-שפּרייטן זיך די אידישע מאַסן אויף זיין פעריפעריע, אויף זיין אויבער-פלאַך... דער גורל פון דער געזעלשאַפט הענגט קיין ברעקל ניט אָפּ פון דער נאָדל-אינדוסטריע, פון דער בעקעריי, פון דער טאַבאַק-פּראָדוקציע. אַלע פעדים פון אַרבעט און אַנטוויקלונג ציען זיך פון די צענטראַלע מלאכות... פון לאַנדווירטשאַפט, פּיה-צוכט, פון די מינען, אייזנבאַנען, ים-שיפעריי, — אַהין ווייט צו דער אויבערפלאַך פון סאָציאַלן לעבן, צו דעם מאַרק פון די פאַרטיקע אינדוסטריע-פּראָדוקטן.

די טרוקענע ציפערן באַקלאָגן זיך, אַז די אידישע ווירטשאַפט מוז בלייבן אַן אָפּגעשטאַנענע, אַז די אידישע קולטור מוז בלייבן אין געפאַלנ-קייט, אַז דער פּאָליטישער גורל פון אידישן פאָלק מוז הענגען אין שטענ-דיקער אָפּהענגיקייט, — אַזוי לאַנג ווי דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן ווייט פון נאַטור און באָדן, ווייט פון דער אור-פּראָדוקציע. די ציפערן זאָגן עדות, אַז דער אידישער סאָציאַליזם, דער אידישער קלאַסנקאַמף, די אידישע רעוואָלוציע וועלן שפּילן פונקט אַזאַ נישטיקע ראָל אינ'ם סאָציאַ-ליזם, קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציע פון די אַרומיקע פעלקער, וויפיל די אידישע נאָדל, דער אידישער פרעס-אייזן האָבן אַ ווערט אין פאַרגלייך מיט'ן ניט-אידישן אַקער-אייזן, מיט דער ניט-אידישער דאַמף-מאַשין, מיט'ן ניט-אידישן טראַנסאַטלאַנטיק.

אָט דאָס איז די היסטאָרישע קראַנקהייט פון דער אידישער עקאָנאָמיק, און פאַראייביקן די קראַנקהייט ווילן אַלע יענע, וועלכע שטרעבן צו-צו-שמידן דאָס אידישע פאָלק צו דער שיטערער לופט פון גלות, אַלע יענע, וואָס זוכן דאָס פאָלק איינצואוויגן מיט גלות-נגונים און גלות-האָפנונגען.

אָט דאָס איז די היסטאָרישע קראַנקהייט פון דעם אידישן ווירט-שאַפטס-לעבן, ווי מיר האָבן זי געפּרואווט אויסדריקן אין די מאָדערנע עקאָנאָמישע באַגריפן, נאָר לאָמיר נאָך פּרובירן צו באַלייכטען אָט די ערשיינונג מיט'ן ליכט פון דער מאַרקסיסטישער תורה.

### .4

דעם גאַנצן מאָדערנעם קאַפּיטאַל טיילט מאַרקס איין אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) דער קאָנסטאַנטער (שטענדיקער) קאַפּיטאַל, וואָס באַשטייט פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען, מאַטעריאַלן און ענלאַכע אָביעקטיווע פּראָדוקציאָנס-אומשטאַנדן, ווי באָדן-רענט, פאַבריקס-געביידעס, פאַרקערס-מיטלען, רוי-מאַטריאַלן, קוילן, מאַשינען, אינסטרומענטן, א. ד. גל.; 2) דער וואַריאַבלער (פאַרענדערלאַכער) קאַפּיטאַל, וואָס באַשטייט פון דער מענטשלאַכער אַרבעטס-קראַפט. ווען אַן איינצלנער קאַפּיטאַליסט אינוועסטירט קאַפּיטאַל אין אַ געוויסער אונטערנעמונג, דאַרף מען, לויט קאַרל מאַרקס, דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל באַטראַכטן אַלס אַ סומע פון צוויי חלקים: וואָס דער אונטערנעמער אינוועסטירט אין רענטע, אין מאַשינען, אין קוילן, אייזנבאַן-פראַכט א. ד. גל., דאָס אַלץ איז דער קאָנסטאַנטער טייל פונ׳ם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל; און וואָס דער קאַפּיטאַליסט צאָלט אויס אין שכירות די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, דאָס בילדעט דעם וואַריאַבלען טייל פונ׳ם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל. דאָס זעלביקע מיט דער גאַנצער סומע קאַפּיטאַלן, וואָס די גאַנצע מענטשהייט אינוועסטירט אין אַלעווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען: דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון דער וועלט באַשטייט פון אַ קאָנסטאַנטן און אַ וואַריאַבלען חלק.

דער קאַפּיטאַל פאַלט ניט אַראָפּ פון הימל און וואַקסט ניט פאַרטיקערהייט אויף ביימער, נאָר ווערט געשאַפן דורך שווערער מענטשלאַכער אַרבעט. סיי דער קאָנסטאַנטער, סיי דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל ווערן פּראָדוצירט פון מענטשן. היינט איז קלאָר, אַז אידן פּראָדוצירן גאָר ניט קיין קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל, ווייל זיי פּראָדוצירן ניט קיין געביידעס, מאַשינען, פאַרקערס-מיטלען, קיין רוי-מאַטעריאַלן, א. ד. גל. די אידישע אַרבעט באַטייליקט זיך בכלל ניט אין דער שאַפונג און אין דער פאַרטיילונג פונ׳ם קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל. די גאַנצע אידישע אַרבעט ווערט אַריינגעלייגט אין דער פּראָדוקציע פונ׳ם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. און אויך דאָ האָבן די אידן אויסצושטיין די קאָנקורענץ פון די ניט-אידישע אַרבעטער.

ווייטער מוז באַמערקט ווערן, אַז ביידע חלקים פון קאַפּיטאַל האַלטן אין איין וואַקסן. נאָר דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל וואַקסט שנעלער פון דעם וואַריאַבלען. וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די טעכניק, אַלץ מער ווערט די אַרבעט געטאָן דורך דער מאַשין אנשטאָט דעם מענטשן. אַמאָל האָט איין אַרבעטער פּראָדוצירט אין דערזעלביקער צייט פינף, צען, צוואַנציק מאָל וויניקער אַרבעט, איידער ער טוט דאָס איצט מיט דער הילף פון דער מאַשין. היינט באַגייט מען זיך ביי דער מאַשין מיט אַ

קליינער צאָל ארבעטער דאָרט, וואו מען האָט אמאָל געברויכט צענדליקער אָדער הונדערטער ארבעטער. וואָס מער פּולקאָם די מאַשינען, אלץ ווייניקער מענטשן ברויכט מען צו זיי. עס וואַקסט די צאָל מאַשינען זייער שנעל, און אין פאַרגלייך דערמיט פאַרקלענערט זיך אלץ מער די צאָל ארבעטער. נמצא, אז דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל וואַקסט אויפ׳ן חשבון פונ׳ם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע געזעצן פון קאַרל מאַרקס׳ס תורה.

קאַרל מאַרקס באַווייזט, ווי אַזוי די מאַשין שטויסט ארויס דעם ארבעטער, — און דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל ווערט ארויסגעשטויסן דורכ׳ן קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל. און אַזוי ווי מיר האָבן געזען, אז די אידישע ארבעט איז אינגאַנצן פאַרטאָן אין פּראָדוצירן דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, איז דערפון געדרונגען, אז די אידישע ארבעט ווערט וואָס ווייטער אלץ מער ארויסגעשטויסן דורך דער ניט-אידישער ארבעט.

דאָס איז אַ קלאָרער לאָגישער שלוס פון מאַרקס׳עס עקאָנאָמישע אנט-דעקונגען, און אויב אונזערע אָפיציעלע „מאַרקסיסטן" זעען דאָס ניט איין, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זיי איז אין דער ווירקלאַכקייט פרעמד יעדער וויסנשאַפטלאַכער בליק אויף דער אידישער עקאָנאָמיק.

די אידישע ארבעט ווערט ארויסגעשטויסן און מוז ארויסגעשטויסן ווערן מיט דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק. די אידישע ארבעט מוז זיין טעכניש אָפּגעשטאַנען, ווייל די מאַשין איז איר גרעסטער שונא, און דאָס שטאַמט אלץ פון דערזעלביקער סיבה — וואָס די אידן זיינען אָפּגעריסן פון דער נאַטור, פונ׳ם גרונט און באָדן.

די ארויסשטויסונג פון אידישער ארבעט איז, צום גליק, ניט קיין מאָמענטאַלער נאָר אַ פאַרצויגענער פּראָצעס. אידישע וועבער, שוסטער, מעבל-מאַכער, טאַבאַק-ארבעטער, נאַפט-גרעבער ווערן נאָר ביסלאַכווייז ארויסגעשטויסן אין אייראָפּע דורך ניט-אידישער ארבעט. אידישע וועבער זיינען אין לאָדז און ביאַליסטאָק שוין כמעט פאַרשוואונדן פון דער פּראָ-דוקציע דורך דעם, וואָס דער דאַמף-וועבער-שטול איז אהין אריינגעדרונגען און געבראַכט מיט זיך קריסטלאַכע ארבעט אויפ׳ן פּלאַץ פון דער אידישער. די שוך-מאַכעריי אין וואַרשע און אָדעס האָט דורכגעמאַכט אַן ענלאַכע עוואָלוציע: דער איבערגאַנג פון האַנט ארבעט צו מאַשין ארבעט האָט אויך געבראַכט צום איבערגאַנג פון אידישער ארבעט צו קריסטלאַכער. די גרויסע טאַבאַק-פאַבריקן אין רוסלאַנד זיינען אריבער כמעט דורכאויס צו קריסטלאַכע ארבעטער. די אידישע ארבעטער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון די נאַפט-גריבער אין באָריסלאַוו, נעבן דראָהאָביטש, אין גאַליציע. נאָר גלייכצייטיק זוכן אויס די אידן נייע באַשעפטיקונגען, עמיגרירן צו דעם צוועק אין אלע עקן וועלט און בויען דאָרט אויס נייע אינדוסטריעס.

אָבער אויך אין די נייע איינוואַנדערונגס-לענדער יאָגט אונז אָן דער אייגענער געזעץ פון אַרויסשטויסונג. מיר האָבן אין ענגלאַנד געשאַפן אַ גרויסע נאָדל-אינדוסטריע אויפ׳ן פּרינציפּ פון „געטיילטער אַרבעט“, און צום סוף ווערן דאָרט די אידישע אַרבעטער פאַרביטן דורך קריסטלאַכע מיידלאַך. אין אַמעריקע איז די גאַנצע נאָדל-אינדוסטריע אויסגעוואַקסן פון אידישן שוויס, און דער רעזולטאַט איז, וואָס זי גליטשט זיך שוין אַרויס אַלץ מער פון די אידישע הענט. פּאַמעלאַך, שריט ביי שריט ווערט אַלץ קלענער דער פּראָצענט אידישע אַרבעטער אין דער אַמעריקאַנער נאָדל-אינדוסטריע און עס וואַקסט די צאָל איטאַליענישע, פּוילישע, ליט-ווישע און סירישע אַרבעטער.

ביז איצט האָבן מיר געזען, אַז די אידישע עקאָנאָמיק ליידט פון אַ קראַנקהייט, — פון דער אָפּגעריסנקייט פון דער נאַטור. דאָס איז אַ היסטאָרישער און דעריבער אַ כראָנישער, שטילער חלאת. מיט אַ כראָנישן חלאת קאָן אַן אָרגאַניזם לעבן אַ לאַנגע צייט; דער אידישער פאָלקס-אָרגאַניזם האָט זיך ווי ניט איז איינגעלעבט מיט דער כראָנישער אַנאָמאַליע, וואָס מאַטערט אים שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. נאָר דער מאַרקסיסטישער אַנאַליז פון דער קראַנקהייט האָט אונז געבראַכט צו נאָך אַן ערגערן רע-זולטאַט. ער האָט אונז באַוויזן, אַז אין דער מאָדערנער ק אַ פּ י ט אַ ל י ס-ט י ש ע ר אָרדנונג ווערט די אידישע קראַנקהייט נאָר קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרערגערט דורך דער אַ ר ו י ס ש ט ו י ס ו נ ג. דער טויזנט-יאָריקער חלאת איז שוין מער ניט קיין שטילער און כראָנישער, נאָר אַ ש אַ ר פ ע ר און פ י ב ע ר ה אַ פ ט ע ר.

די היסטאָרישע אוממעגלאַכקייט פון אידישן גלות-לעבן איז דער ע ק ס ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל י ז ם, — דאָס פעלן פון אַ טעריטאָריע, די אָפּגעריסנקייט פון נאַטור און באָדן, און אָט די אייגנטימלאַכקייט און אומנאָרמאַלע, קראַנקהאַפטע דערשיינונג, האָט אין דער סביבה פון קאַ-פּיטאַליסטישער קאָנקורענץ געמוזט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ פיבערהאַפטן חלאת.

די טאַבעלע 2 (זע זייט 196) וועט אונז ציינגן, ווי אַזוי דאָס אידישע פאָלק באַמיט זיך מיט זיינע אייגענע מיטלען בייצוקומען דעם דאָזיקן חלאת.

וואָס זאָגט אונז די דאָזיקע טאַבעלע?

א י ט אַ ל י ע, דאָס לאַנד וואָס האָט אַזאַ קנאַפּע צאָל אידן און וואו אידן שטייען אַזוי גוט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל, אפשר בעסער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון גאָר דער וועלט; דאָס לאַנד פון אידן-מיניסטאָרן, אידן-געלערנטע און אידן — פּאָליטישע פירער, ציינגט אונז די אומפּראָדוקטיווסטע, אומגלייכסטע צעטיילונג פון פּרנסות. מיט לאַנדווירטשאַפט האָבן דאָרט די אידן אַזוי גוט ווי גאָרניט געמיינזאַמס. פון אינדוסטריע לעבן קנאַפּע ניין פּראָצענט איטאַליענישע אידן, און דאָס אויך ניט אַלס אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, נאָר בלויז אַלס רייכע אונטער-נעמער. אַ העלפט איטאַליענישע אידן מאַכן אַ לעבן פון מסחר. כ מ ע ט

אַלע איטאַליענישע אידן מאַכן אַ לעבן פון דעם, וואָס זיי עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעט, און דערצו עקספּלואַטירן זיי אויף אַ העכסט אומפּראָדוקטיוון אופן.

כמעט דאָס זעלביקע אין דייטשלאַנד. דאָ זיינען די אידן צוועלף מאָל גרעסער אין צאָל, איידער אין איטאַליע, און בכן אויף אַ סך ווייניקער פריי, פאַרנעמען דורכאויס אַ נידעריקערן פּלאַץ אינ׳ם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. זעען מיר אָבער, אַז די דייטשע אידן זיינען שוין אין זייערע פּרנסות אַ סך מער פּראָדוקטיוו, איידער אין איטאַליע: 22 פּראָצענט דייטשע אידן לעבן פון אינדוסטריע. פאָרט בלייבט די אידישע ראָל אין דייטשלאַנד די ראָל פון עקספּלואַטירנדיקן קאַפּיטאַל.

אין עסטרייך איז די צאָל אידן צוויי מאָל גרעסער ווי אין דייטשלאַנד: אין גאַליציע, בוקאָווינע און אין ווין וואוינען די אידן אין געדיכטע מאַסן. דאָ זעען מיר שוין דעם דייטלאַכן דראַנג פון די מאַסן צו מער פּראָדוקטיווע, מער נאַטור-נאָענטע פּרנסות. שוין מער ווי אַ פערטל אידן פאַרנעמען זיך אין דער אינדוסטריע, — אידן גיבן שוין אַ העכערן חלק אין דער אינדוסטריע, איידער די אַרומיקע באַפעלקערונג. און על פּי רוב זיינען עס ניט קיין קאַפּיטאַליסטן, נאָר האָרעפּאַשנע קליין בעלי-מלאכות און לוין-אַרבעטער. אַ גרויסע טייל עסטרייכישע אידן לעבן אינ׳ם שווייס פון זייער פּנים. כמעט דרייצן פּראָצענט אידן אין עסטרייך ציען זייער חיונה שוין פון דער לאַנדווירטשאַפט, ד. ה. מער ווי אַ צענט-חלק אידן איז אין דעם לאַנד אַריינגעדרונגען אין די ערשטע, נאַטור-נאָענטסטע, באָדן-פעסטע סטאַדיעס פון אור-פּראָדוקציע.

אין רוסלאַנד מערקן מיר אויך אַ דייטלאַכערן פּראָצעס, ווי די אידישע מאַסן שטרעבן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. בעת אין אַלע אַנדערע לענדער פון אייראָפּע לעבן אידן מער פון האַנדל, איידער פון אינדוסטריע, — איז אין רוסלאַנד דער היפּוך דערפון: דאָ זיינען שוין די אידן מער פאַרטאָן אין דער אינדוסטריע, ווי אין מסחר. און ניט קוקנדיק אויף די שרעקלאַכע רעכטלאַכע באַגרעניצונגען, אויף דער „טשערטאַ“, אויף דעם פאַרבאָט צו וואוינען אין די דערפער, מיען זיך די אידן פאָרט דורכצושלאָגן זיך אַ וועג צו דער נאַטור, צו דער ערד.

אַ גוואַלדיקער פּראָצעס קומט פאָר ביי אידן. אַ לאַנגזאַמע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, — דער איבערגאַנג פון אונזערע מאַסן צו פּראָדוקטיווער און מער נאַטור-נאָענטער אַרבעט. דעם שפּיץ פון אָט דעם פּראָצעס זעען מיר אין דער עמיגראַציע. די ציפערן מכח אַמעריקע באַווייזן אונז, אַז דאָ אין לאַנד איז שוין די פּראָדוקטיווע אַרבעט געוואָרן כמעט דער גאַנצער יסוד פון אידישן לעבן, און דער אַרבעטס-פּראָלעטאַריער איז געוואָרן דער ריכטיקסטער פאַרטרעטער פון אידישן טיפּ.

מיר האָבן ניט קיין ציפערן מכח ארץ ישראל און אַרגענטינע, נאָר עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דאָרט, אין די נייע אידישע קאָלאָניעס

און אין די שטעט, וואָס זיינען מיט די קאָלאָניעס פאַרבונדן, איז די אידישע אַרבעט נאָך פּראָדוקטיווער, נאָך נאָענטער געוואָרן צו דער נאַטור, נאָך פעסטער איינגעפונדעוועט און איינגעוואָרצלט אינ׳ם באָדן, איידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. און עס איז ווייטער קיין ספק ניט, אַז אין ארץ ישראל זיינען די אידישע פּאָזיציעס נאָך פעסטער, נאַטירלאַכער, ווייניקער אָפּהענגיק פונ׳ם צופאַלס-שפּיל, איידער אַפילו אין אַרגענטינע, מיט איר פאַרדאָרבענער און אפשר שוין באַנקראָטירטער יק״א-קאָלאָניזאַציע.

דאָס אידישע פאָלק האָט אַ גאַנץ יאָרהונדערט בלינדערהייט געזוכט זיין וועג צוריק צו דער נאַטור, צוריק צום באָדן. און ענדלאַך האָט עס דעם וועג געפונען. **דער ציוניזם איז דער וועג. דער ציוניזם איז דער לאָגישער, דער נאַטירלאַכער רעזולטאַט** פון דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, וואָס האַלט אָן שוין הונדערטער יאָרן אין די אידישע מאַסן. שוין אין גלות שטרעבט אונזער פאָלק מיט אַלע כחות **צו דער פּראָדוקטיווירונג און נאַטוראַליזירונג פון זיין אַרבעט, פון זיינע פרנסות.** נאָר די סביבה אין גלות איז צו ענג, צו אומגינציק פאַר דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן איבערבוי. דעריבער איז די שטרעבונג בלינד, סטיכייאיש, פול מיט אינערלאַכע סתירות, מיט שוואַנקונגען, מיט יסורים. אָט ווערט דער אימיגראַנט אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער, און אָט ציט אים ווידער צו זיין טראַדיציאָנעלן מסחר, צו פּעדלעריי, צו לייכטן לעבן אויפ׳ן חשבון פון אַנדערע, צו עקאָנאָמישער בטלנות, צו עקספּלואַטאַציע.

דער ציוניזם איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס איז בכח אַריינצוטראָגן אַהערצו ליכט פון באַוואוסטזיין, סיסטעם און פּלאַנמעסיקייט. דער ציוניזם איז די עקאָנאָמיש-היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַר׳ן אידישן פאָלק.

# נאַציאָנאַלע אָנמאַכט און נאַציאָנאַלע זעלבסט-הילף

## 1.

די ווייכטיקסטע פראַגע פון דעם היינטיקן היסטאָרישן מאָמענט פאַר'ן אידישן אַרבעטער איז: ווי אַזוי צו פאַרזיכערן אונזער פאָלק געגן דער ווידערהאָלונג פון אַזוינע שוידערלאַכע פאַרפאָלגונגען און טראַגישע סיטואַציעס, אין וועלכע ער פאַלט אַזוי אָפט אַריין אין פאַרשידענע לענדער?

לאָמיר קודם פאַרשטיין די באַזונדערקייט פון דער אידן-פראַגע. אַלע פעלקער ליידן מער אָדער ווייניקער פון פאַרשידענע טראַגישע אומשטענדן. די איטאַליענער זיינען קיינמאָל ניט געזיכערט געגן שרעקלאַכע ערדציטערנישן, די כינעזער געגן פאַרפלייצונגען, די אינדיער געגן אומגערעטעניש, כאָלערא און פעסט. דאָס זיינען אָבער קאַטאַסטראָפעס פון דער נאַטור, און געגן זיי איז דאָ אַ מיטל: צו פאַרטיפן די מענטשלאַכע וויסנשאַפט און אויסנוצן אירע מעכטיקע מיטלען ניט פאַר בלוטפאַרגיסונג און אונטערדריקונג, נאָר פאַר קאַמף קעגן די בלינדע נאַטור-עלעמענטן.

אַ סך פעלקער ליידן פון דויערנדיקער אונטערדריקונג: אירלאַנד און אינדיען אונטער דעם בריטישן יאָך, גאַנץ רוסלאַנד אונטערן יאָך פון צאַריזם. אָבער די דאָזיקע ליידן קומען דערפון, וואָס די פעלקער זיינען דערווייל ניט גענוג באַוואוסטזיניק און ניט סאָלידאַריש ביי זיך — קאָנען זיי זיך ניט אוועקשטעלן מיט דערפאָלג קעגן די אונטערדריקער.

אייניקע פעלקער זיינען חרוב געוואָרן דורך דער היינטיקער וועלט-מלחמה, הגם זיי אַליין זיינען אין דער מלחמה ניט שולדיק און האָבן זי ניט געוואָלט. דאָס זיינען די סערבן, די בעלגיער, די פּאָליאַקן, לאַטווישן, אַרמענער. פונדעסטוועגן האָבן די דאָזיקע פעלקער אויך אַ גרויסן טרייסט אין זייערע יסורים. דער טרייסט איז אַ דאָפּלטער: ערשטנס, זיינען זיי ניט איינזאַם, ניט פון אַלעמען פאַרלאָזט און פאַרפאָלגט — נאָר זיי האָבן דעם אָדער יענעם צד, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיי. פאַר די סערבן האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַלבע וועלט, פאַר די בעלגיער אויך, פאַר די אַרמענער שטעלט זיך כלומר'שט רוסלאַנד איין. צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, האָבן די דאָזיקע פעלקער גרויסע אויסזיכטן, אַז זיי קאָנען סוף-כל-סוף קריגן אַ באַלוינונג און אַנטשעדיקונג פאַר זייערע קרבנות. **זיי קעמפן פאַר זייער אייגענער נאַציאָנאַלער זאַך**, און אויב אפילו זיי וועלן פאַרלירן, איז דאָס אויך ניט אויף אייביק: ווייל זיי בלייבן דאָך אויף זייער אייגן לאַנד און קאָנען שטענדיק וואַרטן די געלעגנהייט צוריק צו דעראָבערן זייער רעכט.

מיט איין וואָרט, די פאַרשידענע יסורים פון אַנדערע פעלקער זיינען טראַגיש, אָבער ניט האָפנונגסלאָז. זייער טראַגעדיע איז אַ צייט-

ווייליקע, אָבער ניט קיין שטענדיקע. זיי קעמפן פאַר זייער איינענער זאַך און זיי לײַדן פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן.

די גלות-לאַגע פון אידישן פאָלק איז ניט נאָר טראַגיש, נאָר אויך האָפנונגס-לאָז. אונזער גלות-טראַגעדיע איז ניט קיין צייטווייליקע, נאָר אַ דויערנדיקע. מיר קעמפן ניט פאַר קיין איינענער אידישער זאַך און מיר לײַדן פאַר פרעמדע אינטערעסן. מיר באַזיצן ניט קיין אייגענעם באָדן און זיינען איינזאַם אין דער קאָלאָסאַלער וועלט, וואָס האָט אירע אייגענע דאגות. מיר האָבן ניט קיין צד, מיט וועמען צו האַלטן אין דער מלחמה. די וועלט איז אָדער פיינטלאַך צו אונז, פירט אַ פאַרניכטונגס-קאַמף, אַן אויסראָטונגס-קאַמף קעגן אונז, — אָדער, אין בעסטן פאַל, איז די וועלט צו אונז גלייכגילטיק. אונזער שיקזאַל ווערט כסדר באַשטימט דורך דעם שיקזאַל פון אַנדערע פעלקער.

ווי גייט מען אַרויס פון אָט-דער אויסעראָרדנטלאַכער לאַגע? איז זי ווירקלאַך לחלוטין האָפנונגסלאָז, אָדער איז פאַראַן אַ האָפנונג און אַ וועג, ווי די האָפנונג צו פאַרווירקלאַכן?

דער אידישער אַרבעטער שטעלט זיך די פראַגע און באַקומט אויף איר גאַנץ פאַרשידענע תשובות. איין טייל אידישע סאָציאַליסטן לייגט זיין גאַנצע האָפנונג אויף דער אַסימילאַציע אָדער אויף דעם אַלמענטשלאַכן פראָגרעס. אַן אַנדער טייל, — און דאָס זיינען מיר, די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, — זיינען איבערצייגט, אַז אונזער באַפרייאונג הענגט אָפּ קודם-כל פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף פון די אידישע מאַסן. און די נייעסטע, שרעקלאַכסטע פון אַלע אידישע קאַטאַסטראָפעס האָט באַשטעטיקט אונזער בליק.

## .2

אַסימילאַציע וואָלט געווען די ראַדיקאַלסטע רפואה, אַזוי ווי דער טויט און זעלבסטמאָרד זיינען די ראַדיקאַלסטע מיטלען קעגן איטלאַכער קראַנקייט. אַז ס'וואָלט קיין אידן ניט געווען, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט צו לײַדן פון דער אידישער טראַגעדיע און הילפלאָזיקייט. פונדעסטוועגן האָט נאָך קיין מעדיקער אין דער וועלט ניט געהייסן היילן קראַנקע דורך פאַר'סמ'ען זיי. און קיין ערלאַכער פּאָליטיקער, קיין אידעאַליסט אין דער וועלט האָט נאָך ניט געפּרואווט צו לייזן, אַ שטייגער, די פּוילן-פראַגע דורך דעם, אַז דאָס פּוילישע פאָלק זאָל אויפהערן עקזיסטירן. און מיט וואָסערע אויגן וואָלטן די בעלגיער געקוקט אויף איינעם, וואָס וואָלט זיי איצט, אין זייער נאַציאָנאַלער נויט, געגעבן די גוטע עצה,

אַז זיי זאָלן זיך אויסמישן מיט די דייטשן און אויפהערן צו זיין אַ באַ-וונדער פאָלק?

נאָר ביי אונז אידן האָט מען די חוצפה, די אומפאַרשעמטקייט צו פּרעדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד פאַרן גאַנצן פאָלק. ס׳איז אונטער דעם כבוד, אונטער דער זעלבסטווירדע פון אונזער גרויסן העלדישן מאַר-טירער-פאָלק צו נעמען ערנסט די אַסימילאַטאָרישע אוטאָפּיעס און די אַסימילאַטאָריש-שקלאַפעדישע הכנעה. דאָס אידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן. אַנדערע פעלקער קאָנען אונז ליב האָבן אָדער האַסן אונז, נאָר פאַרניכטן אונז האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבן, ניט דורך פאַר-פאָלגונג און ניט דורך אַסימילאַציע.

פונדעסטוועגן וואָלט מען נאָך אפשר געקאָנט דיסקוטירן וועגן אַסימי-לאַציע, אויב די לעצטע וואָלט געווען אַ מעגלאַכקייט. דער אמת איז אָבער, אַז די אַסימילאַציע איז ניט מער, ווי אַ שעדלאַכע אוטאָפּיע. די ברייטע אידישע פאָלקסמאַסן אַסימילירן זיך נאָר ביז אַ געוויסן גראַד, — זיי נעמען איבער העכסטנס די א ו י ס ע ר ל א כ ע א י י ג נ-ש א פ ט ן פון די אַרומיקע פעלקער: די מלבושים, די שפּראַך, געווי-סע מאכלים און אַנדערע מידות; בלייבן אָבער אין גייסט אינערלאַך פרעמד דער אַרומיקער קולטור. אפילו די אַסימילירטסטע אידן קאָנען זיך ניט אויסמישן מיט די שכנים, פירן שטענדיק אַ באַזונדער אידיש לעבן, בלייבן אָפּגעזונדערט.

און דאָס קאָן אַנדערש ניט זיין. כּל-זמן נאַציאָנען עקזיסטירן, וועט לעבן אויך דאָס אידישע פאָלק. אַ טייל פון דער אידישער אינטע-ליגענץ און אַ טייל פון דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע מאַטערן זיך צו באַגיין נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. נאָר די אידישע פאָלקסמאַסן, דער אידישער אַרבעטער-קלאַס, און די פאָלקסמאַסן פון די אַרומיקע פעלקער ווילן ניט און דערלויבן ניט, אַז די אידן זאָלן פאַרשווינדן אין די פרעמדע פעלקער און פרעמדע קולטורן.

## 3.

פ ר אָ ג ר ע ס פ ו ן ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט א י ז א ש י י נ ע א י ד ע ע, נאָר מכח איר פאַרווירקלאַכונג מוז מען שטענדיק קלאָר זיין אין איין זאַך: דהיינו, אַז ניט דער פּראָגרעס שאַפט דעם מענטשן, נאָר די מענטשהייט שאַפט דעם פּראָגרעס. דער פּראָגרעס אַנטשטייט ניט פון זיך אַליין, נאָר מוז אויף שריט און טריט אויסגע-קעמפט ווערן פון די פאָלקס-מאַסן. אמת, ס׳קומט פאָר אַ טעכנישער, אַ וויסנשאַפטלאַכער, אַן עקאָנאָמישער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, זי ווערט אַלץ קליגער, פלינקער און געניטער אין דער באַהערשונג פון דער נאַטור. ד אָ ס א ל י י ן איז אָבער נאָך ניט גענוג, כּדי דער כאַראַקטער זאָל ווערן מענטשלאַכער, די געפילן איידעלער און די מידות ריינער. די פּאָליטישע איינריכטונגען ווערן נאָך פון זיך אַליין ניט

פרייער, און די סאָציאַלע גערעכטיקייט וואַקסט נאָך ניט אויס דערפון אַליין.

די סאָציאַלע און פּאָליטישע גערעכטיקייט אַנטוויקלט זיך בלויז דורך ביטערן קאַמף, פון די קרעפטן-באַציאונגען. אונטערדריקונג הערשט אַזוי לאַנג, ווי די אונטערדריקטע האָבן ניט קיין מאַכט אָראָפּצוואַרפן דעם יאָך און איינצושטעלן אַ נייעם ג ל י י כ ג ע ו ו י כ ט  פ ו ן  ק ר ע פ ט ן. דער מאָראַלישער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז ניט מער, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ביטערן קאַמף פאַר דער גלייכגעוויכט פון קרעפטן. אומעטום, וואו ס'באַגעגענען זיך מאַכט און אָנמאַכט, וועט אומבאַדינגט אַנטשטיין אַ דרוק, אַ פאַרגוואַלטיקונג. דער איינציקער שוץ פאַר די שוואַכע, פאַר די, וואָס באַזיצן ניט, באַשטייט אין זייער אייגענער אָרגאַניזירונג, אינ'ם קאַמף פאַר די אייגענע אינטערעסן. דאָס געזעץ, די פּאָליציי, די יוסטיץ — שטעלן זיך איין, העכסטנס, פאַר אומשולדיק-ליידנדע  י ח י ד י ם, אָבער ניט פאַר גאַנצע אונטערדריקטע  ג ר ו פּ ן  א ו ן  פ ע ל ק ע ר. איטלאַכער געזעץ, איטלאַכע יוסטיץ ווערט געמאַכט און קאָנטראָלירט פון די מעכטיקע, און זיי נוצן אויך אויס דעם טעכנישן פּראָגרעס פאַר זייערע הערשאַפט-צוועקן. די געזעצן, די רעכט און די יורידישע פּראַקטיק קאָנען פאַרבעסערט ווערן צו גונסטן פון די אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער ניט אַנדערש, סיידן דורך זייער אייגענעם קאַמף.

די היינטיקע מלחמה האָט קלאָר דערוויזן, אַז די בעסטע מענטשן אין דער וועלט וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר דער אונטערדריקונג פון אַ שוואַכערן, אויב דאָס איז זיי נויטיק פאַר זייערע לעבנס-אינטערעסן. דאָס האָט באַשטעטיקט די האַלטונג פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געגעבן איר הסכמה דערצו, אַז דאָס דייטשע מיליטער זאָל פאַרגוואַלטיקן די נייטראַליטעט פון לוקסעמבורג און פון בעלגיען. די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען דאָך געוויס גוטע סאָציאַליסטן און גוטע פרייהייטס-קעמפער. נאָר אַז ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז ס'איז נויטיק צו ברעכן די נייטראַליטעט פון די שוואַכע שכנים, האָבן זיי קיין איין מינוט ניט געשוואַנקט דאָס צו טאָן. ניט אַנדערש האָבן געהאַנדלט, אין תוך גענומען, די בעלגישע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטן.

מיט איין וואָרט, דער שוואַכער עלעמענט, ווער ס'זאָל ניט זיין, אַ קלאַס, אָדער אַ פאָלק, טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער הומאַניטעט, אויפן יושר פונם שטאַרקן. דאָס איז די וויכטיקסטע תורה פון סאָציאַליזם, אַז די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער מוז זיין דאָס ווערק פון זיינע אייגענע הענט, פון זיין אייגענעם קאַמף. אַ פיינעם פּנים וואָלטן די אַרבעטער געהאַט, ווען זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף דעם מאָראַלישן פּראָגרעס פון די קאַפּיטאַליסטן, אַז די לעצטע וועלן ביסלאַכווייז אויפהערן צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער!

### 4.

און איז דען ניט נאַאיוו צו האָפן, אַז די אידן וועלן אַמאָל אויפ־הערן צו ליידן און וועלן געזיכערט ווערן קעגן קאַטאַסטראָפן, ווייל די אומות־העולם וועלן זיך אַלץ מער אויסמענטשלען און וועלן אַליין אויפ־הערן דעם אידן צו פאַרפאָלגן? ניין, מיר, אידן, טאָרן זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, חוץ אויף זיך אַליין. **די באַפרייאונג פונם אידישן פאָלק מוז זיין דאָס ווערק פון זיינע אייגענע הענט.**

די איינציקע לייזונג פונם אידישן פּראָבלעם איז — צו שאַפן אַזאַ **גלייכגעוויכט פון קרעפטן**, ביי וועלכן אַנדערע פעלקער זאָלן ניט קאָנען מער אַזוי לייכט, אַזוי אומבאַשטראָפט אונז פאַרפאָלגן. די באַזונדערקייט פון דער אידישער טראַגעדיע שטאַמט דערפון, וואָס אידן האָבן ניט קיין אייגן לאַנד, און דעריבער ווערן די אידישע אינטערעסן און נויטן פון קיינעם ערנסט ניט רעספּעקטירט.

נעמט אַ קליינע מדינה, ווי סערביען, מיט אירע אָרימע פיר מיליאָן איינוואוינער, אָדער נעמט אַזאַ מיניאַטור־מלוכה, ווי מאָנטענעגראָ: סך־הכל זיינען דאָס אַ פערטל מיליאָן מענטשן, אָרימע, האַלב־ווילדע, אָן אַ ברעקל איינפלוס אויף דער וועלט־ציוויליזאַציע; און שטעלט אַוועק קעגן זיי דאָס אידישע פאָלק, אַ גרויסע אומה פון דרייצן מיליאָן קולטור־רעלע מענטשן, מיט אַ טויזנטיאָריקער הויכער גייסטיקער קולטור, אַ פאָלק פון גרויסע קאַפּיטאַליסטן און גרויסע רעוואָלוציאָנערן, פון ראָטשילדס, פּאָזנאַנסקים און שיפס, פון מאַרקסעס, לאַסאַלס און גערשונים; אַ פאָלק, וואָס האָט אומעטום מיסיאָנערן, פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, קינסט־לער, דיכטער, לערער און פירער; אַ פאָלק מיט גוואַלדיקע פעאיקייטן, מיט אַ גרויסאַרטיקן איינפלוס אויף דער ציוויליזאַציע פון דער גאַנצער וועלט...

מיט וועמעס אינטערעסן וועט מען זיך מער רעכענען, מיט די דרייצן מיליאָן הויך־קולטורעלע אידן, אָדער מיט דעם פערטל מיליאָן האַלב־ווילדע מאָנטענעגרינער? וועמעס קול וועט העכער קלינגען אינ׳ם קאָלאָסאַלן פרידנס־כאָר פון די פעלקער? די תשובה איז קלאָר: די מאָנטענעגרינער זיינען מער פיאיק פאַר זיך צו קעמפן, איידער די אידן. מיט די מאָנטענעגרינער וועט מען זיך מער רעכענען.

דאָס איז דערפאַר, ווייל די מאָנטענעגרינער פאַרלאָזן זיך ניט אויף אַסימילאַציע און אַלמענטשלאַכן פּראָגרעס, נאָר אויף זייערע אייגענע קליינע כחות אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע קרעפטן־פאַרהעלטנישן אין דער וועלט. דאָס דאַרף אויך זיין דער לאָזונג פון די אידישע אַרבעטער אין זייער נאַציאָנאַלער פאָלקס־פּאָליטיק:

**אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע זעלבסט־הילף. פאַראייניקן זיך צום קאַמף פאַר אַן אייגענער אידישער צוקונפט.**

(„אידישער קאָנגרעס", ניו יאָרק, 6טן אויגוסט, 1915)

# אין קאַמף פאַר אידישע רעכט

### אַ בליק אין דער אידישער רעכטלאָזיקייט און אין דער געשיכטע פון דער אידישער עמאַנציפּאַציאָנס־באַוועגונג

## פאָרוואָרט

די וועלט־מלחמה האָט אין זיך פאַרוויקלט אַ גאַנצע מאַסע אָנגע־וויטאָקטע פראַגן, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און וועלט־פּאָליטישע, וואָס האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ געהעריקער לייזונג. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די גרויסע איבערקערעניש, וואָס מ'קען דערוואַרטן נאָך דער מלחמה, זאָלן ברענגען אַ טיילווייזע אָדער אַפילו אַן ענדגילטיקע לייזונג פאַר אייניקע פון אָט־די פראַגן.

צווישן די פּראָבלעמען, וואָס האָבן שוין לאַנג געדאַרפט געלייזט ווערן און וואָס די מלחמה האָט מיט העלישן פייער באַלויכטן פאַר דער וועלט אין זייער גאַנצן טראַגישן ערנסט, פאַרנעמט די אידן־פראַגע איינעם פון די ערשטע פּלעצער. איינער פון די וויכטיקסטע מלחמה־טעאַטערס פאַר־שפּרייט זיך איבער אַ קאָלאָסאַלער טעריטאָריע, וואו אַ וויכטיקן טייל פון דער באַפעלקערונג בילדן די אידישע מאַסן. ניין מיליאָן אידן וואוינען אין יענע געגענדן פון רוסלאַנד, ליטא, קורלאַנד, פּוילן, פּרייסן, גאַליציען, בוקאָווינא, אונגאַרן און טערקיי, וואָס בילדן דעם מזרח־טעאַטער פון דער מלחמה. דער שווערסטער און קאַטאַסטראָפאַלסטער טייל פונ'ם וועלט־קריג שפּילט זיך פאַנאַנדער דירעקט אויף די פּלייצעס פון אידישן פאָלק. דער עקאָנאָמישער חורבן, די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט, די מיליטערישע הפקרות, אַלץ האָט זיך פאַראייניקט צו פאַרוואַנדלען דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן אין אַן אמת'ן גהינם, פול מיט איבער־מענטשלאַכע יסורים, פיזישע און גייסטיקע.

קיינמאָל האָט נאָך די אומנאָרמאַלע לאַגע פון אידישן פאָלק ניט באַוויזן איר צעוואונדעוועטן פּנים מיט אַזאַ שרעקלאַכער אָפנקייט, ווי אין אָט די שוואַרצע יאָרן פון וועלט־שׂרפה, און קיינמאָל האָט נאָך די שוידערלאַכע אידן־פראַגע ניט אָנגענומען אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם כאַראַק־טער פון אַ וועלט־פּראָבלעם, פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אומגליק, ווי אַצינד.

אויף די אידן פון די נייטראַלע לענדער, און באַזונדערס אויף די דריי מיליאָן אידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז איצט אויסגעפאַלן די אויפגאַבע אַרויפצוברענגען דאָס אידישע פּראָבלעם אויף דער טאַגעס אָרדנונג פון דער וועלט־פּאָליטיק און צו פאַרלאַנגען פון דער מענטשהייט, אַז די אידן־פראַגע זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל געלייזט ווערן אויפ'ן

מעגלאַכסט ראַדיקאַלן אופן. די אַמעריקאַנער אידן האָבן אויף זיך דעם גרויסן היסטאָרישן חוב צו זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ענדלאַך באַפרייט ווערן פון זיין ביישפּיללאָזער אומנאָרמאַלער לאַגע: עס מוז ענדלאַך געשאַפן ווערן אַ גאַראַנטיע קעגן דעם, וואָס יעדע קאַטאַסטראָפע פון דער געשיכטע שטעלט אונזער פאָלקביים ראַנד פון אונטערגאַנג און וואָס יעדעס מאָל ווערט אונזער פאָלק דערשיטערט טיפער און געפערלאַכער, ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

צו דעם צוועק מוז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום קודם כל האָבן אַ קלאָרעם בילד דער אידישער לאַגע אין די מלחמה־לענדער. און אַזוי ווי די אידן־פראַגע קען אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דער פּאָליטישער טאַגעס־אָרדנונג הויפּטזעכליך פון דער רעכטלאַכער זייט, מוז קודם כל באַלויכטען ווערן די ר ע כ ט ל א כ ע לאַגע פונ׳ם אידישן פאָלק אין פאַרשידענע לענדער. דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף דער פּילזייטיקער און פאַרשידנאַרטיקער רעכטלאָזיקייט פון אידישן פאָלק, און די ערשטע זאַך, וואָס מיר קענען מאָנען ביי די פעלקער פון דער ערד, איז, אַז די רעכטלאָזיקייט פון אונזער פאָלק זאָל אומעטום אָפּגעשאַפט ווערן. די אידן, אַלס פערזאָנען, די אידן, אַלס בירגער, און די אידן, אַלס פאָלק, מוזן אומעטום אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ גלייכער רעכטלאַכער לאַגע מיט אַלע אַנדערע פערזאָנען, בירגער און פעלקער.

דאָס קומט אונז, אַלס עלעמענטאַרער יושר. דאָס קומט אונז אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר די קרבנות, וואָס מיר האָבן געבראַכט און וועלן נאָך ברענגען בעת מלחמה און נאָך איר פאַר דער מאַכט און דעם גליק פון אַלע לענדער. דאָס קומט אונז אין די אינטערעסן פון דער רעכטס־אָרדנונג פון יענע לענדער, וואו מיר וואוינען, — קומט אונז, ענדליך, אין די אינטערעסן פון דעם פאָרטשריט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די דאָזיגע בראָשורע באַהאַנדלט די אידן־פראַגע אויסשליסלאַך פון איר רעכטלאַכער, יורידישער זייט. ניט ווייל מיר וואָלטן מבזה געווען די אַנדערע זייטן פון אונזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, ווי: די שווערע אַנאָמאַליען פון אונזער עקאָנאָמישן לעבן, די קולטורעלע חלאת׳ן, די עמיגראַציע, דעם גרזעלשאַפטלאַכן אַנטיסעמיטיזם, די היסטאָרישע צוקונפטס־האָפנונגען פון אידישן פאָלק, אָדער דעם דירעקטן חורבן, וואָס די מלחמה האָט אונז געבראַכט. ניין, אָט די אַלע זייטן זיינען פאַר זיך ניט ווייניקער וויכטיק, איידער די רעכטלאַכע זייט. נאָר, ווי געזאָגט, קען פאַר די פעלקער היינט־צו־טאָג אַוועקגעשטעלט ווערן הויפּטזאַכלאַך די רעכטלאַכע זייט פון אונזער פראַגע, און אין איר מוזן מיר הויפּטזאַכלאַך קלאָר ווערן...

נאָך אַ באַמערקונג, און מיר זיינען פאַרטיק מיט דער הקדמה. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אַ באַשטימטן קוק אויף דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט און פונ׳ם אידישן פאָלק: דאָס איז די סאָציאַלע און אידיש־נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג. אָבער די דאָזיגע בראָשורע איז געשריבן געוואָרן פאַר אַלע קלאַסן פון אידישן פאָלק מיט׳ן

צוועק צו געבן זיי די נויטיקע פּאָליטישע אינפאָרמאַציע. בכן האָבן מיר זיך אָנטשלאָסן אין די אינפאָרמאַטיווע טיילן פון דער בראָשורע אויסצומיידן איטלעכע פּאַרטייאישע באַלייכטונג פון דעם ענין, אַזוי, אַז יעדער לעזער, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי, זאָל זיך קענען רואיק באַנוצן מיט די ידיעות, וואָס מיר ברייינגען דאָ.

בלויז אין דעם נאָכוואָרט, וואו מיר פאַרבינדן די פראַגן פון אידישער עמאַנציפּאַציע מיט אַ ווייטערער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, האָבן מיר זיך שוין ניט געקענט און ניט געטאָרט באַגיין אָן אונזערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּרינציפּן.

## רעכט און דער האַמף פאַר רעכט

די אידייען פון גערעכטיקייט און רעכט בייטן זיך אינאיינעם מיט די פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. ניטאָ קיין רעכט פאַר זיך, קיין „נאַטירלאַכעם" און „אייביקער" רעכט און קיין „לאָגישעם" רעכט, וואָס זיינע וואָרצלען זאָלן ליגן אין דער „אייביקער נאַטור פונ'ם מענטשן". די פאָרמען פון רעכט זיינען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי די פאָרמען פון מענטשלאַכע אינטערעסן — ווייל איטלאַכס רעכט האָט דעם איינציקן צוועק צו רעגולירן די באַציאונגען פון די מענטשלאַכע אינטערעסן און אויסצוגלייכן די קאָנפליקטן פון מענטשלאַכע אינטערעסן.

דאָרט, וואו מענטשן האַרמאָנירן איינער מיט'ן צווייטן אין זייערע אינטערעסן, ברויכט מען קיין רעכט ניט, ווייל דאָרט זיינען אַלע צופרידן. אַזוי לאַנג ווי לופט און זונען־ליכט איז פאַר אַלעמען גענוג געווען, איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו פאָדערן אַ רעכט אויף לופט, אַ רעכט אויף ליכט, — די מענטשלאַכע אינטערעסן בנוגע צו לופט און ליכט זיינען געווען האַרמאָניש און ס'איז ניט פאָרגעקומען קיין אינטערעסן־קאָנפליקטן אין דעם פּרט. היינט אָבער, ווען די קוביק־פוטן לופט אין די וואוינונגען זיינען געוואָרן אַלץ קנאַפּער און קנאַפּער פאַר די פאָלקסמאַסן, און די זונען־ליכט ווערט אַלץ מער פאַרשטעלט פון פילגאָרנדיקע הייזער, פונ'ם רויך און גאַסן־שטויב, — אַנטשטייט שוין די פראַגע פון רעכט אויף לופט און רעכט אויף ליכט. אַזוי האָט אויך אַמאָל קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון רעכט אויף ערד, אויף גרונט און באָדן, אַזוי לאַנג ווי די מענטשן האָבן נאָך ניט פאַרכאַפּט די ערד און ניט צוטיילט זי אין פּריוואַטע נחלאות.

פון די אויביקע ביישפּילן זעען מיר אָבער נאָך אַ צווייטע זייט פון רעכט: די פאַרווירקלאַכונג פון רעכט הענגט אָפּ פון די פאַקטישע מאַכט־פאַרהעלטניסן. ווער ס'האָט מאַכט — אין פאָרם פון מזומנ'ע געלט, — צו קריגן גענוג פרישע לופט און ליכט, דער וועט דערגרייכן זיין רעכט אויף אָט די קעגנשטאַנדן. קוים אָבער באַזיצט ער ניט די מאַכט, איז אויך זיין רעכט ווייניק וואָס ווערט אָדער גאָר ניט ווערט.

לאָמיר נעמען נאָך אַ וויכטיק רעכט, וואָס איז באַזונדערס אינטע־

רעספּעקט פאַר אונזער ענין. לויט די מאָדערנע באַגריפן האָט איטלעכער מענטש אַ „נאַטירלאַכעם און אומפאַרלעצלאַכעם" רעכט צו זיין געזיכערט מיט זיין לעבן קעגן יעדן אַטענטאַט מצד אַן אַנדער מענטשן. אין פלוג, וואָס קאָן זיין נאָך נאַטירלאַכער, לאָגישער און הייליקער פאַר אָט דעם רעכט, וועלכעס איז אַפילו פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די עשרת הדברות העכער דריי טויזנט יאָר צוריק „לא תרצח"? די געשיכטע און די קעגנ־וואַרט באַווייזן אָבער, אַז דאָס הייליקע רעכט פון פערזענלאַכער אומ־באַרירלאַכקייט הענגט לחלוטין אָפּ פון די אינטערעסן־קאָנפליקטן און פון די מאַכט־פאַרהעלטעניסן.

געוועזן צייטן, און געדויערט האָבן זיי פילע טויזנטער יאָרן נאָכאַנאַנד, ווען דאָס מענטשלאַכע לעבן איז געלעגן אין רשות פון די געטער אָדער פון די הערשער. לויט'ן וואונש פון די געטער האָט מען זיי געמוזט ברענגען מענטשלאַכע קרבנות. אויפ'ן קאַפּריז פון אַ געקרוינטן מענטשן האָבן טויזנטער אַנדערע מענטשן געמעגט פאַרניכטעט ווערן אין איין מינוט אָן אַ פּאַרוואָס. רייכע פּריצים פלעגן מיט'ן פלייש פון זייערע קנעכט האָדעווען זייערע געליבטע הויז־חיות. היינט וואָלטן מיר געוואָרן אויפגעבראַכט: ס'אַרא שרעקלאַכע רעכטלאָזיקייט, ס'אַרא באַרבאַריזם. נאָר אין יענע צייטן איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זען אין דעם אַ פאַרברעכן קעגן רעכט. פּשוט דערפאַר, ווייל דעמאָלט האָט נאָר דער הערשער געמעגט האָבן אַנערקענטע אינטערעסן און דאָס לעבן פון זיינע שקלאַפן איז באַטראַכט געוואָרן אַלס זיין אינטערעס, און ניט אַלס זייער אינטערעס. די שקלאַפן אַליין האָבן געוואוסט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, זיי האָבן ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם.

ערשט דעמאָלט, ווען יעדע פּערזאָן איז קלאָר געוואָרן, אַז איר לעבן איז איר פּערזענלאַכער אינטערעס און ניט יענעמס, ניט דער געטש־קעס און ניט דעם הערשערס, האָט געקאָנט אַנטשטיין די מצוה „לא תרצח" און דאָס רעכט אויף אומפאַרלעצלאַכקייט פון פּערזאָן. און זעען מיר דען ניט, אַז אַפילו היינטיקע צייטן, קוים דערוועקט זיך אין דער רעגירונג דער אינטערעס צו שאַפן זיך מיט'ן לעבן פון אירע אונטער־טאַנען, ווערט תיכף אָפּגעשאַפט דאָס רעכט אויף לעבן, און מענטשן ווערן געשיקט פאַרניכטן איינער דעם צווייטן? אין צייט פון מלחמה, פון גאָסן־אומרוען, פון רעוואָלוציעס וועגט איבער דער אינטערעס פון שטאַט די אינטערעסן פון יחיד, און עס ווערט אָפּגעשאַפט דאָס „נאַטירלאַכע, דאָס הייליקסטע" פון אַלע רעכט.

האָבן מיר, אַלזאָ, די פאָלגנדע אויספירונג מכח רעכט און רעכט־לאָזיקייט:

א. דאָס רעכט איז אַזאַ געזעלשאַפטלאַכער אינסטיטוט און אַזאַ פאָרם פון באַוואוסטזיין, וועלכע האָבן דעם צוועק צו רעגולירן די קאָנפליקטן צווישן מענטש־לאַכע אינטערעסן.

ב. די פאָרמען פון רעכט זיינען אָפּהענגיק פון די פאָרמען, אין וועלכע די מענטשלאַכע אינטערעסן קאָנען זיך צוזאַמענשטויסן. די פאָרמען און אידעען פון רעכט ענדערן זיך און אַנטוויקלען זיך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די מענטשלאַכע אינטערעסן און פון די געזעלשאַפטס־פאָרמען.

ג. די פאַרווירקלאַכונג פון איטלאַכן רעכט הענגט אָפּ פון דער מאַכט, וועלכע ס'באַזיצן די פאַראינטערעסירטע צדדים.

3. דאָס רעכט ווערט פאַרווירקלאַכט ניט דורך זיך אַליין, נאָר דורך אַ קאַמף פון אינטערעסן און פון געזעלשאַפטלאַכע כחות, דורך דעם קאַמף פאַר רעכט. און די מעטאָדן פונ'ם קאַמף פאַר רעכט אַנטוויקלען זיך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלאַכע און פאָליטישע פאָרמען.

פאַראַן נאָך היינט צו טאָג אַזוינע לענדער, וואו ס'עקזיסטירט בכלל ניט קיין באַגריף פון מענטשן־רעכט, ד. ה. פון רעכט, וואָס געהערן דעם מענטשן, אַלס אַזעלכן, און טאָרן ניט פאַרלעצט ווערן. אַזוינע לענדער און שטאַטן, וואָס ווערן געוויינטלאַך גערופן „באַרבאַריש", ווערן רעגירט פון אַ געטלאַכן רעכט, פון אַ רעליגיעזן רעכט, פון אַ געוואוינהייטס־רעכט אָדער פונ'ם קאַפּריז פון די הערשער, נאָר קיין מענטש פאַרמאָגט דאָרט ניט קיין שום געזעצלאַך־גאַראַנטירטע רעכט. אין אַזוינע לענדער עקזיס־טירן, פאַרקערט, פּריווילעגיעס, באַזונדערע הנחות פאַר געוויסע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, נאָר ס'איז ניטאָ קיין שום באַגריף פון גלייכקייט פאַר'ן געזעץ. אַזוינע לענדער זיינען, צום ביישפּיל, אַביסיניען און מאַ־ראָקאָ.

דאָרט, אויב אַ מענטש מעג זיך פריי באַוועגן און קאָן זיך פילן מער־ווייניקער זיכער מיט זיין לעבן און אייגנטום, ווערט דאָס באַטראַכט ניט פאַר זיין אומבאַרירלאַכעס רעכט, וואָס געהערט צו אים, אַלס מענטשן און אַלס בירגער, נאָר פאַר אַ פּריווילעגיע, וואָס די געטלאַכע אָדער קייזער־לאַכע מאַכט האָט אים געגעבן צום אונטערשיד פון אַנדערע מענטשן. אין אַזוינע לענדער קאָן מען ניט ריידן וועגן רעכטס־באַשרענקונגען, נאָר בלויז וועגן פאַרפאָלגונגען און אויסנאַמס־געזעצן. ס'קאָן לייכט טרעפן, אַז אין אַזאַ לאַנד זאָלן דוקא די אידן קריגן געוויסע פּריווילעגיעס אַנטקעגן אַנדערע גרופּן פון דער באַפעלקערונג. נאָר על פי רוב ווערן דאָרט די אידן אונטערגעוואָרפן די ערגסטע פאַרפאָלגונגען און גזירות.

דאָס איז געווען דער יסוד פון דער רעכטלאַכער לאַגע פון די אידן אין מיטלאַלטער. פילע פון די מענטשלאַכע רעכט, וואָס מיר באַטראַכטן לעת עתה אַלס עפּעס זעלבסטפאַרשטענדלאַכעס, ווי צ. ב., דאָס רעכט אויף לעבן, איז אין מיטלאַלטער באַטראַכט געוואָרן נאָר אַלס פּריווי־לעגיע, און ווער ס'האָט ניט געהאַט די פּריווילעגיע, יענעמס לעבן איז

געוועזן הפקר לויט'ן דין. ווען די אידן פלעגן קומען אין א לאנד, פלעגן זיי זיך אויסווירקן פון דעם קעניג אָדער פירסט א פריווילעגיע, וואו ס'איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, צווישן אנדערע זאכן, אז פאר דער דער־מאָרדונג פון א אידן קומט א געוויסע מאָס שטראָף. די מענטשן זיינען ניט געווען גלייך פאר'ן געזעץ, און זַייער לעבן פלעגט זיך אויך אָפשאצן ניט גלייך. פאר דערמאָרדן א פראָסטן פויער האָט געקומט א קליינע שטראָף, פאר דערמאָרדן א פריץ איז אוועקגעלייגט געוואָרן א גרויזאמע שטראָף. איז דאָס, פארשטייט זיך, באטראכט געוואָרן פאר א גרויסער פריווילעגיע, ווען, צ. ב., די פוילישע הערשער האָבן זיך פארפליכטעט פאר די אידן, אז דער מערדער פון א אידן וועט קריגן דיזעלביקע שטראָף, ווי דער מערדער פון אן אדעליקן.

נאָר דאָס אלגעמיינע בילד פונ'ם אידישן לעבן אין מיטלאלטער איז א בילד פון שטענדיקע פארפאָלגונגען און גזירות. על פי רוב זיינען זיי געווען רעכטלאָז אין פולן זינען פון וואָרט, און די גאנצע האָפנונג איז געווען אויף די פריווילעגירטע הערשער פון די אומות העולם, טאָמער וועלן זיי געפינען פאר נויטיק איינצושטעלן זיך פאר'ן אידן. די אינ־טערעסן פון די אידן האָבן ניט עקזיסטירט פאר'ן געזעץ, און זיי זיינען באהאנדלט געוואָרן ווי דאָס אייגנטום פון דעם קעניג. די פינאנציעלע אינטערעסן פונ'ם קעניג זיינען געווען יענע מאכט, וואָס האָט דעם אידן געשיצט, דער וויכטיקסטער און אָפטמאָל דער איינציקער קוואל פון אי־דישע רעכט.

ווי געזאָגט, הערשט נאָך היינט־צו־טאָג אזא צושטאנד אין מאראָקאָ און אין אביסיניען. די דאָרטיקע אידן זיינען אבסאָלוט רעכטלאָז. כמעט דאָסזעלביקע אויך אין אראביען און פערזיען.

נאָר די פאָרמען פון די מענטשלאכע רעכט האָבן זיך אנטוויקלט צוזאמען מיט דער בירגערלאכער געזעלשאפט און דורך דעם האָט זיך אויך געמוזט ענדערן די רעכטלאכע לאגע פון די אידן. אין דער נייער צייט האָבן זיך נייע רעכט־פרינציפן דורכגעשלאָגן א וועג אין דער געזעצ־געבונג פון אייראָפע און אמעריקע, און צוזאמען מיט זיי האָט געמוזט פריער אָדער שפעטער קומען אויך די ענדערונג אין דער רעכטלאכער לאגע פון די אידן.

אויב דער רעכטלאכער יסוד פונ'ם מיטלאלטער איז באשטאנען אין פריווילעגיעס און הנחות, האָט די מאָדערנע רעכטס־אָרדנונג פראָקלאמירט אלס איר יסוד די גלייכקייט פון אלע מענטשן און ספּעציעל פון אלע בירגער פאר דעם געזעץ פון לאנד. זינט די אמעריקאנער „דעקלאריישאָן אָוו אינדעפּענדענס“ און די פראנצויזישע „דעקלאראציע פון די רעכט פונ'ם מענטשן און בירגער“ האָבן אָנגעקינדיקט אָט דעם נייעם פרינ־ציפּ, איז די רעכטלאָזע לאגע פון די אידן געקומען אין ווידערשפּרוך מיט די נייע בירגערלאכע אינטערעסן און מאכט־פארהעלטניסן אינ'ם שטאט,

און ס'איז דערפון אנטשטאַנען דער קאַמף פאַר אידישע רעכט.

אידן און ניט־אידן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף, און ניט נאָר זיינען געשטאַנען אידן, פאָדערנדיק זייער רעכט, קעגן די אויסער־לאַכע כחות פון דער רעאַקציע, נאָר שטענדיק איז אויך געווען אַ טייל ניט־אידן, וואָס האָבן געשטיצט דעם אידישן קאַמף, און אַ טייל אידן, פון דער אַנדער זייט, וואָס שטערן מיט אַלע כחות דעם אידישן קאַמף פאַר רעכט.

היות אַז רעכט ווערט פאַרווירקלאַכט דורך מאַכט, הייסט דאָס אַז רעכטלאָזיקייט באַדייט מאַכטלאָזיקייט. אין מיטלאַלטער זיינען די אידן געווען אבסאָלוט מאַכטלאָז, האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטן איינפלוס אויף די געזעלשאַפטלאַכע כחות, און אין זייער קאַמף פאַר די אָדער אַנדערע פּריווילעגיעס, קעגן די אָדער אַנדערע גזירות, האָבן זיך די אידן ניט געקאָנט באַנוצן מיט קיין שום אַנדער מיטל, חוץ שתדלנות ביי די מעכטיקע פון דער ערד. אין דער נייער צייט האָבן זיך געמוזט ענדערן אויך די מעטאָדן פון אידישן קאַמף פאַר רעכט. דעם פּלאַץ פון שתדלנות האָט געמוזט פאַרנעמען דער פּאָליטישער קאַמף, וועל־כער באַנוצט דעם דירעקטן איינפלוס פון די אידן אויף די אינטערעסן פון די פאַרשידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט.

דער ערשטער און נאָענטסטער צוועק פונ'ם אידישן רעכטס־קאַמף איז געווען די בירגערלאַכע עמאַנציפּאַציע, ד. ה. די דערגרייכונג פון גלייכע פערזענלאַכע און בירגערלאַכע רעכט. דער צוועק פונ'ם קאַמף איז אַלזאָ געווען, אַז דער אַלגעמיינער גרויסער פּרינ־ציפּ פון דעם היינטיקן רעכט, — די גלייכקייט פון אַלע בירגער פאַר דעם געזעץ, — זאָל אויך אָנגעווענדעט ווערן צו די אידן, עס זאָלן אָפּגע־שאַפט ווערן אַלע רעשטן פון דער אַמאָליקער רעכטלאָזיקייט, ד. ה. די אויסנאַמס־געזעצן קעגן אידן.

און נאָך דעם, ווי די אידן האָבן אין זייער שטרעבן צו ליכט און פרייהייט שוין גובר געווען די אויסערלאַכע און אינערלאַכע מניעות, ווען די אידן האָבן שוין געקראָגן צוגעזאָגט פולע רעכט, — ערשט דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה פון קאַמף פאַר רעכט. שטיק נאָך שטיק קומט אויס אַרויסצורייסן ביי די הערשער די פאַרווירקלאַכונג פון דער צוגע־זאָגטער גלייכבארעכטיקונג; און ווי אָפט טרעפט עס, אַז דער צוזאָג ווערט בטול ומבוטל, און די אידן פאַרבלייבן פּאַריער! און טאָמער זיינען שוין אַלע רעכטס־באַשרענקונגען אָפּגעשאַפט געוואָרן אין געזעץ, איז דערמיט נאָך אויך דער קאַמף ווייט־ווייט ניט פאַרענדיקט. דאָ דאַרף מען ערשט זאָרגן, אַז דאָס געזעץ זאָל ווירקלאַך אָפּגעהיט ווערן, זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן קעגן די אידישע רעכט, ס'זאָלן ניט אַריינגע־בראַכט ווערן נייע געפערלאַכע דריידלאַך און אינטערפּרעטאַציעס.

## דער קאמף פאר אידישע רעכט אין מזרח־אייראפע

אין די קלאסישע לענדער פון אידישער רעכטלאזיקייט, אין רוס־לאנד (פוילן און פינלאנד איינגערעכנט) און רומעניע, ווערט געפירט א קאמף פאר אידישע רעכט, נאר ביז׳ן היינטיקן טאג האט דער קאמף ניט געבראכט צו קיין שום פאזיטיווע רעזולטאטן.

א. פוילן. ניט לאנג פאר דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן (אין 1793 יאר) האט זיך דאס פוילישע פאלק גענומען אויפגעכאפט צו א ראדיקאלער ענדערונג און באנייאונג פון זיין פאנאנדערגעשאקלטן פאלי־טישן ארגאניזם. די בעסטע פוילישע פאטריאטן און הומאניסטן, ווי טשאצ־קי, בוטרימאוויטש און אנד., האבן זיך געמיט צו פארשפרייטן א גע־רעכטן קוק אויף דער אידן־פראגע, כדי דער סיים זאל זי באטראכטן און געבן איר א ראדיקאלע לייזונג, אויפ׳ן יסוד פון גלייכע בירגערלאכע רעכט און אסימילאציע. זייער אגיטאציע פאר אידן־רעכט האט גע־פירט דערצו, וואס דער פוילישער סיים האט דעם 22טן יולי 1790 באַ־שטימט א ספעציעלע קאמיסיע צו באטראכטן די רעכטלאכע לאגע פון די אידן. נאר קיין ווייטערע רעזולטאטן האט דאס ניט געהאט, און די פייערלאך־ליבעראלע קאנסטיטוציע פון 3טן מאי, 1791, האט מיט קיין איינציק װארט ניט אנגערירט די אידישע רעכטלאזיקייט. די אידן, פון זייער זייט, האבן זיך געמיט צו פארדינען די עמאנציפאציע דורך דעם, וואס זיי האבן גענומען אן ענערגישן אנטייל אין דעם לעצטן קאמף פון אומאפהענגיקן פוילן: בערעק יאסעלעוויטש מיט זיין חייל און אנדערע אידישע רעוואלוציאנס־העלדן. נאר די טעג פון אומאפהענגיקן פוילן זיינען שוין געווען געציילטע, און די קאנסטיטוציע האט קיין קיום ניט געהאט. צוזאמען מיט׳ן אומאפהענגיקן פוילן זיינען חרוב געווארן די ערשטע האפ־נונגען אויף דער אידישער עמאנציפאציע.

אין די קליינע רעשטן פון פוילישן קעניגרייך, וואס האבן שפעטער, בעת נאפאלעאנ׳ס מלחמות און נאך דעם ווינער קאנגרעס, אויפגעלעבט אויף א קורצער צייט, ד. ה. אינ׳ם ווארשעווער הערצאגטום און אינ׳ם „פוילישן צארענרייך" זיינען די אידן באהאנדלט געווארן אויף דעם ערגסטן אופן. נאר דערביי האט זיי אבער די קאנסטיטוציע פון 1815 פארשפראכן, אז מיט דער צייט וועט זייער רעכטלאכע לאגע פארבעַ־סערט ווערן. די רעוואלוציאנערע רעגירונג פון רוסיש־פוילן פון 1864 יאר האט פראקלאמירט פולע בירגערלאכע גלייכבארעכטיקונג פאר אידן, נאר קיין וויכטיקע רעזולטאטן האט דאס ניט געקאנט האבן: די צארישע ארמייען האבן אינגיכן צעטראטן די צארטע בלום פון פוילישער פרייהייט.

נאך דעם איז פוילן געווארן א פראווינץ פון רוסלאנד, און די רעכט־לאכע לאגע פון די אידן איז געקומען אין ענגער פארבינדונג מיט דער פאליטיק פון דער רוסישער רעגירונג בנוגע צו די רוסישע אידן. פונ־דעסטוועגן האבן די אידן אין פוילן פאר דער וועלט־מלחמה געהאט עפעס

מער רעכט, איידער זייערע ברידער פון די רוסישע גובערניעס.

ביי יענע רעוואָלוציאָנערע פּוילישע פּאַרטייען, וואָס קעמפן פאַר דער פולער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, פאַרנעמט די אידן־פראַגע אַ זייער חשוב׳ן פּלאַץ אין זייער פּראָגראַם, און זיי האָבן שטענדיק גע־פאָדערט בירגערלאַכע גלייכבארעכטיקונג פאַר די אידן. נאָר דערביי איז שטענדיק פאָראויסגעזעצט געוואָרן, אַז די עמאַנציפּאַציע דאַרף ברענ־גען צו פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע און די אידן מוזן זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זייערע נאַציאָנאַלע אייגנטימלאַכקייטן, אונטער־גיין אין דער פּוילישער נאַציאָן. די בירגערלאַך־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין פּוילן איז צוערשט אויך געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, נאָר די רוסישע רעוואָלוציע האָט איר געגעבן אַ שטאַרקן שטויס צוריק, זי האָט זיך אָפּן פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַקציאָנערער פּאַרטיי: מיר מיינען די זייער איינפלוסרייכע אַזוי גערופענע „נאַראָדאָווא דעמאָקראַציאַ“, וועלכע איז מיט אַ צייט צוריק געווען זייער ראַדיקאַל אין אַלע פראַגן, אויך אין דער אידישער, האָט אָבער פון יאָר 1905 קאַפּיטולירט פאַר דעם רוסישן צאַריזם. די נאַראָדאָווא דעמאָקראַציאַ איז מגולגל געוואָרן אין אַ פאַרביסן רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, זי האָט עס אַרויסגערופן און אָרגאַניזירט דעם באַרימטן באָיקאָט קעגן אידן. פונדעסטוועגן האָט זי נאָך ביז איצט אָפיציעל ניט אַרויסגעשטראָכן פון איר פּראָגראַם דעם פּונקט וועגן אידישער גלייכבארעכטיקונג, נאָר זי שטעלט די אידן אַ פאָדערונג: קודם אַסימילאַציע, און דערנאָך גלייכע רעכט.

אַזוי האָבן פאַר דער וועלט־מלחמה די גאַנצע פּוילישע געזעלשאַפט און אַלע פּאַרטייען געשטעלט אַ פאַרבינדונגס־צייכן צווישן אידישער עמאַנציפּאַציע און אידישער אַסימילאַציע. דער אונטערשייד צווישן די סאָציאַליסטישע און די בירגערלאַכע פּאַרטייען דערביי איז נאָר אין דעם, וואָס ביי די ערשטע קומט די עמאַנציפּאַציע פריער און די אַסי־מילאַציע אַלס אומבאַדינגטער רעזולטאַט, ביי די צווייטע אָבער איז די אַסימילאַציע דער אולטימאַטיווער תנאי, און די גלייכע רעכט וועלן אפשר קומען דערנאָך (דאָס אויך ווייט ניט זיכער...) *)

די וועלט־מלחמה האָט אַריינגעבראַכט אַ שרעקלאַכן פּלאָנטער אין דער אַזוי אויך קאָמפּליצירטער פראַגע וועגן דער אידישער עמאַנציפּאַציע

*) די גערעכטיקייט פאַרלאַנגט צו באַמערקן, אַז איינע פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען (פּויל. סאָצ. פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“) און איינע פון די בירגערלאַכע (די „פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי“) האָבן געפאָדערט גלייכע רעכט פאַר אידען אונטער אַלע אומשטענדען און קיין שום באַדינגונגען וועגען אַסימילאַציע ניט געשטעלט. זיי זיינען אפילו גענייגט געווען אָנצודערקענען די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט פונ׳ם אידישן פאָלק און דאָס רעכט, פון די פּוילישע אידן צו אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע אייגנטימלאַכקייט. נאָר ביידע פּאַרטייען זיינען געווען צו אומבאַדייטנד אין צאָל און ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף די אידיש־פּוילישע באַציאונגען.

אין פוילן. נאר אויך צווישן די פאליאקן שלאגט זיך דורך ביסלאכווייז די איינזעעניש, אז צו דער קאמפליצירטער פראגע קען מען ניט צוגיין מיט די פריערדיקע פאראיינפאכטע מעטאדן, און אז ס'איז ניטא קיין רעכטלאכע פארבינדונג צווישן אסימילאציע און עמאנציפאציע. א קליינער טייל פון די פויליש־בירגערלאכע פאליטיקער הויבט אן צו רעכענען זיך מיט דער נאציאנאלער אינדיווידואליטעט פון דער אידישער באפעלקערונג.

די אידישע מאסן אין פוילן, אנגעפירט הויפטזאכלאך פון די אידיש־סאציאליסטישע פארטייען („בונד און „פועלי ציון") פאדערן שוין איז משך פון די לעצטע פופצן יאר פולע בירגערלאכע און נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג. די ברייטע שיכטן פון אידישער בורזשואזיע שטיצן אונטער די דאזיקע פאדערונגען. נאר א קליינער טייל פון פוילישן אידנטום, נעמלאך די פארטרעטער פון גרויסן קאפיטאל, די וואס רופן זיך „פאליאקן פון משה רבינו'ס גלויבן", פירן אן א פארביסענעם קאמף קעגן די נאציאנאלע פאדערונגען פון אידישן פאלק. אין זייער שנאה צו דער נאציאנאלער אינדיווידואליטעט פון יענעם פאלק, וועמען זיי פארדאנקען זייער אייגענעם אורשפרונג, זיינען זיי פארגאנגען אזוי וויט, צו מאכן יד אחת מיט די אנטיסעמיטן: די מנהיגים פון דער אידישער קהלה אין ווארשע האבן געקעמפט אפילו קעגן דער ב י ר ג ע רל א כ ע ר גלייכבארעכטיקונג. זיי האבן געשיקט צו דער רוסישער מלוכה־דומע קיין פעטערבורג ספעציעלע שליחים צו פאדערן ביי די רוסישע ליבעראלן, אז די לעצטע זאלן איינגיין אויף נייע באשרענקונגען פון די אידן אין דער שטאט־פארוואלטונג פון פוילן. וועלכע ענדערונגען די מלחמה וועט אריינברייינגען אין זייער שטעלונג, איז נאך שווער צו זאגן.

ב. ר ו ס ל א נ ד. די רוסישע רעוואלוציאנערן פון די דעקאבריסטן (1825 יאר) ביז דער „נאראדנאיא וואליא" (1878—1884 יאר) האבן זיך זייער וויניק אדער גאר ניט אינטערעסירט מיט דער באזונדערער לאגע פון די אידן, נאר זיי פלעגן זי פארענטפערן כלאחר יד דורך דער אלגעמיינער פאדערונג פון גלייכע בירגערלאכע רעכט פאר דער גאנצער באפעלקערונג. מ'מוז דא באמערקן, אז אפילו נאך דער באפרייאונג פון די פויערים (אין 1861 יאר) איז רוסלאנד פארט געבליבן ביי דער מיטלאלטערלאכער ארדנונג פון שטאנד־פריווילעגיעס. ביז דער רעוואלוציע פון 1905 יאר זיינען די צענדליקער מיליאנען רוסישע פויערים און פאבריק־ארבייטער אלץ געבליבן בירגער פון דריטער קלאס אן די רעכט פון אנדערע קלאסן (פון די שטאט־בירגער, „מיעשטשאניעס", און פריצים, „דוואריאניעס"). די רוסישע פויערים ווערן נאך עד היום געהאלטן אין רעכטלאזיקייט און געפינען זיך אונטער דער ברוטאלער השגחה פון די פריצים. צוזעענדיק די רעכטלאזיקייט פון זייער אייגענעם פאלק, האבן די רוסישע רעוואלוציאנערן, נאטירלאך, ניט געקענט שענקען די געהעריקע

אויפמערקזאמקייט דער אידישער רעכטלאזיקייט, בפרט נאך ווען די רו־סישע פרייהייטס־קעמפער פון יענע צייטן זיינען אליין נאך געווען פול מיט טראדיציאנעלע פאראורטיילן קעגן אידן: געקוקט אויף די אידן, ווי אויף די „עקספלואטאטארן" און „פאראזיטן". נאך אין 1881 יאר האט א גרופע פון דער סאציאליסטיש־רעוואלוציאנערער פארטיי „נאראדנאיא וואליא" ארויסגעלאזט אן אויפרוף צום רוסישן פאלק, אז ער זאל מאכן פאגראמען אויף גלחים, פריצים און אידן, — און אנהויבן זאל זיך דער פאגראם פון די אידן.

ביי אזא באציאונג מצד אפילו די בעסטע עלעמענטן אין לאנד, פון די אינטעליגענטן און פרייהייטס־מארטירער, האבן די אידן, נא־טירלאך, ניט געקאנט און ניט געוואגט צו ריידן וועגן גלייכע רעכט. חוץ דעם איז צווישן די אידן גופא נאך א לאנגע צייט ניט געווען קיין איינקייט אין אט דער פראגע. אזוי ווי די גלייכבארעכטיקונג איז פארבונדן געווען מיט אייראפעאיזאציע און אויפקלערונג, מיט „אפיקורסות", פלעגן די רעליגיעזע עלעמענטן, באזונדערס די חסידישע רביים, הארט־נעקיק קעמפן קעגן דער אידעע פון גלייכע רעכט און פרייהייט. און בעת די ערשטע רוסיש־אידישע משכילים האבן זיך אין צייט פון קייסער אלעק־סאנדער דעם ערשטן משתדל געווען וועגן דער פארבעסערונג פון דעם רעכטלאכן מצב פון די אידן, האבן, פארקערט, די חסידישע קרייזן ארום שניאור־זלמן ליאדיער אנגעווענדעט זייער שתדלנות ביי די רעגירונגס־אר־גאנען, אז קיין האר זאל ניט געמינערט ווערן פון דער אידישער רעכט־לאזיקייט.

די ערשטע קעמפער פאר אידישע רעכט זיינען געווען די ערשטע משכילים, און זיי האבן געגלויבט באמונה שלמה, אז די אידישע רעכט־לאזיקייט שטאמט דערפון, וואס די רעגירונג פאראכט די אידן פאר זייער אומוויסנקייט. קוים וועלן די אידן אראפווארפן פון זיך די פארשימלטע מיטלאלטערלאכע מנהגים, די קאמישע קליידונג, די „נא־רישע" אפגעזונדערטקייט און וועלן ווערן „מלא דעה" דורך דער „השכלה בת השמים", וועט די רעגירונג און די געזעלשאפט פון די ארומיקע פעל־קער באלד איינזען, אז די אידן זיינען געווארן צו מענטשן גלייך, און ממילא וועלן שוין אפגעשאפן ווערן די באשרענקונגען פון די אידישע רעכט.

די דאזיקע אידעע פון עמאנציפאציע דורך השכלה ציט זיך אין דער געשיכטע פון די רוסישע אידן אין משך פון כמעט אכציק יאר, אנהויבנדיק פון נעוואכאוויטש (דעם מחבר פונ'ם „וויי־געשריי פון דער טאכטער פון יהודה" אין רוסיש, — דעם ערשטן אויפרוף צו אידישער „אויפקלערונג" און צו דער „פארבעסערונג פונ'ם אידישן מצב") און וויטער דורך ריב"ל (יצחק־בער לעווינזאן), מ. ליליענ־טאל, ל. מאנדעלשטאם, א. ארשאנסקי, ביז די „משכילים" פון די 70־ער יארן, ווי י. ל. גארדאן, ל. לעוואנדא, ליליענבלום, פינסקער און אנדערע.

די איינצלנע פּראָגרעסיווע רוסן, וואָס האָבן געשענקט מער אויפמערק־זאַמקייט דער אידן־פראַגע, ווי אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס בעל־יועצ ספּע־ראַנסקי, גראַף סואַוואַראָוו, פּיראָגאָוו און אַנדערע זיינען אויך אינגאַנצן געשטאַנען אויף אַט־דעם שטאַנדפּונקט פון עמאַנציפּאַציע דורך אויפקלע־רונג פון די אידן גופא.

די רעגירונג האָט זיך פון צייט צו צייט אויך געניינט צו אַט דעם שטאַנדפּונקט, נאָר על פּי רוב פּלעגט זי נאָר אויסנוצן די נאַאיווע איבערגעבנקייט פון די אידישע משכילים, כדי נאָך פעסטער צו פאַר־ציען דעם שטריק אויפ'ן אידישן האַלז. ענדלאַך האָבן די משכילים פאַר־שטאַנען, אַז די צאַרישע רעגירונג איז אַן אייביקער שונא פון אידישן פאָלק, און פון די זעכציקער יאָרן הויבט אָן אריינצודרינגען אין דער אידישער אינטעליגענץ די נייע אידעע, אַז די גלייכבארעכטיקונג קאָן קו־מען בלויז אַלס רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער באַפרייאונג פון רוס־לאַנד. *) פון אַנהויב איינצלנע מענטשן, און וואָס ווייטער אַלץ מער האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי צו דערגרייכן גלייכע רעכט, מוזן זיך די אידן באַטייליקן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, העלפן אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם.

די רעגירונג האָט זיך אַליין צוגעאייַלט אַט די אידעע צו באַ שטעטיקן, ווען, נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן און די נייע גרושים און באַשרענקונגען פון וואוין־רעכט, האָט זי נאָך ארויסגעלאָזט אירע „צייטווייליקע רעגלען“ וועגן דער פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידן אין די לער־אַנשטאַלטן. פאַרווערנדיק דער אידישער יוגנט דעם צוטריט צו דער בילדונג, האָט די רעגירונג בפירוש באַוויזן, אַז אויפקלערונג אַליין איז גאָר ניט קיין סגולה צו עמאַנציפּאַציע, און אַז פאַר דעם אויפגעקלערטן אידן האָט זי נאָך מער מורא, ווי פאַר דעם ניט־געבילדעטן.

בכלל האָבן די פּאָגראָמען און די רדיפות פון די אַכציקער יאָרן אויף לאַנג אָפּגעשטעלט דעם קאַמף פאַר אידישע רעכט, און ערשט די אַרבייטער־באַוועגונג פון די 90ער יאָרן נעמט ווידער אויף דעם קאַמף. דער אין 1897 יאָר געגרינדעטער „בונד“ („אַלגעמיינער אידישער אַרבײ־טער בונד אין ליטא, פּוילן און רוסלאַנד“) האָט דער ערשטער פּראָ־קלאַמירט די פאָדערונג פון גלייכע רעכט פאַר אידן, — צוערשט בלויז פון בירגערלאַכע רעכט, שפּעטער האָט דער „בונד“ צוגעגעבן אויך די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט. חוץ די אַלע אַנדערע היסטאָרישע פאַרדינסטן, וואָס דער „בונד“ האָט אין יענע יאָרן געהאַט פאַר דעם אידישן פאָלק און פאַר'ן אידישן אַרבייטער־קלאַס, קומט דעם „בונד“ נאָך די אַנערקענונג, וואָס ער האָט דער ערשטער ארויסגערופן די אידישע מאַסן אין קאַמף פאַר בירגערלאַכער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע. ס'מוז אָבער אויך באַמערקט ווערן, אַז דער

*) דאָס איז געווען די גרונט־אידעע פון א. אָרשאַנסקי, ווייטער אַנט־וויקלט אין די זשורנאַלן „ראַזסוויעט“ און „וואָסכאָד“.

„בונד" האָט זייער אומגערן אויפגענומען די פאָדערונג פון נ א צ י אַ נ אַ־ל ע רעכט און בכלל האָט ער זיך צו איר קיינמאָל ניט באַצויגן מיט דעם גאַנצן ערנסט און מיט דער נויטיקער קאָנסעקווענץ.

די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון „בונד" האָט נאָך געהאַט אַ צווייטע גינציקע ווירקונג אויף דעם אידישן קאַמף פאַר רעכט אין רוסלאַנד: צוזעענדיק דעם ברייטן שוואונג און דעם קאַמפס־מוט פון׳ם אידישן פראָ־לעטאַריאַט, האָבן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און אפילו די בירגערלאַכע ליבעראַלן אליין געמוזט ענדערן זייער באַציאונג צום אידישן פאָלק. זיי האָבן שוין מער ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער אידן־פראַגע, זיי האָבן גענומען אַ מער ענערגישע שטעלונג קעגן דער אי־דישער רעכטלאָזיקייט. די רעוואָלוציאָנערע אױסטרעטונגען פון „בונד" האָבן געצוואונגען די רוסישע פרייהייטס־קעמפער אוועקצושטעלן די אידן־פראַגע אויף דער פּאָליטישער טאָגעס־אָרדנונג. אָבער נאָך מער האָט אין דער ריכטונג געווירקט די רעגירונג גופא, וועלכע האָט מיט׳ן גרוי־זאַמען פּאָגראָם אין קישינעוו (אַפּריל 1903) געשאַפן אַ נייע פאַרבינדונג צווישן דער אידן־פראַגע און דעם אַל־רוסישן פרייהייטס־קאַמף. פאַר די רדיפות פון די אַכציקער יאָרן האָט די רעגירונג געהאַט אַן אויסרייד, אַז די אידן זיינען „עקספּלואַטאַטאָרן", „בלוט־צאַפּערס פון דער איינגעוואָרצל־טער באַפעלקערונג". פון קישינעוו אָן בייט זי שוין אירע תירוצים, זי זאָגט, אַז די אידן זיינען אַ רעוואָלוציאָנערער עלעמענט, וועלכער שטערט די אָרדנונג אין דער מלוכה.

דורך דער סיסטעמאַטישער און גוט־אָרגאַניזירטער אידן־העצע מיט זיך די רעגירונג צו קאָמפּראָמיטירן די פרייהייטס־באַוועגונג ביי די גרוי־סע מאַסן פון רוסישן פאָלק, פאַרצושטעלן אַלע פרייהייטס־פאָדערונגען און באַוועגונגען, אַלס אַ „אידישן אויפטו". די אידן זוכן, הייסט דאָס, אָראָפּצוואַרפן די היסטאָרישע מאַכט פון צאַריזם, כדי צו פאַרכאַפּן אין זייערע אידישע הענט די „ממשלה איבער דעם רוסישן פאָלק". מיט אָט דער פּאָליטיק האָט די רעגירונג געצוואונגען אַלע פרייהייטלאַכע עלע־מענטן אין רוסלאַנד פאַנאַנדערצובינדן דעם קנויל פון רעאַקציע און אידן־האַס, אויפצוקלערן דעם רוסישן פאָלק דעם „אמת וועגן די אידן" און מאַכן די אידישע זאַך פאַר זייער אייגענער זאַך.

פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905—1906 יאָר איז, אַלזאָ, די אידן־פראַגע געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע שיידונגס־פּונקטן צווישן דער רעאַקציע און דער רעוואָלוציע. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אי־דישן אַרבייטער־קלאַס, „בונד", „פּועלי ציון", „ס. ס." און „סערפּ" האָבן געקעמפט פאַר בירגערלאַכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידישן פאָלק, און די קאַמף־מעטאָדע זייערע איז געווען: די פאַר־בינדונג פון די אידישע פאָדערונגען מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַרבייטער־קלאַס פון גאַנץ רוסלאַנד. די „פּועלי ציון", וועלכע זיינען ענטשטאַנען שפּעטער פאַר׳ן „בונד", האָבן מיט מער אַנטשלאָסנ־

קײט פאַר אים אַנטװיקלט די נאַציאָנאַלע זײט פון דער גלײכבארעכטיקונג. אנשטאָט ענגער „קולטור־אויטאָנאָמיע" פון „בונד", האָבן זײ פאַרלאַנגט אַ ברײטע „נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע" אין אַלע נאַציאָנאַלע ענינים, סײ קולטורעלע, סײ אויך פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע (װי די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע, פאַרזיכערונג קעגן פּאָגראָמען א. ד. גל'), און, חוץ דעם, קהלה־אויטאָנאָמיע און פולע נאַציאָנאַלע גלײכבאַרעכטיקונג. די בירגערלאַכע גרופּן פון אידישן פאָלק האָבן אין 1905 יאָר געבילדעט אַ „פאַרבאַנד פאַר דער דערגרײכונג פון פולבארעכטיקונג", װעלכער האָט זיך אין פּאָליטישע פראַגן געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער רוסישער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ און מיט אַנדערע נאָך ראַדיקאַלערע פּאַרטײען פון רוסישן פאָלק, נאָר ניט מיט די סאָציאַ־ליסטן. דאָס פּראָגראַם פונ'ם „פאַרבאַנד פאַר פולבארעכטיקונג" האָט אַנטהאַלטן די פאָדערונגען פון בירגערלאַכער און נאַציאָנאַלער גלײכבאַ־רעכטיקונג און נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די דאָזיקע פאָדערונגען זײנען אויך אויפגענומען געװאָרן פון די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ האָט זיך נאָך ביז'ן הײנטיקן טאָג ניט אַנטשלאָסן אָפן צו פאָרמולירן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און ספּעציעל אַנצואװענדן זײ צו די אידן. די סאָציאַליסטיש־רעװאָלוציאָנערע פּאַרטײ, פאַרקערט, האָט שטענדיק ענערגיש אונטערשטיצט די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון אידישן ארבײ־טער־קלאַס.

נאָך אַ װיכטיקע ספּעציפיש־רוסישע זײט פון אידישן רעכטס־קאַמף מוז דאָ דערמאָנט װערן: דאָס איז דער באַװאָפנטער זעלבסט־שוץ קעגן פּאָגראָמען. אין די פּאָגראָמען פון די אכציקער יאָרן האָט זיך די רעגירונג לפּנים געהאַלטן „אומפּאַרטײאיש": זי פלעגט דעם פּאָגראָם בשתיקא אָרגאַניזירן, נאָר אַלײן באַהאַלטן זיך הינטער די פּאָגראָמשטשיקעס און דערנאָך אין אַ געװיסער צײט, פון אײן ביז דרײ טאָג, פלעגט זי אַרױסשיקן מיליטער קעגן די רױבער־באַנדעס און אפילו באַשטראָפן זײ. נאָכ'ן קישינעװער פּראָגראָם האָט זי זיך שױן אפילו ניט געפּרואװט צו פאַרבאַהאַלטן: בײם סאַמע אָנהויב פּאָגראָם פלעגט זי שיקן מיליטער צו באַװאַכן און באַשיצן די רױבער. דאָס האָט גע־צװאונגען די אידישע רעװאָלוציאָנערן אַלײן איבערצונעמען דעם שוץ פון דער אידישער באַפעלקערונג. די ערשטע „סאַמאָ־אָבאָראָנע" פון דעם מין איז געגרינדעט געװאָרן בשעת דעם קלײנעם פּאָגראָם אין יעקאַטע־רינאָסלאַװ אין אַפּריל 1901, פון דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער אָרגאַ־ניזאַציע פּועלי־ציון, נאָר די גאַנצע פּאָליטישע באַדײטונג פון אידישן זעלבסט־שוץ, אַלס פאָרם פון רעװאָלוציאָנערן קאַמף, איז קלאָר אַרױסגע־

*) די פּאַרטײ ס. ס. אין רוסלאַנד האָט קײן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין גלות ניט אָנערקענט. די אידעע פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע האָט צום שטאַרקסטן באַטאָנט און פּראָפּאַגירט די פּאַרטײ „סערפּ".

קומען ערשט אין סעפּט. 1903, בשעת די האַמעלער אָרגאַניזאַציאָן פון „בונד“ האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד קעגן די רויבער־באַנדן און סאָל־דאַטן.

בעת די קאָלאָסאַלע פּאָגראָמען פון אָקט. 1905 האָט די סאַמאָ־אַבאָראָנע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ סך שטעט און שטעטלאַך. חוץ די סאָציאַליסטיש־אידישע פּאַרטייען (בונד, פּועלי־ציון, ס. ס.) האָבן זיך אויך קריסטלאַכע רעוואָלוציאָנערן טיילווייז באַטייליקט אינ'ם שוץ פון די אידן.*)

דער מאַניפעסט פון 17 (30) אָקט. 1905, האָט, צווישן אַנדערע קאָנסטיטוציאָנעלע פּריוויליגיעס, צוגעזאָגט אויך גלייכע רעכט פאַר אַלע פעלקער און רעליגיעזע פרייהייט. ניקאָלאַי דער צווייטער האָט קיינ־מאָל ניט דערפילט זיין פאַרשפּרעכן, נאָר די ערשטע צייט נאָך דעם האָבן די אידן גלייך דערפילט אַ סעריע דערלייכטערונגען: די גירושים האָבן אויפגעהערט, די אידן האָט מען געלאָזט וואוינען מחוץ דער „טשער־טאַ“, די פּראָצענט־נאָרמע פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט איז ניט אָפּגעהיט געוואָרן א. ד. גל. נאָך דער שטאַטס־שטרייך פון דער צאַרישער רע־גירונג דעם 3טן יוני 1907 האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט דער „פאַרנאַכ־לעסיקונג פון געזעץ“. נאָך אַ קורצער הפסקה איז ווידער אָוועק אַ „הבה נתחכמה“ קעגן די אידן אין די רעגירונגס־ספערן אויף אַלע שטופן פונ'ם ביוראָקראַטישן לייטער, פון אויבן ביז די סאַמע נידעריקסטע באַאמטע. די אידישע לאַגע איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ מער אומדערטרעגלאַך.

בעת דער רעוואָלוציע האָט מען פעסט געגלויבט, אַז די קאָנסטיטו־אירנדע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער מלוכה וועט מיט אַמאָל אָפּשאַפן די גאַנצע אידישע רעכטלאָזיקייט. נאָך דעם זיג פון דער רעאַקציע איז דאָס געוואָרן אוממעגלאַך, און זינט יענער צייט באַמיען זיך די אידישע דומאַ־דעפּוטאַטן, אונטערגעשטיצט פון די סאָציאַליסטן און קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן, אָפּצושאַפן לכל הפחות איינציקווייז די ערגסטע און וויכ־טיקסטע רעכט־באַשריינקונגען. די אידישע דומאַ־דעפּוטאַטן (2 אין דער דריטער דומע און 3 אין דער פערטער) מאַכן פון צייט־צו־צייט אינטער־פּעלאַציעס צו דער רעגירונג מכח די באַזונדערס חוצפּה'דיקע רדיפות קעגן אידן, און עטלאַכע מאָל האָבן זיי געפּרואווט אָוועקצושטעלן אויף דער טאָגעס־אָרדנונג די פראַגע וועגן אָפּשאַפן די „טשערטאַ“, נאָר אַלעמאָל האָט די רעאַקציאָנערע דומאַ־מערהייט ברוטאַל נידערגעשטימט די אידישע

*) מיר דערמאָנען דאָ נאָר דעם טראַגישן טויט פונ'ם רוסישן סטודענט בלינאָוו אין דער זשיטאָמירער סאַמאָאָבאָראָנע, די גרוזינישע סטודענטן אין דער סאַמאָאָבאָראָנע בעת'ן פּאָגראָם אין אָדעס, די טעראָריסטישע אַקטן פון איינציקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן קעגן די הויכגעשטעלטע אָרגאַניזאַטאָרן פון אידישע פּאָגראָמען. אין פּאָלטאַווע האָט אַ וואַך פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אייזנבאַן־אַרבייטער צוזאַמען מיט דעם זעלבסטשוץ פון די „פּועלי ציון“ אײַנגאַנצן פאַר־היט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם אין אָקטאָבער, 1905.

פּראָטעסטן און פאָדערונגען.

די אידישע דומא־דעפּוטאַטן האָבן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט, באַקעמפענדיק דעם באַקאַנטן געזעץ־פּראָיעקט פון דער רעגירונג אַריינצופירן שטאַטישע זעלבסט־פּערוואַלטונג אין פּוילן. די רעגירונג האָט די אידן געגעבן אַ באַשרענקטע פאַרטרעטערשאַפט אין די פּוילישע מוניציפּאַליטעטן: אין יענע שטעט, וואו אידן בילדן אַ מערהייט פון 60 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, זאָלן זיי האָבן אין דער פּערוואַלטונג בלויז 20 פּראָצענט פון די שטימען, און אין די איבעריקע שטעט בלויז 10 פּראָצענט פון די שטימען. ווייטער טאָרן די אידן ניט ווערן געוויילט אויף פאַראַנטוואָרטלאַכע שטעלן. קיינע פּראָטעסטן האָבן אָבער ניט געהאָלפן, די פּוילישע „קאָלאָ" אין דומע איז געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער רעגירונג, און די שענדלאַכע באַשרענקונגען פאַר די אידן זיינען אָנגענומען געוואָרן פון דער דומאַ.

גאָר אומגעריכטערהייט איז אין דער רוסישער דומע דורכגעגאַנגען אַ געזעץ, וועלכעס איז דוקא גינציק אויך פאַר די אידן און גראָד פאַר זייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דאָס געזעץ דערלויבט אַלע נאַציאָנאַליטעטן צו גרינדן פאָלקסשולן, וואו כמעט אַלע למודים קומען פאָר אין דער מוטערשפּראַך פון יעדער נאַציע. אָט דער שולן־געזעץ איז אריין אין קראַפט סאַמע ערב דער הייגטיקער מלחמה, און פון אים וועלן, צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, אויך די אידן עפּעס פּראָפיטירן.

אַ נייע ווענדונג האָט די באַוועגונג פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע גענומען ביים ביילים פּראָצעס, וועלכער איז אויף אַזאַ מיטעל־אַלטערישן און סקאַנדאַליעזן אופן אָרגאַניזירט געוואָרן פון דער רעגירונג. מיט דעם בלוט־בלבול זוכט די רעגירונג צו קרוינען איר פּאָליטיק פון פּאַרלוימדן און פאַרהעצן די אידן און דורך דעם צו פאַרלוימדן די פרייהייטס־באַוועגונג פון רוסישן פאָלק. נאָך דער עפעקט פון ביילים־פּראָצעס איז געוועזן פּונקט דער היפוך דערפון, וואָס די רעגירונג האָט געצילט. אַנשטאָט צו פאַרלוימדן די אידן פאַר'ן רוסישן פאָלק, האָבן די נידערטרעכטיקע און אומגעלומפּערטע מאַכינאַציעס פון דעם באַשולדיגונגס־צד אַנטפּלעקט פאַר'ן רוסישן פאָלק די גאַנצע צעפוילטקייט און אויסגעלאַסנקייט פון דער רעגירונג. אַנשטאָט צו שאַפן באַרוהיקונג ביי די ברייטע פאָלקסשיכטן, האָט דער ביילים פּראָצעס גראָב באַליידיקט דאָס געוויסן פון דעם רוסישן פאָלק און אַרויסגערופן די גרעסטע אויפרעגונג. די ליבעראַלע רוסישע פּרעסע האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פאַרגרעסערטע צירקולאַציע, ווי ביי דעם ביילים פּראָצעס. דאָרפישע דינסט־מיידלאַך, דוואָרניקעס („דזשעניטאָרס") און מאַרק־הענדלער, פון פאַבריקס־אַרבעטער שוין גאָר אָפּגערעדט, האָבן מיט אומגעהויערן אימפּעט פאַנאַנדערגעכאַפּט די „עקסטראַס" און זייערע פּנים'ער האָבן געשיינט פאַר פרייד, ווען די עקסטראַס האָבן דערציילט, אַז ביילים איז פריי געשפּראָכן.

און, ענדלאַך, אַנשטאָט ריינצוואַשן די רוסישע רעגירונג פאַר דער

ציוויליזירטער עפנטלאַכקייט פון אייראָפּאַ און אמעריקא, האָט דער בייליס־פּראָצעס אראָפּגעריסן די לעצטע מאַסקע פון דער רוסישער הויף־קאַמאַרילע און געוויזן אַלע אַנשטענדיקע מענטשן אין דער וועלט, וואָס פאַר א סכנה פאַר דער מענטשלאַכער קולטור ס׳שטעקט אין די רוסישע רעגירונגס־מעטאָדן. די גרעסטע אַנטריסטונג האָט געהערשט אין אַלע עקן וועלט, און די אידן־פראַגע האָט באַקומען די באַדייטונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַנגעלעגנהייט.*)

די צו־גוט באַקאַנטע אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג קעגן די אידן האָט אָבער דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין דער וועלט־מלחמה, און דערמיט נאָך פאַרגרעסערט די אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער אידן־פראַגע אין רוסלאַנד. אויף דער רוסישער רעגירונג גופא איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין שום האָפנונג. אזוי לאַנג, ווי דער צאַריזם בלייבט הערשן, וועט די אידישע רעכטלאָזיקייט ניט אויפהערן און וועט אפילו ניט געלינדערט ווערן אויף קיין האָר. דאָס זעט מען אפילו פון דער מעטאָדע, מיט וועלכער די רעגירונג האָט מסכים געווען אויף דער כלומרשט׳ער פאַרברייטערונג פון דער „טשערטא“, נאָך דעם ווי די דייטשע עראָבערונג האָט די טשערטא סיי־ווי פּאַקטיש אָפּגעשאַפט. דאָס האָט אויך אָפן מודה געווען דער אינערן מיניסטער מאַקלאַקאָוו אין געשפּרעך מיט א אידישער דעפּוטאַציע. „איך ווייס, האָט ער געזאָגט, אַז די אידישע רעכטלאָזיקייט איז א צעפּוילטע וואַנט, זי מוז פריער אָדער שפּעטער איינפאַלן, — נאָר איך וויל זי ניט לאָזן פאַלן, ווייל זי וועט מיך באַגראָבן אונטער אירע חורבות“. דאָס איז א ציניש־אָפענע באַשטעטיקונג, אַז דער צאַריזם שטיצט זיך אויף דער שרעקלאַכער טראַגעדיע פון די רוסישע אידן.

ג. אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. א זאָנדערבאַרן פאַל פון אידישער רעכטלאָזיקייט שטעלן מיט זיך פאָר די מער־פרייהייטלאַכע לענדער פינלאַנד און רומעניען. צום שפּאָט קעגן איר אייגענעם נאַציאָנאַלן אומגליק, אין שוידערלאַכן ווידערשפּרוך צו איר פרייהייטלאַך־דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, האַלט פינלאַנד די אידן אין דער ביטערסטער פאַרשקלאַפונג. אין לאַנד, וואו עס הערשט דאָס אַלגעמיינע גלייכע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלרעכט, מיט אַלע „לעצטע אימפּרואוומענטס“, מיט פרויען־שטימרעכט, מיט א גרויסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווערן די אידן לויט׳ן געזעץ באַהאַנדלט ניט ווי בירגער, ניט ווי מענטשן, נאָר ווי שעדלאַכע חיות. די קליינע צאָל אידן, וואָס וואוינען דאָרט פון דורי דורות, טאָרן זיך ניט באַוועגן איבער׳ן לאַנד, זי איז פאַרשפּאַרט אין די געטאָס, קיין נייע אידן ווערן ניט צוגעלאָזן,

*) כאַראַקטעריסטיש איז די שטעלונג, וואָס די לאָנדאָנער „טאַימז“ האָט פאַרנומען צום בייליס־פּראָצעס. די דאָזיקע רוסן־פריינטלאַכע צייטונג האָט אָפן געפרעגט, אויב ענגלאַנד קאָן נאָך אָנהאַלטן דיפּלאָמאַטישע פריינדשאַפט מיט דער רוסישער רעגירונג, וואָס בלאָמירט זיך אויף אַזאַ מיטל־אַלטערלאַכן אופן.

און דאָס איינציקע מיטל פון פריוהייטס־קאַמף, וואָס בלייבט דעם הייפּל פּאַריער, זיינען פּעטיציעס צום פּאַרלאַמענט („לאַנדטאַג“). נאָר דער פּאַרלאַמענט מאַכט זיך סיסטעמאַטיש ניט וויסנדיק פון דער אידישער לאַגע. טרויעריק איז געווען דאָס בילד, ווען די רוסישע שוואַרצע מאה האָט אריינגעלייגט די טומאה אין דער יראה און איינגעשטעלט זיך פאַר דער אידישער קריוודע אין פינלאַנד (אין יאָר 1909). אָבער אויך דער פּאַטש אין פּנים האָט ניט אויסגעניכטערט דאָס פינישע פאָלק.

אין רומעניען ווערן די אידן אויך באַטראַכט פאַר ניט קיין בירגער, נאָר אויסלענדער, און דערצו נאָך אויסלענדער אָן פרעמדן שוץ. די אידן אַליין זיינען צו אָנמעכטיק צו קעמפן קעגן דער רעכטלאָזיקייט. די אריינמישונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלאַכקייט (דורך דעם בערלינער טראַקטאַט 1878 יאָר) איז ניט געגאַנגען ווייטער פאַר פּאַפּירענע רעזאָלוציעס. דאָס רומענישע פאָלק גופא איז כמעט איינשטימיק אין זיינע פיינטלאַכע געפילן צו די אידן. דיזעלביקע געוועזענע „סאָציאַליסטן“, ווי צ. ב. דער סאָציאַליסטן־פירער נאַדעזשדא, וואָס האָבן נאָך אַ געוויסע צייט אַגיטירט פאַר די אידן, זיינען שפּעטער אַליין געוואָרן די פאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן. די „קאָנסערוואַטיווע“ פּאַרטיי פּרעטענדירט כלומרשט צו באַשיצן די אידן, נאָר קוים באַקומט זי די מאַכט, האַלט זי ניט איין אירע פאַרשפּרעכונגען. די „ליבעראַלע“ פּאַרטיי „פון די דריי ברידער“ (בראַטיאַנו) איז אויסגעשפּראָכן אידן־פיינטלאַך.

די אידן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ „פּאַרבאַנד פון איינגעוואָרצלטע אידן“ („אוניונע יעווריילאָר פּאַמינטעני“), וואָס פירט אָן אַן אַגיטאַציע פאַר דער אידישער גלייכבארעכטיקונג. זיין פאָדערונג איז, אַז אַ **געזעץ זאָל ערקלערן אַלע אידן פאַר רומענישע בירגער**. זיין אַגיטאַציע פירט דער פּאַרבאַנד אָן דורך די קנאַפּע פּראָגרעסיוו־רומענישע בלעטער („אַדעווירול“), דורך דעמאָנסטראַציעס און פּעטיציעס צום פּאַרלאַמענט. זי ווערט אונטערשטיצט פון דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.—נאָר די גרעסטע שטערונג באַשטייט אין דעם, וואָס די רומענישע עפנטלאַכקייט אינטערעסירט זיך ניט מיט די פראַגן פון אידישע רעכט. אַ געוויסן שטויס צו הויבן אַזאַ אינטערעס האָט אין יאָר 1913 געגעבן דער סקאַנדאַל אַרום דעם אָנדענקען פון ראָנעטי־ראָמאַן*). בעת דער מאָביליזאַציע אינ׳ם צווייטן באַלקאַן־קריג קעגן בולגאַריען האָט די רעגירונג געלאָזט דורך אירע אָפיציעלע צייטונגען אַ ניט־אָפיציעלן קלאַנג, אַז די מאָביליזירטע אידישע סאָלדאַטן וועלן

*) ראָנעטי־ראָמאַן איז געווען אַ גרויסער רומענישער דיכטער, אַ איד. נאָך זיין טויט האָט מען ביי אַ יאָר צייט אויפגעפירט זיין פּאַרטיידיקונגס פּיעסע פאַר אידן „מנשה“, און געוואָלט שטעלן אים אַ דענקמאָל אין בוקאַרעשט. קעגן דעם האָבן די אַנטיסעמיטן אויפגעהויבן אַ סעריע סקאַנדאַליעזע דעמאָנסטראַציעס, און די אַנגעלעגנהייט האָט אויף אַ געוויסער צייט געהויבן דעם עפנטלאַכן אינטערעס צו דער אידן־פראַגע.

נאַטוראַליזירט ווערן און קריגן בירגער־רעכט. נאָך צום סוף פון דער מלחמה איז די לאַגע געבליבן ווי געווען, און אפילו די בולגארישע אידן, וואָס זיינען צוזאַמען מיט דער פּראָווינץ דאָברודזשא אריבער אונטער רומע־ניען׳ס הערשאפט, האָבן דורך דעם פאַרלאָרן זייערע פריערדיקע בירגער־רעכט.

דער אידישער רעכטס־קאַמף אין גאַליציען געהערט ניט צום פּרק פון בירגערלאכער עמאַנציפּאַציע, ווייל בירגערלאכע רעכט זיינען דאָרט פאַר די אידן גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע פון דער גאַנצער עסט־רייכישער מלוכה. דער קאַמף דאָרט שטעלט זיך דעם צוועק פון נאַציאָ־נאַלער עמאַנציפּאַציע און וועט ארומגערעדט ווערן אין דעם שייכות׳־דיקן קאַפּיטל.

אין דער טערקיי האָבן די אידן באַקומען גלייכע רעכט, פּער־זענלאכע, מענטשלאכע און נאַציאָנאַלע, כמעט פולשטענדיקע גלייכ־באַרעכטיקונגען נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק און אָן שום אָנשטרענ־גונג אָדער קאַמף פון זייער זייט. דורך דער קאָנסטיטוציע האָבן זיי געקראָגן אויך פולע בירגערלאך־פּאָליטישע רעכט.

## רעכט און דער קאַמף פאַר רעכט

אין עסטרייך זיינען זינט 1867 יאָר אַלע בירגער גלייכבאַרעכטיקט און קיין שום באַשרענקונגען פאַר אידן, אַלס אַזעלכע, עקזיסטירן ניט אינ׳ם געזעץ. אידן געניסן פולע פּערזענלאכע פרייהייטן און בירגערלאך־פּאָליטישע רעכט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד.

פּאַקטיש האָט דער אַנטיסעמיטיזם באַוויזן צוריק צו באַשרענקען די אידישע רעכט אין געוויסע פּרטים, באַזונדערס אין דער שטאַט ווין און אין דער פּראָווינץ גאַליציען; פּאַקטיש האָט די אידן־פיינטלאכע פּראַקטיק פון דער גאַליצישער אַדמיניסטראַציע אין די לעצטע צען־פופצן יאָר געבראַכט די אידן אַז אַ שיעור שאָדן און זיי אָפּטמאָל עקאָנאָמיש רואינירט, קולטורעל דערנידעריקט און פּאָליטיש באַשרענקט. נאָר אינ׳ם געזעץ אַלס אַזעלכע בלייבן די אידן, ווי פריהער, גלייכ־באַרעכטיקט. בלויז איינמאָל איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך אויך אָפּן־יורידיש צו באַגרעניצן די אידישע רעכט: סך הכל מיט אַכט יאָר צוריק האָט דער אַנטיסעמיטישער דעפּוטאַט פון רייכסראַט (רייכס־פּאַרלאַ־מענט) שמידט אריינגעבראַכט דעם פּאָרשלאַג איינצופירן אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר דער אידישער שול־יוגנט. דער פּאָרשלאַג איז שיער ניט אָנגענומען געוואָרן. נאָר איין קלייניקייט האָט געפעלט, אַז עסטרייך זאָל מאַכן אַן אָנהויב און נאָכמאַכן די רוסישע „פּאַריאַדקעס״: בלויז מיט אַ פּאָר שטימען מערהייט איז געראַטעוועט געוואָרן דער פּרינציפּ פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. דערווייל געניסן די אידן, אַלזאָ, גלייכע בירגערלאכע רעכט.

דערפאר אָבער ליידן אידן אין עסטרייך פון נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט. אין אָט דעם לאַנד, וועמעס פּאָליטיק שטעלט פאָר א קלאַסישן ביישפּיל פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, —וואו ניין פאַרשידענע פעלקער האַלטן אין איין רייסן זיך, שוין באַלד זיבעציק יאָר, פאַר נאַציאָנאַלע רעכט, נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס און איינפלוס, איז דאָס אידישע פאָלק, צום אונטערשייד פון אַלע אַנדערע, ניט פאַררעכנט פאַר קיין פאָלק און טאָר ניט פּרעטענדירן אויף דער באַפרידיקונג פון זיינע אינטערעסן. נאָר לאָמיר קודם זען, ווי אזוי די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט בכלל פאַרענטפערט אינ'ם עסטרייכישן געזעץ.

אין דער „אָקטראָאירטער" קאָנסטיטוציע פון 7 מערץ 1849, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די גרונטלאַגע פון דער עסטרייכישער מלוכה, ווערט, אגב, פּראָקלאַמירט: „אַלע פאָלקסשטאַמען זיינען גלייכבאַרעכטיקט און יעדער פאָלקסשטאַם האָט אַן אומפאַרלעצלאַכעס רעכט אויפצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַליטעט און שפּראַך". אָט אָ די ווערטער זיינען אריין אין דער היינטיקער קאָנסטיטוציע, אין פּאַראַגראַף 19 פונ'ם „שטאַטס-גרונד-געזעץ איבער די רעכט פון די שטאַטס-בירגער". אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס ביז איצט איז נאָך ניט געלונגען אָט דעם שיינעם פּאַראַגראַף 19 צו פאַרוואַנדלען אין אַווירקלאַכן סיסטעם פון נאַציאָנאַלע באַציאונגען. פאַקטיש איז נאָך אין עסטרייך אַלץ ניטאָ קיין פולע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, אַלע פעלקער ווערן דאָרט מער אָדער ווייניקער באַשרענקט, און דאָס אידישע פאָלק איז, אין שרייענדיקן ווידערשפּרוך צו דער קאָנסטיטוציע, אינגאַנצן באַרויבט פון זיינע נאַציאָנאַלע רעכט.

עסטרייך איז צעטיילט אין אויטאָנאָמע פּראָווינצן („קרוינלענדער"), יעדע פּראָווינץ געניסט ברייטע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די ענינים פון פאָלקס-בילדונג און קולטור, פון לאָקאַלער-ווירטשאַפט, ווי צ. ב. די באַנוצונג פון וועלדער און בערג, די דורכפירונג פון וועגן און אייזענבאַנען, פון קאַנאַלן א. אז. וו. אָן דער שפּיץ פון יעדער פּראָווינציעלער פאַרוואַלטונג שטייט אַ געזעצגעבערישער לאַנדטאַג, גלייך ווי די לעדזשיסלייטשורס פון יעדן שטאַט אין אַמעריקא, און א שטאַטהאַלטער מיט זיינע אונטערבאַאַמטע. דער לאַנדטאַג ווערט געקליבן פון דער באַפעלקערונג דורך א פאַרפּלאָנטערטן און העכסט אַנטי-דעמאָקראַטישן וואַהל-סיסטעם, און דער שטאַטהאַלטער ווערט פונ'ם קייסער באַשטימט. בכלל איז נאָך דער פּאַרלאַמענטאַריזם אין עסטרייך זייער שוואַך אַנטוויקלט, און דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט איז דערווייל דורכגעפירט געוואָרן בלויז אינ'ם צענטראַלן פּאַרלאַמענט, דעם „רייכסראַט". די עסטרייכישע דעמאָקראַטיע געפינט זיך נאָך אין די וויקעלאַך, און די פּראָווינציעלע אויטאָנאָמיע האָט דאָרט מיט דער דעמאָקראַטיע נאָך גאָר ניט צו טאָן. אין אַלע פּראָווינצן געהערט די הויפּט-מאַכט צו די פּריצים (לאַנדבאַזיצער) און צו די העכערע גלחים, זיי בילדן די מערהייט אין די לאַנדטאַגן, און די שטאַטהאַלטערס ווערן אויך שטענדיק באַשטימט פון זייער מיט.

ס'פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אַט־די פאַרעלטערטע אָרדנונג גיט די מעגלאַכקייט דער נאַציאָנאַלער מערהייט פון איטלאַכער פּראָווינץ צו אונ־טערדריקן די נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און ס'באַקומט זיך אַ שרעקלאַכער פּלאָנטער פון נאַציאָנאַלע תביעות און סכסוכים, ווייל גראָד אַ פאָלק, וואָס האָט די מאַכט אין איין פּראָווינץ, איז צופעליק אַ מינדערהייט אין דער צווייטער פּראָווינץ. אַזוי ווערן די דייטשן אונטערדריקט אין טשעכיען, און די טשעכן, צוריק, פון די דייטשן אין נידער־עסטרייך; די פּאָליאַקן הערשן אין גאַליציען און ווערן בע'עול'ט אין שלעזיען; די איטאַליענער הערשן אין דאַלמאַציען (דווקא איבער אַ פוּיערשער מערהייט פון סלאָווענער) און ליידן צרות פון די דייטשן אין טיראָל. און דער גאַנצער מיש־מאַש פון די פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטן טראָגט זיך אַריבער אינ'ם צענטראַלן פּאַרלאַמענט. דאָס שאַפט אומאויפהערלאַכע שטערונגען פאַר דעם גאַנצן לעבן פון דער מלוכה און פּאַראַליזירט אָפטמאָל דאָס צענטראַלע סיסטעם פון דער פּאָליטיק אין עסטרייך. כדי צו באַ־רואיקן די נאַציאָנאַלע אַפּעטיטן ווארפט צו די צענטראַל־רעגירונג פון צייט צו צייט אַ הנחה דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער גרופּע. איין נאַציע קריגט אַן אוניווערסיטעט, אָדער זי קומט אָפּ בלויז מיט אַ צוזאָג פון אַן אוניווערסיטעט אויף לעתיד לבוא, אַ צווייטע נאַציע קריגט אירן אַ מיניס־טער אין קאַבינעט, אירן אַ שטאַטהאַלטער אין דער פּראָווינץ א. ד. גל. דאָס דעמאָראַליזירט נאָך מער די פּאָליטישע מדות פון לאַנד, ווייל דאָס פירט צו אַ שטענדיקן שאַכער־מאַכער צווישן דער רעגירונג און די בירגערלאַך־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען.

אַזוי איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אויך אין די „אידישע" פּראָווינצן, ווי גאַליציען און בוקאָווינע: צוזאַמען מיט די ברייטע שיכטן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג זיינען אויך די אידישע מאַסן באַרויבט פון וואַלרעכט און האָבן ניט קיין ברעקל איינפלוס אויף דער לאַנד־פאַר־וואַלטונג. די קליינע הייפל אידישע קאַפּיטאַליסטן און גרונדבאַזיצער, וועלכע איז אויסגעקנעפּלט מיט די קריסטלאַכע פּריצים, געניסט אויך איר חלק פון די פּריצישע און קאַפּיטאַליסטישע פּריווילעגיעס און קאָן אַזוי אָדער אַנדערש פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן.

מיט איין וואָרט, אויב די אידישע מאַסן אין עסטרייך זיינען פאַקטיש באַרויבט פון פּאָליטישע רעכט, איז דאָס בלויז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן, און דאָס האָט ניט צו טאָן מיט קיין שום ספּעציעלער אידישער לאַגע.

אין עסטרייך איז אָבער נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג ניטאָ קיין פול־שטענדיקע רעליגיאָנס־פרייהייט. ס'זיינען נאָך עד היום פאַרבאָטן גע־מישטע חתונות פאַר מיטגלידער פון פאַרשידענע רעליגיעזע גרופּן: עס איז פאַרבאָטן אַ געמישטע הייראַט צווישן קריסטן און אידן, קריסטן און מוסולמאַנער א. אַז. וו. דערפאַר אָבער איז אָנערקענט דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן פון איטלאַכער רעליגיעזער געמיינשאַפט און צו דערקלערן

זיך פאַר „קאָנפעסיאָנסלאָז“, ד. ה. ניט רעליגיעז. א סך וויכטיקער איז אָבער, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט א גאַנצע סעריע פּאָליטישע פּריווי־לעגיעס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע רעליגיעס: די קאַטוילישע בישאָפן און ערציבישאָפן קריגן א באַזונדערע פאַרטרעטונג אין דער אויבערשטער געזעצגעבונגס־קערפּערשאַפט פון דער אימפּעריע (אינ'ם „הערען־הויז“) און אין די פּראָווינציעלע לאַנדטאַגען. די אידישע רעליגיע געניסט ניט פון דער פּריווילעגיע. אין די אוניווערסיטעטן זיינען פאַראַן ספּע־ציעלע קאַטויליש־טעאָלאָגישע פּאַקולטעטן, אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג, בעת די אידיש־טעאָלאָגישע לער־אַנשטאַלט ווערט בלויז אין א קליינער מאָס סובסידיעס פון דער רעגירונג.

נאָר דאָס וואָלט שוין געווען פון די קלייניקייטן, ווען די אידישע נ אַ צ י ע וואָלט אַנערקענט געוואָרן, אַלס אַזעלכע, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. דער באַגריף „אידישעס פאָלק“, „אידישע שפּראַך“, „אידישע קולטור“ עקזיסטירט ניט פאַר'ן עסטרייכישן געזעץ, וועלכעס רעכנט זיך דאָך מער אָדער ווייניקער מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן און קולטורן. די אידן ווערן מיט גוואַלט צוגערעכנט צו אַנדערע נאַציאָנען, און ספּעציעל צו יענע, וואָס האָבן די מאַכט אין דער אָדער יענער פּראָווינץ. פאַר יעדער פּראָווינץ ווערן אַנערקענט צו צוויי אָדער דריי „לאַנדעס־איבליכע שפּראַכן“. די מייסטע אידן וואוינען אין גאַליציען, בוקאָווינע און ווין. אין גאַליציען זיינען „לאַנדעס־איבליך“ די פּוילישע און די אוקראַאינישע (רוטעניש) שפּראַך, אין בוקאָווינע די דייטשע, די רומענישע, די פּוילישע און די אוקראַאינישע, אין ווין בלויז די דייטשע. אידיש ווערט אין ערגעץ ניט אַנערקענט פאַר „לאַנדעס־איבליך“, ד. ה. אָנגענומען אינ'ם געברויך פון דער פּראָווינץ.

צווישן אַלע ניין פעלקער פון עסטרייך פאַרנעמען די אידן לויט זייער צאָל (א מיליאָן מיט א פערטל) דעם פינפטן פּלאַץ, א סך א גרעסערן פּלאַץ ווי די איטאַליענער, רומענער און סלאָווענען, נאָר קיינער רעכנט זיך ניט דערמיט. יעדע „לאַנדעס־איבליכע“ שפּראַך האָט גרע־סערע אָדער קלענערע רעכט אין דער פאָלקס־שול, אין עפנטלאַכער פאַר־וואַלטונג, אין געריכט. די אידישע שפּראַך איז רעכטלאָז. דאָקומענטן אין אידיש (און העברעאיש) האָבן ניט קיין שום יורידישע קראַפט, א וועקסל, געשריבן אין אידיש, ווערט אַבסאָלוט ניט אַנערקענט. אַלע שטאַטס־פאַראָרדנונגען אין גאַליציען, צ. ב. ווערן פאַרעפנטלאַכט אין פּויליש און אוקראַיאיניש, און א איד, וועלכער קאָן ניט לעזען קיין אַנדער שפּראַך, חוץ אידיש, קאָן די פאַראָרדנונגען ניט פאַרשטיין. יעדע נאַציע דאַרף לויט'ן געזעץ קריגן א געוויסע פּראָפּאָרציע צווישן די באַאַמטע פון לאַנד: עס מוזן זיין פּוילישע און אוקראַאינישע באַאַמטע, נאָר ניט קיין אידישע, ווייל די אידן זיינען דאָך קיין נאַציע ניט. ווען א איד ווערט געשטעלט צו געריכט, מוז ער אָפּגעבן זיין פאַרטיידיקונג אין א פרעמדער שפּראַך, ניט אין אידיש, בעת אַן אוקראַאינער, א רומענער, א סלאָווענער קאָנען

זיך פאַרטיידיקן אין זייער מוטער־שפּראַך. ס'איז לייכט זיך פאַרצושטעלן, ווי שעדלאַך דאָס רופט זיך אָפּ אויף די אינטערעסן פון א אידישן אָנגע־קלאָגטן, ווען ער מוז זיך פאַרשטענדיקן מיט די ריכטער אין א פרעמדער, אומגעוואוינטער און ניט־היימישער שפּראַך, בשעת זיין קעגנער אין דעמ־זעלביקן געריכט קאָן פריי אויסדריקן זיינע געדאַנקען אין דער היימישער שפּראַך.

א דאַנק דער נאַציאָנאַלער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער באַפעלקע־רונג שפּילט אין עסטרייך א גרויסע ראָלע די רובריק פון „אומגאַנגס־שפּראַך" ביי דער פאָלקס־ציילונג. אלגעמיינע פאָלקס־ציילונגען ווערן געמאַכט אלע צען יאָר, און שטענדיק זיינען די אידן געצוואונגען אָנ־צוגעבן א פרעמדע שפּראַך, — פאַרשטייט זיך, די שפּראַך פון דער הער־שענדיקער מערהייט. די אַכט הונדערט טויזנט אידן פון גאַליציען ווערן מיט אמאָל „פּאָליאַקן", און דערמיט ווערט געפעלשט דער גאַנצער פאַקטישער צושטאַנד פון דער פּראָווינץ. באמת'ן וואוינען אין גאַליציען אוקראַאינער כמעט אזוי פיל, וויפיל פּאָליאַקן. נאָר אז מ'רעכנט צו אלע אידן צו די פּאָליאַקן, קומט דעמאָלט אויס, אז די פּאָליאַקן זיינען די מערהייט, און זיי קומען גרעסערע פּריווילעגיעס, קריגן די פּאָליאַקן שוין „על פּי יושר" די מערהייט שטימען אין דער רעגירונג. אזוי ווערן די אידישע מאַסן באַנוצט פון די שטאַרקע און פּריווילעגירטע, כדי נאָך מער צו אונטערדריקן די שוואַכערע פעלקער. אין מעהרען ווערן די אידן צוגערעכנט צו די דייטשן, כדי צו באַשרענקען די רעכט פון די טשעכן. און דאָס גיט צו נייעם שטאָף פאַר אַנטיסעמיטישע העצעס.

ניט האָבנדיק קיין אייגענעם זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן ווערט, פאַרוואַנדלען זיך די אידן ממילא אין אן אַנטינאַציאָנאַלן מיטל פאַר אונטערדריקונג. און דורך דעם ווערט פאַרשאַרפט די באַציאונג צווישן אידן און ניט־אידן, דער אַנטיסעמיטיזם שעפּט נייע שפּייז פון אָט דער אומגעזונטער לאַגע. די אידן ווערן אן אביעקט פון אלגעמיינער שנאה און פאַראַכטונג.

אין א לאַנד, וואו די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלע געפילן און מיט נאַציאָנאַלע טענות, האָט בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג אליין בלויז א בעשרענקטן ווערט. א בירגער קאָן ניט האָבן די אמת'ע ווערדע פון א בירגער, ווען ער געהערט צו א פאָלק, וואָס האָט ניט קיין פולע ווערדע פון א פאָלק. אויב זיינע פּערזענלאַכע און בירגערלאַכע רעכט זיינען ניט באַשרענקט טעאָרעטיש אויפ'ן פּאַפּיר, ווערן זיי באַשרענקט פּראַקטיש אין לעבן. און דער טרויעריקער אמת איז, אז די אידן אין עסטרייך ווערן, ניט קוקנדיק אויף בירגערלאַכער עמאַנציפּאַציע, דאָך אַלץ פאַרפאָלגט סיי פון דער רעגירונג, סיי נאָך א סך מער פון דער אָרטיקער אדמיניסטראַציע און פון דער קריסטלאַכער באַפעלקערונג.

די אַנטיסעמיטישע אדמיניסטראַציע פון נידער־עסטרייך, האָט אין לויף פון יאָרן דורך דראַסטישע צירקולאַרן געמאַכט א תל פון א גאַנצער

סעריע אידישע פּרנסות, דאָס לעבן פון טויזנטער אידישע פאַקטרעגער („הויזירער") איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומענדלאַכן גיהנום; די אידישע שטאָט־באַאמטע זיינען אַלע אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע שטעלעס, די פּראָסטע אידישע ארבעטער ביי די אייזענבאַנען, און ביי די עלעקטרישע שטאָט־טראַמווייען זיינען אלע ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויפ'ן גאַס; נייע שטרענגע געזעצן וועגן אָבליגאַטאָרישע פּאַד־געגנאָסנ־שאַפטן („צעכן") ווערן באַנוצט, כּדי צו שטערן די אידן דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה. אידן ווערן ניט צוגעלאָזט צום מאָנאָפּאָליזירטן טאַבאַק־האַנדל א. אז וו.

אין גאַליציען אונטערשטיצט דער סעים (לאַנדטאַג) מיט פינאַנציע־לע מיטלען (וואָס ווערן גענומען אויך פון די אידישע שטייער צאָלער) א גאַנצע סעריע אַנטיסעמיטישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע שטרעבן ארויסצו־שטופּן דעם אידן פונ'ם האַנדל. דער קרעדיט אין דער רעגירונגס־באַנק איז ברייט אָפן פאַר יעדער אַנטיסעמיטישער אונטערנעמונג און פאַר־שלאָסן פאַר די אידן. דער סעים האָט אין יאָר 1910 פּלוצלונג צוגענומען ביי טויזנטער אידן די „פּראָפּינאַציע", ד. ה. די פּאַטענטן צו האַנדלען מיט בראַנפן און אָפּגעגעבן עס צו זייערע קריסטלאַכע קאָנקורענטן. אין יאָר 1913 האָט דער סעים פּלוצלונג קאָנפיסצירט ביי די הענדלער (ד. ה. בעיקר ביי די אידן) דעם גאַנצן פאָרראַט שוועבעלאַך, אויף דעם ווערט פון עטליכע מיליאָן קראָנען: דער אויסרייד איז געווען, אז די דאָזיקע שוועבעלאַך זיינען שעדלאַך פאַר'ן געזונט. די שטרענגע געזעצן וועגן זונטיק־רו ווערן באַנוצט, כדי צו שעדיקן די אידישע הענדלער און בעלי־מלאכות. — מיט איין וואָרט, ניט האַבנדיק קיין מאַכט צו באַשרענקען על פּי געזעץ די פּערזענלאַכע און בירגערלאַכע רעכט פון די אידן, מיען זיך די פּוילישע הערשער פון גאַליציען דורך פּאָליצייאישער פּראַקטיק צו רואינירן די אידן עקאָנאָמיש און צו דערנידעריקן זיי מאָראַליש.

דאָס לאַנד מיניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג (לאַנדעס־אויסשום) אין גאַליציען פאַרשפּרייט אין די שולן אַזוינע לערביכער, וואָס אַנטהאַלטן אַנטיסעמיטישע העצעס און אָנצוהערענישן, שטעלט אָן אַנטיסעמיטן פאַר לערער אין די שולן. קאַטוילישע מאָנאַכן גנב'ען צו אידישע קינדער, פאַרשפּאַרן זיי אין די קלויסטערס און שמד'ן זיי דאָרט אָפּ. אַזוינע פאַלן טרעפן כמעט יעדע וואָך, און לית דין ולית דיין. ס'העלפט ניט קיין קלאָגן זיך פון די עלטערן, אבי די גלחים דערקלערן, אַז דאָס קינד האָט זיך גע'שמד'ט מיט זיין גוטן ווילן... גערינטלאכע פּראָצעסן מיט עלילת דם זיינען אויך ניט אומבאַקאַנט אין עסטרייך: גענוג נאָר צו דער־מאָנען דעם שענדלאַכן פּראָצעס אין פּאָלנא, וואו דער איד הילזנער איז צוויי מאָל פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף.

און קיינער איז ניטאָ אין לאַנדטאַג און אין צענטראַלן פּאַרלאַמענט, ווער ס'זאָל זיך פאַר די אידן איינשטעלן. די אַסימילאַטאָרישע אידן האָבן אפילו שוין פון לאַנג א פאַרבאַנד פאַר רעכט־שוץ, „די עסטרייכיש־

איזראַעליטישע אוניאָן", נאָר די לעצטע האָט ניט דערגרייכט קיין שום ווירקליכע רעזולטאַטן, ווייל ז האָט מורא צו באַטאָנען די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע זייט פון דער אידן־פראַגע. אַזוי ווי די אידן ווערן פאַררעכנט צו די אַנדערע פעלקער, וואָלטן על פי יושר געדאַרפט אָט די פעלקער זיך איינ־שטעלן פאַר זייערע אידן. איז אָבער די צרה, וואָס סיי דער פוילישער קלוב, סיי דער דייטש־נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד אין פּאַרלאַמענט זיינען איינער דעם צווייטן ווערט מיט זייער אַנטיסעמיטיזם. די רעגירונג, צוריק, רעכנט זיך ניט מיט קיין שום אָנפראַגע און פאָדערונג, וואָס ווערט ניט אונטערשטיצט פון אַ באַדייטנדער פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט. בלייבט, אַלזאָ, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די לעצטע איז ניט אַנטיסעמיטיש, חלילה, זי איז נאָר אַזוי זיך אָנגעהויבט פון אידן־פּאַראַכטונג. זי דערקלערט, אַז זי וויל ניט ווערן קיין „שוץ־טרופּע פאַר אידן"... אינ'ם געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז אריינגעבראַכט געוואָרן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרלאַ־מענטס־פראַקציע צו געבן רעגירונגס־שטיצע פאַר די מינאָריטעטס־שולן (אין יאָר 1912), זיינען אויסגערעכנט געוואָרן ביים נאָמען אַלע פעלקער, נאָר בכיון ניט די אידן. די אָפּיציעלע פירער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האַלטן ניט די אידן פאַר קיין נאַציע.

קיין חידוש ניט, וואָס אידן ווערן ניט אַנערקענט ביי די פּראָווינציעלע וואַל־רעפאָרמען, וואָס ווערן געמאַכט אין משך פון די לעצטע צען יאָר. אין יאָר 1907 האָט מען אין מעהרען געבילדעט צוויי וואַל־קוריעס, אַ דייטשע און אַ טשעכישע, וואו יעדע נאַציע מוז באַזונדער אויסוויילן אירע דעפּוטאַטן אין לאַנדטאַג. די ציוניסטן האָבן פאַרלאַנגט אַ אידישע קוריע, נאָר מ'האָט זיי אָנטזאָגט, און די אידן מוזן שטימען אין דער דייטשער קוריע.

אין בוקאָווינע וואוינען פינף נאַציאָנען, און פון זיי זיינען די אידן די דריטע לויט דער צאָל, אַ סך מער, איידער דייטשן און פּאָליאַקן. ביי דער וואַל־רעפאָרם צום בוקאָווינישן סעים אין יאָר 1909 האָט דער סעים אַליין באַשלאָסן, אַז צווישן די נאַציאָנאַלע קוריעס זאָל אויך זיין אַ אידישע. נאָר די אידישע אַסימילאַטאָרן האָבן זיך משתדל געווען אין ווין ביי דער צענטראַלער רעגירונג, אַז די לעצטע זאָל ניט צולאָזן קיין אידישע קוריע, און די רעגירונג האָט זיי געפאָלגט: די אידן ווערן אין דער בוקאָווינע צוגערעכנט צו די דייטשן. דאָס איז אפילו שעדלאַך פאַר די דייטשן גופא, ווייל זיי ווערן אין דער „דייטשער" קוריע איינפאַך בטל בששים צווישן די אידן, און כמעט אַלע דעפּוטאַטן ווערן גע־ווײלט פון די אידן. נאָר אפילו די דייטשע פּראָטעסטן העלפן ניט: ווין וויל ניט אַנערקענען קיין אידישע נאַציע.

די ערשטע וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער נאַציאָנאַלער און דער בירגערלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג, זיינען געווען אין עסטרייך די פּועלי־ציון („די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון"). מיט צוועלף יאָר צוריק האָבן זיי די ערשטע פאָרמולירט

די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע. ערשט שפּעטער זיינען די פאָדערונגען אויפגענומען געוואָרען אָפיציעל פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און נאָך אַלץ ניט אָפיציעל און ניט קאָנסעקוועגט פון דער „איד. סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי" (דעם גאַליצישן „בונד").

בשעת דער וואַל־רעפאָרם צום פּאַרלאַמענט אין יאָר 1905 און 1906 האָבן די פּועלי־ציון אויפגעהויבן אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג אין גאַליציען צו פאַרלאַנגען פּראָפּאָרציאָנעלעם וואַל־רעכט פאַר די אידן. ווען דער אַסי־מילאַטאָרישער פירער ע. ביק האָט אַראָנזשירט אין לעמבערג אַ צוזאַמענ־פאָר צו באַקעמפן די אידישע פאָדערונגען, זיינען די פּועלי־ציון באַפאַלן דעם פאַרזאַמלונגס־זאַל און געצוואונגען שליסן דעם צוזאַמענפאָר. באַלד נאָך דעם האָבן זיי אין פאַרבינדונג מיט די ציוניסטן צונויפגערופן אין איין אוונט 250 פאָלקס־פאַרזאַמלונגען איבער גאַנץ גאַליציען, און 250 פּעטיציעס זיינען געשיקט געוואָרען קיין ווין צו פאָדערן אַ אידישע פאַר־טרעטערשאַפט אין פּאַרלאַמענט.

אַ געוויסן דערפאָלג האָט די באַוועגונג דאָך געהאַט: די רעגירונג איז געצוואונגען געווען אויסצוטיילן אין גאַליציען זעקס וואַל־קרייזן מיט אַ אידישער מערהייט, און ביי די נעקסטע וואַלן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דריי ציוניסטן. צוזאַמען מיט'ן דעפּוטאַט פון טשערנאָוויץ, בענאָ שטרויכער, האָבן זיי געבילדעט דעם ערשטן „נאַציאָנאַלן אידישן קלוב" אין פּאַרלאַמענט. ביי די צווייטע וואַלן אין פיר יאָר אַרום האָט די רעגירונג געשלאָסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן צום צוועק צו פאַרניכטן די אידיש־נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע ציוניסטן זיינען דורכגעפאַלן ביי די וואַלן, אַ דאַנק דעם אומגעהערטן טעראָריזם פון דער אַדמיניסטראַציע און די וואַל־פעלשונגען, און דער שפּיץ פון טעראָריזם איז דערגרייכט געוואָרן ביי דעם באַקאַנטן בלוטבאָד אין דראָהאָביטש. (בעת די וואַלן, 1911. ב. ל.).

ביי דער לעצטער פאָלקס־ציילונג פון 1910 יאָר האָבן די פּועלי־ציון אויפגעהויבן אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, צו פאַרשרייבן אין די סטאַ־טיסטישע בויגנס די אידישע „אומגאַנגס־שפּראַך". צו די פּועלי־ציון זיינען אין דעם פּרט צוגעשטאַנען אויך די בונדיסטן און די ציוניסטן, און הונדערטער טויזנטער אידן האָבן געפאָלגט דעם רוף. נאָר די גאַלי־צישע רעגירונג האָט אָנגענומען די שאַרפסטע מיטלען צו צווינגען די אידן, זיי זאָלן זאָגן אַ ליגן און אָנגעבן פּויליש אַלס זייער שפּראַך. יעדן אידן, וואָס האָט אָנגעגעבן „אידיש". האָט מען באַשטראָפט מיט 40 קראָ־נען אָדער מיט 4 טאָג אַרעסט, און די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן סיסטע־מאַטיש מיט די אייגענע הענט אויסגעשטראָכן „אידיש" פון די ליסטן און פאַרביטן אויף „פּויליש".

ביי דער וואַל־רעפאָרם צום גאַליצישן סעים אין די לעצטע פאַר יאָר פאַר דער מלחמה האָבן די פּועלי־ציון און די ציוניסטן אַרויסגע־שטעלט די פאָדערונג פון אַ באַזונדערער אידישער קוריע, ווייל די רעפאָרם

האָט אורשפּרינגלאַך געזאָלט שאַפן בלויז צוויי קוריעס, די פּוילישע און די אוקראַינישע און די אידן צורעכענען צו די פּאָליאַקן. קעגן דער פאָדערונג פון אַ אידישער קוריע זיינען ארויס די אסימילאַטאָרן און די בונדיסטן. אָבער דער פּראָיעקט פון קוריעס בכלל איז אינגיכן פאַר־וואָרפן געוואָרן, און די אידישע באַוועגונג האָט אַנגעוואָרן איר לאָזונג און איר קראַפט ביי אָט דעם פּונקט. דער רעזולטאַט איז, וואָס מ׳האָט אויסגעטיילט צוויי סאָרטן נאַציאָנאַלע וואַל־קרייזן: פּוילישע וואַל־קרייזן מיט אַ פּוילישער מערהייט און רוטענישע וואַלקרייזן מיט אַ רוטענישער מערהייט. פאַר די אידן איז מען יוצא געוועזן דערמיט, וואָס מ׳האָט אויסגעטיילט זעקס אידישע שטעט, און אויך דאָרט געמאַכט דאָס וואַל־סיסטעם אַזוי, אַז די אַסימילאַטאָרישע קאַפּיטאַליסטישע „משה רבינו׳ס פּאָליאַקן“ זאָלן פאַרוואָרנט ווערן מיט זייערע ביז־איצטיקע פּריווילעגיעס.

ס׳איז נאָך נויטיק צו געבן אַן אַלגעמיינע שילדערונג פון דער אידי־שער קהלה־אָרדנונג אין עסטרייך.

אַלע רעליגיעס ווערן געזעצליך קאָנסטיטואירט אויפ׳ן יסוד פון קהלה־אויטאָנאָמיע. יעדע קהלה („קולטוס־געמיינדע“) האָט דאָס רעכט אויסצואַרבעטן פאַר זיך אירע אייגענע אָרדנונגען, און די לעצטע דאַרפן באַשטימט ווערן פון דער רעגירונג. די קהלות געניסן פולע רעכט פון צוואַנג בנוגע צו זייערע מיטגלידער. ביסטו אַ איד, מוזטו געהערן צו דער אידישער קהלה פון דיין שטאָט, און די קהלה ליגט אויף דיר אַרויף שטייערן, וועלכע ווערן אויפגעמאָנט דורך די רעגירונגס־אָרגאַנען. די אי־דישע קהלה ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ געוויילטן קאָמיטעט („קולטוס־פאָר־שטאַנד“), און די קהלה קאָן ביי זיך איינפירן אפילו אַלגעמיינעם וואַלרעכט, דעמאָקראַטישע אָרדנונגען און פּראָגרעסיווע שטייער אויף די הכנסות.

די קהלה באַזירט אויף ריין רעליגיעזע יסודות, נאָר, אויב זי וויל, מעג זי אויף זיך נעמען דעם פולן קאָנטראָל איבער גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדערפעניש. זי קאָן איבערנעמען די צדקה־אַנשטאַלטן פאַר אירע מיטגלידער, די קולטורעלע און דערציאונגס־אַרבעט, די רעגו־לירונג פון דער עמיגראַציע, די גרינדונג פון „עמפּלאָימענט־אָפיסעס“ (צו זוכן אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע), די פאַרמיטלונג אין קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, סטאַטיסטישע פאָרשונגען א. אז. וו. נאָך מער. די קהלות פון אַלע שטעט האָבן דאָס רעכט צו פאַראייניקן זיך אין איין פאַרבאַנד פאַר דער גאַנצער עסטרייכישער אימפּעריע. הקצור, דאָס געזעץ גיט די אידן די מעגלאַכ־קייט צו שאַפן זיך פריי מיט אַלע זייערע נאַציאָנאַלע ענינים, עס דאַרף בלויז טראָגן דעם נ אָ מ ע ן פון רעליגיעזע ענינים. ווען די מנהיגים פון עסטרייכישן אידענטום וואָלטן נאָר געוואָלט, האָבן זיי די פולע מעג־לאַכקייט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמען פאַרבאַנד פון אַלע אידן אין לאַנד, אויף סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע יסודות. די רעגירונג וואָלט דאָס, אפשר, ניט דערלויבט, דערוויל אָבער פלעגט זי נאָך

ניט שטעלן קיין מניעות פאַר דער אַנטוויקלונג פון אידישן קהלה־לעבן.

אַזוי איז דאָס געזעץ. פאַקטיש אָבער איז די לאַגע פונקט דער היפוך. די אַסימילאַטאָרישע און קאַפּיטאַליסטישע „פירער" פון עסטרייכישן אי־דענטום זיינען אויך פאַקטיש די גאַנצע דעה־זאָגער פון דער קהלה־פאַר־וואַלטונג. זיי האָבן אין אַלע קהלות איינגעפירט וואַל־פּריווילעגיעס פאַר די רייכע און האָבן צוגענומען דאָס וואַל־רעכט ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. קיין שום נאַציאָנאַלע טעטיקייט לאָזן זיי ניט צו, זייער גאַנצע אַרבעט טראָגט אַ קאַזיאָנעם, ביוראָקראַטישן כאַראַקטער און באַשרענקט זיך מיט „רעליגיאָן" און „פילאַנטראָפּיע". די נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווי־שען די אידן אין עסטרייך האָט אין זינען אויך צו רעפאָרמירן די קהלה: דאָס עסטרייכישע געזעץ גיט די מעגלאַכקייט דאָס צו טאָן, נאָר די פירער פון דער קהלה האַלטן די מאַכט זייער פעסט און לאָזן ניט אויסנוצן דאָס געזעץ לטובת די נאַציאָנאַל־אידישע באַדערפעענישן. די אידישע סאָציאַ־ליסטן פון אַסימילאַטאָרישער און בונדיסטישער שאַטירונג גייען אויך אין דעם פּרט האַנט־ביי־האַנט מיט די קאַפּיטאַליסטישע אַסימילאַטאָרן און שטערן יעדן פאַרזוך צו דעמאָקראַטיזירן די אידישע קהלה.

אינ׳ם פּראָגראַם און קאַמף פון די פּועלי ציון און ציוניסטן אין עסטרייך, פאַרנעמט די רעפאָרם פון דער קהלה אַ חשוב׳ן פּלאַץ, און ווען זייערע פאָדערונגען זאָלן פאַרווירקלאַכט ווערן, וואָלט די קהלה געוואָרן דער גרונט־שטיין, אויף וועלכן עס זאָל אויסוואַקסן די געביידע פון נאַציאָנאַל־אידישער אויטאָנאָמיע, די פרייע אומגעשטערטע און ווירדיקע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון די אידישע מאַסן.

* * *

אין באָסניען־הערצאָגאָווינאַ ווערן געזעצלאַך בכלל קיינע נאַציעס ניט אַנערקענט, דערפאַר אָבער געניסן די פיר רעליגיעזע גרופּן פון דער באַפעלקערונג, די מוסעלמאַנען, די גריכיש־אָרטאָדאָקסן, די אידן און קאַטאָליקן, פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג און זיי בילדן באַזונדערע „רעליגיעזע קוריעס" ביי די וואַלן צום לאַנדטאַג. באָסניען־הערצאָגאָווינאַ איז, בזה האופן, דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו דער פּרינציפּ פון אַ אידישער וואַל־קוריע איז דורכגעפירט געוואָרן אין געזעץ. חוץ דעם זיינען די אידן בכלל גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד. די אַלע רעכט און פּריווילעגיעס שטאַמען נאָך פון דער מערקישער עפּאָכע, ווען באָסניען און הערצאָגווינאַ האָבן געהערט צו דער טערקיי (ביז 1878 יאָר).

ווענן אונגאַרן מיט איר גרויסער אידישער באַפעלקערונג (אַ מיליאָן אידן, וואָס בילדן אַזאַ גרויסן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, ווי אין עסטרייך און אין רוסלאַנד) איז כמעט ניטאָ וואָס צו זאָגן. פער־יענלאַכע און בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג האָבן דאָרט די אידן זינט 1868 יאָר, אַ רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך דערווייל ווייניק־וואָס

פילן, קיין נאַציאָנאַלע רעכט פאַרלאַנגען די אידן ניט, דאָס אינערלאַכע לעבן איז ביי זיי פּרימיטיוו, און רעליגיעזע אויטאָנאָמיע האָבן זיי אין פּוילן מאָס. נאָר אַ סך סמנים באַווייזן, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט פאָרקומען אַן ענדערונג, אַז די לאַגע אין אונגאַרן וועט ווערן ענלאַך צו דער לאַגע אין עסטרייך (אונגאַרן איז אויך אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, מיט אַלע וואַקסנדיקע סמנים פון נאַציאָנאַלן קאַמף), און די לאַגע אין די גע־דיכט־אידישע פּראָווינצן, מאַרמאַראָש. טראַנסילוואַניע, וועט ענלאַך ווערן צו דער לאַגע אין גאַליציע.

## בירגערלאַכע גלייכבארעכטיקונג

לאָמיר רעזומירן די פאַרשיידענע פאָרמען פון רעכטס־באַשרענקונגען, פון וועלכע די אידן ליידן אין די פאַרשיידענע לענדער.

פאַראַן לענדער, וואו די אידן זיינען באַשרענקט אפילו אין די עלעמענ־טאַרסטע מענטשלאַכע רעכט, וואו לויט'ן געזעץ אָדער לויט די אָנגענומע־נע מדות פון געוואוינהייטס־רעכט („קאַמאַן לאַאָ“) מעג מען דעם אידן באַהאַנדלען ווי אַ רעכטלאָזע חיה, זיין לעבן און זיין פאַרמעגן ווערן אַב־סאָלוט ניט געשיצט פונ'ם געזעץ. אַזוי איז דאָס אין מאַראָקאָ, אַביסיניען, אַראַביען און פּערסיען. אַביסל העכער איז די רעכטלאַכע לאַגע פון די אידן אין פינלאַנד און רומעניען, וואו אונזערע ברידער דאַרפן, לויט'ן געזעץ, באַהאַנדלט ווערן אַלס מענטשן, דאָס לעבן און אייגנטום פונ'ם אידן ווערט אָפיציעל געשיצט פון געזעץ גלייך, ווי דאָס לעבן און אייגנ־טום פון אַלע מענטשלאַכע וועזנס. נאָר די אידן ווערן ניט אָנערקענט פאַר בירגער פון לאַנד און האָבן, אַלזאָ, אַבסאָלוט קיינע בירגער־רעכט ניט. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי טראָגן אויף זיך אַלע בירגער־פליכטן, ווי די שטייערן און מיליטער־פליכט. חוץ דעם זיינען די פינלענדישע און רומענישע אידן באַשרענקט אין וויכטיקע מענטשלאַכע רעכט, ווי דאָס רעכט אויף בילדונג און אויף פרייער באַוועגונג און באַשעפטיקונג.

אַביסל העכער, ווי אין רומעניען, איז טעאָרעטיש די רעכטלאַכע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד. דאָ ווערן שוין די אידן, על פּי געזעץ, אָנער־קענט אַי פאַר מענטשן, אַי פאַר בירגער אפילו. און דאָס רוסישע גרונט־געזעץ זאָגט בפירוש, אַז „פאַר'ן געזעץ זיינען אַלע בירגער גלייך“, נאָר דאָס מיינט מען נאָר דאָס קרימינעלע געזעץ: על פּי דין דאַרף דאָס לעבן און אייגנטום פון די אידן געשיצט ווערן פּונקט אַזוי, ווי דאָס לעבן און אייגנטום פון אַלע אַנדערע מענטשן.*) אַ טייל בירגערלאַכע רעכט האָבן די

*) מיר מוזן נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז לויט'ן בוכשטאַב פון געזעץ טאָר מען אפילו אין רוסלאַנד ניט מאַכן קיין פּאָגראָמען אויף אידן פּונקט, ווי מ'טאָר בכלל קיין פּאָגראָמען ניט מאַכן. דער אומגליק איז נאָר, וואָס דאָס געזעץ בלייבט אַ טויטער בוכשטאַב...

אידן יאָ אין רוסלאַנד, נעמלאַך דאָס וואַל־רעכט צו דער שטאַטס־דומע, און אפילו אַ שטיקל נאַציאָנאַלע רעכט אין אַ קאַפּויערדיקן זין, נעמלאַך, די אידישע וואַל־קוריע פון געוויסע שטעט א. ד. גל. נאָר דאָס געזעץ באַטראַכט אידן פאַר בירגער פון צווייטן קלאַס און באַשרענקט זיי אין כמעט אַלע בירגערלאַכע און אפילו פּערזענלאַכע רעכט, ווי די וואוינונגס־ און באַוועגונגס־פרייהייט, דאָס רעכט אויף בילדונג און פרייער באַשעפטיקונג.

אין עסטרייך, צוריק, זיינען די אידן, לויט'ן געזעץ, בירגערלאַך גלייכבאַרעכטיקט, זיינען אָבער אינגאַנצן באַרויבט אפילו פון יענע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זיינען שוין אַנערקענט פאַר אַנדערע פעלקער פון לאַנד. אין דער טערקיי האָבן אידן פולע מענטשלאַכע, פולע בירגערלאַכע און אין אַ גרויסן מאָס אויך נאַציאָנאַלע רעכט, נאָר די לעצטע זיינען ניט אַזוי ברייט, ווי ביים הערשנדיקן פאָלק פון לאַנד.

פון דער איבערזיכט זעען מיר, אַז די אידישע רעכטלאָזיקייט, אויף וויפל זי איז אַנטהאַלטן טעאָרעטיש אין'ם **געזעץ גופא**, האָט פאַרשיידענע פאָרמען און קאָן גרופּירט ווערן אין דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס:

א. די באַשרענקונגען פון מענטשלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט.

ב. די באַשרענקונגען פון **בירגערלאַכע** אָדער **פּאָליטישע** רעכט, און

ג. די באַשרענקונגען פון **נאַציאָנאַלע** רעכט.*)

### א. מענטשלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט

די געזעצגעבונג פון אַלע מאָדערנע לענדער, וואו די שקלאַפעריי איז שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכ'ן געזעץ, אַנערקענט אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך פאַר דעם קרימינעלן געזעץ. די הויפּט־פּרינציפּן פון קרימינאַל־

---

*) די טערמינאָלאָגיע איז אפילו אין דער יורידישער וויסנשאַפט נאָך ניט גאַנץ פעסטגעשטעלט, כל שכן אין דער פּאָליטישער פּובליציסטיק. פאַר מענטשן, וואָס זיינען מער־ווייניקער באַהאַוונט אין דער רעכטס־וויסנשאַפט, מוזן מיר דאָ מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען. דעם אויסדרוק „פּערזענליכע רעכט" אין מערצאָל דאַרף מען ניט פאַרמישן מיט דעם באַגריף „פּערזענליכעס רעכט" אין איינצאָל, דאָס דייטשע „רעכטע" מיט — „רעכט". „פּערזענלאַכע רעכט" הייסט אַזוינע רעכט, וואָס געהערן דער פּערזאָן, אַלס פּערזאָן און ניט אַלס בירגער פון אַ שטאַט אָדער אַלס מיטגליד פון אַ נאַציע. אַזוינע פּערזענלאַכע רעכט קאָנען זיין אי „פּערזענלאַך" אי „זאַכלאַך", און זייער גוט טוען יענע יוריסטן, וואָס געברויכן אַנשטאָט „פּערזענלאַכעס און אָביעקטיוועס רעכט" די מער באַשטימטע אויסדרוקן „סוביעקטיוועס און אָביעקטיוועס רעכט". ווייטער, דער אונטערשייד צווישן פּערזענלאַכע און בירגערלאַכע (פּאָליטישע) רעכט איז, אייגנטלאַך דערזעלביקער, ווי דער אונטערשייד צווישן־פּריוואַט־רעכטלאַכע און עפנטלאַכע רעכטלאַכע באַציאונגען. אין טעקסט גופא וועלן מיר דערקלערן, פאַרוואָס מיר מאַכן ניט קיין אונטערשייד צווישן בירגערלאַכע און פּאָליטישע רעכט. און ענדלאַך, וואָס אַנבאַלאַנגט די בירגערלאַכע רעכט, דאַרף מען זיי ניט פאַרוועקסלען מיט'ן ציוויל־רעכט (אַזאַ פאַרוועקסלונג קומט אָפט פאָר אין די ראָמאַנישע און סלאַווישע שפּראַכן) און די נאַציאָנאַלע רעכט מיט'ן שטאַטס־רעכט.

רעכט זיינען: אין מענטש פאַר דעם צווייטנס לעבן און געזונטקייט ניט שעדיקן דורך דירעקטע האַנדלונגען, פאַר אים ניט פאַרשאַפן קיין קערפּערלאַכע שמאַרצן, פאַר ניט שטעלן אין געפאַר אָדער פאַרניכטן דאָס לעבן פון אַן אַנדער מענטשן, פאַר ניט באַליידיקן דעם ערן־געפיל פון אַ צווייטן, פאַר אים ניט פאַרשקלאַפן, באַשרענקען זיין געזעצלאַכע האַנדלונגס־פרייהייט און באַוועגונגס־פרייהייט, און יעדער מענטש מוז רעספּעקטירן דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון אַ צווייטן.

אין אַלע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע לענדער איז אויסנאַם ווערן אַט די רעכט אַנערקענט פאַר אַלע מענטשן, קיין חילוק, אויב בירגער אָדער אויסלענדער, אייגענע אָדער פרעמדע. אין די דאָזיקע עלעמענטאַרע רעכט ווערן די אידן באַשרענקט לויט'ן געזעץ בלויז אין מאַראָקאָ, אַביסיניען, פּערזיען און אַראַביען, — און דאָס אויך ניט לויט'ן געשריבענעם געזעץ פון קאָראַן (אָדער עוואַנגעליום אין אַביסיניען), וועלכער פּריידיקט מענטשלאַכע רעכט פאַר אַלעמען, נאָר לויט דעם ניט געשריבענעם געוואוינהייטס־רעכט, ד. ה. לויט די טראַדיציאָנעלע מידות, וועלכע באַהאַנדלען די אידן אַלס נידעריקערע וועזנס.

נאָר אויב ניט נאָכ'ן געזעץ, ווערן אָבער אונזערע ברידער פּאַקטיש באַרויבט פון זייערע מענטשלאַכע רעכט דורך דער רעגירונג אין אַזוינע לענדער, ווי רוסלאַנד און רומעניען. די פאָדערונג פון גלייכע מענטשלאַכע רעכט באַציט זיך ניט נאָר צו די באַרבאַרישע לענדער פון אַפריקא און אַזיען, נאָר אויך צו די אויביקע בלומרשט „ציוויליזירטע" לענדער פון אייראָפּע. דורך זייער פּראַקטיק דערלויבן אַט די רעגירונגען זייערע אונטערטאַנען צו פאַרניכטן די אידישע לעבנס, צו פאַרגוואַלטיקן די אידישע ערע (אין פּאָגראָמען), צו רויבן אידישעס אייגנטום, און דורך בלוט־בלבולים, צו באַליידיקן דעם אידישן נאָמען.

אַן אַנדער זאַך איז אָבער, ווען די רעגירונגס־אָרגאַנען, אַלס אַזעלכע, באַשרענקען די פרייהייט פון זייערע אונטערטאַנען, ווי אין רומעניען, פינלאַנד און רוסלאַנד ווערט באַשרענקט די באַוועגונגס־פרייהייט, די באַשעפטיקונגס־ און בילדונגס־פרייהייט פון די אידן. דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן ניט מיט די קרימינעלע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, נאָר מיט יורידישע באַציאונגען פון די רעגירונגס־אָרגאַנען צו די איינצלנע פּערזאָנען. אַזוינע רעכט רופן זיך דעריבער פּ ע ר ז ע נ ל א כ ע רעכט. אין אַ ציוויליזירטן שטאַט קאָן קיין מענטשלאַכעס רעכט ניט באַשרענקט ווערן. פּאָגראָמען, בלוט־בלבולים קאָנען, דעריבער, אויך ניט אָנגערופן ווערן „באַשרענקונגען": זיי זיינען, פאַרקערט, דירעקטע פאַרברעכנס, פּ אַ ר־ל ע צ ו נ ג ע ן פון מענטשלאַכע רעכט, און יענע רעגירונג, וואָס דערלויבט דאָס, שטעלט זיך דערמיט אַליין אויסערהאַלב יעדן געזעץ. דאָס עלעמענטאַרע גערעכטיקייטס־געוויסן פון אונזער צייט פאַרלאַנגט, אַז אַזאַ רעגירונג זאָל אָראָפּגעזעצט און באַשטראָפט ווערן.

בנוגע צו פּערזענלאַכע רעכט, ווי די באַוועגונגס־פרייהייט א. ד. גל., קאָן יאָ זיין אַ רייד וועגן באַשרענקונגען; די „טשערטאַ", די פּראָצענט־

נארמע, די פארשיידענע געזעצן קעגן אידן זיינען, אלזא, באשרענקונגען פון זייערע פערזענלאכע רעכט. דאס כאראקטעריסטישע פון די פערזענלאכע רעכט באשטייט אין דעם, וואס אזוי לאנג ווי זיי זיינען ניט באשרענקט דורך די רעגירונגס־ארגאנען, קאנען זיי אויך ניט פארלעצט ווערן. אין דעם מאמענט, ווי די „טשערטא" ווערט אראפגענומען, וועט קיינער ניט קאנען פארווערן א אידן צו וואוינען וואו ער וויל. ווערט אפגעשאפט די פראצענט־נארמע, וועט קיין רעגירונגס־שול ניט קאנען פארהאקן אירע טירן פאר אידישע קינדער מחמת דעם איינציקן גרונט, וואס זיי זיינען אידן.

פון דער פאקטישער אומפארלעצלאכקייט פון די פערזענלאכע רעכט נעמט זיך זייער צווייטע וויכטיקע אייגנשאפט: די פערזענלאכע רעכט זיינען די גאראנטיע פאר די מענטשלאכע רעכט, אזן, פארקערט, די באשרענקונגען פון פערזענלאכע רעכט ברענגען צו פארלעצונגען פון די מענטשלאכע רעכט. דאס פערזענלאכע רעכט פון א מענטשן איז א באשטעטיקונג, אז ער איז א פערזאן, א סוביעקט פון רעכט, און אז דאס געזעץ אליין באטראכט אים פאר אזעלכן. קיינער קאן ניט זיין זיכער מיט זיינע מענטשלאכע רעכט אזוי לאנג, ווי ער ווערט ניט באטראכט פאר א גלייכבארעכטיקטער פערזאן. ספעציעל איז דאס ריכטיק, ווען א געוויסע גרופע פון דער באפעלקערונג אדער א גאנץ פאלק ווערט דורך דעם געזעץ באהאנדלט, ווי א גרופע פון צווייטן ראנג, ווען דאס געזעץ זאגט אפ א גאנצן פאלק אין די אלגעמיינע פערזענלאכע רעכט. דערקלערנדיק די אידן פאר ניט קיין גלייכבארעכטיקטע בירגער, גיט דאס געזעץ דערמיט אנצוהערעניש, אז אויך אלס מענטשן שטייען די אידן נידעריקער פאר דער גאנצער באפעלקערונג. די רעכטס־באשרענקונגען האבן א דעמאראליזירנדיקע ווירקונג אויף דער ארומיקער באפעלקערונג: רעספעקטירנדיק דאס געזעץ, מוז די באפעלקערונג ממילא פאראכטן יענע מענטשן, וועלכע ווערן פונ'ם געזעץ פאראכטעט.

די רעכטס־באשרענקונגען קעגן אידן דערציען אין דער ארומיקער באפעלקערונג אינסטינקטן פון האס און אומטאלעראנץ און געוואוינען זי צו צום געדאנק, אז מיט דעם אידן מעג מען טאן אלצדינג, אז דער איד איז „פויגל־פריי", ער ווערט פונ'ם געזעץ ניט געשעצט און ניט געשיצט. דאס שאפט א גינציקן באדן פאר פאגראם־אגיטאציע און בלוט־בלבולים, ווי בכלל פאר אלע אנטי־סאציאלע אויסערונגען פון אנטיסעמיטישע געפילן.*)

---

*) זאל מען אונז ניט פאלש אויסטייטשן: מיר ווילן ניט זאגן, אז דער האס צו אידן שטאמט פון דער אידישער רעכטלאזיקייט. ס'פארשטייט זיך, אודאי, די רעכטלאזיקייט שטאמט פונ'ם האס און איז א פאלגע פון אים. נאר מיר ווילן בלויז זאגן, אז די פאלגע ווירקט אליין אויף איר אורזאך און פארשטארקט זי נאך מער: די רעכטלאזיקייט סאנקציאנירט דעם האס און די פאראכטונג צו אידן.

בכן איז אונזער ערשטע און עלעמענטארסטע פאדערונג צו די רעגירונגען פון די רעכטלאזע לענדער: ע ס ז א ל ן א פ ג ע ש א פ ט ו ו ע ר ן א ל ע י ע נ ע ב א ש ר ע נ ק ו נ ג ע ן פ ו ן פ ע ר ז ע נ ל א כ ע ר ע כ ט , וועלכע זיינען געריכטעט קעגן אידן און ניט טיילוויז, נאר אלע מיט אמאל זאלן די באשרעקונגען בטל ווערן. ווייל דער עיקר איז ניט נאר דער דירעקטער שאדן, וואס אידן ליידן פון דער געבונדנקייט און פון די קייטן, נאר אויך דער מאראלישער שאדן: אפילו די קלענסטע רעכטס־באשרענקונג דעמאראליזירט די ארומיקע באפעלקערונג און שפייזט די פאראכטונג צו אידן און די הפקרות.

ב. בירגערלאכע רעכט

אויב קיין ציוויליזירטע לאנד פארדינט ניט דעם נאמען אזוי לאנג, ווי ס'ווערן דארט באשרענקט די פערזענלאכע רעכט פון גאנצע גרופן פון דער באפעלקערונג, איז א קאנסטיטוציאנעלע לאנד ניט מעגלאך אזוי לאנג, ווי דארט באזיצן ניט אלע בירגער קיין גלייכן אנטייל אין דער פאליטיק פון לאנד. לויט דעם מאדערנעם דעמאקראטישן רעכטס־באגריף איז דער בירגער אן ארגאנישער טייל פון שטאט. דער שטאט דארף ניט האבן קיין אנדער אויפגאבע, ווי צו רעגולירן און צו שיצן די געזעצלאכע אינטערעסן פון אלע בירגער. דער בירגער איז בזה האופן ניט קיין פאסיווער אביעקט פון דער שטאטלאכער טעטיקייט, נאר איר אקטיווער סוביעקט, ער באטייליגט זיך אין דער טעטיקייט פונ'ם שטאט אויף גלייכע יסודות מיט אלע אנדערע בירגער.*) גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן פאר אלע בירגער, איז דער פרינציפ פון מאדערנער געזעלשאפטלאכקייט. דערביי מאכט דאס געזעץ נאר אן אויסנאם פאר ניט פאליטישפייאיקע עלעמענטן: ד. ה. פאר קינדער, שוואכזיניקע, פארברעכער; און אין דער מערהייט לענדער ווערן גרייסע אויסנאמען און רעכטס־באשרענקונגען נאך געמאכט פאר פרויען.

בירגערלאכע (אדער פאליטישע) רעכט באטייטן אלזא דאס רעכט אויף פאליטישער און געזעלשאפטלאכער טעטיקייט: דאס רעכט צו וויילן און געווילט צו ווערן אין אלע פארטרעטונגס־קערפערשאפטן פון לאנד, און צו פארנעמען אלע עפנטלאכע עמטער און רעגירונגס־שטעלן. חוץ דעם, האט יעדער בירגער דאס רעכט באשיצט צו ווערן אין א פרעמדן לאנד דורך די פארטרעטער פון זיין רעגירונג. — כדי צו געניסן אט די

---

*) דא איז ניט דער פלאץ פאר א ויכוח מיט יענע רעאקציאנערע אדער האלב־רעאקציאנערע, האלב־ קאנסטיטוציאנעלע יוריסטן, וואס באטראכטן דעם שטאט פאר א מין לויתן, וועלכער דארף איינשלינגען אלע בירגער און באציען זיך צו זיי, ווי צו פאסיווע אביעקטן פון זיין סואווערענעם ווילן. אפילו אזוינע טעארעטיקער פון שטאטס־רעכט לייקענען ניט, אז דער שטאט דארף ג ל י י ך באהאנדלען אלע זיינע בירגער.

אַלע רעכט, מוז מען זיין אַ בירגער פון לאַנד: אויסלענדישע שטאַטס־בירגער קאָנען ניט קריגן אַזוינע רעכט, סיידן אין אַן אויסנאַמס־פאַל, אַלס אַ באַזונדערע פּריווילעגיע. דעריבער הייסן אָט די רעכט — בירגערלאַכע. צום אונטערשייד פון די מענטשלאַכע רעכט און פּערזענלאַכע פרייהייטן: מענטשלאַכע רעכט טאָרן בכלל ביי קיינעם ניט פאַרלעצט ווערן, ס'מעג זיין אַ בירגער אָדער אַן אויסלענדער, און פּערזענלאַכע רעכט קאָנען אין דער מאָדערנער פּראַקטיק באַשרענקט ווערן בלויז פאַר אויסלענדער.*)

אויך דאָ איז כדאי צו באַטאָנען אַז די מענטשלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט זיינען ביי דעם היינטיקן פּרינציפּ פון גלייכקייט פאַר'ן געזעץ ענג פאַרבונדן מיט בירגערלאַכע רעכט. די אומגלייכקייט פון בירגערלאַכע רעכט טיילט די באַפעלקערונג אין בירגער פון פאַרשיידענעם ראַנג און דעמאָראַליזירט זי, דערציט הכנעה אָדער אומצופרידנקייט ביי די בירגער פון נידעריקערן ראַנג און הפקרות ביי די פּריווילעגירטע עלעמענטן. די בירגערלאַכע (אָדער פּאָליטישע) גלייכבאַרעכטיקונג איז דערמיט אַ גאַראַנטיע פאַר די מענטשלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט, און די לעצטע בלייבן אָן דער ערשטער אַ ווייניק־וואָס רעספּעקטירטער אָדער סתם טויטער בוכשטאַב. די בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן וועט צוגעוואוינען די אַרומיקע באַפעלקערונג און אויך די רעגירונגס־אָרגאַנען צו אַכטן דעם אידן, ווייל דער איד ווערט געאַכטעט פונ'ם געזעץ.

די אידעע פון „מענטשלאַכע און בירגערלאַכע רעכט" איז צוערשט דעפינירט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענס" און אין דער פראַנצויזישער „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן". די לעצטע האָט אָבער שטאַרק פאַרמישט די באַגריפן „מענטש" און „בירגער", און אין לויף פון דער ווייטערדיקער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון איירָאָפּאַ איז געשאַפן געוואָרן דער ניט־קלאָרער טערמין „בירגערלאַ־

*) לויט דער מאָדערנער יורידישער פּראַקטיק דערלויבן זיך אפילו די פרייסטע לענדער צו באַשרענקען די פּערזענלאַכע פרייהייטן פון אויסלענדער, צ. ב., די איינוואַנדערונגס־געזעצן אין אַמעריקע אַנטהאַלטן אין זיך זייער שטרענגע באַשרענקונגען פון פּערזענלאַכע רעכט, אָבער בלויז פאַר אויסלענדער. דערפאַר קאָן מען דאָס ניט פאַרגלייכן מיט דער רוסישער „טשערטאַ", ווייל אַמעריקע האָט דאָס רעכט אָנצונעמען געזעצן קעגן אויסלאַנד, און קעגן אייגענע בירגער טאָר מען אַזוינע געזעצן (ווי די „טשערטאַ") ניט שאַפן. בנוגע צו די פּערזענלאַכע רעכט פון אויסלענדער ווערט אָפט פּראַקטיצירט דער פּרינציפּ פון קעגנזייטיקייט („רעסיפּראָסיטי"): אויף וויפל דו באַשרענקסט מיינע בירגער ביי זיך אָדער דו גיסט זיי פרייהייט, אויף אַזוי פיל וועל איך ביי מיר באַשרענקען דיינע בירגער אָדער זיי פרייהייט לאָזן. פון אָט די באַמערקונגען קאָנען מיר שוין באַגרייפן דעם גאַנצן יעזואיטיזם פון רומעניען, ווען זי האָט דערקלערט אידן פאַר „אויסלענדער" און באַהאַנדלט זיי לויט'ן פּרינציפּ פון „רעסיפּראָסיטי": וואָס די רומענער מעגן טאָן אינ'ם אידישן לאַנד, דאָסזעלביקע מעגן די אידן אין רומענישן לאַנד...

כע גלייכבאַרעכטיקונג", וועלכער נעמט אַרום אַלע דריי קאַטעגאָריעס: די מענטשלאַכע רעכט, וואָס געהערט צו אַלעמען, סיי בירגער, סיי אויס־לענדער: די פּערזענלאַכע פרייהייטן, וואָס געהערן צו אַלע בירגער (יעדנ־פאַלס, אין פּרינציפּ) און אָפּטמאָל אויך צו אויסלענדער; און די בירגער־לאַכע רעכט, וואָס געהערן, אין פּרינציפּ, צו אַלע פּאָליטיש־פעיאיקע בירגער און נאָר צו זיי.

אינ׳ם קאַמף פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע האָט מען שטענדיק גע־האַט צו טאָן מיט באַשרענקונגען פון בירגערלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט, ווייל די פּערזענלאַכע רעכט ווערן דאָך ממילא ניט באַשרענקט דאָרט, וואו ס׳איז אַנערקענט די בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג. אין אַלע לענ־דער האָבן די אידן געליטן אונטער באַשרענקונגען ניט נאָר פונ׳ם רעכט צו פאַרנעמען עפנטלאַכע עמטער, נאָר אויך פונ׳ם רעכט אויף באַוועגונג, באַשעפטיקונג און בילדונג.

פילנדיק, אַז דאָ איז פאַראַן אַ רעכטלאַכער אונטערשייד און ניט קאָנענדיק אים יורידיש פאָרמולירן, האָבן די פּובליציסטן זיך אָנגע־כאַפּט פאַר דעם יורידישן אויסדרוק „פּאָליטישע רעכט". דערפון איז אַרויסגעקומען דער אונטערשייד, וואָס מ׳מאַכט געוויינטלאָך צווישן בירגערלאַכע און פּאָליטישע רעכט. דאָס איז אָבער אַ גרייז: צווישן די בירגערלאַכע און פּאָליטישע רעכט איז קיין שום חילוק ניטאָ, דאָס איז איינס און דאָסזעלביקע: ווייל „בירגער" איז דאָך, קודם כל, אַ פּאָליטישער באַגריף. דער ווירקלאַכער אונטערשייד ליגט צווישן די בירגערלאַכע און פּערזענלאַכע רעכט.*)

הכלל, מיר דאַרפן ביי די רעגירונגען פון די רעכטלאָזע לענדער פאָ־דערן גלייכע און פולע בירגערלאַכע רעכט פאַר אידן. געוויינטלאָך ווערן דאָס פאָרמולירט אין די גרונט־געזעצן, אין דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד, דורך דער דערקלערונג, אַז קיין בירגער קאָן ניט אויסגעשלאָסן ווערן פונ׳ם רעכט צו פאַרנעמען עפנטלאַכע עמטער א. א. וו., בלויז אויף דעם איינ־ציקן גרונט פון זיין רעליגיע אָדער פון זיין פאָלקס־שטאַם.

ס׳דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז יורידיש און פּאַקטיש טאָר מען ניט פאַרמישן די באַגריפן „בירגערלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג" און „רעלי־גיאָנס־פרייהייט", הגם בנוגע צו אידן ווערן זיי אָפט פאַרמישט, און מיר

---

*) ווען פרויען־בירגערינס, צ. ב., ווערן אויסגעשלאָסן פון ירושה־רעכט, הייסט עס, אַז זיי זיינען באַשרענקט אין זייערע פּערזענלאַכע (אָביעקטיווע) רעכט. ווען די זעלביקע פרויען־בירגערינס ווערן אָבער אויסגעשלאָסן פון וואַל־רעכט, הייסט עס, אַז זיי זיינען באַשרענקט אין זייערע בירגער־רעכט: זיי געניסן ניט די פולע בירגער־רעכט, נאָר בלויז אַ קליינעם טייל פון זיי. בכן האָט ניט קיין זינען צו פאַנאַנדערטיילן בירגערלאַכע און פּאָליטישע רעכט, סיידן ווען מ׳באַטראַכט די פּאָליטישע רעכט אַלס אַ טייל פון די בירגער־רעכט, ווי די יוריסטן טוען אָפּטמאָל. הכלל, פאָדערנדיק פולע בירגערלאַכע רעכט פאַר אידן, פאָדערן מיר שוין ממילא דורך דעם אַליין אויך די פּאָליטישע רעכט, און ס׳איז ניט נויטיג דאָס אויסצוטיילן.

האָבן געזען ביישפּילן, ווען די רומענישע רעגירונג, אַ שטייגער, האָט געפּרואווט צו נאַרן די עפנטלאַכע מיינונג, אַז ביי איר איז פולע רעליגיאָנס־פּרייהייט ובכן האָבן זיך די אידן ניט וואָס צו באַקלאָגן. רעליגיעזע פרייהייט געהערט נאָר צו די פּערזענלאַכע רעכט, און ניט צו די בירגער־לאַכע, דערצו איז דאָס ניט מער ווי א י י נ ס פון די פּערזענלאַכע רעכט. היינטיקע צייטן קאָן מען געניסן פולע רעליגיאָנס־פרייהייט אין אַ רעכט־לאָזן לאַנד און דאָך באַהאַנדלט ווערן ווי אַ פּאַריער. אַזוי איז עס טאַקע מיט די אידן אין רומעניען און אין פינלאַנד.

די פאַרוועקסלונג שטאַמט פון דער פעאָדאַלער צייט, ווען די רעליגיע איז געווען אַ הערשנדיקע מאַכט אין פּאָליטישן לעבן, און יעדע אמונה איז געווען פּאָליטיש אָרגאַניזירט אין אַ קירך. די היינטיקע קאָנסטיטוציאָ־נעלע אָרדנונג אָנערקענט אָבער דעם גלויבן פאַר אַ סוביעקטיוון צושטאַנד פון פערזענלאַכן געוויסן, אָדער פאַר אַ געוויסער קאָמבינאַציע פון גלייכ־געזאָנענע פּערזאָנען אין פאָרם פון אַ רעליגיעזער געמיינדע. ביי אידן איז אין דער פעאָדאַלער צייט די רעליגיע געווען דער סימן פון זייער נאַציאָנאַליטעט. היינט האָט די אידישע נאַציאָנאַליטעט אַנדערע סמנים. און דאָ קומען מיר צום באַגריף פון נאַציאָנאַלע רעכט.

## נאַציאָנאַלע פראַגע און נאַציאָנאַלע רעכט

וועגן פּערזענלאַכע און בירגערלאַכע רעכט איז ניט געווען קיין סך צו זאָגן, ווייל ביידע באַגריפן האָבן שוין אַליין לאַנג געקראָגן בירגער־רעכט אי אין דעם פּאָליטישן לעבן אי אין דער יורידישער וויסנשאַפט. די אידעע אָבער פון נאַציאָנאַלע רעכט איז אַ גאַנץ נייע, אַ סך פּראָגרע־סיווע פּאַרטייען און מענטשן ווייסן נאָך גאָר ניט פון איר וויכטיקייט, און מיר דאַרפן זיך אויף איר גענויער אָפּשטעלן.

ווי מיר האָבן געזען, דינט דאָס רעכט צו רעגולירן די קאָנפליקטן צווישן אינטערעסן. דאָס רעכט דערגרייכט דעם צוועק דערמיט, וואָס עס ג ר ע נ י צ ט ד י א י נ ט ע ר ע ס ן פ א נ א נ ד ע ר און צייכנט אָן פאַר יעדן אינטערעס די גרעניצן פון זיין קאָמפּעטענץ, וואָס ווייטער פון זיי טאָר דער אינטערעס ניט גרייכן. יעדע פאַרלעצונג פון אַ רעכט איז אַ הסגת גבול, אַן איבערשרייטונג פון די גרעניצן. די מענטש־לאַכע רעכט גרעניצן פאַנאַנדער די אינטערעסן פון איינצלנע פּערזאָנען. די פּערזענלאַכע רעכט לייגן אַ גרעניץ צווישן דער קאָמפּעטענץ פון שטאַט און די פרייהייטן פון פּערזאָנען. די בירגערלאַכע רעכט גרעניצן פאַנאַנ־דער די פּאָליטישע אינטערעסן און די פּאָליטישע טעטיקייט פון די ביר־גער.

ד י נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ע כ ט ש אַ פ ן אַ ג ר ע נ י ץ צ ו ו י ש ן ד י א י נ ט ע ר ע ס ן פ ו ן ש ט אַ ט א ו ן ד י א י נ ט ע ר ע ס ן פ ו ן אַ נ אַ צ י ע.

כדי צו פאַרשטיין די זאַך, דאַרפן מיר אַלזאָ קלאָר ווערן, וואָס הייסט נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אַ נאַציע איז אַ היסטאָריש־אויסגעבילדעטער קבוץ מענטשן, וואָס האָבן אַ געמיינזאַמע פאַרגאַנגענהייט, וועמעס עקאָנאָמישעס לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אונטער געמיינזאַמע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען און וועמעס גייסטיקעס לעבן האָט דעריבער אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ געמיינזאַמער קולטור.*) די אינטערעסן פון אַ נאַציע קאָנען זיין דעריבער פונקט אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, ווי די אינטערעסן פון אַ יחיד: אַ נאַציע קאָן האָבן עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע אינטערעסן. אַ נאַציע קאָן פונקט אַזוי באַזיצן אַ קאָלעקטיווען פאַרמעגן, ווי אַ יחיד זיין פּריוואַט־פאַרמעגן. נאָר פונקט ווי אַ יחיד דערקענט מען ניט נאָך זיינע מאַטעריעלע רייכטימער, נאָר דורך די קערפּערלאַכע און גייסטיקע אייגנשאַפטן זיינע, אַזוי ווערט אויך אַ נאַציע דערקענט דורך אירע אַנטראָפּאָלאָגישע און גייסטיקע אייגנטימלאַכקייטן. די סמנים פון אַ יחיד זיינען: זיינע געזיכטס־שטריכן, זיין וואוקס, מאַנירן, כאַראַקטער, זיין אינטעליגענץ, פיאַיקייטן א. ד. גל. די סמנים פון אַ נאַציע זיינען אירע פיזישע אייגנשאַפטן (פאַרב פון הויט און האָר, דורכשניטלאַכער וואוקס, קראַניאָמעטרישע פּראָפּאָרציעס א. ד. גל.) און די גייסטיקע אייגנשאַפטן — שפּראַך, מדות, קולטור־אוצרות.

בכן איז פאַלש צו מיינען, אַז נאַציעס האָבן בלויז קולטורעלע אינטערעסן. די קולטור איז נאָר דער דייטלאַכסטער און בכן דער וויכטיקסטער ס י מ ן פון אַ נאַציע, אָבער ווייט ניט דער גאַנצער אינהאַלט פון איר לעבן. נאַציאָנאַלע אינטערעסן זיינען אַ ל ע יענע אינטערעסן, וועלכע טיילן אָפּ איין נאַציע פון דער צווייטער. אויב די נאַציע פאַרמאָגט אַן אייגענע טעריטאָריע, האָט זי טעריטאָריאַלע אינטערעסן. אויב זי האָט קיין טעריטאָריע ניט, אָדער די אייגענע קלעקט ניט פאַר איר, און זי שטרעבט צו פאַרשאַפן זיך אַ נייע טעריטאָריע, דאַן האָט זי קאָלאָניזאַציאָנס־אינטערעסן, אָדער, יעדנפאַלס עמיגראַציאָנס־אינטערעסן. נאָר אַזוי ווי דער דייטלאַכסטער סימן פון אַ נאַציע איז איר שפּראַך און קולטור, דעריבער פאַרנעמען די קולטורעלע און שפּראַכלאַכע אינטערעסן דעם אויבן־אָן אין׳ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן לעבן פון אַ פאָלק.

די אינטערעסן פון אַ יחיד האָבן אַ רעכטלאַכע ווערדע בלויז דאַן, ווען דער יחיד איז בנוגע צו די דאָזיקע אינטערעסן באַוואוסטזיניק. אַן אַמאָליקער שקלאַף האָט אודאי געהאַט אַ סך באַדערפעניש, וואָס ניט די הערשער זיינע, ניט ער אַליין האָבן געוואוסט דערפון. האָבן זיינע אינטערעסן ניט געהאַט קיין רעכטלאַכע קראַפט. דאָסזעלביקע מיט אַ נאַציע: אַזוי לאַנג, ווי זי האָט אַבסאָלוט ניט דאָס באַוואוסטזיין פון אירע באַדערפענישן, קאָן קיין רעדע ניט זיין מכח נאַציאָנאַלע אינטערעסן און

*) ז׳ ב. באָראָכאָוו „קלאַסן־אינטערעסן און נאַציאָנאַלע פראַגע“, פּועלי־ציון שריפטן, ערשטעס בוך, און אָטאָ בויער, „די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“, ווין 1907.

נאַציאָנאַלע רעכט. ניט מיט אַמאָל קומט אַ יחיד צום באַוואוסטזיין פון זיינע אינטערעסן; ער הויבט אָן צוביסלאַכווייז פאַרשטיין צוערשט די דייטלאַכסטע אינטערעסן זיינע, יענע, וואָס לאָזן זיך שאַרפער פילן, און מיט דער צייט ווערט דער קרייז פון זיינע אינטערעסן אַלץ ברייטער און אָנגעשפּאַנטער. אַט אַזוי איז עס אויך מיט אַ נאַציע: צוערשט קומט אַ קלייגער טייל פון איר, די אינטעליגענטסטע און עמפּינדלאַכסטע שיכט אירע צום באַוואוסטזיין פון די נאַציאָנאַלע באַדערפעגישן, און דערווייל נאָך ניט פון אַלע, נאָר בלויז פון אַ טייל באַדערפעגישן, פון די וויכטיקסטע, פון די, וואָס לאָזן זיך שטאַרקער פילן. ערשט כוואַליעסווייז פאַרשפּרייט זיך דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין צווישן די קינדער פון פאָלק, זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן ווערן אַליין אויך אַלץ רייכער, ברייטער און אינטענסיווער.

ווען אַ נאַציע, אָדער לפּחות אַ באַדייטנדיקער טייל פון איר, שטרעבט צו באַפרידיקן אירע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און ווען דאָס רופט אַרויס קאָנפליקטן מיט אַנדערע נאַציעס אָדער מיט דער מלוכה, — אין אַזאַ פאַל אַנטשטייט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע. יענע טעטיקייט, די אינערלאַכע (צווישן די אייגענע מיטגלידער) און די אויסערלאַכע, וואָס די נאַציע אַנטוויקלט, כדי צו באַפרידיקן אירע אינטערעסן, רופט זיך אָן — נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. ווען די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק שטויסט זיך אָן אויף דער פּאָליטיק פון שטאַט, קומט דערפון אַרויס דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט.

בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע דאַרף מען אונטערשיידן דריי קאַטעגאָריעס פון שטאַטן: נאַציאָנאַל־שטאַטן, נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן און נאַציאָנאַל־אינדיפערענטע שטאַטן.

אויב אונטער אַ שטאַט לעבט בלויז איין איינציקע נאַציע, רופט מען אַזאַ שטאַט — נאַציאָנאַל־שטאַט. אויב אָבער אונטער איין שטאַט לעבן עטלאַכע נאַציעס און ס׳אַנטשטייט דורך דעם אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, רופט מען עס נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט. נאַציאָנאַל־שטאַטן זיינען, צ. ב., פראַנקרייך, איטאַליען, בולגאַריען, שפּאַניען, האָלאַנד, די דריי סקאַנדינאַווישע מלוכות. נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן זיינען, צ. ב., ענגלאַנד, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, טערקיי, בעלגיען, קענעדע. אויב פּוילן זאָל צוריק ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וועט זי זיין אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, ווייל דאָרט לעבן, חוץ די פּאָליאַקן, אויך אידן, ליטווינער, אוקראַינער, דייטשן.*)

---

אַ מלוכה, וועלכע איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ ריינער נאַציאָנאַל־שטאַט, קאָן אָבער שנעל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, אויב זי נעמט אין זיך אַריין, דורך אַ גליקלאַכער מלחמה, נייע פּראָווינצן מיט אַ פרעמדער באַפעלקערונג. אַזוי איז רומעניען, צ. ב., ביז׳ן יאָר 1913 געווען אַ נאַציאָנאַל־שטאַט; נאָך דעם אָבער, ווי זי האָט איינגענומען די בולגאַרישע דאָברודזשאַ, איז

אין אַ נאַציאָנאַל־שטאַט הערשט פולע האַרמאָניע צווישן די אינטערעסן פון דער נאַציע און פון שטאַט, ווייל דער שטאַט איז דאָך איר שטאַט און זי קאָן אים צופּאַסן צו אירע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט געפינט זיך דער שטאַטס־מעכאַניזם געוויינטלאַך אין רשות פון איין פאָלק, — דעם הערשנדיקן פאָלק, און די איבעריקע פעלקער זיינען מער אָדער ווייניקער אָפּגעשטויסן פון דער מאַכט און פונ׳ם איינפלוס אויפ׳ן שטאַטס־מעכאַניזם. דאָס הערשנדיקע פאָלק איז, פאַרשטייט זיך, יענעס, וואָס האָט אַלע איבעריקע פעלקער איינגענומען, און אין לויף פון אַ לאַנגער געשיכטע אויסגעבויט דעם שטאַט איבער די רוקנס פון אַלע פעלקער פון לאַנד.

אין די נאַציאָנאַל־שטאַטן איז קיין נאַציאָנאַלע פראַגע ניטאָ און קאָן ניט זיין. אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן דריקט דער פּאָליטישער מעכאַניזם, אין די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער נאַציע, אויף די אינטערעסן פון די איבעריקע פעלקער. דערפון אַנטשטייט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע און אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט. ס׳זיינען אָבער אויך פאַראַן שטאַטן, וואו ס׳לעבן אַ סך פעלקער, נאָר זיי האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ד. ה., זיי זיינען ניט באַוואוסטזיניק אין זייערע נאַציאָנאַלע באַדערפעניש, און דערפאַר איז דאָרט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע ניטאָ. לאָמיר אָנרופן אַזוינע שטאַטן נאַציאָנאַל־אינדיפערענטע שטאַטן. אַ ביישפּיל דאַרף מען ניט ווייט זוכן: די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָ וואוינען אויסגעמישט צענדליקער פאַרשיידענע פעלקער־גרופן, נאָר מחמת די ספּעציעלע באַדינגונגען פון איינוואַנדערונג באַגעגענען זיי דאָ שוין אַ פאַרטיקע און מעכטיקע קולטור, די אַמעריקאַנישע קולטור, צו וועלכער זיי פּאַסן זיך אַלע צו מיט דער גרעסטער גרייטוויליקייט. בכן איז אין אַמעריקע ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פראַגע און קיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, און דאָ קאָן קיין רייד דערווייל ניט זיין פון נאַציאָנאַלע רעכט.*)

די פראַגע פון פּערזענלאַכער און בירגערלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג האָט צו טאָן מיט אַלע לענדער און אַלע שטאַטן, די נאַציאָנאַלע רעכט אָבער האָבן צו טאָן בלויז מיט נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן. און אויב מיר ריידן

---

רומעניען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט. דאָס אומגעקערטע קאָן אויך טרעפן מיט דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, זיי זאָלן ווערן פון נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן צוריק נאַציאָנאַל־שטאַטן, אויב פון זיי זאָלן אָפּפאַלן אַלע פרעמד־שטאַמיקע פּראָווינצן.

*) אויב דאָס וועט שטענדיק אַזוי בלייבן, איז ניט דאָ דער פּלאַץ פאַר נביאות. פאַראַן אַ מיינונג, אַז אַמעריקע וועט מיט דער צייט ווערן אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, אַזוי ווי ס׳איז אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז אין דער ווייטער צוקונפט וועלן גאָר אַלע שטאַטן פון דער גאַנצער וועלט ווערן נאַציאָנאַל־אינדיפערענט.

ספּעציעל וועגן אידן, מוזן מיר דאָס אזוי פאָרמולירן: אידן נויטיקן זיך אין גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלע יענע שטאַטן, וואו די נאַציאָנאַלע פראַגע שטייט אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער שטאַטס־פּאָליטיק, און וואו די אידן וואוינען אין אַ באַדייטנדיקער צאָל. אזוינע לענדער זיינען: רוסלאַנד, פּוילען, עסטרייך, אונגאַרן, טערקיי, און אפשר אויך רומעניע.

אַלע אַנדערע פאָרמולירונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן דער־גרייכן ניט דעם צוועק פון קלאָרקייט. ווען מ'זאָגט, צ. ב., „נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן אין אַזוינע לענדער, וואו נאַציאָנאַלע רעכט ווערן בכלל אַנערקענט", האָט עס צו טאָן בלויז מיט עסטרייך, טערקיי און בעלגיען; רוסלאַנד און, מעגליך, פּוילן אַנערקענען ניט קיין נאַציאָנאַלע רעכט. זאָגט מען ווידער, „אין אַזוניע לענדער, וואו נאַציאָנאַלע רעכט ווערן אָדער דאַרפן ווערן אַנערקעַנט", אַנטשטייט ערשט די פראַגע, וואו זשע דאַרפן די נאַצ. רעכט אַנערקענט ווערן און וועַר דאַרף זאָרגן פאַר זייער אַנערקענונג? די גאַנצע פראַגע באַציט זיך בלויז צו די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן, און דער גאַנצער קאָנפליקט קומט גראָד דערפון, וואָס אַזוינע שטאַטן ווילן ניט אַנערקענען קיין נאַציאָנאַלע רעכט.*)

נאָך די גרויסע בירגערלאַכע רעוואָלוציעס האָבן זיך אַלע שטאַטן געבויט לויט איין און דעמזעלביקן פּרינציפּ פון צענטראַליסטישן ליבעראַ־ליזם, וועלכער באַהאַנדלט דעם בירגער, אַלס אַן אַטאָם, אַ יש פאַר זיך, און בינדט צונויף מעכאַניש אַלע אַטאָמען אין איין צענטרום: דער רעגירונג.

---

*) ווען די דאָזיקע בראָשורע האָט זיך שוין געפונען אין דרוק, האָט אַ טייל אַמעריקאַנער אידן, וואָס קעמפט קעגן די נאַציאָנאַל־אידישע פאָדערונגען, זיך פאַראייניקט אין אַ „קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס" און אינ'ם פּראָגראַם פון אידישע פאָדערונגען האָט די קאָנפערענץ (אין האָטעל אַסטאָר אין ניו יאָרק, דעם 16טן יולי, 1916) אַריינגעשטעלט אַ פּונקט פון „גרופּן־רעכט פאַר אידן אין אַזוינע לענדער, וואו די גרופּן־רעכט זיינען אַנער־קענט פאַר אַנדערע פעלקער און וואו די אידן פאַרלאַנגען דאָס פאַר זיך". אַזאַ פאָרמולע איז די אומגעראָטנסטע און אומלאָגישסטע, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָר־שטעלן. וואָס הייסט „גרופּן" און וואָס מיינט „גרופּן־רעכט", און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע? קיין יוריסט און קיין פּאָליטיקער וועט דאָס ניט אויסטייטשן. אַנ־שטאָט לאָגיק און אויפריכטיקייט, איז דער קאָמישער באַגריף „גרופּן־רעכט" פול מיט פּאָליטישער היפּאָקריזיע און דינט בלויז צו פאַרטונקלען די קלאָרע פּאָליטישע פראַגן. דאָס איז ניט קיין פּאָליטישער באַגריף און ניט קיין יורי־דישער, נאָר אַ מה־יפית'דיקער. זיין פּאָליטישער ווערט איז גלייך נול, פּונקט ווי דער פּאָליטישער ווערט פונ'ם רוסישן אויסדרוק „קאָנסטיטוציאָנעלע זעלבסט־הערשאַפט", און דער גייסט פון אומוויסנהייט, פון אומזיניקן קאָמפּראָמיס און פּאָליטישן דאָפּל־שפּיל שטעקט אין אַ גלייכער מאָס ביי די אויטאָרן פון „קאָנסטי־טוציאָנעלער סאַמאָדערזשאַוויע", סיי ביי די דערפינדער פון אידישע „גרופּן־רעכט".

דאָס לעבן פון שטאַט דריקט זיך אויס אין זיין פאַרוואַלטונג: ער פאַר־וואַלטעט איבער די בירגער דירעקט און פאַרטראַגט ניט קיין אַנדער מאַכט צווישן זיך און דעם בירגער. די ליבעראַלע שטאַטס־אידעע האָט נאָר אויף אַזוי ווייט געמאַכט הנחות דעם בירגער, אַלס אַטאָם, אַלס אָפּגעזונ־דערטער שטויבעלע, וואָס זי האָט אים דערלויבט צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע אַזוינע שטויבעלאַך און קערפּערשאַפטן, ווירטשאַפטלאַכע, רעלי־גיעזע, פּאַרטייאישע. אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן האָט אָבער די ליבעראַלע אידעע דעם העלפאַנט ניט באַמערקט, אָדער געמאַכט זיך ניט זעענדיק אים: דער העלפאַנט איז די נאַציָע, וואָס פאַרקניפּט די בירגער־שטויבעלאַך אין לעבעדיקן היסטאָרישן אָרגאַניזם. אפילו דער ליבעראַלער נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט האָט איגנאָרירט די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון די בירגער; אַ פשיטא שוין אַזאַ באַרבאַרישער נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, ווי רוסלאַנד. דער שטאַט האָט פאַרגעסן, אַז דער אָרגאַניזם פון אַ נאַציע איז פיל לעבעדיקער, נאַטירלאַכער, פעסטער, ווי דער מעכאַניזם פון שטאַט; אַז שטאַטן קאָנען קינסטלאַך און שנעל צוזאַמענגעשטוקעוועט ווערן, ווי, אַ שטייגער, דורך שדוכים פון זייערע הערשער, דורך ירושה, דורך דעראָבע־רונג, און קאָנען פונקט אַזוי שנעל און קינסטלאַך צעשמעטערט ווערן, דורך מלחמות, דורך רעוואָלוציעס, אָדער דורך אַ פשוט'ן אָפּמאַך צווישן די ארומיקע שכנים. אָט איז, צ. ב., דאָס קעניגרייך פּוילן צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ שדוך פון אַ פּוילישער פּרינצעסין מיט אַ ליטווישן פירשט, און צעבראָכן געוואָרן דורך אַן אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך. אַ נאַציע אָבער לעבט מיט אירע אינערלאַכע קאָלעקטיווע כחות, קאָן ניט קינסטלאַך אויפגעריכט ווערן און ניט קינסטלאַך פאַרניכטעט ווערן, און עס טוט שמערצלאַך ווי דעם צאַפּלדיקן אָרגאַניזם פון אַ נאַציע, ווען מ'צעשניידט זי אויף שטיקער אָדער מ'צעשטויבט זי אין איינציקווייזע בירגער־אַטאָמען.

די לעבעדיקע כחות פון די נאַציעס האָבן ענדלאַך רעוואָלטירט קעגן דער ברוטאַלער צענטראַליסטישער פּאָליטיק פון שטאַט, און ס'האָט זיך פאַ־נאַנדערגעפלאַקערט אין בעלגיען און אירלאַנד, אין עסטרייך און אונגאַרן, אין רוסלאַנד און טערקיי אַ ביטערער נאַציאָנאַלער שטרייט, וועלכער שטערט די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מלוכה, דעמאָראַליזירט די פאַרוואַלטונגס־מאַשין און פלאַנצט אַ ווילדע העצע צווישן פאַרשידענע פעלקער פון לאַנד. די אונטערדריקטע פעלקער זיינען ארויס קעגן דעם הערשנדיקן פאָלק און געריסן זיך אויך צווישן זיך איינער מיט'ן צווייטן. דאָס אַלץ האָט ענדלאַך געצוואונגען די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן, מער פאַר אַלץ בעלגיען און עסטרייך, צו שטעלן זיך אויפ'ן וועג פון נאַציאָנאַלע רעפאָרמען.*)

*) די טערקיי איז לכתחילה געווען פריי פון צענטראַליזם, ווייל איר שטאַטס־אָרדנונג איז בכלל אַן אַנדערע, פון איין זייט פּראָגרעסיווער, פון דער אַנדער זייט פּרימיטיווער, אוידער אין אייראָפּע.

די אנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע רעפאָרמען גייט אין דריי ריכטונגען: אין דער ריכטונג פון **פּראָווינציעלער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג**, אין דער ריכטונג פון דער **גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן**, און אין דער ריכטונג פון **נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע**. אַזוי ווי די טעטיקייט פון שטאַט דריקט זיך אויס אין דער פּאַרוואַלטונג, איז די ערשטע פאָדערונג פון אַ נאַציע, וועלכע פירט נאַציאָנאַלע פּאָליטיק: אָפּצוגרעניצן די פּאַרוואַלטונג פון שטאַט און איבערגעבן אַ טייל פּאַרוואַלטונג צו דער נאַציע. נעמלאַך, יענעם טייל, וואָס האָט צו טאָן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די בירגער, און קודם כל מיט זייער שפּראַך, דערציאונג און קולטור. די פּאַרוואַלטונג איבער אָט די אנגעלעגנהייטן דאַרף איבערנעמען אָדער די נאַציאָנאַלע פּראָווינץ, אויב אַזאַ איז פאַראַן (ד. ה. אויב די גאַנצע נאַציע וואוינט אײנע אַליין אין אַ באַשטימטער פּראָווינץ: דאָס פּאַסירט זייער זעלטן); אָדער די רעגירונג אַליין דאַרף אָנשטעלן אין איר פּאַרוואַלטונג באַאַמטע פון פאַרשיידענע נאַציעס און באַנוצן אין פּאַרוואַלטונג, אין געזעצגעבונג און אין געריכט אַלע שפּראַכן פון אירע בירגער; אָדער די פּאַרוואַלטונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן דאַרף איבערנעמען די נאַציע גופא, אַלס אַן עפנטלאַך־רעכטלאַכע קערפּערשאַפט, אַ פאַרבאַנד פון אַלע קינדער פון פאָלק. און דאָס לעצטע רופט זיך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

אין עסטרייך, און נאָך מער אין דער שווייץ איז ברייט דורכגעפירט דער פּרינציפּ פון פּראָווינציעלער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג, אין בעלגיען דער פּרינציפּ פון שפּראַכן־גלייכבאַרעכטיקונג, און אין טערקיי — דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.*) וואו וואָסער אַ פּרינציפּ דאַרף מער אָנגעווענדט ווערן, — אויף דעם איז קיין כלל נאָך ניטאָ, ווייל די גאַנצע פּראַגע איז נאָך גאַנץ יונג. איין זאַך קאָן אָבער פעסטגעשטעלט ווערן מיט זיכערקייט, אַז דאָרט, וואו פאַרשידענע נאַציעס זיינען צווישן זיך שטאַרק אויסגעמישט און וואוינען ניט אין קיין שאַרף אָפּגעגרעניצטע פּראָווינצן, וועט די פּראָווינציעלע זעלבסטפּאַרוואַלטונג אָן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיין אַ זיכערער דורכפאַל. דאָס האָט אומצווייפלהאַפט באַוויזן די געשיכטע פון עסטרייך.

---

*) אָט די פאַקטישע ביישפּילן באַוויזן, אגב, ווי אומבאַגרינדעט איז די טענה פון אַלע צענטראַליסטישע פּאָליטיקער, אַז ס'טאָר און ס'קאָן ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע זעלבסטפּאַרוואַלטונג, ווייל זי וואָלט געווען „אַ שטאַט אין אַ שטאַט" און „אַ נאַציע אין אַ נאַציע". דאָס וואָרט „נאַציע" האָט צוויי באַדייטונגען: די עלטערע, די ענגליש־פראַנצויזישע (נאַציאָן) מיינט די שטאַטליך־אָרגאַניזירטע באַפעלקערונג פון דער גאַנצער מלוכה; די מאָדערנע מזרח־אייראָפּעאישע מיינט יעדעס פאָלק, אַלס אַ היסטאָרישן אָרגאַניזם. אין טערקיש ווערן ביידע באַדייטונגען דייטליך פאַנאַנדערגעשיידט: „דעוולעט" הייסט נאַציע־שטאַט, און „מילעט" — נאַציע־פאָלק. אונטער איין אָסמאַנישן „דעוולעט" לעבן, אויף ברייטע אויטאָנאָמישע יסודות, עטלאַכע „מילעטען", און די איינהייט פון דער גאַנצער מלוכה ליידט פון דעם אויף קיין האָר ניט. אויב די טערקיי איז שטאַרק

בנוגע צו די אידישע רעכט (אין די גלות־לענדער) קאָן, פאַרשטייט זיך, קיין רעדע ניט זיין מכח פּראָווינציעלער זעלבסטפאַרוואַלטונג; בלייבן, הייסט דאָס, פאַר אונז די גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן און די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

### די גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן

אַלע געזעצן און פאַראָרדנונגען, און בכלל אַלע אָפיציעלע אַקטן פון דער רעגירונג ווערן באַקאַנט געמאַכט דער באַפעלקערונג אין אַלע שפּראַכן פון לאַנד; די רעגירונג ביי זיך באַנוצט זיך מיט דער שפּראַך פון דער מלוכה, ד. ה. פון דער הערשנדיקער מערהייטס־נאַציע (אין רוס־לאַנד איז די מלוכה־שפּראַך רוסיש, אין פּוילן — פּויליש, אין עסטרייך — דייטש, אין אונגאַרן — מאַדיאַריש, אין אָסמאַניען — טערקיש), נאָר צו דער באַפעלקערונג דאַרף די רעגירונג ריידן אין דער מוטער־שפּראַך פון דער באַפעלקערונג.

די פאַרהאַנדלונגען אין געריכט ווערן געפירט אין דער שפּראַך פון די צדדים, וואָס באַטייליקן זיך אין פּראָצעס.

די באַאַמטע מוזן קענען די שפּראַכן פון דער באַפעלקערונג פון זייער געגנד.

חוץ דעם קומען נאָך די פערזענלאַכע שפּראַך־פרייהייטן, וואָס אַלע בירגער מעגן זיך פריי באַנוצן מיט זייער שפּראַך אין פּריוואַט־פאַרקער, מינדלאַך, שריפטלאַך אָדער טעלעגראַפיש, אין עפנטלאַכע פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע.

צו דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג געהערט נאָך די איינפירונג פון נאַציאָנאַלע וואַל־קוריעס, וואו יעדע נאַציע זאָל, לויט דער צאָל פון אירע מיטגלידער, באַזונדער וויילן אירע דעפּוטאַטן און רעגירונגס־באַאַמטע. אַזוינע קוריעס עקזיסטירן אין אייניקע פּראָווינצן פון עסטרייך, נאָר ס'איז נאָך דערוייל אַן אָפענע פראַגע, אויף וויפיל דאָס איז צוועק־מעסיג.

אין אַלע נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן מוזן אַלזאָ די אידן פאַרלאַנגען גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט פאַר זייער מוטער־שפּראַך, ד. ה. פאַר דער אידישער שפּראַך.

### די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע

יעדע נאַציע ווערט קאָנסטיטואירט אין אַ פאַרבאַנד, וואָס פאַרוואַל־טעט זעלבסט זיינע אינערלאַכע ענינים און באַזיצט די רעכט פון אַ יורידי־שער פּערזאָן, ד. ה. דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד קאָן דערווערבן אייגנטום,

---

צעריסן געוואָרן און פאַרלאָרן גאַנצע פּראָווינצן, איז דערין שולדיק גאָר ניט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון אירע פעלקער, נאָר אויסשליסלאַך די אינטער־נאַציאָנאַלע אינטריגן פון די איראָפּייאישע גרויסמעכטע.

שאַפֿן זיך מיט אים, קאָן שליסן קאָנטראַקטן מיט אַנדערע יורידישע און פּריוואַט פּערזאָנען, קאָן פֿירן פּראָצעסן אין זיין אייגענעם נאָמען, פֿאַרטיידיקנדיק די אינטערעסן אָדער דעם כבוד פֿון דער נאַציע.

יעדער בירגער פֿון לאַנד מוז געהערן, לויט זיין אייגענעם פֿרייען אויסקלייב, צו וועלכן ניט איז נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, און מוז צאָלן דעם פֿאַרבאַנד יענע שטייערן, וואָס דער פֿאַרבאַנד לייגט אויף אים ארויף.

אַלע מיטגלידער פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, וואָס זיינען רייף דערצו, אָן אונטערשייד פֿון געשלעכט, מוזן האָבן גלייכעס שטים־ און וואַל־רעכט אין אַלע אַנגעלעגנהייטן פֿון זייער נאַציע, וועלכע זיי האָבן זיך פֿרייוויליק אויסגעקליבן. יעדער בירגער האָט דאָס רעכט ארויסצוטרעטן פֿון זיין נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד און אריינטרעטן אין אַ צווייטן, אויב מ'נעמט אים אריין אהין.

דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד פֿאַרוואַלטעט די נאַציאָנאַלע שולן, עלעמענטאַרע, מיטעלע און העכערע, ביבליאָטעקן, מוזעען אַ. אַז. וו., שטיצט טעאַטערן און אַנדערע קולטורעלע אונטערנעמונגען, פֿירט אַ נאַציאָנאַלע סטאַטיסטיק, באַזאָרגט די צדקה־אַנשטאַלטן פֿון זיין נאַציע, רעגולירט די אויסוואַנדערונג און פֿאַרטרעט די אינטערעסן פֿון דער נאַציע פֿאַר דעם שטאַט.

קיין שום אַנדערע און ברייטערע פֿונקציעס קאָן דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד ניט האָבן, ער געפֿינט זיך אונטער דער השגחה פֿון שטאַט, דאָס געריכט געפֿינט זיך אין די הענט פֿון שטאַט, גלייך ווי די פּאָסט, דאָס געלט־סיסטעם אַ. אַז. וו. דאָס פּאָליטישע,ווירטשאַפֿטלאַכע לעבן פֿון לאַנד און די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען צו אַנדערע לענדער מוזן פֿאַרשטייט זיך, געהערן צום שטאַט און נאָר צו אים.

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אַזוי ווי זי איז פֿאָרמולירט געוואָרן צוערשט פֿונ'ם עסטרייכיש־אידישן פּאָליטיקער און רעוואָלוציאָנס־פֿירער, אַדאָלף פֿישהאָף און גענוי באַגרינדעט געוואָרן פֿונ'ם עסטרייכישן סאָציאַל־דעמאָקראַט קאַרל רענער (געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען סינאָפּטיקוס און רודאָלף שפּרינגער). די פּרטים פֿון דער נאַצ. אויטאָנאָמיע זיינען נאָך ניט אויסגעאַרבעט, אָבער אין פּרינציפּ איז זי שוין אריינגענומען אין די פּראָגראַמען פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פֿון דעם אידישן „בונד" אין רוסלאַנד, פֿון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און עסטרייך, פֿון דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און פֿון איר אידישער אָפּטיילונג „סערפּ". די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווערט ארויסגעשטעלט אויך פֿון דער אַלגעמיין ציוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד און עסטרייך, פֿון די דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען ביי די רוסישע אוקראַאינער, גרוזינער, ארמעניער און אַנדערע פֿעלקער.

ביז איצט האָבן מיר אויסגעטייטשט אין יורידישע טערמינען, וואָס

עם הייסט „**נאציאנאלע זעלבסטבאשטימונג**“ און מיר ווילן דאס איצט אנווענדן צו די אידן. אין יענע לענדער, וואו פארשיידענע פעלקער פירן א נאציאנאלע פאליטיק און קעמפן פאר נאציאנאלע רעכט, האט די בירגערלאכע גלייכבארעכטיקונג אליין פאר זיך זייער א קנאפע באדייטונג. דארט באשטייט די ווערדע פונ'ם מענטשן שוין ניט מער אין זיינע „סיטיזן פייפערס“, נאר אין דעם כח פון זיין פאלק. א קינד פון א רעכטלאזן פאלק וועט ניט קאנען אויסנוצן זיינע רעכט, און וועט ניט קאנען געשיצט ווערן אקעגן רעכט פארלעצונגען, אויב נאר זיין פאלק האט ניט די מאכט צו דריקן אויף דער רעגירונג, אז די לעצטע זאל זיך רעכענען מיט אים. דעם בעסטן באווייז האבן מיר שוין געזען אין דער אידישער לאגע אין עסטרייך. זייענדיק דארט יורידיש בארויבט פון נאציאנאלע רעכט, האבן זיי אויך פאקטיש זייער ווייניק פון די פערזענלאכע און בירגערלאכע רעכט, וואס זיינען אזוי פייערלאך אויסגעשטעלט אויפ'ן פאפיר, אין דער טעאריע. כדי צו צווינגען די באפעלקערונג און די אדמיניסטראציע צו רעכענען זיך מיט די אידישע אינטערעסן, בלייבט דאס איינציקע מיטל: אוועקצושטעלן דאס אידישע פאלק אין אזא רעכטלאכער לאגע, ווי די איבעריקע פעלקער. דאס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז **אין די נאציאנאליטעטן־שטאטן איז די נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג א גאראנטיע פאר בירגערלאכע, פערזענלאכע און מענטשלאכע רעכט.**

אבער אויך דירעקט לײדן די אידישע מאסן אומצייליקן שאדן פון זייער נאציאנאלער רעכטלאזיקייט. זיי דינען, א דאנק איר, אלס אן אונטערדריקונגס־מיטל אין די הענט פון די הערשנדיקע נאציעס, שפילן אן אומסימפאטישע ראלע אין די קאנפליקטן צווישן די שכנ'ישע פעלקער, ווערן קולטורעל פארנאכלעסיקט, מאראליש דעגראדירט, בלייבן אין אומוויסנקייט, האבן דורך דער אומוויסנקייט גרויסע שוועריקייטן אינ'ם עקאנאמישן קאמף פאר דער עקזיסטענץ. די שטייערן, וואס זיי צאלן, ווערן אינגאנצן פארווענדט אויף צו שפייזן פרעמדע קולטורן; די אידישע שול, טעאטער, ליטעראטור ווערן ניט אונטערגעשטיצט און דערהויבן, ווי ביי אנדערע פעלקער, נאר זיי פירן אן עלנטע עקזיסטענץ און דערנידעריקן דעם קולטורעלן מצב פון פאלק. דאס אידישע פאלק דארף האבן דאס רעכט זיך קולטורעל אויסלעבן און אויפהויבן אין זיין אייגענער שפראך, אין אידיש, פונקט ווי אלע אנדערע פעלקער. די גרויסע פינאנציעלע מיטלען, וואס ס'פארמאגן די פארמעגלאכע אידישע עלעמענטן, דארפן באנוצט ווערן אין די קולטורעלע אינטערעסן פון זייער אייגענעם פאלק, אויף וויפיל זיי האבן זייער פארמעגן פון זייער ארבעט געמאכט. די געוואלטיקע אידישע עמיגראציע גייט סטיכייאיש, ווי א פארניכטנדיקער שטורם, און קיינער זארגט ניט זי איינצואורדנען און פראדוקטיוו צו מאכן. קומט א פאגראם, א בלוט־בלבול, איז ניטא קיין אינסטיטוט

וועלכער זאָל האָבן די געזעצלאַכע פולמאַכט צוריידן אין נאָמען פון אידישן פאָלק צו מאָנען דעם שאָדן פאַר די ליידנדיקע אידן, צו פאַר־טיידיקן דעם כבוד פון אידישן נאָמען.

דאָס אַלעס קאָן טאָן בלויז אַן אויטאָנאָמער נאַציאָ־נאַלער אינסטיטוט, וואָס איז אנערקענט פונ׳ם שטאַט און פאַרטרעט דאָס אידישע פאָלק פאַר׳ן שטאַט. זאָל ער הייסן אידישער נאַציאָנאַלער סעים אָדער אידישער נאַציאָנאַל־ראַט, דער עיקר איז, אַז ער זאָל געניסן אַ טייל פון דער אָפיציעלער קאָמפּעטענץ פון שטאַט, זאָל קאָנען ארויפלייגן אָבליגאַטארישע שטייערן אויף זיינע מיטגלידער, אויס־האַלטן שולן, רעגולירן די עמיגראַציע א. אז. וו. די אונטערשטע אָרטיקע זיילן פון אַזאַ אינסטיטוט דאַרפן זיין נאַציאָנאַל־אידישע קהלות, וואָס טראָגן ניט קיין רעליגיעזן נאָר אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

און כדי דאָס פאָלק זאָלווירקלאַך געניסן פון זיין אויטאָנאָמיע, מוז זי געבויט ווערן אויף דעמאָקראַטישע יסודות: אַ דעמאָקראַטישע נאַציאָ־נאַלע קהלה און אַ דעמאָקראַטישער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד אויפ׳ן יסוד פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט.

צו אַלע נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן, וואו אידן וואוינען אין געדיכטע מאַסן, שטעלן מיר אָט די פאָדערונג. און אויב פּוילן וועט צוריק ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וואָס מיר ווינטשן דעם פּוילישן פאָלק פון גאַנצן הארצן, אַפילו ווען פּוילן קריגט נאָר אויטאָנאָמיע, פאַר־לאַנגען מיר אין פּוילן אידיש־נאַציאָנאַלע רעכט. קיין ערנסטער אידישער פּאָליטיקער האָט ניט געוואגט צו ריידן וועגן אַ „יודעא־פּאָלאָניא", ווי די פּוילישע אַנטיסעמיטן ווארפן אונז פאָר, — מיר ווילן, אַז פּוילן זאָל זיין זעלבסטשטענדיק און די רעגירונגס־שפּראַך אין פּוילן קאָן ניט זיין קיין אַנדערע, ווי פּויליש. נאָר אין אירע באַציאונגען צו דער אי־דישער באַפעלקערונג דאַרף זי זיך באַנוצן מיט דער אידישער שפּראַך, די אידישע שפּראַך דאַרף זיין די אונטעררריכטס־שפּראַך אין אַלע אידישע שולן. מיר קאָנען ניט אָנפאַרטרויען די באַיקאָטיסטן, זיי זאָלן זיך שאַפן מיט אונזערע אינערלאַכע נאַציאָנאַלע ענינים. די אינטערעסן פון גאַנצן לאַנד, די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק און די פּרינציפּן פון דעמאָ־קראַטיע פאַרלאַנגען, אַז די אינערלאַכע אידישע אנגעלעגנהייטן זאָלן פאַר־וואַלטעט ווערן פון אַ נאַציאָנאַל־אידישן אינסטיטוט.

## נאָכוואָרט

די געשיכטע פונ׳ם עמאַנציפּאַציאָנס־קאַמף האָט אונז באַוויזן, אַז די אידישע עמאַנציפּאַציע איז ניט קיין איינציקער אַקט פון געזעצגעבונג און אַפילו ניט קיין סעריע פון אַקטן, נאָר קודם כל, אַ לאַנגער און פאַרוויקל־טער היסטאָרישער פּראָצעס. די רעטכלאַכע לאַגע פון די אידן אין פאַר־שיידענע לענדער האָט אונז געלערנט, אַז די דעמאָקראַטישע פרייהייטן פון

אַ לאַנד זיינען אַליין פאַר זיך ניט גענוג, אום אידן זאָלן דאָרט זיין גלייכבאַרעכטיקט. מיר האָבן געזען, אַז דאָס העכסט דעמאָקראַטישע פינלאַנד איז צו אונז ברוטאַל, און די מאָנאַרכיסטישע טערקיי איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון אידישער גלייכהייט און פרייהייט. מיר האָבן געזען צוויי שכנים־לענדער פון גלייכער פּאָליטישער אַנטוויקלונג, אונגאַרן און רומעניע: דאָס ערשטע — אַ לאַנד פון אידישער גלייכהייט, דאָס צווייטע — דער שוידערלאַכסטער גיהנם פאַר אונזערע ברידער. אויך האָבן מיר געזען, אַז אונזערע האָפנונגען קאָנען מיר ניט בויען אויסשליסלאַך אויף דער פרייהייטלאַכער טראַדיציע פון אַ לאַנד: וואָס דאַרף מען שוין מער מענטשלאַך און רעכטלאַך, ווי די היסטאָרישע טראַדיציע פון דער באַציאונג פון פּוילישן שטאַט צו די אידן — און היינט איז פּוילן דער שרעקןסימבאָל פאַר׳ן אידישן פאָלק! *)

די היסטאָרישע דערפאַרונג ווייזט אונז׳ אַלזאָ, אַז די ערשטע זאַך — איז אונזער אייגענער קאַמף פאַר אונזערע רעכט. און אַז אין דעם קאַמף קאָנען מיר נאָר טיילווייז רעכענען אויף די גערעכטיקייטס־געפילן ביי די פעלקער. אַ סך מער דאַרפן מיר זיך שטיצן אויף די אינטערעסן פון די אומות העולם, און די קעמפער פאַר אַ מאָדערנעם שטאַט זיינען פאַראינטערעסירט אין דער גלייכהייט פון אַלע בירגער פאַר׳ן געזעץ. ווייטער, קאָנען אונז באַהילפיק זיין די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, ספּעציעל נאָך דער היינטיקער וועלט־מלחמה. אין אונזער קאַמף פאַר רעכט אין רוסלאַנד וועט אונז גרינגער זיין צו פאַראינטערעסירן די עפנטלאַכע מיינונג פון דער וועלט, וויל די רוסישע רעגירונג האָט אַליין געזאָרגט דערפאַר, אַז די אידןפראַגע זאָל פון אַן אינערפּאָליטישער אנגעלעגנהייט ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער סקאַנדאַל און אַ סכנה פאַר דער גאַנצער ציוויליזאַציע. די פּאַגראָמען, די סטיכייאישע עמיגראַציע, דער ביילים־פּראָצעס און, ענדלאַך, די מיליטערישע פאַרניכטונג פון גאַנצע אידישע קהלות האָבן כסדר געווירקט אין אָט דער ריכטונג. די פּוילן־פראַגע איז אַליין פאַר זיך געוואָרן אַ ברענענדיקער אינטערנאַציאָנאַלער ענין, און דאָס לאָזט אונז האָפן, אַז די פּויליש־אידישע באַציאונגען וועלן געפינען אַ געהעריקע אויפ־

*) אַ רירנדע לעגענדע דערציילט, אַז ווען די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן זיינען געקומען קיין פּוילן, האָבן זיי געפרעגט ביי דעם סעים, אויב מ׳וועט זיי ניט מאָרדן, ווי אין אַנדערע לענדער. אַן ענטפער האָט מען זיי געגעבן — „פּאָלסקאַ שליאַכטאַ ניע מאָרדויע“ (די פּוילישע שליאַכטע מאָרדעט ניט). געפרעגט האָבן זיי ווייטער, אויב מ׳וועט ביי זיי ניט רויבן זייער גוטס, און דער ענטפער איז געווען: „פּאָלסקאַ שליאַכטאַ ניע ראַבויע“. ווייטער דערציילן אונז פאָלקס־לעגענדן, אַז אידן פלעגן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער רעגירונג פון פּוילן, און אפילו אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם פּוילישן קעניגס־טראָן. די לעגענדן זיינען היסטאָריש ניט ריכטיק, נאָר דערפאַר זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גליקלאַכער לאַגע פון די אידן אינ׳ם אַמאָליקן פּוילן.

מערקזאַמקייט בעת די פרידנס־אונטערהאַנדלונגען.

מיר האָבן געזען, אַז דאָס מיטלאַלטער האָט געהאַט זיין פאָרם פון פאַרטיידיקן די אידישע אינטערעסן: דאָס איז געווען שתדלנות — די פאָרם אָנגעמאָסטן צו דער דעמאָלטיקער וועלט פון פריווילעגיעס און הנחות. אין דער היינטיקער וועלט פון גלייכהייט פאַר'ן געזעץ איז שתדלנות ניט מער, ווי אַ ירושה פון מיטלאַלטער. זי ווערט ביי אונז פּראַקטיצירט נאָר פון די אָפּגעלעבטע און רעאַקציאָנערע שיכטן. דאָס מאָדערנע מיטל צו פאַרטיידיקן אונזערע אינטערעסן איז — פּאָליטישער קאַמף און אַ ברייטע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק. דאָס מיינט אַן אַלוועלטלאַכן אידישן קאָנגרעס אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

מיר דאַרפן זיין גרייט און אָרגאַניזירט צו זאָגן אונזער וואָרט מיט דער נויטיקער פעסטקייט אין דער ריכטיקער צייט, און צו אונטערשטיצן דיזעס וואָרט דורך מאַסן־דעמאָנסטראַציעס. מיר דאַרפן שטיין אויף דער וואַך, אַז ס'זאָל זיך ניט ווידערהאָלן דער סקאַנדאַל מיט'ן בערלינער טראַקטאַט אין רומעניען, וואו דורך יעזואיטישע דריידלאַך איז בטל געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע אריינמישונג צו אונזער טובה. מיר דאַרפן זיין אָרגאַניזירט ניט אויף אַ וויילע, נאָר אויף שטענדיק, ווייל דער קאַמף פאַר רעכט איז ניט קיין קאַמף אויף אַ וויילע, נאָר אויף שטענדיק, און אין פּראָצעס פון קאַמף וואַקסן אונזערע אינטערעסן, עס פאַרברייטערן זיך אונזערע רעכטס־פאַרלאַנגען, ס'עפענען זיך פאַר אונז אַלץ נייע און נייע פּערספּעקטיוון. ס'איז ניט גענוג אויסצוקעמפן זיך דאָס רעכט אין טעאָריע, מ'מוז אים אויף שריט און טריט נאָך אויסקעמפן, פאַרווירקלאַכן, פאַרטיידיקן אין דער פּראַקטיק. דער קאַמף פאַר אידישע רעכט פאַרלאַנגט אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע פון'ם אידישן פאָלק.

אין דער פּראַקטיק איז אַ רעכט געזיכערט בלויז דאַן, ווען אויסערהאַלב אָט ד'עם רעכט זיינען פאַראַן געוויסע גאַראַנטיעס. מיר האָבן געזען, אַז די מענטשלאַכע רעכט ווערן גאַראַנטירט דורך פּערזענלאַכע רעכט; אַז די פּערזענלאַכע רעכט ווערן גאַראַנטירט דורך בירגערלאַכע רעכט; אַז אין די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן ווערן די בירגערלאַכע און אַנדערע רעכט גאַראַנטירט דורך נאַציאָנאַלע רעכט. נאָר מיר האָבן אויך געזען, אַז רעכטלאָזיקייט שטאַמט פון מאַכטלאָזיקייט, און מיר קאָנען זיין זיכער, אַז אפילו די נאַציאָנאַלע אָנערקענונג און נאַציאָנאַלע עמאַנציפּאַציע וועלן אונז ניט געבן די פולע גאַראַנטיע אַזוי לאַנג, ווי דאָס אידישע פאָלק איז מאַכטלאָז אין דער וועלט, און פאַרמאָגט ניט קיין איינען לאַנד, קיין איינענעם שטיצפּונקט אויף דער ערד־קוגל אַזוי לאַנג, ווי מיר זיינען אַ באָדנלאָזע אויסנאַם צווישן אַלע פעלקער.

די אידישע רעכטלאָזיקייט וועט ניט אָפּגעשאַפט ווערן

ענדגילטיק און פולשטענדיק אזוי לאנג, ווי עס וועט פארבלייבן די אידישע היימלאזיקייט.

אט די אלע פראגן, די אלע פאזן פון אידישער עמאנציפאציע שטייען אויף דער טאגעס־ארדנונג אינ'ם היינטיקן שיקזאל־שווערן היסטארישן מאמענט, אינ'ם מאמענט, ווען די צייט איז טראגעדיק מיט נייע וועלטן און גרייט זיך זיי צו געבוירן אין איבערמענטשלאכע יסורים. אלע אט די פאזן פון בירעגערלאכער און נאציאנאלער רעכטלאזיקייט, פראגן פון אונזער געפאלנקייט און היימלאזיקייט שטייען און מוזן שטיין אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דער אידישער ארגאניזאציאנס־באוועגונג און פונ'ם אידישן קאנגרעס.

נאר מיר האבן אויך געזען, אז שטענדיק, אין אלע פאזן פון אונזער הונדערט־יאריקן קאמף פאר רעכט, שטענדיק האבן זיך אין אונזער אייגענער מיט, צווישן דעם אידישן פאלק, געפונען גאנצע שיכטן פון אינערלאכע פיינט, און זיי האבן מיט אלע מיטלען געקעמפט קעגן די רעכט פון זייער פאלק, מיט אלע מיטלען געשטערט אונזער עמאנציפאציאנס־קאמף. אידישע רעאקציאנערן האבן די אידישע באוועגונג גע־שעדיקט אין יענער צייט, ווען אונזער פאלק האט געקעמפט פאר בירגער־לאכער עמאנציפאציע. און היינט שטעלן זיך אויף די אינערלאכע קעגנער פון אונזער פאלק און ארגאניזירן זיך צו שטערן דעם היינטיקן שטרייט פאר נאציאנאלער עמאנציפאציע און פאר אן אייגענער היים.

אזוי היסטאריש שריט ביי שריט ווערט דער אידישער עמאנציפא־ציאנס־קאמף ברייטער אין פערספעקטיוון, און אלץ אויף נייע פאזיציעס קלייבן זיך אריבער די אינערלאכע פיינט פון אידישער פרייהייט און גלייכהייט.

אונזער עמאנציפאציע דארף אויסגעקעמפט ווערן ניט נאר אין דרויסן, נאר אויך אינווייניק, אינ'ם אידישן פאלק גופא: איצט, אזוי ווי אין די אמאליקע צייטן. דער קאמף פון אידישע רעכט ווערט פארוואנדלט אין א לאנגן און שווערן קאמף קעגן אסימילאציע און קעגן הפקרות. דער קאמף פאר רעכט ווערט פארוואנדלט אינ'ם קאמף פאר נאציאנאלן שטאלץ און נאציאנאלער אומאפהענגיקייט.

# מיט'ן פּנים צו דער ווירקלאַכקייט

דער ציוניזם שטייט מיט דעם פּנים צו דער ווירקלאַכקייט, בשעת די שונאי ציון קערן זיך אָפּ פון איר מיט'ן רוקן.

וואָס מיר האָבן פאָראויסגעזאָגט מיט פופצען, מיט צוועלף און מיט צען יאָר צוריק, און באַזונדערס ביים אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, איז איצט געוואָרן אַ פאַקט: אַ גערזיכערטע אייגענע היים פאַר'ן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער וועלט פּאָליטיק. דאָס איז דערווייל אַלץ, ניט מער, נאָר אויך ניט ווייניקער.

דאָס איז אונזער זיג, אַן אומצווייפלהאפטער זיג. אונזערער, פון אַלע ציוניסטן, ווייל ווען ניט די צוואַנציק־יאָריקע אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע פון ציוניזם, און ווען ניט די צען־יאָריקע פּראַקטישע רעוואָלוציאָנס־אַרבעט פון ציוניזם אין ארץ ישראל, וואָלט די פראַגע קיינמאָל ניט באַטראַכט געוואָרן ערנסט און וואָלט ניט אויפגעקומען אויף דעם גרינעם טיש פון די דיפּלאָמאַטן. בלויז מענטשן מיט אַ קינדערשן בליק אויף וועלט־געשעענישן און אויף פּאָליטישע פראַגן קאָנען זיך מאָלן, אַז די פראַגע וואָלט אַרויפגעבראַכט געוואָרן, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין ברייטע ציוניסטישע באַוועגונג. פאַרקערט, די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין דער פראַגע ניט קיין קלענערן חלק, איידער אַפילו דער בריטישער מאַרש אין ארץ ישראל. עס וועט זיין זעהר גוט, ווען אונזערע פריינט וועלן דאָס ניט פאַרגעסן, און עס וואָלט זיכער ניט געשאַדט, אַז אונזערע ניט־פאַרגינער זאָלן דאָס אויך פאַרשטיין.

קיין רעכט־פראַגע וועט קיינמאָל ניט אויפגעהויבן ווערן, אַזוי לאַנג ווי די אומגעטלבאַר פאַראינטערעסירטע פאַרלאַנגען עס ניט. אַזוי איז עס אויך מיט די אידישע רעכט. די גאַנצע געשיכטע באַווייזט אונז, אַז די אידן האָבן געקראָגן רעכט נאָר דאַן, ווען זיי האָבן עס פאַרלאַנגט, און נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער זיי האָבן פאַר די רעכטן געקעמפט. די ענגלישע און האָלענדישע רעוואָלוציעס פון 17טן יאָרהונדערט האָבן ניט געבראַכט קיין גלייכע רעכטן פאַר אידן, ווייל זיי האָבן עס ניט פאַרלאַנגט. די ערשטע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט קיין פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן ניט געבראַכט, ווייל זיי האָבן זיך צו־שפּעט געכאַפּט צו מאָנען, וואָס זיי קומט. פאַר דער רעוואָלוציע פון 1848־טן יאָר איז אייראָפּע איז ביי אידן די עמאַנציפּאַציאָנס־באַוועגונג געווען זייער שוואַך, און דערפאַר האָט יענע רעוואָלוציע טאַקע ניט געבראַכט קיין גרויסע

דערלייכטערונגען פאַר אידן.

אויב די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט תיכף אַראָפּגעריסן די קייטן פון דעם אידישן פאָלק, איז דאָס דערפאַר, ווייל עס איז פאַרגאַנגען פופציק יאָר פון אידישער עמאַנציפּאַציאָנס־באַוועגונג.

די רוסישע אידן האָבן אין זייער היינטיקער פרייהייט ניט קיין קלענערן חלק איידער די רעוואָלוציע אליין. אויב אונזערע הערצער זיינען פול מיט דאַנק צום רוסישן פאָלק, צום רוסישן אַרבעטער־קלאַס פאַר דעם עמאַנציפּאַציאָנס־אַקט, דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, אַז אַ גלייכער באַ־גייסטערטער דאַנק און אַנערקענונג קומט די אידישע משכילים פון די 60ער און 70ער יאָרן, און שפּעטער דעם „בונד" און די ציוניסטישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן מיט זייער קאַמף ערשט מעגלאַך געמאַכט אָט דעם ליכטיקן רעזולטאַט.

איך גיי נאָך ווייטער. די אויסערלאַכע ענדערונגען און געשעעניש קאָנען אַמאָל האָבן נאָך אַ קלענערן ווערט, איידער דער קאַמף פון די פאַראינטערעסירטע גופא. יעדע באַפרייאונג איז קודם כל די זאַך פון די פאַרשקלאַפטע גופא. אַזוי איז דאָס מיט'ן אַרבעטער־קלאַס, און ניט ווייניקער איז עס אויך מיט די אונטערדריקטע פעלקער. די בירגערלאַך־אידישע גלייכבארעכטיקונג אין צענטראַל אייראָפּע אין 1867־1870 יאָרן איז געקומען גאָר אָן אַ רעוואָלוציע, נאָר אַלס רעזולטאַטן פון האַרטנעקיגן קאַמף פאַר רעכט, צוגלייך מיט דער באַפעסטיקונג פון די קאָנסטיטוציאָנעלע פּרינציפּן אין עסטרייך, אונגאַרן און דייטשלאַנד.

גלייך ווי עס איז געווען מיט דער אַנערקענונג פון די בירגערלאַכע רעכטן פון די אידן, אַזוי איז עס אויך און וועט זיין מיט דער אַנערקענונג פון די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע רעכטן פון אידישן פאָלק אויף ארץ ישראל און מיט די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע רעכטן פון די אידישע מאַסן אין די גלות־לענדער. צו ערובערן אָט די רעכטן, איז, נאַטירלאַך, נויטיק אַ גינ־ציקע אויסערלאַכע סיטואַציע, — אָבער קודם כל, אַ שטאַרקע באַוועגונג ביי די אידן גופא, וועלכע זאָל וועקן דאָס אידישע פאָלק, ווי אויך דאָס געוויסן און די אינטערעסן פון די אומות העולם; אַ באַוועגונג, וועלכע זאָל אויסנוצן איטלאַכע גינציקע לאַגע פון די אַרומיקע כחות און איטלאַכע פאַסיקע קאָמבינאַציע פון פרעמדע אינטערעסן.

די פּראָפּאַגאַנדע אליין איז אין פּאָליטישער הינזיכט אַ סך ווייניקער פּראָדוקטיוו, איידער פּראַקטישע מעשים. שאַפט פאַקטן, פאַקטן און אָבער אַ מאָל פאַקטן — דאָס איז דער ווינקלשטיין פון פּאָליטישער וויזהייט. פאַקטן איבערצייגן בעסער ווי געדאַנקען. מעשים ווירקן שטאַרקער פאַר לאָזונגען. קרבנות אַגיטירן בעסער איידער רעזאָלוציעס. דערפאַר איז זיכער, אַז למשל דער „בונד" האָט אין דער עמאַנציפּאַציע פון די רוסישע אידן אַ גרעסערן חלק, איידער די גאַנצע אַגיטאַציאָנס־ליטעראַטור פאַר אידישע רעכטן, וועלכע איז אין משך פון פופציק יאָר געשאַפן געוואָרן פון די בירגערלאַכע „דערגרייכער". דער „בונד" האָט זיך ניט באַנוגנט

מיט די רייד, נאָר ער האָט געקעמפט און געבראַכט קרבנות, — דאָס הייסט, ער האָט געשאַפן פּאָליטישע פאַקטן, קליינע, אינדיווידועלע, יעדער איינער פאַר זיך אָן פּאָליטישן ווערט, נאָר צוזאַמען בילדן זיי איין גרויסן פאַקט, וואָס האָט איצט געבראַכט זיין פרוכט.*)

אַזוי איז אויך מיט'ן ציוניזם. די פּראַקטישע קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבעט אין ארץ ישראל מיט אירע ערפאָלגן, אומפאַרמיידלאַכע פעלערן און קרבנות האָבן געשאַפן יענע פּאָליטישע פאַקטן, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם היינטיקן רעזולטאַט. ווי קליין און שוואַך עס זאָלן דערוויילע ניט זיין די אידישע קאָלאָניעס, ווי פעלערהאַפט די סיסטעמען פון קאָלאָניזאַציע, און ווי יונג די ציוניסטישע אינסטיטוטן דאָרט, האָבן זיי דאָך אַ סך מער אויפגעטאָן פאַר דער אויפקלערונג פון אידישן פאָלק און פון דער גאַנצער וועלט, איידער טויזנטער שיינע פּראָגראַמען און דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען. איין געפאַלענער וועכטער האָט אין דער פאַרווירקלאַכונג פון ציוניזם אַ גרעסערן חלק, איידער אַלע אונזערע דעקלאַראַציעס.

די בעסטע גאַראַנטיע פון דעם ציוניזם ליגט פאָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און ניט אין אַ טשאַרטער. די גאַראַנטיע ליגט, קודם כל, אין דער אָרגאַניזאַציע פונ'ם אַלגעמיינעם ציוניזם און פונ'ם סאָציאַליסטישן ציוניזם. דאָס האָב איך געזאָגט מיט פופצען און צוועלף יאָר צוריק; און איך וועל ניט מיד ווערן עס איבער'חזר'ן אפילו היינט, ווען דער עולם ווערט אַזוי שוין צו־שטאַרק באַגייסטערט פון די פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע נייעס. איך האָב ניט מורא פאַר דער באַגייסטערונג, און אפילו ניט פאַר דער אַנטוישונג, וואָס קען שפּעטער קומען, — נאָר שעדלאַך איז די פאַרמישונג פון די יוצרות, מען זאָל ניט פאַרזען די ביימער מחמת דעם וואַלד. דער שיינער וואַלד פון פּאָליטישע פּערספּעקטיוון פאַר דעם ציוניזם האָט נאָר אַ קיום דורך זיינע ביימער — דורך די פּראַקטישע מעשים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דערווייל איז דער ערפאָלג נאָך ניט קיין רעאַלער, ער איז אייגנטלאַך

---

*) ריידנדיק פון „בונד“, מיין איך, נאַטירלאַך, נאָר דעם פּאָזיטיוון טייל פון זיין אַמאָליקער טעטיקייט. דער היינטיקער „בונד“ איז פונקט אַזוי ווייט פון דעם אַמאָליקן, און פונקט אין דערזעלבער ריכטונג ווייט, ווי דער היינטיקער „פאָרווערטס“ פונ'ם אַמאָליקן. אויב אב. קאַהאַן מעג ניט מערקן זיין ירידה, מעג דאָס אַ בונדיסטישער „בן־יחיד“ אויך. אָבער אויך אַמאָל איז דער „בונד“ ניט געווען כלו קאַמף, ניט כלו אידעאַליזם. דער עלעמענט פון ענגהאַרציקייט און איבערפלעכלאַכקייט האָט אויך דעמאָלט געגעבן אים ווייט ניט קיין פיינעם ריח. נאָר דער היסטאָרישער פאַרדינסט מוז דעם „בונד“ צוגעגעבן ווערן אין פולער מאָס. דעם פאַרדינסט האָבן מיר, איבעריגענס, אים מודה געווען נאָך מיט פופצען יאָר צוריק. אין 1906 האָב איך, צ. ב., געשריבן: „דער אידישער אַרבעטער־קלאַס וועט אַוועקשטעלן דעם „בונד“ פאַר זיינע פאַרדינסטן אַ פּראַכטפולן דענקמאָל — אין ירושלים.“

נאָר אין דער מחשבה. איך וויל דאָ זאָגן און טאַקע אונטערשטרייכן אַ זעלבסטפאַרשטענדלאכקייט: מיר האָבן נאָך ניט ארץ־ישראל. אַלע פאַרשטייען עס, נאָר ס'שאַדט ניט צו דערמאָנען. מיר האָבן נאָך אפילו ניט קיין אָפיציעלן צוזאָג צו געבן אונז ארץ ישראל. נאָר עס איז שוין קאָלאָסאַל דער פאַקט אַליין, וואָס דער ציוניזם איז ענדלאַך געוואָרן אַן ערנסטער ענין פאַר דער גרויסער פּאָליטיק אין דער וועלט. דאָס, אַליין פאַר זיך, איז אַזאַ זיג פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס וועט ברענגען זיינע גוטע פּאָליטישע פּראַצעדנטן אין דער צוקונפט, ווען אפילו דערוויייל זאָל זיך אויסלאָזן, חלילה, אַ מיסערפאָלג. די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז געווען אַ שמערצלאַכער דורכפאַל, אַבער אירע פרוכט האָט זי געבראַכט שפּעטער, און ווי געבראַכט. דעם אמת'ן טויט־קלאַפּ דעם צאַריזם האָט זי געגעבן, יענע טראַגישע רעוואָלוציע מיט איר טראַגישער אַנטוישונג. און דעם גרעסטן טויט־קלאַפּ דער גאַנצער גלות־אידעאָלאָגיע, דעם רעאַקציאָנערן אַנטי־ציוניזם, דער בלינדער, וויסטער הפקרות פון די שונאי ציון האָט געבראַכט אָט דער לעצטער זיג אונזערער.

די שנאה צום ציוניזם איז מאָראַליש דערשלאָגן געוואָרן אויף אייביק. איצט זעט די גאַנצע וועלט, אַז זי האָט מער ניט קיין געזונטן פּסיכאָלאָגישן און סאָציאַלן יסוד, אַז זי איז צופוילט דורך און דורך, אַז זי איז — די רעאַקציע און דער אָבסקוראַנטיזם אין דער אידישער וועלט. די שונאי־ציון, וועלכע האָבן זיך מיט אַזוי פיל חוצפה אוועקגעשטעלט מיט'ן רוקן צום לעבן, צו דער פרייהייט, זעען ניט, מיען זיך ניט צו זען, אַז דאָס לעבן האָט זיי געענטפערט מדה כנגד מדה: האָט זיך מיט'ן רוקן אָפּגעקערט פון זיי, ווי פון אָפּגעשמיסענע הושענות.

און אָט דער רעזולטאַט, זאָג איך, וועט בלייבן אפילו ווען די היינטיקע דיפּלאָמאַטישע סיטואַציע זאָל ניט ברענגען צו קיין פּאָזיטיוון רעזולטאַט.

לאָמיר האָפן, אַז די געשעעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען אַזוי, ווי עס פאָדערן די העכסטע אינטערעסן פון דער מענטשהייט און פונ'ם אידישן פאָלק און די לאָגיק פון דער מלחמה. די וועלט־מלחמה גייט איצט אַריבער פון איר אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע אין איר לעצטער, רעוואָלוציאָנערער סטאַדיע. און בכן לאָמיר האָפן, אַז זי וועט זיך אויסלאָזן ניט מיט קיין ווייטערער אונטערדריקונג, נאָר מיט דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער. עס איז כמעט ווי זיכער, אַז די ענגלענדער וועלן נאָך האָבן גענוג צייט איינצונעמען ארץ ישראל, מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע. עס איז כמעט ווי זיכער, אַז אַ רעוואָלוציע וועט אַראָפּשליידערן די האָהענצאָלערנס, די האַבסבורגס און צענטראַליסטישע יונג־טערקן. און אויב אַזוי וועט שוין מיט מאַטעמאַטישער זיכערקייט קומען אויך די אידישע רעפּובליק אין ארץ ישראל.

אַבער, ווער ווייסט! עס איז נאָך אַלץ ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער ראָד פון דער געשיכטע זאָל זיך ווידער קרום אַ דריי טאָן, און דעמאָלט

וועט, צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע טרוימען, אויך דער ציוניזם איבערלעבן אַן אַנטוישונג. און צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פינסטערלינגען און רעאַקציאָנערן, וועלן אויך די ריטער פון אידישער אַסימילאַציע און פון גלות־אַפּאָרטוניזם נאָך אַמאָל ארויפכאַפּן זיך אויפ'ן זאַטל. נאָר אייז פּאָזיטיווער רעזולטאַט וועט שוין בלייבן אויף דער צו־קונפט: איינמאָל געשטעלט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער וועלט־פּאָליטיק, וועט די ארץ ישראל פראַגע פון דאָרט שוין ניט אראָפּגיין. און די ציוניסטישע באַוועגונג, ווערנדיק אַלץ ברייטער און טיפער, וועט מיט אירע פּראַקטישע מעשים טרייבן די פראַגע אַלץ מער און מער צו איר ענדגילטיקער לייזונג, צו דער געזיכערטער אייגענער היים פאַר'ן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל.

דער ציוניזם איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין אידישן לעבן; ער וועט קומען — דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, דורך דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, דורך דעם פּועלי־ציוניזם, דורך אונזערע אינסטיטוטן, אונזער אַרבעט און אונזער קאַמף.

# ארץ־ישראל אַלס אַ לאַנד פאַר אידישע מאַסן

צווישן די אידישע ארבעטער ווערט אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז דאָס אידישע פאָלק נויטיקט זיך אין אַן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זעלבסטשטענדיקן צענטער און כמעט אַלע גיבן צו, אַז אויב אַ אידישער צענטער — וואָלט ער באַדאַרפט זיין אין ארץ־שיראל.

אָבער נאָך ניט אַלע זיינען איינפאַרשטאַנען, אַז די טערטאָריאַלע לעזונג פון דער אידן פראַגע איז אויך מעגלאַך, אַז זי קען זיך פאַרוואַנדלען פון אַ וואונש אין אַ פאַקט. אָפטמאָל קומט אוים צו הערן אַזוינע רייד: יאָ, מיר זיינען מסכים, ארץ־ישראל איז נויטיק פאַר׳ן אידישן פאָלק, אָבער צו קענען מיר קריגן ארץ־ישראל, און אויב יאָ, ווי אַזוי וועלן מיר זי קריגן?

מ׳קען באַטראַכטן די דאָזיגע פראַגע פון צוויי זייטן, ווייל דער אויס־דרוק „קריגן ארץ ישראל" האָט צוויי באַדייטונגען. ערשטנס, הייסט דאָס, באַקומען דאָס אָפיציעלע רעכט צו באַזעצן דאָס לאַנד און צו שאַפן דאָרט אַן אייגענע פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיקע אידישע געזעלשאַפט. צווייטנס, הייסט דאָס, פּאַקטיש באַזעצן גרויסע אידישע מאַסן אין ארץ־ישראל און בילדן אַ אידישע מערהייט אין לאַנד, צוויי פראַגן זיינען דאָס: צי איז מעגלאַך רעכטלאַך צו באַקומען ארץ־ישראל, אַז די מלוכות זאָלן איבער־געבן דאָס לאַנד אין רשות פון אונזער פאָלק? און צו איז מעגלאַך פּאַק־טיש צו ערגאָבערן ארץ־ישראל דורך אַ ברייטער אידישע קאָלאָניזציע

די רעכטלאַכע פראַגע, וועלכע הענגט אָפּ פון דער וועלט־פּאָליטישער לאַגע און פון אויסגאַנג פונ׳ם קריג, דאַרף באַטראַכט ווערן באַזונדער. אין דער היינטיגער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר זיך באַשרענקן מיט דער צווייטער פראַגע, ווי וועט ארץ־ישראל קענען ווערן אַ היים פאַר אידישע פאָלקס־מאַסן.

ארץ־ישראל איז ניט אַזאַ גרוים לאַנד, ווי דייטשלאַנד אָדער פראַנק־רייך, למשל; פונדעסטוועגן קען זי דאָך אריינגעמען אַ גרויסע באַפעל־קערונג. דאָס לאַנד איז אין שטח אַזוי גרוים, ווי בעלגיע, ווי די אינזל האַאיטי. אין בעלגיע וואוינען כמעט אכט מיליאָן מענטשן, אויף האַאיטי צוויי מיליאָן, און אין ארץ־ישראל סך הכל זעקס אָדער זיבן הונדערט טויזנט. ווען די אידן זאָלן זיך דערהויבן צו דער זעלבער מדרגה פון קול־טור, ווי די בעלגיער, קענען מיר אריינברענגען אין דעם קליינעם לאַנד נאָך די גרויסע מערהייט פון אונזער צוזייטן פאָלק, אַלע רוסישע און עסטרייכישע אידן צוזאַמען. אויב די אידן זאָלן זיך אָראָפּלאָזן צו יענער

מדרגה פון קולטור, אויף וועלכער ס'שטייען די האאיטישע נעגערס און מולאטן, קענען מיר נאָך באזעצן אין דעם לאַנד אַלע אידן פון די צוראַבירטע פראָווינצן פון פוילן און גאַליציען.

און ווען מיר זאָלן באקומען די עפנטלאַך־רעכטלאַכע מעגלאַכקייט, צו קאָלאָניזירן ניט ארץ־ישראל אַליין, נאָר אויך אירע נאָכבאַר־לענדער, מעסאָפּאָטאמיען און על־עריש, קענען מיר, בא דער קולטור, אינטעליגענץ און אַרבעטספייאיגקייט פון נעגערס אָדער מאָנטענעגרינער, געפינען דאָרט גענוג פּלאַץ פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק מיט אַלע קינדס־קינדער אין משך פון הונדערטער יאָרן.

די נאַטירלאַכע באדינגונגען פון קלימאַט און באָדן אין פּאַלעסטינא, זיינען לויט דער מיינונג פון די בעסטע ספּעציאַליסטן, ווי פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג, אוהאַנגען און פילע אַנדערע — זייער גינציק פאַר אַ גרויסע מאַסן־קאָלאָניזאַציע. דער קלימאַט פון לאַנד איז אין אַלגעמיין אַ געזונטער, נאָר ער ווערט נעשטערט דורך געוויסע אָרטיגע קראַנקהייטן. דאָס זיינען אָבער שטערונגען, וואָס קענען און ווערן שוין אצינד סיסטעמאַטיש באזייטיקט דורך ציוויליזאַטאָרישע און סאַניטאַרישע אונטערנעמונגען. אַ סך קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, וואָס זיינען געווען זומפּן מיט דרייסיק יאָר צוריק, זיינען אַ דאַנק אַזוינע מיטלען געוואָרן בליענדע גערטנער און קור־אָרטן. וואָס דער מענטשלאַכער שכל האָט געקאָנט דערגרייכן אין שטאָט פלאָרידאַ, אויף דער קובאַ־אינזל, אין בראַזיליען, אין פּאַנאַמאַ, וואו ס'פלעגן אויך הערשן מאַלאַריאַ מיט אַנדערע מגפות, דאָס וועלן אויך די אידן קענען באווייזן.

דער באָדן אין פּאַלעסטינא איז בטבע אַ רייכער און אַ פרוכטבאַרער, ווי דאָס באווייזט דער פאַקט, אַז בעת דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט פלעגן זיך אין לאַנד מפרנס זיין עטלאַכע מיליאָן נפשות. דאָס לאַנד איז אָבער איצט אויך שטאַרק פאַרלאָזט און פאַר'יתום'ט. דאָ דאַרף קומען די מאָדערנע וויסנשאַפט מיט אירע וואונדערבאַרע מיטלען צו באַפרוכטפערן אַ פאַר'יתום'טן באָדן. דורך באוואַסערונג, פרוכט־וועקסל. אויך דער באָדן פון איטאַליע און די באַלקאַן־לענדער איז געלעגן פאַרוויסט הונדערטער יאָרן, ביז די מענטשן האָבן זיך פאַר אים גענומען און אין לויף פון עטלאַכע צענדליגער יאָרן פאַרוואַנדלט די וויסטענישן אין וועלדער, פעלדער און בליענדע שטעט.

דאָן, די אינדוסטריע, וואָס קען רייך מאַכן אפילו די אָרימסטע, פאַרוואַרפנסטע ווינקלאַך! אינדוסטריע הענגט אָפּ סיי פון די אָרטיקע נאַטור־באַדינגונגען, סיי פון דעם אונטערנעמונגס־גייסט ביי דער באַפעלקערונג. ס'זיינען שוין דאָ אייניקע אייזנבאַנען אין לאַנד, נאָר די אידישע קאָלאָניזאַציע וועט דאָרט ערשט אויפבויען אַ געדיכטן נעץ פון באַנען. ס'איז אַ סברה, אַז אין לאַנד געפינען זיך באַגראָבן אונטער דער ערד־פלאַך אַ סך וויכטיקע מעטאַלן און מינעראַלן. אויב אָבער אין ארץ־ישראל אי זאָפילו ניטאָ קיין קוילן אָדער קיין נאַפט (געזאָגן זאָגן, אַז ס'איז

יא פאראן) — האבן מיר דאך דעם ביישפיל פון איטאליע און די באל־קאן־לענדער, וואס באזיצן אויך ניט קיין אייגענע קוילן און נאפט, דאך אנטוויקלען זיי אן אייגענע אינדוסטריע. ווייטער, באזיצט ארץ־ישראל א גרויסע קראפט פונ׳ם וואסער־שטראם פון ירדן, וואס קען פארזארגן מיט ענערגיע דאס גאנצע לאנד.

צווישן די באדינגונגען פון אידישער קאלאניזאציע איז באזונדערס וויכטיק דער פאקט, וואס ארץ־ישראל איז ענג פארבונדן מיט׳ן וועלט־מארק: פון אלע טערקישע פראווינצן איז דאס די לעבעדיקסטע אין זינען פון וועלט־האנדל, פון ארויספיר און ארייננפיר. דאס קומט פון דער אידישער קאלאניזאציע. פאר אלץ, וואס אידן פראדוצירן אין ארץ־ישראל, האבן זיי א פארטיקן מארק אין די גלות־לענדער. און דורך די פארמיט־לונג פון די אידן אין די גלות־לענדער קענען די פראדוקטן פון ארץ־ישראל גלייך ארייינדרינגען אינ׳ם מארק פון פרעמדע פעלקער, ווי מיר זעען דאס שוין איצט מיט די פראדוקטן, וואס אידן פירן ארויס פון ארץ־ישראל (אראנזשן, כרמל־וויין).

ארץ־ישראל פירט אריין צו זיך פון פרעמדע לענדער א סך אזוינע סחורות, וואס אידן וואלטן געקאנט צום בעסטן באזארגן אויפ׳ן ארט. זי פירט אריין קליידער פון ווין, בעת די אידן זיינען די בעסטע שניידער אין דער וועלט און וואלטן אליין געקענט פארזארגן מיט מלבושים אי ארץ־ישראל אי דעם גאנצן אריענט. ארץ־ישראל פירט אריין ציגארעטן פון מצרים, שיך פון עסטרייך, קאפעליושן פון איטאליע, כעמישע שטאפן פון מצרים און פון איטאליע, זייגערס פון דייטשלאנד און דער שווייץ. בעת אידן זיינען די בעסטע מייסטער פאר אזוינע מלאכות.

גאנצע שטעט אין ארץ־ישראל קענען אויסגעבויט ווערן פון אידישע פאבריקן מיט אידישע ארבעטער.

דאס זיינען דערווייל נאר מעגלאכקייטן. וואס פון דעם וועט פאר־ווירקלאכט ווערן, — דאס וועגדעט זיך אן דער ענערגיע, וואס דאס אי־דישע פאלק, און גאנץ ספעציעל די אידישע ארבעטער וועלן ארויסווייזן אין דער קאלאניזאציע. מיר וועלן אבער ניט באדארפן צו בויען אלצדינג פון ס׳ניי אויף א ווילד־פרעמדן באדן, ווייל אין ארץ־ישראל איז שוין א סך אויפגעבויט געווארן אין לאנד דורך דער דרייסיק־יאריקער ארבעט פון פיאנערן. דאס איז דער נייער ישוב איז די קאלאניעס און אין די שטעט.

די פיאנערן האבן אונטער די שווערסטע, שרעקלאכסטע באדינגונגען אויפגעבויט א אידישן ישוב, וואס איז נאך ניט געזיכערט פאליטיש, האט נאך ניט קיין רעכטלאכע גאראנטיעס, שטעלט מיט זיך אבער שוין פאר א הויכן עקאנאמישן און קולטורעלן ווערט: דער קליינער ישוב, וואס מיר האבן שוין אין לאנד, איז פאקטיש אויטאנאם, אומאפהענגיק סיי פון טער־קיי, סיי פון דער אראבישער באפעלקערונג, אין זיין קולטורעלער און געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג. דאס איז אונזער אידישע באלעבאטיש־

קייט, — אַ קליינע באַלעבאַטישקייט, נאָר אַ זעלבסטשטענדיקע. אַזאַ קולטורעלע און עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט גענינען מיר אין ערגעץ ניט, אפילו ניט אין די פרייסטע לענדער פון דער וועלט.

דאָס האָבן געקענט אין ארץ־ישראל שאַפן איינזאַמע פּיאָנערן מיט זייערע באַשרענקטע מיטלען און אָן שום ערפאַרונג. וואָס'זשע וועט קענען דאָרט שאַפן דאָס גאַנצע געאייניקטע און אָרגאַניזירטע אידישע פאָלק?

אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן זיינען אַנטשטאַנען גרויסע קאָלאָניעס אין די אַמאָליקע וויסטע לענדער. די „וועסט" אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, בראַזיליע, אַרגענטינע, דרום־אַפריקע, עגיפּטן — זיי־נען געוואָרן בליענדע מדינות אַ דאַנק דער סיסטעמאַטישער אַרבעט פון פעלקער און רעגירונגען. אויך אין פּאַלעסטינע קען אַנטשטיין אַ רייכער שטאַט מיט אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. דערצו זיינען נויטיק אָרגאַניזירטע פאָלקס־קרעפטן. מיר האָבן אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אַ לאַנד אָן אַ פאָלק. לאָמיר זיי צונויפברענגען צוזאַמען!

באַדענקט דאָס אידישע אַרבעטער, איר וועט איינזען, אַז ארץ־ישראל אַלס אַ לאַנד פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן איז ניט קיין חלום, נאָר אַ גרויסע היסטאָרישע מעגלאַכקייט. באַטראַכט דאָס, חברים אַרבעטער, און איר וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר ווילן אַ אידישן קאָנגרעס מיט דער פּלאַטפאָרם פון אַ פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיקער אידישער היים אין ארץ־ישראל.

(„אידישער קאָנגרעס", 13טן אויגוסט, 1915.)

# דער טעראָריסט און דער וועכטער

## (צום דערשיינען פון זאַמל-בוך „יזכור“)

אַ מיטל-געוואַקסענער פּויערל מיט אַ צעשויבערט בערדל און קליינע הכנע'דיקע גרויע אויגן, וואָס דערציילן פון שווערער פּראַצע אָן אַ האָפענונג און פון באַהאַלטענעם פּראָטעסט, זיצט איינגעבויגן אויפ'ן בעטל פון געפענגניש, טראַכט, מסתמא, זיין בלייערנע מחשבה וועגן ערד און פריי-הייט. פּלוצלונג, רופט ער זיך אָפּ צו מיר — איך „זיץ“ מיט אים און נאָך אַנדערע „גוים“ אין איין קאַמער, פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס, אין אַ תפיסה פון דרום-רוסלאַנד — קערט ער זיך צו מיר צו:

— זאָגט-זשע, פּאַניטשו, וועט מען יענע צוויי נייע געפאַנגענע הענגען?

— כ'ווייס ניט, מסתמא הענגען, — שלייכט זיך אַרויס פון פאַרקלעמ-טער ברוסט אַן ענטפער, אָן מיין ווילן און אָן מיין הסכמה.

— ווי-זשע איז דאָס, פּאַניטשו, זיי האָבן זיך דאָך פאַר אונז אַלעמען איינגעלייגט, קלעקט אונז קיין ערד ניט, דער גובערנאַטאָר האָט אונז אַלעמען געשמיסן, מיר האָבן אַלע זיי געבענטשט, אַז זיי האָבן דעם גובער-נאַטאָר געשאָסן — פאַרוואָס-זשע וועט מען זיי הענגען און אונז ניט? פּאַניטשו, איז דאָס יושר?

זיצט ער ווייטער אָן באַוועגונג. און איך קנעט אַפּאַטיש געפענגניש-דאַמקעס פון קאַזיאָנעם שוואַרץ-ברויט, צו שפּילן דאַמקעס מיט דעמזעלביקן פּויער.

— איז זיינען זיי דאָך אונזערע העלדן! — פאַרענדיקט פּלוצלינג דער פּויער זיין דערשראָקענעם געדאַנק, און די אויגן ווערן מיטאַמאָל גרעסער, די גאַנצע וואַכעדיקע פיגור פונ'ם דאָרפישן „בונטאָוושטשיק“ נאָך קלענער, נאָך מער צוזאַמענגעקאָרטשעט.

„זיינען זיי דאָך אונזערע העלדן“. דער גוי האָט צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען דאָס מאָדנע וואָרט. „טאַק וואָני-זשע נאַשי העראָאי“. איצט ערשט ווערט אים קלאָר דאָס פרעמדע וואָרט „העראָאי“, וואָס ער האָט ערגעץ געהערט קלינגען, נאָר ס'האָט זיך ניט געקלעפּט צו זיין וואַכעדי-קער דערפאַרונג.

דער נאַאיווער און פרומער אויסרוף פון יענעם פּויער שוועבט די גאַנצע צייט אין מיין זכרון ווען איך קאָרטשע זיך אַריין אין דעם פּראַכטפול-שוידערלאַכן בוך, אין דעם „יזכור“-בוך, וואו איטלאַכע שורה און איטלאָך בילד זאָגט דיר מוסר, וואָס „יענע זיינען אונזערע העלדן“

און פאַרוואָס זיי פאַלן אַ קרבן פאַר אונז.

פון יענע צוויי העלדן, וואָס מען האָט זיי געזאָלט הענגען אַלס קרבן פאַר די געשמיסענע פּויערים, איז איינער אַ אידישער בחור געוועזן. זיין יוגנטלאַכן ענטוזיאַזם, זיין דורשט מפקיר צו זיין זיך פאַר דעם כלל — האָט ער אָפּגעגעבן דעם פרעמדן פאָלק, זיין לעבן האָט ער איינגעזעצט פאַר פרעמדע ערד און פרייהייט. קיין טיפער „טעאָרעטיקער" איז ער ניט געוועזן, אין קיין געהיימע דיסקוסיאָנס־פאַרזאַמלונגען פלעגט ער ניט אַרויסטרעטן: אַרויסגעוואָרפן אין שטרענגער „קאָנספּיראַטיווער"־פאַרגעסנ־הייט זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער געטראָגן פרעמדע קריסטלאַכע נעמען, אין יעדער שטאָט אַן אַנדער נאָמען. איך ווייס נאָך עד־היום ניט זיין אידישן נאָמען, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי מורא געהאַט, נאָר געקענט האָב איך אים נאָך „אויף דער פרייהייט" און פלעג אַמאָל פאַרקניפּן מיט אים אַ געשפּרעך מכח דער אידישער לאַגע.

— עי, איר שאָוויניסטן, בורזשואַס, איר פאַרשטייט ניט, אַז אַלצדינג קערט זיך אָן דער אַגראַר־פראַגע. גיט דעם רוסישן פאָלק זיין ערד און זיין פרייהייט, וועט קיין אידן־פראַגע מער ניט זיין.

דער איבערצייגטער ענטפער פלעגט אָפּקלינגען מיט גוטמוטיקער פעסטקייט. ער האָט געבליקט אויף מיר, ווי איינער, אַ רייכער מנדב, קוקט אויף אַ פאַרשייטן אַרימאַן, וועלכער איז אים מוחל די נדבה; און פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעשיינט אַ שטומער פאַרוואָרף:

איך וויל דאָך אָפּגעבן מיין לעבן פאַר דער ערד און פרייהייט פאַר אַלעמען גלייך, פאַר די פּויערים און פאַר דיר, און דו, נאַרישער שאָוויניסט, ווילסט אפילו מיין קרבן ניט צונעמען!

ניין, איך האָב זיין קרבן ריכטיק אָפּגעשאַצט און די קרבנות פון הונדערטער אַנדערע אַזוינע אידישע בחורים ווי ער, וואָס האָבן זייער פאַר־חלום'טן קאָפּ אָפּגעגעבן פאַר יענעם. נאָר איך בין ניט געוועזן באַפרידיקט דערמיט. דאָס זיינען ניט א ו נ ז ע ר ע העלדן.

און אויסגעשטאָרבן איז דער וואונדערבאַרער דור פון יענע עטנוזיאַסטן, אויסגעלאָזט זיינע אַטעמס אונטער די הענט פון דעם צאַר'ס תלינים. די פאַרבליבענע האָבן זיך מישב געווען אויף אַ קליגערער זאַך: אָפּגעקומען אונזער חלק עולם־הבא, היינט לאָמיר געניסן פון עולם־הזה. די געוועזענע אידישע רעוואָלוציאָנערן זיינען קאַריעריסטן געוואָרן.

נאָר דער דאָרשטיקער גייסט פון אונזער אידישער יוגנט איז ניט דערשטיקט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער יאָגעניש נאָך פאַרגעניגן און קאַריערע. געבליבן איז נאָך וואו־ניט־וואו דער אידעאַליזם, געלעבט האָט נאָך אין די פאַרבאָרגענע טיפענישן פונ'ם פאָלקס־גייסט דער דראַנג נאָך גרויסע היסטאָרישע מעשים. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל האָט אָנגעהויבן צו פלאַקערן מיט הייליקע פונקען פון התלהבות. און אויפ'ן אָרט פון ז י י ע ר ע העלדן זיינען געקומען א ו נ ז ע ר ע איינענע, וואָס לייגן איין זייער לעבן פאַר אידישער ערד און אידישער פרייהייט.

דער הינגעריכטעטער אידישער טעראָריסט האָט געפונען אַ ווירדיקן נאָכפאָלגער אינ׳ם אידישן וועכטער. אַ ווירדיקערן נאָך פאַר דעם ערשטן. דער ערשטער האָט זיין אידישן נאָמען פאַרלייקנט און מיט אַ קריסטלאַכן „לייבל" אויפ׳ן שטערן צו דער תליה געגאַנגען, און דער נאָכפאָלגער זיינער האָט זיין וואַכעדיקן געטאָ־נאָמען פאַרביטן אויף אַ נאַציאָנאַלן, מיט היסטאָרישע רמזים און האָפנונגען פאַרבונדן.

ז י י ע ר ע העלדן האָבן זיך פון וועלוועלס און בערלס אין אַנטאָניס און קאָנדראַטיס איבערגעדרייט: די נייע העלדן, אונזערע, די ארץ־ישראל׳דיקע זיינען מיט נייע נעמען ארוים, מיט נעמען פאַר איינגענער ערד און פרייהייט: שמואלי, אחדותי, ראובני — הייסן זיי.

אין די הונדערטער ציילן זיי היינט און אין די טויזנטער וועלן זיי מאָרגן ציילן, ווייל אַ טייל פון זיי האָט שוין אָפגעגעבן זייערע קערפּערס צו באַפרוכפּערן די אידישע ערד, מאַכן זי פעט מיט יונג בלוט און מיט יונגע מוסקולן, אז פון איר זאָל אויסשפּראָצן דער פרישער בוים פון אידישער פרייהייט.

דאָס זיינען די פאַרקעמפער פון די אידישע פעסטונגען אין ארץ־ישראל, די וועכטער פון אידישן פאָלקס־פאַרמעגן. און אַ טייל פון זיי איז געפאַלן, דערפילנדיק די פרייוויליקע פליכט.

דער טעראָריסט איז לכתחילה געגאַנגען אויף מאָרד און זעלבסט־מאָרד, ווייל פאַרמאָסטן האָט ער זיך מיט זיין גליענדן האַרץ אונטערצוצינדן דעם גאַנצן בנין פון הונדערט־יאָריקן דעספּאָטיזם, צו ברעכן מיט זיין אייגענעם קאָפּ די אַזיאַטישע מויערן פון שקר און פינסטערניש. דער היינטיקער אידישער קעמפער אין ארץ־ישראל גייט אָבער אַהין ניט צו צושטערן, נאָר צו בויען, ניט צו מאָרדן און געמאָרדערט צו ווערן, נאָר צו באַפרוכפּערן די ערד דורך פרידלאַכער, ברכה־ברענגענדיקער ארבעט. נאָר די ווילדע צושטאַנדן אינ׳ם פאַרנאַכלעסיקטן לאַנד זיינען פיינטלאַך צו זיין פרידלאַכער ארבעט, און ער איז געצוואונגען צו באַוואָפענען זיך קעגן די האַלב־ווילדע מענטשן. אונזערע אידישע העלדן זיינען דער היפּוך פון טעראָריזם, נאָר זיי פאַלן אַ קרבן מיט׳ן פולן באַוואוסטזיין פון דער נויטיקייט און אומפאַרמיידלאַכקייט פון זייער שיקזאַל.

אַ נייע פראַכטפולע תפלה האָט די הינע אידישע יוגנט פאַרפאַסט אויף די קברים פון די געפאַלענע אידישע ארבעטער און וועכטער אין ארץ־ישראל, אַ תפלה פון פרייהייט און האָפנונג, פון שטאָלץ און איבער־צייגונג און געלאָזט די תפלה אין דער גרויסער וועלט אין דער מאָדערנער פאָרם פון אַ בוך. „יזכור" הייסט דאָס בוך, דאָס שוואַרצע בוך פון זכרונות און פאַקטן. דער נייער „יזכור" וויינט ניט אויף די „קדושים", ער ברעכט ניט די הענט אין אוממעכטיקן טרויער פון אל מלא רחמים, נאָר מיט יראת־הכבוד איז ער מזכיר נשמות, ווי דאָס טוען קעמפער, באַ־וואונדערנדיק די מעשים פון זייערע מיטקעמפער. ניט ווי אבלים און יתומים זיינען זיי מתפלל, די אויטאָרן פונ׳ם זאַמלבוך, נאָר ווי שטרייטער,

וואָס ליגן אַף אַ פייערלאַכע שבועה אויפ׳ן קבר פון זייערע ברידער.

און דעם זונטיק וועלן זיך אויפזאַמלען די גע̆בליבענע אַרבעטער און וועכטער. און דאָרט וועט פאַרטיילט ווערן דאָס שוואַרץ־געהילטע בוך צוזאַמען מיט דער איינציקער ירושה פון די פאַרשטאָרבענע: מיט זייער אידעאַליזם, וואָס זיי האָבן, אויסלאָזנדיק דעם אָטעם, אָנפאַרטרויט צו די לעבן געבליבענע.

מיר וועלן זיך אויפזאַמלען און דערמאָנען די נעמען פון יענע יונגע־לייט, וואָס זיינען געלאָפן פון די דושנע שטעט און אָרימע שטעטלאַך אין די רייכע בערג און פרייע וויסטענישן פון ארץ־ישראל. און איבער אונזערע קעפּ וועט אויף שטילע פליגלען שוועבן דער אומשטערבלאַכער גייסט פון די אוועקגעגאַנגענע — דער גייסט פון פרייער אַרבעט אויף דער באַ־פרייטער ערד.

(„ווארהייט“, ניו יאָרק, 1916.)

# ארץ ישראל אין אונזער פראָגראַם און טאַקטיק

„נייע צייטן — נייע פויגלען, נייע פויגלען — נייע לידער" — האָט דער דיכטער געזאָגט. אויך אויף אונז איז די צייט ניט אַריבער אָן ווירקונג, און זי האָט געמוזט ביי אונז אַרויסרופן אויך נייע ווערטער און נייע מעשים. מיט 12 יאָר צוריק זיינען מיר אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף דער אידישער גאַס, ווי אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיי. פון דאַן אָן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און רייף געוואָרן דער פּראָלעטאַריאַט בכלל, אין משך פון דער צייט איז אויך שטאַרקער און רייפער געוואָרן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט.

אַמאָל האָט דער פּראָלעטאַריאַט געשטרעבט בלויז אָפּצושאַפן די מניעות אויף זיין וועג, איצט אָבער וויל ער אויך שאַפן, בויען אַ ניי לעבן. אויך אונזערע שטרעבונגען זיינען גרעסער געוואָרן, און מיר מוזן דעריבער אויך ברייטער מאַכן אונזער פּראָגראַם.

מיר ווילן אויך רייכער און בויגזאַמער מאַכן אונזער טערמינאָלאָגיע. אַמאָל האָבן מיר נאַאיוו־רעאַליסטיש געקוקט אויפ'ן לעבן, און בלויז פון דער רעאַלער זייט האָבן מיר אויך פאָרמולירט אונזערע פאָדערונגען. איצט האָבן זיך אָבער ביי אונז באַוויזן אויך קולטורעל־עסטעטישע באַדערפנישן, און אויך פאַר זיי ווילן מיר געפינען אַן אויסדרוק.

לאָמיר נעמען דעם סאָציאַליזם. ער האָט זיינע פאַרשידענע מאָמענטן. עקאָנאָמיש הייסט עס: סאָציאַליזאַציע: פאַרגעזעלשאַפטלאַכן די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען. פּאָליטיש: די דיקטאַטור פון די אַרבעטענדיקע מאַסן. ער האָט אָבער אויך אַ געפילס־מאָמענט. ער וויל אָפּשאַפן די ממשלה פון עגאָאיזם, מאַכן אַ סוף צו דעם תוהו ובוהו, צו דער הפקר'דיקער אַנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דיזעלביקע דריי מאָמענטן געפינען מיר אויך אין ציוניזם.

עקאָנאָמיש הייסט עס: די קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן אין ארץ ישראל. פּאָליטיש: באַקומען פאַר דעם אידישן פאָלק אין ארץ ישראל אַ טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. און אויף דער געפילס־שפּראַך: די שטרעבונג צו אַן אייגענער היים.

אַט די באַדערפניש צו געבן אַן אויסדרוק אויך אונזערע געפילן איז ביי אונז פאַר דער לעצטער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן, און מיר שעמען זיך מיט איר ניט. דער חשש פון „למה יאמרו הגוים" קימערט אונז מער ניט...

מיט 12 יאָר צוריק האָבן מיר זיך געהאַלטן אָן דעם געוויסן ווערטל פון פּראָסטן המון, וועלכער זאָגט: „בעסער אַ איד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ אידן". מיר האָבן דאַן ניט געהאַלטן פון ראָמאַנטיק, אָרנאַ־

מענטן און באַפּוצונג. עס האָט אויך דאָן געמוזט זיין אַזוי. מיר האָבן דאָן געפירט אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן: קעגן „בונד" פון איין זייט און קעגן די ציוניסן פון דער אַנדער זייט. און כדי מען זאָל אונז ניט פאַרבייטן מיט די לעצטע, האָבן מיר זיך געמוזט שטאַרק באַמיען אויך צו זיין שטאַרק אָפּגעהיט מיט אונזער טערמינאָלאָגיע. דאָך מוז איך זאָגן, אַז באמת האָבן מיר אויך דאָן ניט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די כלומר'שט טריפה ווערטער, און אויך אין אונזער פּראָגראַם, וואָס איז דאָן אויס־געאַרבעט געוואָרן, וועט איר געפינען אומעטום די ווערטער: „דאָס אידיש פאָלק".

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָבער אַ סך געענדערט. דער חילוק צווישן אונז און די אַנדערע פּאַרטייען איז גענוג קלאָר און בולט געוואָרן. קיינער וועט אין אונז מער קיין טעות ניט האָבן. איצט איז אַלזאָ געקומען די באַדערפעניש צו ריידן אין אַ נייער, רייכערער טערמינאָלאָגיע. מיר מעגן און מיר דאַרפן איצט אויך געברויכן די געפילס־שפּראַך, איצט קאָנען מיר און דאַרפן זאָגן: ארץ ישראל, אַ אידישע היים!

נאָר סוף כל סוף איז דאָס אַלץ ניט אַזוי וויכטיק. דער עיקר איז אונזער פּראָגראַם, און דאָ בלייבט אַלץ ווי געווען. אונזער אויסגאַנגס־פּונקט בלייבן אַלץ די קלאַסן־אינטערעסן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, דער צוועק צו וועלכן מיר שטרעבן — דער סאָציאַליזם, דער ציוניזם — דער מאַקסימאַלער פּונקט פון אונזער מינימום־פּראָגראַם. און דער וועג צו פאַר־ווירקלאַכן אונזער פּראָגראַם — דער קלאַסן־קאַמף.

אונזער קלאַסן־קאַמף איז אָבער אַן אויסערגעוויינלאַכער און אומ־נאָרמאַלער. אים שטערן די אַלגעמיינע באַדינגונגען, אין וועלכע עס גע־פינט זיך די גאַנצע נאַציע. אים שטערט דער נאַציאָנאַלער קאַמף, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר, ווי מיר האָבן שוין אַמאָל געזאָגט, אַ צוזאַמענשטויס פון די פּראָדוקציאָנס־כחות פון דער נאַציע און די פּראָדוקציאָנס־באַדינ־גונגען, אין וועלכע זי געפינט זיך.

שוואַך איז אַמאָל געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט. זיין קאַמף איז באַשטאַנען בלויז פון רעגוליאַטיווע, באַ־פרייענדיקע מאָמענטן. ער האָט זיך ניט אינטערעסירט ניט מיט דער דיפּלאָמאַטיע, ניט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. וואָס זעען מיר אָבער איצט? דער קאַמף אַרום דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין צימער־וואַלד, אַרום דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם ווייזט אויף אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה אינ'ם קאַמף פון אַלוועלטלאַכן פּראָלעטאַריאַט. און אַט אין דעם מאָמענט קומט דער אידישער אַרבעטער מיט זיין גרויסער התלהבות, מיט זיין געוואַלטיקער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. אָבער זיין ווירקונג איז און מוז בלייבן קליין, ווייל ער איז פאַרצאַמט אין ענגע ראַמען. ער איז ווי דער פּראָמעטעאוס, וועלכער איז צוגעשמידט צום פעלז... און אָט די טראַגעדיע ברענגט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו פילן די נויטווענדיקייט פון אַ לאַנד פאַר'ן

אידישן פֿאָלק. זי דאַרף דינען פֿאַר'ן אידישן אַרבעטער־קלאַס ווי אַ סטראַ־טעגישע באַזע אין זיין קאַמף, — ניין, נאָכמער: אַ באַזע פֿאַר זיין שאַפֿן.

אַמאָל האָבן מיר אַלץ געזאָגט: דער ציוניזם איז אַ סטיכישער פּראָ־צעס: מיר דאַרפֿן בלויז אָפּשאַפֿן די מניעות אויף זיין וועג, און אַזוי אַרום האָבן מיר געלאָזן די גאַנצע שאַפֿנדיקע אַרבעט בלויז דער בורזשואַזיע.

עס זיינען אָבער דאָ מעכאַנישע און אָרגאַנישע סטיכישע פּראָצעסן. און ווען מיר האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די סטי־כישע עמיגראַציע — איז עס ניט געווען אמת. פֿאַרלויפֿיק האָט זיך בלויז אָנגעהויבן די אָרגאַנישע אַרבעט. אין דער הינזיכט זיינען די ציוניסטן געווען גערעכטער פֿאַר אונז.

מיר פֿאַרשטייען אויך, פֿון וואַנען עס האָבן זיך גענומען אונזערע דאַמאָלסדיקע מיינונגען. דאָס איז געווען אַ גרויסע רעאַקציע קעגן דער מיינונג, וואָס האָט דאַן געהערשט צווישן די ציוניסטן. אַז אַלץ איז אָפּ־הענגיק בלויז פֿון ווילן פֿון פֿאָלק.

דער נסיון פֿון דער אַרבעט אין ארץ ישראל האָט אונז אָבער גע־בראַכט צו גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. די קאָלאָניזאַציע איז בכלל זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע, און אין באַזונדערס שווערע באַדינגונגען געפֿינט זיך די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. און דאָך זעען מיר, אַז נאָך אַלע מניעות און די פֿעלערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, שטאַרקט זי זיך וואָס ווייטער אַלץ מער, און אויך אירע מעטאָדן ווערן אַלץ פֿולקומער, זיי דערנענטערן זיך צום סאָציאַליסטישן אידעאַל. איך מיין דאָ די קאָ־אָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע בכלל, און בפרט די, וועלכע ווערט אָנגעפֿירט אין ארץ ישראל, לויט אָפּענהיימער'ס סיסטעם. די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע, אין וועלכער דער אידישער אַרבעטער־קלאַס שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע, איז אויך דער וועג צו סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט אין ארץ ישראל. אמת, דאָס איז ניט סאָציאַליזם, און אויך ניט דער וועג צו אים. דאָס איז אָבער פֿאַר'ן אידישן פּראָלעטאַריאַט אַ שול פֿון זעלבסט־הילף.

דאָרטן אין ארץ ישראל איז שוין איצט דאָ אַ אידיש אויטאָנאָם לעבן. דער קליינער אידישער ישוב דאָרטן האָט שוין אפֿילו זיין משפּט, זיין פּאָסט און אויך זיינע מטבעות. אין דעם דאָזיקן קליינעם אויטאָנאָמען ישוב האָט זיך ביסלאַכוויז איינגעוואָרצלט אונזער אַרבעט. דאָרטן איז שוין איצט דאָ, אמת, אַ קליינער אידישער אַרבעטער־קלאַס, אָבער, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, ער שפּילט דאָרטן אַ גרויסע ראָלע. אַן עדות זיינען די אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, וועלכע ער האָט דאָרטן געשאַפֿן, און וועלכע ווערן אַנערקענט פֿון אַלעמען, למשל, דער „השומר“ און דער „פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פֿאָנד“.

עס האָט אויך זייער אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר אונז דאָס, וואָס ארץ ישראל איז אַ האַלב אַגראַר לאַנד, און זי איז דעריבער צוגעפּאַסט פֿאַר'ן אידישן עמיגראַנט, וועלכער איז אַ שטאָטישער איינוואוינער. ארץ ישראל שטייט אויך, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אין'ם צענטער פֿון דער

אידישער עפנטלאַכקייט. אַלץ וואָס עס ווערט דאָרט געמאַכט — ציט צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט סיי פון פריינט, סיי פון געגנער. דאָס איז דאָך דער בעסטער קאָנטראָל איבער דער ארבעט.

מען ווייזט אָבער אָן אויף די מגיעות, וועלכע די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל האָט באַגעגנט: די טערקישע געזעצגעבונג, ארץ ישראל איז בכלל צו קליין, און דערצו קומט צו די מאָדערנע באַשולדיקונג: מיר ווילן אונטערדריקן, פאַרטרייבן די אַראַבער.

ערשטנס, וויל איך אָנווייזן, אַז לויט די נייע אויספאָרשונגען, למשל פון ח' בן צבי, פאַרמאָגט ארץ ישראל אין אירע ברייטערע גרענעצן ביז 80-90 טויזנט קוו. קילאָמעטער. דאָרטן קאָן לעבן אַ באַפעלקערונג פון צענדליקער מיליאָן איינוואוינער. נאָר אפילו אין אירע ענגערע גרענעצן פאַרמאָגט אויך ארץ ישראל ביז 27 טויזנט קוו. קילאָמעטער, וואו עס קאָנען לעבן ביז 9 מיליאָן מענטשן, בעת איצט געפינט זיך דאָרט קוים אַ האַלבער מיליאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די איצטיקע טערקישע געזעצגעבונג, בכלל, די איצטיקע אָרדנונגען דאָרטן, וועלן ניט ווייטער בלייבן. נאָך דער מלחמה וועלן זיי זיך מוזן ענדערן.

ווען עס וועט אויך באַארבעט ווערן, ווי מיר האָפן, די ערד, וואָס איז איצט וויסט, און עס וועלן איינגעפירט ווערן נייע אַרבעטס-מעטאָדן און עס וועלן אויך באַזייטיקט ווערן די אַנדערע מניעות, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט, וועט גענוג פּלאַץ זיין סיי פאַר אונז, סיי פאַר די אַראַבער. צווישן די אידן און די אַראַבער מוזן און וועלן דאַן זיין נאָרמאַלע באַציאונגען.

איך אונטערשטרייך נאָכאַמאָל: מיר מוזן זעלבסטשטענדיק אָנהויבן אַרבעטן אין ארץ ישראל. ניט אַזוי ווי איצט: די בירגערלאַכע ציוניסטן ווילן אַרבעטן און מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט קאָנטראָלירן.

מען מוז אויך באַשטימען אונזערע באַציאונגען צו די פאַרשידענע אַנשטאַלטן. מיר זיינען קעגן אַנטיילנעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל דאָס איז אַ פּאַרטיי-טריבונע. מיר ווילן און וועלן זיך אָבער באַטייליקן אין אַלוועלטלאַכן אידישן קאָנגרעס, ווייל דאָס איז אַ פאָלקס-טריבונע. ער וועט אויך זיין כמעט אַ צוואַנגס-אינסטיטוט.

צום נאַציאָנאַל-פאָנד פאַרהאַלטן מיר זיך מיט סימפּאַטיע. מיר קענען אים אויך פריוואַט אונטערשטיצן. דאָס איז אָבער ניט אונזער אינסטיטוט. אונזער אינסטיטוט איז דער „פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד". אים דאַרפן מיר שטיצן מיט אַלעם מעגלאַכן, ווי אויך די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע.

מיט איין וואָרט: מיר דאַרפן אָנהויבן אַ סאָציאַליסטישע אויפבויאונגס-טעטיקייט אין ארץ ישראל, און דאַן וועט דער אידישער אַרבעטער — דער פּראָמעטעאוס, וועלכער איז צוגעשמידט צום פעלז, זיך באַפרייען פון די רויב-פויגל, וועלכע פייניקן און פּיקן אים, און וועט ערשט אַרונטערנעמען דאָס ליכט פון הימל פאַר זיך — פאַר'ן אידישן פאָלק.

# צוויי שטרעמונגען אין פועלי־ציוניזם

## .1

אין דער היינטיקער אויפגערעגט־נאַציאָנאַליסטישער צייט מוז יעדן באַוואוסטזיניקן אַרבעטער און סאָציאַליסט אינטערעסירן די פראַגע: ווי אַזוי באַציִען זיך איינע צו דער אַנדערער די צוויי גרויסע באַפרייאונגס־אידעען פון אונזער צייט — די סאָציאַלע באַפרייאונג פון דער אַרבעטנדער מענטשהייט און די נאַציאָנאַלע באַ־פרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. ניט דאָ איז דער פּלאַץ אַרומצורעדן די פראַגע אין איר גאַנצער ברייט. מיר ווילן זי בלויז געניי אילוסטרירן אויף דעם קאָנקרעטן בײַשפּיל פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט עקזיסטירט אַ פּאַרטיי, וואָס שטעלט זיך גלייכצייטיק ביידע אויפגאַבן אין אַ זייער ראַדיקאַלער פאָרם. דאָס איז דער פּועלי־ציוניזם, אָדער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, וואָס וויל פאַרענטפערן די סאָציאַלע פראַגע דורך סאָציאַליזם און די אידישע פראַגע דורך ציוניזם. אונטער „סאָציאַליזם“ פאַרשטייט מען די פאַר־געזעלשאַפטלאַכונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון פּריוואַט־אייגנטום און די איינריכטונג פון קאָלעקטיוון, געזעלשאַפטלאַכן אייגנטום אויף ערד און קאַפּיטאַל. די ווייטערע פּרטים פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפטס־אָרדנונג זיינען פריי פאַר יעדן איינצעלנעם פּועל־ציון: איינער מעג זיין אַ קאָלעקטיוויסט און גלויבן, אַז די ערד און פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלן געהערן צו אַ גרויסן שטאַט, און אַ אַנדערער מעג זיין אַן אַנאַרכיסט און גלויבן, אַז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלן געהערן צו פרייע פאַר־אייניקונגען פון די אַרבעטער, אָן שום צוואַנג און אָן פּאָליטישער אָר־גאַניזאַציאָנס־מאַכט.

איך פּערזענלאַך בין אין דער דאָזיקער פראַגע אַן אַנאַרכיסטישער סאָציאַליסט. איך האַלט די שטאַטס־פּאָליטיק און די צוואַנגס־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ שוץ־פאָרם פון פּריוואַט־אייגנטום, וואָס וועט ממילא אָפּגעשאַפט ווערן ביי אַ קאָלעקטיווער אָר־גאַניזאַציע פון דער אַרבעט. איך בין אַ מאַרקסיסט אָן דעם „צוקונפטס־שטאַט“. יעדנפאַלס באַטראַכט איך אָבער די דאָזיקע חלוקי דעות צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן פאַר „צוקונפטס־מוזיק“, פאַר אַ פראַגע פון אַ גאַנץ ווייטער צוקונפט, און צוליב דער פראַגע לוינט זיך ניט צו שפּאַלטן די היינטיקע אַרבעטער־באַוועגונג. די גאַנצע שפּאַלטונג צווישן סאָציאַליזם

און אַנאַרכיזם איז, גלויב איך, דער גרעסטער אומגליק פון דער סאָציאַלער באוועגונג, די גרעסטע מניעה פאַר'ן פּראָגרעס פון רעוואָלוציאָנערן קאמף. דער סאָציאַליזם האָט פארכאפּט אַלע אָרגאַניזאַציאָנס־פיאיקע עלעמענטן, און דער אַנאַרכיזם — אַלע קאַמף־און איניציאַטיוו־לוסטיקע אינדיווידן. דערפון זיינען ביידע באוועגונגען געווארן איינזייטיק און אומפּייאיק צו שטירצן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. אַ דאַנק דער אומזעליקער שפּאַלטונג זיינען ביידע צדדים געצוואונגען צוצופּאַסן זיך צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. און ביידע צדדים זיינען גלייך שולדיק אין דעם, וואָס מיר זיינען איצט ווייטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איידער ס'איז געווען דער ערשטער ארבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

גלייך אַזוי ניט וויכטיק פאַר'ן פּועלי־ציוניזם זיינען די פילאָזאָפישע חלוקי־דעות צווישן פארשיידענע רעוואָלוציאָנערן. איינער מעג זיין אַ מאַטעריאַליסט, דער אַנדערער אַ קאַנטיאַנער, איינער אַ מאַרקסיסט, דער צווייטער אַ קריטישער עמפּיריקער. איך פּערזענלאך בין אַ קריטישער עמפּיריקער, האַלט ניט פון מאַטעריאַליזם און פון אידעאַליזם אויך ניט, לייקן אָפּ איטלאַכע רעליגיע, מעג דאָס זיין אין אַן אָפענער אָדער פאַר־שטעלטער פאָרם, און לאַד זיך אויס פון איטלאַכער מעטאַפיזיק, אפילו ווען די לעצטע באַהאַלט זיך אונטער די אומשולדיקסטע „וויסנשאַפטלאַכע" מאַסקעס. מיט אַנדערע ווערטער, איך בין אַ מאַרקסיסט אָן „מאַטעריע". נאָר דאָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער סאָציאַלער באוועגונג, און מיינעטוועגן מעגן אַלע פילאָזאָפישע פראַגן רואיק דרעמלען ביז נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז צום פּועלי־ציוניזם מעגן געהערן אי סאָציאַ־ליסטן, אי אַנאַרכיסטן, אי סינדיקאַליסטן, אי אי־דאַבליו־ניקעס; מאַטעריאַליסטן, קאַנטיאַנער, עמפּירישע רעאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן פון מאַרקס'עס, קראָפּאָטקינ'ס און ישעיה הנביא'ס חדר, — אַלע מעגן זיך פאַראייניקן אין איין פּאַרטיי. דער עיקר איז נאָר, אַז זיי זאָלן אַקטיוו שטרעבן צו דער אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און פון איטלאַכן פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

די זעלביקע פרייהייט הערשט ביי אונז אויך בנוגע צום ציוניזם: אויך דאָ זיינען פאַראַן אַ סך נגונים פון „צוקונפטס־מוזיק", וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו די פּראַקטישע פראַגן פון דער באוועגונג. איינער מעג מיינען, אַז דער קומענדיקער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל וועט אָננעמען די פאָרם פון אַ זעלבסטשטענדיקן שטאַט („אידנשטאַט"), דער צווייטער מעג זיך דאָס פאָרשטעלן, אַלס עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל אויטאָנאָמע געזעלשאַפט. איינער מעג זיך פאָרשטעלן די טעריטאָריע פון ארץ־ישראל באַגרענעצט אויף פּאַלעסטינע אַליין, דער צווייטער מעג טרוימען וועגן אימפּעריאַליס־טישער עקספּאַנסיאָנס־פּאָליטיק אויף די „נאַכבאַר־לענדער", אַריינגערעכנט

מעסאָפּאָטאַמיע ביז די „הרי חושך“, אזש ביז דעם טייך סמבטיון מיט דעם לויתן און שור הבר.

דער עיקר בלייבט, אזש ס'זאָל וועשאַפן ווערן אַן אייגענע היים פאַר'ן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל.

מיט איין וואָרט, דער פועלי־ציוניזם שטרעבט צו סאָציאַליזם, ד. ה., אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען (באָדן אַריינגערעכנט), און צו ציוניזם, ד. ה., שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין ארץ־ישראל. אַלע אַנדערע פילאָזאָפישע און צוקונפט־פּרטים ווערן דערקלערט פאַר אַ פּריוואַט־זאַך.

## .2

ס'זיינען אָבער פאַראַן אויך אַ סך פראַגן פון אַלגעמיינער וויכטיקייט, וואָס קענען ניט פריינעלאָזט ווערן פאַר יעדן איינעם, אלס זיין פּריוואַט־זאַך. דאָס איז קודם כל, די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרבינדן דעם סאָציאַליזם און דעם ציוניזם, אַז צווישן זיי זאָל קיין ווידערשפּרוך ניט זיין, און אַז ביידע גרויסע אויפגאַבן זאָלן האַרמאָניש אונטערשטיצן איינע די צווייטע?

דאָס פּראָבלעם איז: דער סאָציאַליזם קען פאַרווירקלאַכט ווערן נאָר דורך קלאַסנקאַמף; דער ציוניזם קען פאַרווירקלאַכט ווערן נאָר דורך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פונ'ם גאַנצן אידישן פאָלק. ווי־זשע בינדן זיך ביידע ליניען פון קאַמף? דאָ גייען זיך פאַנאַנדער צוויי הויפּט־שטרעמונגען אינ'ם אַלוועלטלאַכן פועלי־ציוניזם. איין שטרעמונג רופט זיך „סאָציאַליסטיש“, די צווייטע — „סאָציאַל־דעמאָקראַטיש“.

די „סאָציאַליסטישע“ פועלי־ציון לייזן דעם פּראָבלעם דורך דעם, וואָס זיי טראָגן אַריין נאַציאָנאַלע אחדות אין סאָציאַליזם; זיי ווילן פאַרווירקלאַכן דעם סאָציאַליזם אָן קלאַסנקאַמף.

די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע“ פועלי־ציון לייזן דעם פּראָבלעם דורך דעם, וואָס זיי טראָגן אַריין דעם קלאַסנקאַמף אינ'ם ציוניזם; זיי ווילן פאַרווירקלאַכן דעם ציוניזם צוזאַמען מיט'ן גאַנצן אידישן פאָלק, נאָר דערביי אויף איין מינוט ניט אָפּזאָגנדיק זיך פונ'ם קלאַסנקאַמף געגן דער בורזשואַזיע.

ביידע שטרעמונגען קוקן דעריבער גאַנץ פאַרשיידן סיי אויף דעם סאָציאַליזם, סיי אויף דעם ציוניזם, סיי אויף דער אַרבעט אין גלות. ווי געזאָגט, מיין איך דאָ ניט פילאָזאָפישע חלוקי דעות וועגן אַלגעמיינע און צוקונפטס־פּרינציפּן. דאָס איז, פאַרקערט, אַ שטרייט וועגן פּראַקטישע אַרבעטס־מעטאָדן, וואָס האָט עטלאַכע מאָל שיער ניט געשפּאָלטן דעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון און האָט דאָ ניט לאַנג שיער ניט געבראַכט

צו א שפאלטונג ביי די אמעריקאנער פועלי־ציון, וואס איז נאר מיט גרויסע שוועריקייטן אויסגעמיטן געווארן. פון דעם שטרייט הענגט אפ די גאנצע צוקונפט פון פראלעטארישן ציוניזם און זיין איינפלוס אויף די ברייטע ארבעטער־מאסן.

איך געהער צו דער „סאציאל־דעמאקראטישער" ריכטונג אינ'ם פועלי־ציוניזם. מיט א קורצער צופעליקער אונטערברעכונג (אין 1904־1905טן יאר) שטיי איך אין די רייען פונ'ם סאציאל־דעמאקראטישן פועלי־ציוניזם שוין פופצען יאר צייט. פונקט אזוי לאנג עקזיסטירט אויך דער „סאציאליסטישער" פועלי־ציוניזם, וואס איז צוערשט באגרינדעט געווארן פון נ. סירקין און דערנאך פון די עסטרייכישע פועלי־ציון, ש. קאפלאנסקי, ל. כאזאנאוויטש און אנדערע. די „סאציאל־דעמאקראטישע" אנשויאונגען האבן באקומען א קלארע, אומצווייידייטיקע פארמולירונג אינ'ם פראגראם און ליטעראטור פון די רוסישע פועלי־ציון, און די דאזיקע שטרעמונג איז די גאנצע פופצען יאר פעסט געבליבן ביי אירע הויפט־פרינציפן. די „סאציאליסטישע" ריכטונג, פארקערט, צייכנט זיך אוים מיט איר פארשוואומענקייט, שטענדיקע שטארקע שוואנקונגען אין פארשידענע זייטן, און דורך גרויסע חלוקי דעות אין אירע אייגענע רייען.

איך בין טיף איבערצייגט, אז איצט, אין דער פארפלאנטערט־טראגישער מלחמה־צייט, איז געקומען דער מאמענט פאר דער ענדגילטיקער זעלבסט־באשטימונג פונ'ם פועלי־ציוניזם, ספעציעל דא אין אמעריקע. ס'מוז ענדלאך פעסטגעשטעלט ווערן זיין גייסטיקע פיזיאנאמיע, כדי די ברייטע אידישע ארבעטער־מאסן זאלן איין מאל פאר אלע מאל אנטשיידן, צי זיי נעמען אריין דעם ציוניזם אין זייערע אידעאלן. די וויכטיקסטע אויפגאבע פון מאמענט איז פאר די הינגע פועלי־ציון: די דעראבערונג פון די ארבעטער־מאסן פאר דעם ציוניסטישן אידעאל. דערפאר טאר די דיסקוסיע ניט בלייבן מער אין די ענגע ראמען פון דער קליינער פארטיי, וואס עקזיסטירט דא. די פירער פון דער פארטיי האבן אנגעווענדעט אלע מיטלען, אפילו די אויסשליסונג פון גאנצע פאראיינען און פון אקטיווע פארטיי־טוער, כדי נאר צו דערשטיקן די דיסקוסיע. דעריבער מוזן מיר פאראינטערעסירן אין די דאזיקע פראגן די ברייטע עפנטלאכקייט: נאר אזוי קען מען צווינגען די קאנסערוואטיווע פארטיי־פירער צוצוהערן זיך צו אונזערע טענות און צו ענדערן זייער טאקטיק, — יענע טאקטיק, וואס האט זיך ביז איצט אויסגעלאזט מיט דער טרויעריקסטער אומפרוכטבארקייט.

יא, אומפרוכטבארקייט! טוט נאר א קוק ארום, ווי דער בירגערלאכער ציוניזם בליט איצט דא אין לאנד! און ווי שוואך, אומבאדייטנד דער פועלי־ציוניזם איז . . . אין איין קורצן שפאן צייט האבן זיך דערקלערט פאר ציוניסטיש די גרעסטע בירגערלאכע ארדנס: אינד. ארדער ברית אברהם, אינ. ארדער ברית שלום, גאליציאנער פארבאנד, רומענישער פארבאנד, און א וו., א. א. וו. האט איר געהערט, אז ס'זאלן זיך האבן

דערקלערט פאַר פּועלי־ציוניסטיש דער אַרבעטער־רינג, די קלאָוקמאַכער־יוניאָן, די „אַמאַלגאַמייטעד“, א׳ א. וו. ?

און זאָל מען ניט ענטפערן, אַז דעם פּועלי־ציוניזם שטערט די שטאַרקע מאַשין פון „פאָרווערטס“. אויך דער בירגערלאַכער ציוניזם האָט געהאַט זיינע גרויסע שטערונגען מצד דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע“, — נאָר ווען ס׳איז געקומען די שעת הכושר פאַר׳ן ציוניזם, איז דער איינפלוס פון דער „דזשואיש קאָמיטע“ פאַרשוואונדן ווי רויך. ווען־זשע וועט קומען די שעת הכושר פאַר׳ן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, אויב ניט איצט, ניט אין צייט פון וועלט־מלחמה, פון נאַציאָנאַלער איבערשאַצונג פון אַלע שאַצונגען ? און אויב דער היגער פּועלי־ציוניזם איז ניט בכח אויסצונוצן אַפילו אַזאַ מאָמענט, ווי דער היינטיקער, איז וואָס איז ער בכלל פייאיק אויסצונוצן און וואָס איז ער בכלל אימשטאַנד צו טאָן ?

אַ סך פון מיינע פּאַרטיי־חברים וועלן אויף מיר זיין מלא חמה פאַר אָט די פראַגן. נאָר אויך צווישן זיי וועלן זיך געפינען אַזוינע, וואָס וועלן זיך ערנסטער באַציען צו זייערע פליכטן און וועלן פאַרשטיין, אַז נאָר איצט און ניט שפּעטער איז די צייט צו שטעלן די דאָזיקע פראַגן. דער אמת דאַרף שטיין העכער פאַר פּאַרטייאישע ריקזיכטן און „דיפּלאָמאַטיעס“. און דער אמת איז : לא זה הדרך !

זאָל זיך יעדער פון מיינע פּאַרטיי־חברים שטעלן די פראַגע : פון וואַנען נעמט זיך אָט די וואונדערלאַכע שוואַכקייט פון׳ם היגן פּועלי־ציוניזם אַפילו אין אַזאַ וואונדערלאַד־גינציקער צייט ? און זאָל ער זיך ניט באַרואיקן מיט די פוילע תירוצים : „ווייניק כחות, ווייניק געלט. ווייניק געאַרבעט.“ ס׳דאַרף זיין אַ סבה אויך דערצו, *פאַרוואָס* מ׳האָט אַזוי ווייניק כחות, פאַרוואָס מ׳האָט אַזוי ווייניק געאַרבעט.

די סבה איז, וואָס דער היגער „סאָציאַליסטישער“ פּועלי־ציוניזם איז ניט ערנסט אין זיין סאָציאַליזם און איז ווייט פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס. דער היגער פּועלי־ציוניזם איז פרעמד דעם געדאַנק און דער פּראַקטיק פון קלאַסנקאַמף. און דערפאַר איז דער אַרבעטער־קלאַס אַזוי גלייכגילטיק צום ציוניזם.

איצט איז די צייט צו ענדערן די טאַקטיק ; דאָס פאַרלאַנגט די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע“ שטרעמונג. גענוי וועגן דעם אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען. דער איינציקער צוועק פון מיינע אַרטיקלען איז : צו ווייזן דעם וועג, ווי אַזוי דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם קען ווערן אַ *מאַכט*. דערווייל איז ער אָבער נאָר אַ קלייזל. און אויב צו דעם צוועק איז נויטיק, אַז דעם קלייזל זאָל אָנהויבן ווייי טאָן און ער זאָל פאַרלירן זיין זעלבסטצופרידנקייט, וועל איך זיך דערפאַר ניט אָפּשרעקן. אויך האָב איך ניט מורא דערפאַר, וואָס מיינע אייגענע חברים וועלן מיר ענטפערן מיט באָיקאָט און פּראָטעסטן, און וואָס די געגנער פון פּועלי־ציוניזם וועלן שלאָגן קאַפּיטאַל פון אונזער אינערלאַכער מחלוקת.

(„פרייע אַרבעטער־שטימע“, ניו יאָרק, 10טן יולי, 1915.)

# דער סאָציאַליזם פון די היגע פּועלי־ציון

## 1.

די אָרגאַניזאַטאָרישע שוואַכקייט פון די היגע אָפיציעלע פּועלי־ציון שטאַמט מער פון אַלץ פון זייער אויבערפלעכלאַכער באַציאונג צום סאָציאַליזם.

זיי זיינען סאָציאַליסטן, נאָר דער סאָציאַליזם זייערער *איז ניט פאַרבונדן מיט קלאַסנקאַמף*. אינ׳ם אָפיציעלן פּאַרטיי־פּראָגראַם רעדט זיך אפילו פון קלאַסנקאַמף, אָבער זייער ווייניק און פאַר־שוואומען. אינ׳ם אַלטן פּראָגראַם פון 1905טן יאָר איז געשטאַנען: „אַלס סאָציאַליסטן נעמען מיר אַנטייל אין אַלץ, וואָס פירט צו דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער־מאַסן און גייען צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אַזוי לאַנג, ווי זיי ווידערשפּרעכן ניט אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.“ אין די אָנמערקונגען דערצו שטייט, אַז „נאַציאָנאַלע סאָלי־דאַריטעט... פאַרלייכטערט דעם קלאַסנקאַמף“ (?!) און אַז „די פּועלי־ציון... שטרעבן פון איין זייט איינצופליסן אין די אידישע אַרבעטער־מאַסן זייער *קלאַסן באַוואוסטזיין* און פון דער אַנדער זייט צו דער־וועקן אין זיי דעם *נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין*.“ אינ׳ם נייעם פּראָגראַם פון 1909־טן יאָר רעדט זיך וועגן קלאַסנקאַמף נאָר אין די פאָלגענדע קורצע ווערטער: „די פּאַרטיי אָרגאַניזירט דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס צוליב דעם פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן קאַמף געגן דעם קאַפּיטאַליזם.“

נאָר נעמט, צום ביישפּיל, ב. צוקערמאַנ׳ס בראָשור „דער פּועלי־ציוניזם“; דאָרט ווערט דאָס וואָרט „סאָציאַליזם“ געבויגן און געקנאָטן אויף אַלע מעגלאַכע אופנים, דער סאָציאַליזם ווערט געהויבן ביז׳ן הימל, אַלס הייליקער אידעאַל, וואָס איז איינגעבאַקן אין הארצן ביי אַלע אידישע אַרבעטער, — נאָר אין דער גאַנצער בראָשור ווערט מיט קיין איין וואָרט *ניט דערמאָנט וועגן קלאַסנקאַמף*; עס קומט אויס, אַזוי ווי עס וואָלטן גאָרניט עקזיסטירט קיין אַנטאַגאָניזמען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. איך ווייס, ב. צוקערמאַנ׳ען איז יאָ באַקאַנט די דערשיינונג פון קלאַסנקאַמף און ער קען אָפּשאַצן איר באַדייטונג; נאָר בעת ער רעדט וועגן פּועלי־ציוניזם, פאַרגעסט ער דערפון, דעמאָלט עק־זיסטירט פאַר אים נאָר אַבסטראַקטער „סאָציאַליזם“ און קאָנקרעטער „ציון“. ביי אים זיינען קלאַסנקאַמף און פּועלי־ציוניזם צוויי פאַרשידענע

זאַכן. און אַזוי איז די גאַנצע „סאָציאַליסטישע" שטרעמונג אינ'ם פועלי־ציוניזם.

ווי־זשע שטעלן זיי זיך פאָר די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם? מכח דעם סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט, ביי אַלע פעלקער און ביי די אידן אין די גלות־לענדער — וועגן דעם מיידן זיי אויס צו ריידן, דאָס איז ניט קיין פּאָפּולערע טעמע ביי די „סאָציאַליסטישע" פועלי־ציון. דערפאַר אָבער ריידן זיי זייער גערן וועגן סאָציאַליזם אין ארץ ישראל. דאָס איז אַזאַ מין וואונדערלאַכער סאָציאַליזם, וואָס ווערט פאַרווירקלאַכט מיט פרידלאַכע מיטלען און דורך סאָלידאַרישער צוזאַמענאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע. די מיטלען צו דערגרייכן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין ארץ ישראל זיינען: דער שקל, דער ציוניסטישער קאָנגרעס, דער בירגערלאַך־סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַל־פאָנד און פאַרשידענע אַרבעטער־קאָאָפּעראַציעס, ווי די „אחוה" און פראַנץ אָפּענהיימער'ס „זידלונגס־גענאָסנשאַפטן", ד. ה. קאָאָפּעראַטיווע אַגראַר־אינדוסטריעלע קאָלאָניעס און גאָרטן־שטעט. נו, און וואָס הערט זיך מיט'ן קלאַסנקאַמף? ענטפערט אונז נ. סירקין, אַז „מיר קאָנען ניט ערלויבן קיין קלאַסנקאַמף אין דעם צוקונפטיקן ישוב אין ארץ ישראל": אין אָרץ ישראל דאַרף תיכף ומיד איינגעאָרדנט ווערן אַ גן עדן פון „סאָציאַלער גערעכטיקייט".

דערמיט האָט נ. סירקין שטאַרק אויסגענומען ביי די באַלעבאַטישע דעלעגאַטן צו דער באַסטאָנער ציוניסטישער קאָנווענשאַן, נאָר איך בין שטאַרק מסופק, צי מען קאָן דערמיט אויסנעמען ביי פאַרנינפטיקע קלאַסן־באַוואוסטע אַרבעטער. נאָר דער גאַנצער גאַנג פון די אַמעריקאַנער פועלי־ציון צווינגט זיי צו גיין האַנט אין האַנט מיט דעם באַלעבאַטישן ציוניזם, כדי צו געווינען אים פאַר די שיינע סאָציאַל־קאָלאָניזאַטאָרישע פּלענער. דאָ אַנטוויקלען די „סאָציאַליסטישע" פועלי־ציון צוויי מערקווירדיקע טעאָריעס: ערשטנס, אַז אַן די בירגערלאַכע ציוניסטן קאָן דער פועלי־ציוניזם אַליין גאָרניט אָדער זייער ווייניק אויפטאָן אין ארץ ישראל, און, צווייטנס, אַז דעריבער מוזן די פועלי־ציון זיך באַמיען „אַריינצוטראָגן דעם סאָציאַלן גייסט אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג."

ביידע טעאָריעס מאַכן אייגנטלאַך און לחלוטין ניט נויטיק די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פּאַרטיי. אויב דער אַרבעטער־קלאַס קען אַליין אַזוי ווייניק אויפטאָן אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע, און אים קומט אויס צו קנעלן „סאָציאַלע גערעכטיקייט" מיט די קאַפּיטאַליסטן, — איז דאָך די גלייכסטע זאַך, אַז די פועלי־ציון זאָלן זיך אויפלייזן, אַלס פּאַרטיי, און זאָלן אַלע אַריינטרעטן, אַלס אַן איינפאַכע ראַדיקאַלע פראַקציע, אין דעם בירגערלאַכן ציוניזם. דעמאָלט איז דאָך ווירקלאַך ניטאָ קיין חילוק צווישן „פועלי־ציון" און „מזרחי": ביידע זיינען איינפאַכע טייל פונ'ם בירגערלאַך־ציוניסטישן גאַנצן, פּראָסטע פראַקציעס, די „פועלי־ציון" מיט אַ ראַדיקאַלן פּראָגראַם און די „מזרחי" מיט אַן אָרטאָדאָקסישן. מיר קערן זיך גליקלאַך אום צוריק צו

נ. סירקינ'ס אורשפּרינגלאַכע אידעען, וואָס ער האָט אַנטוויקלט נאָך מיט פופצען און צוועלף יאָר צוריק: אַז די ציוניסטן־סאָציאַליסטן דאַרפן געהערן גלייכצייטיק צו צוויי פאַרשידענע פּאַרטייען — פאַר'ן סאָציאַליזם דאַרפן זיי אַרבעטן אין די געוויינלאַכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און פאַר'ן ציוניזם — אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פאַקטיש איז דאָס טאַקע אַזוי: די „סאָציאַליסטישע" פּועלי־ציון באַטראַכטן זיך אַלס ט י י ל פונ'ם אַלגעמיינעם ציוניזם; זיי באַציען זיך צו איטלאַכן בירגערלאַך־ציוניסטישן אויפטו, ווי צו זייער אייגענער זאַך, זיי פילן זיך איינס מיט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אידענטיפיצירן זיך מיט זיינע אינסטיטוטן. און וואָס לאָזט זיך אויס פון דער גרויס־אַרטיקער טעאָריע, אַז די פּועלי ציון דאַרפן „אַריינטראָגן סאָציאַלן גייסט אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם"? פינ'ם „סאָציאַלן גייסט" ביי די באַלע־באַטישע ציוניסטן לאָזט זיך אויס אַ נעבעכיקער טאָג: אַ העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים! אַ „גאָלדענער בוך" פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וואו איטלאַכער עקספּלואַטאַטאָר קאָן פאַרייביקן זיין נאָמען אין זכרון פון פאָלק!

לאָמיר זיך אָבער גענויער אָפּשטעלן אויף דער טעאָריע פונ'ם „סאָציאַלן גייסט".

די „סאָציאַליסטישע" פּועלי ציון ווייזן אָן מיט שטאָלץ אויף אייניקע כלומר'שטע ערפאָלגן פון זייער „סאָציאַלער" קנעלונג מיט די באַלעבאַטישע „געזינונגס־גענאָסן". אויב מען זאָל זיי גלויבן אויפ'ן וואָרט, האָבן זיי דורכגעפירט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָלגענדע „סאָציאַלע רעפאָרמען": ערשטנס, האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּרינציפּ אָנגענומען אָפּענהיימער'ס פּלאַן פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, האָט צוליב דעם געשאַפן אַ באַזונדערן פאָנד און געשענקט נאַציאָנאַל־פאָנד־ערד פאַר אַזוינע קאָלאָניעס (די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע „מרחביה" און אַנדערע). צווייטנס, האָט מען אויף נאַציאָנאַל־פאָנד־ערד געבויט אַרבעטער־הייזער. דריטנס, האָט מען גע'פּועל'ט, אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פריערדיקער טאַקטיק, צו אונטערשטיצן מיט קרעדיט פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער און צו באַשעפטיקן ניט־אָרגאַני־זירטע אַראַבישע סטרייק־ברעכער, אַנשטאָט אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער.

די פּועלי־ציון ריידן זיך איין, אַז ז י י האָבן דאָס אַלץ גע'פּועל'ט. נאָר דאָס איז אַ גרויסער טעות. גע'פּועל'ט האָבן דאָס ניט די פּועלי־ציון, אַלס אָרגאַניזאַציע און אַלס פּאַרטיי, נאָר אייניקע פּריוואַט־פּערזאָנען, סאָציאַל־רעפאָרמער צווישן די ציוניסטן, ווי פראַנץ אָפּענהיימער, דר. פּאַסמאַניק און דער פּועלי־ציוניסט ש. קאַפּלאַנסקי. אַזוינע פּריוואַטע סאָציאַל־רעפאָרמער זיינען אומעטום פאַראַן געווען, און זיי נויטיקן זיך אַבסאָלוט ניט אין דער באַזונדערער פּאַרטיי פּועלי־ציון. ווען קיין פּועלי־ציון פּאַרטיי וואָלט גאָרניט געווען, אָדער ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט

קיין שום מגע ומשא מיט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָלט דער „סאָציאַ־לער גייסט“ ביי די בירגערלאַכע ציוניסטן געווען ניט ווייניקער שטאַרק, ווי ער איז איצט.

אויב דער נאַציאָנאַל־פאָנד און דער פּאַלעסטינע־אַמט רעכענען זיך אַלץ מער און מער מיט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, איז דאָס גאָרניט דערפאַר, וואָס די פועלי ציון שרייען „הידד“ און זינגען „התקוה“ אין איינעם מיט די באַלעבאַטים; ניט דערפאַר, ווייל די פועלי ציון באַ־טראַכטן זיך אַלס אָרגאַנישער טייל פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם; ניט דערפאַר, ווייל זיי באַגייסטערן זיך פאַר׳ן נאַציאָנאַל־פאָנד און פאַר׳ן שקל. די ווירקלאַכע סבה איז גאָר אַן אַנדערע: דאָס איז דער העפטיקער קאַמף, וואָס די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן מיט שטייפקייט און ענטוזיאַזם געפירט ביז׳ן היינטיקן טאָג, און וועלן נאָך ווייטער פירן, ניט קימערנדיק זיך וועגן נ. סירקינ׳ס „נבי׳אישע“ דרשות וועגן קלאַסנקאַמף אין ארץ ישראל.

אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל האָבן געסטרייקט און געקעמפט, זיינען אויסגעשטאַנען האַרטנעקיגע לאָקאַוטס מצד די באַלעבאַטים, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קאָאָפּעראַציעס, האָבן געשאַפן אַן אייגענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע, און, אחרון אחרון חביב, האָבן אויפגעבויט די קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון קאָלאָניאַל־וועכטער „השומר“. דער „השומר“ קעמפט ניט נאָר קעגן די ניט־אָרגאַניזירטע אַראַבישע פּויערים, נאָר אויך קעגן די אידישע באַלעבאַטים מיט זייערע קליין־קרעמערישע און קליין־פּריצישע אינטערעסן. ווען ניט אַט דער אָנגעשטרענגטער לאַנג־יעריקער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן אין ארץ־ישראל, וואָלטן גאָרניט געהאָלפן ניט ש. קאַפּלאַנסקי׳ס דיפּלאָמאַטישע רעדעס און ניט נ. סירקינ׳ס נביאישע פּלענער.

און דער וויץ איז, וואָס אונטער דעם תירוץ פון „אַריינטראָגן סאָציאַלן גייסט אין דעם בירגערלאַכן ציוניזם“, טראָגט מען גאָר אַריין... — בירגערלאַכן גייסט אין דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם!

ווען דער אַרבעטער־ציוניסט פאָלגט די „פירער“ און באַטראַכט דעם שקל, דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, די קאָלאָניאַל־באַנק, די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים, דעם חיפה׳ר פּאָליטעכניקום, און כ׳ווייס וואָס, אַלס זיינע אייגענע סאָציאַליסטישע (!) אינסטיטוציעס — ווערט דערמיט אַריינ־געבראַכט דער שעדלאַכסטער פּלאָנטער אין זיין סאָציאַליסטישן קלאַסן־באַוואוסטזיין. דאָ פאַרשווינדט די מחיצה צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַ־ליסט, און דער פועלי־ציוניסט לערנט זיך אויס צו טאַנצן אַזוי, ווי דער בירגערלאַכער ציוניסט פייפט. דעם בולט׳סטן אויסדרוק באַקומט דאָס אין די אומצייליקע קאָלעקשאָנס פאַר די כל׳ערליי פאָנדן, וואָס די בירגער־לאַכע ציוניסטן האָבן אַזוי ליב צו מאַכן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. דאָ פילט זיך דער כשר׳ער פועלי־ציון, ווי ביי דער הייליקסטער צערעמאָניע:

ער ארבעט אויף אלע כלים, ווערט אויסגעריסן, זאמלענדיק נדבות, און באגייסטערט זיך אין איינעם מיט די באלעבאטישע ציוניסטן און פארגעסט ממילא אן סאציאליזם, אן קלאסנקאמף.

קיין וואונדער ניט, וואס ארגאניזירטע און קלאסן־באוואוסטע אר־בעטער באציען זיך גלייכגילטיק אדער פיינטלאך צו אזא מין „סאציאליזם“. זיי פילן, אז דא איז דער סאציאליזם א פראזע, אן ערנסטן אינהאלט. זיי פארשטייען, אז דער „סאציאליסטישער“ פועלי־ציון איז ניט אויסגעהאלטן אין זיין סאציאליזם. און א סך פועלי־ציון לייקענען דאס גארניט. איך האב אליין געהערט א סך פועלי־ציון זאגנדיק: מיר זיינען קודם כל ציוניסטן, און דערנאך סאציאליסטן; מיר זיינען אויף 85 פראצענט ציוניסטן, און סך הכל אויף 15 פראצענט סאציאליסטן.

אזוי לאנג ווי די פועלי־ציון וועלן זיך באטראכטן פאר אן ארגאנישן טייל פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם; אזוי לאנג, ווי זיי וועלן באטראכטן די בירגערלאך־ציוניסטישע אינסטיטוטן און פאנדן פאר זייערע אייגענע אינסטיטוטן; אזוי לאנג, ווי זייער „סאציאליזם“ איז ניט פארבונדן מיט'ן געדאנק און מיט דער פראקטיק פון לעבעדיקן קלאסנקאמף — אזוי לאנג וועלן פועלי־ציון שטענדיק בלייבן א קליין קלייזל, אן געזעלשאפטלאכער מאכט און אן איינפלוס אויף די ברייטע אידישע ארבעטער־מאסן.

ניט נאר דער „פארווערטס“, ניט נאר דער „קאסמאפאליטיזם“, ניט נאר די אסימילאציע זיינען שולדיק אין דעם. די היגע פועלי־ציון זיינען אליין אויך שולדיק, וואס די אידישע ארבעטער זיינען אזוי פרעמד דעם ציוניזם און דער נאציאנאלער באפרייאונגס־אידעע פון אידישן פאלק. דאס איז דער ביטערער אמת, וואס איך וויל עפנטלאך זאגן מיינע חברים: דאס איז אויך אייער שולד. ווארפט ניט די גאנצע שולד אויף די קעגנער. קוקט זיך ארום אויף זיך אליין, און אויב איר ווילט נאר, הערט מיך אוים.

אויב איר וועט אויסהערן, וועט איר אפשר פארשטיין, אז דאס איז א ג ע ז ו נ ט ע ר א י נ ס ט י נ ק ט ביים ארבעטער, וואס ער וויל ניט געטרויען זיין באס. דער ארבעטער איז גערעכט, ווען ער דערווייטערט זיך פון אזוינע מענטשן, וועלכע פירן שטענדיקע ענגע חבר'שאפט מיט זיינע באסעס. דער ארבעטער, וואס האט אויף זיין לייב געפילט דעם טעם פון שקלאפעריי אין שאפ, פון סטרייק, פון געדונגענע גענגסטערס, וועט אייך ניט געטרויען אזוי לאנג, ווי איר וועט האלטן אין דעמאנסטרירן אייער סאלידאריטעט מיט די בירגערלאכע ציוניסטן. דער בירגערלאכער ציוניזם איז נויטיק פאר אונזער פאלק — נאר לאזט אים איבער פאר די בירגער. אייער אויפגאבע איז דער פראלעטארישער ציוניזם; און אים דארפט איר אנטוויקלען ניט ביי די פלעג־דעים, ניט ביי די בלומען־טעג און ניט ביי די ציון־קאנווענשאנס, נאר אומעטום דארט, וואו דער ארבעטער ליידט און קעמפט.

.2

די צוויי ריכטונגען אין פּועלי־ציוניזם, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט אין די פריערדיקע אַרטיקלען — די „סאָציאַליסטישע" ריכטונג און די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" — גייען זיך פאַנאַנדער אין זייער קוק אויף דעם סאָציאַליזם, אויף דעם ציוניזם, אויף דער אַרבעט אין גלות און אויף די פאָרמען פון פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פּאַרטיי־דיסציפּלין. די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" ריכטונג הערשט איז רוסלאַנד און טיילווייז אין עסטרייך און ארץ ישראל. די „סאָציאַליסטישע" — אין אַמעריקע און טיילווייז אין אַנדערע לענדער. דאָ אין לאַנד עקזיסטירט אויך אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" שטרעמונג, און ביי דעם גוטן ווילן פון ביידע זייטן קאָנען ביידע שטרעמונגען פרידלאַך און סאָלידאַריש אַרבעטן אין איין פּאַרטיי, אַזוי ווי דאָס איז ביז איצט געווען דער פאַל.

די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" פּועלי־ציון שטייען פעסט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז קיין שום סאָציאַליזם און קיין שום פּריוואַט־הייטס־באַוועגונג איז ניט מעגלאַך אַנדערש, ווי אויפ'ן יסוד פון קלאַסנקאַמף. אין דעם גייען זיי זיך צונויף מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן און מיט די אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן פון אַלע פעלקער. זיי אַנערקענען אויך מער אָדער ווייניקער פרידלאַכע פאָרמען פון אַרבעטער־באַוועגונג, נעמלאַך, די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט און די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע. נאָר זיי באַשטייען דורכאויס אויף דעם, אַז די דאָזיקע פרידלאַכע פאָרמען קאָנען העכסטענס דער־לייכטערן, גרינגער מאַכן דעם קלאַסן־קאַמף, דינען אַלס הילפס־מיטלען פאַר'ן עקאָנאָמישן קאַמף און פאַר דירעקטער פּאָליטישער אַקציע. די פרידלאַכע פאָרמען טאָרן אָבער בשום אופן ניט פאַרבייטן דעם דירעקטן קאַמף.

און די דאָזיקע אַנשויאונג ווענדן זיי אָן אויך צום ציוניזם. אינ'ם ציוניזם גופא קומט פאָר אַ שאַרפער קאַמף פון קלאַסן, און וועט געדויערן אַזוי לאַנג, ווי דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיך ניט באַפרייען פונ'ם קאַפּי־טאַליסטישן יאָך דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. כדי דאָס גענויער אויסצוטייטשן, מוזן מיר דערקלערן, ווי אַזוי די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן" שטעלן זיך פאַר דעם ציוניזם און די אידישע פראַגע בכלל. דאָ קאָנען מיר דאָס מאַכן נאָר בקיצור; גענויער וועט עס דער לעזער געפינען אין ר. קענדזשערסקי'ס בראָשור „די גרונדלאַגן פון פּועלי־ציוניזם", און אין מיינע בראָשורן און אַרטיקלען זינט דעם 1905־טן יאָר.

ביי די בירגערלאַכע ציוניסטן און ביי די „סאָציאַליסטישע" פּועלי־ציון איז ניטאָ קיין קלאָרע תשובה אויף דער פאָלגנדער קאַרדינאַלער פראַגע: ווערן דורך דעם ציוניזם געלייזט די

גאנצע אידן־פראגע און אלע פראבלעמען פון אידישן לעבן, אדער נאר א טייל פון זיי? די בירגערלאכע ציוניסטן מיידן אוים א באשטימטן ענטפער, נאר זייער גאנצע פסיכאלאגיע זאגט עדות, אז פאקטיש זעען זיי אינ'ם ציוניזם די ענדגילטיקע און פולע לייזונג פון אלע אידישע פראגן. זיי ווילן אין גאנצן פארניכטן דעם גלות און קאנצענטרירן דאס גאנצע אידישע לעבן אין ציון. די „סאציאליסטישע" פועלי־ציון האבן נאך ווייניקער באשטימטקייט אין דעם פונט, נאר אין אלגעמיינעם נייגן זיי זיך צו דער מיינונג, אז אין ציון וועלן פארענטפערט ווערן אלע נויטן און אלעליידן פון אידישן פאלק.

די „סאציאל־דעמאקראטן", פארקערט, געפינען, אז דער ציוניזם לייזט נאר איין באשטימטן טייל פון די אידישע פראגן, נעמלאך, די פראגע פון דער אידישער היימלאזיקייט און באדנלאזיקייט. עס איז פאראן א גאנצע אומגעהויערע מאסע פון אידישע פראגן, און די פראגן בייטן זיך מיט דער צייט. איין טייל פון זיי זיינען די גלות־פראגן, וויל, ווי ווייט דער ציוניזם זאל זיך ניט פארווירקלאכן, וועט דאך א גרויסער טייל פון אידישן פאלק און, מעגלאך, די מערהייט פון פאלק, שטענדיק בלייבן אין דער צעשפרייטונג צווישן אנדערע פעלקער. און די דאזיקע גלות־פראגן געפינען זייער פארענטפערונג אין די פארשידענע אופנים אויסערהאלב דעם ציוניזם.

די אידן־פראגע איז זייער פארפלאנטערט, און קאן ניט געלייזט ווערן מיט איין איינציקן קורצן רעצעפט, ווי די קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל. די אויפגאבע פון פראלעטארישן ציוניזם איז: אויסצוקעמפן געזונטע אנטוויקלונגס־ און לעבנס־באדינגונגען פאר'ן אידישן פאלק. דאס אידישע פאלק לעבט אומנארמאל, עס ליידט דערפון, וואס עס באזיצט ניט אין ערגעץ קיין פאליטיש־זעלבסטשטענדיקע היים. שטרעבן מיר אים צו פארשאפן אזא היים, און א גאנצע רייע היסטארישע, קאלאניזאטארישע און פראקטישע טעמים פירן אונז צו דער איבערצייגונג, אז די אייגענע היים קאן אונזער פאלק האבן נאר אין ארץ־ישראל. דאס הייסט אבער בשום אופן ניט, אז מיר ווילן דאס גאנצע פאלק אומקערן אהיים. דאס איז אי ניט מעגלאך, אי גארניט ווינשנסווערט. אלע פעלקער פארמאגן אן אייגענע היים: אפילו די אונטערדריקטע פעלקער האבן אן אייגענע היים, הגם זיי זיינען ניט קיין פולע באלעבאטים ביי זיך אין דער היים. אבער אלע פעלקער, ארויסגייענדיק פון זייער אייגענער טעריטאריע, האבן זיך צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. די מאכט פון א פאלק באשטייט פון צוויי מאמענטן: פון זיין קאנצענטראציע ביי זיך אין דער היים און פון דער צעשפרייטונגס־קראפט, וואס טרייבט אים אין אלע עקן וועלט. ווען דאס אידישע פאלק וואלט געהאט א פאליטיש־זעלבסטשטענדיקן צענטער אין ארץ ישראל און שטארקע קאלאניעס פארשפרייט איבער

דער גאַנצער וועלט, וואָלט אונזער פאָלק געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע און געזונטסטע נאַציעס.

מיט איין וואָרט, די אידן־פראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר דורך דער פאַרבינדונג פון געזונטן גלות־לעבן מיט אַ געזונטן צענטער אין דעם אייגענעם לאַנד. דער ציוניזם פאַרענטפערט, אַלזאָ, נאָר טיילוויז די אידישע פראַגן. דער איבעריקער טייל ווערט פאַרענטפערט דורך דער נאַציאָנאַלער באַפעסטיקונג אין גלות גופא. אָן ציוניזם איז ניטאָ קיין געזונטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, אָבער אָן דעם גלות אויך ניט. מיר ווילן אַ פעסטן ציון און אַ פעסטן גלות — דאָס איז די פּאַראָלע פונ׳ם „סאָציאַל־דעמאָקראַטישן" פּועלי־ציוניזם.

צווישן יענע פראַגן, וואָס דער ציוניזם, אַלס אַזעלכער, קאָן לייזן נאָר טיילוויז, געפינט זיך אויך די אידישע אַרבעטער־פראַגע. דורך דער שאַפונג פון אַן אייגענער היים פאַר׳ן פאָלק וועט אויך די לאַגע פון אונזערע אַרבעטער ווערן אַ סך נאָרמאַלער און דער קלאַסנקאַמף אויף דער אידישער גאַס וועט קריגן אַ סך געזונטערע פאָרמען. אין די גלות־לענדער זיינען פאַר דער אידישער אַרבעט פאַרשלאָסן אַ סך וויכטיקע אינדוסטריעס, ווי די קוילן־גרובן, מעטאַלורגיע, די אייזנבאַנען אַ. ד. גל., ווי אויך די לאַנדווירטשאַפט; די אידישע אַרבעט טראָגט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, זייענדיק קאָנצענטרירט אין די שוואַכסטע אינדוסטריעס, ווי די נאָדל־אַרבעט, די שוך־פּראָדוקציע, טאַבאַק־אינדוסטריע אַ. ד. גל. דאָס רויבט אַוועק ביי דעם אידישן אַרבעטער די פייאיקייט ברייט פאַנאַנדערצו־וויקלען און אויסצונוצן זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, זיין קלאַסנקאַמף איז דערפאַר באַשרענקט און ניט גענוג פּראָדוקטיוו. די דאָזיקע אַנאָמאַליעס וועלן פאַרשווינדן אין ארץ ישראל, וואו דער אידישער אַרבעטער וועט אַריינדרינגען אין אַלע יענע פּראָדוקציאָנס־צווייגן, וואָס זיינען ביז איצט פאַר אים פאַרשלאָסן.

אָבער די עקספּלואַטאַציע אַליין, דער קאַמף צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, וועט אין ארץ־ישראל בלייבן אין פולער מאַכט אַזוי לאַנג, ווי עס עקזיסטירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. עס איז אַ שעדלאַכע אוטאָפּיע צו רעכענען, אַז גראַד ארץ ישראל וועט זיין אַן אויסנאַם פון אַלע לענדער, און אַז דוקא דאָרט וועט זיך איינגעבן אַזאַ קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל זיין פריי פון קאַפּיטאַליסטישע יסודות. דאָס איז די פאַנטאַזיע פון אַ סך „סאָציאַליסטישע" פּועלי־ציון. מיר, די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן", געפינען, אַז די אַרבעטער־פראַגע, אויך אין ארץ ישראל, קען און וועט געלייזט ווערן בלויז דורך דעם קלאַסנקאַמף, און מיר שטרעבן דעריבער צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער גאַנץ באַזונדער פון דער בורזשואַזיע אפילו אינ׳ם ציוניזם גופא.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם האָט זיין גאַנץ באַזונדערע אַרבעט, און ער פאַרשפּאַרט אַנצוקומען צו די בירגערלאַך־ציוניסטישע אינסטיטוטן פאַר זיינע אייגענע צוועקן. די „סאָציאַליסטן" טענה׳ן, אַז די אַרבעטער

קענען זעלבסטשטענדיק ניט אויפטאָן פיל אין ארץ ישראל. דאָס איז אמת אזוי לאַנג, ווי דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם האָט ניט גענוג כחות. און כחות וועט ער באַזיצן וויניק אזוי לאַנג, ווי ער וועט זיך מתחתן זיין מיט דעם בירגערלאַכן ציוניזם. שטייענדיק אויף זיינע אייגענע פיס, וועט דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם סוף כל סוף צוציען אויף זיין זייט די גרויסע אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט, און דעמאָלט וועט ער האָבן גענוג כחות צו דערפילן זיינע אייגענע אויפגאַבן.

אנשטאָט דער טעאָריע פון די „סאָציאַליסטן“, אַז פּועלי־ציון מוזן כלומר׳שט „אַריינטראָגן סאָציאַלן גייסט אינ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם“, — שטעלן אַרויס די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“ אַ גאַנץ אַנדערע טעאָריע: אַז די *פּועלי־ציון מוזן אַריינטראָגן נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן גייסט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג*. מיר באַטראַכטן דעם פּועלי־ציוניזם אַלס טייל און פּראַקציע ניט פונ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם, נאָר פון דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

דעריבער שאַצן מיר אויך גאַנץ אַנדערש אָפּ די אַרבעט אין די גלות־לענדער. די „סאָציאַליסטישע“ פּועלי־ציון נאַרן זיך אַליין, ווען זיי ריידן וועגן „גלייכבאַרעכטיקונג“ פון ציון און גלות, פון העברעאיש און אידיש. אין דער ווירקלאַכקייט שטייט ביי זיי ציון אַ סך העכער, איידער דער גלות, און העברעאיש אַ סך העכער, איידער אידיש. איך רייד שוין ניט פון אַזוינע פּאַרביסענע העברעאיסטן און גלות־פּאַראַכטער, ווי נ. סירקין, נאָר אַפילו די אָפיציעלע וואָרט־פירער פון די „סאָציאַליסטישע“ פּועלי־ציון באַטראַכטן די גלות־אַרבעט אין בעסטן פאַל אַלס אַ *מיטל* און *פּאַר־באַרייטונג* פּאַר׳ן ציוניזם (אַזוי שטייט עס בפירוש, צ. ב. ש., אין ב. צוקערמאַנ׳ס בראָשור). גלות־אַרבעט אַ מיטל, אַפילו ניט דער וויכטיקסטער מיטל, נאָר בלויז איינער פון די מיטלען; דער צוועק בלייבט דורכאויס ציון. עס פאַרשטייט זיך ממילא, אַז ביים בעסטן ווילן קען מען צו אַ מיטל ניט פילן די אַכטונג, וואָס מען פילט צום צוועק. דערפון שטאַמט עס, וואָס בעת די „סאָציאַליסטישע“ פּועלי־ציון גיבן זיך אָפּ אַזוי וואַרים מיט נאַציאָנאַל־פּאָנד־אַרבעט, מיט קאָאָפּעראַציעס אין ארץ־ישראל א. ד. גל., באַהאַנדלען זיי די גלות־פראַגן און אַרבעטן כלאחר יד. אַפילו אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, זייער וויכטיקסטן פּאָזיטיוון אויפטו אויפ׳ן פעלד פון גלות־אַרבעט, גיבן זיי אָפּ צופיל פּלאַץ דער העברעאישער ליטעראַטור.

פּאַר אונז, „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, האָט די אַרבעט אין גלות ניט קיין קלענערן ווערט אַליין פּאַר זיך, אַלס זעלבסטשטענדיקער צוועק, איידער די אַרבעט פּאַר ציון. דער גלות און דער ציון זיינען ביידע אַ צוועק פּאַר זיך, און ביידע קאָנען נוצן אַלס מיטלען איינער פּאַר׳ן צווייטן. געזונטער גלות־לעבן, געזונטע זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל, געזונטע אַר־בעטער־באַוועגונג — דאָס איז דער אידעאַל פון די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“.

און ווען די „סאָציאַליסטישע“ זיינען זיך מודה, אַז ביי זיי איז 85 פּראָצענט ציוניזם און בלויז 15 פּראָצענט סאָציאַליזם, דערווידערן מיר: ביי אונז, „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, איז גאַנצע 100 פּראָצענט סאָציאַליזם און גאַנצע 100 פּראָצענט ציוניזם.

(„פרייע ארבעטער־שטימע“, 17 און 24 יולי, 1915.)

## ציוניסטן און פּועלי-ציוניסטן

בעת ס'קומען פאַר די ציוניסטישע קאָנפערענצן אין באָסטאָן, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אייניקע פראַגן פון ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג.

ס'איז אַ גרויסער טעות, אויב אייניקע מיינען, אַז די ציוניסטן בילדן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אַ פּאָליטישע פּאַרטיי איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרענטפערט אויף איר שטייגער אַלע וויכטיקע לעבנס־פראַגן פון איר פאָלק. ניט אַלע פּאַרטייען האָבן באַשטימטע אידעאַלן און קלאָר־פאָרמולירטע פּראָגראַמען. אַנדערע בייטן זייערע פּראָגראַמען און פאָדערונגען פון פאַל צו פאַל. פאַראַן אויך פּאַרטייען, וואָס ווערן געשאַפן צוליב איין צופעליקער אויפגאַבע אויף אַ קורצער צייט. נאָך מער, ס'טרעפן פּאַרטייען, וואָס דינען די קאַריעריסטישע אָדער הערשאַפט־אינטערעסן פון אַ קליינעם הייפל פּאָליטיקער. נאָר איין זאַך מוז האָבן איטלעכע פּאַרטיי: אַן ענטפער אויף אַלע אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן אין דעם געגעבענעם מאָמענט.

אַן אויסגעצייכנטן מוסטער פון פּאָליטישע פּאַרטייען בילדן די פּאַר־טייען אין אַמעריקע: סיי די דעמאָקראַטן, סיי די רעפּובליקאַנער, די פּראָגרעסיסטן און די פּאָפּוליסטן, — אַלע האָבן אין דעם געגעבענעם מאָמענט אַ באַשטימטן קוק אויף די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. נאָך אַ שענערן מוסטער פון אַ פּאַרטיי שטעלט מיט זיך פאָר די סאָציאַ־ליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער: זי האָט אומעטום אַ באַשטימטן פּראָגראַם, און אין דעם סאָציאַליסטישן פּראָגראַם געפינט מען אַן ענטפער אויף אַלצדינג, וואָס רירט אָן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. מאַנכע פּאַרטייען פאַרענטפערן ריכטיק די פראַגן פון לעבן, מאַנכע — אומריכטיק, נאָר ניט אָן דעם ווענדט זיך די עקזיסטענץ פון אַ פּאַרטיי. דער עיקר איז, אַז זי זאָל זיך מיט אַלצדינג אינטערעסירן, וואָס ס'האָט נאָר צו טאָן מיט פּאָליטיק און פּאָליטישן קאַמף.

דערפאַר בילדן די אַנאַרכיסטן ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. זיי האָבן אַ אידעאַל, פאַרמאָגן אָבער ניט קיין פּראָגראַם, וואָס זאָל האָבן אין זינען אַלע פראַגן און אַלע זייטן פון פּאָליטישן לעבן. דערפאַר זיינען אויך די ציוניסטן ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. דער ציוניזם האָט אין זינען נאָר דעם ציון, אַרץ־ישראל; מער אינטערעסירט אים גאָרניט.

יעדער איינציקער ציוניסט קען זיך געהערן צו וועלכער פּאַרטיי ער וויל: ער מעג זיין אַ דעמאָקראַט, אַ רעפּובליקאַנער, אַ בול־מוז'ניק, אַ רעאַקציאָנער און ראַדיקאַל, — דאָס שטערט אים ניט צו זיין אַ גוטער ציוניסט און צו אַרבעטן אינאיינעם מיט זיינע פּאַרטיי־קעגנער פאַר דער צוקונפט פון אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

אויך אין אידישע פראַגן, אויסער דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט דער ציוניזם ניט קיין אויסגעשפּראָכענע שטעלונג. דאָס אידישע גלות־לעבן אינטערעסירט אים ניט. די קולטור־פראַגע אין די גלות־לענדער פאַרענטפערט ער דורך די העברעאישע שולן אין ארץ־ישראל. די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון קאַפּיטאַל און אַרבעט גייען אים בכלל ניט אָן. דער ציוניזם איז אַ פאָלקס־באַוועגונג, אָבער ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. און אויב ער איז שוין אַ פּאַרטיי, איז לכל־הפּחות ניט קיין פּאָליטישע.

ווי זאָל זיך, אַלזאָ, דער אידישער אַרבעטער־קלאַס שטעלן צום ציוניזם? דאָס איז די פראַגע, וואָס טיילט פאַנאַנדער ניט נאָר די אַסימילאַטאָרישע מיט די גלות'יסטישע סאָציאַליסטן, פון איין זייט, און די פּועלי־ציון, פון דער אַנדערער זייט, נאָר אויך די פּועלי־ציון גופא. ביי די פּועלי־ציון זיינען פאַראַן צוויי פאַרשיידענע שטרעמונגען אין אָט־דער וויכטיקער פראַגע, און הגם ביידע שטרעמונגען וואַרינען געוויינלאַך אונטער איין דאַך, פונדעסטוועגן זיינען די חלוקי־דעות אַזוי שאַרף, אַז זיי קענען גרינג פירן צו שפּאַלטונגען.

די גענאָסן מכל המינים האָבן שוין לאַנג אָפּגעפּסק'נט, אַז דער ציוניזם איז אַ „בירגערלאַכע" (בורזשואַזנע) באַוועגונג. זיי מיינען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף בכלל ניט טראַכטן פון קיין פאָטערלאַנד. פאָטערלאַנד, טעריטאָריע — איז אַן עסק פאַר קאַפּיטאַליסטן. און אַזוי ווי דער ציוניזם וויל שאַפן אַ פאָטערלאַנד פאַר'ן אידישן פאָלק, איז דאָס שוין אַבּיסל טריף־פּסול. ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו קריטיקירן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט: גענוג צו באַמערקן, אַז אין אים דריקט זיך אויס ניט סאָציאַליזם, נאָר שקלאַפערישער מה־יפית־גייסט. די סאָציאַליסטן פון די אומות־העולם פילן גוט, וואָס אַ פאָטערלאַנד באַדייט, נאָר אונזערע אידישע „גענאָסן" קומען אויס אַן דעם.

דער ציוניזם אַליין פאַר זיך איז ניט בירגערלאַך און ניט פּראָלעטאַריש. ער איז איינפאַך אידיש. איז די פראַגע: צי קענען, צי דאַרפן די בירגערלאַכע אידן און די פּראָלעטאַרישע אידן, וואָס געהערן צום ציוניזם, בילדן איין באַוועגונג, איין אָרגאַניזאַציע, אָדער זיי דאַרפן האָבן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס? אָט דאָס איז דער שטרייט־פּונקט צווישן די פּועלי־ציון פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

דער טראַדיציאָנעלער קוק פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון איז, אַז די אַרבעטער־ציוניסטן דאַרפן טאַקע בילדן אַ באַזונדערע פּאַרטיי, נאָר די דאָזיקע פּאַרטיי (איד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי פּועלי־ציון) דאַרף זיך באַטייליקן אין דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן קאָנגרעס און אין יענע ציוניסטישע

אינסטיטוטן, וואס פירן אן ארבעט אין ארץ־ישראל. די רוסישע פועלי־ציון באטראכטן זיך פאר א גאנץ באזונדערער פראלעטארישער ארגאניזאציע און דעם ציוניסטישן קאנגרעס מיט זיינע אינסטיטוטן פאר א ריין־בירגערלאכער ארגאניזאציע. זיי געפינען, אז ניט נאר אין די גלות לענדער, נאר אויך אין דער ארבעט פאר ארץ־ישראל גופא מוזן די ארבעטער־ציוניסטן גיין זייער אייגענעם וועג און שאפן זייערע אייגענע סאציאליסטישע אינסטיטוציעס.

דאס איז ניט די פראגע וועגן באטייליקן זיך אין ציוניסטישן קאנגרעס. אפילו ווען דער קאנגרעס איז א בירגערלאכער, קענען די פועלי־ציון געפינען פאר נויטיק צו גיין אהין, מחמת טאקטישע טעמים — כדי דעם בירגערלאכן ציוניזם צו באאיינפלוסן. די דאזיקע פראגע וועגן ציוניסטישן קאנגרעס איז ניט מער, ווי א פרט. א סך וויכטיקער און פרינציפיעלער איז די אלגעמיינע פראגע: ווי זאלן זיך די פועלי־ציון שטעלן צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע — פאר א בירגערלאכער אדער פאר אן אלגעמיין־אידישער, וואס נעמט ארום אלע קלאסן פון אידישן פאלק? פראלעטאריער קענען זיך באטייליקן אויך אין געוויסע בירגערלאכע ארגאניזאציעס, ווען דאס קען ברענגען נוצן דעם ארבעטער־קלאס. נאר דער גרויסער חילוק איז, אויב זיי באטראכטן די ארגאניזאציע פאר א פרעמדע און בירגערלאכע אדער פאר אן אייגענע און אלגעמיינע.

דאס הענגט אפ פון דעם קוק אויף דער ראל פון קלאסן און קלאסן־קאמף. די אמעריקאנער פועלי־ציוניסטן זיינען סאציאליסטן, נאר זייער סאציאליזם איז ניט פארבונדן מיט דעם געדאנק פון קלאסן־קאמף. זיי שטעלן זיך פאר, אז געוויסע אייגנצלהייטן פון סאציאליסטישער ארדנונג קענען דערגרייכט ווערן אן דעם קאמף צווישן ארגאניזירטע ארבעטער און קאפיטאליסטן. אזוי מיינען די אמעריקאנער פועלי־ציון, אז שוין איצט איז מעגלאך א קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל אויף דירעקט־סאציאליסטישע יסודות. זיי גלויבן, אז פראנץ אפענהיימער'ס פלענער פון קאאפעראטיווע קאלאניעס קענען לייזן די פראגע פון קאפיטאל און ארבעט אויף א פרידלאכן וועג. זיי האלטן בכלל זייער פיל פון קאאפעראציע, און אייניקע פון זיי זיינען פאר קאאפעראציעס נאך מער באגייסטערט, איידער די רוסישע פועלי־ציון פאר קלאסן־קאמף. פיל פון זיי באטראכטן אויך דעם נאציאנאל־פאנד פאר א סאציאליסטישע אינסטיטוציע. און מאנכע מיינען אפילו, אז ווער ס'ווערט ניט באגייסטערט פאר'ן „סאציאליזם" פון נאציאנאל־פאנד, קען גאר קיין פועלי־ציון ניט זיין.

צווישן די אמעריקאנער פועלי־ציון געפינט זיך אבער איצט א שטארקער ראדיקאלער פליגל, וועלכער טיילט ניט אפ סאציאליזם פון קלאסן־קאמף. ער שטיצט זיך ניט אויף שיינע פלענער, נאר אויף די שטרענגע פאקטן פון לעבן. און איינער פון די וויכטיקסטע לעבנס־פאקטן איז דער קאמף צווישן קלאסן, צווישן ארבעטער און קאפיטאליסטן. די באפרייאונג פון דער גאנצער מענטשהייט קען געשען ניט דורך פרידלאכע פלענער

און גערדאנקען, נאר דורך ביטערן קאמף. דאסזעלביקע אויך די נאציאנאלע באפרייאונג. איג׳ם ציוניזם גופא זיינען פאראן קלאסן, און צווישן זיי מוז אנגיין א שטענדיקער שטרייט, כל־זמן ס׳עקזיסטירט די קאפיטאלי־סטישע ארדנונג. דער ציוניזם איז ניט קיין פארטיי, נאר א באוועגונג פון אידישן פאלק. און ווי אין אלע פראגן פון פאלקס־לעבן, מוזן אויך אין ציוניזם שארף זיין אפגעטיילט די פראלעטארישע עלעמענטן פון די בירגערלאכע. זיי קענען אמאל זיך פארבינדן צוליב געמיינזאמע צוועקן אויף א געוויסער צייט, נאר דערביי ווען זיי בלייבן יעדער צד ביי זיינע באזונדערע אידעאלן און באזונדערע מעטאדן. דער בונד צווישן בירגער־לאכע און פראלעטארישע ציוניסטן קען זיין בלויז אויף א ווײלע.

זיי באטראכטן די קאאפעראציע פאר א גוטע זאך, אבער אויף קאאפע־ראציע שטייט ניט די וועלט. זיי געפינען, אז קאאפעראטיווע קאלאניזאציע איז א גוטע מעטאדע, אבער ניט די איינציקע און יעדנפאלס ניט קיין סאציאליסטישע. זיי רעספעקטירן דעם נאציאנאל־פאנד און אונטערשטיצן אים גערן פאר זיינע גרויסע נאציאנאלע צילן און פאר זיין פאלקסטימלא־כער ארבעט; אבער זיי ווייסן, אז טראצדעם בלייבט דער נאציאנאל־פאנד א בירגערלאכע אינסטיטוציע און בשום אופן ניט קיין סאציאליסטישע. פאר זייערע אייגענע באטראכטן זיי נאר יענע פאנדן און אינסטיטוציעס, וואס געפינען זיך אין רשות פונ׳ם ארבעטער־קלאס. אזא פאנד איז דער פאלעסטינע־ארבעטער־פאנד, וואס איז געשאפן געווארן פון ארבעטער און געהערט דורכאויס צו די ארבעטער.

די אפיציעלע פועלי־ציון באגריסן די באסטאנער קאנווענשאן, ווי זייער אייגענע זאך. די ראדיקאלע פועלי־ציון, וואס רופן זיך „סאציאל־דעמאקראטיש“, באגריסן אויך דעם גרויסן יום־טוב פון די אמעריקאנער ציוניסטן, נאר זיי באגריסן אין דעם א גרויסע, ניצלאכע און נויטיקע בירגערלאכע באוועגונג, וואס טוט באזונדערע בירגערלאך־ציוניסטישע אר־בעט. מיט אנדערע ווערטער: די אפיציעלע פועלי־ציון אידענטיפיצירן זיך מיט די בירגערלאך־ציוניסטישע ארגאניזאציעס, פילן זיך איינס מיט זיי, האנדלען ווי א טייל פון זיי. די סאציאל־דעמאקראטישע פועלי־ציון סימפאטיזירן בלויז מיט דער ארבעט פון בירגערלאכן ציוניזם, נאר גרע־ניצן זיך גלייכצייטיק אפ פון איר, ווייל זיי האבן זייער אייגענע ארבעט און אן אייגענע ארגאניזאציע.

דער בירגערלאכער ציוניזם איז געווארן א קאלאסאלע מאכט. זאל ער באגליקן אין זיין וועג. זאל דאס גאנצע אידישע בירגערטום צו אים צושטיין. דער פראלעטארישער ציוניזם איז דערוויל אן אנהויב: ער וועט ווערן א מאכט, ווען ער וועט זיך מתחתן זיין ניט מיט דעם בירגער־לאכן קלאס, נאר מיט די מעכטיקע ארגאניזאציעס פון אידישן ארבעטער־קלאס.

(„ווארהייט“, 1915.)

# „איבערגעשאצט אלע ווערטן“

(אן ענטפער צו חבר קענדזשערסקי *)

. . . אלזא, אין וואס בין איך פארט איינפארשטאנען מיט חבר קענדזשערסקי? פונקט איינס, אין דעם, אז דאס פראגראם פון די אמעריקאנער פועלי־ציון (דאס שיקאגער פאראייניקונגס־פראגראם פון 1909־טן יאר) איז פאר די זיבן יאר שוין געווארן אלט און ניט ריכטיק, און דארף געענדערט ווערן, כדי אים צוצופאסן צו די נייע באדערפנישן פון דער פארטיי. א פאראייניקונגס־פראגראם קען בכלל ניט זיין אויסגעהאלטן און מוז שנעל פארעלטערט ווערן. ביישפילן האבן מיר געזען אין דייטשלאנד און עסטרייך. די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע האט איר פאראייניקונגס־פראגראם אין גאטא געמוזט פארבייטן שוין איז פופצען יאר ארום אויף דעם נייערן און קאנסעקווענטערן ערפורטער פראגראם. די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטיע האט אויך אנגעהויבן מיט

---

*) ר. קענדזשערסקי, אן אנפירנדיקער חבר פון דער דעמאלטיקער „סאציאל־דעמאקראטישער“ גרופע אין דער אמעריקאנער פועלי־ציון־פארטיי, האט אין יאר 1916 פובליקירט אין „אידישן קעמפער“ א סעריע ארטיקלען, „וואס וויל דער סאציאל־דעמאקראטישער פועלי־ציוניזם“, אין וועלכער ער האט אויפגעהויבן שווערע באשולדיקונגען קעגן דער פארטיי און איר טעטיקייט.

באראכאוו, וועלכער האט מיט פופצן חדשים פריער אליין אזוי שארף קריטיקירט סיי די טעארעטיש־פרינציפיעלע יסודות, סיי די ארבעט פון דער פארטיי, האט איצט געהאלטן פאר זיין חוב, ארויסצוטרעטן קעגן קענדזשערסקי׳ס אנגריפן. אין יענער צייט האט זיך שוין שטארק געהאט פאנאנדערגעפלאקערט דער קאמף ארום דעם אידישן קאנגרעס, אין וועלכן די פארטיי האט געשפילט אזא אנטשיידנדיקע ראלע, און באראכאוו איז געווען איינער פון די ערשטע אין דעם דאזיקן קאמף. קענענדיק בעסער דאס אמעריקאנער לעבן און באקענענדיק זיך אויך נענטער מיט די שטימונגען און געדאנקען פון די חברים, האט ער אין באדייטנדן מאס רעווידירט זיין שארפן אורטייל פון איבער א יאר פריער, און אויך די חילוקי־דעות, וואס זיינען פארבליבן, האט ער געהאלטן פאר ווייניקער וויכטיק, ווי דעם געמיינזאמען קאמף און די געמיינזאמע קאנקרעטע טאט.

און ס׳איז ווידער א סימן פון באראכאוו׳ס אמת־פאנאטיזם און פון זיין פארטיי־איבערגעגעבנקייט, וואס קיין פרעסטיזש־מאמענטן האבן אים ניט אפגעהאלטן פון דעם דאזיקן ארויסטריט.

אין דעם ארטיקל איז אויסגעלאזט דער באזונדערס שארפער פאלעמישער אנהויב און עטלאכע ווייטערע שורות.

ב. ל.

א פאַראייניקונגס־פּראָגראַם (אין האינפעלד), און שוין אין נײַן יאָר אַרום האָט זי דאָס פּראָגראַם שטאַרק געמוזט אַמענדירן (אין בריון), נאָך אין זעקס יאָר צייט אים שוין אינגאַנצן ענדערן (אין ווין). און דערבײַ באַ־דענקט נאָר, זײַנען ניט פאָרגעקומען אַזוינע געוואַלדיקע ענדערונגס־פּראָ־צעסן, ווי אַ מאַסן־אײַנוואַנדערונג און אַ וועלט־מלחמה; בײַ אונז, פּועלי־ציון, איז אָבער פאַר די זיבן יאָר זינט שיקאַגאָ פאָרגעקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע: אַ דאַנק דער אײַנוואַנדערונג און דער וועלט־מלחמה, איז די פּאַרטיי אונזערע אויסגעוואַקסן פון אַ ק ל י י ז ל אין אַ גרויסער פ אָ ל ק ס ־ ב אַ וו ע ג ו נ ג, פון אַ ג ר ו פּ ע אידעאַליסטן אין אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר פּ אַ ר ט י י. איז דאָך קלאָר לכתחילה, אַז דאָס פּראָגראַם פון פאַר זיבן יאָרן קאָן מער ניט טויגן פאַר דער פּאַרטיי, און איך בין אויך אײַנפאַרשטאַנען מיט חבר קענדזשערסקי, אַז דער גרעסטער חסרון פון יענעם פּראָגראַם באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט איז ניטאָ קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די טיילן: דער סאָציאַליזם איז דאָרט לחוד, דער ציוניזם לחוד און די אויפלעבונג אין גלות ווידער לחוד.

אונזער אָרגאַניש־אַנטוויקלטע פּאַרטיי־טעטיקייט פאָדערט פון אונז אַן אָרגאַניש־אַנטוויקלטע פּראָגראַם.

נאָר אין וואָס איך בין דערבײַ מיט חבר קענדזשערסקי אַבסאָלוט ניט מסכים איז, וואָס ער וויל, אַז אַ פּראָגראַם רעוויזיע זאָל שוין איצט געמאַכט ווערן. ק אַ ט אַ ס ט ר אָ פ ן זײַנען לחלוטין ניט קיין צייט פאַר פּראָגראַם־דיסקוסיעס און פּראָגראַם־רעוויזיעס. מען דאַרף איבערוואַרטן ביז דעם סוף פון דער מלחמה, אַז ס'וועט זיך אײַנאָרדענען אַ ביסל די אידישע לאַגע און די פּאָזיציע פון'ם אַרבעטער־קלאַס אין דער וועלט; דעמאָלט וועלן מיר זען אויף וועלכער וועלט מיר זײַנען, אַלס אידן און אַלס סאָציאַליסטן, און די צייט וועט רײַף ווערן צו נעמען זיך מיט רואיקייט, מיט ישוב הדעת צו פאָרמולירן אַ נײַעם מער אָרגאַנישן און מער סינטעטישן פּראָגראַם.

די קומענדע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן האָט גאָר אַנדערע ברענענדע אויפגאַבן; זי טאָר ניט אָפּגעבן איר טײַערע צייט אויף אַ טעאָרעטישער דעבאַטע.

איך זע פאָראויס, די חברים וועלן מיר דערמאָנען, אַז פּופּצען חדשים צוריק האָב איך אַליין געוואָלט אויך, אַז דאָס פּאַרטיי־פּראָגראַם זאָל באַלד רעווידירט ווערן. אמת. נאָר פאַר די פּופּצען חדשים איז אַ סך וואַסער אָוועקגערונען אין אונזער לעבן, און אין דער צייט איז די פּאַרטיי נאָך מער און שנעלער געוואַקסן, איידער די זעקס יאָר בעפאָר. העבער אַ יאָר צייט האָט אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן דעם צ. ק. און חבר קענדזשערסקי, און איך וויל דאָ זײַן אינגאַנצן אָפן: פאַר די פּופּצען חדשים גרויסאַרטיקער פּאַרטיי־באַוועגונג, האָט דער צ. ק. פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט פיל וויכטיקערע אויפגאַבן, איידער דיסציפּלינאַריש רעאַגירן אויף חבר קענדזשערסקי: און איך, פון מײַן זײַט, האָב אויך

פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אין דער פּאַרטיי עפּעס וויכטיקערס צו טאָן, איידער איינצושטעלן זיך פאַר חבר קענדזשערסקי...

מיט איין וואָרט, איך בין ניט צופרידן מיט׳ן פּראָגראַם, נאָר מיינע תביעות וועל איך ניט פאַרברענגען אַזוי לאַנג, ווי עס געדויערט די וועלט־קאַטאַסטראָפע. דערווייל איז פאַר מיר גענוג, וואָס די פּאַרטיי גייט פּראַקטיש אויף דעם ריכטיקן וועג, וואָס זי ווערט די גייסטיקע פירערין פון פאָלק אין דער טראַגישער צייט, און וואָס עס עפנט זיך פאַר איר אַ גלענצנדע צוקונפט. פאַר מיר איז גענוג, וואָס די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי ווערט איצט אַלץ מער אָרגאַניש און סינטעטיש. איך וועל מוחל זיין טויזנט שענסטע פּראָגראַמען אין דער וועלט פאַר איין איינציקער פּראַקטיק אַזאַ, ווי מיר האָבן געפירט אין די לעצטע צוויי יאָרן.

פונקט צוויי. איך בין איינפאַרשטאַנען מיט חבר קענדזשערסקי, אַז אונזער פּאַרטיי דאָ אין לאַנד האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק ניט גע־טריבן קיין אויסגעהאַלטענע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, און דערמיט האָט זי פאַר זיך שווער געמאַכט דעם צוטריט צו דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. איך בין אין דעם פונקט נאָך פיל „ראַדיקאַלער" פאַר חבר קענדזשערסקי. איך האַלט, אַז מיר האָבן גאָרניט צו טאָן ביי די בירגערלאַכע ציוניסטן מיט זייער אָרגאַניזאַציע; איך האַלט, אַז דער בירגערלאַכער ציוניזם איז אינגאַנצן באַנקראָט אין דער אידישער פּאָליטיק און, וואָס דער ציוניזם האָט פאַרפעלט דאַרף ערשט דער פּועלי־ציוניזם אַליין ממלא זיין. איך בין אפילו געגן דער באַטייליקונג אין ציוניסטישן קאָנגרעס, בשעת חבר קענדזשערסקי איז פאַר דעם אַנטייל אין קאָנגרעס. נאָר ערשטנס, ווייל איך זיין אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי־חבר און פּינקטלאַך אויספאָלגן אַלע פּאַרטיי־באַשלוסן, ווען איך בין אפילו מיט זיי ניט איינפאַרשטאַנען, דאַרים נעם איך אַ שקל און שטיץ דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אַזוי לאַנג ווי די פּאַרטיי פאַרלאַנגט ניט פון מיר צו אַגיטירן קעגן מיין געווויסן. קיין עפנטלאַכן ליגן קעגן מיין געוויסן וועל איך ניט זאָגן, אפילו ווען די פּאַרטיי זאָל דאָס ברויכן (אגב, איז דאָס לעצטע געווען איינע פון די סבות פון מיין אָפּאָזיציע פאַר־אַ־יאָרן). און צווייטנס, איז חבר קענדזשערסקי אַבסאָלוט אומגערעכט, ווען ער וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר זיינען גלייכגילטיק צו דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און „האָבן זיך נאָך ניט פּרובירט פאַר־בינדן מיט דעם פּראַקטישן אַרבעטער־קאַמף". אדרבא, פאַרקערט, ווער האָט עס נאָך אַזויפיל „געפּרובירט". ווי מיר, — נאָר פּרוביר היינט, פּרוביר מאָרגן, אַז די „געגנאָסן" זיצן פעסט אין זאָטל ווי כשר׳ע שומרים פון דער מאַשין, און פאַרהאַקן פאַר אונז די טירן, וואו מיר טוען זיך נאָר אַ קער.

מיר זעען, אַלזאָ, ווען חבר קענדזשערסקי זאָגט שוין אַרויס אַ ריכטיקן געדאַנק, איז דאָס אויך נאָר אויף אַ העלפט, און די צווייטע העלפט גיט ער צו פון זיך — און פאַלט אַריין אין אַ טעות. נאָך ערגער איז אָבער מיט אַלע אַנדערע געדאַנקען זיינע, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין די

אַרטיקלען: דאָ ווערט ער שוין פּשוט ניט אויסצוהאַלטן.

וואָס איז דאָס, ווען אַ חבר שרייבט, אַז ביי די היגע פּועלי־ציון איז „דער גאַנצער ציוניזם ניט מער, ווי אַ קאָמערציעלער פּלאַן. זיי גלויבן, אַז דער ציוניזם וועט אויסגעפירט ווערן ווען פּאַלעסטינע וועט אָפּגעקויפט ווערן פון אירע איצטיקע באַזיצער... די אידן־פראַגע איז ביי זיי אַ געלט־פראַגע, ניט קיין מענטשן־פראַגע“? אַפילו צום ערגסטן קעגנער דאַרף מען דאָך זיין אָביעקטיוו, בפרט נאָך צו אייגענע חברים. ווען האָבן די היגע פּועלי־ציון אַזוינס געטראַכט, געזאָגט אָדער כאָטש געטאָן אין אַזאַ קאָמער־ציעלן גייסט? איך קריטיקיר אויך די באַציאונגען פון דער היגער פּאַרטיי צום ציוניזם, איך האַלט די באַציאונג אירע פאַר ניט ריכטיק. אָבער לייטיש, אידעאַליסטיש, און סאָציאַליסטיש איז דאָך אונזער פּאַרטיי; יעדנפאַלס, ניט קרעמעריש, ניט קאָמערציאַנטיש. איך האָב קריטיקירט די פּאַרטיי (אין דער „פרייער ארבעטער שטימע“), וואָס זי שטרעבט אריינ־צוטראָגן דעם סאָציאַלן גייסט אין דעם בירגערלאַכן ציוניזם. איך מיין, עס איז אוממעגלאַך, אַז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, און שעדלאַך דערצו, ווייל דורך דעם ווערט נאָר אַריינגעטראָגן דער בירגערלאַכער גייסט אין פּראָלעטאַרישן ציוניזם. דאָס איז אַ פראַגע פון פּרינציפּ, חבר קענ־דזשערסקי, אָבער ניט פון קראָם, ווי איר האָט עס פאַרשטאַנען. דאָס איז אַ פראַגע פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק, וואָס קען זיין ריכטיק אָדער פאַלש, נאָר קען ניט זיין סוחר׳יש.

אומגערעכט איז אויך קענדזשערסקי׳ס פאַרוואורף, אַז ביי די היגע חברים „גלויבט מען ניט, אַז דאָ, אין גלות, האָבן מיר אויך אַ נאַציאָנאַלע צוקונפט, מען גלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז דאָ נאַציאָנאַל פאַרשווינדן.“ איך גיב צו, צווישן אונזערע חברים זיינען פאַראַן אייניקע אַזוינע, וואָס באַציען זיך פּעסימיסטיש צום גלות און צו אונזערע גלות־פאָדערונגען. נאָר, איך פאַרשפּאָר צו באַטאָנען, אַז די מאָטיוון זייערע, פון די אייניקע חברים, זייערע אידעאַליסטישע מאָטיוון. זייער ליידנשאַפט צו זען אונזער פאָלק געזונט, נאָרמאַל און שעפעריש, — אָט די מאָטיוון זיינען טויזנט מאָל העכער פאַר קענדזשערסקי׳ס קליינלאַכער קריטיק, וועלכער טשעפּעט זיך צום אויסדרוק, און מיידט אוים די נשמה. און דער עיקר: די פּאַרטיי, אַלס גאַנצע, נעמט אויף די גלות־אַרבעט מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם, זי איז דאָך די שטאַרקסטע און קאָנסעקוועטנטסטע קעמפּעריו פאַר דער נאַציאָנאַלער אידישער צוקונפט אין אַלע לענדער.

קענדזשערסקי טשעפּעט זיך צום אויסדרוק „אמת׳עם פאָלק“, „אמת׳ע פּראָלעטאַריער“. נאָר, רבונו דעלמא כולה, ווי מעג מען זיך אַזוי לייכטזיניק שפּילן אין ווערטער? די פּאַרטיי אַנערקענט דאָס אידיש פאָלק פאַר אַן אמת פאָלק, ניט פאַר קיין „גרופּע“ רחמנא לצלן, ווי קענדזשערסקי׳ס פאַרערטע „געגנאָסן“: דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אַנערקענט זי פאַר אַן אמת׳ן רעוואָלוציאָנערן קלאַס, ניט פאַר קיין בינטל־„משה׳ן“, ווי די זעלביקע געגנאָסן. אלא וואָס, די פּאַרטיי זאָגט, אונזער פאָלק איז ניט

נאָרמאַל, אונזער ארבעטער־קלאַס ניט נאָרמאַל, — איז אדרבא, אפשר וועט זיך קענדזשערסקי שטעלן קעגן דעם ? אפשר ווייל ער האָבן, אַז מיר זיינען יאָ אַ נאָרמאַלעם פאָלק מיט אַ נאָרמאַלער סאָציאַלער סטרוקטור, מיט אַ נאָרמאַלן פראָלעטאריאַט, — וואוהין־זשע איז אהינגעקומען קענ־דזשערסקי'ס ציוניזם, הויב איך ניט אָן צו פארשטיין !

איך וויל מער ניט מאריך זיין. בלויז אַ פּאָר באַמערקונגען. ווען חבר קענדזשערסקי דערציילט אונז, „די ארבעטער־באַוועגונג ביי אַלע פעלקער (??—ב. ב.) האָט אין די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט אַזעלכע ראַדיקאַלע ענדערונגען, וועלכע האָבן געביטן איר גאַנצן כאַראַקטער“, — איז דאָס אַ בלויזער פּראָדוקט פון זיין פאַנטאַזיע. וואו, ביי וועלכע פעלקער, אויסער דעם סינדיקאַליזם און אַ קליינעם טייל פראַנצויזישע און איטאַ־ליענישע סאָציאַליסטן, האָט די ארבעטער־באַוועגונג געביטן איר טעאָריע, איר פראַקטיק און איר אָרגאַניזאַציע ? טאָקע וואו ? אין דייטשלאַנד אפשר ? אין רוסלאַנד ? אין אַמעריקע ?

איך חזר איבער, — איך בין ניט צופרידן מיט אַ סך זייטן פון אונזער היגער פראָגראַם און טאַקטיק. נאָר אויב באַשולדיקן, דאַרף מען ארויס־ברענגען עפּעס פראַקטישעס, און ניט פאַנטאַסטישע באַשולדיקונגען. און טאָ־מער באַשולדיקט מען שוין יאָ, דאַרף מען צייגן אַן אַנדערן, אַ בעסערן וועג. דאָס האָט קענדזשערסקי ניט געטאָן : צוגעזאָגט האָט ער אונז עפּעס אַ גוואַלדיקע „איבערבויאונג פון אונזער גאַנצער פּארטיי... און איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן“, אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז.

ווען חבר קענדזשערסקי וואָלט קריטיקירט די אָרגאַניזאַציע פון דער פּארטיי, אָדער איר פּאָליטיק אין היינטיקן מאָמענט, וואָלט עס געווען אין פּלאַץ, ווייל דיזע פראַגן זיינען איצט אַקטועל און שטייען אין סדר־היום. נאָר קריטיקירן טעאָרעטישע פּרינציפּן פון דער פּארטיי — היינט, אין אַזאַ אַנגעשטרענגטער פראַקטישער צייט, הייסט עס פּשוט, שטויסן וואַסער... אַ שעדלאַכע באַשעפטיקונג !

(„איד. קעמפער“, 15טן סעפּטעמבער, 1916.)

# פון באָסטאָן ביז פילאַדעלפיע

(צו דער קומענדער ציוניסטישער קאָנוועגשאָן)

די באַלדיקע ניינצענטע יערלאַכע קאָנוועגשאָן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פילאַדעלפיע וועט, וואַרשיינלאַך, טראָגן אַ מער געשעפטס־מעסיקן און פּראַקטישן כאַראַקטער, איידער די פאָראַיאָריקע קאָנוועגשאָן אין באָסטאָן. אַ סך סמנים ריידן דערפאַר, אַז דער ענטוזיאַזם פון פאָראַיאָרן, די קאָלאָסאַל־געהויבענע שטימונג פון יענער קאָנוועגשאָן — וועלן זיך דאָס מאָל ניט איבער׳חזר׳ן. דער ציוניסטישער עולם פאָדערט איצט פּראַקטישע מעשים און לעבנס־פעיאיקע באַשלוסן, — דערפון נעמט זיך, מסתמא, די מערקווירדיקע קאַלטקייט, וואָס הערשט אין די היגע ציוני־סטישע קרייזן פאַר דער קאָנוועגשאָן.

ווי־ווער, מיר זעען דערין אַ גינציקן סימן. די התלהבות פון פאָראַיאָרן איז געווען אין פּלאַץ, ווען דער היגער ציוניזם האָט אָפּגעריסן מיט זיין פּאַסיווער, אומבאַדייטנדער פּאַרגאַנגענהייט און האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ מאַכט. כדי צו פאַרשטיין יענע התפעלות, דאַרפן מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער געשיכטע פון ציוניזם אין אַמעריקע. ביז מיט עטלאַכע יאָר צוריק איז נאָך די אידישע באַפעלקערונג פון דעם לאַנד באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון אַרבעטער־אימיגראַנטן, קיין אידישע בורזשואזיע האָט נאָך אַזוי גוט ווי ניט עקזיסטירט; מיר מיינען די איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים, וואָס זאָלן זיך האָבן דערשלאָגן צו אַ מער־וויניקער געזיכערטער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. די צאָל ביזנעסלייט איז געווען באַשרענקט, און דער אידישער באַלעבאָס האָט זיך נאָך געפילט הענגענדיק אין דער לופט. אויף אַזאַ באָדן האָט זיך דער אַלגעמיינער ציוניזם ניט געקאָנט פאַנאַנדערבליען.

דער קנאָפּער מיטלקלאַס ביי אידן, די אומבאַדייטנדע „אינטעליגענץ“ פון יענער צייט איז איינפאַך בטל בששים געוואָרן צווישן דיביידע הערשנדע כחות אין דער היגער אידישער באַפעלקערונג: פון איין זייט די אַנטי־נאַציאָנאַלע און ספּעציעל אַנטי־אידישע „ראַדיקאַלאַכץ“, וואָס האָט זעלבסטהערשעריש געבאַלעבאַטעוועט איבער די אַרבעטער־מאַסן, און פון דער צווייטער זייט די ניט־וויניקער אַסימילאַטאָרישע און אַנטי־אידישע יאהודים. די עם־האַרצ׳ישע „ראַדיקאַלעכץ“ און דער פילאַנ־טראָפּישער „אַמעריקאַניזם“ — צווישן אָט־די ביידע זומפּן האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט דער אָקאָרשט אויפגעקומענער אידישער ביזנעסמאַן. ריידנ־

דיק הויד־לשון, באַדאַרף מען זאָגן, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז נאָך ניט געווען גענוג דיפערענצירט אין זיין סאָציאַלער סטרוקטור, כדי דער בירגערלאַכער ציוניזם זאָל דאָ באַקומען אַ מערקלאַכן קיום.

דער איינציקער מין פון ציוניזם, פאַר וועלכן דער באָדן איז געווען מער־וויניקער צוגעפאַסט, איז דער פּראָלעטאַרישער, די פּועלי־ציון. די היגע פּועלי־ציון האָבן פאַרטיפט, אויפגעקלערט און געלייטערט דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט פונ׳ם אידישן אַרבעטער, זיי האָבן געקעמפט צו באַפרייען אים פון „ראַדיקאַל־קאָסמאָפּאָליטישן" גלות, ד. ה., פון עם־הארצות און הפקרות, פונ׳ם געלן, קאַזיאָנעם, געדאַנקענלאָזן בויך־און געשלעכטס־„סאָציאַליזם".

אַזוי לאַנג ווי דער אידישער באַלעבאָס איז געווען פאַרוואָגלט צווישן דער ראַדיקאַלעכץ און אַמעריקאַניזאַציע, איז ער געווען אָדער סתם אַן „אָלרייטניק", אָדער ער האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט רעשטלאָך און ברעקלאָך פון זיין אַמאָליקער ראַדיקאַלעכץ. ווען ער האָט נאָך אַליין געשקלאָפט אין שאַפּ, האָבן די פירער געפיטערט זיין מח מיט „אידעען" פון קאָסמאָפּאָליטיזם און שנאה צו אַלץ, וואָס טראָגט אַ אידישן נאָמען. זיי האָבן אהין אפילו נאָך איינגעפלאַנצט קערנדלאָך פון ליבע — צום סאָציאַליזם, צו געזעלשאַפטלאַכן יושר. נאָר, ווי דער שטייגער, ווענדן זיך אויס די עלעמענטן פון ליבע אַ סך שנעלער, ווי די עלעמנטן פון שנאה: דער האָס האָט פעסטערע נעגל. איז דער אויפגעקומענער ביזנעס־מאַן געבליבן ביי זיין פאַראַכטונג צו אידישקייט ביי זיין הפקרות צו אַלע אידעאַלן, ביי זיין בטול און שונד־סקעפּטיציזם צו אַלע „באַוועגאַכצן": און זיין איינציקער אידעאַל איז געוואָרן: „אָל־רייט".

פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר האָט זיך די לאַגע באַדייטנד געענדערט: ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ צאָלרייכער מיטלקלאַס ביי אידן, ער האָט זיך דערפילט מער זעלבסשטענדיק: זיין „איך" האָט זיך גענומען אַרויסשיילן פון די פרעמדע שאָלאַכצן. אַנגעזעטיקט אַביסל זיין אויסגעהונגערטן גוף, וואָס איז אין די מאָגערע צייטן געלעגן צוואַנציק קלאַפטער אין דער אדמה, האָט זיך געמוזט סוף־כל־סוף דערוועקן אויך דער גייסט. דער אידישער ביזנעסמאַן קומט צו זיך און ווערט אַ מענטש. ער דערשפּירט זיין „איך" — זיין פערזענלאַכקייט, זיין סאָציאַלע שטעלונג, זיין מאַכט אין דער געזעלשאַפט און — זיין נאַציאָנאַלן, זיין אידישן „איך".

ביסלאַכווייז איז אָט־די לייטערונג פון אונזער מיטלקלאַס אָנגעגאַנגען נאָך פאַר דער מלחמה, נאָר די לעצטע האָט אים געגעבן אַ מעכטיקן שטויס. אַזוי, אַז מיר האָבן זיך מיט פאַרוואונדערונג אַרומגעקוקט, ווי פאַר אונזערע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ נייער אידישער קלאַס, אַ נייער כח אין לאַנד, אַ נייער טרעגער פאַר נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

ערב דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט זיך דער נס אַנטפּלעקט פאַר דער אידישער וועלט: די קאָנגרעס־באַוועגונג, די קאָנווענשאָנס פון די

אָרדערס אָן פּעדערײשאַנס, װעלכע האָבן מיט ענטוזיאַזם אָנגענומען דעם באַזעלער פּראָגראַם און אינדאָרסירט דעם שקל מיט׳ן נאַציאָנאַל־פאָנד. דער אַלגעמײנער ציוניזם איז געװען אין׳ם האָניק־חודש פון זײן צוזאַמענ־לעבן מיט אַמעריקע, און דערפון — די מעכטיקע, װאַלקאַנאַנשפּאַרנדיקע התלהבות פון פּאָראַיאָרן. װי דער מנהג אין אַמעריקע, האָט זיך אויך יענע שמחה, יענע יום־טוב׳דיקײט אויך געמוזט קאָנצענטרירן אַרום אַ פּערזאָן, און די פּערזאָן האָט זיך געפונען — לואיס ד. בראַנדײס. ניט די פּערזאָנען מאַכן געשיכטע און ניט זײ ברענגען אַרויס די באַװעגונג, נאָר די לעצטע זאַמלט זיך אַרום זײ, זי מאַכט זײער נאָמען פאַר אַ פאָן און פאַר אַ שבועה. אַזױ איז דאָס אומעטום, באַזונדערס מיט די בירגערלאַכע באַװעגונגען, און ספּעציעל, טאָקע מער װי אומעטום, איז דאָס אין אַמע־ריקע. בכן האָט זיך אַרום בראַנדײס׳עס פּערזאָן אױפגעזאַמלט דער גאַנ־צער ענטוזיאַזם פון דער יונגער דערפאָלגרײכער ציוניסטישער באַװעגונג.

נאָר מיט ענטוזיאַזם אַלײן װערן קײן באַװעגונגען ניט געמאַכט, די התלהבות מוז זיך אױסװעפן, און אױב די באַװעגונג האָט אַ זכות הקיום, מוז זי אַרונטערשטײגן צו ניכטערער פּראַקטיק. דער יום־טוב גײט פאַריבער, אינדערװאָכנס מוז מען אַ ר ב ע ט ן. דער בירגערלאַכער ציוניזם דאַרף אַצינד פאַרװערטן און רעאַליזירן דעם אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל פון דער ציוניסטישער שטימונג אין פאָלק, ער מוז אינװעסטירן דעם קאַפּיטאַל אין פּראַקטישע אונטערנעמונגען. דאָס דאַרף טאָן די קומענדיקע קאָנװענשאָן אין פילאַדעלפיע.

פאַר דער באָסטאָנער קאָנװענשאָן האָבן די היגע ציוניסטן קײן פירער ניט געהאַט, װײל ס׳איז קײן ריכטיקע באַװעגונג נאָך ניט געװען. ניט לאַנג פאַר יענער קאָנװענשאָן זײנען נײע פירער צוגעקומען: בראַנדײס, שמריהו לעװין און פיל אַנדערע. די אַנטפּלעקונג פון נײע פירער האָט אויך בײגעטראָגן צו דעם גרויסן ענטוזיאַזם אין באָסטאָן. די הײנטיקע קאָנװענשאָן מוז שאַפן ענגערע פאַרבינדונגען און אַ נאָענטערע פאַר־שטענדעניש צװישן די פירער און דער באַװעגונג, צװישן דער באַװעגונג און דעם גאַנצן אידישן מיטלקלאַס.

דער שרײבער פון אָט־די שורות געהערט צו אַן אַנדער קלאַסן־באַװע־גונג, צו דער פּראָלעטאַרישער. ער קען די שװאַכקײטן פון׳ם מיטלקלאַס בכלל און פון׳ם אידישן בפרט. דערפאַר שטעלט ער ניט צו דער אַלגעמײנ־ציוניסטישער באַװעגונג קײן שום איבערטריבענע פאָדערונגען און לײגט אויף איר ניט קײן צו־גרויסע האָפנונגען. מיר רײדן זיך ניט אײן, אַז דער מיטלקלאַס קען דורכגעדרונגען װערן מיט׳ן סאָציאַלן גײסט, מיט דער ענערגיע פון „אַקטיװיזם“. פאַר אונז װעט זײן גענוג, אױב די פילאַ־דעלפיער קאָנװענשאָן װעט געפינען אין זיך גענוג ניכטערקײט צו פאַר־װערטן און פאַרמערן דעם נאַציאָנאַל־אידעאַלן קאַפּיטאַל, װאָס זי האָט באַקומען בירושה פון באָסטאָן. מיט אָט־דעם װאונש שיקן מיר אַ האַרציקע באַגריסונג צו דער קאָנװענשאָן. („װאַרהײט“, 29טן יוני, 1916.)

# וויכטיקע טעות׳ן

| זייט | שורה | | אַנשטאָט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|---|
| 10 | 16 | פון אויבן | אויבן־בנין | אויבער־בנין |
| 38 | 8 | " " | זיי | זי |
| 55 | 16 | " " | פאַרגעקומענע | פאַרקומענדע |
| 65 | 9 | " " | די | דעם |
| 74 | 1 | פון אונטן | אַריבערגעטראָגן אַלס לעצטע שורה אויף זייט 112 | |
| 75 | | | טאַבעלע, לעצטע שורה, צווייטער קאָלום לינקס | 844 |
| 81 | 18 | פון אויבן | אַרויסגעוואָרפן): | אַרויסגעוואָרפן): (זע טאַבעלע זייט 82) |
| 87 | 3 | " " | 1,8% | 0,8% |
| 103 | 13 | " " | רוח | ריוח |
| 112 | | | | זע קאָרעקטור זייט 74 |
| 120 | 8 | פון אונטן | אַנגעגרייט | אַנגעדייט |
| 138 | 18 | " " | וואָלט זיין אַ ברעקל קאָנסעקווענטער | „דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס־ |
| 149 | 3 | " " | ער | ז י |
| 162 | 1 | פון אויבן | | אויסמעקן |
| 169 | 8 | פון אונטן | אינטערגראל | אינטעגראַל |
| 175 | 2 | פון אויבן | אַזוי | אַ ז ו י |
| 188 | 9 | " " | (זייט 273-203) | (274-204) |
| " | 6 | פון אונטן | שוין דאָ | שוין |
| " | 5 | " " | ווערטער | ערטער |
| 192 | 9 | פון אויבן | סקאראם | סקאַדאם |
| 227 | 17 | " " | רעכט און דער קאַמף פאַר רעכט | די אידישע רעכט־לאַגע אין עסטרייך |
| 235 | 18 | " " | באַשטימט | באַשטעטיקט |
| 238 | 9 | פון אונטן | אָביעקטיוועס | זאַכלאַכעס |
| 243 | 9 | " " | (אָביעקטיווע) | (סוביעקטיווע) |